STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09154

GEZAMLTE SHRIFTN

Joseph Ehrlich

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף ערליך

אויף אייגנס

Donated by:

Mr. & Mrs. N. Knobel
00 Antibes Drive, apt. 1106
Willowdale, Ontario
Canada M2R 3N1

יוסף ערליך

אויף אייגנס

געזאַמלטע שריפטן

באַנד 4

פאַרלאַג המנורה

תל־אביב תשמ״ב

JOSEPH ERLICH

ON MY OWN

פאַרלאַג „המנורה", עין־ורד 6, תל־אביב
יוסף ערליך / אויף אייגנס

"Hamenora" Publishing House
6, Ein Vered St., Tel-Aviv, Israel

©
Copyright by Joseph Erlich
All rights reserved

Printed in Israel 1982
נדפס בישראל תשמ"ב

סידור והדפסה: דפוס משה חמיאל
יצחק שדה 34, תל־אביב, טל. 330555 - (03)

מיין מוטער חיה
און פֿאָטער חיים, ז״ל

ביז דעם לעצטן

די גאַסן זענען שמאָל, די הײַזער נידעריקע, קלײנע און צונויפגעפּרעסט. זײערע אײַנוווינער זענען אָרעם. „עין יעקב" איז אַ שטאָט־פּעריפעריע. יעדן אין דער פרי פירט אַן אויטאָבוס די מענטשן פון „עין יעקב" אין שטאָט אַרײַן צו דער אַרבעט. פאַר נאַכט ברענגט ער זײ צוריק אַהײם. נאָר מוצאי־שבת, אויס־גערוטע נאָך דער וואָך אַרבעט, פאָרט די יוגנט אין דעם אויטאָבוס פאַרברענגען אין שטאָט.

דאָ אין דער שכונה איז דער שטח אַן אָפענער, און די ווינטן ווײען פרײ. נאָר די גאַסן אין דער שכונה זענען שמאָלע, ענגע און אָן אַ שטיקל גרינס. די גאַסן אין שטאָט זענען ברײטע און אָפענע. דערפאַר ציען דער יוגנט אין דער שכונה די ברײטע גאַסן אין שטאָט. אַפילו מוצאי־שבת, ווען מען מוז זיך אין זײ דרענגען.

די אײן־ און צווײ־שטאָקיקע קלײנע הײַזער שטײען צונויפגעדריקט. זײערע ווענט זענען אָפּגעדעקט, נאַקעט. ווו נישט ווו פאַר אַ פענצטער שטאַרט אַ פאַר־קריפּלטער קוסט. די מענטשן אין דער שכונה, אַלט און יונג, פירן דאָ זײער לעבנס־שטײגער. אײנער קען דעם אַנדערן, אויף די גאַסן און נישט פאַרבויטע פּלעצער שפּילן זיך די קינדער. פאַר נאַכט, נאָך דער אַרבעט זיצן די דערוואַקסענע פאַר די טירן, צעקנעפּלט און צעשפּיליעט און רוען. ווינטער קוקן זײ אַרויס פון די פענצטער. זײ זיצן מיט טעפּלעך טײ אויף דער שויס, זופּן בנעימותדיק די טײ און קוקן אַרײַן צום שכן, זען וואָס דאָרט קומט פאָר.

אין דער שכונה זענען פאַראַן נאָר זיבן זאַסן. אַלע אײַנוווינער זענען וותיקים, דערפאַר דאַרף מען זיך נישט וווּנדערן וואָס אַלע ווײסן ווער עס אַרבעט און ווער עס איז אַרבעטלאָז. טאָמער קומט אַ גאַסט אין דער שכונה ווײסט באַלד יעדער צו וועמען ער איז געקומען. אַלע ווײסן ווער עס איז קראַנק געוואָרן און וועמען מען האָט גענומען אין שפּיטאָל אַרײַן.

דער אינפאָרמאַציע־צענטער אין דער שכונה איז ריוועס קראָם. די נידעריקע, דאַרע פרוי טוט נישט אויס אַ גאַנץ יאָר, סײ זומער און סײ ווינטער, די טונקעלע, ברײט־געשטרײפטע זאָקן און נעמט נישט אַראָפּ פון די פיס אירע טיפע, הילצערנע לאַטשן. זי שטעלט נישט די פיס, נאָר שאַרט זײ. זי האָט זיך קײן מאָל נישט געוואָנדן צו די ווײַבער, וואָס זענען געקומען צו איר אין קראָם, זײ געפרעגט וואָס עס הערט זיך. זי האָט זײ באַלד געזאָגט: — עס הערט זיך! — דערבײ ווערט איר שפּיציקע נאָז נאָך שפּיציקער. איר קלײנע גאָמבע, וואָס איז באַוואַקסן מיט עטלעכע זילבערנע האָר, ווערט נאָך קלענער.

אויך רחלען קענען אַלע. זי אַרבעט ביי ריוון אין קראָם. רחל איז געווען אַ יתומה, נישט געהאַט קיין טאַטן. איר מוטער האָט זיך קוים דערוואָרט זי זאָל ענדיקן די פאָלקסשול און זי געשיקט אַרבעטן צו ריוון אין קראָם. זי איז הויך, שלאַנק און גוט געבויט. צוויי געזונטע מענער־האַנטפלאַכן קאָנען אַרומנעמען איר טאַליע. זי האָט הויכע פיס און שמאָלע, קיילעכיקע ווי אויסגעשניצטע אָרעמס, שיינע שטיפע ברוסטן און אַ קליין מויל. איר פּנים איז פול און אָוואַל, איר נעזל איז פאַרריסן און באַדעקט מיט זומער־שפּרענקעלעך. איר פּנים האָט אַ חוצפּהדיק אויסזען. אירע האָר זענען קאַשטאַן־רויט, פאַרפלאָכטן אין אַ צאָפּ און איבערגע־לייגט איבערן קאָפּ ווי אַ קראַנץ.

ריווע איז געקומען אין לאַנד אַריין אַ גרושה. דער מאַן האָט זי אָפּגעגט, ווייל זי איז געווען אַן עקרה. ריווע האָט זיך באַנומען צו רחלען ווי צו אַ טאָכטער. זי האָט געמעגט צוגיין צו ריוועס שופלעדל מיט געלט. זי איז אויך געווען אַ פּעיִקע פאַרקויפערין און ריוועס רעכטע האַנט. פּאַקטיש האָט רחל געפירט די קראָם, באַדינט די קונים. זי האָט אויך געגעסן ביי ריוון. זי האָט געוואָלט רחל זאָל אויך ביי איר וווינען, נאָר רחל האָט נישט געוואָלט. זי האָט גענוג געהאַט די היים פון איר אויסגעאַרבעטע מאַמע.

רחל איז אויסגעוואַקסן אין דער שכונה. איר שטייגער־לעבן איז געווען ווי ביי די אַלע מענטשן, וואָס לעבן אין די נידעריקע, שמאָלע הייזלעך און די זיבן געסלעך. רחל מיט דער מוטער האָבן נישט געוווינט אין אַ הויז, נאָר אין אַן אַלטן באַראַק ביי יעקב רימער אין הויף. דער קאַראַמיטענער דאַך איז געלעגן אויפן באַראַק אַזוי שיף, ווי ער זאָל יעדע רגע זיך אַראָפּגליטשן אויף דער ערד. די ווענט פון דרויסן זענען געווען שוואַרץ פון אַלטקייט. אַמאָל האָט אין הויז געוווינט דער בעל־הבית אַליין, ביז ער האָט זיך אויסגעבויט זיין שטאָקיק הויז אין פראָנט. רחלס און דער מוטערס צימער איז געווען גרויס און נידעריק, מיט איין פענצטער, נאָר אין צימער איז שטענדיק געווען האַלב טונקל. דער דיק אָנגעלייגטער אויף די ווענט קאַלך, האָט זיך געשיילט. די מוטער האָט אַליין פאַרריבן די ווענט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי נישט־פאַרהיילטע ווונדן, פון וועלכע מען האָט אַראָפּגע־ריסן ס׳גרינדל. די אַריינגאַנג־טיר איז געווען גלייך פון הויף אָן אַ פאָדערהויז.

אין צימער האָט געהערשט אָרעמקייט, דאָס צימער האָט געדינט פאַר אַלעם. אין אים האָבן זיי געקאָכט, געגעסן און געשלאָפן. ביים אַריינגאַנג האָט זיך געפונען דער וואַסערקראַן מיט אַן עמער אונטער אים. אין דער זייט איז געשטאַנען: אַ שמאָל טישל מיט אַ קאָך־מאַשינקע, צוויי אייזערנע בעטלעך, אַ הילצערנער נישט געפאַרבטער טיש, צוויי טאַבורעטעלעך און אַ קליין ברוין שענקל.

מלכה, די מוטער, איז געווען אַ הויכע ברייטבייניקע פרוי. ווייזט אויס אַז אַמאָל איז זי אויך געווען דיק. איצט איז איר פּנים צעקנייטשט. אירע פינגער רויט און דיק און אָנגעשוואָלן פון דער שווערער אַרבעט. זי האָט ביים שוחט אין דער שכונה געפּליקט פעדערן. יעדן פרימאָרגן איז זי אַוועק צו דער אַרבעט אָנגעטאָן אין אַ לאַנג ביז די קנעכל קלייד און אויף די פיס אַרבעטס־שיך וואָס זענען געווען

אויסגעשמירט און דורכגעזאַפּט מיט פּאַרטריקנט בלוט. צו אירע זוילן זענען געווען צוגעקלעפּט הויפנס פּעדערן. אירע טריט זענען געווען לייכטע און שטילע.

די מענטשן אין דער שכונה האָבן זי געשעצט. די איינגעזעסענע אין דער שכונה תושבים, האָבן געדענקט איר מאַן — מרדכי דעם סטאָלער און אויך געדענקט, אַז זי האָט געפירט אַמאָל אַ הויז ווי די רעשט משפחות אין דער שכונה. זיי האָבן דעמאָלט געוווינט אויפן ערשטן שטאָק. דעם ווערקשטעל האָט ער געהאַט אין שטאָט. ער איז געשטאָרבן אין „הדסה" פון אַ לונגען־אָנצינדונג. מלכה איז געבליבן אַן עלנטע אלמנה מיט אַ צוויי־יאָריקער טאָכטער. די שכנים האָבן זיך באַמיט מיט איר נישט צו טרעפן: ווער צוליב איר „הולך" און ווער כדי נישט זען איר צער. אָבער רחלען, איר שיינע טאָכטער, האָבן אַלע באַוווּנדערט. נישט איין מאַמע האָט אָנקוקנדיק זי אַ זאָג געטאָן: „אַ שיינהייט". בחורים אין דער שכונה האָבן איר נאָכגעקוקט און אַפילו אַריינגעגאַנגען צו ריוון אין קראָם עפּעס קויפן; אַ שאַכטל סיגאַרן, אָדער אַ פלעשל סאָדע־וואַסער, נאָר אין אמתן געוואָלט שמועסן מיטן שיינעם מיידל, וואָס האָט יעדן פון זיי געענטפערט און אירע גרויסע גרויע גלימערנדיקע אויגן האָבן גוטמוטיק באַטראַכט יעדן בחור. ריווע אָבער, ווי נאָר זי האָט באַמערקט, אַז רחל רעדט מיט אַ בחור, האָט זי זי גערופן: — רחל, זע צי עס זענען פאַראַן גענוג ליכט! אָדער, — רחל, קוק צי די מאַרגאַרין איז נישט ווייך געוואָרן.

דאָס וואָס עס איז אָבער נישט געלונגען די בחורים, איז געלונגען אפרימען דעם שכנס זון פון איבערן פּלויט. דער הויף פון זיינע עלטערנס נידעריקן און קליינעם איינשטאָקיקן הויז, האָט זיך געגרענעצט מיטן הויף, וווּ עס איז געשטאַנען דער אלמנהס באַראַק. דאָס הויז פון אפרימס עלטערן איז געווען אַ בעל־הביתישע שטוב. צוויי צימערן מיט אַ פּאָרנירטע שאַנק, אַ בופעט און אַן אַרויסרוק־טיש מיט געבעטע בענקלעך. די בעטן־קעפּ זענען געווען געניקלט. אין עסשטוב איז געשטאַנען אַ ראַדיאָ־פּאַטעפאָן.

סימאָן, אפרימס טאַטע, אַ נידעריקער, דאַרער ייִד מיט גרויע שלייפן, איז געווען דער קוכער אין רעסטאָראַן „פּראַנסיס". זשאַנעט, זיין ווייב, איז געווען הויך, דיק און ברוינלעך און געזאָרגט פאַר סדר און ריינקייט.

סימאָן, איר מאַן, האָט גייענדיק צו דער אַרבעט איינגעקויפט. קומענדיק אין שטוב האָט ער געקאָכט. אפרים, זייער זון, איז נאָר וואָס געקומען פון מיליטער. ער איז פון פאַך געווען אַ שלאָסער. דער פאָטער האָט געוואָלט אַז אויך ער זאָל ווערן אַ קוכער, נאָר די מוטער איז געשטאַנען דערויף, אַז ער זאָל זיין אַ פאַכמאַן פאַר זיך.

אפרים איז געווען נידעריק ווי דער פאָטער און באַלייבט ווי די מוטער. זיין טשופּרינע איז שוואַרץ און געדיכט. זיינע אויגן זענען מאַט, ווי פאַרלאָפן. אינעם טאָג ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון מיליטער האָט ער באַמערקט רחלען און פון דעמאָלט אָן פאַרהאַלט ער זיך אַ סך מאָל, קוקט איר נאָך באַהאַלטענערהייט

פון אונטער אַ בוים, אָדער אַ הויז־ווינקל. ער האָט שוין געוווּסט ווען זי גייט צו דער אַרבעט און ווען זי קומט צוריק.

אין אַן אָוונט איז רחל אַרויס פאַר דער טיר אַראָפּנעמען פון שטריק די פּאָר שטיקלעך וועש, וואָס זי האָט אין דער פרי איבערגעוואַשן. אפרים האָט זיך אָנגענומען מיט מוט. ער איז אָפּירגעגאַנגען פון אונטערן בוים און איר געזאָגט: „שלום, שכנה״.

רחל איז שטיין געבליבן מיט דער וועש אין האַנט און זיך אַרומגעקוקט. — שלום — האָט זי אים געענטפערט און זיך צעשמייכלט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיך — באַטראַכט איר אייגענע פיגור. אירע ברוסטן האָבן געשטאַרט ווי פּיקנדיקע זיך הערנער ביי אַ יונגן הירש. אירע אויגן האָבן געפינטלט. אפרים האָט אַוועקגעלייגט דעם שלויך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט. דאָס וואַסער איז ווייטער גערונען אינעם בוים־טעלער אַריין. ער איז צוגעגאַנגען און זיך אָנגעלענט אין פּלויט. רחל האָט באַשלאָסן זיך באַנעמען צו אים ווי אַ שכנה.

— ווי פילסטו זיך אין ציוויל? — האָט זי אים געפרעגט און פאַרוואָרפן איר קאָפּ, ווי זי זאָל וועלן אים ווייזן איר פאַרריסן נעזל.

— גוט, אָבער עס איז לאַנגווייליק — האָט ער איר געענטפערט, זי אָנגעקוקט מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק און מיט אַ פינגער איר אונטערגעהויבן די גאָמבע. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אַ שוויס האָט באַדעקט איר ליפּן־לעפּעלע. זי האָט צונויפגעדריקט די וועש, וואָס זי האָט געהאַלטן אין די הענט. — דו שעמסט דיך נישט? — האָט זי אים געפרעגט און זיך צעלאַכט.

אפרים האָט זיך פאַרלוירן, אָבער באַלד האָט ער דרייסט און אַנטשלאָסן געזאָגט:

— איך מוז מיר געפינען אַ בחורה.

— און ווער וועט זיין די בחורה? — האָט זי אַ צעשמייכלטע געפרעגט.

— דו! — האָט ער איר, ווי דרך־אַגב, געענטפערט.

רחל האָט אים אָנגעקוקט מיט אויסגעדענטע ליפּן. אירע גרויע, גלימערנדיקע אויגן זענען געווען גרויס. ער איז געשטאַנען און געוואַרט אויף אַן ענטפער, אָבער זעענדיק, אַז זי שוויגט האָט ער איר פאַרגעשלאָגן:

— קום אַרויס נאָכן עסן, וועלן מיר זיך אַדורכגיין.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיטן לינקן אויג פון דער זייט און געזאָגט:

— גוט — און אָן אומצוקוקן זיך, שנעל אַריין אין שטוב.

ווען רחל איז אַרויס אין גאַס איז שוין געווען פינצטער. זי איז געווען אָנגעטאָן אין איר שבתדיק גרוי, סיצן קליידל. ער האָט אויף איר שוין געוואַרט אונטערן ראָג הויז. ווי נאָר ער האָט זי דערזען האָט ער זי אַ רוף געטאָן:

— רחל!

זי איז צוגעגאַנגען צו אים.

זיי האָבן זיך נאָר באַגריסט, געזאָגט שלום.

ביידע האָבן גענומען גיין און אויסגעגליכן זייערע טריט. זיי זענען געגאַנגען

דורך די ליידיקע פלעצער. ביז זיי זענען צוגעקומען צום מוסלמענישן בית־הקברות האָבן זיי נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט. פלוצים האָט ער זי געפּרוּווט אַרומ־נעמען אין דער טאַליע. געשווינד און עלאַסטיש האָט זי זיך אויסגעדרייט פון אונ־טער זיינע אָרעמס.

— קום, מירן זיך אָוועקזעצן — האָט ער געזאָגט און זי אַ צי געטאָן אַהין ווו עס איז געלעגן אַ גרויסער שטיין. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט באַלד זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך. זיין גאָמבע האָט ער אָנגעלענט אויף איר אַקסל, זיינע ליפּן האָבן דערפילט די פליישיקייט פון אירע באַקן און ער האָט איר אַ קוש געטאָן.

איר האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן. עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם. זי האָט אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ ווי זי זאָל וועלן אים אָנלענען אויף זיין ברוסט. נאָר אין דער רגע האָט איר קערפּער אַ ציטער געטאָן. זי האָט פונאַנדערגעפּירט די הענט, זיך אַוועקגערוקט און באַפרייט פון זיינע אָרעמס. אפרים האָט שווער אָפּגעאָטעמט און פאַרמאַכט די אויגן. ווען ער האָט זיי געעפנט האָט ער געפרעגט זי:

— ווי פאַרברענגסטו?

— מען אַרבעט, מען עסט און מען שלאָפט.

— און וואָס נאָך?

זי האָט אַ וויג געטאָן איר אויבערשטן טייל קערפּער און צוגעגעבן:

— איך און מיין מאַמע אַרבעטן שווער. מער ווי דאָס קען איך נישט.

אפרים האָט זי צאַרט אַרומגענומען. זי האָט עס דערפילט און אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. זיי זענען געזעסן און ווי מורא געהאַט זיך אַ ריר טאָן. ער איז דאָך דער ערשטער קאַוואַלער, מיט וועלכן זי טרעפט זיך ביחידות. איר איז איצט גוט. זי איז געזעסן שטיל נאָר זיך נישט באַפרייט פון געדאַנק: מאָרגן דאַרף איך אויפשטיין פאַרטאָג.

אפרים האָט געביסן די ליפּן און געאָטעמט דורך דער נאָז. ער האָט געפילט די יאָדערדיקייט פון איר קערפּער. זיין בלוט האָט צירקולירט האַסטיק אָבער ער האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן.

— זי איז אַ יתומה, דאָס איז אונדזער ערשטע טרעפונג — האָט ער אָן אויפהער זיך איבערגעחזרט.

זיי זענען געזעסן אַזוי ביז דער נאַכטטוי איז געוואָרן געדיכט, די לופט כסדר קילער. זיי האָבן דערפילט די פייכטקייט. אַ קאַלטער שוידער האָט אַ טרייסל געטאָן אפרימען. — צייט צו גיין — האָט ער פויל געזאָגט.ביידע זענען אויפגעשטאַנען אָן חשק.

זיי זענען געגאַנגען, זיך געהאַלטן אַרומגענומען און געשוויגן. ווען זיי זענען צוגעקומען צו די ערשטע הייזער, זענען זיי שטיין געבליבן און איינער האָט באַ־טראַכט דעם אַנדערן. איינער האָט געזען דעם אַנדערן, כאָטש עס איז געווען פינצ־טער. זיי זענען געשטאַנען און געשוויגן. די שכונה־געסלעך זענען געווען פינצטער און ליידיק.

אפרים האָט זי אַרומגענומען מיטביידע אָרעמס און זי צוגעדריקט צו זיך מיטן גאַנצן כוח. זי האָט זיך צו אים צוגעטוליעט. ער האָט געפילט די יאָדערדיי־קייט פון איר קערפּער. זיינע נאָזלעכער האָבן זיך צעצויגן. ער האָט דערפילט איר פרישן קערפּער־ריח. ער האָט איינגעביסן זיינע ציין אין איר אַקסל אָבער באַלד זי אָפּגעלאָזט און געזאָגט: — קום! ער איז געגאַנגען און זיך געוואַקלט ווי אַ שיכור. זי האָט געאָטעמט שווער און כסדר געקוקט אויף אים פון דער זייט.

פון דעם אָוונט וואָס אפרים מיט רחלען האָבן זיך ס'ערשטע מאָל געטראָפן זענען שוין פאַרביי עטלעכע וואָכן. זיי טרעפן זיך אָפט. זיי זענען זיך געוואָרן נאָענט. זי און ער קוקן אויס דעם אָוונט זיי זאָלן זיך ווידער טרעפן. אָפט גייען זיי זען אַ פילם אין איינעם פון די קינאָס וואָס געפינען זיך נאָענט אין דער שכונה. פאַר רחלען איז יעדער פילם אַן אַנטפּלעקונג, ווייל ביז אפרים האָט זי נישט גענומען אין קינאָ האָט זי נישט געזען קיין פילם. יעדעס מאָל ווען זיי זענען אַרויס פון קינאָ איז רחל געווען איבערראַשט. אירע אויגן זענען געווען גרויס און האָבן געגלאַנצט, ווי זיי זאָלן זיין פאַרגלייזט. זי האָט איבערגעלעבט יעדן געזעענעם פילם. זי האָט נאָר געשוויגן. זי האָט נישט געקאָנט און נישט געוווסט ווי אַזוי אויסצודריקן איר פאַרוווּנדערונג. זי וואָס האָט נאָר געקענט איר היים, איר שול און ריוועס קראָם, האָט איצט געזען אַנדערע בילדער און געשעענישן. אַלץ וואָס זי זעט אין די פילמען, די פּאַלאַצן, די לוקסוס־אויטאָס, די ליבע־אַוואַנטורעס און פאַרראַטן, די אַלע געשעענישן, האָבן זי געענדערט. זי האָט ווייטער ווי פריער געוווינט ביי דער מוטער, אָבער אירע פאַרלאַנגען האָבן זיך שוין נישט באַגרענעצט צו די שמאָלע געסלעך אין דער שכונה. אירע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיט דער ברייטער וועלט. נישט איין מאָל ווען אפרים איז מיט איר אַריין אין אַ רעסטאָראַן, האָט זי געגעסן שנעל, געוואָלט וואָס שנעלער ווידער זיין אויף דער פריי — אין דער גאַס. די עפּנטלעכע לאָקאַלן זענען פאַר איר געווען צו ליידיק און צו שטיל. זי האָט זיך געגעוויטיקט אין אַ ווירוואַר אַרום זיך. שפּאַצירנדיק מיט אפרימען האָט זי נישט איין מאָל זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס. דער אימפּעט אין איר האָט זי געיאָגט און זי איז געלאָפן. עס האָט זי כסדר באַשעפטיקט די פרעמדע פאַר איר וועלט, די וועלט וואָס זי האָט געקענט פון די קינאָס. אָפט האָט זי אפילו נישט געהערט וואָס אפרים זאָגט איר. און ער — איר געשטאַלט איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. ער האָט זיך נאָר אויסגעהיטן מענטשן זאָלן זיי וואָס ווייניקער זען. ער האָט נישט געוואָלט זייער סוד זאָל דערגריין צו זיינע עלטערן. אָבער זיינע עלטערן האָבן פאַרשטאַנען. זיי האָבן געזען ווי ער פּוצט זיך, ווייל גוט אויסזען. זיי האָבן אויך באַמערקט, ווי ער וואַרט ביים פּלויט אויף רחלען. נישט איין מאָל האָבן זיי זיך איבערגעדרייט אויף די געלעגערס ווען אפרים האָט שפּעט אין דער נאַכט געעפנט די טיר. זיי האָבן זיך באַאומרויִקט אָבער געשוויגן. נאָר איין אָוונט ביים טיי־טרינקען האָט זיין מאַמע זיך געוואַנדן צום פאָטער און געפרעגט: — סימאָן, אונדזער זון מיינט עס ערנסט? סימאָן איר מאַן האָט פאַר־שאַרצט זיין אויבערשטע ליפּ, ווי ער זאָל מיט איר וועלן פאַרדעקן זיין לאַנגע נאָז

און זי אָפּגעפּטרט מיט צוויי ווערטער: — אַן אויסגעדינטער זעלנער — און ווייטער אַ זופּ געטאָן פון דער טיי.

אַזוי ווי זיינע עלטערן, אַזוי אויך איר מאַמע. אויך מלכה האָט באַמערקט, אַז איר טאָכטער קומט אייליק פון דער אַרבעט, טוט זיך שנעל איבער, שלינגט אַראָפּ דעם „שלום" און פאַרשווינדט פון שטוב, אַ מאָל אַ זאַטע און אַ סך מאָל אויך אַ הונגעריקע. די מוטער איז נישט איין מאָל געשטאַנען ביים פענצטער און געקוקט ווי אפרים וואַרט אויף רחלען. זי האָט אָפּגעזיפצט און געזאָגט: — גאָט, העלף מיר. זי האָט געוואָלט דעם שידוך און כסדר איבערגעטראַכט: — די שכנימס אַ זון, אַ בכבודיקע משפחה. ער, אַ פאַכמאַן, רחלען וועט זיין גוט מיט אים.

אפרים איז געווען איינגעלעבט אין דער שכונה. די שטאָט האָט אים נישט געלאָקט. ער האָט נישט פאַרטראָגן דעם רעש אויף די גאַסן — אויך די מענטשן זענען אים געווען פרעמד, אָבער ער האָט געוואָלט אַנטקעגנקומען איר ווילן. איר האָט יאָ געלאָקט די שטאָט. ער האָט מוותר געווען אָן עס איר צו זאָגן. זיי זענען כמעט יעדן אָוונט געגאַנגען פאַרברענגען קיין תל־אביב. דער געפּילדער אין די גאַסן האָט געשטאַרקט איר ווילן און ענערגיע. זי איז געגאַנגען פון קראָם צו קראָם און נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין שוי־פענצטער. זי האָט געהאַט אַ געניט אויג און זיך באַמיט פאַרשטיין. זי האָט זיך צוגעקוקט ווי אַזוי די קליידער זענען געשניטן און מיט וואָס פאַראַ קנעפּ זיי זענען געפּוצט און געטראַכט וועלכעס קלייד וועט איר פּאַסן. נישט נאָר די מלבושים האָט זי באַטראַכט. זי האָט אויך באַטראַכט די רעקלאַמעס און פלאַקאַטן אַרום די קינאָס. אַמשטאַרקסטן האָט אויף איר געווירקט די קאָלירטע רעקלאַמע־ליכט. זי איז געשטאַנען פאַר זיי פאַרגאַפט ווי אַ קליין מיידעלע. נישט ווייניקער האָט זי ליב געהאַט פאַרברענגען אין די קאַפעען. פאַר איר איז געווען אַ געשעעניש ווען זי האָט זיך אָוועקגעזעצט טרינקען אַ שעלעכל „עספּרעסאָ". זי איז גערן געזעסן אויף אַ הויכן טאַבורעט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, אפרים נעבן איר און באַטראַכט דורך דער אָפענער טיר די פאַרבייגייער אויף דער גאַס. זי האָט נישט געקוקט סתם נאָר האָט באַטראַכט ווי די מענער פאַררויכערן אַ סיגאַר, ווי אַזוי זיי וואַרפן אַוועק דאָס אויסגעברענטע שוועבעלע, ווי אַזוי די מענער פאַרנייגן זיך ווען זיי רעדן מיט אַ פרוי. זי האָט אַלץ אָבסערווירט, אָבער ספּעציעל האָט זי נאָכגעקוקט די פרויען. זי האָט זיך גוט צוגעקוקט, וועלכע אויער־רינגלעך פּאַסן צו וועלכער פריזור און אַז די עלעגאַנטע פרויען טראָגן זייערע לעדער־זאַכן פון איין פאַרב. פון דעם אַלעם האָט זי שוין אויך געוווסט וואָס פאַראַ פאַסאָן פּאַסט אויף איר פיגור.

זי האָט געוואָלט לעבן און געניסן. געניסן האָט ביי איר געהייסן לעבן אין שטאָט. די שטאָט מיט איר רעש האָבן זי דעראָבערט. זי האָט שוין איצט געלעבט מיטן פּולס פון דער שטאָט. איר היים איז איר שוין געווען ענג. איצט האָט זי אויך באַמערקט, אַז אפרים איז נידעריקער פאַר איר און אַז ער טראָגט נאָך דער אַרבעט די זעלבע גרויע הויזן און אַז די אַרבל פון זיין העמד זענען פאַרשאַרצט ביז אַרויף.

די אָב־טעג זענען הייסע, די לופט אַנגעגליט און פייכט. אויסגעצויגענע שאָטנס

זענען נאָכגעגאַנגען נאָך די מידע מענטשן. רחל האָט פאַרטראָגן די היץ. די ענגשאַפט אָבער אין דער שכונה, האָט זי געשטיקט. בשעת ריוועו האָט צו איר גערעדט האָט זי אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. אַ געפיל פון עקל האָט איר באַהערשט זעענדיק ווי ריוועו שלעפּט די פיס און שאָקלט זיך ווי אַ זייגער־אומרו. זי האָט אויך פאַרלוירן דעם אינטערעס צו אפרימען. זי האָט זיך מיט אים ווייטער געטראָפן אָבער זי איז אים שוין נישט געלאָפן זען. איצט ווען זי האָט אָפּגערעדט מיט אים זיך צו טרעפן האָט זי אים לאַנג געלאָזט וואַרטן. אויך איר היים איז איר געווען דערווידער. זי האָט מער נישט געקאָנט קוקן אויף זייער פאַרלאָזט צימער, דעם ברודיקן פּאָל און יעדעס מאָל, ווען זי האָט אַרויפגעטרעטן אויף אַן איינגעזונקענער באַלאַטע, האָט זי אַ וואָרטשע געטאָן: — ווי אין אַ שטאַל. אירע באַוועגונגען אין ריוועס פיר ענגע ווענט זענען געווען ווי ביי אַ געפאַנגענע. ווען דאָס אַלץ איז איר נמאס געוואָרן ביז עקל, האָט זי באַשלאָסן צו זוכן אַרבעט אין דער שטאָט. זי האָט זיך אַ סך נישט געמוזט אָנשטרענגען. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַרבייגייענדיק אויף דער בן־יהודה־גאַס האָט זי געזען אַ מודעה אין אַ שויפענצטער ביי „גוט־עסן״. מען זוכט אַ פאַרקויפערין. אין אַ נאָכמיטאָג האָט רחל אַראָפּגענומען פון זיך די פאַרשמאָדערטע שאַרץ און געזאָגט ריוועון: — איך גיי צום דאָקטאָר.

ריוועו האָט זי דערשטוינט אָנגעקוקט. זי האָט קיין מאָל נישט געהערט דאָס מיידל זאָל זיך קלאָגן אויף ווייטיקן. פון איבערראַשונג האָט זי אפילו נישט באַוויזן פרעגן רחלען וואָס איר טוט וויי. רחל איז אין צווישן אַוועק פון קראָם.

רחל איז אַריין אין „גוט־עסן״. הער גרוימאַן, אַ נידעריקער, בייכיקער ייד איז געזעסן ביי דער קאַסע־מאַשין מיט אַראָפּגערוקטע איבער דער נאָז ברילן און איבערגעקוקט אַ חשבון. אין קראָם זענען אין דער צייט נישט געווען קיין קונים.

— שלום! — האָט רחל אַ זאָג געטאָן. אַ מינוט שפּעטער האָט זי געפרעגט:

— הער, איר זוכט אַ פאַרקויפערין? איך זוך אַרבעט!

גרוימאַן האָט אַראָפּגענומען פון נאָז די ברילן, אויפגעהויבן זיין קאָפּ און זי אָנגעקוקט. ער האָט זי באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ.

— איר זענט פון דער בראַנזשע? — האָט ער זי געפרעגט.

— יאָ! — האָט זי דרייסט געענטפערט און צוגעגעבן: — איך אַרבעט אין פאַך שוין צוויי יאָר.

— ווו? — האָט ער זי שוין ערנסטער געפרעגט.

— אין שכונת עין־יעקב.

גרוימאַן האָט זיך נאָך אַ מאָל איינגעקוקט.

— ווי אַלט זענט איר?

— זיבעצן יאָר.

— און ווער זענט איר?

רחל איז געוואָרן נערוועז פון גרוימאַנס פראַגן. זי האָט זיך געשראָקן אפשר וועט ער זי נישט צונעמען. זי האָט פאַרצויגן אירע ליפּן און געזאָגט:

— איך הייס רחל און האָב נאָר אַ מאַמען. איך מוז אַרבעטן און קען אַרבעטן.

איר דרייסטקייט איז גרוימאַנען געפעלן.

— גוט! — האָט ער איר געזאָגט מיט אַ לייכטן שמייכל אויף זיין אויבערשטער ליפּ און צוגעגעבן: — ווער און וואָס איר זענט דאָס וועלן מיר זען און ער איז ווידער ערנסט געוואָרן ווי פריער.

— היינט איז דינסטיק. אין קומענדיקן זונטיק קומט צו דער אַרבעט. די באַדינגונגען וועלן מיר פעסטשטעלן שפּעטער.

אירע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן פון פרייד. — גוט, אַ דאַנק — האָט זי געזאָגט שנעל און אייליק אַרויס פון קראָם.

ווען רחל איז אין אָוונט צוריקגעקומען אין דער שכונה, איז זי באַלד אַריין צו ריווען, וועלכע האָט זיך דערפרייט מיט איר, אָבער רחל האָט געמאַכט אַ טרויעריקע מינע.

— איך קום פון דאָקטאָר. איך בין קראַנק. איך וועל אַרבעטן נאָר ביז ענדע וואָך. זוך זיך אַ געהילף אין קראָם. שלום! זי האָט געענדיקט און מער נישט געוואָרט, נישט געוואָלט ריווע זאָל זי אויספרעגן.

אויך אין שטוב איז רחל אַריין אָן אַ שלום. ווען זי האָט צוגעמאַכט די טיר איז זי שטיין געבליבן און געניוכעט. זי האָט נישט פאַרטראָגן די זויערקייט פון דער מוטערס בגדים. די מוטער האָט זיך מיט איר דערפרייט און גוטמוטיק איר געזאָגט:

— מיר גייען עסן. ס'עסן איז שוין פאַרטיק.

רחל האָט אָנגעקוקט די מוטער מיט אירע גרויע, גלי̇ענדיקע אויגן.

— מאַמע! איך וועל מער נישט אַרבעטן ביי ריווען! איך וועל אַרבעטן אין שטאָט, אָבער קיינער דאַרף וועגן דעם נישט וויסן. פאַר מענטשן און פאַר ריווען בין איך קראַנק!... איר טאָן איז געווען אָן אַנטשלאָסענער. בעת זי האָט גערעדט, האָבן אין אירע מוילווינקלען זיך איינגעשניטן צוויי פעלדלעך.

פון איבערראַשונג האָט די מוטער זיך אַזש פאַרלייגט די הענט איבערן בויך און איז שטיין געבליבן מיט אַן אָפן מויל. איר פנים האָט געפלאַמט פון נייגער און דערשטוינונג, אָבער זי האָט מורא געהאַט פרעגן, דעריבער האָט זי נאָר אָפּגעזיפצט און געזאָגט: — עס זאָל זיין צום גוטן, מיין קינד.

רחלען איז די אַרבעט געווען נישט שווער. שוין נאָך עטלעכע טעג האָט זי זיך געפילט ביי גרוימאַנען, ווי זי זאָל ביי אים אַרבעטן שוין יאָרן. די אַרבעט איז נישט געווען אַנדערש ווי די אַרבעט ביי ריווען, נאָר אין אַ גרעסערן פאַרנעם. גרוימאַן האָט פאַרקויפט בעסערע סחורה און שענער געפּאַקט. ביי דער אַרבעט איז זי געווען אָנגעטאָן אין אַ גרויען כאַלאַט מיט אַ טעשל פון אויבן, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעהאַפטן „גוט־עסן".

זי האָט געאַרבעט געשיקט און בשעת־מעשה אַרויסגעקוקט דורך די ברייטע שויפענצטער און באַטראַכט דעם מענטשן־געפילדער אין דער גאַס. די בעלי־הבתים זענען באַלד פון אָנהייב געווען צופרידן פון איר אַרבעט, אָבער דער הער גרוימאַן און זיין פרוי עלזע, אַ דאַרע, באַברילטע פרוי, זענען געווען צו איר צוריקגעהאַלטן.

פרוי עלזע האָט כמעט נישט גערעדט מיט רחלען — נאָר אויף וויפל די אַרבעט האָט פאַרלאַנגט. רחל האָט פון דער דער באַציִונג צו איר זיך נישט געמאַכט קיין ווען. זי איז געווען צופרידן מיט דער אַרבעט. זי האָט פאַרדינט טאָפּלט ווי ביי ריווען. זי האָט צו יעדן קליענט געשמייכלט, געווען געדולדיק. זי האָט זיך נישט אויפגערעגט אַפילו ווען זי האָט געדאַרפט אַ קונה דריי מאָל איבערבייטן ס׳ברויט. די קונים זענען געווען פון רייכן שטאַנד. רחל האָט זיך באַמיט צו זיי צופּאַסן. זי האָט זיך צוגעקוקט צו זייער יעדער באַוועגונג, ווי אַ פרוי עפנט די טאַש, ווי אַזוי די קונים באַגריסן זיך און ווי אַזוי זיי ווענדן זיך צו איר.

רחל איז געווען איבערגעגעבן דער אַרבעט. ביז אין איינעם אַ טאָג האָט זי געמוזט שטיין פאַר אַ מיליטער־קאָמיסיע. די דאָקטוירים האָבן זי באַפרייט פון מיליטער־דינסט, ווייל איר רעכט אויער איז געווען כראָניש אַנטצונדן און געווען פאַרשטאָפּט מיט אַ שטיקל וואַטע. אויך איר וואַג איז געווען אונטער דער נאָרמע.

איצט זענען אַלע אירע אָנשטרענגונגען געווען געווענדעט אין איין ריכטונג — אַרויסבאַקומען זיך פונעם באַראַק אין דעם שמאָלן געסל. זי האָט זיך אונטער־געשוירן די האָר, זיי אַרומגעבונדן מיט אַ בענדל. זיי זענען איר אַראָפּגעהאָנגען פון הינטן ווי אַ פערדוויידל. אירע נעגל זענען שוין געווען באַדעקט מיט רויטן לאַק. נאָך דער אַרבעט איז זי געגאַנגען אין שיך אויף אַ הויך קלעצל. פאַרבייגייער אין גאַס האָבן איר נאָכגעקוקט.

זי האָט געזען, און פאַרשטאַנען, אַז זי האָט דאָס לעבן פאַר זיך.

נישט נאָר פון איר סביבה האָט זי זיך געוואָלט אַרויסרייסן. אויך פון אַפרימען האָט זי זיך געוואָלט באַפרייען. זי האָט זיך מיט אים נאָך געטראָפן, אָבער אין אירע אויגן איז ער געווען אַ נישט דרייסטער בחור. איר גרינגשעצונג צו אים איז יעדן טאָג געוואַקסן און אין האַרצן האָט זי אים שוין אפילו געהאַסט. זי האָט נישט פאַרטראָגן זיין צוריקגעהאַלטנקייט. זי האָט באַגערט אַ מאַן וואָס זאָל זיין דרייסט — איר באַפעלן.

אַנטקעגן גרוימאַנס קראָם אין ראָג גאַס איז געווען אַ טאַקסי־סטאַציע. אויף דער סטאַציע איז געשטאַנען מיכאל מיט זיין אויטאָ. מיכאל, אַ הויכער ברייט־בייניקער בחור מיט שוואַרצע האָר האָט באַמערקט רחלען שוין אין ערשטן טאָג, ווען זי איז געקומען אַרבעטן. אויך זי האָט שוין געקענט דעם בחור מיט דער קאַנטיקער גאַמבע, קורצער נאָז. ער איז איר געפעלן. מיכאל איז אַלט געווען דרייסיק יאָר, אָבער ער האָט שוין געהאַט אויפן קאָפּ אַ גלאַנציקן פליך אין דער גרויס פון אַ טעלער. זיינע הויזן זענען שטענדיק געווען אויסגעפּרעסט, זיין העמד קראָכמאַלעט, דער קאָלנער אויפגעשטעלט.

אַ סך טעג האָט איינער נאָכגעקוקט דעם אַנדערן. ער, ווען ער איז געווען פריי פון דער אַרבעט, איז ער געזעסן אויף דער שוועל פון זיין אויטאָ און דורך גרוימאַנס פענצטער באַטראַכט רחלען, וועלכע איז אים געפעלן. זי האָט געגאַרט נאָך זיינע בליקן.

איין מאָל, מיטאָג־צייט, איז רחל געגאַנגען אין „טעם” דער באַר אַנטקעגן, זיך

קויפן אַ סענדוויטש. מיכאל, אַן אָנגעלענטער אין דער טעקסי האָט זיך אָפּגעריסן און איר נאָכגעגאַנגען. רחל האָט עס דערפילט און פאַרלאַנגזאַמט איר טריט. זי איז שטיין געבליבן אויף דער שוועל. ער איז אונטערגעקומען.

— מותק, ווי לאַנג וועלן מיר זיך אַזוי שפּילן? — האָט ער געפרעגט.

— דו וואַרטסט איך זאָל דיך פאַרבעטן? קאַוואַליר? — האָט זי אים געענטפערט מיט אַ פראַגע און צו אים געשמייכלט.

ער האָט פאַרביסן די ציין. איר ענטפער האָט אים געטראָפן, אָבער אויך ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— ביסט גערעכט! צווי־זעראָ צו דיין גינסטן!

ער האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין די טאַשן און ווי ער זאָל שלינגען די ווערטער געזאָגט: — איך לאַד דיך איין.

זיינע אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָבן אַפּירגעקוקט פון אונטערן שטערן, ווי ער זאָל צו איר אַרויפקוקן, ווי אַזוי עס האָט אויף איר געווירקט זיין איינלאַדונג.

— גוט! — האָט זי באַשטעטיקט.

ער האָט נאָך שאַרפער זי אָנגעקוקט, געוואָרן נאָך דרייסטער און געזאָגט:

— קום ניין אַ זייגער צו מיר אויף דער סטאַציע.

— גוט! — האָט זי אים ווידער אַ מאָל באַשטעטיקט.

— אָ־קעי! איך וואַרט אויף דיר — האָט ער איך געזאָגט און זיך אומגעקערט צו זיין אויטאָ.

זי האָט זיך קוים דערוואַרט די אַרבעט זאָל זיך ענדיקן און איז אייליק אַוועק אַהיים.

— קום עסן — האָט די מוטער איר געזאָגט, זעענדיק ווי די טאָכטער איילט זיך.

— ניין! — האָט זי איר געענטפערט און אייליק זיך געוואַשן. באַלד האָט זי ס׳ערשטע מאָל אָנגעטאָן איר ניי, בלוי־געבלומט טאַפט־קלייד. איינזעענדיק ווי זי זעט אויס, האָבן דער מוטערס מידע אויגן אַ בליץ געטאָן פון פרייד, אָבער זי האָט זיי באַלד פאַרמאַכט, זיך נישט פאַרגונען קוקן אויף דער טאָכטער, חלילה איר געבן אַן עין־הרע. רחל האָט נישט געזען דער מוטערס פרייד. ווי נאָר זי איז פאַרטיק געוואָרן האָט זי דער מוטער געזאָגט „שלום" און איז אייליק אַרויס פון שטוב.

— הלוואי זאָלסטו זוכה זיין צו אַ בעסער מזל ווי איך! — האָט די מוטער איר שטיל צוגעווונטשן.

פון דעם געאייל איז זי געקומען צו דער טרעפונג פופצן מינוט פאַר דער צייט. די שאָפערן אויף דער טעקסי־סטאַציע האָבן זי באַטראַכט און זיך איבערגעקוקט. זי האָט אויף זיי נישט געלייגט קיין אַכט.

עטלעכע מינוט שפּעטער איז אָנגעפאָרן מיכאל. דערזעענדיק זי האָט ער פאַרהאַלטן דעם אויטאָ און געעפנט די פאָדערשטע טיר. — שטייג איין! — האָט ער געזאָגט.

זי איז אַריינגעשפּרונגען און פאַרקלאַפּט די טיר. ווי נאָר ער האָט געריררט פון אָרט האָט ער איר געזאָגט:

— גוט אָוונט, קעצל!

זי האָט זיך צעלאַכט און אים געזאָגט:

— פּאַקטיש קענען מיר זיך נישט.

— מיר וועלן זיך שוין קענען און דערקענען — האָט ער איר געענטפערט און פאַרמרוזשעט די אויגן.

רחל האָט געוווּסט, אַז ער הייסט מיכאל ברין. זי האָט געהערט ווי די שאָפערן רופן אים. ער האָט געפירט די טעקסי און געשוויגן. יעדע ווײַלע איז זײַן פּנים ערנסט געוואָרן. מיט אַ מאָל האָט ער איר געזאָגט:

— דעם שאָפערס היים איז די מאַשין.

זיי זענען געפאָרן היפּש לאַנג. ער האָט זי געפירט איבער דער שטאָט. ביידע האָבן געשוויגן ביז ער האָט געזאָגט:

— די גאַסן בײַנאַכט מאַכן אַן אײַנדרוק.

— פּרעכטיק! — האָט זי אַ שריי געטאָן און אײַנגעקלאַפּט די הענט פון אַנטציקונג.

— יאָ, אָבער מיר זענען זיי שוין נמאס.

די ליכטשטראַלן האָבן פון מאָל צו מאָל אַ באַשײַן געטאָן זייערע פּנימער. איר איז איצט גוט. זי איז אין דער גוזעלשאַפט פון אַ שטאַרקן מאַן וואָס פירט אַ אויטאָ.

אין צווישנצײַט זענען זיי אַרויסגעפאָרן פון דער שטאָט. די געגנט איז איצט געווען אַ פינצטערע. ער האָט כסדר געדריקט אויפן פּעדאַל — געגעבן גאַז. דער אויטאָ איז געלאָפן מיט זײַן גאַנצער שנעלקייט. זי האָט זיך נישט אָריענטירט ווו זי געפינט זיך איצט. מיט אַ מאָל האָט דער אויטאָ זיך גענומען טרייסלען. זיי זענען געפאָרן אויף אַ נישט געפּלאַסטערטן וועג — צווישן פּרדסים. זי האָט טיף אָפּגע־אָטעמט, אײַנגעזאַפּט אין זיך די נאַכטפײַכטקייט. זי האָט זיך געוואָנדן צו מיכאלן, אים געזאָגט:

— אַ ראָמאַנטישער וועג. — ער האָט גאָרנישט איר געענטפערט, נאָר זײַן פּנים איז געוואָרן אָנגעשטרענגט, זײַן גאַמבע קאַנטיקער. ער האָט געקוקט פאָרויס אויפן וועג.

מיט אַ מאָל האָבן די אויטאָ־ברעמזן אַ גרילץ געטאָן. די טעקסי איז האַסטיק שטיין געבליבן. מיט אַ נערוועזער באַוועגונג האָט ער פאַרלאָשן ס׳ליכט. באַלד האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט און אַ שטופּ געטאָן זי אויף צוריק. זײַן אויי־בערשטע טייל קערפּער איז ליגן געבליבן אָנגעלענט אויף דער טיר. זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס האָט פּאַסירט. פּלוצים האָט זי דערפילט אויף זיך זײַן שווערן, הייסן אָטעם. זי האָט אונטערגעהויבן אירע פיס, געוואָלט אים אָוועקשטופּן פון זיך. מיט אַלע אירע כוחות האָט זי אײַנגעשניטן אירע נעגל אין זײַן האַלדז, אָבער, אַז זי האָט דערפילט, אַז איר קלייד פּלאַצט, האָט זי אַראָפּגעלאָזט די פיס.

זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט און דערפילט איר אייגענעם קערפּער־ריח און די גליטשיקייט פון זיין פאַרשוויצט פּנים, ביז ער האָט זיך צוריק אויפגעזעצט און פאַררויכערט אַ סיגאַר. זי איז געלעגן דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויפן געזעס־אָנלען, האָט דערפילט דעם סיגאַרן־רויך. זי האָט זיך אויפגעזעצט און גלייך געמאַכט אויף זיך ס׳קלייד.

מיכאל האָט אָנגעצונדן דעם מאָטאָר. ער איז אַרויסגעפאָרן הינטערווילעכץ פון פּרדס־שטעג. דעם גאַנצן וועג ביז דער שטאָט שטאָט האָבן ביידע געשוויגן. ערשט ווען די ערשטע שטאָטישע ליכטשיין האָט זיי אַ בלענד געטאָן אין די אויגן, האָט ער זי געפרעגט. זיין קול איז געווען הייזעריק:

— ווילסט אַריין אין אַ קאַפע?

— פיר מיך אַהיים! — האָט זי בייז געענטפערט.

ער האָט פאַרקרימט ס׳מויל, אויף איר אַ קוק געטאָן פון דער זייט. מיט אַ מאָל האָט ער איר געזאָגט:

— מאַך מיר נישט קיין צרות.

— צרות! צרות! — האָט זי מיט כעס אים נאָכגעשפעט און אים געזאָגט:

— בעסער פיר מיך אַהיים, און שוין! אָבער נישט ביז פאַר דער טיר!

ווען זיי זענען אַריינגעפאָרן אין אַ טונקעלער גאַס, האָט ער זי אומזיכער געפרעגט:

— ווען טרעפן מיר זיך ווידער?

נאָך אַ ווײַלע שווייגן, האָט זי אים געענטפערט: — מאָרגן!

ערשט איצט איז זיין פּנים מילדער געוואָרן. — דאָס זענען רייד — האָט ער באַשטעטיקט.

זי האָט אים נישט געענטפערט. נישט ווייט פון ריוועס קראָם האָט זי אים געהייסן זיך אָפּשטעלן. זי האָט שנעל געזאָגט שלום און אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ.

*

פון זינט זיי האָבן זיך ס׳ערשטע מאָל געטראָפן, זענען אַריבער עטלעכע חדשים. רחל איז איצט געווען אַ רייפע פרוי. אויך אָנגעטאָן איז זי געווען אַנדערש. איר באַליבטער טראַכט איז געווען אַ ברייטע ספּאָדניצע, אַ מענער־בלוזע מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער און אַ פּאָר באַלערינע־לעטשלעך אויף די פיס. אירע האָר זענען געווען אָנדולירט. אירע ברעמען זענען געווען צוגעשוירן און צוגעפאַרבט. אָבער נישט נאָר אויסערלעך האָט זי זיך געביטן. איר שטייגער־לעבן האָט זיך געענדערט. זי האָט געאַרבעט אין קראָם ביי גרוימאַנען, פאַרברענגט מיט מיכאלן. אָפט האָט זי אים אָפּגעוואַרט אויף זיין טעקסי־סטאַציע. זיינע חברים אויף דער סטאַציע האָבן נישט איין מאָל איר געווינקט מיט אַן אויג, אָדער פון הינטערווילעכץ איר נאָכגעפייפן, אָבער דאָס אַלעס האָט איר נישט געאַרט. זי האָט אים וועגן דעם

אפילו נישט איבערגעחזרט. זי איז שעהן מיט אים געזעסן אין דער פינצטער אין זיין טעקסי. ווען עס איז צוגעקומען אַ פּאַסאַזשיר האָט ער זי מיטגענומען. זיי האָבן צוזאַמען געגעסן, אַ מאָל אין אַ גרויסן רעסטאָראַן, אַ מאָל אין אַ קלענערן רעס־טאָראַן אין אַ זייטיק געסל, אָבער שטענדיק דאָרט ווו מען האָט באַקומען שאַרפע מאכלים. זי האָט ליב געהאַט די מאכלים. ער האָט ליב געהאַט פעט געקעכטס. ער האָט געשטאַמט פון דייטשלאַנד, דער איינציקער אָפּגעראַטעוועטער פון זיין גאַנצער משפחה.

מיכאל האָט ליב געהאַט פאַרברענגען. ער האָט זי אויסגעלערנט טאַנצן. זי איז געווען אַ גוטע טענצערין, זיך באַוועגט לייכט. זיין דירה איז געווען אויפן דאַך אויף דער שיינקין־גאַס. זייער אָפט איז זי געבליבן ביי אים נעכטיקן. צו מאָרגנס ווען זי איז אַהיימגעקומען, האָט זי געזאָגט דער מוטער, אַז זי איז געשלאָפן ביי אַ חברטע. דער מוטער איז נישט געפעלן דער טאָכטערס אויפפירונג, זי האָט אָבער נישט געוואָלט זיך מיט איר פאַררייסן און איר פאַרשווייגן. אָבער אפרים האָט נישט גערוט. ער האָט זיך געשלייכט איבער די געסלעך אין דער שכונה אַ פאַרטראַכטער און דערשלאָגן. ער איז געווען פויל ביי דער אַרבעט. זיין פּנים איז געווען בלייך און פאַרצאָרנט, נישט אויסגעשלאָפן. רחל איז דאָך דאָס ערשטע מיידל וואָס ער האָט ליב. ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. נישט איין מאָל איז ער שפעט אין דער נאַכט געשטאַנען ביים פּלויט, אַנטקעגן איר טיר, געוואַרט זי זאָל קומען. אָבער זי האָט זיך באַמיט מיט אים נישט צו טרעפן. זי איז שנעל אַדורכגעלאָפן דעם הויף און איילִיק אַריין אין שטוב, ער זאָל זי נישט זען. אָבער איין מאָל אין אַן אָוונט, אַז ער האָט זי איינגעזען האָט ער זי גערופן: — רחל!

זי איז שטיין געבליבן. איר האַרץ האָט אַ טיאַך געטאָן. זי איז אין מאָמענט ווי קלענער געוואָרן. זי איז צו אים צוגעגאַנגען. זי איז געווען מיד. אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. מיט אַ מאָל האָט זי אים געזאָגט: — איך בין מיד. איך אַרבעט שווער.

ס׳איז אים געווען אַ רחמנות אויף איר, אָבער ער האָט נישט אויסגעהאַלטן און איר געזאָגט: — דו שלעפּסט זיך אַרום אין די נעכט.

— דעריבער ווילן מיר רעדן אַ צווייט מאָל, האָט זי אים געענטפערט און נישט וואַרטנדיק איז זי אַוועק אַהיים. גייענדיק האָט זי אים געזאָגט: — אַ גוטע נאַכט.

— ממזרה! — האָט אפרים אַ סיקע געטאָן דורך די ציין און זיך געלאָזט גיין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

נישט נאָר וואָס זי האָט זיך נישט געטראָפן מיט אפרימען, נאָר אויך שוין געטראַכט ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון מיכאלן. אויך זיין פריינטשאַפט איז פאַר איר געוואָרן אַ לאַסט. אמת, ער האָט פאַרברענגט מיט איר, אָבער ער האָט זי נישט אַריינגעפירט אין אַ געזעלשאַפט. איר אינטערעסירט שוין נישט מיכאל דער שאָפער און אויך נישט גרוימאַן מיט זיינע קליענטן. זי נויטיקט זיך אין מענטשן פון אַן אַנדערן סאָרט. עטלעכע וואָכן ווי עס מאַטערט איר דער געדאַנק, אַז זי דאַרף אַוועק פון דער סביבה און אירע מענטשן. אויפן וועג צו דער אַרבעט און צוריק

האָט זי נישט איין מאָל אָפּגעזיפצט און געזאָגט אויפן קול: — ווען איך זאָל האָבן געלט. אָבער מער ווי די צוויי־הונדערט און צען פונט, וואָס זי האָט באַקומען יעדן חודש ביי גרוימאַנען האָט זי גאָרנישט געהאַט. זי האָט געהאַט אַ תאווה צום לעבן — און אויב לעבן, האָט זי געטראַכט, איז אַזוי ווי גרוימאַנס קליענטן.

זי האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דער נייער סביבה. נאָך דער אַרבעט איז זי געגאַנגען אין דער „צוקונפט", געמאַכט דאָרט אַ שרייבמאַשין־קורס. אירע לאַנגע, שיינע פינגער זענען געווען געפּאַסט צו די מאַשין־קלאַווישן. זי איז געווען איינע פון דער גרופּע שילערינס. לויט זייער אָנטאָן און באַנעמען זיך, האָט רחל פאַר־שטאַנען, אַז זיי שטאַמען פון פאַרשידענע היימען. אַלע זענען זיי געווען צוריק־געהאַלטן און באַשיידן. רחל האָט יעדע פון זיי באַטראַכט, ווי אַזוי זי פירט זיך אויף. זי האָט געזען, אַז עטלעכע איילן זיך אַהיים נאָך דער לעקציע. געווען אַזעלכע וואָס אַ חבר האָט זיי אָפּגעוואַרט. זי איז געבליבן אָפּגעזונדערט און אויך אָפּגעהיטן איר אָפּגעזונדערטקייט. איר האָבן אינטערעסירט מענער. זי האָט באַטראַכט יעדן באַזונדער און אים אָפּגעשאַצט. איר לערער האָט זי נישט פאַרטראָגן. ער איז געווען אַ הויכער, דאַרער מאַן מיט שוואַרצע ציין פון ניקאָטין און אַ שפּיציקן גאָרגל־עפּל, וואָס האָט געטאַנצט בשעת ער האָט גערעדט.

מיכאל האָט באַמערקט, אַז זי האָט זיך געענדערט. זי איז געוואָרן צוריק־געהאַלטן, דאָס האָט דערוועקט אין אים אַ חשד. עטלעכע מאָל שוין ווי ער האָט איר פאַרגעלייגט גיין טאַנצן און זי האָט אים געענטפערט: — איך בין מיד.

ער, וואָס איז געוווינט געווען יעדע פאָר וואָכן טוישן זיינע באַקאַנטע פרויען, האָט איצט געליטן פון איר. ער איז נישט איין מאָל זיצן געבליבן אין שענק אַ פאַרטראַכטער איבער אַ גלאָז ביר, פאַרקוקט אין איין פונקט און נישט גערירט זיך. ער איז געזעסן און אָן אויפהער זיך פאַרצויגן מיטן רויך פון סיגאַר און געזען פאַר זיך רחלען. זי איז נישט וויניקער יונג און שיין, ווי זי איז געווען, ווען זי איז געקומען צו אים אַ „בתולה".

ער האָט געליטן און געשוויגן, געטראַכט וואָס צו טאָן. ווען ער האָט מער נישט געקענט אויסהאַלטן האָט ער איבערגעלאָזט די טעקסי און איז אַריין אין שענק. שוין אויף דער שוועל האָט ער אַ דענערווירטער אַ געשריי געטאָן: — אַ טאָפּלטס!

דער נידעריקער, בייכיקער רעסטאָראַטאָר וואָס האָט שטענדיק געהאַלטן די פּייקע אין לינקן מוילווינקל האָט גלייך אים אַריינגעגאָסן אַ גרויס גלעזל קאָניאַק. מיכאל האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן און מיט איין שלונג אויסגעליידיקט ס׳גלעזל. ער האָט עס אַוועקגעשטעלט און אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ — זיך אָפּגע־שוידערט און מיט דער האַנט זיך אָפּגעווישט די ליפּן. ער האָט פאַרביילט אַ פויסט, מיט איר אַ זעץ געטאָן אין שענקטיש און צווויסן געטאָן:

— אַזוי וועט עס זיין! — און אַרויס צו דער טעקסי.

רחל האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס איר האָט פּאַסירט. טעג שפּעטער האָט זי

זיך דערמאָנט וואָס ווייבער האָבן גערעדט ביי ריוועז אין קראָם. זי איז געוואָרן פאַרצווייפלט. די הויט אויף איר קאָפּ האָט זיך גענומען ווי שיילן פון אויפרעגונג. זי האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. זי האָט געטראָגן אין זיך איר סוד. אָבער איר האַרץ האָט געטיאַקעט, ווי אָט־אָט רייסט עס זיך אָפּ. טעג איז זי אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטע. זי האָט נישט געגעסן און אין די נעכט נישט געשלאָפן. ווען זי זאָל האָבן אַ נאָענטן מענטש פאַר וועמען זי זאָל זיך קענען אַראָפּרעדן, פאַרטרויען אים, אָבער זי האָט נישט געהאַט פאַר וועמען. פאַר מיכאלן האָט זי זיך איצט געהיטן. זי האָט נישט געוואָלט ער זאָל בכלל דערפון וויסן, זי זאָל נישט מוזן זיין אָפּהענגיק פון אים.

אָבער זי איז נישט דער טיפּ וואָס ברעכט זיך איין. אין אַ נאָכמיטאָג האָט זי צו וויסן געטאָן גרוימאַנען, אַז זי פילט זיך שלעכט און מוז זיך אָוועקלייגן. זי איז נישט אַוועק אַהיים נאָר זיך געשליכט איבער די גאָסן פון שטאָט. אין אַ זייטיק געסל האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קליין מעשן שילדל וואָס איז געהאַנגען אויף אַ פּלויט פון אַ הויז: „ד״ר סון — גינעקאָלאָג״ — האָט זי אָדורכגעלייענט. זי איז אַריין און אָנגעקלונגען אין טיר.

דער דאָקטאָר אַליין האָט איר געעפנט. ער איז געווען אַ הויכער, שוין גרויער מאָן. ער האָט נייגעריק זי אָנגעקוקט און זי אַריינגעבעטן. זי איז שטיין געבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פאַרלייגטע הענט. זי איז געשטאַנען הילפלאָז. ער האָט נאָר געזען די צעשויבערטע האָר פון איר אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ.

— נו, טאָכטער? — האָט ער איר געזאָגט און איז שטיל געבליבן. ער האָט געוואָרט זי זאָל רעדן. זי האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן איר קאָפּ. אירע גרויע, גלאָזיקע אויגן האָבן געגליט, געבעטן רחמים. איר בליק איז געווען פאַרשעמט ווי ביי אַ נאַיִווּ מיידל. דאָקטאָר סון האָט פּאַמעלעך אַרויפגעלייגט זיינס אַ האַנט אויף איר קאָפּ. ס׳איז אים געווען אַ רחמנות אויף איר.

אפרים האָט אַ לענגערע צייט נישט געזען רחלען, כאָטש ער האָט געטאָן אַלץ זי צו זען. ער איז איר נאָכגעגאַנגען, זי געזוכט. ער האָט זיך כסדר דערמאָנט אין זייערע פאַרברענגטע אָוונטן, ער האָט נאָך איצט מיט די חושים געפילט די יאָדער־דיקייט פון איר קערפּער, די עלאַסטישקייט פון אירע ברוסטן און די ווייכקייט פון איר האַלדז. ער האָט געבענקט נאָך איר. פון בענקשאַפט האָט ער גערדאַרט. די הויט אויף זיין פּנים איז געוואָרן אָנגעצויגן, מאָגער. די אויגן זענען אים איינגע־פאַלן. די קינבאַקן זיינע זענען געוואָרן בולט. ער האָט נישט געהאַט נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט. ער איז כמעט נישט געשלאָפן. ווען ער איז איינגעשלאָפן האָט דער קלענסטער שאָרך אים אויפגעוועקט. ער איז געגאַנגען און כסדר געהאָרכט: זי קומט, זי גייט... אויך ביי דער אַרבעט איז אים נישט געגאַנגען. ער האָט זיך כסדר צעקלאַפּט די פינגער. ער האָט איצט נישט געפילט אין דער אַרבעט די פרייד ווי אַ מאָל. להיפך, די אַרבעט איז אים איצט געווען צולאַסט; אַן אָפּקו־מעניש...

אַ סך מאָל איז ער נאָך דער אַרבעט נישט געגאַנגען אַהיים. אַן אויסגעַ־שמירטער, אין די אַרבעטס־קליידער, האָט ער זיך געשלעפּט איבער די גאַסן אָן אַ ציל. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. אָפּט אין די אָוונטן, איז ער געשטאַנען פאַררוקט אונטער אַ ראָג פון אַ הויז און געוואַרט, געוואָלט זען, ווי רחל גייט אַרויס פון דער אַרבעט. אַז ער האָט זי דערזען איז ער איר נאָכגעגאַנגען, זי באַגלייט פון דערווייטנס. ער איז געשטאַנען אויף דער גאַס און געהערט דורכן אָפענעם פענצטער דאָס קלאַפּעריי פון די שרייב־מאַשינען און נישט געזען די מיידלעך וואָס זענען דאָרט געזעסן און געשריבן. ער האָט נאָר געזען רחלס פינגער, ווי זיי באַוועגן זיך און קלאַפּן אויף די מאַשין־קלאַווישן. זי האָט איר קורס שוין געהאַט פאַרענדיקט, אָבער זי האָט זיך נאָך נישט געהאַט דעצידירט וואָס צו טאָן. זי איז איצט געקומען נאָר צוויי מאָל אַ וואָך זיך איבן, פאַרפולקאָמען.

אפרים האָט זי געהאַסט פאַר די ליידן וואָס זי האָט אים פאַרשאַפט. אָבער נישט איין מאָל, אַז ער האָט געזען ווי זי זיצט ביי דער שרייבמאַשין נאָך אַ טאָג אַרבעט ביי גרוימאַנען, האָט ער זי באַדויערט. אין די מאָמענטן איז ער גרייט געווען זי אַ רוף טאָן דורכן פענצטער, אָבער ער האָט עס קיינמאָל נישט געטאָן. ער האָט געבענקט, אָבער זיך נישט אונטערגעגעבן. זעענדיק ווי זי מאַטערט זיך — אַרבעט אין דער נאַכט אַריין, איז זי אים נאָך טייערער געוואָרן. אפרים האָט געוווּסט, אַז זי גייט אַרום מיט מיכאלן. ער איז זיי נישט איין מאָל נאָכגעגאַנגען. ער האָט געוווּסט ווער ער איז און וואָס זיין אַרבעט איז. ער האָט אויך געוווּסט ווו ער וווינט.

אפרים, מיטן קאָפּ צווישן די אַקסלען, די הענט אין די טאַשן האָט געשלעפּט די פיס און נישט געוווּסט וואָס ער טוט. גייענדיק, איז ער נישט איין מאָל שטיין געבליבן און אַ דערשטוינטער אַ שריי געטאָן: — האַ? ער אַליין האָט זיך דער־שראָקן פאַר זיין געשריי און ער איז שנעל געגאַנגען ווייטער.

אין איינעם אַן אָוונט איז אפרים געשטאַנען נישט ווייט פון גרוימאַנס קראָם. ער איז געשטאַנען און געוואַרט און זיך כסדר אַרומגעקוקט, צי עס קוקט אים ווער נישט נאָך. ער האָט געזען, אַז מיכאל וואַרט אויך. אַ פערטל שעה שפּעטער איז רחל אַרויס פון קראָם. מיכאל האָט איר אַ פייף געטאָן. זי האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, אים געגעבן אַ סימן, אַז זי זעט אים. אפרים האָט זיך אַריינגערוקט אינעם טויער פון הויז, ביי וועלכן ער איז געשטאַנען.

מיכאל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

רחל איז צוגעגאַנגען צו מיכאלן.

אפרים האָט נישט געהערט וואָס מיכאל זאָגט. ער האָט גערעדט הויך און שנעל, ווי געשריגן. ער האָט נאָר געהערט דאָס לעצטע וואָרט: — קום! מיכאל מיט רחלען האָבן זיך געלאָזט גיין.

אפרים איז זיי נאָכגעגאַנגען. זיי ביידע זענען געגאַנגען און געשוויגן. ביי „מוגרבי" זענען זיי אַריין אינעם געסל אויף לינקס. עטלעכע הייזער ווייטער זענען זיי אַריין אין אַ הויף. אינעם אַריינגאַנג איז געהאַנגען אַ רויטער שילד מיט געלע,

גרויסע אותיות „שבע", מיט קלענערע אותיות פון אונטן איז געווען צוגעשריבן „אונגאַרישע מאכלים".

אפרים איז שטיין געבליבן פון ווייטנס און געוואַרט. אין געסל איז געווען פינצטער. אַ מידער האָט ער זיך אָנגעלענט אויף דער וואַנט. ער איז געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן און געטראַכט וועגן זיך און רחלען. ער האָט זי פון דעסטוועגן באַדויערט. ער האָט אין צווישן אפשר אויך איינגעדרימלט. אָבער ווען ער האָט דערהערט טריט האָט ער אויפגעריסן די אויגן און זיך אָפגערוקט פון דער וואַנט. ער האָט זיי דערזען. ער איז זיי ווידער נאָכגעגאַנגען אָן צו וויסן ווו אַהין זיי גייען. נאָר ווען זיי זענען אַריינגעגאַנגען און דער שיינקין־גאַס האָט אפרימס האַרץ אַ צאַפּל געטאָן, ווי עס זאָל זיך אים אָפּרייסן. זיינע שלייפן האָבן גענומען האַמערן, ווי מען זאָל אויף זיי מיט האַמערס קלאַפּן. ער האָט מיט ציטערדיקע הענט זיך אַליין געפּאַטשט און געקרעכצט פון ווייטיק. ער איז שטיין געבליבן אין מיטן גאַס און זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט, ווי ער זאָל זיין געליימט. זיינע אויגן זענען געווען פאַרגלייזט, אויסגעגלאָצט. ער האָט נישט געזען און נישט געהערט, נישט באַמערקט די פאַרבייגייער. ער איז געשטאַנען הילפסלאָז, ווי ער זאָל האָבן פאַרלוירן דעם שכל. פלוצים האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס און גענומען גיין. ער איז געגאַנגען אַהין און צוריק איבערן טראָטואַר און גערעדט צו זיך: — וואָס טוען זיי דאָרט? און זיך אַליין געענטפערט מיט אַ פראַגע — הערן ראַדיאָ? טריב־קען קאַווע? אַ מאָמענט איז ער שטיין געבליבן און געשריגן: — אויסגעלאַסענע!

זיין כעס און יִאוש האָבן אים אַ טרייב געטאָן און ער האָט זיך געלאָזט לויפן, אָבער באַלד האָט ער זיך אומגעקערט. ער האָט ווידער געשפּאַנט אַהין און צוריק ווי וואַנזיניק. אַ שווייס האָט אים באַגאָסן. אים איז טרוקן געוואָרן אין מויל. אַ פּחד איז אים באַפאַלן. מיט אַ מאָל האָט ער גענומען באַטראַכטן יעדן פאַרבייגייער. זיינע אויסגעזעצטע אויגן האָבן מיט אימה אָנגעקוקט יעדן מענטש. ער האָט געוואָלט זען, צי מען זעט נישט זיין שאַנד און בראָך.

די גאַס איז געוואָרן ליידיק. דער לאָמפּנשיין טונקעלער. די נאַכטשטילקייט האָט אים עטוואָס באַרויקט. ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּטראָגן פון דאַנען און זיך געלאָזט גיין. ער האָט געשלעפּט די פיס און זיך געוואַקלט ווי אַ שיכור. ער איז געגאַנגען פון איין גאַס אין דער אַנדערער, אַ מאָל פּאַמעלעך, אַ מאָל שנעל און גערעדט צו זיך: — אפשר האָב איך געהאַט אַ טעות? אפשר איז זי שוין אין שטוב? ער האָט זיך געלאָזט לויפן. ער איז געלאָפן ביזן פּלויט. פון דאָרט האָט ער געקאָנט זען, צי זי איז שוין טאָקע אין דער היים.

אָבער ביי מלכהן אין באַראַק איז געווען פינצטער און אין דער סביבה שטיל. דערשיטערט און הילפסלאָז האָט ער זיך אַ וויג געטאָן און אַ שלעפּ געטאָן די פיס. אין שטוב האָט ער נישט אָנגעצונדן קיין ליכט. אַזוי ווי ער איז געווען אין די בגדים האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, געגרויכערט און זיך טיף פאַרצויגן. ער האָט אָנגעצונדן איין סיגאַר נאָכן אַנדערן.

ווען ער האָט אַ צי געטאָן פון סיגאַר האָט ער אינעם פונקגלי געזען רחלען — איר געשטאַלט.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג. קיינער איז נישט געווען אין שטוב. דער פאָטער איז געווען ביי דער אַרבעט. די מוטער איז אַרויס איינקויפן. אפרים איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. זיין פנים איז געווען גרוי, זיינע אויגן אונטערגעהאַקט. זיין בליק איז געווען שטאַר און געבלאָנדזשעט איבערן צימער. ער איז געווען בייז, מיד און נישט אויסגעשלאָפן. ער האָט געשטעלט אַ טריט, ווי ער זאָל וועלן אַריין אין קיך. אָבער אין מאָמענט האָט ער אַ שפּרונג געטאָן אין דער פאַרקערטער ריכטונג. ער איז צוגעפאַלן צו דער אַריינגאַנג־טיר און זי מיט כעס אויפגעפראַלט. דער פרישער לופטשטראָם וואָס האָט אַ ווייע געטאָן אין פנים, האָט אים עטוואָס אויפגעמונטערט.

ער איז אַריבער די שוועל און פאַרקלאַפּט נאָך זיך די טיר. אין דרויסן, פאַרן הויז איז ער שטיין געבליבן. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ אין דער הויך. די זון האָט אים אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. ער איז געשטאַנען ווי אַ סטאַטוע אָבער נאָר אַ ווײַלע. באַלד האָט ער זיך געלאָזט שנעל גיין. זיינע טריט זענען געווען שווערע און אויסגעצויגענע. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיך נישט אומגעקוקט.

ער איז אַריינגעלאָפן צו גרוימאַנען אין קראָם ווי ער זאָל האָבן אַריינגעפאַלן. גרוימאַן האָט אים אָנגעקוקט אַ דערשראָקענער, אָבער ביז גרוימאַן האָט זיך געכאַפּט וואָס עס קומט פאָר, איז אפרים מיט פאַרביילטע פויסטן צוגעלאָפן צו רחלען, וועלכע איז געשטאַנען פון דער צווייטער זייט קאַסעטיש. ער האָט מיט כוח אַרויפגעוואָרפן אויף איר ס׳קיישל זעמל, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש און אויסגעשריגן:

— אויסוווּרף!

— אָה! — האָט רחל אַ קוויטש געטאָן און זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים האַרץ.

אפרים איז שוין געווען צוריק אויף דער גאַס. גרוימאַן איז פון איבעררעשונג געבליבן מיט אַן אָפן מויל און אויפגעריסענע אויגן.

רחלס פנים איז געווען רויט פון ווייטיק און חרפּה. ווען זי איז געקומען צו זיך איז זי געוואָרן בלייך, אָבער באַלד האָט זי אויסגעגליכן איר רוקן, זיך אויסגעדרייט צו גרוימאַנען מיט דער פּלייצע און אָנגעסדרט אויף דער פּאַליצע די אָנגעוואָרפענע פּעקלעך לאָקשן.

אפרים האָט זיך נישט פאַרהאַלטן אין דרויסן נאָר געלאָפן איבער די גאַסן. דער כעס און די חרפּה האָבן אים צוגעאיילט און אונטערגעיאָגט. אויפן ברעג ים איז ער שטיין געבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אַ מילדער ווינט האָט געגלעט זיין פנים. ער האָט באַטראַכט די אָנגעטראָגענע צום ברעג כוואַליעס. זייער רוישן האָט ער נישט געהערט, פונקט ווי ער האָט נישט געזען די מענטשן וועלכע האָבן שפּאַצירט נעבן אים. זיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט. ער האָט געזוכט אַן אויסוועג, אָבער נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אַ צייט שפּעטער האָט ער זיך אויסגעדרייט

און איז אַוועק. ס׳איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן אַ טעקסי. ער האָט זי פֿאַרהאַלטן און געזאָגט דעם שאָפֿער ער זאָל אים אַהיים פֿירן.

דער הימלבלוי איז זינט עטלעכע טעג געווען טונקל און געדיכט. דעם גאַנצן פֿאַרמיטאָג איז געפֿאַלן אַ לײַכטער, דראָבנער רעגן. רחל האָט ווי עס איז אַדורכ־געאַרבעט דעם טאָג. זי האָט אַ גאַנצן טאָג געשוויגן. די קונים האָט זי באַדינט אויטאָמאַטיש. אין אָוונט נאָך דער אַרבעט, ווען זי איז אַרויס אויף דער גאַס, איז די לופֿט געווען פֿריש. דער אַספֿאַלט און די הײַזער זענען געווען אָפּגעוואַשן. די גאַס האָט אויסגעזען, ווי זי זאָל זיך האָבן איבערגעטאָן צום ווינטער.

זי איז געווען מיד און אויפֿגערעגט. זי איז געגאַנגען אַהיים צו פֿוס. בײַם ראַנד פֿון שטאָט, אויף די ליידיקע פֿעלדער, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די שטאָט פֿון דער שכונה, האָט זי דערפֿילט דעם ערדאָטעם און די פֿרישקייט פֿון גראָז. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך, און דערבײַ געטראַכט וועגן דער צײַט פֿון זינט אפֿרים איז צוריקגעקומען פֿון מיליטער. זי האָט נישט געהאַט קיין חרטה. זי האָט נאָר באַ־דויערט אפֿרימען, זײַן נאַיִווקייט.

צו מאָרגנס, ווי נאָר רחל איז אַרײַן אין קראָם און זיך איבערגעטאָן, האָט זי צו וויסן געטאָן גרוימאַנען, אַז זי וועט בײַ אים נאָך אַרבעטן נאָר צוויי וואָכן. גרוימאַן, וועלכער איז געשטאַנען מיטן רוקן צו דער טיר און איבערגעקוקט די צײַטונגס־קעפּלעך, איז נישט איבערראַשט געוואָרן. ער האָט איר נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער איז מסכים. איר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז דווקא צופֿרידן, ווײַל ער איז געווען אויפֿגערעגט פֿון דעם נעכטיקן געשעעניש מיט אפֿרימען.

זי האָט זיך געקליבן אָפֿיציעל צו פֿאַרלאָזן די אַרבעט, אָבער דעם לעצטן טאָג פֿון איר אַרבעט איז זי צוגעקומען צו גרוימאַנען און אים נאָר געזאָגט איין וואָרט: — נו!

גרוימאַנס אויגן האָבן אויף איר אַ קוק געטאָן פֿון איבער זײַנעברילן אַריבער. ער האָט געקוקט, ווי ער זאָל זי נישט זען און געוואַרט, אפֿשר האָט זי נאָך אַ קשה. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— נו, גיט געלט.

גרוימאַן האָט אויסגעדענט זײַנע באַקן און אויסגעבלאָזן די צונויפֿגעקליבענע אין מויל לופֿט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער קאַסע און איר דער־לאַנגט דעם צוגערייטן פֿון פֿריִער קאָנווערט. זי האָט אַפֿילו נישט איבערגעציילט ס׳געלט, נאָר אים געזאָגט אַ האַרטן „שלום״ און איז אַרויס פֿון קראָם. גרוימאַן האָט צעשטעלט זײַנע קורצע פֿיס, פֿאַרלייגט די הענט אויף הינטן און זיך אײַנגע־קוקט אין דער סטעלע, ווי ער זאָל שיקלען.

באַלד צו מאָרגנס איז זי געוואָרן אַ סטאַבילער גאַסט אין אַרבעטס־אַמט. עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען זי געשיקט אַרבעטן צום אַדוואָקאַט גריי. זײַן ביוראָ איז געווען אויפֿן צווייטן שטאָק.

— ביטע! — האָט זי געהערט אַ קול ווען זי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. זי איז אַריין און שטיין געבליבן ביי דער טיר.

גריי האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ פונעם שטויס אַקטן, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. אַ מילדע לופט, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט סיגאַרן־אַראָמאַט, האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין נאָז. אין צימער איז געווען האַלב־טונקל. די סעלעדין־גרינע פאָרהאַנגען האָבן ווי פאַרשטעלט די טאָגשיין. ס׳צימער איז געווען גרויס און הויך, אַזוי ווי אין די אַמאָל געבויטע הייזער אויף דער אַלענבי־גאַס. דאָס ביורא־מעבל: דער טיש מיט די פאָטעלן און די נידעריקע מאַהאַגאָן־שאַנק זענען געווען מאַסיוו. די סאָפע איז געווען נידעריק און ווייך. ס׳ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט זי זיך געפונען אין אַזאַ קאַבינעט.

גריי, וועלכער האָט זי די גאַנצע צייט באַטראַכט, האָט איר געזאָגט:

— ביטע — אָנווייזנדיק איר מיט דער האַנט זי זאָל זיך זעצן אין פאָטעל פון דער צווייטער זייט טיש. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, אָוועקגעלייגט דעם אַרבעטס־צעטל און זיך אַוועקגעזעצט. גריי האָט דעם צעטל אַפילו נישט גענומען אין האַנט אַריין. ער האָט אים אַדורכגעלייענט אַזוי ווי ער איז פאַר אים געלעגן. ער האָט אַרויפגעלייגט אויפן טיש זיינע עלנבויגנס, אַריינגעלייגט דעם קאָפּ צווישן די הענט און אַ קוק געטאָן אויף איר. זיינע אויגן זענען געווען פאַרזשמורעט. זיין אָוואַל פול פּנים איז אָבער געווען אָן אויסדרוק. ער האָט געקוקט אויף איר און געטראַכט וואָס ער זאָל איר זאָגן.

זי איז געזעסן אַ רויִקע, אָבער אַ פאַראינטריגירטע. זי האָט זיין פּנים כמעט נישט געזען, נאָר זיין ברייטע, קורצע נאָז און זיין גלאַנציקן פּליך. זיין קאָפּ איז געווען אַרומגענומען מיט אַ שמאָל רייפל פון קורצע הערעלעך. זי האָט אים באַטראַכט פון דער זייט.

ער, דער מיטלוווקסיקער, ברייטפּלייציקער מאַן מיט די טיפע אויגן אונטערן ברייטן שטערן, איז נישט געווען דער מאַן וואָס צווייפלט. ער האָט אַ שאַר געטאָן די פיס אונטערן טיש, זיך אויסגעגליכן, אָנגעלענט זיין אויבערשטע טייל קערפּער אין פאָטעל־אָנלען און זי אַדורכגענומען מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק. אַ ווײַלע האָט זי פאַרלוירן איר זעלבסט־זיכערקייט און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. איצט האָט ער זיך דערפילט זיכערער. די פינגער אין זיין רעכטער האַנט האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן. ער האָט ווידער מיט זיי געקנאַטן דאָס פּאַפּירענע קיילעכל וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין האַנט.

— אייגנטלעך וואָלט איך אייך געדאַרפט עקזאַמינירן — האָט ער געזאָגט און איר געקוקט אין פּנים אַריין, נאָר איך פאַרלאָז זיך אויף די, וואָס האָבן אייך געשיקט צו מיר.

ער האָט געענדיקט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן, געקוקט אויף די אַקטן, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש. ער האָט ווידער אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט:

— קומט מאָרגן צו דער אַרבעט.

זי איז רויט געוואָרן. ס׳בלוט איז איר געקומען אין פּנים אַריין. זי האָט

זיך נישט געקאָנט באַהערשן און געפּאַטשט מיט די הענט פון פרייד. אירע אויגן האָבן געלאַכט. זי האָט פאַרצויגן איר מויל — געוואָלט עפּעס זאָגן אָבער געזאָגט נאָר „אַ דאַנק". ווען זי האָט שוין געהאַלטן די קלאַמקע אין האַנט, האָט זי געזאָגט „שלום".

שוין עטלעכע וואָכן ווי רחל אַרבעט ביי גרייען. די אַרבעט איז איר נישט אָנגעקומען לייכט. גריי האָט נישט געוווּסט, אַז דאָס איז איר ערשטע ביוראָ־אַרבעט. גריי האָט זי צוגעלערנט. ער האָט געוואָלט זי זאָל ביי אים בלייבן אַרבעטן. שוין פון אָנהייב האָט זי באַמערקט, אַז ער באַציט זיך צו איר אַנדערש, ווי צו זיינע קליענטן. זיין באַציִונג צו איר איז געווען אַ פרייע, נישט צוריקגע־האַלטענע, ווי צו זיינע קליענטן. מיט וועמען ער האָט גערעדט האָט ער יענעם נישט געקוקט אין פּנים אַריין, ווי ער זאָל זיך שעמען. רחל האָט נישט געוווּסט אַז ער איז חושד יעדן קליענט, אַז ער ווייסט, אַז זיין, גרייס פרוי, איז נידעריק און דיק, האָט קורצע אברים און אַז זי האָט אים געהאָלפן שטודירן — ווערן אַדוואָקאַט. זי איז געווען צופרידן, וואָס צו איר באַציט ער זיך פריי און דערביי לערנט ער זי סאָרטירן די אַקטן און זיי קלאַסיפיצירן. זי האָט זיך צוגעהערט צו זיינע אָנווייזונגען און שנעל באַהערשט די אַרבעט. זי האָט אויך איבערגענומען און געפירט זיין קאַסע. געהאָלפן האָט איר דער גוטער זכרון. נישט איין מאָל, אַז ער האָט געבעטן אַן אַדרעס פון אַ קליענט, אָדער אַ נומער פון אַן אַקט, האָט רחל זיי געדענקט אויפן קאָפּ. פון דאַנקבאַרקייט האָט ער איר אַ גלעט געטאָן, אָדער אַרויפגעלייגט די האַנט אויף איר אַקסל. אָפט האָט ער געמאַכט טיי פאַר ביידע. עטלעכע מאָל האָט ער מיט איר פאַרפירט אַ שמועס איבער פאַרשידענע ענינים. אָבער די הויפּטזאַך — ער האָט זיך געוואָלט ביי איר דערוויסן, ווער איז זי פון דער היים. זי איז געווען צוריקגעהאַלטן. זי האָט אים נאָר געזאָגט, אַז זי האָט נישט קיין טאַטן. ווער איר מאַמע איז האָט זי אים נישט געזאָגט.

איין מאָל, ווען זי איז געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, געשריבן אויף דער שרייבמאַשין, איז גריי אַריינגעקומען פון גאַס. ער האָט שנעל פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר און שטיין געבליבן הינטער איר.

— שלום! — האָט זי אים געזאָגט.

— שלום — האָט ער איר געענטפערט מיט אַן איבערגעענדערט קול. ער האָט זיך צו איר צוגערוקט און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר נאַקן. רחל האָט נישט רעאַגירט און ממשיך געווען איר אַרבעט. זיין פּנים איז געווען אָנגעשטרענגט, זיין שטערן לייכט צעקניטשט. ער האָט שווער געאָטעמט. ער האָט אַראָפּגענומען זיין האַנט פון איר און געזאָגט:

— רחל, איך גיי שוין. איך בין אָפּגערעדט מיט אַ קליענט אויף צען אַ זייגער. — ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און צוגעגעבן: — רחל, איך בעט דיך, גיי פריער אויף מיטאָג און קום פינף אַ זייגער צוריק. איך וועל האָבן אַ סך פּראָטאָקאָלן איבערצושרייבן.

— איז עס אַזוי אייליק? — האָט זי געפרעגט און נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— יאָ — און באַלד האָט ער צוגעגעבן — איך וועל דיר דיקטירן. אין זיינע רייד האָט זיך געפילט די נישט־זיכערקייט.

— גוט — האָט זי אים געענטפערט און געאַרבעט ווייטער.

ער האָט איר לייכט אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע און שוין דרייסט איר געזאָגט:

— אָ־קיי. צום ווידערזען — און איז אַוועק.

אין אָוונט, ווען זי איז געקומען, איז זי שטיין געבליבן אין דער אָפענער טיר. נאָך אין דער פרי, ווען גריי האָט זי געבעטן קומען, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זיין ביטע איז נאָר אַן אויסרייד. דאָך איז זי איצט שטיין געבליבן אַן איבער־ראַשטע. גריי איז געזעסן אין ווינקל אין פאָטעל מיט אַן אָוונט־צייטונג אין האַנט און נישט געלייענט. זי האָט זיך באַהערשט און פאַרמאַכט די טיר נאָך זיך אָבער נישט געגאַנגען ווייטער. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פלאַש שאַמפּאַן, צוויי פלאַכע אויף הויכע פיסלעך גלעזלעך, אַ קרישטאָל־טעצל מיט קליינע, ווי קנעפּ, בולקעלעך באַלייגטע מיט לאַקס. זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן. זיי האָבן זיך איבערגע־קוקט, אָבער נאָר אַ ווײַלע.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי געפרעגט אַ דערשטוינטע און אויך אַ צופרי־דענע.

—דאָס אַלץ איז פאַר אונדז — האָט ער שטיל געזאָגט און צוגעגאַנגען צו איר. ער האָט זי אָנגענומען ביים עלנבויגן, זי צוגעפירט און אַוועקגעזעצט אין פאָטעל. ער האָט זיך אויסגעדרייט און איינגעגאָסן צוויי גלעזלעך שאַמפּאַן.

רחל האָט געקוקט אויף זיינע הענט. זי איז געווען ערנסט און פאַרטראַכט. פּלוצים האָט זי אים געזאָגט: — איר וועט מיך אַנשיכורן; איך וועל נישט קענען אַרבעטן. זי האָט געשמייכלט, אָבער אירע אויגן זענען געווען פאַרמרוזשעט.

— נו, נו — האָט ער געחוזקט און גענומעןביידע גלעזלעך אין די הענט. איינס האָט ער איר דערלאַנגט און געזאָגט: — לחיים!

— לחיים — האָט זי אים געענטפערט. זי האָט אַ ביסל אָפּגעטרונקען און פאַרקרימט ס׳פּנים. זי האָט זיך אָנגעבויגן און אַוועקגעשטעלט ס׳גלעזל. אויך ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין גלעזל. עס איז געווען לער. ער האָט איר דערלאַנגט ס׳טעצל מיט די סענדוויטשן. זי האָט גענומען צוויי בולקעלעך, איינס אין יעדער האַנט. די סענדוויטשן האָבן איר געשמעקט, אָבער זי האָט נישט געוווּסט וואָס זי עסט. ווען זי האָט געענדיקט עסן, האָט זי זיך געוואַנדן צו גרייען: — צו וואָס איז דאָס אַלץ געווען נויטיק?

ער האָט זי אָנגעקוקט, האָט איינגעביסן זיין אונטערשטע ליפּ און זיך אַוועק־געזעצט איר אַנטקעגן. פּאַמעלעך, בנעימותדיק, האָט ער איבערגעלייגט איין פוס איבערן אַנדערן. זי האָט אים אָבסערווירט. ער האָט מיט דער האַנט זיך אויס־געריבן די שפּיץ נאָז און געזאָגט: — דו ווייסט ווער איך בין? — און אָן צו

וואָרטן אויף אַן ענטפער האָט ער צוגעגעבן: — אַדוואָקאַט גריי! — אַ סאַרקאַס־טישער שמייכל האָט אויסגעקרימט זיין פּנים.

רחל האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט. אויך ער זי. זיינע ברעמען זענען געווען צונויפגעצויגן, זיין בליק שאַרף. זי האָט געוואַרט ער זאָל ממשיך זיין, רעדן. די שטילקייט אין שטוב איז פאַרביידן געווען נישט באַקוועם. ער האָט נאָך מער פאַרזשמורעט די אויגן, זיי ווי פאַרמאַכט. ער האָט דערגאָסן צו איר גלעזל און עס איר דערלאַנגט. איצט האָט ער זיך אָנגעגאָסן זיין גלעזל. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און מיט איין שלונג אויסגעליידיקט ס׳גלעזל. זי האָט וואָס שנעלער געוואָלט פּטור ווערן פון דער אומבאַטעמטער זויערקייט. ער האָט זיך אַריינגעגאָסן אַ דריט גלעזל און באַלד דערנאָך ס׳פּערטע. ער האָט דערפילט ווי דער אַלקאָהאָל צעגייט זיך אים איבערן קערפּער. זי האָט דערזען, אַז ער האָט זיך אויסגעגליכן, ווי גרעסער געוואָרן. ער האָט ווידער פאַרזשמורעט די אויגן און זי אָנגעקוקט, ווי ער זאָל אַריבערקוקן איבער איר. זיינע אויגן האָבן געגליט. אַ פאַרקוקטער אין איר האָט ער פאַמעלעך גענומען זיך באַוועגן, ביז ער איז שטיין געבליבן איר אַנטקעגן.

מיט אַ מאָל האָט ער אויסגעשטרעקט די אָרעמס און מיט כּוח זי צוגעדריקט צו זיך. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. זיינע נאָז־לעפלעך האָבן געפלאַטערט. זיין אויבערשטע ליפּ האָט געשוויצט, ער איז צוגעפאַלן צו איר. זי האָט אַריבער־געלייגט אירע הענט איבער זיינע אַקסלען.

שוין עטלעכע חדשים ווי רחל אַרבעט ביי גרייען. זי האָט שוין נישט קיין שום שוועריקייטן ביי דער אַרבעט. זי דערליידיקט אַלע ענינים. זי קען אַלע באַאַמטע אין „טאַבו" און ווייסט צו וועמען זיך צו ווענדן וועגן אַלע ענינים. זי קען אַלע קאַפּריזן פון די קליענטן און זיי באַקומען ביי איר אַלע נויטיקע אינפאָר־מאַציעס. גריי איז זייער צופרידן פון זיין סעקרעטאַרין. רחל פאַרלויפט אים יעדן וועג. די אַרבעט אינטערעסירט איר. די מענטשן, מיט וועלכע זי קומט אין באַרי־רונג זענען אַנדערע ווי אין דער שכונה. זי האָט צו טאָן מיט באַאַמטע, מיט אַדוואָקאַטן און ריכטער. איבעריק צו זאָגן, אַז מיטן ענדערן די סביבה האָט זיך אויך געענדערט איר אויסזען. אין די שיך אויף די הויכע קלעצלעך זעט זי איצט אויס ווי העכער און שלאַנקער. איר קערפּער איז גלאַט און יאַדערדיק, אירע האָר קאַשטאַן־רויט, אירע ליפּן זענען געשמירט — בלוט־רויט און זענען שטענדיק צונויפגעצויגן ווי ביי אַ קינד וואָס קלייבט זיך לאַכן.

אַהיים קומט זי נאָר שלאָפן. זי עסט אין גאַס. פאַראַן טעג ווען זי זעט די מאַמע נאָר אין די נעכט, שוין אַ שלאָפנדיקע. די מוטער ווידער זעט רחלען נאָר אין דער פרי בעת זי שלאָפט. די מוטער איז איר שוין נישט געווען נויטיק. זי האָט אַ חוץ איר חודש־געהאַלט יעדע וואָך באַקומען פון גרייען עטלעכע פונט אויף הוצאות. אויך מתּנות האָט ער איר געבראַכט: זייף, אַ ליפּן־שטיפט אָדער זאָקן.

זי האָט זיך צוגעוווינט צו איר ניי אָרט לעבן. זי האָט דערפֿון אויך הנאה געהאַט. נישט איין מאָל איז זי אייליק אַריין אין ביוראָ און מיט התלהבות געזאָגט גרייען:

— אַה! האָב איך איצט געזען אַ פּאָר שיך אין שויפֿענצטער, אַ פֿאַנטאַזיע!

אַ צווייט מאָל איז זי אַריין אין ביוראָ און אַ פֿאַרזאָרגטע אים צו וויסן געטאָן:

— לויט כ׳האָב איצט געזען אין די שויפֿענצטערס, וועט מען צום נייעם סעזאָן טראָגן לענגערע קליידער, ווי מיינע.

ער האָט יעדעס מאָל פֿאַרשטאַנען איר רמז. יעדעס מאָל, ווען זי האָט אים צו וויסן געטאָן וועגן אַ מאָדע־ענדערונג, האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער בוזעמטאַש און שווייגנדיק אַנידערגעלייגט איר אויפֿן טיש עטלעכע באַנק־נאָטן. ער האָט זיך נאָר געהיטן, אַז לידאַ — זיין ווייב — און ריווע, זיין פּופּצן־יאָריקע טאָכטער, זאָלן זיך חלילה נישט דערוויסן. ער האָט נישט געוואָלט קיין סקאַנדאַל.

רחל האָט געהאַט אַ סך פֿרייע צייט. דעם גאַנצן נאָכמיטאָג. זי האָט אַ סך צייט פֿאַרברענגט אויפֿן ברעג ים. זי האָט ליב געהאַט זיך פּליוסקען אין וואַסער און זיך ברענען אויף דער זון. זי איז געשווומען ווי אַ פֿיש און דערוועקט התפּעלות ביי מענטשן. אַלע פּלאַזשע־באַזוכער האָבן זי געקענט. זי האָט געטראָגן שוואַרצע, קורצע, אויסגעפּאַסטע טריקאָ־הייזלעך און אַ שמאָלן אָראַנזש־רויטן ביוסטן־האַלטער.

די אָוונטן האָט זי מערסטנטייל פֿאַרברענגט אין קאַפֿע „צל״, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ ווינקל פֿון צוויי גאַסן. פֿון דאָרט האָט זי געזען דעם ים. דאָס רוב קאַפֿע־באַזוכער זענען מערסטנטייל געווען נייע עולים. יעדער האָט גערעדט זיין שפּראַך. רחל, וועלכע האָט נישט פֿאַרשטאַנען זייער לשון, איז געזעסן אַליין מיט אַ פֿאַרוואָרפֿענעם קאָפּ און קיינעם נישט געשאָנקען קיין בליק. זי איז געזעסן און אַ שטויס זשורנאַלן נעבן איר. אַ מאָל, אַ מאָל האָט זי אַ בלעטער געטאָן אַ זשורנאַל און דערביי פֿון דער זייט אַ קוק געטאָן וואָס מענטשן טוען. נאָכן אָוונט־ברויט איז זי געגאַנגען אין קינאָ, כמעט יעדן אָוונט. דער פֿילם איז געוואָרן איר תאווה.

מיכאל איז געווען שטאָלץ, וואָס זיין פֿריינדין איז אַ סעקרעטאַרין ביי אַן אַדוואָקאַט. ווען עמעץ פֿון די שאָפֿערן האָט זי באַמערקט און אים אַ זאָג געטאָן:

— זי גייט! — האָט מיכאל אים אויסגעבעסערט, ספּק ערנסט, ספּק איראָניש:

— די דאַמע גייט! — ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז שטאָלץ, וואָס זי אַרבעט ביי אַן אַדוואָקאַט, נאָר אויך זי חושד געווען, אַז גריי איז פֿאַר איר מער ווי אַן אַרבעטס־געבער. איצט האָט ער אויף איר געוואָרט. אַ סך מאָל האָט ער אויך געמוזט צו איר קלינגען, זיך אָפּרעדן מיט איר. נישט איין מאָל האָט ער אויך אַ טראַכט געטאָן: — איך דאַרף מיט איר ענדיקן — אָבער איר חן האָט אים געלאָקט. אויך זיין געוויסן איז נישט געווען ריין: — איך בין דאָך ביי איר געווען דער ערשטער — האָט ער איבערגעחזרט.

אָבער זיין באַציִונג צו איר האָט זיך געענדערט. איצט האָט ער מיט איר נאָר געגעסן אין די רעסטאָראַנען, ווו די טישן זענען געווען געדעקט מיט ווייסע טישטעכער און די קעלנער זענען געווען אָנגעטאָן אין שוואַרץ. אויך אין די נאַכט־לאָקאַלן איז ער מער מיט איר נישט געזעסן ביים באַר, נאָר ביי אַ טישל און אַ קעלנער האָט זיי באַדינט. ער האָט אַלץ געטאָן רחל זאָל אין אים נישט נאָר זען דעם שאָפער. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז מיט זיין אָנשטרענגונג און אויפפירן זיך, וועט ער ביי איר ווערן חשוב, ווי דער אַדוואָקאַט אירער. אָבער איר באַשלוס איז שוין געווען רייף ביזן סוף. זי איז אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטע. יעדע קלענסטע פּאַסירונג האָט זי דענערווירט. זי האָט איצט לאַווירט צווישן דער סביבה פון וואַנען זי שטאַמט און דער סביבה אין וועלכער זי געפינט זיך. זי האָט זיך געהיטן, אויסבאַהאַלטן איר אַפּשטאַם.

מער ווי איבערשרייבן דאָס אָנגעשריבענע האָט זי דערווייל נישט געקענט. מער ווי פאָלקסשול־בילדונג האָט זי נישט געהאַט. אָבער זי האָט זיך אויפגעפירט לויט די אָנווייזונגען פון דער בראָשור: „ווי אַזוי מצליח צו זיין אין דער געזעל־שאַפט". זי איז נאָך נישט געווען זיכער צי זי טוט אַלץ ריכטיק, דערפאַר האָט זי זיך אָנגעשטרענגט, גערעדט וואָס ווייניקער. איר ענטפער אויף אַלע פראַגן איז געווען אין נוסח:

— הער גריי וועט זיין מאָרגן.

— הער גריי איז אין געריכט...

— איך וועל איבערגעבן...

אויף אַלע איר נישט קלאָרע פראַגן האָט זי געענטפערט מיט אַ קאָפּשאָקל, וואָס האָט געקענט זיין צווייִדייטיק.

אויך לגבי גרייען האָט זי געמוזט שפּילן אַ טאָפּלטע ראָלע. זי איז געווען צופרידן וואָס זי אַרבעט ביי אַן אָנגעזעענעם אַדוואָקאַט און טרעפט זיך מיט אים פּריוואַט, אָבער זי האָט עס נישט אַרויסגעוויזן, להיפך, ווען זיי האָבן פאַרברענגט „טאַנדו" איז זי געווען אַראָגאַנט צו אים. זי האָט זיך צו אים באַצויגן ווי זי זאָל אים טאָן אַ טובה. ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי אים אַ זאָג געטאָן: — איך זאָג דיר!

יעדעס מאָל האָט זי פון אים פאַרלאַנגט עפּעס אַנדערש. זי האָט געפאָדערט ער זאָל מיט איר פאָרן פאַרברענגען אויפן כרמל, ער זאָל מיט איר דערשיינען עפנטלעך, גיין מיט איר אין טעאַטער. זי האָט געוואָלט מענטשן זאָל זי זען אין זיין געזעלשאַפט. איר האָט נישט געאַרט וואָס ער איז אַ בעל־משפחה און טאָפּלט אַלט ווי זי. ער האָט זיך אָבער געהיטן, נישט געוואָלט איבערכאַפּן די מאָס, מענטשן זאָלן אים נישט באַרעדן. אויך זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט נישט נאָכ־קומען אירע פאַרלאַנגען, אָבער זי האָט כסדר ביי אים געפאָדערט נאָך און נאָך. ביז אין איינעם אַ טאָג האָט זי אים פאָרגעשלאָגן:

— דינג מיר אַ צימער אין שטאָט!

ער האָט איינגעשטימט.

פון דעמאָלט אָן קומט זי נישט שלאָפן אין שטוב אין דער מוטערס פּאַרלאָ־זענער דירה מיט די גרויע, געזעצטע באַלאַטן, מיט דער ברוינער אָפּגעשיילטער שאַנק, וואָס איז איצט נאָך מער אויסגעקרימט און פאַרהויקערט. אויך דער מוטערס קני האָבן פון אַלטקייט זיך אויסגעבויגן אין גיין, ווי ביי אַ קוואָקע. אין אַ נאָכ־מיטאָג, ווען רחל איז אייליק ווי אַריינגעפאַלן אין שטוב, איז די מוטער געזעסן און געלאַטעט אַ פאַרגרויט פון אַלטקייט ליילעך. רחל איז שטיין געבליבן איר אַנטקעגן און זי אָנגעקוקט. זי האָט באַצוווּנגען איר רחמנות און אַ זאָג געטאָן:

— איך צי זיך אַרויס פון דאַנען.

די מוטער איז זיצן געבליבן מיט דער נאָדל אין דער האַנט, אירע קינבאַקן האָבן געציטערט, אירע אויגן זענען געוועזן שטאַר, איר מויל אָפן. זי האָט אָפּגע־אָטעמט און געפרעגט די טאָכטער מיט אַ שוואַך קול, וואָס מען האָט קוים געהערט:

— ווו אַהין?

רחל האָט איר נישט געענטפערט. זי האָט נאָר געזאָגט „שלום", ווי זי זאָל גיין אין קינאָ, און אַוועק צו דער טיר. אויף דער שוועל שוין האָט זי זיך אויסגעדרייט און געזאָגט:

— איבערמאָרגן וועל איך קומען נעמען די זאַכן.

די מוטער, וועלכע איז די גאַנצע צייט געזעסן ווי אַ פאַרגליווערטע, האָט אַ זיפץ געטאָן און זיך גענומען שאָקלען ווי זי זאָל דאַווענען. מיט אַ מאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אַ מיידל אַליין אין שטאָט.

זי האָט זיך אויסגערענגט די הענט־געלענקען און דערביי נישט אַרויסגעלאָזט די נאָדל פון די פינגער.

זי האָט אויסגעגליכן איר רוקן און געזאָגט, ווי זי זאָל זיך טרייסטן און באַרעכטיקן דער טאָכטערס האַנדלונג:

— וואָס קאָן שוין אַ מיידל דערלעבן אין דער שכונה?

זי איז געזעסן מיט דער נאָדל אין האַנט, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן פול טרערן. זי איז פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען, אַרויפגעוואָרפן אויפן טיש דאָס ליילעך, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט און זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט. איר פּנים האָט זי איינגענורעט אין קישן. אירע אַקסלען האָבן זיך געטרייסלט, זי האָט געוויינט.

שליסל־געלט און איינצוואָרדענען ס'צימער האָט געגעבן גריי. דאָס צימער האָט זיך רחל אויסגעזוכט. זי האָט אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט מיטן בעל־הבית. די גאַנצע צייט וואָס זי האָט זיך געפּאַרעט ביים צימער האָט זי מיט מיכאלן זיך נישט געטראָפן. ווען זי האָט באַקומען דעם שליסל און זי איז איבערגעטרעטן די שוועל פון איר צימער, האָט זי באַשלאָסן מער זיך מיט אים נישט צוטרעפן.

רחל האָט פאַרשטאַנען, אַז מיכאל זוכט זי, וויל זי זען. דערפאַר איז זי יעדן

טאָג, אַוועק פריער פון דער אַרבעט. ער האָט כסדר צו איר געקלונגען. גריי האָט פאַר איר געענטפערט: — זי איז נישטאָ.

איין טאָג, נאָכמיטאָג, איז מיכאל אַריין צו גרייען אין ביוראָ. אָן צו זאָגן שלום האָט ער געפרעגט: — ווו איז רחל?

ווי נאָר גריי האָט אים איינגעזען האָט ער זיך אַריינגעזעצט טיפער אין פאָטעל, ווי ער זאָל אין אים אַריינפאַלן. ביידע האָבן זיך אויסגעמיטן מיט די בליקן. באַלד האָט גריי זיך באַהערשט, אים געזאָגט „ביטע"! און אָנגעוויזן אים אַ פאָטעל. מיכאל האָט אים נישט געענטפערט נאָר אים אָנגעקוקט מלא כעס און געפרעגט: — רחל איז שוין אַוועק?

— זי וווינט אויף דער פרנס־גאַס — האָט ער אים געענטפערט און זיך איינגעקוקט אין דאָקומענט וואָס איז געלעגן פאַר אים.

— אַ דאַנק און שלום! — האָט מיכאל געזאָגט און שנעל צוריק אַוועק.

— שלום! — האָט גריי אים שטיל געענטפערט און נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

רחל האָט דערהערנדיק דעם קלונג געעפנט די טיר. דערזעענדיק מיכאלן האָט איר פאַרפעלט אָטעם, אָבער תיכף האָט זי זיך צעשמייכלט און געזאָגט:

—אַה, מיכאל, האָסט געטראָפן!

ער האָט איר נישט געענטפערט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן צימער אויף צעשטעלטע פיס און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט באַטראַכט די בלויע מיט רויטע בלומען סאָפע, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער; דאָס נידעריקע טישל מיט די צוויי האַלבע פאָטעלן. אין ווינקל זענען געשטאַנען אָפענע, נישט אויס־געפּאַקטע וואַליזעס — אירע זאַכן.

— הם! — האָט ער אַ ברום געטאָן. ער האָט זיך אונטערגעשפּאַרט די זייט מיט דער לינקער האַנט. זיין פנים איז געווען ערנסט און אָנגעשטרענגט.

— דאָ וועט וווינען אַן אַנדערע, ווי אין דער שכונה...

רחל האָט פאַרצויגן די ליפּן און מיט כעס געענטפערט: — יאָ!

מיכאל האָט אויף איר אַ קוק געטאָן ווי ער זאָל איבער איר אַריבערקוקן. איר „יאָ" האָט אים פאַרדראָסן. אויך זי האָט אים דרייסט אַ קוק געטאָן אין די אויגן. איצט האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און גוטמוטיק איר אַ זאָג געטאָן, ווי עס זאָל צווישן זיי גאָרנישט האָבן פּאַסירט: — דו ביסט מיד, קום עסן.

אירע פאַרזשמורעטע אויגן האָבן אים נאָך שאַרפער אָנגעקוקט און גלייכגילטיק אים צו וויסן געטאָן:

— איך וואַרט אויפן דעקאָראַטאָר.

מיכאל האָט איינגעביסן זיין אויבערשטע ליפּ און דער כעס האָט אים אַרויס־געקוקט פון די אויגן. זי האָט געקענט זיין אימפּולסיוון כאַראַקטער און געוווּסט צו וואָס ער איז פעיִק, האָט זי אים געזאָגט: — קום מאָרגן אין אָונט, איך וועל אויף דיר וואַרטן.

זיין פנים האָט זיך אויסגעלייטערט און ער האָט אַ פּליסטער געטאָן: — גוט.

ער האָט געשטעלט אַ טריט, זי אַרומגענומען, איר אַ קוש געטאָן אין באַק און געזאָגט: — זאָל דיר זיין מיט מזל.

— אַ דאַנק — האָט זי געזאָגט און באַלד צוגעגעבן: — איצט גיי!

ער האָט ווידער זיך איינגעקוקט אין איר. איר פּנים איז געווען מיד.

— צום ווידערזען — האָט ער איר געזאָגט און אַוועק צו דער טיר. זי האָט אים נישט געענטפערט. זי איז געשטאַנען ווי זי זאָל האָבן צוגעוואַקסן צום אָרט. זי האָט אים נאָר באַגלייט מיטן בליק.

רחל האָט זיך לייכט צוגעפּאַסט צו דער נייער סביבה, זיך איינגעלעבט אין די ברייטע גאַסן מיט די הויכע הייזער, ווי זי זאָל זיין דאָרט געבוירן. זי האָט זיך געפילט און געפירט ווי אַלע שטאָטישע. איין מאָל אין דער וואָך איז זי געפאָרן צו דער מוטער. אַ מאָל האָט זי אויך פאַרפעלט. זי האָט ליב געהאַט איר צימער, וואָס האָט נאָר איר געהערט: די ברוין־פּאָרנירטע שאַנק, איר ראַדיאָ און די געלע שוואַרץ־קאַרירטע פאָרהאַנגען, איר בונטן קילים אויף דעם פּאָל און דעם פאַר־מעטענעם אַבאַזשור, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון דער סטעליע.

זי האָט מיט גרייען שוין נישט פאַרברענגט אויף דער שמאָלער ביורא־קאָזעטקע. גריי איז איצט געקומען צו איר. זי האָט אָבער, געהאַט נאָר אַן איינגע־אָרדנט צימער, אָבער נישט קיין היים. זי האָט געלעבט אין שטאָט אָבער געווען איינזאַם. זי האָט איצט וויניקער פאַרבראַכט ביים ים, אָבער מער געזעסן אין די קאַפעען. זי האָט געהאַט אַ סך צייט און זיך געגוויטיקט אין געזעלשאַפט, געוואָלט זיך עפּנטלעך טרעפן מיט מענטשן און נישט בסתר ווי מיט גרייען. זי האָט באַשלאָסן אין איר פרייער צייט לערנען ענגליש. זי האָט זיך פאַרשריבן אויף אַ קורס אין דער שפּראַכן־שול „וויסן". צו דער ערשטער לעקציע איז זי געגאַנגען מיט פרייד, אַז זי איז ווידער אַ שילערין ווי אַ מאָל.

מיסטער פּאַרקינס, אַ בלאָנדער, הויכער פאַרשוין, וואָס זיין שרונט איז געווען פּונקט אין דער מיט פון קאָפּ, ווי ביי אַ פרוי, און האָט געטראָגן ברילן מיט אַ ברייטער ראָם פון האָרן. ער האָט טיטולירט זיינע תלמידים, ניין פרויען און זעקס מענער — דאַמע אָדער הער. רחל האָט זיך באַלד איבערצייגט אַז די לערע וועט איר נישט אָנקומען שווער. זי איז געווען פלייסיק. שעהן איז זי געלעגן אויף דער סאָפע און זיך איינגעחזרט די לאַטייניש בוכשטאַבן, סילאַביזירט ווערטער און צונויפגעשטעלט זאַצן. זי האָט געלערנט, אָבער אויך נישט פאַרנאַכלעסיקט אַנדערע ענינים. זי האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, געמאַכט קאָנטשאַפט מיט מענטשן. איר שכנה אויף דער לעקציע איז געווען בערטע, וועמען עס איז שווער אָנגעקומען דאָס לערנען. זי איז געקומען אין לאַנד מיט דער עלית הנוער און אַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער. זיי האָבן זיך באַפריינדעט. זיי האָבן סך הכל געלערנט דריי חדשים. בערטע האָט איבערגעריסן די לערע, זי איז געווען מיד פון דער אַרבעט. רחל האָט זיך באַגנוגנט מיט דעם וואָס זי איז מצליח געווען אין לערנען. זי האָט

געלייענט שטומפּיק, אָבער דאָך געלייענט. זי האָט זיך געקויפט טאַשן־ביכער און זיי מיטגענומען צו דער אַרבעט. אין ביוראָ האָט זי נישט געלייענט אָבער זיך באַמיט גריי זאָל זען, אַז זי לייענט ענגליש. די בשותפותע לערע פון איר און בערטען האָט אויפגעהערט, אָבער זייער פריינדשאַפט האָט אָנגעהאַלטן. רחל איז געקומען צו בערטען גערן. בערטע האָט געוווינט אין אַ צוויי־צימער־וווינונג אויף פּאַרטער. דער אַריינגאַנג צו איר איז געווען דורכן הויף. רחל האָט זיך גוט געפילט אין דער דירה וואָס איז געווען אַ האַלבער קעלער. ווען בערטע האָט זי איינגעלאַדן צום עסן האָט עס געקאָנט זיין ווי באַשיידן, אָבער רחלען האָט עס גליקלעך געמאַכט. זי האָט באַוווּנדערט איר גוטן געשמאַק. בערטעס מעבל זענען געווען כמעט טונקל־ברוין און מאַסיוו. די בעטן זענען געווען הויכע, דער טיש איז געווען צום אַרויסרוקן, די שאַנק איז געווען טיף און ברייט, אפילו די סאָפע איז געווען אַ ברייטע און הויך געבעט. דער פּערסישער דיוואַן אויפן פּאָל איז שוין געווען אויסגעטרעטן. ער האָט נאָך געהערט צו איר מאַנס פּאַולס עלטערן. פּאַול איז געווען עלטער פון בערטען. זיין שיידל איז געווען גלאַטיק אָן איין האָר און גע־גלאַנצט. ער איז געווען לייטער אין „פּאַמעקס" אויפן וועג קיין פּתח־תקוה. אָפּט איז ער אויך באַשעפטיקט אין די אָוונטן. ער איז נישט געווען איבערגליקלעך מיט דער פריינדשאַפט, אָבער בערטע האָט מיט אים איינגעטענהט און ער האָט איר נאָכגעגעבן אוןביידע האָבן זיי אָפט באַזוכט רחלען. בערטע האָט זי כסדר געלויבט:

— קוק ווי פליייסיק און שפּאָרזאַם זי איז. אַ מיידל אין איר עלטער און האָט זיך שוין דערוואָרבן אַן אייגן צימער. מיר אַרבעטן ביידע און וווינען נאָך אין אַ פּאַרטער־דירה.

פּאַול האָט אויסגעהערט בערטען און נישט רעאַגירט אויף אירע רייד. ער איז נאָר געווען צופרידן, וואָס בערטע האָט מיט וועמען צו פאַרברענגען אַן אָוונט. איין מאָל נאָך אַ באַזוך ביי רחלען האָט בערטע אים ווידער געזאָגט:

— זי איז זייער קלוג.

דאָס מאָל האָט ער איר נישט פאַרשוויגן:

— זי נעמט אויף געסט לויט אַ רעצעפּט. שטענדיק די זעלבע ביסקוויטן, די זעלבע לאַנדרינקעס און די אייביקע באַניע־קערלעך — און זיך צעלאַכט.

בערטע האָט אים נישט געענטפערט. דעם גאַנצן וועג ביז אַהיים האָבן ביידע געשוויגן. די פריינדשאַפט צווישן בערטען און רחלען האָט אָנגעהאַלטן. לרוב איז פּאָול אין די אָוונטן געווען פאַרנומען. בערטע האָט געקענט צוזאַמען מיט רחלען גיין אין קאַפע אָדער אין קינאָ. נישט איין מאָל איז בערטע געבליבן דערשטוינט פון רחלס צוגאַנג צום לעבן, ווי אַזוי זי האָט געלייגט אַכט נאָר אויף דער דעקאָ־ראַטיווער זייט פון פילם. דער אינהאַלט האָט איר כמעט נישט אינטערעסירט. פּונקט אַזוי האָבן איר אינטערעסירט די מענטשן אין קאַפע — ווי זיי זענען אָנגע־טאָן און ווי אַזוי זיי באַנעמען זיך. בערטע האָט נישט געוווּסט, אַז רחל פאַרברענגט מיט מיכאלן אַ סך אָוונטן אין די עלעגאַנטע קאַפעען. זי האָט נישט געוווּסט ווי

רחל לאַוורירט צווישן זיי דריי — גריי, בערטע און מיכאל. זי האָט אויך נישט געוווסט, אַז זיי זענען פאַר איר אַ טאָג־טעגלעכע געוווינהייט. זי האָט זיך געגויטיקט אין נייע מענטשן און אין אַ נייער סביבה, אַ מער עלעגאַנטע. זי האָט געשטרעבט צו נאָך מער. זי האָט נישט באַמערקט רחלס התפעלות, ווען זי האָט געזען אַ פרוי באַהאַנגען מיט שמוק, ווי אירע גלאָז־גרויע אויגן האָבן אַ גלימער געטאָן פון אַנטציקונג, ווען זי האָט דערזען אַ שאַרמאַנטן מאַן. זי האָט נישט געוווסט, אַז זי טרעפט זיך מיט מיכאלן און במילא נישט באַגריפן אירע רייד, ווען זי איז געזעסן מיט איר אין אַ קאַפע:

— קוק ווי אַזוי מענטשן לעבן!

אין איינעם אַן אָוונט איז רחל מיט מיכאלן געזעסן אין „רעקס". זיי האָבן נאָר וואָס אָפּגעגעסן אַ זאַטע מאָלצייט. אין זאַל איז געווען שטיל, נאָר עטלעכע מענטשן האָבן געגעסן. די קעלנער זענען געשטאַנען ביים באַר. מיכאל האָט געררויכערט און געטרונקען אַ גלאָז ביר. רחל איז געזעסן מיט פונאַנדערגענומענע פיס און מיט איבערגעלייגטע הענט איבער דעם קאָזעטקע־אָנלען. זי איז געווען איבערגעגעסן. ער האָט אַנגענומען מיט דער האַנט ס׳גלאָז און געפרעגט רחלען: — מירן גיין?

די פעטע זעטיקייט איז איר קאַפּויער געקומען. זי האָט דערפילט אַן איבל צו זיך. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט:

— דו דאַרפסט נאָר אַרבעטן, עסן און שלאָפן!

ער האָט איר נישט געענטפערט, אפילו נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, שוין געוווינט געווען צו אירע טענות, נאָר זיינע ליפּן האָבן אַ צי געטאָן פון דעם סיגאַר. ער האָט זיך פאַרצויגן און דעם רעשט רויך אַרויסגעלאָזט דורך דער נאָז. אָבער זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. זיין שווייגן האָט זי נאָך מער אויפגערעגט. זי האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט מיט כעס: — אפילו אַ סיגאַר דאַרף מען וויסן, ווי אַזוי צו רייכערן!

איצט האָט ער אַ ביסל אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, זי אָנגעקוקט און איר געענטפערט:

— אַ גרויסע תורה!

זי איז רויט געוואָרן פון כעס. זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן און סאַרקאַסטיש אים געזאָגט:

— אָבער דו ווייסט נישט!

אויך איצט האָט ער איר נישט געענטפערט, אָבער זיינע פינגער האָבן נערוועז געמאַרשט די סיגאַר וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט. אויך זי האָט געשוויגן אָבער געסאָפּעט. מיכאל האָט לאַנגזאַם אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זי געפרעגט:

— דו לערנסט מיך? — ער האָט גערעדט שטיל אָבער באַטאַנט יעדעס וואָרט.

איצט האָט זי אים נישט געענטפערט. ער איז געוואָרן ביי זיך זיכערער און געזאָגט איר: — ווי לאַנג איז, אַז איך האָב דיך געלערנט?

רחלס פאַרזשמורעטע אויגן האָבן זיך שאַרף איינגעקוקט אין אים און זי האָט בייז אויפן קול אים געזאָגט:

— טרינק! טרינק ווייטער!

ער האָט פאַרמרוזשעט אַן אויג, געווען צופרידן ווייל ער האָט געוווּסט, אַז ער טוט וואָס זי וויל. עס האָט אים ווי געטאָן, ער האָט זיך געבונטעוועט און דאָך איר נאָכגעגעבן. ער איז מיט איר געגאַנגען אין „קנקן" ווען זי האָט געוואָלט. ער האָט דעם קאַפע פיינט געהאַט. רחל האָט געקענט די אַלע וואָס זענען געקומען אין „קנקן". אַלע דאָרט האָבן זי געקענט. זי האָט אין „קנקן" זיך אויסגעלעבט. אינעם ריח פון געפּרעגלטן אייל, וואָס האָט זיך צונויפגעמישט מיט אַלקאָהאָל־זויער, האָט זי שנעלער געאָטעמט. אינעם ריח־ווירבל האָט זי זיך אָפּגעפונען. אינעם מענטשן־געדראַנג איז זי מער נישט געווען איינזאַם. ספּעציעל זענען איר געפעלן די קינסט־לער וועלכע פלעגן זיך דאָרט צונויפקומען. איר איז דווקא געפעלן זייער אָפּגע־לאָזנקייט. זי האָט הנאה געהאַט זען ווי זיי זיצן אָפּגערוקט פון טיש מיט פאַרלייגטע פיס. זי האָט נישט איין מאָל זיך צוגעהערט צו זייערע רווישיקע דיסקוסיעס, כאָטש זי האָט נישט פאַרשטאַנען איבער וואָס זיי אַמפּערן זיך. די קינסטלער האָבן איר אינטערעסירט און אויך געשראָקן. זי האָט יעדעס מאָל זיי באַטראַכט און באַוווּנ־דערט. פאַר איר זענען זיי עס געווען די וואָס שטעלן צונויף די פאַרשידענע מעשהס אין די קרימינאַל־ביכלעך. זי האָט זיך אָבער געהיטן קיינער זאָל חלילה נישט וויסן ווער זי איז. זי האָט אָבער געוואָלט אַלע זאָלן זי זען. זי האָט מיט אַלע אירע חושים געשטרעבט זיך אַריינבאַקומען אין דער געזעלשאַפט. אָבער מיכאל שטערט איר. זי האָט אַלץ געטאָן, זי זאָל אים נמאס ווערן. זי האָט אים געלאָזט וואַרטן אויף זיך. אַז ער האָט גערעדט צו איר, האָט זי אים באַלד נישט געענטפערט. זי האָט אים אויך נישט פאַרגעשטעלט פאַר אירע נייע באַקאַנטע. ער האָט נישט רעאַגירט. ער האָט זיך צו קיינעם פון די קאַפע־באַזוכער נישט דערנענטערט. ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט אויך זי אַרויסשלעפּן פון דאַנען. זי וועט מיט אים גיין אין אַ קאַפע, וואָס איז אים ליב. אָבער זי האָט אַלץ געטאָן צו בלייבן דאָ, אינעם מענטשן־ווירוואַר. זי האָט שוין געקענט אַ סך מענטשן פון די „קנקן"־באַזוכער: דער לאַנגער, אויסגעצויגענער זעליק מיט די פּלאַטפיס, וואָס האָט גייענדיק זיך אָנגעלענט אויף אַ דיקן שטעקן, פלעגט איר אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ.

אויך וויקי, דער הויכער, אויסגעגעסענער פאַרשוין, מיט זיין העל־פלאַקסענער ווי אָפּבלאַקירטער פון דער זון טשופּרינע, איז געווען איר באַקאַנטער. וויקי איז געווען געזונט. ס'בלוט האָט געשפּראָצט פון זיין פּנים. צוליב דעם קאָליר פון זיין פּנים האָבן אים מענטשן גערופן דער „רויטער". ער האָט געאַרבעט אויף אַ טראַק־טאָר. ער האָט עטלעכע מאָל צוגערופן רחלען זי זאָל מיט אים עסן. ער האָט אָפט געגעסן אין „קנקן", אָבער שטענדיק דאָס זעלבע מאכל: ווורשט אויף אַ בלעכערנעם טעלער באַגאָסן מיט ספּירט און אַ גרויס גלעזל קאָניאַק. ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט דער קעלנער אַוועקגעשטעלט פאַר אים זיין מאָלצייט, די מאָל־צייט פון אַן אַלטן קאַוואַליר. ער האָט מיט גרויס חשיבות אָנגעצונדן דעם ספּירט, די הענט אַוועקגעלייגט אויף די קני און אַן אַנגעשטרענגטער געקוקט אויפן פלאַקער, ווי ער זאָל אָפּריכטן אַ תפילה. ער איז געזעסן אַ פאַרקוקטער אינעם פלאַם, און

געפילט אויף זיך די בליקן פון די באַזוכער. אויך רבן דער קאָמפּאָזיטאָר, אַ נידע־ריקער ייד מיט אַ רויטער הויט און אַ דיקן האַלדז וואָס האָט שטענדיק זיך אונטער־געברומט אַ חסידישן ניגון האָט זיך געוואָלט דערנענטערן צו רחלען. אָבער זי האָט אים אויסגעמיטן. זיינע ברייטע האַנטפּלאַכן, זיינע טיף פאַרזונקענע אויגן אין די אויגן־לעכער און זיין געל, געדיכט בערדל, האָבן איר דערמאָנט אין פאַרשטאָר־בענעם פאָטער אויף וויפל זי האָט אים נאָך געדענקט.

עס האָבן איר נישט געפעלט קיין באַקאַנטע. זי האָט אַלע געקענט. זי האָט אָן יעדער העמונג זיך צוגעזעצט צו אַ טישל, ביי וועלכן עס זענען געזעסן מענטשן, וועלכע זי האָט בכלל נישט געקענט. אויך די קעלנער האָט זי גערופן ביים נאָמען: יעקב, שמואל. זי האָט געלאַכט הויך אויפן קול אַלע זאָלן זי הערן און זען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ווו עס איז געווען אַ פרייער פּלאַץ, אָבער אַמליבסטן איז זי געזעסן מיט די שלאַנקע, באַבערדיקטע בחורים וואָס האָבן געטראָגן בונטע, רוישיקע העמדער אַריבערגעלאָזט איבער די הויזן. אָבער זיך קיין מאָל נישט באַטייליקט אין זייערס אַ שמועס, זי האָט נישט געוואָגט. זי איז געזעסן און געשוויגן, אָבער אויך זיך באַמיט זיי שטערן מיט אַ פּלוצימער פראַגע: — איז וואָס זאָגט איר? וועלכע פוטבאָל־מאַנשאַפט וועט דעם שבת געווינען?

צו אירע באַקאַנטע האָט אויך געהערט סאַלאַנט, רבנס פריינד. ער איז פאַר איר געווען דער געלערנטער, וואָס קען די וועלט. ער איז געווען קליין און דאַר, מיט אַ גרויסן קאָפּ אַריינגעלאָזט אין די אַקסלען. ער אַליין האָט פאַר יעדן זיך פאַרגעשטעלט: „ביוושע רעדאַקטאָר". ער האָט די צווי ווערטער אַזוי געזאָגט מען זאָל הערן זיין איראָניע, אַליין פון זיך געלאַכט, אָבער אויך געוואָלט מענטשן זאָלן טאַקע וויסן, אַז ער איז געווען אַ רעדאַקטאָר. אין ליטע ווו ער האָט איבער־געלאָזט זיין ווייב מיט די דריי קינדער האָט ער רעדאַגירט אַ פּראָווינצער וואָכנ־בלעטל. דאָ אין לאַנד איז ער געגאַנגען איבער די הייזער און פאַרקויפט ווערט־פּאַפּירן אויף אויסצאָלן.

ער איז געווען עלנט, אָבער קיין מאָל נישט אַליין. אַרום אים זענען שטענדיק געווען מענטשן. ער האָט געוווינט אין אַ דאַך־שטיבל ביים ירקון אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט זיין אַדרעס. דאָס איז אויך נישט געווען נויטיק. זיין פּאַקטישע וווינונג איז געווען דער „קנקן". אין דעם קאַפע האָט ער פאַרבראַכט זיינע טעג און האַלבע נעכט. אין שטוב איז ער נאָר געשלאָפן די איבערגעבליבענע נאַכט־שעהן. בדרך כלל איז ער געווען צוגעלייגט. אָבער, אַז ער האָט זיך אָנגעטרונקען איז ער געוואָרן פריילעך — זיך געוויצלט אויפן אייגענעם חשבון:

— מיר איז גוט. איך בין נישט ראָטשילדס אייניקל. איך האָב נישט קיין ווילע און אויך נישט קיין קאַדילאַק. מיין עלטער־זיידע האָט געגעסן ברויט געטונקט אין זאַלץ. מיר זענען געגנוג מיינע פיר ליידיקע ווענט אויפן פינפטן שטאָק. מיין בעט איז שטענדיק אויפגעבעט, ווי אַ מאָל ביי מיין רבין, אָבער איך בין אַ סך רייכער פון אים. איך האָב אַ דאַך מיט ליידיקע פלעשער — און זיך צעלאַכט — כאַ, כאַ, כאַ.

בשעת ער האָט גערעדט און געלאַכט איז זיין פּנים געווען רויט פון שיכּרות און אָנשטרענגונג. די מענטשן אין קאַפע האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד כאָטש יעדער האָט שוין געוווּסט, וואָס ער וועט זאָגן. איבערהויפּט האָבן זיך צו אים צוגע־הערט די פרויען, צו זיין רויער און גלייכצייטיק ווייכער שטימע. פון מאָל צו מאָל האָט ער וועמען פון די פרויען איינגערוימט אַ סוד אויפן אויער. זי איז רויט געוואָרן און געשמייכלט. ווען ער האָט זיך אָנגעטרונקען האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ גלאַדיאַטאָר און רעציטירט פון קאָפּ אַ קאַפּיטל תּנ״ך, מערסטנטייל ישעיהון אָדער איובן. ווען ער האָט דערגרייכט זיינס — די מענטשן האָבן אים אויסגעהערט — האָט ער פּלוצים איבערגעריסן. ער האָט זיך נאָר אַרומגעקוקט צו זען דעם איינדרוק אויף די מענטשן. זיין בליק איז געווען טרויעריק. צומאָרגנס, ווען ער איז געקומען אין קאַפע אַריין אַן אויסגעניכטערטער, האָט ער יעדן באַקאַנטן גע־זאָגט: — דאָס איז דער סך־הכּל.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט ווייל קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס ער מיינט. אַלע האָבן נאָר געוווּסט, אַז סאַלאַנט דאַרף אָנשרייבן אַ גרויסע עפּאָפּעע, אַ טרילאָגיע, אָבער ביז ער וועט זיך נעמען שרייבן זיינע ביכער האָט ער דערווייל פאַרברענגט מיט פרויען. יעדע צוויי, דריי וואָכן איז ער דערשינען אין „קנקן" מיט אַן אַנדערער פרוי. לעצטנס גייט ער אַרום מיט רחלען. מען זעט זיי אָפט עסן צוזאַמען. זי איז געזעסן מיטן גאָפּל אין האַנט, פאַרגעסן, אַז זי דאַרף עסן און זיך צוגעהערט צו זיינע מעשׂהס.

ער, מיט אַ רויט פּנים און פאַרגלייזטע אויגן, האָט געוואָרפן מיט די הענט ווי ער זאָל וועלן וועמען שלאָגן — איר פאַרשטיין געגעבן דעם ענין. ער האָט זי געלערנט וואָס מען דאַרף לייענען און ווי אַזוי מען דאַרף לייענען. זי האָט אים אויסגעהערט און געשוויגן. זי האָט אים נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זי איז מסכּים.

אַ מאָל איז ער מיט איר געגאַנגען אין טעאַטער, אויב עס איז אים געלונגען באַקומען אַן איינלאַדונג. אויך אין טעאַטער האָט ער זיך אַרום איר געפּאַרעט, איר אויפגעקלערט דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע און אין דער הפסקה זי געפירט צום בופעט. נאָך דער פאָרשטעלונג איז ער מיט איר געגאַנגען צופוס אין „קנקן" אַריין. ער האָט גערעדט דעם גאַנצן וועג. ער האָט גערעדט צו זיך אָבער זי זאָל הערן. מיט פאַרלייגטע אויף הינטן הענט, האָט ער זיך אַנאַליזירט די פאָרשטעלונג, דאָס שפּילן פון די אַרטיסטן, ווי דער רעזשיסער האָט פאַרשטאַנען די פּיעסע, ווי אַזוי דער מאָלער האָט זיך אויסגעדריקט אין די דעקאָראַציעס. זי האָט זיך צוגע־הערט און געשוויגן. נאָר ווען זי האָט איבערגעטרעטן די שוועל פון „קנקן" האָט זי ווי צוריק אויפגעלעבט. די אָנגעדראָלטע לופט, אַדורכגעזאַפּטע מיט מענטשן־שווייס און זויערער פעטקייט, האָט זי איינגעהילט. אינעם קאַפע־געפּילדער, דעם בענקל־געררוק, דעם באַשטעק־קלאַנג און דעם זשום פון דער מענטשן־פלוידעריי, האָט רחל זיך דערפילט פריי. נאָר פון מאָל צו מאָל האָט זי מיט פּחד זיך אַרומ־געקוקט צי מיכאל שטייט נישט אין אַ ווינקל, אָדער צי ער קומט נישט אָן. עטלעכע

מאָל ווען זי האָט אים דערזען איז זי שנעל אַרויס דורך דער הינטערשטער טיר. אָבער ער פלעגט קומען אין קאָפּע אַריין נאָר גאַנץ שפּעט, ווען ער האָט געענדיקט זיין אַרבעט. זיין געראַנגל מיט איר איז ביי אים געווען אַן אַמביציע און כבוד פון אַ מאַן, אָבער ער האָט געדולדיק געוואַרט. נאָר זינט זי גייט אַרום מיט סאַלאַנטן איז ער געוואָרן אַגרעסיוו. אָפּט ווען זי איז געזעסן מיט סאַלאַנטן, האָט זי פּלוצים דערהערט זיין באַס־שטימע:

— קום!

ווען זי האָט דערזען זיינע צעגליטע אויגן און זיין שטאַרע גאָמבע האָט זי שנעל געזאָגט סאַלאַנטן „שלום" און איז אין געאייל אַוועק מיט מיכאלן, וואָס איז בדרך־כלל געווען שכור און אָנגעברוגזט. אַן אָנגעווייטיקטער האָט ער אָפּט מיט איר איינגעטענהט, ווי ער זאָל זיך ביי איר בעטן:

— וואָס שלעפּסטו זיך אַרום מיט די אַלע „באָסאָקעס" (באָרוועסע). זיי האָבן דאָך אפילו נישט קיין קאָווע צו באַצאָלן. און איצט דער אַלטער תרח — ער קען דאָך זיין דיין זיידע!...

זיינע רייד האָט ער פאַרענדיקט מיט כעס, איבערהויפּט ווען זי האָט געשוויגן:

— קום שוין צום רב!

זי האָט ווי אַ קינד צונויפגעצויגן די ליפּן און צעפּיעשטשעט אים געענט־פערט:

— איך בין נאָך יונג, מירן וואַרטן.

ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז נאָר אַן אויסרייד. ער איז שטיין געבליבן אויף צעשטעלטע פיס מיט די הענט אין די טאַשן, אַ פאַרריסענעם קאָפּ און מיט אַ הייזע־ריק קול, ווי ער זאָל ציילן די ווערטער איר געזאָגט:

— וואָס שפּילסטו די אינטעליגענטין? איך ווייס דאָך יאָ ווער דו ביסט!

רחל וועלכע האָט אים געקענט אַדורך און דורך, זיין כאַראַקטער, האָט פאַר־שטאַנען, אַז זי דאַרף אים מפייס זיין. זי האָט אים אָנגענומען, אים געגלעט און געקושט ביז ער האָט זיך באַרויִקט.

אָבער ווען איר איז געלונגען אַרויסגיין דורך דער הינטערשטער טיר, איידער ער האָט זי באַמערקט, איז זי אַוועק צו בערטען. די האַלב קילע קעלער־שטוב איז געווען די איינציקע היים, ווו זי האָט געקאָנט אַריינקומען פּונקט ווי בערטע איז געווען די איינציקע פרוי פאַר וועלכער זי האָט זיך געקאָנט אַראָפּרעדן פון האַרצן. אמת, זי האָט בערטען נישט אַלץ פאַרטרויט. בערטע האָט עס געפילט איבערהויפּט, אַז זי האָט שוין געוווסט, אַז זי טרעפט זיך מיט מיכאלן און אויך מיט סאַלאַנטן, אָבער בערטע האָט זי נישט געקוועלט.

דעם לעצטן דינסטיק, ווען רחל איז צו איר אַריין אַ פאַרסאָפּעטע האָט בערטע שטיל, ווי זי זאָל זיך שרעקן פאַר זיך אַליין, זי געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

רחל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַ ווילע געשוויגן אָבער שפּעטער האָט זי איר געזאָגט:

— מיכאל מאַטערט מיך, לאָזט מיך נישט לעבן.

בערטע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געפֿרעגט:

— אפשר דאָך?

בערטעס פּנים איז רויט געוואָרן פֿון בושה אָבער זי האָט ממשיך געווען:

— ער איז ייִנגער פֿון סאַלאַנטן.

רחל האָט אַ קוק געטאָן אויף בערטען. איר בליק איז געווען שטרענג:

— כ'דאַרף זײַ בײַדן — האָט זי געזאָגט מיט כּעס.

— דו ווילסט עסן? — האָט בערטע זי געפֿרעגט. זי האָט געוואָלט איבערגיין אויף אַן אַנדער טעמע.

— כ'האָב שוין געגעסן!

— אַ גוטער גאַסט. קומסט שטענדיק אַ זאַטע — האָט בערטע איר געענטפֿערט און אַוועקגעשטעלט פֿאַר איר אַ טעלערל מיט שאָקאָלאַדקעס.

יעדעס מאָל, ווען זי איז אַנטלאָפֿן פֿון מיכאלן איז זי געבליבן בײַ בערטען ביז שפּעט און איר געהאָלפֿן אין דער שטוב־אַרבעט. אויך דעם אָוונט איז זי געבליבן בײַ בערטען ביז שפּעט. אָבער דאָס מאָל איז זי פֿון דאָרט נישט געגאַנגען אַהיים, נאָר צוריק אַוועק אין „קנקן". זי איז געווען זיכער, אַז מיכאלן איז נמאס געוואָרן וואַרטן אויף איר, אָבער זי איז געוואָרן איבערראַשט ווען זי איז אַרײַן אין קאַפֿע און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אויף זײַנע. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פּחד, ער זי מיט רציחה.

די קאַפֿע־זיצער זענען זיך שוין געהאַט פֿונאַנדערגעגאַנגען. דער דורכגאַנג צווישן די טישלעך איז געווען פֿרײַ. רחל איז צו אים צוגעגאַנגען. זײַן פּנים איז געווען רויט, זײַנע אויגן האָבן געגליט פֿון כּעס. זי איז שטיק געבליבן אָן צו זאָגן אַ וואָרט.

— ווו ביסטו געווען? — האָט ער געפֿרעגט און נישט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ.

זי האָט אים נישט געענטפֿערט.

— פֿאַר וואָס האָסטו נישט געוואַרט אויף מיר?

— איך האָב נישט געוווסט, אַז דו וועסט קומען, בין איך געגאַנגען צו בערטען.

— בערטע — האָט ער אַדורכגעשטופּט דעם נאָמען דורך די ציין, ווי ער זאָל קרעכצן פֿון ווייטיק.

ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפֿגעשטעלט ווי אַ זקן.

— קום! — האָט ער געזאָגט שטיל אָבער מיט בּאַפֿעל.

ער איז געגאַנגען פֿאָרויס. די ניכפּה האָט אים געפֿירט, זי איז אים נאָכגעגאַנגען. זי האָט געזען, אַז ער גייט מיט איר דורך גאַסן, דורך וועלכע זײַ זענען קיין מאָל נישט געגאַנגען. איר איז באַפֿאַלן אַ פּחד. אַ שאַרפֿער ווינט האָט געשמיסן אירע נאַקעטע פֿיס און אונטערגעהויבן איר ראָק. זי האָט געציטערט פֿון קעלט און זיך פֿאַרקנעפּלט ס'זשאַקעטל. די נאַכט־פֿינצטערניש איז געווען אַ געדיכטע, דער הימל פֿאַרוואָלקנט. נאָר ווען מיכאל האָט געוואָלט אַרײַנגיין אין אַ געסל, האָט רחל אים אַ פֿרעג געטאָן:

— ווּ אַהין פירסטו מיך ?

— צו קוניקן, דאָרט איז פריילעך — האָט ער איר געענטפערט און געגאַנגען ווייטער.

רחל איז געשטאַנען, זיך נישט גערירט פון אָרט. קוניק איז געווען דער גאַ־ראַזשניק, ביי וועמען מיכאל האָט רעפּאַרירט זיין אויטאָ. רחל איז ביי קוניקן אין שטוב נאָך קיין מאָל נישט געווען.

— איך גיי נישט ! — האָט זי אים אַנטשלאָסן געזאָגט און געשטאַנען אויף אַן אָרט.

— וואָס ?! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און איז צו איר צוגעשפּרונגען מיט אימפּעט. צוויי פּעטש האָבן הילכיק אָפּגעקלונגען אויף אירע באַקן.

— וואָס שלאָגסטו מיך ?! — האָט זי געשריגן פון מורא און ווייטיק און זיך געטרייסלט פון אויפרעגונג.

איר געשריי האָט פאַרהאַלטן די עטלעכע פאַרשפּעטיקטע פאַרבייגייער.

אַ דיקער עלטערער פאַרשוין האָט געשריגן : — פּאָליציי !

מיכאל האָט אַריינגעלאָזט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און זיך געלאָזט גיין. ער איז געגאַנגען שנעל. ער האָט מורא געהאַט מענטשן זאָלן אים נישט דערקענען. אויך רחל האָט זיך געלאָזט גיין ווילד, מיט אימפּעט. זי האָט געוואָלט וואָס שנעלער קומען אַהיים.

רחל האָט זיך איבערגעוועקט און דערפילט אונטער זיך די ווייכקייט פון דעם מאַטראַץ. זי האָט אויסגעצויגן די פיס און דערפילט אירע אברים. זיי זענען געווען אָנגעשטרענגט. זי איז געשלאָפן עטלעכע שעה, אָבער זי איז עטלעכע שעה געלעגן וואָך איידער זי איז איינגעשלאָפן. זי האָט נאָך געפילט די פּעטש, וואָס זי האָט באַקומען פון מיכאלן. אירע באַקן האָבן געגליט. זי איז געווען צעהיצט, ווי זי זאָל פיבערן און אויפגעהאָרכט פול אימה — אַט קלאַפּט אַן אין טיר מיכאל.

ערשט איצט, אינעם גרויען מאָרגן, האָט זי זיך אַלץ דערמאָנט. אונטער די פענצטער האָבן געריסן ווינטן. זיי האָבן צעטריבן און פונאַנדערגעיאָגט די וואָלקנס. עס זענען געפאַלן שיטערע אָבער דיקע טראָפּנס ווי אַרבעס וואָס האָבן געקלאַפּט אין די שויבן. זי האָט ווידער געפּרוּווט טראַכטן וואָס ס'איז געשען. איר מוח איז אָבער געווען טעמפּ. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר האַנט־זייגער און אַראָפּגע־שפּרונגען פון בעט.

צו דער אַרבעט איז רחל אָנגעקומען צו דער צייט. די איינגאַנג־טיר האָט זי געעפנט נאָר אין דער העלפט און ווי אַ שולדיקע זיך אַריינגעשלייכט אין ביוראָ. אויף איר טיש איז געלעגן אַ צעטל : „איך בין אין חיפה, גריי". איר פּנים איז רויט געוואָרן פון כעס. זי האָט גאַליק זיך אַ זאָג געטאָן : — ער איז מיר מודיע אָפיציעל. זי איז געווען בייז. דווקא איצט האָט זי געוואָלט האָבן גרייען נעבן זיך. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָס צימער איז איר געווען גוט באַקאַנט. אַלץ איז געווען ווי

פריער. גרייס צעטל האָט זי אויפגעהאָנגען אויף דער טיר פון דרויסן און זי איז אַוועק אין שטאָט.

זי איז אַוועק אויף דער פּאָסט און אָפּגענומען די קאָרעספּאָנדענץ. פון דאָרט איז זי אַוועק אין „טאַבו" דערליידיקן ענינים. אין „אוצר" האָט זי באַצאָלט פּאָר אַ קליינט פאַרמעגן־שטייער. זי איז געגאַנגען שנעל. גייענדיק האָט זי כסדר זיך אומגעקוקט צי מיכאל גייט איר נישט נאָך. ווען זי איז צוריק אַריין אין ביורא איז שטיין געבליבן אַ פאַרמאַטערטע. זי האָט זיך ווידער געוואָלט דערמאַנען דעם נעכ־טיקן אָוונט פון אָנהויב אָן — און נישט געקאָנט. זי האָט אַ טראַכט געטאָן וואָס זי דאַרף טאָן. זי איז געווען פריי. אָבער זי האָט זיך נישט געהאַט ווו אַהין צוטאָן. זי איז געווען עלנט. דער זייגער איז שוין געווען האַלב צוועלף. זי האָט דערפילט אַ הונגער. זי האָט אָבער גענאַרפט מען זאָל איר דערלאַנגען ס'עסן. זי האָט באַ־שלאָסן צו פאָרן צו דער מוטער.

די לופט ביי דער מוטער אין צימער איז געווען טוכלע. פון די ווענט און אין די ווינקלען איז אַראָפּגעהאָנגען שפּינוועבס. פון וואַסער־קראַן האָט געקאַפּעט, די טראָפּנס זענען געפאַלן מאָנאָטאָן, ווי יעדער טראָפּן זאָל אַדורכלעכערן די גרויע טוכלעקייט.

— רחלע! — דער מוטערס פריידיקער אויסרוף און די מוטערס אויסזען און הולך, האָבן איבערגעריסן אירע טרויעריקע געדאַנקען. די מוטער איז געשטאַנען פון דער צווייטער זייט טיש. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט פון פרייד. זי האָט געגנו־מען ווישן אירע הענט אין דער שטשערקע, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. דאָך איז זי נישט צוגעגאַנגען צו דער טאָכטער. זי האָט אויף זיך געהאַט דאָס פאַרבלוטיקטע אַרבעט־קלייד.

— טאָכטער, אַ ווײלע! — האָט זי געזאָגט און איז אַוועק אין ווינקל צום קראַן איבערבייטן איר קלייד.

אויך רחל האָט אויסגעטאָן איר מאַנטל, אים אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל. זי איז געווען פאַרמאַטערט. די מוטער האָט אייליק צוגעקנעפּלט איר כאַלאַט.

— רחלע, וואָס מאַכסטו?

רחל האָט איבערגעבויגן איבערן בענקל־אָנלען איר אויבערשטע טייל קערפּער און געזאָגט:

— איך שטאַרב עסן!

באַלד, מיין קינד — האָט די מוטער אַ צופרידענע איר געענטפערט און זיך צעשמייכלט. דער שמייכל האָט אַביסל אויסגעגליכן דער מוטערס צעקנייטשטע פּנים. זי האָט אָנגעצונדן די קנויט־מאַשינקע און אַרויפגעשטעלט אַ טעפּל. זי האָט איבער אַ האַלבן טיש פונאַנדערגעשפּרייט אַ ניילאָן־טישטעך און געברענגט אַ האַלב ברייטל, אַן אָנגעהויבן פּעקל מאַרגאַרין אין פּאַפּיר, אַ מעסער מיט אַ גאָפּל און צוויי לעפל. זי האָט אַרויפגעשטעלט אַ זאַלץ־מעסטל און דערלאַנגט אַ טעלערל מיט אַ צעשניטענע טאָמאַטע און אַ שטיקל ציבל אין דער זייט.

רחל האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן. זי האָט אייליק זיך אָפּגעשניטן אַ מוציא־ברויט, זי באַשמירט מיט מאַרגאַרין און מיט אַפּעטיט איינגעביסן אירע ציין אינעם ברויט. ערשט איצט האָט זי דערפילט ווי הונגעריק זי איז. די מוטער איז געשטאַנען ביי דער קאָך־מאַשינקע און פון ווייטן באַטראַכט די טאָכטער. איר האַרץ האָט געקוואָלן ווי שיין איר טאָכטער איז. איר האָט נאָר געאַרט, וואָס זי איז אַזוי בלאַס. פון פרייד האָט זי זיך אויסגערענגט די פינגער און זיך נישט פאַרגונען צו קוקן אויף דער טאָכטער. דאָס שטאַרצל אויפן טעפּל האָט גענומען קלאַפּן.

— שוין, מיין קינד, איך גיב שוין אויף — האָט די מוטער געזאָגט. זי האָט אַוועקגעשטעלט צוויי פולע טעלער און זיך אויך אַוועקגעזעצט עסן. רחל האָט דער־פילט אין מויל דעם טעם פון דער גוט צוגעברוינטער קאַרטאָפל־זופּ.

— מאַמע, שוין לאַנג נישט געפילט דעם טעם פון דיין געקעכטס — האָט זי איר געזאָגט.

מלכהס לעפל איז געבליבן שטעקן אין איר טעלער זופּ. זי האָט אַ גליקלעכע אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער.

— איך בין זאַט — האָט רחל געזאָגט און אָפּגערוקט פון זיך דעם ליידיקן טעלער.

— צו געזונט! — האָט די מוטער איר געענטפערט. אירע אויגן זענען געווען פייכט, פאַרלאָפן פון פרייד. זי איז געזעסן און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער טאָכטערס שיין פּנים. דערביי האָט זי מיט דער האַנט צונויפגעשאַרט אויפן טיש די ברויט־ברייזעלעך. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און נישט זיכער אַ פרעג געטאָן, ווי זי זאָל אַריינרעדן אין חלל:

— און וואָס איז מכח אַ בחור?

רחל האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער אַן איבערראַשטע, אָבער באַלד האָט זי זיך באַרויִקט, זיך צעשמייכלט און געזאָגט:

— בעסער עטלעכע בחורים, ווי איינער.

די מוטער האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און מיט דער צונג זיך אָפּגעווישט די ליפּן. דער טאָכטערס ענטפער האָט זי איבערראַשט.

רחל האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש. זי איז צוגעגאַנגען צום בעט און זיך אַוועקגעלייגט. די מוטער האָט אָפּגערוקט איר בענקל פון טיש און איז געבליבן זיצן. זי איז געזעסן און געקוקט אויף דער טאָכטער.

אויך רחל איז געלעגן אַן אויסגעצויגענע מיט צעלייגטע הענט און פיס איבער דער ברייט פון בעט און באַטראַכט די מוטער וואָס איז דאַרער געוואָרן. אירעביינער זענען נאָך בולטער געוואָרן, אירע שאַטיגנע האָר האָבן ביי די וואָרצלען זיך שוין געגרויט. פון ווייטן האָבן אירע האָר אויסגעזען ווי זיי זאָלן זיין אָפּבלאָ־קירט. רחל האָט געזען, אַז די מוטער האָט זיך געעלטערט. זי האָט זי באַדויערט. פּלוצים האָט זי זיך אַ זאָג געטאָן:

— גוט וואָס איך בין שוין וויט פון דאַנען און פון די מענטשן דאָ.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך האַסטיק אויפגעזעצט, אַראָפּגעלאָזט די פיס פון בעט און נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער.

— גוט וואָס איך האָב דיך געזען, איך מוז שוין גיין — האָט זי געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט. זי האָט אויף זיך אויסגעגליכן איר בלוי, פלאַנעלן קלייד וואָס איז געווען אויסגעפּאַסט לויט איר פיגור. זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַריבערגעקוקט צו אפרימען אין הויז. זי האָט זיך דערמאָנט אין דער נעכטיקער געשעעניש מיט מיכאלן. אויך די מוטער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— דו מוזט שוין גיין, מיין קינד? — איר שטימע איז געווען האַרציק ווייך.

— יאָ — האָט זי שטיל געזאָגט.

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, פאַרוואָרפן אויף זיך איר מאַנטל און אים פאַרקנעפּלט. אַ פאַרטראַכטע האָט זי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף דער מוטערס אַקסל, זיך צוגעבויגן צו איר און איר אַ קוש געטאָן. — זיי געזונט — האָט זי איילִיק איר געזאָגט און אַוועק צו דער טיר.

— גיי געזונט, מיין קינד — האָט די מוטער איר געענטפערט. צוויי גרויסע טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן. אַז רחל האָט נאָך זיך פאַרמאַכט די טיר, האָט די מוטער זיך אָפּגעווישט מיט איר אויסגעאַרבעטער האַנט דעם שווייס פון שטערן.

דער באַזוך ביי דער מוטער האָט רחלען באַרויִקט. זי האָט ווי פאַרגעסן, אויס־געמעקט די נעכטיקע אַוואַנטורע מיט מיכאלן. איצט האָט זי באַשלאָסן, אַז זי וועט מער נישט גיין צו אים אין די אָוונטן — נישט צו אים און נישט צו אַנדערע. — רו דאַרף איך, רו — האָט זי געטראַכט און באַשלאָסן, אַז אַפילו מיט גרייען וועט זי זיך אויך ווייניקער טרעפן.

איצט איז זי נישט אַרויס פון שטוב. זי איז נאָר געגאַנגען צו דער אַרבעט, דערנאָך געקומען אַהיים און געלעגן אויף דער סאָפע. זי האָט זיך געפוילט עפּעס צו טאָן. מערסטנטייל איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן. ערשט איצט האָט זי געזען איר צימער. ערשט איצט, האָט זי געפילט, אַז דאָס צימער איז אירס.

ערשט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז זי אַרויס אין גאַס. זי איז געגאַנגען ביי די ווענט פון די הייזער, ווי זי זאָל מורא האָבן פאַר דער אָפענער גאַס. זי איז געגאַנגען און באַטראַכט די שוי־פענצטער און זיך צוגעהערט צום געפילדער אין דער גאַס. דער ריטם פון לעבן אַרום האָט זי איצט נישט געלאָקט. זי איז געווען צוריקגעהאַלטן. איר לעבנס־אימפּעט איז געוואָרן לאַנגזאַמער. זי האָט איצט אַנ־דערש ווי אַ מאָל באַגריפן ענינים. זי האָט שוין געוווּסט, אַז אין לעבן איז שווערער ווי זי האָט געמיינט.

רחל האָט דערווייל נישט געזוכט קיין באַקאַנטע. זי איז אַפילו נישט געגאַנגען אין „קנקן". זי האָט איצט פאַרבראַנגט אין די זייטיקע, שטילע קאַפעען. זי איז געזעסן אַליין איבער אַ שטויס זשורנאַלן און באַטראַכט די בילדער. זי האָט זיך געלאַנגווײַליקט, אָבער נאָך נישט געקענט קומען צווישן מענטשן. גייענדיק אויף דער גאַס האָט זי זיך נאָך אומגעקוקט, צי מיכאל גייט איר נישט נאָך. זי האָט געלעבט אין פּחד. פאַר מורא האָט זי געגעבן „צדקה" יעדן בעטלער, וואָס זי

האָט געטראָפֿן אויף דער גאַס. אין די אָוונטן איז זי געזעסן אין שטוב און געלייענט קרימינאַל־ראָמאַנען, וואָס זענען איר שוין געווען איבערדריסיק. אָט לייענט זי דעם „פּאַרלוירענעם שליסל” אַ קרימינאַל־ראָמאַן. פּלוצים האָט זי אַ וואָרף געטאָן ס׳בוך אויף דער ערד. זי איז אויפגעשפּרונגען פֿון דער סאָפֿע און זיך צעשריגן: — אַ מנוול! זי אויסגענוצט און זי איבערגעלאָזט!

אין אירע רייד האָט זיך געפֿילט מיטלייד און פֿאַרדראָס. אָבער זי איז שטיין געבליבן אַ פֿאַרטראַכטע. זי האָט זיך ווידער אַ מאָל דערמאָנט אין מיכאלן. אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, אָבער באַלד האָט זי אַ זאָג געטאָן ווי זי זאָל זיך שטראָפֿן: — גענוג! — און אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט, ווי צו באַ־שטעטיקן איר באַשלוס. זי האָט אָפּגעאָטעמט, איר איז לײַכטער געוואָרן אויפֿן געמיט און האָט באַשלאָסן:

— איך גיי צו בערטען.

— שלום רחלע — האָט בערטע געשריגן פֿון פֿרייד און איר געעפֿנט די טיר.

רחל האָט איר נישט געענטפֿערט, נאָר אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט מורא געהאַט, אַז בערטע ווייסט וועגן דעם סקאַנדאַל, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן איר מיט מיכאלן. אָבער בערטע האָט געשטראַלט פֿון פֿרייד.

— רחלע, וואָס זעט מען דיך נישט? בערטע האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפֿער. זי האָט זי גענומען אונטערן אָרעם.

— קום, מירן עסן צוזאַמען — האָט בערטע געזאָגט און זי אַרײַנגעפֿירט אין קיך. רחל איז געזעסן אויפֿן בענקל אַזוי ווי זי איז געקומען אין מאַנטל. בערטע האָט באַמערקט, אַז איר חברטע איז צעטראָגן אָבער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי זעט נישט. זי איז געשטאַנען און געשניטן ברויט און די מוציאלעך באַלייגט מיט לעבער־וווּרשט און פֿון דער זײַט זי באַטראַכט. רחל איז געזעסן מיט די עלנבויגנס איבערן טיש. דער קאָפּ אירער איז געלעגן אויף אירע האַנטפֿלאַכן. ווען בערטע האָט אויסגעענדיקט די סענדוויטשן האָט אויך זי זיך אַוועקגעזעצט. זי האָט גע־נומען אַ סענדעוויטש אין האַנט, אים דערלאַנגט רחלען און געזאָגט: — עס!

רחל האָט גענומען דעם סענדוויטש און פּאַמעלעך אים אײַנגעביסן. בערטע האָט זיך מער נישט געקענט אײַנהאַלטן און זי געפֿרעגט:

— רחל, וואָס איז געשען?

רחלס גלאָז־גרויע אויגן האָבן טרויעריק אָנגעקוקט בערטען אָבער זי האָט באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איר בליק האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַ רויט רעדל וואָס איז געווען אָנגעמאָלן אויף דער ווײַסער טיש־צעראַטע. זי האָט אַ ווײַלע באַטראַכט דאָס רעדל און געזאָגט:

— אַ מיידל פֿון אַ שכונה וואָס באַשליסט צו לעבן מוז קעמפֿן. אירע ווערטער זענען געווען טרוקן, אָן האַס און אָן טרויער. זי האָט נאָר פֿעסטגעשטעלט אַ פֿאַקט.

בערטע האָט זי דערשטוינט אָנגעקוקט. רחל האָט דערפֿילט אויף זיך איר בליק. פּאַמעלעך האָט זי אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן בערטען גלײַך אין די אויגן אַרײַן און איר דערציילט: — מיכאל האָט מיך געפּאַטשט.

זי האָט פֿאַרצויגן אירע ליפּן ווי אַ קינד, וואָס וויל זיך איינהאַלטן — נישט וויינען. זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס איבערגעבליבענע אין איר האַנט ברויט־רינדל און אויפֿגעשטעלט זיך. איר יונגע פּלייצע איז געווען אויסגעבויגן ווי אַ הויקער. — שלום! — האָט זי שטיל געזאָגט און איז שנעל אַרויס פֿון קיך. אָן זיך אומצוקוקן איז זי אַרויס אויף דער גאַס.

ערשט איצט האָט בערטע אַ דערשיטערטע אויפֿגעהויבן איר קאָפּ, געזוכט רחלען וואָס איז אַוועקגעלאָפֿן. אירע ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט גערופֿן רחל. אָבער זי איז שוין נישט געווען.

ביי בערטען אין שטוב האָט רחל זיך איינגעבראָכן, אָבער זי האָט נישט רע־זיגנירט פֿון אירס. זי איז געווען אַנטשלאָסן צו קעמפֿן ווייטער. זי איז צו דער אַרבעט איצט ווידער געגאַנגען מיט חשק. ביי דער אַרבעט האָט זי נישט געדענקט איר באַליידיקונג. זי איז געווען באַליידיקט, אָבער נישט געקרענקט. איר האָט איצט מער פֿאַרדראָסן איר שוואַכקייט ביי בערטען, ווי די פּעטש וואָס זי האָט באַ־קומען פֿון מיכאלן. זי האָט זיך געשעמט פֿאַר בערטען און מער זיך איר נישט געקענט ווייזן אויף די אויגן.

אויך גריי האָט באַמערקט, אַז רחל שוויגט און ליידט. ער האָט פֿון מאָל צו מאָל אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון די אַקטן און בייגעריק אַ קוק געטאָן אויף איר. נישט איין מאָל האָט ער געפּרוּווט מיט איר פֿאַרפֿירן אַ שמועס און זי אַ רוף געטאָן ביים נאָמען. זי האָט אים אָנגעקוקט, נאָר באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ממשיך געווען איר אַרבעט. נאָר ווען ער האָט דערזען זי זיצן מיט אַ פֿאַרשטיינערט פּנים, אַ פֿאַרקוקטע אין איין פּונקט האָט ער זי געפֿרעגט גוטמוטיק ווי אַ טאַטע:

— וואָס האָט פּאַסירט?

— גאָרנישט — האָט זי אים געענטפֿערט און ממשיך געווען איר אַרבעט. אָבער אין אַלגעמיין איז איר באַציִונג צו גרייען איצט געווען אַ מער דעליקאַטע ווי פֿריער. זי האָט אים איצט נישט אָפּגעענטפֿערט אַראָגאַנט.

זי האָט זיך אויפֿגעהערט טרעפֿן מיט מענטשן, אָבער נישט אויף לאַנג. עטלעכע וואָכן שפּעטער, אין אַ פֿאַרמיטאָג האָט געקלונגען דער טעלעפֿאָן.

— דאָס ביוראָ פֿון אַדוואָקאַט גריי — האָט רחל ווי שטענדיק אַ זאָג געטאָן אָבער דערביי אַ הויב געטאָן די אַקסלען און אַ פֿינטל געטאָן מיט די אויגן. זי האָט דערקענט סאַלאַנטס קול.

— שלום! — האָט זי אים געענטפֿערט.

סאַלאַנט האָט גערעדט און ווי שטענדיק זי נישט געלאָזט קומען צום וואָרט.

— רעדט שטילער — האָט זי אים געעצהט, אָבער זי אַליין האָט אים נאָכ־געשפּעט, איבערגעחזרט זיין יעדעס וואָרט: — ווו ביסטו טייערינקע? איך זוך דאָך דיך איבערן גאַנצן לאַנד! רחל האָט געהערט דורכן טעלעפֿאָן ווי סאַלאַנט מליאַסקעט מיט די ליפּן פֿון הנאה. רחל האָט געוואָלט אַוועקלייגן ס'טרייבל, אָבער

מיט אַ מאָל איז זי זיצן געבליבן אַ פּאַראַינטריגירטע און געהאַרכט ווייטער. זי האָט זיך צוגעהערט צו סאַלאַנטס רייד און גלייכצייטיק געזען מיכאלן, ווי ער האָט אויסגעזען דעם לעצטן אָוונט, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן. זי איז געזעסן ווי זי זאָל זיך איבערלייגן. ווען סאַלאַנט האָט געענדיקט רעדן האָט זי אים געזאָגט:

— מיט ווּעמען דו ווּעסט מיך צונויפפירן ווייס איך נישט. אַז פון דער טרעפונג וועט גאָרנישט אַרויסקומען, בין איך זיכער. אָבער מאָרגן זיבן אַ זייגער אין אָוונט וועל איך זיין אין „קנקן". — און זי האָט אַוועקגעלייגט ס'טרייבל.

ווען זי איז אַריין אין „קנקן" האָט סאַלאַנט שוין געוואַרט אויף איר. ער איז געזעסן אין ווינקל און געגעסן. זי איז שטיין געבליבן ביי דער טיר. די מיט פעטער זויערקייט דורכגעזאָפּטע לופט האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. ווי נאָר סאַלאַנט האָט זי דערזען האָט ער איר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זי גערופן. אין קאַפּע זענען אין דער צייט געווען ווייניק מענטשן. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט זען ווער עס איז געקומען.

— רחלע, שלום! — האָט סאַלאַנט אַ שריי געטאָן אַ גליקלעכער און מיטן פוס אָפּגערוקט אַ בענקל פאַר איר. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אָן אַ קוק צו טאָן אויף אים. אָבער ער האָט זי געשלונגען מיט די אויגן און געפרעגט:

— וואָס ווּעסטו עסן?

— גאָרנישט — האָט זי גלייכגילטיק געענטפערט. ערשט איצט האָט זי אים אָנגעקוקט. זיין אויסזען האָט זיך נישט געענדערט, נאָר זיין פּנים איז געווען רויט, ווייזט אויס ער האָט זיך אָנגעשטרענגט ביים עסן. ער האָט מיט איין אויג שפּאַטיש אַ קוק געטאָן אויף איר און געזאָגט דעם קעלנער:

— דערלאַנג איר אַזאַ פּאָרציע ווי מיר!

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, געוואַרט זי זאָל רעאַגירן. זי האָט געשוויגן. זי האָט נאָר מיט איין פינגער געקרישלט אַ נאָגל פון דעם אַנדערן פינגער. סאַלאַנט האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף איר מיט איין אויג. ער איז ביי זיך געוואָרן זיכע-רער. ער האָט זיך אָנגעבויגן — זיך דערנענטערט צו איר און אונ איינגערוימט איר אין אויער, ווי ער זאָל רעדן צו זיך:

— אויס רחל. רחל איז נישטאָ!

ווי ער זאָל איר דערציילן אַ סוד האָט ער צוגעגעבן:

— איך האָב געבענקט.

ער האָט פאַרמרוזשעט די אויגן. זיין פּנים האָט געפלאַמט פון תאווה.

זי האָט אים נייגעריק אָנגעקוקט. דער הויכער, דאַרער קעלנער מיטן פליך האָט אייליק זי באַגריסט, ווי אַראָפּגעשלונגען די ווערטער און אַוועקגעשטעלט פאַר איר אַ טעלערל מיט געהאַקטע לעבער, אַ פּאָרציע ברויט און אַ גרויס גלאָז ביר. רחל האָט אַ דורשטיקע אָפּגעטרונקען פון ביר. זי האָט דאָס צוריקגעשטעלטע

אויפן טיש גלאָז ביר נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט, נאָר געקוקט ווי דער בירשוים וועפּט. אַ ווײַלע האָבן בײדע געשוויגן. פּלוצים האָט זי געזאָגט:

— געהאַט אַן איבערלעבעניש.

סאַלאַנט האָט זי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— איך האָב געענדיקט מיט מיכאלן — האָט זי שטיל געזאָגט, ווי זי זאָל ציילן די ווערטער.

— דו ערגערסט זיך? — האָט סאַלאַנט זי געפרעגט בייז. ער האָט נישט געווארט אויף אַן ענטפער און אַליין געפּסקנט:

— ער איז פאַר דיר נישט קיין חבר. נישט דײַנס גלײַכן. גוט וואָס דו האָסט מיט אים געענדיקט. איך האָב אים נישט פאַרטראָגן אפילו פון דער ווײַטנס. ער האָט גערעדט און זי האָט געשוויגן. ווען ער איז שטיל געוואָרן האָט זי גענומען עסן. איר איז לײַכטער געוואָרן אויפן געמיט. זי איז געווען צופרידן וואָס אויך סאַלאַנט — נאָך אַ מענטש ווייסט, אַז זי האָט פאַרענדיקט מיט מיכאלן. זי האָט אָבער אים נישט דערציילט, אַז מיכאל האָט זי געפּאַטשט. ווען זי האָט געענדיקט עסן האָט סאַלאַנט זיך נאָך געפּאָרעט ביי זײַן טעלער. ער האָט פון שטענדיק אַן געגעסן פּאַמעלעך. זײַנע מאכלים זענען שטענדיק געוואָרן איבערגעשטאַנען. צום סוף האָט ער אַוועקגערוקט דעם טעלער מיט נאָך אַ סך עסן וואָס ער האָט איבער־געלאָזט. ער האָט מיט דער האַנט זיך אָפּגעווישט די ליפּן און כיטרע זי געפרעגט:

— פאַר וואָס פרעגסטו נישט צו וואָס איך זוך דיר?

אירע וויעס האָבן אַ לײַכטן ציטער געטאָן, אָבער זי האָט געשוויגן. סאַלאַנט האָט טאַקע פאַרגעזעצט:

— איך וויל דיך באַפרײַען פון דײַן זאַט־צופרידענעם בעל־הבית. אויך זײַן פּנים קען איך נישט אָנקוקן. בשעת ער האָט גערעדט האָט ער איר געקוקט אין פּנים אַרײַן, געוואָלט זען ווי אַזוי זײַנע רייד ווירקן אויף איר.

סאַלאַנט האָט געזען, אַז אירע גרויסע אויגן זענען נאָך גרעסער געוואָרן. ער האָט מיט דער האַנט אַ גלעט געטאָן איר האַנט וואָס איז געלעגן אויפן טיש און מיט אַ זעלבסטזיכערקייט געזאָגט:

— דו וועסט נישט בלײַבן אַ שיק־מיידל ביי אַן אַדוואָקאַט!

ער האָט פון דער זײַט אַ קוק געטאָן אויף איר, זען צי זי האָט זיך נישט באַ־לײדיקט. זי איז געזעסן אַרײַנגעטאָן אין זיך, ווי פאַריער, אָבער אַן איבערראַשטע. איר נײַגער איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. סאַלאַנט האָט איצט געשוויגן, אָבער לאַנג האָט ער נישט געקענט זיך אײַנהאַלטן און געזאָגט:

— דו וועסט זײַן אַ רעפּאָרטערין.

רחל איז זיצן געבליבן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און אַן אָפן מויל. איצט האָט סאַלאַנט באַשלאָסן שווײַגן. ער האָט נאָר געשמייכלט אונטער דער וואָנסע און ווידער איר געגלעט די האַנט.

— נו? — האָט זי אים איצט אַ פרעג געטאָן, נישט קענענדיק זיך שוין מער

איינהאַלטן. ער האָט שטאַרקער אַ גלעט געטאָן איר האַנט און אַ צופרידענער אַ לאַך געטאָן.

ער האָט זיך אָנגעבויגן — אָנגעלענט זיין קאָפּ אויף אירן און איר פּאַרטרויט דעם סוד: — נור, דער רעדאַקטאָר פון „עקספּרעס" האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט דיך באַשעפטיקן ביי אים אין דער צייטונג.

אירע גלאָז־גרויע אויגן האָבן ווי מיט אַ געבעט אַ קוק געטאָן אויף אים:

— איך קען נישט די אַרבעט.

אַ סאַרקאַסטישער שמייכל האָט אויסגעקרומט זיין אויבערשטע ליפּ. ער האָט איר אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג און לאַקאָניש געענטפערט:

— אויב איך האָב נורן געבעטן, וועסטו שוין ביי אים אַרבעטן. זי איז זיצן געבליבן אַ פאַרטראַכטע. סאַלאַנט האָט פון איר נישט אַראָפּגענומען די אויגן און צום סוף געזאָגט:

— מאָרגן ניין אין אָוונט טרעפן מיר זיך ווידער דאָ. דער ענין איז דערליידיקט. איצט קומט מיט מיר.

ער איז אויפגעשטאַנען און געוואַרט. ער איז נישט געווען זיכער, צי זי וועט גיין. אין דעם מאָמענט איז צו זיי צוגעגאַנגען אַ נידעריקער ייד.

— שלום! — האָט ער געזאָגט סאַלאַנטן און אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

— שלום נהרי! — האָט סאַלאַנט אים געענטפערט און געדריקט די האַנט. — ווען ביסטו געקומען?

נהרי איז געווען אַ הויכער באַאַמטער אין ירושלים.

— אָט איצט בין איך אַרויס פון אויטאָ. נהרי האָט זיך אַריינגעשטעקט אַ פינגער אונטערן קאָלנער און אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ ווי דער קאָלנער זאָל אים ענג זיין, אָבער דאָס האָט באַדייט — ווער איז זי?

סאַלאַנט האָט זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין זיין רמז. נהרי האָט אים יאָ פאַרשטאַנען און איז אַריבער צו אַ צווייטער טעמע:

— וואָס זאָגסטו צו די תנ"ך־חידושים וואָס חצרוני האָט פאַרעפנטלעכט, און ארצי? און דערביי זיך איינגעריבן די הענט. זיין גלאַטער קאָפּ האָט געגלאַנצט. זיינע קליינע אויגן האָבן אומרויִק געקוקט אויף רחלען.

סאַלאַנטן איז נישט געווען אָנגענעם שטיין, ווען רחל איז געזעסן. ער האָט זיך געוואָנדן צו נהרין און געזאָגט:

— זעץ זיך!

אָבער ביידע זענען געבליבן שטיין.

— דער תנ"ך איז דער אוצר פון פאָלק און איז הייליק! — האָט סאַלאַנט זיך צעשריגן און מיט דער פויסט אַ זעץ געטאָן אין טיש.

די קאַפע־זיצערס האָבן פאַרוווּנדערט אים אָנגעקוקט. אויך נהרי האָט נישט פאַרשטאַנען זיין פּלוצימע אויפרעגונג. רחל האָט אויסגענוצט דעם שעת הכושר. זי איז אויפגעשטאַנען און איילִיק געזאָגט סאַלאַנטן:

— מאָרגן ניין אַזייגער — אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַוועק.

סאַלאַנט איז כמעט אויפגעשפּרונגען, געוואָלט איר נאָכלויפן, אָבער ער האָט זיך געכאַפּט, עס פּאַסט נישט און ער איז געבליבן. ער האָט איר נאָר נאָכגעשריגן:
— שלום, רחל!

צומאָרגנס ווען רחל איז אַריין אין „קנקן" איז סאַלאַנט ווידער שוין געזעסן אין זעלבן ווינקל ווי נעכטן. פאַר אים אויפן טישל איז געשטאַנען אַ שמאָל גלאָז מיט קאָניאַק, פון וועלכן ער האָט געזופּט ווי ער זאָל טרינקען אַ גלאָז טיי.
— האַלאָ! — האָט רחל אַ געשריי געטאָן צו אים שוין פון ווייטן און אים אַ גריס געטאָן מיט דער האַנט ווי זי זאָל אים סאַלוטירן.
— שלום! רחלע — האָט ער איר געענטפערט און זי אָנגעמאָסטן מיט די אויגן פון אויבן אַראָפּ. ער איז אויף איר געווען בייז פאַר וואָס זי איז נעכטן פון אים אַנטלאָפן. זי האָט עס פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט דערפון נישט געמאַכט זיך קיין ווערן און זיך צוגעזעצט צו אים. ער האָט איר אונטערגערוקט ס׳גלאָז קאָניאַק און געזאָגט: — טרינק!
רחל האָט אַראָפּגעזופּט אַ פול מויל. זיין פּנים איז געגרינצלט געוואָרן פון פרייד.
דער אַלקאָהאָל האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ אַריין און זי האָט דערפילט אַ רויש. זי האָט אָפּגעזיפצט. איר איז ווי גרינגער געוואָרן אויפן געמיט. ערשט איצט האָט זי זיך באַפרייט פון אירע אַלע ספקות, וואָס האָבן זי געמאַטערט פון נעכטן אָן, נישט געלאָזט איר איינשלאָפן און געווען נערוועז ביי דער אַרבעט. איצט איז זי געווען מער זיכערער. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף סאַלאַנטן מיט אַ פאַר־מרוזשעטע אויג און געפרעגט:
— ווי אַזוי וועט זיך דאָס איינאָרדענען?
סאַלאַנט האָט אַ זופּ געטאָן פון זיין קאָניאַק און מיט דער אונטערשטער ליפּ זיך אָפּגעווישט די אויבערשטע. ער האָט מיטן רוקן זיך אָנגעשפּאַרט אינעם בענקל־אָנלען און זיך איינגעקוקט אין רחלען, ווי ער זאָל זי פרעגן צי ס׳איז כדאי ער זאָל איר זאָגן. זי האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז יאָ.
— וואָס איז דער ענין? — האָט זי געפרעגט.
— איך וויל דיך מאַכן פאַר אַ זשורנאַליסטין און לאַקאָניש צוגעגעבן: — אויב דו וועסט נאָר וועלן.
— וועלן מוזן צוויי — האָט זי געענטפערט און שטיל געבליבן. זי האָט געוואַרט ער זאָל איר דערקלערן.
אין דעם מאָמענט האָט ער אַ ווונק געטאָן צו איינעם וואָס איז אַריין אין קאַפע און אים אויסגעשטרעקט די האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דאָס גלאָז, ווי ער זאָל אים פאַרבעטן צו זיין טיש. דער אָנגעקומענער האָט זיך צעלאַכט און איז צוגעגאַנגען צו זיי מיט אַן עלאַסטישן און אויסגעצויגענעם טריט.
— זייט באַקאַנט! רעדאַקטאָר נור — רחל — האָט סאַלאַנט פייערלעך געזאָגט.
זיי האָבן זיך געגעבן די הענט. נור האָט זי גלייך אָפּגעמאָסטן מיטן בליק.

זי האָט אים אָנגעקוקט פון דער זייט. ער איז איר געפעלן. אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, הויך און שלאַנק, מיט אַ גלייכער נאָז, שוואַרצן קאָפּ האָר מיט אַ שרונט און גוט פאַרקעמט. ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט האָט סאַלאַנט צוגע־רופן דעם קעלנער:

— אַ טערקישע! — האָט סאַלאַנט באַשטעלט און אים געפרעגט:

— וואָס זענען די לעצטע נייעס?

— נישטאָ קיין ספּעציעלע געשעענישן — האָט נור לאַקאָניש געענטפערט און אַ קוק געטאָן אויף רחלען. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגעגעבן:

— נאָר פון סתם געשעענישן מאַכט מען נישט קיין צייטונג!

דער קעלנער האָט געבראַכט דאָס שעלעכל קאַווע. אינצווישן האָט רחל זיך באַהערשט און באַרויקט. זי איז ווידער געווען זיכער מיט זיך. זי האָט געפרעגט, ווי זי זאָל זיך צו קיינעם נישט ווענדן:

— ווי אַזוי מאַכט מען אַ צייטונג?

נור האָט אַ זופּ געטאָן פון דער קאַווע, זי אָנגעקוקט און געשמייכלט צו איר. ער האָט דערפילט זיין חשיבות.

— פּאַפּיר און פאַרב און עס ווערט אַ צייטונג — האָט ער געזאָגט און ווידער אַ זופּ געטאָן פון דער קאַווע.

רחל האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך אויפ־געשטעלט און זיך אַרומגעקוקט איבערן קאָפּ, ווי זי זאָל וועמען זוכן אָבער געוואָלט האָט זי נור זאָל זי זען — איר שלאַנקן, שיינעם קערפּער. נור האָט טאַקע זי אָנגעקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ. אויך זי איז אים געפעלן. ער האָט ווידער אַ זופּ געטאָן פון דער קאַווע און אַ קוק געטאָן אויף סאַלאַנטן. רחל איז צוריקגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט. איצט האָט סאַלאַנט אויסגענוצט די געלעגנ־הייט און זיך געוואָנדן צו נורן אָנווייזנדיק אויף רחלען.

— זי וויל אַרבעטן אין אַ צייטונג.

נור האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל זיך וווּנדערן.

— וואָס קענסטו טאָן אין אַ צייטונג? — האָט ער זי געפרעגט.

רחל איז רויט געוואָרן פון איבעררעאַשונג, אָבער זי האָט זיך באַלד באַהערשט און אים דרייסט געענטפערט:

— איך קען גאָרנישט, אָבער איך וויל אַלץ וויסן.

ביידע, סאַלאַנט און נור האָבן זיך צעלאַכט. רחל האָט מיטגעלאַכט מיט זיי. סאַלאַנט האָט אַ צופרידענער אַ פּיר געטאָן זיין האַנט איבערן קאָפּ און געזאָגט:

— דו הערסט נור? אָט האָסטו באַקומען אַ געהעריקע תשובה — נישט וועלנ־דיק פאַרפאַסן די געלעגנהייט האָט ער צוגעגעבן: — טו דאָס פאַר מיר.

נור האָט געשוויגן.

— זאָל דאָס מיידל אָנהייבן אַלס רעפּאָרטערין — האָט סאַלאַנט געזאָגט און אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף רחלען. — איך גאַראַנטיר פאַר איר — האָט ער צו־געגעבן, ווי ער זאָל דאַרפן חתמענען אויף אַ קוויציע־וועקסל.

רחל האָט אָפּגעאָטעמט און זיך באַרויִקט. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז נור וועט נישט אָפּזאָגן סאַלאַנטן. זי האָט געזען, אַז ער האָט אַ באַציִונג צו סאַלאַנטן און איז גרייט אים העלפֿן.

נור האָט געדענקט, אַז ווען ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע און איז אַריין אַרבעטן אין דער צייטונג האָט סאַלאַנט אים געהאָלפֿן, אַריינגעפֿירט אין דער אַרבעט. סאַלאַנט האָט געהאַט אַ חלק אין זיין קאַריערע.

נור האָט אויסגעטרונקען די קאַווע. ער האָט זיין אויבערשטע טייל קערפּער אַוועקגעבויגן פֿונעם טיש, מיט דער האַנט זיך צוגעגלעט די זייטיקע האָר אונטערן שרונט און זיך געוואַנדן צו סאַלאַנטן:

— זאָל זי אָנהייבן ברענגען שטאָט־נייעס. פֿאַר יעדן מאַטעריאַל וואָס זי וועט ברענגען, וועט זי באַקומען באַצאָלט. ער האָט גערעדט פּאַמעלעך ווי ער זאָל ציילן די ווערטער.

סאַלאַנטס רויט פּנים איז געשוואָלן געוואָרן פֿון פֿרייד. ער האָט אָנגעכאַפּט נורס האַנט און זי געשאָקלט פֿון דאַנקבאַרקייט. רחל האָט נייגעריק באַטראַכט ביידע מענער. נור האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער.

— יאָ, שוין צען אַזייגער — האָט ער פֿאַרווונדערט געזאָגט — איך מוז גיין אין רעדאַקציע.

ער איז אויפֿגעשטאַנען, געזאָגט זיי „שלום״ און שנעל אַוועק צו דער טיר.

— שלום! שלום! — האָט סאַלאַנט אים נאָכגעשריגן.

רחל, אַ דערשיטערטע האָט אפֿילו נישט געענטפֿערט נורן אויף זיין שלום, אָבער ווי נאָר ער איז אַוועק האָט זי זיך אויפֿגעשטעלט, גענומען סאַלאַנטן אונטערן אָרעם און אים געזאָגט: — קום!

סאַלאַנטס רויט, פֿליישיק פּנים איז פֿון פֿרייד נאָך ברייטער געוואָרן.

אויף דער שוועל אין דער אָפֿענער טיר האָט ער אַריבערגעשריגן צום קעלנער:

— מאָרגן! — און מיט דער האַנט ווי געציילט געלט. דער קעלנער, וואָס איז געשטאַנען ביים שענקטיש האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

דער הימל איז ווידער געווען בלוי און גלאַט אָן אַ פּגם. די זונשטראַלן זענען געווען מילד, די לופֿט טרוקן און פֿריש און דורכגעזאַפּט מיטן מאַראַנצן־ריח וואָס האָט פֿאַרשיכורט. די שאָטנס אין די ווינקלען זענען געווען קליינע און נישט דער־גרייכט די גאַס. די מענטשן האָבן זיך געקוויקט מיטן פֿרילינג. אויך די ים־כוואַליעס זענען געווען לייכטע און זענען געקומען צו די ברעגן אָן רעש.

וואָכן שוין ווי רחל קלייבט צונויף ידיעות פֿאַרן „עקספּרעס״. סאַלאַנט פֿאַר־קויפֿט אָבליגאַציעס. ער אַליין וויל נישט אַרבעטן אַלס זשורנאַליסט. עס שטייט אים נישט אָן. ער איז איבערצייגט, אַז עס קומט אים אַ שטעלע אַלס רעדאַקטאָר.

ער ווייסט גוט וואָס פֿאַראַ אויפֿגאַבע רחל האָט ביי דער אַרבעט און ביי וואָס זי וועט מצליח זיין. ער האָט איר אָנגעזאָגט זי זאָל זיך איבערגעבן משפּחה־ענינים

און געזעלשאַפטלעכע געשעענישן. ער האָט געוווּסט, אַז ביים נאָכפּאָלגן די גאַסן־געשעענישן, וועלן די יונגע רעפּאָרטערן שטענדיק קומען פאַר איר.

סאָלאַנט האָט געאַרבעט נאָר עטלעכע שעה אין טאָג. זיין רעשט צייט האָט ער געווידמעט רחלען — אירע ענינים. דעם אָנהייב האָט ער געמאַכט מיט איר אין די קראָמען. ער איז מיט איר געגאַנגען פון איין געשעפט אין אַנדערן און זיך אויסגעפרעגט ביי די סוחרים: — ווי איז דער פאַרקויף? ווי אַזוי זענען די פאַרדינסטן? ווער זענען די קונים? וואָס קויפן די מענטשן? יעדעס מאָל האָט ער אויסגעקליבן אַן אַנדער בראַנזשע, אַן אַנדערע קראָם אין אַן אַנדער געגנט. ער איז מיט איר אויך געגאַנגען איבער די וואַרשטאַטן און פאַבריקלעך, אויסגעפרעגט די אַרבעטער וויפל זיי פאַרדינען, אָבער זיין הויפּטציל זענען געווען די בעלי־בתים. ער האָט זיי אויסגעפרעגט ווי עס זעט אויס די קאָנקורענץ אין גאַס, זיי געפרעגט צי זיי וועלן אויסהאַלטן ווען די אינדוסטריע אין לאַנד וועט זיך אַנטוויקלען. ער האָט געוואָלט פון זיי וויסן צי דער יידישער אַרבעטער אַרבעט אַזוי ווי מען אַרבעט אין די אַנטוויקלטע לענדער. ער האָט געפרעגט, געפירט געשפּרעכן מיט זיי — רחל האָט געהערט און פאַרשריבן. דערנאָך, ווען ער האָט געלייענט רחלס נאָטיצן האָט ער געזען אירע קענטעניש אין ווי אַזוי זי באַנעמט ענינים. ער האָט זי געלערנט.

— שרייב קורצע זאַצן. דאָס וואָס דו שרייבסט מוז זיין פאַרשטענדלעך. אַ צייטונג איז נישט קיין בוך. אין אַן אַרטיקל מוז מען איבערגעבן נאָר די געשעענישן.

די אַרבעט האָט זיי ביידע דערנענטערט. זי האָט זיך איצט נישט גערירט אָן אים. זיי האָבן צוזאַמען געגעסן אין רעסטאָראַן, יעדעס מאָל ווו אַנדערש. אָבער נישט מער אין „קנקן", נאָר אין די רעסטאָראַנען אין די זייטיקע געסלעך. בעתן עסן האָט סאָלאַנט רעדאַגירט דעם צונויפגעקליבענעם מאַטעריאַל. ער האָט זיך געהיטן מער ווי זי אַליין. ער האָט נישט געוואָלט מענטשן זאָלן וויסן, אַז ער מאַכט איר די אַרבעט. אַ מיטאָג האָט ביי זיי געדויערט עטלעכע שעה. ער האָט נישט נאָר געשריבן איר די אַרטיקלען, נאָר אין דער זעלבער צייט איר אויך געגעבן אָנווייזונגען.

— דער עיקר פון אַן אַרטיקל איז דער אינהאַלט, אָבער יעדער אינהאַלט מוז זיין פּיקאַנט. נישט יעדע געשעעניש איז פּאַסיק פאַר אַ צייטונג, איבערהויפּט פאַר דער צייטונג. דו דאַרפסט וויסן, אַז יעדע צייטונג האָט איר כאַראַקטער, אָבער מיינע אָנווייזונגען זענען פּאַסיק פאַרן „עקספּרעס".

אַזוי האָט ער אין איר אַריינגערעדט ביז די אויגן האָבן זיך אים פאַרמאַכט פון מידקייט און זיין פלייסיקער קאָפּ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער וואַנט. רחל איז געזעסן און געלייענט די אָוונט־צייטונגען. זי האָט געלייענט, זיך געלערנט ווי אַזוי זשורנאַליסטן שרייבן. ווען זי האָט עפּעס נישט פאַרשטאַנען האָט זי מיט איר פוס אים אַ שטופּ געטאָן און געפרעגט:

— וואָס באַדייט דאָס וואָרט „עקסקלוסיוו"?

אַ פאַרשלאָפענער האָט ער געענטפערט נישט געהערט איר פראַגע, נאָר דאָס וואָרט „עקסקלוסיוו" און געזאָגט איר — „אויסשליסלעך".

די אָוונטן האָבן זיי יאָ פֿאַרברענגט אין „קנקן". דאָ אין דעם קאַפֿע־געפּילדער האָבן ביידע זיך גוט געפֿילט. ער איז געווען צופֿרידן. ער האָט געוואָלט מענטשן זאָלן זען, אַז ער פֿאַרברענגט מיט אַ יונג מיידל. זי האָט זיך קרעמפּירט. זיין עלטער האָט איר געשטערט. זי האָט אָבער געוואָלט, די מענטשן זאָלן זיך וואָס שנעלער דערוויסן, אַז זי אַרבעט אַלס זשורנאַליסטין. אויך דערין האָט ער איר צוגעהאָלפֿן. צו יעדן באַקאַנטן שרייבער וואָס ער האָט געטראָפֿן אין קאַפֿע האָט ער זיך געוואָנדן און אים געזאָגט:

— די דערציילונג וואָס דו האָסט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער שבתדיקער ליטע־ראַרישער ביילאַגע איז אויסגעצייכנט.

דעם נאָמען פֿון דער ציישונג האָט ער נישט געזאָגט. ער האָט נישט געדענקט. דער שרייבער האָט אים אַ צופֿרידענער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געשמייכלט פֿון הנאה. אָבער איצט האָט סאַלאַנט אַ ווייז געטאָן מיטן פֿינגער אויף רחלען און געזאָגט:

— זעסט די יונגיטשקע, דאָס איז רחל — אַ כּוח. זי שרייבט אין „עקספּרעס". אָט איז זי די „זיסקייט" — און זי פֿאַרגעשטעלט. רחל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי זי זאָל זיך שעמען. ער האָט געשמייכלט פֿון נחת.

איר צימער איז געוואָרן זיין היים. גייענדיק פֿון גאַס האָבן זיי איינגעקויפֿט אין מאַרק. אין צימער האָט ער פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, אָנגעטאָן אַ שערץ און זיך געשטעלט גרייטן די מאכלים. ער האָט געקענט קאָכן, געמאַכט שניצל און געבראָטן פֿיש. בשעת ער האָט זיך געפּאָרעט אין קיך איז זי געלעגן צעלייגט אויף דער סאָפֿע. בעת ער האָט געקאָכט, געגרייט דעם מאָלצייט, האָט ער איר דערציילט וועגן די מוזייען און גאַלעריעס אין אייראָפּע און וואָס פֿאַראַ גרויסע און באַרימטע פֿאַרלאַגן און ביבליאָטעקן זענען פֿאַראַן אין דער וועלט. ער האָט איר געשילדערט ווי עס זעען אויס די רעדאַקציעס און זייער פֿאַרנעם אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע.

דעם מיטאָג האָט ער איר דערלאַנגט צו דער סאָפֿע. על פּי רוב האָט זי דעם מיטאָג געגעסן פֿון דער שויס. ער איז געזעסן נעבן איר אַ גליקלעכער און צופֿרי־דענער, געקוקט ווי זי עסט, ווי זי באַוועגט איר נעזל און אירע ליפּלעך. אָבער איבערגליקלעך איז ער געווען, ווען זי איז געלעגן אָן אויסגעצויגענע אויף דער סאָפֿע מיט עטוואָס צעלייגטע פֿיס, די הענט אונטערן קאָפּ מיט אָנגעצויגענע שטייפֿע ברוסטן. ער איז געזעסן אויף אַ טאַבורעט ביי אירע פֿיס און איר פֿאַרגעלייענט אַ קורצע דערציילונג, אַ קאַפּיטל פֿון אַ בוך, אָדער אַ ליד. ער האָט ליב געהאַט ליטעראַטור, זיינע באַליבטע שרייבער זענען געווען: וויטמאַן, דאָסטאָיעווסקי, פּושקין און מאַיאַקאָווסקי. ער האָט די שורה געלייענט מיט די אויגן, זי איבער־געזעצט אין גערדאַנק און זי פֿאַרגעלייענט רחלען אין עברית. ער האָט געלייענט מיט פּאַטאָס, אָבער פֿון מאָל צו מאָל האָט ער געכאַפּט אַ בליק אויף רחלען. זי איז געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און געהאָרכט.

סאַלאַנט איז דאַר געוואָרן. זיין פֿליישיקער קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ווי ער זאָל ליגן אין די אַקסלען. פֿון ווייטנס זעט ער איצט אויס ווי ער זאָל בכלל

נישט האָבן קיין האַלדז. זיינע אויגן זענען פאַרגלייזט, זיי גלאַנצן פון דער משקה, פון פרייד און פון מידקייט.

רחל לעבט איצט אין אַ נייער וועלט. און ווי שטענדיק, האָט זי זיך שנעל איינגעלעבט אין איר נייער סביבה.

בור האָט גערן געדרוקט אירע אינטערוויוען. זיי זענען געווען לייכט און אינטע־רעסאַנט פאַרן פשוטן לייענער. איר אינטערוויו איז געווען אַן אַרט רעפּאָרטאַזש און געווען אַ נייעס אין דער היגער פּרעסע. זי האָט דאָס געשריבן מיט איר אינטויִציע און סאָלאַנטס אָנווייזונגען. איצט איז זי שוין אויך אַליין געגאַנגען אין גאַס, געזוכט מאַטעריאַל זי זאָל האָבן וואָס צו שרייבן, געוואָלט זיין זעלבשטענדיק. זי איז געגאַנגען איבער די גאַסן, געקוקט און געהאָרכט.

דער הימל איז געווען בלייִק און שווער, די לופט אָנגעדראָלט. אויף דער בן־יהודה־גאַס אין אַ טויער האָט אַן עלטער פּאָרפאָלק פאַרקויפט „פלאַפל״. די פּאָר־קויפער האָבן ביי רחלען אין די אויגן אויסגעזען אַנדערש, ווי די אַנדערע „פלאַפל״ פאַרקויפער. דער מאַן איז געווען הויך מיט גרויע האָר, אַ קנאָכיק פּנים און געפּרעגלט „פלאַפל״.

אירע וויעס האָבן אַ ציטער געטאָן, אָבער זי האָט געשוויגן. די פרוי איז געווען אַ נידעריקע מיט אַ צעפלאָמט פּנים.

— אַ האַלבע פּאָרציע — האָט רחל געבעטן.

די פרוי האָט איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געגרייט די באַשטעלונג.

— שוין לאַנג אין לאַנד ?

— כמעט אַ יאָר.

— פון וואַנען ?

— פון פוילן.

דער מאַן האָט נערוועז אַ שנופּ געטאָן מיט זיין לאַנגער, גראָדער נאָז. רחל האָט באַמערקט, אַז די פרוי איז נישט געשיקט אין דער אַרבעט. ווען די פרוי האָט רחלען דערלאַנגט די האַלבע, בייכיקע פּיתה אָנגעשטאָפּט מיט „פלאַפל״ און באַלייגט מיט זויער־קרויט, האָט זי איינגעביסן די פּיתה אָן חשק. אָבער זי איז געוואָרן איבעררראַשט. דער „פלאַפל״ איז געווען געשמאַק. רחל האָט אָפּגעוואָרט און זי געפרעגט :

— מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפטיקט אַ מאָל ?

די פרוי האָט נייגעריק אָנגעקוקט רחלען, אָבער איר נישט געענטפערט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן, צי ער הערט זיך נישט צו צום שמועס און האָט איר שנעל געזאָגט :

— מיר האָבן געהאַט אַ גוט הינטער וואַרשע — און זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

רחלס ציין זענען שטעקן געבליבן אין איר איינגעביסענעם „פלאַפל״, אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט רחל געזאָגט :

— אייער „פלאַפל״ איז גוט. ווער האָט אייך אויסגעלערנט אים מאַכן ?

אַ פֿאַרשעמטער שמייכל האָט אויסגעקרימט דער פרויס פּנים. זי האָט ווידער אַ קוק געטאָן צו איר מאַן האָט נישט געהערט. ער איז געשטאַנען מיטן רוקן צו איר און געשניטן „פּיתות". זי האָט שנעל זיך צוגעבויגן צו רחלען און געזאָגט:

— מיר וווינען אויף שבזי ביי די תּימנער. אין אונדזער עלטער האָבן מיר נישט געקענט באַקומען קיין אַרבעט. דער בעל־הבית האָט אונדז צוגערעדט. ער האָט אונדז אויסגעלערנט מאַכן „פֿלאַפֿל" און געפּונען אונדז דאָס אָרט.

ערשט איצט האָט רחל באַמערקט דעם ברענענדיקן פּרימוס אויפֿן טישל מיט דער טיפער אויף אים תּימנער פּאַן, אין וועלכער עס האָבן זיך געפּרעגלט די פֿלאַפֿלס.

— איר זענט צופֿרידן?

די פרוי האָט נישט געענטפֿערט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

ווי זי זאָל רעדן צו זיך געזאָגט:

די עיריה זאָל אונדז נאָר נישט אַוועקטרייבן פֿון דאַנען.

רחל האָט באַצאָלט דער פרוי, געזאָגט „שלום" און איילִיק אַוועק. זי איז אַריין אינעם ערשטן קאַפֿע אויפֿן וועג, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און געשריבן. דאָס שרייבן איז איר נישט גרינג אָנגעקומען. זי האָט געביסן די ליפּן, אַ פֿאַרטראַכטע געקנאַקט מיט די פֿינגער, אָבער זי האָט געשריבן און געשריבן. ווען דער קעלנער האָט פֿאַר איר אַוועקגעשטעלט די באַשטעלטע קאַווע, האָט זי אפֿילו נישט אַ זופּ געטאָן פֿון איר. זי איז געווען צעפּלאָמט און אויפֿגערעגט.

דאָס שרייבן האָט איר פֿאַרנומען גענוג צייט. ווען זי האָט געענדיקט האָט זי אויסגעגליכן איר רוקן און אָפּגעאָטעמט ווי זי זאָל פֿון זיך האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן אַ שווערע משא. מיט איין שלונג האָט זי איצט אויסגעטרונקען די קאַווע וואָס איז שוין לאַנג געווען קאַלט. דאָס געלט פֿאַר דער קאַווע האָט זי אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש. זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט און שנעל אַרויס פֿון קאַפֿע.

רחל האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און אָן צו וואַרטן איז זי אַריין און געזאָגט „שלום". נור האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון די פּאַפּירן וואָס זענען געלעגן פֿאַר אים. זי האָט זיך צעשמייכלט און אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש די עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר, וואָס זי האָט אָנגעשריבן. נור האָט איר אַ וויַיז געטאָן מיט די אויגן זי זאָל זיך זעצן און גענומען אין האַנט די פּאַפּירן וואָס זי האָט אים דערלאַנגט. ווען ער האָט געענדיקט לייענען האָט ער אויפֿגעהויבן די אויגן, זי אָנגעקוקט. רחל האָט אויסגעהאַלטן זיין בליק, אָבער אירע אויגן זענען געווען שטאַר פֿון פּחד. נור האָט גענומען די פּעדער אין האַנט און געלייענט נאָך אַ מאָל. ער האָט געמעקט, געענדערט און צוגעגעבן זאַצן. ווען ער האָט געענדיקט האָט ער נאָך אַ מאָל געלייענט הויך אויפֿן קול זי זאָל הערן ווי זי דאַרף שרייבן פֿאַר זיין צייטונג:

אַ גוט־באַזיצער אין פּוילן — אַ „פֿלאַפֿל"־פֿאַרקויפֿער אין תּל־אביב.

די משפּחה ק. האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פֿון טויט און געקומען אין לאַנד. זייערע

דריי זין מיט די משפּחות זענען אומגעקומען אין פּוילן אין היטלערס אויוונס. ק. איז אין פּוילן געווען אַ גוט־באַזיצער וואָס האָט מפרנס געווען צענדליקער משפּחות. אָבער אין לאַנד אַריין איז ק. געקומען אָן אַ גראָשן. ער און זיין פרוי, ביידע עלטערע מענטשן, זענען גרייט געווען צו יעדער אַרבעט. אָבער זיי האָבן קיין אַרבעט נישט באַקומען. די הסתדרות גיט אַרבעט מענטשן, וואָס זענען נישט עלטער ווי פערציק. זייער איצטיקער בעל־הבית איז אַ תימנער, ביי וועמען זיי וווינען אויף שבזי אין אַ קליין צימערל אין הויף. ער האָט נישט געקענט צוזען זייער פּיין. דער תימנער ייד, אַליין אַן אַרבעטס־מענטש האָט עטלעכע חדשים ביי זיי נישט גענומען קיין דירה־געלט. נאָך מער, ער האָט פאַר זיי אָפּגעזוכט אַ ווינקל אין אַ טויער, ווו זיי פאַרקויפן איצט „פלאַפל". די צוויי אַלטע מענטשן וואָלטן זיך באַגנוגנט דערמיט, געווען צופרידן, אָבער זיי לעבן אין כסדרדיקן פּחד די עיריה זאָל זיי נישט אַוועק־טרייבן פון דאָרט. זיי האָבן נישט קיין פאַרקויף־דערלויבעניש. אַזוי דאַרפן מיר זיך פירן? מען ברענגט עולים און מען איז זיי מפקיר! ווו זענען די אַנטשטאַלטן וואָס זאָלן טון דאָס וואָס עס האָט געטאָן אַ פּריוואַטער מענטש?

בשעת נור האָט געלייענט און אַקצענטירט יעדעס וואָרט איז רחל געזעסן און איר האַרץ האָט געטיאַכקעט. ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער ווידער זי אָנגעקוקט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דאָס וואָס ער האָט איר פאַרגעלייענט, איז נישט געווען דאָס וואָס זי האָט געשריבן.

נור איז געווען צופרידן פון זיך. ער האָט זיך פאַררויכערט אַ סיגאַר. מיט זיין דינער, שמאָלער האַנט האָט ער זיך צוגעגלעט דעם שרונט אויפן קאָפּ. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף רחלען, געזאָגט: „אַנטשולדיקט" און אויך איר דערלאַנגט אַ סיגאַר.

— אַ דאַנק! — האָט זי אים געענטפערט און נישט גענומען דעם סיגאַר. פון אויפרעגונג האָט זי זיך געריבן די פינגער אונטערן טיש. מיט אַ מאָל האָט נור זיך געוואָנדן צו איר און געזאָגט, ווי קאָנסטאַטירט אַ פאַקט:

— דאָס איז אייער ערשטע אַרבעט.

זיין כוונה איז געווען, אַז דאָס איז איר ערשטע אַרבעט וואָס זי האָט געמאַכט אָן סאָלאַנטס הילף.

— שוואַך, — אָבער באַלד האָט ער צוגעגעבן — איר זעט די גאַס און זענט תופס דעם עיקר.

רחל האָט אָפּגעאָטעמט. אירע גלאָז־גרויע אויגן האָבן אַ בליץ געטאָן. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל, אָבער באַלד צוריק אַוועקגעזעצט. נור האָט זיך פאַר־צויגן מיטן לעצטן ציי פון סיגאַר און אַרויסגעלאָזט דעם רויך אין דער הויך. זיינע לאַנגע פינגער האָבן געמאַרשט און געלאָשן אין אַשנבעכער דעם גליענדיקן סיגאַרן־איבערבלייב. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אין פענצטער און געזאָגט:

— איך וועל עס אָפּדרוקן.

רחל האָט זיך אויפגעשטעלט, געזאָגט „שלום" און אַוועק צו דער טיר אָבער זי איז געגאַנגען פאַמעלעך. אפשר וועט ער זי צוריקרופן.

ווען זי איז אַריינגעקומען אין „קנקן" איז שוין דאָרט געווען האַלב־טונקל. זי האָט מיט די אויגן געזוכט סאַלאַנטן. זי האָט אים נישט געפונען און זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ קליין טישל ביי דער וואַנט, געוואַרט אויף אים. דער טאָג האָט שוין געגרויט. אין קאַפע זענען נאָך געווען ווייניק מענטשן.

מיט אַ מאָל האָט רחל דערזען נעבן זיך אַ שאָטן. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. נעבן איר איז געשטאַנען סאַלאַנט. ער איז געווען פאַרשוויצט און צעיאַכמערט און מיט דער האַנט זיך געווישט דעם האַלדז.

— מיר טרינקען קאַווע? — האָט ער באַלד געפרעגט, ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט פון דער צווייטער זייט טיש.

זי האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז זי איז מסכים און געזאָגט ווי דרך־אגב: — כ'בין געווען ביי נורן.

סאַלאַנט האָט זי אָנגעקוקט אַן איבעראַשטער. זי האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— כ'האָב אים איבערגעגעבן אַ רעפּאָרטאַזש איבער אַ פלאַפל־פאַרקויפער.

זי האָט גערעדט פּאַמעלעך און גלייכגילטיק, ווי זי זאָל אים דערציילן אַ טאָג־טעגלעכן ענין, אָבער זיין בליק איז געוואָרן אויסגעלאָשן, מאַט. פּלוצים איז זיין פּנים רויט געוואָרן פון כעס. ער האָט פאַרביילט די פויסטן און מיט זיי אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש. ער איז אויפגעשטאַנען און אַרויסגעלאָפן פון קאַפע אָן צו זאָגן אַ וואָרט. דאָס איז געווען איר ערשטער צוזאַמענשטויס מיט אים.

פון דעם טאָג וואָס רחל האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער צייטונג, האָט זי פאַרנאַכלעסיקט אירע פליכטן ביי גריין. זי איז געקומען שפּעט צו דער אַרבעט. זי איז געקומען און אַוועקגעגאַנגען, ווען זי האָט געוואָלט. אָפט האָט גריי זיך אַליין אַוועקגעזעצט ביי דער שרייבמאַשין, איבערגעשריבן אַן אַקט אָדער בריוו.

זי האָט זיך שעהן געשלייכט איבער די גאַסן. אָפט מיט סאַלאַנטן, אַ סך מאָל אַליין. זי האָט זיך געשלעפּט איבער די גאַסן, געזוכט אַן אויסטערליש געשעעניש, וואָס איז זשורנאַליסטן לשון הייסט עס אַ „סקופּ". די מענטשן אין גאַס האָבן שוין געקענט די הויכע, שלאַנקע בחורה מיט דעם פאַרריסענעם, געשפּרענקלטן בגזיל וועלכע טראָגט אויסגעפּאַסטע הויזן, שיך אָן קלעצלעך און אַ זאַק־טאַש איבערגע־האַנגען איבערן אַקסל.

גריי האָט דאָס אַלץ געזען. אים איז נישט געפעלן איר איצטיקע געזעלשאַפט. נישט די „קנקן"־מענטשן און אויך נישט סאַלאַנט, מיט וועמען ער האָט זיך קיין מאָל נישט געטראָפן. גריי איז אויך נישט געווען צופרידן וואָס רחל אַרבעט אין אַ צייטונג. איר פונקציע דאָרט איז אים בכלל געווען פאַרדעכטיק. ער האָט געוואַרט אויף דער רגע, ווען זי וועט זיך אָפּזאָגן פון דער אַרבעט ביי אים. ער איז אַרומ־געגאַנגען אַן אָנגעברוגזטער. אָבער ער האָט געשוויגן. ער האָט מיט איר גערעדט נאָר דאָס נויטיקסטע. ער איז געקומען אין ביוראָ פרי און געמאַכט אַליין די אַר־בעט. איבערהויפּט האָט אים פאַרדראָסן איר באַציונג צו אים.

אין אַן אינדערפרי, איז רחל געקומען ווען ער האָט שוין אויסגעענדיקט די אַרבעט.

— שלום! — האָט זי געזאָגט מיט אַ קול וואָס האָט אויסגעדריקט פריינדשאַפט און איראָניע. דער טאָן האָט אים פאַרדראָסן און ער איז געוואָרן אין כעס און זיך נישט באַהערשט.

— איצט קומט מען צו דער אַרבעט? — האָט ער געפרעגט אַן אויסצודרייען דעם קאָפּ צו איר. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, פאַרשאַרצט די אַרבל פון סוועטער, זיך אָנגעשפּאַרט אין שרייבטיש, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און זיך איינגעקוקט אין גרייען, אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ. זי האָט אָבער נאָר געזען זיין אויסגעבויגענע פּלייצע און זיין קאָפּ וואָס איז געלעגן צווישן זיינע אויסגעשפּיצטע אַקסלען.

— גריי, איך אַרבעט אין אַ צייטונג. איך קען העלפן און אויך שטערן — האָט זי אים געזאָגט.

זי האָט גערעדט שטיל, באַטאָנט יעדעס וואָרט.

גריי האָט זיך אונטערגעהויבן, ווי אַ שלאַנג זאָל אים האָבן אַ ביס געטאָן. ער איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל און אויסגעגלאָצטע אויגן. ער האָט זיך באַהערשט, צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשריבן ווייטער, אָבער זיינע פינגער האָבן זיך איצט אָפּאַטיש באַוועגן אויף די שרייב־קלאַווישן. רחל האָט ווידער אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דער איבערגעבויגענער איבער דער שרייבמאַשין געשטאַלט און נאָך אַמאָל געזאָגט אַ האַרטן, טרוקענעם „שלום”. גריי האָט געשוויגן, געשריבן ווייטער.

רחל האָט אין גאַסן־טומל זיך גוט געפילט. איר גאַנג איז געווען לייכט און עלאַסטיש. זי איז געווען רויִק און צופרידן פון זיך. דאָס לעבן האָט זי געלאָקט. זי האָט פאַרדינט מער ווי זי האָט געדאַרפט צום לעבן. זי האָט געהאַט געלט און בייע באַקאַנטע.

סאַלאַנט האָט אָפּגעשאַצט די לאַגע, פאַרשטאַנען, אַז איצט נאָך דעם ווי רחל האָט אָפּגעדרוקט אין עקספּרעס איר אַרטיקל וואָס זי אַליין האָט געשריבן קען זי זיך באַגיין אָן אים. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז איצט דער נעגער וואָס האָט געטאָן זיינס און קען שוין גיין. אָבער ער האָט נישט געוואָלט זיך פון איר שיידן. ער אין זיין עלנט און עלטער איז זי אים געווען נויטיק. איצט האָט ער אויך אָפּגעשאַצט אירע פעיִקייטן. ער האָט באַוווּנדערט ווי שנעל זי איז תופס ענינים. רחל איז שוין געווען מיד פון אים. זי האָט מיט אים צו לאַנג פאַרברענגט. איצט באַמיט זי זיך וואָס ווייניקער מיט אים טרעפן. זי דאַרף שוין נישט זיין הילף. זי שלייכט זיך אַליין איבער די גאַסן. זי קלייבט צונויף מאַטעריאַל און שרייבט מיט די אייגענע כוחות. סאַלאַנט גייט ווידער איבער די הייזער און ביט אָן אָבליגאַציעס. פון מאָל צו מאָל קומט ער צו רחלען אין שטוב. אַמאָל גייט זי מיט אים אויך אין „קנקן”, אָבער נאָר אויס דאַנקבאַרקייט. ער האָט זיך געגעבן די גרעסטע מי זייער פריינטשאַפט זאָל

נישט איבערגעריסן ווערן. אַ פּאַרמאַטערטער פון קריכן איבער די שטאָקן איז ער אַריין אין שטוב צו איר. ער איז געזעסן ביי איר און פּאַרגעלייענט. זי, ווי איר שטייגער, איז געלעגן אויף דער סאָפע אַ צעקנעפּלטע, האַלב־נאַקעט, אָדער געזעסן אויפן דיוואַן אויף אונטערגעלייגטע אונטער זיך פיס און זיך צוגעהאָרכט צו אים. איין טאָג האָט ער איר פּאַרגעלייענט טשעכאָווס „די אַפּטייקערין". ווען ער האָט געענדיקט לייענען איז זיין פּנים געווען רויט פון פרייד. פון אָנשטרענגונג האָט ער טרוקן אָפּגעהוסט. ער האָט לאַנגזאַם זיך אָפּגעווישט די ליפּן און איר געזאָגט:

— נאָר טשעכאָוו האָט געקענט דאָס קליינלעכע און דאָס קאָמישע וואָס אין מענטשן.

— אַ בעל־הביתישער שרייבער און דערצו לייענסטו אים מיט פּאַטאָס — האָט זי אים אָפּגעענטפערט. דערביי האָט זי אפילו נישט קיין פינטל געטאָן מיט אַן אויג.

סאָלאַנט איז זיצן געבליבן אָן לשון. זי, רחל, איז געזעסן און אירע אָרעמס האָבן געהאַלטן אַרומגענומען אירע אונטערגעצויגענע פיס. איר קאָפּ איז געלעגן אויף אירע קני. סאָלאַנט האָט פאַרקרימט זיין פּנים, ווי ער זאָל האָבן דערפילט אַ ווייטיק. ער האָט אויסגעשטשערעט די ציין און געזאָגט:

— נו יאָ, קרימינאַל־ראָמאַנען זענען אינטערעסאַנטער. אין זיין אַרט רעדן האָט זיך געפילט פאַרדראָס און חוזק.

— קענסט גיין — האָט זי אים געזאָגט, נישט אומקוקנדיק זיך אויף אים. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער סאָפע מיט דער פּלייצע צו אים. ער האָט פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן פון פּאָל. דאָס איז פאַר אים געווען אַן אָנשטרענגונג. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און באַטראַכט איר פּלייצע. באַלד האָט ער פּאַמעלעך אָנגעטאָן די מאַרינאַרקע אָן אַראָפּצולאָזן די פאַרשאַרצטע אַרבל פון זיין העמד. ער האָט גענומען זיין אַקטן־טאַש און טרויעריק געזאָגט „שלום". זיין טריט איז געווען אַ שטילער און מידער. נאָך שטילער האָט ער הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר. זי האָט שוין לייכט געדרימלט.

רחל האָט געלערנט פון לעבן. מער ווי עס האָבן איר אינטערעסירט די מענטשן האָט איר אינטערעסירט זייער סביבה: די מענטשן — זייערע באַגריפן, ווי זיי עסן, שלאָפן, פאַרברענגען, ווי זיי האָבן ליב אָדער פיינט, אָבער דער עיקר ווי זיי פאַר־דינען געלט. זי אַליין איז געווען דער ציל פון קנאה ביי אירע באַקאַנטע; זי האָט געהאַט אַן אייגענעם צימער, זי אַרבעט ביי אַן אָנגעזעענעם אַדוואָקאַט, שרייבט אין „עקספּרעס", האָט אַ פרייען צוטריט צום באַוווּסטן רעדאַקטאָר נור, איז אַ שטאַם־גאַסט אין „קנקן".

סאָלאַנט איז איר איצט אין גאַנצן פרעמד. זי איז אים נישט געווען דאַנקבאַר וואָס ער האָט פאַר איר געעפנט די צייטונגס־טויערן און זי איז געוואָרן וואָס ער האָט פון איר געמאַכט. אויך איצט, בעת זייערע צופעליקע צונויפטרעפן, לערנט זי

ביי אים, אָבער זי באַמיט זיך, די צוזאַמענטרעפן זאָלן זיין קורצע און וואָס זעל־טענער. בעצם האָט זי סאַלאָנטן געשעצט און געהאַסט גלייכצייטיק. אין זיין אָנווע־זנהייט איז זי נאָך אַלץ געווען די קראַם־סוביעקטין.

זי האָט געוואָרצלט אינעם שטאָט־טומל, אָבער דער שאָטן פון דער מוטער איז איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט זיך נישט באַפרייט פון אים. איר איז נאָכגעגאַנגען די גרויקייט פון דער מוטערס שטוב, דער פּחד פאַר דער דאָזיקער גרויקייט האָט זי געטריבן איבער דער שטאָט, זען אין די שויפענצטער כלים, קליידער, פאַסאָנען און דיוואַנען. אַלע דיוואַנען־הענדלער האָבן זי געקענט. זי איז כסדר צו זיי געקומען זען דיוואַנען, אָבער אַממערסטן איז זי געקומען צו הומין, דעם נידעריקן, דיקן ייד מיטן קאַפּל אויפן קאָפּ וואָס האָט געציילט די קרעלן, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין האַנט. ער האָט זיך צו איר געוואַנדן: „מאַדאַם רחל". זיין קראָם איז געווען אַ טיפער, לאַנגער קעלער מיט דער גאַס גלייך. זי האָט ווי געאָטעמט די לופט, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט דער וואָל־וואַרעמקייט און נאַפטאַלין. הומי האָט הנאה געהאַט פון אירע באַזוכן. ער האָט זי אויך מכבד געווען מיט אַ שעלעכל קאַווע, וואָס ער אַליין האָט צוגעגרייט. ער איז געזעסן מיט אַן ערנסט פּנים אויף אונטער־געלייגטע אונטער זיך פיס, אויף אַ קעסטל אין ווינקל וואָס איז געווען איבער־געדעקט מיט אַ דיוואַנדל און אויף אים אַ קישעלע. נאָכן אויסטרינקען די קאַווע האָט ער געגרן איר געוויזן אַ נייעם דיוואַן־מוסטער. זי האָט שוין אונטערשיידט צווישן אַ „בעלודזשיסטאַן" און קאַשאַן־דיוואַן. זי האָט שוין אויך געוווּסט פון וויפל פעדעם דער דיוואַן איז געוועבט. אַמאָל האָט הומי איר געוויזן אַ נייעם „בעלודזשיסטאַן". זיינע גליִענדיקע אויגן און זיינע קליינע פינגער האָבן אים געגלעט, זיינע ליפּן האָבן שטיל געפּליסטערט: „קוק, ער לעבט"! „קוק, ער לעבט!"

זי האָט אים באַטראַכט, אַ ווײַלע געשוויגן און געזאָגט:

— ער איז שיין. אָבער אויך אַן אויסגעאַרבעטער דאָ דיוואַן, איז נישט מיאוסער.

הומי האָט פאַרמרוזשעט די אויגן.

— וואָס פאַרגלייכסטו מאַשין־אַרבעט מיט האַנט־אַרבעט? — האָט ער זי גע־פרעגט אַ באַליידיקטער, שנעל צונויפגעלייגט דעם דיוואַן און דערביי געגלעט יעדעס טרעלזל.

זי האָט זיך נישט איבערגענומען מיט זיין באַליידיקונג. איר האָט נישט איב־טערעסירט, ווי אַזוי דער דיוואַן איז אויסגעאַרבעט, נאָר זיינע פאַרבן. זי האָט פיינט געהאַט די טונקעלע, גרויע פאַרב. זי האָט ליב געהאַט די קרעפטיק, רוישיקע פאַרבן.

דערפאַר האָט זי אויך אָנגעהויבן באַזוכן בילדער־אויסשטעלונגען. זי איז גע־גאַנגען צו דער דערעפענונג פון דער יערלעכער בילדער־אויסשטעלונג. זי האָט זיך אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. די אָפיציעלע באַגריסונגען זענען שוין געווען געענדיקט. זי איז שנעל אַריין. איר פּנים האָט געפלאַמט. די אָנגעשטאָפּטע מיט די פאַרבעטענע געסט מוזיי־זאַלן, האָבן זי ווי איינגעשלונגען. זי האָט זיך אַדורכגעשטופּט, איז שטיין געבליבן און זיך אַרומגעקוקט. זי האָט געזוכט באַקאַנטע, אָבער דער מענטשן־

שטראָם האָט זי מיטגעצויגן. זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן און זיך באַמיט נישט דערווייטערן פון די ווענט. זי איז געגאַנגען און באַטראַכט די בילדער. דער מענטשן־ווירוואַר האָט איר געשטערט. זי האָט נישט געזען די בילדער נאָר די קליידער וואָס די פרויען האָבן אויף זיך געטראָגן. זי האָט געוואָלט זען און נאָר געהערט דעם געפּילדער פון דער רעדעריי ווי אַ ראַי בינען זאָל זשומען. זי האָט זיך גע־שלייכט פון איין זאַל אין אַנדערן און געקוקט. זי האָט באַטראַכט די בילדער און זיך כסדר געפרעגט, צי די מענטשן אַרום זעען אויך זי. מיט אַ מאָל האָט זי זיך פאַרהאַלטן אין ווינקל. איר אַנטקעגן איז געשטאַנען סאָלאַנט. זייערע בליקן האָבן זיך געקרייצט, אָבער נאָר אויף אַ רגע. רחל האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און געשווינד אַוועק צום אַרויסגאַנג. אָבער אין אָוונט, ווען זי איז אַריין אין „קנקן" האָט סאָלאַנט שוין געוואַרט אויף איר. ער איז געזעסן ביי דער טיר און נישט ווי שטענדיק אין ווינקל. ער האָט געוואָלט זי זאָל אים זען.

— שלום, רחלע? — האָט ער ווי געשריגן, ווי נאָר זי איז איבערגעטרעטן די שוועל פון קאַפע. ער האָט זיך אַנגעבויגן און איר אָפּירגערוקט אַ בענקל. זי איז צו אים צוגעגאַנגען, אָבער זי האָט זיך נישט אַוועקגעזעצט. ווי ער זאָל נישט לייגן קיין אַכט, אַז זי שטייט האָט סאָלאַנט געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו צו דער ענגשאַפט אין מוזיי?

— אויך דו ביסט דאָרט געווען? — האָט זי דערשטוינט געפרעגט.

אַ שפּאַט וואָס טוט וויי, האָט אויסגעקרימט זיין פּנים, אָבער תיכּף האָט ער זיך באַהערשט און זי ווידער געפרעגט:

— ווי איז דיר געפעלן די אויסשטעלונג?

זי האָט פאַרצויגן די ליפּן, פאַרזשמורעט די אויגן און מיט כּעס אים געפרעגט:

— אַן עקזאַמען?

— ניין, ניין, — האָט ער געשטאַמלט — איך וויל הערן דיין מיינונג.

דער בליק פון אירע פאַרזשמורעטע אויגן איז נאָך שאַרפער געוואָרן. זי האָט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי ער שפּאַסט נישט.

— נו, זאָג שוין — האָט ער שפּאַסיק געזאָגט און זיך צעשמייכלט. ער האָט געוווסט איר מורא. זי האָט צעשטעלט אירע פיס, ווי זי זאָל וועלן דערפילן אונטער זיך די ערד און שנעל געזאָגט:

— אַלע מאָלן איצט פאַרהויקערטע קאַליקעס.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף סאָלאַנטן. איר קוק איז געווען אויסגעשראָקן. זי האָט באַדויערט דאָס וואָס זי האָט געזאָגט. זיין פּנים איז געוואָרן פאַרגליווערט ווי אַ מאַסקע. אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן, אָבער זי האָט זיך נישט אונטערגעגעבן און חוצפּהדיק דערקלערט:

— מיר געפעלן די אַבסטראַקטן. מען דאַרף נישט טראַכטן. זייערע פאַרבן זענען אַ תּענוג פאַרן אויג.

סאָלאַנט האָט זי אָנגעקוקט און זיך צעשמייכלט:

— יאָ, יאָ, רחלע, דו ביסט דער מאַמעס אַ טאָכטער.

ס׳בלוט האָט איר אַ שפּראָץ געטאָן אין פּנים. פון כעס האָט זי אויסגעשטשערעט די ציין. אירע אויגן האָבן געברענט פון שנאה. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אויפגעפּראַלט די טיר און איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס.

סאַלאַנט איז זיצן געבליבן אַ געפּלעפטער. זיין פּנים איז גערינצלט געוואָרן און זיין געשטאַלט איז איינגעשרומפּן, ווי קלענער געוואָרן. זיין בליק איז געוואָרן מאַט, אויסגעלאָשן.

דער כעס האָט זי געטריבן פון איין גאַס אין דער אַנדערער. זי איז ווי אַנטלאָפן פון פּחד, אָן זיך אומצוקוקן. ערשט ביי „מוגראַבי" איז זי שטיין געבליבן. זי האָט יעדן פאַרבייגייער אָנגעקוקט און נישט אונטערשיידט אַ געשטאַלט פון אַ געשטאַלט. זי האָט געזען נאָר איין מענטשן־קנויל, וואָס באַוועגט זיך פאַרויס. זי האָט אפילו נישט געמערקט די גאַסן־לאָמפּן. אירע אויגן זענען געווען אויסגעגלאָצט. איר קעל איז געווען טרוקן און פאַרקלעמט. נאָר אירע ליפּן האָבן אָן אויפהער געפּליסטערט:

— ער ווייסט, ווייסט, ווייסט.

אַ פאַרבייגייער, וואָס האָט זיך געאיילט, האָט זי נישט ווילנדיק אַ שטופּ געטאָן. זי האָט אַ דערשראָקענע אים אָנגעקוקט, ווי ער זאָל זי האָבן איבערראַשט. פּלוצים האָט זי אַ געשריי געטאָן: — יאָ! פון אויפרעגונג האָט זי געסאָפּעט. אָבער תיכף האָט זי זיך הויך אויפן קול געענטפערט: — ניין! פון שרעק און כעס האָט זי פאַרביילט די פויסטן. פאַרבייגייער האָבן זי אָנגעקוקט. זי האָט עס ערשט איצט באַמערקט. זי איז געשטאַנען און נישט געוווסט וואָס ווייטער. אַן אויטאָ־גרילץ האָט איבערגעריסן איר ערגערניש. זי איז אַריינגעשפּרונגען אין אויטאָבוס וואָס איז געווען האַלב־ליידיק און זיך פאַרהאַלטן אויף זיין אָפּשטעל־סטאַציע אויפן וועג צו דער שכונה עין־יעקב. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער לעצטער באַנק, האָט אַנגעלעגט דעם קאָפּ אין דער אויטאָבוס־וואַנט און פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט קיינעם נישט געוואָלט זען, אַזוי האָט זי נישט געוואָלט מענטשן פון דער שכונה זאָלן זי זען. דער אויטאָ האָט זיך געטרייסלט, אויך איר קאָפּ האָט זיך געוואָרפן — זיך אָנגעקלאַפּט אין דער וואַנט. עס האָט זי נישט געאַרט.

רחל האָט האַסטיק געעפנט די טיר. אין צימער איז געווען אַ געדיכטע גרויקייט וואָס האָט געשניטן די אויגן. זי האָט זיי פאַרמאַכט. ווען זי האָט זיי צוריק געעפנט האָט זי געזען, אַז די מוטער ליגט אויפן בעט און די פיס שטאַרן איר אַרויס. זי האָט שטיל פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

די מוטער האָט זיך באַלד איבערגעוועקט אָן איבערראַשטע. אַ פאַרשלאָפענע מיט פאַרמרוזשעטע אויגן האָט זי זיך איינגעקוקט אין דער גרויקייט און אַ רוף געטאָן:

— טאָכטער!

זי האָט געוואָלט אַראָפּ פון בעט. נאָר רחל האָט אַוועקגעלייגט אירע הענט אויף אירע אַקסלען, זי נישט געלאָזט. די מוטער האָט אויסגעשטרעקט די הענט, זי

אַרומגענומען, זי צוגעדריקט צו זיך און אַ פאַרזאָרגטע, פול פאַרדראָס זי שטיל געפרעגט:

— פאַר וואָס האָט מען דיך אַזוי לאַנג נישט געזען?

רחל האָט איר נישט געענטפערט.

— איך וועל מאַכן ליכט, — האָט די מוטער געזאָגט.

— מען דאַרפט נישט — האָט רחל איר געענטפערט.

דער מוטערס דיקע אָנגעשוואָלענע פינגער האָבן צאַרט געגלעט איר פנים. רחל האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אים אָנגעלענט אויף דער מוטער, אָבער באַלד אים צוריק אויפגעהויבן. זי האָט דערפילט די קנאָכיקייט פון דער מוטערס אַקסל. זי האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער מוטערס אָרעמס, וואָס האָבן זי געהאַלטן אַרומגענומען און איר געזאָגט מיט באַפעל:

— מאַמע, אויב מען וועט זיך אויף מיר נאָכפרעגן, זאָלסטו שווייגן!

די מוטער האָט דערשטוינט זי אָנגעקוקט. אירע טריבע אויגן האָבן אין דער פינצטער זי נישט געזען, אָבער אירע ליפּן האָבן אַ פליסטער געטאָן:

— גוט! — גוט טאָכטער!

רחל האָט זיך איינגעקוקט אין דער מוטער. זי האָט געוואָלט זען, זיך איבערצייגן, צי זי האָט פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט. זי האָט געזען דער מוטערס צעקנייטשט פנים און אירע געלע ציין. זי האָט זיך אָפּגערוקט און געזאָגט, געוואָלט דער מוטער פאַרשאַפן נחת:

— מאַמע, איך שרייב אין אַ צייטונג. די מוטער האָט איר נישט געענטפערט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס די טאָכטער האָט איר געזאָגט.

— יאָ מאַמע — האָט רחל נאָך אַמאָל געזאָגט. זי איבערצוצייגן, האָט זי געעפנט דאָס האַנט-בייטל און איר דערלאַנגט עטלעכע באַנקנאָטן.

די מוטער האָט נישט גענומען דאָס געלט. די מוטער איז זיצן געבליבן אין בעט ווי אַ פאַרגליווערטע. זי האָט נישט דערקענט די טאָכטער. זי האָט איר נישט געגלויבט. רחל האָט אַוועקגעלייגט דאָס געלט אויפן בעט און זיך אויפגעשטעלט.

— דו גייסט שוין? — האָט די מאַמע אַן איבערראַשטע זי געפרעגט און האַרציק צוגעגעבן — געוואָלט דיר געבן עסן.

— איך בין נישט הונגעריק — האָט רחל איר געענטפערט און באַלד אויך צוגעגעבן — איך וועל אַזוי שנעל נישט קומען, איך בין זייער באַשעפטיקט. זאָלסט נישט איבערקלערן.

רחל האָט נאָך צוגעוואָרט אַ ווײַלע. זי איז געשטאַנען און געשוויגן. אויך די מוטער איז געזעסן ווי ס'לשון זאָל איר האָבן אָפּגענומען. רחל האָט שוין געוואָלט גיין, נאָר האָט נישט געהאַט קיין מוט איבערצולאָזן די מוטער אין דעם צושטאַנד. די מוטער האָט איר לייד געטאָן. ביז זי האָט איר געזאָגט:

— מאַמע, אויב וועט מען דיר ברענגען געלט פון דער פּאָסט זאָלסטו וויסן, אַז עס איז פון מיר.

די מוטער האָט איר נישט געענטפערט. רחל האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ,

געוואָלט זען דעם אויסדרוק פון דער מוטערס פּנים. אירע הענט האָבן לייכט באַרירט דער מוטערס אַקסלען.

— מאַמע, שלום! — האָט זי געזאָגט און איז שנעל אַרויס פון שטוב.

רחל האָט אַ לענגערע צייט זיך נישט געטראָפן מיט סאַלאַנטן. זי האָט אים פּשוט נישט אַריינגעלאָזט צו זיך אין שטוב. אין די אָוונטן איז זי געלעגן אין דער פינצטער. ווען סאַלאַנט האָט געקלונגען האָט זי אים נישט געעפנט די טיר. זי האָט אים אויך געמיטן אין דער עפנטלעכקייט. ווען סאַלאַנט איז אַריין אין „קנקן" איז זי פון דאָרט אַרויס. זי האָט אויך אויסגעמיטן סאַלאַנטס באַקאַנטע, וועלכע זי איז חושד געווען, אַז זיי ווייסן ווער זי איז. זי איז איצט געווען איבערצייגט, אַז סאַלאַנט ווייסט אַלץ וועגן איר.

סאַלאַנט האָט זי אַרומגעזוכט. אין איינעם אַן אָוונט איז רחל אַרויס פון בית־עם. זי האָט דאָרט געזען דעם פילם „דער טאַרזאַן אין וואַלד". אַ פאַרטראַכטע און פאַרזונקענע אין די געדאַנקען וועגן דער גבורה פון פילם־העלד איז זי דערגאַנגען ביז דעם „קנקן". אין דרויסן פאַר דער טיר איז געזעסן סאַלאַנט. רחל האָט אים פון ווייטן נישט באַמערקט. ווען זי האָט אים דערזען האָט זי זיך שנעל אויסגעדרייט, געוואָלט צוריק אַוועק, אָבער אויך סאַלאַנט האָט זי באַמערקט לויט איר גאַנג און הויך. ער איז אויפגעשפּרונגען, איר נאָכגעלאָפן און היסטעריש זי גערופן ביים נאָמען. פאַרבייגייער האָבן זיך פאַרהאַלטן, געקוקט וואָס עס קומט פאָר. ווען ער האָט זי דעריאָגט איז זי שטיין געבליבן. ער איז געשטאַנען פאַר איר און געהעשעט ווי אַ יינגל. זי איז געשטאַנען אים אַנטקעגן און באַטראַכט מיט פאַרזשמורעטע אויגן און פאַרצויגענע ליפּן און זיך געקוויקט.

זיין העמד איז געווען צעכראַסטעט, זיינע עטלעכע האָר אויפן קאָפּ צעשויבערט, די הויזן אַראָפּגערוקט איבער די לענדן. זי האָט אים געזאָגט איין וואָרט: — קום! — און אים גענומען אונטערן אָרעם.

סאַלאַנט קומט ווידער צו איר אין שטוב. זי ליגט ווידער אויף דער סאָפע. ער לייענט איר פאָר. זי האָט זיך כמעט צו אים נישט צוגעהערט, נאָר איינצלנע ווערטער געהערט. אָפט איז זי אפילו איינגעשלאָפן. זי האָט אים דערלויבט צו איר קומען נאָר אויס מיטלייד. אָבער זי האָט זיך באמת זיינע באַזוכן זאָלן זיין וואָס זעלטענער. מערסטנטייל האָט זי זיך געטראָפן מיט אים אין „קנקן". דאָרט האָט ער נאָר געטרונקען און געריימט רחלען. אַ שיכורער האָט ער זיך געשלעפּט צווישן זיינע באַקאַנטע און איינגערוימט אויפן אויער יעדן איינעם: אַ זשורנאַליסטין מיט די ביינער. האָט שכל.

רחל אַליין האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיינע רייד, אָבער זי איז געווען צופרידן וואָס ער רימט זי. ספּעציעל צופרידן איז זי געווען ווען ער האָט זי געריימט

פאַר די באַהעמע־מענטשן, כאָטש זי האָט זיך מער נישט געגוויטיקט אין קיין ספּעציעלער פּראָטעקציע. אַ סך מענטשן האָבן שוין געקענט די בלאָנדע רחל מיט די לאַנגע ווי געטאָקטע פיס. זי האָט געוווּסט, אַז ווען זי גייט אויף דער גאַס, קוקן איר מענער נאָך. אַ סך האָבן איר אויך געזאָגט שלום. זי האָט זיי אַלע געענטפערט מיט אַ שמייכל.

אויך וויקי — דער רויטער, איז אָפט געזעסן ביי אַ טעלער און ווי פריער געברענט זיינע וווּרשטלעך. אָבער זיינע קאַרשן־אויגן האָבן בשעת מעשה איר נאָכגעקוקט. ווען ער האָט זי דערזען, איז זיין פּנים געוואָרן נאָך רויטער, זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט. רחל האָט דאָס אַלץ געזען, אָבער זי האָט צו אים נישט געשמייכלט — ווייל אַזאַ איינער, וואָס קען ער איר שוין צושטייער געבן צו איר קאַריערע?

אויך באַר האָט זי אָבסערווירט. לעצטנס איז ער אפילו אָפטער געקומען אין „קנקן". אויך באַר דער הויכער, ברייטביייניקער מאַן מיט דער עטוואָס איינגעבויגענער פּלייצע האָט אויסגעשפּיזט די אויגן, ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען. באַר איז געווען אַ פּעל־הענדלער, ער און אַ סך פון זיינע ידידים פלעגן קומען אין „קנקן". באַר האָט זיך באַמיט זיצן נאָענט פון איר. זי האָט אים שוין עטלעכע מאָל אָנגעקוקט. ער האָט איר געענטפערט מיט אַ שמייכל ביז ער האָט געוואַגט און איר אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג. זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי האָט אים נישט געזען, אָבער באַר האָט איר נישט מוותר געווען און פון איר נישט אַראָפּגענומען די אויגן, ביז זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים. דעמאָלט האָט ער איר אַ וויזּ געטאָן מיט דער האַנט, זי פאַרבעטן צו זיין טיש. זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט נאָר איראָניש זיך צעשמייכלט. באַר וועלכער איז געווען איבערצייגט אַז ער ווייסט ווי זיך אומצוגיין מיט פרויען, איז געווען אויסער זיך. אים האָבן געלאָקט איר יוגנט, איר גאַנג, איר שאַרם. זי האָט געוווּסט ווער ער איז און האָט נהנה געווען וואָס ער לויפט איר נאָך, אָבער דערווייל האָט זי נישט געוואָלט זיך דערנעענטערן צו דעם מענטש. ער האָט געהאַט אַ גלייך פּנים, לאַנגע נאָז, אַ געדיכטן אָבער שוין אַ גרויען קאָפּ האָר, אָפּגעצויגענע באַקן און צוויי פאַלדן אין די מויל־ווינקלען. זיינע אויגן זענען געווען טעמפּ און מאַט ווי זשאַווער־גרוי. דער אויסדרוק פון זיין פּנים איז געווען אַ פאַרביסענער. זיין אויסזען האָט איר דערמאַנט די מענטשן פון איר שכונה.

אין איינעם אַן אָוונט איז באַר געשטאַנען ביים שענק־טיש אין קאַפע־הויז און אין זיך אַריינגעגאָסן אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל. רחל איז אַריין פון גאַס. ווי נאָר ער האָט זי איינגעזען האָט ער אַ רעווע געטאָן צום קעלנער ווי אַ חיה, וואָס האָט געפונען איר קרבן.

— צוויי עקסטראַ!

באַר האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, געמאַכט עטלעכע טריט, פאַרשטעלט רחלען דעם וועג. זי האָט אים אָנגעקוקט אַ בייזע, אָבער ער אַ שיכורער האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן און זי גענומען אונטערן אָרעם. זי האָט זיך צוריקגעצויגן, געוואָלט זיך באַפרייען אָבער ער האָט זי געהאַלטן מיט כוח און זי צוגעפירט צום שענק־טיש.

זי האָט זיך אים שוין נישט אַנטקעגנגעשטעלט. דער באַרמאַן האָט אַנידערגעשטעלט פאַר זיי די גלעזלעך. באַר האָט אָנגענומען אַ גלעזל אין יעדער האַנט. איינס האָט ער איר צוגעטראָגן צום מויל און אויסגעשריגן:

— איצט טרינקט מען ברודערשאַפט!

רחלס פּנים איז געוואָרן ערנסט. זי האָט ס׳גלעזל נישט גענומען פון זיין האַנט. באַר האָט זיך געוואַקלט אויף זיינע צעשטעלטע פיס און אָן אויפהער איבערגעחזרט:

— ברודערשאַפט! ברודערשאַפט!

רחל האָט נישט געוואָלט אויף זיך ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די קאַפע־זיצערס. זי האָט זיך אָנגעבויגן און מיט די ליפּן אַ נעפּ געטאָן פון דער משקה.

— ברודערשאַפט! ברודערשאַפט! — האָט באַר אַ פרייליכער געשריגן. זיין קול איז געווען הייזעריק. זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, אים געוואָלט באַרויִקן. זיינע פאַרגלייזטע אויגן האָבן שטאַר זי אָנגעקוקט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, ווי ער זאָל דרימלען. זי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, אַרויסגעצויגן איר האַנט פון אונטער זיין אָרעם און איז אַוועק אָן אַ שלום. פון ווייטן האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו סאַלאַנטן, אים געגעבן אַ צייכן ער זאָל איר נאָכגיין. סאַלאַנט איז די גאַנצע צייט געזעסן אין ווינקל און געוואַרט אויף איר. ער איז אויפגע־שפּרונגען פון בענקל.

דער קרייז פון רחלס באַקאַנטע איז געוואָרן אַ פאַרצווייגטער. זי האָט איצט געהאַט אַ צוטריט אין אַלע אַנשטאַלטן. זי האָט געקענט אַ סך דירעקטאָרן און נאָך מער באַאַמטע. זי האָט פאַר יעדן פון זיי געהאַט אַ גוט וואָרט. זי האָט געוווּסט ווו און ווען ווען ועמען עפּעס פרעגן. זי איז אויך געווען צוגעלאָזן. זי האָט מכבד געווען מיט אַ סיגאַר. אין קאַפע־הויז האָט זי נישט געוואַרט מען זאָל זי איינלאַדן. זי האָט זיך אַליין איינגעלאַדן. זי האָט זיך צוגעזעצט צו אַ טישל און געזאָגט: — איך שטאַרב טרינקען — געגעבן אָנצוהערן דעם צו וועמען זי האָט זיך צוגעזעצט.

זי האָט זיך געשלייכט איבער די גאַסן און איבער די באַרן און געגוי געוווּסט וואָס עס קומט פאַר הינטער אַ סך ווענט פון אַנשטאַלטן און דירות. זי איז געווען די ערשטע וואָס האָט זיך דערוווּסט פון אַ סקאַנדאַל, אַ רכילות און וועגן אַ געשלאָ־סענעם אָפּמאַך. זי האָט יעדן מיט וועמען זי האָט גערעדט אַ קלאַפּ געטאָן אויפן אַקסל ווי אַ גוטן ברודער. אין יעדן אָרט און אַנשטאַלט האָט זי געהאַט אירע מענטשן. ווי נאָר עס האָט ערגעצוו עפּעס פּאַסירט, האָט מען איר באַלד צוויסן געטאָן. אַלע האָבן געוווּסט, אַז זי געפינט זיך סטאַביל אין „קנקן״ אָבער זי האָט נישט געוואַרט מען זאָל זי זוכן. זי האָט געזוכט די מענטשן — די סענסאַציעס. זי האָט פון די מענטשן אַרויסבאַקומען יעדן סוד. צו דערגיין אַ סוד איז זי גרייט געווען אויף אַלעם. אין „עקספּרעס״ איז זי איצט געווען די הויפּט־ליוועראַנטין פון די סענסאַ־ציעס. די צייטונגס־לייענער האָבן געשלונגען און זיך געקוויקט מיט אירע ידיעות. נור האָט געוווּסט, אַז זי ווערט געלייענט. זי איז געווען זייער באַשעפטיקט, זיך שטענדיק געאיילט, אפילו ווען עס איז איר נישט געווען נויטיק. זי האָט געוואָלט מענטשן זאָלן זען ווי וויכטיק זי איז.

אויך דעם לעצטן דינסטיק איז זי אַריינגעפאַלן צו נורן און איילִיק אַוועקגעלייגט פאַר אים אַ קאָרעספּאָנדענץ. ערשט איצט האָט זי אים געזאָגט „שלום" אַלס באַגרי־סונג און אָפּשייד. נור האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם זשורנאַל וואָס ער האָט געלייענט און זי אָנגערופן ביים נאָמען. זי האָט זיך אַ דריי געטאָן אויפן קנאַפּל און שטיין געבליבן מיטן פּנים צו אים.

— זיץ — האָט ער איר געזאָגט און מיט דער האַנט איר אָנגעוויזן ס'בענקל.
זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בענקל ווי אויף דערוויילֿ. זייערע בליקן האָבן זיך געקרייצט. זי האָט געוואַרט וואָס ער וועט איר זאָגן. זי איז געווען רויִק. נור ווי ער זאָל זוכן דעם פּאַסיקן טאָן אָנצוהויבן דעם שמועס, האָט אָפּגעוואַרט, געוווּסט, אַז זי איז אַראָגאַנט און חוצפּהדיק, אָבער צום סוף האָט ער גענומען איר קאָרעספּאָנדענץ אין האַנט און געזאָגט:

— מיר האָבן באַשלאָסן דיר אָנשטעלן אַלס שטענדיקע מיטאַרבעטערין אין דער צייטונג. פון ערשטן אָן וועסטו באַקומען אַ חודש־געהאַלט.

נור האָט גערעדט פּאַמעלעך ווי ער זאָל וועגן יעדעס וואָרט, אָבער ווען ער האָט געענדיקט רעדן האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר, געוואָלט זען ווי אַזוי עס האָט אויף איר געווירקט די בשורה. זי האָט פאַרשטאַנען זיין טאַקטיק און איז געבליבן רויִק. פּאַמעלעך האָט זי אויפגעהויבן די אויגן. זיי זענען איצט געווען גרויס.

— דאָס האָסטו געדאַרפט שוין פון לאַנג טאָן — האָט זי אים געזאָגט.

נור איז געבליבן אַ געפּלעפּטער. דאָס ערשטע מאָל ווי זי האָט אים געזאָגט „דו" און נישט „הער". לויט זיין פּנים־אויסדרוק האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי איז געווען חוצפּהדיק, אַז זי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. זי האָט אָבער אויך פאַרשטאַ־נען, אַז זי דאַרף זיך איצט נישט צוריקציִען. זי האָט אַ וואַרף געטאָן מיטן קאָפּ — פאַרוואָרפן אירע האָר אויף הינטן און דרייסט אים געזאָגט:

— דו זעסט אין מיר כסדר נאָר די אָנפאַנגערין. איך בין אַ פרוי מיט דער־פאַרונג.

זי האָט אים אָנגעקוקט. אירע אויגן זענען געווען פאַרמרוישעט. זי האָט אַי־בערגעפירט איר בליק פון זיין פּנים אויף זיינע הענט וואָס זענען געלעגן אויפן טיש און געוואַרט ער זאָל רעדן ווייטער. אָבער נור האָט זיך שנעל צונויפגענומען און געזאָגט:

— איך שעץ דיינע פעיִקייטן. דו האָסט אַ צוקונפט.

— גענוג! — האָט רחל אַ וואָרטשע געטאָן און זי איז אויפגעשטאַנען. אירע אויגן האָבן אַ פלאַקער געטאָן מיט שנאה צו אים. פון כעס איז איר פּנים געגליווערט געוואָרן ווי אַ מאַסקע.

— שלום! — האָט זי שטיל געזאָגט און זי איז אַוועק צו דער טיר. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך, פול חשיבות.

נור האָט זיך אָנגעשפּאַרט אינעם בענקל־אָנלען און פאַרמאַכט די אויגן. רחל איז אים געפעלן פונעם ערשטן טאָג, ווען ער האָט זי באַקענט. ער האָט אָבער נישט געוואָלט שטערן סאַלאָנטן. ער האָט זיך אויך נישט געוואָלט פאַרפּלאָנטערן. ער האָט

פאַרקערט מיט אַ רייכער טוריסטין פון אַפריקע, וואָס האָט זיך אַ לענגערע צייט אויפגעהאַלטן אין לאַנד.

רחל איז כמעט נישט געקומען צו דער אַרבעט ביי גרייען. ער אַליין האָט געמאַכט די ביוראָ־אַרבעט, אָבער יעדן ערשטן פון חודש האָט זי געפונען אויפן טיש ליגן אַ קאָנווערט מיטן געהאַלט. גריי האָט נישט געוואָלט נאָך מער פאַרשאַרפן די באַציונגען צווישן זיי. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ סקאַנדאַל. ער האָט געוווּסט, אַז זי קען זיך אין אים נוקם זיין. ער האָט געדולדיק געוואַרט זי זאָל זיך אַליין אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. טאַקע צומאָרגנס נאָכן געשפּרעך מיט נורן איז רחל אַוועק צו גרייען. זי איז אַריין אין ביוראָ אָן אָנצוקלאַפּן אין טיר. גריי האָט אפילו נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן, וואָס ער האָט געלייענט. להיפך, ער האָט נאָך שטאַרקער זיך פאַרטיפט אין די אַקטן ווי ער זאָל אַריינטראַכטן אין אַ שווערן ענין, וואָס ער דאַרף דעצידירן. זי איז צוגעגאַנגען צו איר טיש און אַרויסגעצויגן דעם שופלאַד. גריי האָט ווייטער אַריינגעקוקט אין די פּאַפּירן, אָבער מיט איין אויג אַריבערגעקוקט איבער זיי. ער האָט געזען, אַז רחל נעמט צונויף אירע זאַכן פון שופלאַד און וואַרפט זיי אַריין אין איר האַנטטאַש. זי האָט אַרויסגענומען די פּודער־ניצע וואָס גריי האָט איר געקויפט, דאָס טאַשן־שפּיגעלע, עטלעכע האָר־נאָדלען, אַ ליפּסטיק און אַן אָפּענע פּושקע סיגאַרן. ווען זי האָט פאַרענדיקט האָט זי אַ נעם געטאָן די האַנטטאַש און געזאָגט מיט אַ טאָן, ווי זי זאָל זיך געזעגענען מיט אירס אַן ייִנגערן ברודער: „שלום, גריי״!

אויך איצט האָט גריי נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן און געשוויגן. שוין אויף דער שוועל, מיט אַן אויסגעשטרעקטן פוס גרייט צו גיין, האָט זי צוגעגעבן:

— צווישן אונדז איז אַלץ געענדיקט!

ערשט איצט האָט גריי אויפגעהויבן זיין קאָפּ און זי אָנגעקוקט. זיינע אויגן זענען געווען טרויעריק.

— אַזוי, אָן אַ „זייַ געזונט״ גייסטו אַוועק? — האָט ער דערשטוינט זי געפרעגט.

רחל האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן און געשמייכלט. זי האָט איינגעבויגן איר אויסגעשטרעקטן פוס, אים אַוועקגעשטעלט און געפרעגט:

— וואָס, מיר דאַרפן זיך גטן?

גריי האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגן. זיינע פּנים־מוסקולן האָבן ספּאַזמאַטיש געציקט. זי האָט אויסגעגליכן איר קערפּער.

— שלום — האָט זי געזאָגט, אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַוועק.

— שלום! — האָט גריי אַ זיפץ געטאָן. ער האָט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויפן טיש און אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אין די הענט.

רחל האָט אַ סך באַקאַנטע. די סענסאַציעס וואָס זי האָט אָפּגעדרוקט אין דער צייטונג האָבן איר געמאַכט אַ נאָמען. זי איז שוין נישט געווען דאָס עלנטע מיידל

פון דער שכונה. איינגעזעסענע שטאָט־משפחות האָבן זיך באַמיט וועגן איר פריינט־שאַפט. בכבודיקע משפחות האָבן זי איינגעלאַדן. פאַבריקאַנטן וואָס האָבן איינגע־אָרדנט מאָדע־אויסשטעלונגען האָבן איר געשיקט ספּעציעלע איינלאַדונגען. זי האָט געקענט העלפן. מענטשן זענען געווען פאַראינטערעסירט זייערע נעמען זאָלן דער־מאָנט ווערן אין דער צייטונג. זי האָט אַלע נישט געקענט צופרידנשטעלן. זי האָט דערצו נישט געהאַט קיין צייט, אָבער די שפּעטע אָוונט־שעהן האָט זי פאַרברענגט אין „קנקן". דאָ אין דער ענגשאַפט, אין דעם קאַפע־געפילדער האָט זי זיך אויס־געלעבט. די צונויפגעדריקטע מענטשן־מאַסע, די איינגעבויגענע איבער די טישלעך פּלייצעס מיט די אויסגעשטרעקטע פאַרויס קעפּ, האָבן זי אָנגערעגט. זי האָט זיך מיט פאַרגעניגן אַדורכגעשטופּט צווישן די טישלעך, צווישן דעם המון. אינעם ריח־געמיש פון מענטשן־שווייס, סיגאַרן־רויך, געפּרעגלטן אייל און אַלקאָהאָל־זויער וואָס איז געהאָנגען אונטער דער סטעליע, ווי אַ טומאַן האָט זי שנעל און האַסטיקער געאָטעמט.

אַלע אירע באַקאַנטע האָבן געהערט צו דער זעלבער קאַטעגאָריע. געהאַט די זעלבע דירות, די זעלבע גרויסע פּירטיריקע שאַנק, דעם זעלבן שווערן בופעט מיט אַן איינגעבויטן אין באַר שפּיגל, אַ בילד מיט אַ לאַנדשאַפט, די זעלבע נעאָן־לאָמפּן אונטערן פאַרהאַנג־קאַרניז. נאָר אין די נגידישע הייזער האָט זי נאָך דערוויל נישט געהאַט קיין צוטריט. אויך אין איר צימער האָט זי שוין געהאַט געענדערט זיין אויסזען. זי האָט זיך כסדר געשלייכט איבערן „וואָנצן־מאַרק" אין יפו און צונויפגעקויפט אַנטיקן. די ווענט, די שאַנק, דער טיש און דער ראַדיאָ זענען געווען אַרומגעשטעלט און באַהאָנגען מיט אַראַבישע פינדזשאַנען, קריגן און טעלער. אפילו איר לאָמפּן־אַבאַזשור איז געווען געמאַכט פון אַ מעשענער, געלעכערטער טאַץ און איר חדר איז געווען אָנגעשטעלט, ווי אין אַ קראָם וואָס וואַרט אויף קונים.

אָבער איר מעמד האָט זי נישט באַפרידיקט. זי האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט איר איצטיקער געזעלשאַפט. איר שטרעבונג איז געווען — די העכערע געזעלשאַפט. דער אויפשטייג איז איר געווען נויטיק זי זאָל פאַרגעסן אין איר אָפּשטאַם, ווייל אפילו ווען זי איז אַוועק אין פאַסט אַוועקשיקן דער מוטער געלט, איז זי שטיין געבליבן ביים אַריינגאַנג און זיך אַרומגעקוקט, צי ווער פון אירע באַקאַנטע איז נישטאָ. זי האָט אויך אויפגעפּאַסט מען זאָל זי צו אָפט נישט זען אין באַרס געזעל־שאַפט. באַר האָט באַשטעלט נישט אַ גלעזל קאָניאַק נאָר אַ גאַנצע פלאַש. געגעסן האָט ער נאָר אַ גרויסן סטעק, וואָס האָט געטריפט מיט בלוט אָדער אַ געבראָטענע הון, אָבער דיין באַליבט מאכל איז געווען — אויסגעקאָכטע אַרבעס. ער האָט די אַרבעס נישט געלייגט אין מויל אַריין, נאָר געוואָרפן איין אַרבעס נאָכן אַנדערן, ווי געצעלעוועט אין קעל אַריין.

נאָך דעם ערשטן צוזאַמענטרעף מיט אים, ווען זי האָט מיט אים געטרונקען ברודערשאַפט איז זי טאַקע פון אים אַנטלאָפן. אָבער פון דעמלט אָן טרעפן זיי זיך אָפט, אָבער זעלטן אין „קנקן", לרוב אין די רעסטאָראַנען און נאַכט־לאָקאַלן. דאָרט ווו די „קנקן"־געסט קומען נישט.

באַר האָט זיך צוגעפּאַסט צו אירע קאַפּריזן און געהיטן דעם סוד פון זייערע צוזאַמענטרעפן. אָבער זיינע באַקאַנטע האָבן געוווּסט וועגן זיין פריינדשאַפט מיט איר, ווייל נישט איין מאָל, ווען ער איז געווען בגילופין האָט ער זיך אַ באַרים געטאָן:

— די בלאָנדע איז מיין חיות.

ער איז אויסגעגאַנגען פון תאווה צו איר. ער האָט זי געשפּיזט מיט די אויגן. איר אָוואַל, גלאַטיק פּנים, איר פאַרריסן נעזל און אירע בלוט־פליישיקע ליפּן, וואָס זענען געווען צוזאַמענגעצויגן ווי ביי אַ קינד, האָבן אים געררייצט. דעמלט איז זיין בליק געווען טעמפּ פון תאווה. זי איז אים געפעלן נישט נאָר אַלס פרוי, זי האָט אים אויך אימפּאָנירט, וואָס זי איז אַ זשורנאַליסטין. ער וואָלט דערין פאַר קיינעם זיך נישט מודה געווען, אָבער אין זיין אונטערבאַוווּסטזיין האָט ער עס געוווּסט. נישט געווען דער טאָג ער זאָל איר נישט צושיקן עפּעס אַהיים. יעדעס מאָל האָט אַ שליח איר געבראַכט אַ פּעקל נאַשוואַרג, פרוכטן, אָבער אַממערסטן בלומען. ער איז איר נאָכגעגאַנגען, איר אַלץ נאָכגעגעבן און געוואַרט מיט געדולד. זיין צייט איז טאַקע געקומען. אין זיין רויטן „פּאַקאַרד" וואָס האָט געגלאַנצט ווי עמאַל האָט באַר געוואַרט אין געסל ביי דער ציגל־פאַבריק. עס איז געווען פינצטער און שטיל. ער האָט דערהערט אירע טריט שוין פון ווייטן, ווי נאָר זי האָט אים געזאָגט: — פראַנץ, שלום! — האָט ער אָנגעצונדן די מאַשין און זי איז אַריינגעשפּרונגען גע־שיקט ווי אַ קאַץ. באַר האָט געריירט פון אָרט מיטן פולן גאַז. ווי נאָר זיי זענען אַרויס פון די באַלויכטענע שטאָטגאַסן, אַריינגעפאָרן אין דער פינצטער, האָט זי זיך צו אים צוגערוקט.

— איך פיר דיך אויף אַן אָרט וווּ דו ביסט נאָך נישט געווען — האָט ער איר געזאָגט. זיין קול איז געווען דיק און הייזעריק. זי האָט אים נישט געענטפערט. זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צו אים צוגעטוליעט. אַ צייט שפּעטער האָט ער פאַרהאַלטן דעם אויטאָ מיט אַ גרילץ און איז שטיין געבליבן.

— מיר זענען אָנגעקומען — האָט ער געזאָגט.

רחל איז די ערשטע אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ. זי איז געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט. זי האָט געזען פאַר זיך אַן איינשטאָקיק הויז, וואָס איז געשטאַנען אין אַ גרויסן אומבאַלויכטענעם גאָרטן. דאָס צוגעטונקלטע ליכט, וואָס האָט אַרויסגע־שיינט פון די אָפענע פענצטער האָט שוואַך באַלויכטן דעם פראָנט. דער שפּיציקער, דריי־גאָרנדיקער קאַרמיט־דאַך האָט זי אַנטציקט. רחל וועלכע האָט געמיינט, אַז זי קען אַלע סביבות אין שטאָט, האָט נישט געוווּסט ווו זי געפינט זיך. באַר האָט איר נישט געגעבן קיין צייט צו טראַכטן. ער האָט באַלד גענומען זי אונטערן אָרעם און צוגעפירט צו אַן אַריינגאַנג. זי האָט נאָך באַוויזן אַדורכלייענען דאָס שילדל אויף דער טיר „דפנה".

דער נידעריקער, פּירקאַנטיקער זאַל מיט דער הילצערנער סטעלע, האָט איר אויסגעזען ווי ליידיק. די צעהאַנגענע איבער די ווענט לעמפּלעך זענען געווען פאַר־שטעלט מיט טונקעלע אַבאַזשורן און האָבן צעשפּרייט איבערן זאַל אַ טונקעלע שיין.

די ווייסקייט פון די טישטעכער איבער די טישן האָט אַרויסגעבלענדט פון דעם שטובן־טונקל. אין זאַל זענען געזעסן דריי פּאָרלעך און געגעסן.

רחל האָט איינגעהאַלטן איר טריט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף באַרן און זיך צעשמייכלט. באַרס טעמפּע אויגן האָבן אַ פינטל געטאָן. זיינע צוויי באַקן זענען נאָך טיפער געוואָרן. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז אויך ער איז צופרידן וואָס איר געפעלט דאָ. ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און זי צוגעפירט צום טיש, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט אונטער אַן אָפן פענצטער. אַ לאַנגער, בלאָנדער, שטייפער ווי אין אַ גאָרסעט קעלנער, איז פאַר זיי שטיין געבליבן און זיך פאַרנייגט.

— רחל! — האָט באַר איבערגעריסן אירע מחשבות. זי האָט אים אָנגעקוקט ווי זי זאָל אים פרעגן, אָבער זי האָט באַלד אים פאַרשטאַנען און געזאָגט: — איך פאַרלאָז זיך אויף דיר.

זיין פּנים האָט זיך צעקנייטשט פון פרייד. ער האָט געקוקט אויף איר און אַ באַפעל געגעבן דעם קעלנער:

— לעבער מיט ביילאַגן און שאַמפּאַן.

דער קעלנער האָט זיך טיף פאַרנייגט און איז אַוועק. ביים באַר אין ווינקל האָט זיך אויפגעהויבן אַ דאַרע געשטאַלט אין אַ לאַנגן פראַק. ער האָט אַרונטערגעלייגט אַ פידל אונטער דער גאָמבע און עס האָט זיך דערהערט די ווינער וואַלס־מעלאָדיע. די טענער זענען געווען ווייכע, לייכטע און פריילעכע, ווי פאַרבעטן צום טאַנץ. באַר האָט מיט זיין דיק, הייזעריק קול באַגלייט די מעלאָדיע. רחל האָט אים שטיל מיט אַ פלויש אונטערגעהאַלטן הה־ההה. דער קעלנער איז צוריקגעקומען און פאַר זיי אַוועקגעשטעלט אַ קליינעם, ניקלנעם עמער מיט אייז און אַ פלאַש אין אים. ער האָט געוואָלט איינגיסן. באַר האָט אים אַרויסגענומען די פלאַש פון האַנט. דער קעלנער האָט זיך פאַרבייגט און איז אַוועק.

— לחיים! — האָט באַר געזאָגט. ביידע האָבן אויפגעהויבן די באָקאַלן מיט דער שפּרודלדיקער משקה. רחל האָט אָנגעקלאַפּט איר באָקאַל אין זיינעם. עס האָט זיך דערהערט אַ קרישטאַל־קלאַנג. באַר האָט אויסגעטרונקען די משקה מיט איין לאַנגן שלונג. רחל האָט נאָר ווי פאַרזוכט און פאַרוווּנדערט אַ ברום געטאָן: — אַה? באַר האָט זי אָנגעקוקט, געפרעגט.

— סאָדע־וואַסער — האָט זי געזאָגט און פאַרקרימט ס׳פּנים. דער קעלנער האָט איצט פאַר זיי אַוועקגעשטעלט צוויי ניקלנע טאַצן: איינע מיט לעבער, די צווייטע מיט געבראָטענע קאַרטאָפל, געשניטענעם שפּאַרגל און גרינע אַרבעס.

באַר האָט ווידער אָנגעגאָסן זיין באָקאַל, צו אירן האָט ער נאָר צוגעגאָסן. ער האָט געגעסן שנעל און פאַרטרונקען מיט משקה. זי האָט געגעסן פּאַמעלעך און ווייניק געטרונקען, אים באַר צוליב געטאָן.

דער פידלער האָט געכישופט מיט זיין פידל. די טאַנגאָ־ און וואַלס־מעלאָדיעס האָבן פאַרוויגט. ביידע האָבן געגעסן און געשוויגן. ווען זיי האָבן געענדיקט עסן האָט באַר געזאָגט:

— קום, מירן זיך איבערזעצן צו אַ ריינעם טיש.

דער קעלנער האָט געוואָלט צוגיין צו זיי. באַר האָט פון דער ווייטן אים געזאָגט:

— אַ פלאַש!

אַ זאַטער און באַרוישטער האָט ער זיך פונאַנדערגערעדט. ער איז געזעסן מיט דער זייט צום טיש און מיטן פּנים צו רחלען. זיין קאָפּ איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט און ער האָט גערעדט:

— איך קען זיך דערלויבן. די פאַרגאַנגענע וואָך האָב איך אַריינבאַקומען אַ טראַנספּאָרט פון אַרגענטינע.

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן. רחל האָט געקוקט צום פידלער. באַר האָט זיך אָנגעבויגן און ווי ער זאָל איר איינרוימען אַ סוד, געזאָגט:

— פאַרדינט ס'דאָפּלטע — און זיך צעלאַכט אויפן קול: כאַ־כאַ!

רחל האָט נאָך אַלץ געקוקט אויפן פידלער. באַר האָט זיך באַרויִקט — נישט געלאַכט מער, געוואָלט איר אויפקלערן זיינע מסחר־טראַנזאַקציעס און געזאָגט:

— איך האָב מיטן חוש דערפילט, אַז די סחורה מוז שטייגן.

זיינע פאַרגלייזטע אויגן האָבן זי באַטראַכט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגע־געבן:

— מיינע לייט האָבן מורא געהאַט צו ריזיקירן — און ער איז שטיל געבליבן.

רחל איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף הינטן אינעם בענקל־אָנלען. זי האָט געפילט די שווערקייט פון איר גוף. זי איז געווען באַטרונקען. ס'האָט זיך איר געדרייט דער קאָפּ און זי האָט געפילט אַ לייכטן רויש. זי האָט ווי פון ווייטנס געהערט אָפּגעהאַקטע פידל־טענער.

באַר האָט אַרויסגעצויגן פון טאַש אַ דיקן ציגאַר און אים אָנגעצונדן. אַ רויכקנויל פול אַראָמאַט איז הענגען געבליבן צווישן זיי. באַר האָט באַלד אונטערגערוקט דעם ציגאַר רחלען אונטער דער נאָז, אויך זי זאָל אין זיך איינזאַפּן דעם ריח. אירע פאַרגלייזטע אויגן האָבן אים אָנגעקוקט און אירע ליפּן האָבן אַ סמאַקע געטאָן פונעם ציגאַר. זי האָט זיך פאַרקרעקט מיטן רויך. ער האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע. זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט, און זיך אַרומגעקוקט איבערן זאַל. איר בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ בילד, אָבער זי האָט שוין נישט געזען און נישט אונטערשיידט וואָס דער פידלער שפּילט. דער פידלער איז צוגעגאַנגען צו זייער טיש און גענומען שפּילן דעם ראָמאַנס „אַנדאַלוזיאַ". באַר האָט פון דער הויזנטאַש אַרויסגענומען אַ פינף־פונט־באַנקנאָט און אַריינגעשטופּט דעם פידלער אין וועסטן־טעשל און אים אַ ווונק געטאָן ער זאָל גיין.

באַר האָט זיך איבערגעלייגט, ווי אַזוי ער זאָל פאַרזעצן דעם שמועס און פאַר־מאַכט די אויגן. אין זאַל איז שטיל געוואָרן. דער פידלער האָט אויפגעהערט שפּילן. פון דער ווייט איז צו באַרן דערגאַנגען דער רויש, פון די ים־כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אין די ברעגן. ער האָט געעפנט די אויגן, האָט אַ קוק געטאָן אויף דער פלאַש און ווידער אָנגעפילט די באָקאַלן. איין באָקאַל האָט ער צוגעטראָגן איר צום מויל. זי האָט געטרונקען, שוין נישט געוווּסט וואָס זי טוט. אויך איצט האָט באַר זיך צעלאַכט אויפן קול, אָבער זיין געלעכטער איז איצט געווען ווילד. זי האָט

פאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אין אַ זייט. אירע גלאָז־גרויע און שטאַרע אויגן האָבן באַרן אָנגעקוקט אַנמעכטיק.

— קום! — האָט זי אים געזאָגט, ווי געבעטן.

— קעלנער! — האָט באַר אים גערופֿן. ער איז צוגעקומען און דערלאַנגט דעם חשבון.

באַר האָט נאָר אַ בליק געטאָן אויפֿן חשבון און אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן טיש זעקס צענער־באַנקנאָטן. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, רחלען אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און זי געפֿירט צום אַרויסגאַנג. דער קעלנער, אַ פֿאַרבייגיטער, האָט זיי אַרויס־באַגלייט.

די נאַכט־קילקייט האָט אים דערפֿרישט. ער האָט רחלען אַריינגעזעצט אין אויטאָ און פֿאַרמאַכט נאָך איר די טיר. אויך ער איז איינגעשטיגן, זיך אַוועקגעזעצט ביים רודער און גערירט פֿון אָרט מיט דער גאַנצער שנעלקייט.

די גאַסן זענען שוין געווען ליידיק. ווו־נישט־ווו האָט זיך באַוויזן אַ פֿאַרשפּע־טיקטער פֿאַרבייגייער. דער בענזין־ריח האָט רחלען געשלאָגן אין דער נאָז. איר האָט געאיבלט. אַ הילפֿסלאָזע האָט זי אָנגעלענט איר קאָפּ אויף באַרס אַקסל. זיינע הענט האָבן פֿעסט געהאַלטן דעם רודער. זיינע אויגן, זענען געווען איינגעקוקט אין דער פֿינצטער, וועלכער זיי זענען אַנטקעגנגעפֿאָרן. די מאַשין איז געלאָפֿן מיט דער גאַנצער שנעלקייט. אַ ווינטער־נאַכט־ווינט האָט זיי געפּאַטשט אין פּנים און געפֿיפֿן אין די אויערן. ערשט ווען ער איז אַריינגעפֿאָרן אין דעם באַרגיק־שמאָלן געסל האָט ער פֿאַרקלענערט די שנעלקייט. אָבער דאָס אָפֿענע טויער איז ער אַדורכגעפֿאָרן שנעל. ווען ער האָט פֿאַרהאַלטן אין הויף דעם אויטאָ איז רחל כּמעט צוזאַמענגעבראָכן.

באַר איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון אויטאָ. דער אויטאָ־טרייסל האָט אויפֿגעוועקט רחלען. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און געפֿרעגט:

— ווו בין איך?

— ביי מיר אין הויז! — האָט ער איר געענטפֿערט מיט תּקיפֿות.

— כאַ, כאַ, כאַ, — האָט זי זיך פֿונאַנדערגעלאַכט אויפֿן קול. זי האָט פֿונאַנדער־געשפּרייט די הענט איבערן גרזעס־אַנלען און איז זיצן געבליבן אַן אומבאַהאָלפֿענע מיט אַן אויסגעשטרעקטן קאָפּ. די נאַכט־שטילקייט האָט פֿונאַנדערגעטראָגן דעם אָפּהילך פֿון איר געלעכטער איבער דער סביבה. די נאַכט איבער רמת־גן איז געווען אימהדיק און פֿינצטער.

פֿאַרבייגייער און קאַפֿע־זיצערס האָבן אָפֿט געזען באַרן פֿירן זיין אויטאָ. נעבן אים איז געזעסן רחל. די געשעפֿטן האָבן געפֿירט זיינע שותּפֿים. באַר, אַן אַלטער קאַוואַליר איז נאָך אַלס יינגל עולה געווען פֿון קאָסע, אַ שטעטל אין גאַליציע. ער איז געגאַנגען אין פֿאָטערס וועגן. אויך דער פֿאָטער איז געווען אַ פֿעל־סוחר. אָבער ער האָט געלעבט אַנדערש ווי דער פֿאָטער. ער האָט געוווינט אין אַן

אייגענער, גרויסער ווילע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ רחבותדיקן גאָרטן. ער האָט געהאַט געלט און אַ סך פרייע צייט, וואָס ער איז גרייט געווען צו שענקען זיין רחלען.

ער האָט זי געפירט אין אויטאָ ווו אַהין זי האָט געדאַרפט פאָרן צוליב איר אַרבעט. ביידע זענען געווען צופרידן. ער, וואָס מענטשן אין גאַס זעען אים מיט רחלען די זשורנאַליסטין, איך זי האָט פאַרבונדן די נוץ מיט דער הנאה. ביידע האָבן נישט געוואָלט מען זאָל זיי שטערן. דאָך זענען זיי כסדר געקומען אין „קנקן" אַריין. איר באַציִונג צו אים איז דאָרט געווען אַ צוריקגעהאַלטענע. זי האָט זיך צו אים געוואָנדן נאָר מיטן משפחה־נאָמען.

— באַר באַשטעל מיר אַ ביר. באַר דערלאַנג מיר דאָס האַנט־בייטל.

סאָלאַנט האָט זי אָפּגעוואוירט אומעטום. אין „קנקן" האָט ער אַ סך מאָל זיך צוגעזעצט צו זיי קעגן זייער ווילן, געוואַרט אויף רחלען פאַר דער רעדאַקציע, אין דער גאַס, פאַר די קאַפעען אויף דיזנגאָף, כאָטש ער האָט זי נאָר זעלטן געטראָפן. זי האָט אים שוין נישט געדאַרפט און אַוודאי נישט ער זאָל איר פאַרלייענען לער־מאָנטאָוון אָדער טשעכאָוון.

אָבער פון מאָל צו מאָל האָט זי פון רחמנות וועגן אים דערלויבט ער זאָל זי באַזוכן. דעמלט, ווי איר שטייגער, איז זי געלעגן אַ צעקנעפּלטע, האַלב־נאַקעטע און ער איז געזעסן אויף אַ טאַבורעט נעבן איר אַן אייננגעקאָרטשעטער, אָן באַוועגונג, ווי אַ געליימטער. זיינע אויגן זענען געווען פייכט פון תאווה. זי האָט הנאה געהאַט וואָס ער מאַטערט זיך. נאָר ווען זיין אויסגעצויגענער גוידער האָט גענומען ציטערן, האָט זי אים אַ רוף געטאָן ביים נאָמען: — סאָלאַנט! דאָס איז געווען דער צייכן, אַז ער מעג זיך צו איר צוזעצן און אַרויפלייגן זיין האַנט אויף איר.

ווען סאָלאַנט האָט זיך דערוווּסט, אַז רחל האָט איבערגעריסן מיט גרייען איז ער געווען גליקלעך. ער איז געווען זיכער, אַז זי האָט עס געטאָן צוליב אים. ער האָט דעמלט נאָך נישט געוווּסט, אַז זי האָט זיך באַפריינדעט מיט באַרן, כאָטש ער האָט געזען, אַז זי גייט אַרום מיט אים. ער איז צו אַלעם געווען גרייט. ער האָט אויף אַלץ מסכים געווען, נאָר זי זאָל אים נישט פאַרטרייבן. ער האָט איר אפילו געזאָגט ליגנס. יעדעס מאָל האָט ער איר דערציילט אַן אַנדערע מעשה. אַ מאָל האָט ער איר געזאָגט:

— שושני האָט דיך זייער געלויבט, איך מיין, אַז מיט דער צייט וועט ער דיך אַריבערנעמען צו זיך אין דער „שטימע".

— אַ צווייט מאָל האָט ער איר געזאָגט:

— דגני האָט זיך אויף דיר געפרעגט.

זי האָט נישט געפרעגט קיין פּרטים. זי האָט אים נישט געגלויבט. אָפּט האָט ער איר עפּעס געזאָגט אויפן קול באַר זאָל הערן. זי האָט געוווּסט, אַז אַלץ וואָס ער זאָגט איז אויסגעטראַכט. אָבער זי איז דערפון געווען צופרידן. איין מאָל ווען זיי האָבן זיך זאַלבעדריט געטראָפן אין „קנקן" האָט ער איר געזאָגט:

— כ'האָב געקלונגען צו גלן, ער האָט מיר געזאָגט, אַז די זאַך איז אַקטועל.

דאָס מאָל, האָט זי אַ דערשטוינטע יאָ געוואָלט הערן פּרטים. גל איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „שטימע״, אָבער סאַלאַנט איז געבליבן שטיל, נישט גערעדט מער. מאָרגן אין אָוונט, ווען זיי האָבן ווידער זאַלבעדריט זיך געטראָפן אין „קנקן״ האָט רחל נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון סאַלאַנטן. זי האָט געוואָלט הערן דעם המשך פונעם שמועס מיט גלן, אָבער סאַלאַנט האָט געשוויגן און צוזאַם מיט זיי ביידע געווען פאַרנומען. זיי האָבן געגעסן וווּרשטלעך מיט געבראָטענע קאַרטאָפל און פאַרטרונקען מיט אַ גלאָז ביר. ווען באַר האָט זיך אויפגעשטעלט באַצאָלן האָט זי זיך מער נישט געקאָנט איינגעהאַלטן און געזאָגט סאַלאַנטן:

— מאָרגן גיי איך צו גלן.

— וואַרט, איך וועל מיט אים נאָך אַ מאָל רעדן — האָט ער געשטאַמלט.

זי האָט פאַרשטאַנען און איראָניש געשמייכלט. באַר האָט זי אַ רוף געטאָן פון ווייטן.

— שלום! — האָט זי שנעל אָפּגעזעגנט סאַלאַנטן און איז אַוועק צו דער טיר.

— מען גייט אין „לוקולוס״ — האָט באַר געזאָגט ווען זיי זענען שוין געווען אין דרויסן און זי גענומען אונטערן אָרעם. גייענדיק צו דער מאַשין האָט רחל געזאָגט:

— אַ שאָד דער ייד!

באַר האָט געוווּסט וועמען זי מיינט. דאָך האָט ער געפרעגט:

— וועלכן ייד?

רחל האָט אַרויסגעצויגן איר האַנט פון זיין אָרעם און געזאָגט:

— נו, רעד!

באַר האָט זי אַרומגענומען און איר געזאָגט אויפן אויער:

— טראַכט נאָר וועגן מיר. ער האָט נישט געזען אין דער פינצטער איר שמייכל. ביידע האָבן זיי נישט געמערקט, ווי די פאַרבייגייער קוקן זיי נאָך, דעם יונגן מיידל און דעם גרויען מאַן וואָס גייען אַרומגענומען.

אַ וווּקסיקער, בייכיקער ייד האָט זיי אַ פאַרבייגטער באַגעגנט און פריינדלעך געשמייכלט צו באַרן. באַר איז געווען אַ באַקאַנטע פיגור אין די נאַכט־לאָקאַלן. אין דעם געפילדער און דער דעמפּיקייט האָט באַר זיך געפילט פריי, נישט געפילט קיין עלנטקייט. ער האָט ליב געהאַט זיצן פאַררוקט אין אַ ווינקל און באַטראַכטן די פּאָרלעך ווי זיי טאַנצן. ער אַליין מיט זיין שווערער פיגור האָט נישט געטאַנצט. איצט אין „לוקולוס״ האָט ער מיט רחלען זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל.

— אַ ווערמוט און אַ טאָפּלטע וויסקי — האָט ער באַשטעלט ביים קעלנער וואָס איז אין אויגנבליק שטיין געבליבן פאַר אים.

ער האָט פאַמעלעך געזופּט פון דער וויסקי, ווי ער זאָל ליגן צעלייגט אויף אַ סאָפע.

זיין שווייגן איז רחלען געווען אויף דער האַנט. נעבן אים אויפן טיש האָט זי

געשריבן אַן אַרטיקל פאַר דער צייטונג וועגן די וואָס פאָרן קיין פאַריז. דער מוזיק־טריאָ: דער פידלער, דער פּיאַניסט און דער פּויקער האָבן געשפּילט. באַר האָט געטרונקען און באַטראַכט די טענצער. ער האָט יעדע פרוי, וואָס האָט אין טאַנץ זיך דערנענטערט צו אים, פאַרגליכן מיט רחלען.

אין צווישנצייט האָט רחל פאַרענדיקט איר אַרטיקל. אויך דער אָרקעסטער האָט געענדיקט שפּילן דעם ענגלישן וואַלס. עטלעכע מינוט שפּעטער האָט דער פידלער אויפגעשפּילט „אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פּייערל״... רחלס ווייסע, ווייכע האַנט האָט צאַרט אַ גלעט געטאָן די האַנט פון באַרן, וועלכער איז געזעסן פאַררוקט אינעם ווינקל פון דער סאָפע אַן אָנגעשפּאַרטער אין אַנלען.

— אויך דו הערסט דעם פּייער־שאַרך אויפן פּריפּעטשיק?

זיין קול איז געווען ווייך און הייזעריק. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיך פאַרטראַכט.

— מיין טאַטע איז געווען אַ מגושמדיקער ייִד מיט אַ געלער באָרד, אַ באַבעווער חסיד. פּלוצים האָט ער געעפנט זיינע פאַרגלייזטע אויגן — די מאַמע איז געווען אַ דאַרע יידענע מיט אַ לאַנגער נאָז און האָט געטראָגן אַ שוואַרץ שייטל. אין שטוב האָבן זיך אַרומגעדרייט פינף טעכטער און איך דער מוזיניק. די מאַמע האָט געפירט די געשעפטן, זי האָט פון לעמבערג געברענגט שטיקלעך זוילן־אַפּפאַל. רייזל און מאַטל, די עלטסטע צוויי שוועסטער, גלעלע ווי דער טאַטע, זענען אַרומגעפאָרן איבער די ירידים, פאַרקויפט די פּויערים די שטיקלעך זוילן. עסן צו דער זעט איז אין שטוב קיין מאָל נישט געווען. דער טאַטע איז וואַכנלאַנג געזעסן ביי זיין רבין.

זיינע טעמפּע אויגן האָבן געגלאָצט. זיין פּנים איז געווען אָנגעשוואָלן פון ווייטיק. מיט אַ מאָל, ווי ער זאָל רעדן צו זיך האָט ער געזאָגט: דווקא מיטן טרינקען געראָט איך אַריין אין טאַטן — און זיך צעלאַכט.

ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און אייליק, נערוועז אַרויסגעגראַבלט פון זיין טאַשן־בייטעלע צוויי צענער באַנקנאָטן, זיי אַרויפגעוואָרפן אויפן טיש און איז אַוועק צו דער טיר. פון וועג האָט ער אַ רוף געטאָן רחלען: — קום!

זי איז אים נאָכגעגאַנגען. איר איז נאָכגעגאַנגען איר שאָטן — איר מאַמע. איצט נאָך דעם וואָס באַר האָט איר דערציילט, האָט זי פאַר זיך געזען די הויכע, בייניקע פרוי אינעם אויסגעשמירטן מיט בלוט כאַלאַט, איר מיד, צעקנייטשט פּנים, אירע אויגן וואָס קוקן טרויעריק, דערשטוינט.

זי האָט מורא געהאַט אַז מענטשן וועלן זיך דערוויסן ווו איר היים איז, ווער איר מאַמע איז. איר פּחד האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אימה. זי האָט איצט מער נישט געשיקט דער מוטער געלט מיט דער פּאָסט. זי איז געפאָרן צו דער מוטער אין אַ טעקסי, אָבער קיין מאָל נישט צוגעפאָרן ביז דער שטוב נאָר צוגעגאַנגען צו פוס. זי האָט זיך געהיטן מענטשן זאָלן נישט זען ווו אַהין זי פאָרט. זי האָט שוין געוווסט, ווי נאָר זי וועט אָנקלאַפּן אין טיר וועט זי הערן שווערע, באָרוועסע טריט און שטענדיק די זעלבע פראַגע: — ווער איז דאָ? ערשט, אַז זי האָט געהערט אַז רחל, האָט די מוטער אייליק אויפגעריגלט די טיר. פאַר איר וועט שטיין בלייבן די מוטער,

אַ פֿאַרשלאָפֿענע מיט צעשויבערטע האָר און אין אַ לאַנג, ביז די קנעכל, העמד. זי וועט נישט זײַן דער מוטערס אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס ווילן זי אַרומנעמען. זי וועט שנעל איר אַרײַנשטופּן אין האַנט די באַנקנאָטן און שנעל זיך אויסדרייען, נאָך זייער שמועס, וואָס וועט באַשטיין פֿון דער מוטערס פֿראַגע און דער טאָכטערס ענטפֿער.

— וואָס מאַכסטו ?

— גוט מאַמע, כ׳וועל דיר אַלץ דערציילן אַ צווייט מאָל.

באַרן האָט נישט אינטערעסירט וועלער זענען רחלס עלטערן, נאָר זי האָט אים אינטערעסירט. פֿון זינט באַר האָט דערקענט רחלען האָט ער זיך דערוויטערט פֿון זײַנע אַלע באַקאַנטע. אויך זײַנע געשעפֿטן האָבן געפֿירט די שותּפֿים. אים האָט נאָר באַשעפֿטיקט איין געדאַנק : רחל ! ער האָט זי נישט נאָר אַרומגעפֿירט מיט זײַן אויטאָ, מיט איר פֿאַרברענגט אין די קאַפֿעען און די נאַכט־לאָקאַלן, נאָר אויך געזאָרגט, עס זאָל איר אין שטוב גאָרנישט פֿעלן. אין איר קאָרידאָר איז איצט געשטאַנען אַ גרויסער פֿרידזשידער וואָס איז געווען אָנגעלייגט מיט כל מיני געפּעקלטע פֿליישן און פֿאַרשידענע קאָנסערוון. איר שטוב איז געווען פֿול מיט נאַשוואַרג און כל־מיני געטראַנקען. אויך איר צימער האָט איצט אַנדערש אויסגעזען. אויפֿן אָרט פֿונעם קילים איז אויפֿן פּאָל געלעגן אַ גרויסער העל־בלויער פּערסישער דיוואַן. אויפֿן אָרט פֿון די מעשענע כּלים זענען איצט געשטאַנען קעראַמיק־ און פֿאַרצעלײַ־כּלים. זי האָט נישט איבערגעקליבן — יעדער טעלער און וואַזע וואָס איר איז געפֿעלן, האָט זי געקויפֿט. אויף די ווענט זענען געהאָנגען צוויי גרויסע רעפּראָדוקציעס : רענואַרס — דריי־באָדנדיקע זיך פֿרויען און מאָנעטס, די דאַמע מיטן געבלימלטן הוט און אָפֿענעם שירעם. זי האָט אויך זיך אײַנגעשאַפֿט אַ גרויסן לאָמפּ מיט אַן אַבאַזשור פֿון פּאַרמעט אין דער פֿאָרם פֿון אַן עליפּסע, דורך וועלכן עס האָט אַדורכגעשלאָגן אַ פֿאַרטונקלטע ליכט.

באַר איז נישט אָפּגעטרעטן פֿון איר. אים איז גוט געווען ביי איר אין שטוב. נאָר איר אָנוועזנהייט האָט אים באַרויִקט. אויך ער האָט ליב געהאַט צו זיצן איר אַנטקעגן ביי אַ פֿאַרטונקלט ליכט ווען דער ראַדיאָ האָט געשפּילט. ער איז געזעסן מיט אַן איבערגעלייגטן פֿוס איינער אויפֿן צווייטן און געקוקט אויף איר ווי זי ליגט אויף דער סאָפֿע מיט די הענט אונטערן קאָפּ און קוקט אַרויף, ווי באַר זאָל נעבן איר נישט זיצן. ס׳האָבן זיך אויך געענדערט אירע מלבושים. אירע העמדער און די פּיזשאַמעס זענען איצט געווען פֿון באַטיסט און זייד. איר האָט איצט אינטערעסירט נאָר איין פּראָבלעם — צו באַקומען אינטערעסאַנט מאַטעריאַל פֿאַר דער צייטונג. אַמאָל, אַמאָל האָט זי אויך אַ טראַכט געטאָן, ווי זי דאַרף זיך נוהג זײַן מיט באַרן. זי האָט זיך אויך איבערגעלייגט ווי אַזוי צו פֿאַרענדיקן מיט סאָלאָנטן. אַמאָל האָט זי אויך אַ טראַכט געטאָן וועגן דער מאַמען.

זי איז שוין געווען געוויינט, אַז באַר זיצט איר אַנטקעגן און קוקט אויף איר.

אָבער ווען ער האָט אַ כּאַרכל אָדער ברום געטאָן איז זי אַ דערציטערטע אויפגעשפּרונגען. איר איז באַפאַלן אַ פּחד, אַז אפשר ווייסט ער וואָס זי האָט געטראַכט וועגן אים און איבער אים, זי האָט אויף אַ ווײַלע זיך אין אים אײַנגעקוקט און געזאָגט:

— איך בין הונגעריק.

זי האָט געוואָלט זיך אין אים נוקם זײַן פאַר איר מורא און זיך אויך געוואָלט איבערצייגן צי ער איז איר געהאָרכזאַם. ער איז אויפגעשפּרונגען, זיך גענומען פאָרען — איר געגרייט עסן.

די פענצטער פון רחלס צימער אויפן דריטן שטאָק, גייען אַרויס אויפן הויף. לעצטנס האָט זי זיך גאָר ווייניק אויפגעהאַלטן ביי זיך אין שטוב. זי האָט פאַרברענגט מיט באַרן אין די שטאָט-לאָקאַלן וואָס זענען געווען זײַן הײם. זײַן סאָטיספאַקציע איז געווען: זיך אַרײַנזעצן אין אַ טיף געבעטן פאָטעל, אַ שטייף פאַרקנעפּלטער קעלנער זאָל זיך פאַר אים פאַרבייגן און וואַרטן אויף זײַן באַשטעלונג. אָפט איז זי מיט אים געגאַנגען צו אים אין דער ווילע.

דאָס אײַנשטאָקיקע הויז איז געווען ווי אײַנגעפלאַנצט אין מיטן גאָרטן, מיט די אויסגעצויגענע ווענט וואָס האָבן געשטאַרט אין דער הויך, ווי זיי זאָלן זיך רײַסן אין די הימלען. די שמאָלע, לאַנגע פענצטער און די ברייטע און גלייכע מיט דער ערד טירן, האָבן ס׳הויז פאַראייניקט מיט דער אַרומיקער נאַטור — דעם געפלאַנצטן גאָרטן. דער גראָז-דיוואַן האָט זיך נישט געענדיקט פאַרן הויז, ווי געווייינטלעך אין אַנדערע הייזער, נאָר האָט זיך געצויגן ביז דער גלעזערנער טעראַסע וואָס איז געווען געפלאַסטערט מיט געשליפענעם מאַרמאָר. אויף עטלעכע ערטער זענען צווישן די מאַרמאָר-שטיינער געוואַקסן סובטראָפּישע פלאַנצן. אויפן ראַנד פונעם גראָז-דיוואַן איז געשטאַנען אַן אויסגעהאַקטער אין שטיין — פאַנטאַן.

רחל איז געווען פאַרכאַפּט פון באַרס רײַכטום. זי האָט זיך געפילט היימיש אין זײַנע צימערן. די ווענט פון שלאָפצימער און די מעבל זענען געווען מאַט ראָז און האָבן באַרויִקט דאָס געמיט. ווי נאָר זי האָט אַריבערגעשפּאַנט די אינערלעכע שוועל, האָט זי ווי אַ קליין מיידעלע זיך אַרײַנגעוואָרפן אין אײנעם פון די טיף-געבעטע מיט לעדער פאָטעלן, אָדער אויף דער קאַנאַפּע וואָס איז געשטאַנען אין זײַן קאַבינעט. די יוסטע טונקעלע מעבל אינעם עס-צימער: דער הויכער, בייכיקער מאַהאַגאָן-בופעט, דער לאַנגער אין מיטן צימער, טיש פאַר אַכצן פּערזאָן, די הויכע מיט לעדער-געבעטע בענקלעך אַרום אים האָבן יעדעס מאָל פונסניי פאַרכאַפּט איר אָטעם. זי האָט ערשט אָפּגעאָטעמט לײַכטער, ווען זי איז אַרײַן אין סאַלאָן. דאָ זענען געשטאַנען אייזערנע, געבעטע פאָטעלן און קאָזעטקעס, וואָס זענען געווען באַצויגן מיט קאַלירפולע שטאָפן. אַרום די ווענט זענען געשטאַנען קליינע טישלעך וואָס האָבן זיך פונאַנדערגערוקט. דער פּאָל אין מיטן סאַלאָן איז געווען באַדעקט מיט אַ גרויסן בלוי-געבלומטן פּערסישן דיוואַן.

רחל האָט ליב געהאַט זיך אַרומשלײַכן אין די צימערן אין אַ טיול-זיידענעם דורכזיכטיקן נאַכט-שלאָפראָק און באַטראַכט די קרישטאָלן און זילבערנע כלים. זי

האָט געשפּריצט איבער די צימערן ווי זי זאָל טרעטן אויף די שפּיץ פינגער און ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל באַקוקט די צעהאַנגענע אויף די ווענט בילדער.

אינעם גאַנצן הויז — אין אַלע זעקס צימערן, האָט געווינט באַר אַליין. נאָר דער דאַרער דזשאַק מיט זיינע לאַנגע אָרעמס איז געקומען יעדן פרימאָרגן. ער האָט געלאָסן געטאָן זיין אַרבעט ביזן אָוונט, געפּלעגט דעם גאָרטן, גערוימט דאָס הויז און איז צוריק אַוועק.

סאַלאַנט האָט וועגן דעם אַלעם נישט געוווּסט. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער קען נישט קאָנקורירן מיט באַרן און זיין רייכטום. ער האָט זיך נאָר געטרייסט, אַז רחל שעצט אים, — דעם רעדאַקטאָר מער ווי דעם סוחר מיטן געלט. זיין פאַרביטערונג האָט אָבער גובר געווען זיין האָפענונג. ער האָט געשיכורט אַפילו אין די פאַרמיטאָג־שעהן, ווען ער האָט געקלעטערט איבער די שטאָקן און אָנגעבאָטן די אָבליגאַציעס. פון מאָל צו מאָל האָט ער זיך אַריינגעגנבעט אין אַ רעסטאָראַן און אויסגעטרונקען אַ גלעזל. נישט לאַנג צוריק, אין אַ פאַרנאַכט, ווען די לופט אין גאַס איז געווען אַ שווערע, דער הימל אַ בלייִקער איז סאַלאַנט אַריין אין „קנקן" אַ שיכורער. זיינע אויגן זענען געווען פאַרלאָפן, אָנגעשוואָלן און אויסגעגלאָצט. זיין פּנים איז געווען רויט. רחל איז נאָך נישט געהאַט געקומען. סאַלאַנט האָט זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן. באַלד איז אין דער אָפענער טיר שטיין געבליבן נור און זיך אַרומגעקוקט, ווי ער זאָל וועמען זוכן. ער האָט דערזען סאַלאַנטן און איז צו אים צוגעגאַנגען און לאַקאָניש, יוצא צו זיין, אים געזאָגט „שלום!" באַלד האָט ער אַ פאַרלייג געטאָן די הענט איבערן ברוסטקאַסטן, ווי ער זאָל וועלן פאַרהאַלטן סאַלאַנטן ער זאָל זיך צו אים נישט דערנענטערן. אָבער סאַלאַנט האָט נישט געלייגט קיין אַכט דערויף. ער האָט אַריבערגעלייגט אַ האַנט איבער נורס אַקסל, אויף אים אַ קוק געטאָן פון דער זייט און געפרעגט:

— נו וואָס זאָגסטו צו רחלען? סאַלאַנט האָט געמיינט זיך אויף איר פאַרקלאָגן, אָבער נור האָט געמיינט, אַז ער וויל זי רימען. נור האָט געוואָלט פון אים פּטור ווערן. ער האָט אים געזאָגט „שלום" און איז אַרויס אין גאַס. סאַלאַנט האָט אים אַ רגע נאָכגעקוקט און צוריק זיך אַוועקגעזעצט אין ווינקל וואַרטן. ער האָט געדרימלט און פון מאָל צו מאָל געעפנט די אויגן, אַ קוק געטאָן צו דער טיר. פּלוצים איז ער אויפגעשפּרונגען — רחל איז געקומען. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרין לייוונטן קלייד מיט ברייטע, קורצע אַרבל און מיט אַ טיפן דעקאָלט.

— שלום, רחל! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל נאָענט צו דער טיר. סאַלאַנט האָט זיך צו איר צוגעזעצט. ער האָט געשוויגן און געקוקט אַראָפּ, ווי אַ יינגל וואָס האָט זיך פאַרשולדיקט.

אַ צייט לאַנג האָבןביידע געשוויגן. שפּעטער האָט ער נישט דרייסט געפרעגט:

— ווילסט עפּעס טרינקען?

זי האָט אים נישט געענטפערט און ווייטער זיך געשפּילט מיט איר פינגערל, אַרומגעדרייט עס איבערן פינגער. סאַלאַנט האָט זיך פאַרהוסט. זי האָט אים אָנגעקוקט. זי האָט געזען זיין צעכראַסטעט, צעקנייטשט כאַקי־העמד.

— פאַר וואָס ביסטו אַזוי אָפּגעלאָזט? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט נישט געענטפערט. זיינע רויטע, אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן פאַרבי־טערט זי אָנגעקוקט. זי האָט אַוועקגעדרייט פון אים דעם קאָפּ. אַרום די טישלעך איז די ענגשאַפט געווען אַ גרויסע. מענטשן זענען געזעסן פאַר דער טיר אויפן טראָטואַר.

סאַלאַנט האָט אָפּגערוקט זיין בענקל און דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף דער וואַנט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. רחל האָט געקוקט אין גאַס אַריין וואָס עס קומט דאָרט פאָר.

— סאַלאַנט, שלאָף נישט.

אַן איבערראַשטער האָט ער געעפנט די אויגן. נעבן אים איז געשטאַנען קרני.

— ליבני גיט צו טרינקען. קום! — האָט קרני אים געזאָגט.

סאַלאַנט האָט אים אַ וויין געטאָן מיטן פינגער אויף רחלען. ערשט איצט האָט זי זיי ביידן אָנגעקוקט.

אויך זי קען מיטגיין — האָט קרני געזאָגט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איך בין גרייט — האָט סאַלאַנט אים געענטפערט און אַ הייב געטאָן די אַקסלען. ער האָט אָבער אַ קוק געטאָן אויף רחלען. זי האָט נישט רעאַגירט. זי האָט גערן געוואָלט גיין צו ליבנין. זיין אָנוועזנדיק אויף אַ שמחה פון קינסטלער. זי האָט אָבער נישט געוווּסט, ווי אַזוי באַר וועט דערויף רעאַגירן. סאַלאַנט האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף איר, געוואַרט אויף איר תשובה.

— נו! — האָט קרני אַ זאָג געטאָן אומגעדולדיק. רחל האָט יעדן פון זיי באַ־זונדער אָנגעקוקט און לייכט פאַרקנייטשט איר שטערן.

— מיר גייען! — האָט זי אַנטשלאָסן געזאָגט. סאַלאַנט איז אויפגעשפּרונגען, שנעל זיך פאַרקנעפּלט ס׳העמד, זיך צוגעגלעט די האָר און זיך אויסגעריבן די אויגן. ער איז ווי יינגער געוואָרן.

— קומט! — האָט ער געזאָגט. אַלע דריי זענען אַוועק.

אַ שעה שפּעטער איז באַר אַ פאַרסאָפּעטער אַריין אין „קנקן".

— זי איז אַוועק מיט קרנין און סאַלאַנטן צו ליבנין — האָט וויקי, וועלכער איז געזעסן ביי אַ טישל אין ווינקל און ווי שטענדיק געגעסן זיינע אָנגעזונקטע וווּרשטלעך, אים געזאָגט.

קרני איז מיט זיינע צוויי געסט ווי אַריינגעפאַלן צו ליבנין, וואָס וווינט אויף דער סירקין־גאַס. עטלעכע פינצטערע טרעפּ האָבן אַראָפּגעפירט צו אים אין שטוב. דער אַריינגאַנג צו אים איז געווען פון הויף, גלייך מיט דער ערד. ביי ליבנין אין דער דירה איז געווען טונקל. די לאָמפּן זענען געווען אַרומגענומען מיט קאָלירטע סטענגעס. די צעהאָנגענע איבער די ווענט נישט איינגערעמטע פּייזאַזשן זענען אין דער פינצטער געווען נאָך טונקעלער און אָנגעוואָרפן אַ פּחד. די נאַכט איז געווען אַ

הייסע, דער ערשטער חמסין דעם זומער. די טירן און פענצטער אין ליבניס צווייצימער־ווױנונג זענען געווען אָפן.

די געסט זענען זיך שוין צונויפגעקומען. בארי, אַ נידעריקער, דאַרער ייד מיט לאַנגע האָר, וואָס זענען שוין געווען גרוי, איז געזעסן ביים טיש און געהאַלטן פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס. פון פאַך איז ער געווען אַ פריזירער, געהאַט אַן אייגענע ראַזורע. אָבער זיין „האָבי״ זענען געווען די חסידישע ניגונים, וועלכע ער האָט זאָרגזאַם צונויפגעקליבן. ער איז געזעסן מיט די הענט פאַרלייגט איבער די קני און געקוקט אויפן גלעזל קאָניאַק וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. ווי זי זאָל האָבן אַריינגעפאַלן אין דער אָנגעזעסענער סאָפע, איז געזעסן חנה, אַ דאַמען־שניידערין, וועלכע האָט געניית אין די הייזער. אירע אַקסלען זענען געווען שפּיציקע, אירע האָר שוין גרוי. זי איז געזעסן מיט פאַרלייגטע פיס. איר קלייד איז געווען אַרויפגערוקט און באַוויזן אירע פלייּשיקע קני. נעבן איר איז געזעסן מאיר. ער איז פון פאַך געווען אַ מויערער. זיינע ביידע הענט זענען איצט געווען פאַרנומען. ער האָט געהאַלטן זיינס און חנהס גלעזל קאָניאַק. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט. פון זיין פּנים האָט געשפּראָצט דרייסטקייט און גבורה, אָבער זיין אויסזען איז געווען ווי אַנגעברוגזט וואָס ער מוז אַרבעטן אויף דעם בוי.

אין ווינקל אויף אַ טאַבורעט ביי אַ טישל, איז געזעסן אסתר. אַן אָנגעלענטע אויף דער וואַנט האָט זי געדרויכערט און געקוקט אויף די רויכרעדער ווי אַזוי זיי גייען זיך פונאַנדער. זי האָט אין יעדער רויך־קנויל געפונען אַ בינע־געשטאַלט וואָס זי וואָלט גרייט געווען שפּילן ווען מען וואָלט זי נאָר אַרויפגעלאָזט אויף דער בינע. איר אַנטקעגן איז געזעסן די הויכע, דאַרע ברכה מיט אַ טאַמבור צווישן די פיס און אויסגעקלאַפּט אַ הוילן, טרוקענעם, אימהדיקן הילך, ווי זי זאָל באַקלאָגן זיך אַליין — די מוזיק־קינסטלערין וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען.

די הויכע כמעט פערציק־יאָריקע מינע, איז געזעסן מיט ליבנין אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט און געקוקט אויף אים מיט באַגייסטערונג. איר גלויבן אין אים האָט געשטאַרקט איר גלויבן אין זיך אַליין. זי האָט טאַקע געאַרבעט אַלס קעלנערין אין דער אַרבעטער־קיך, אָבער זי איז געווען איבערצייגט, אַז אין איינעם אַ טאָג וועט אַ צייטונג אָפּדרוקן אירס אַ ליד.

ווען קרני איז אַריין צו ליבנין, איז ער שטיין געבליבן ביי דער טיר און זיך אַרומגעקוקט ווער עס איז געקומען. ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און פּאַטעטיש אַ זאָג געטאָן: — שלום, בעל שמחה!

קרני איז געווען דאַר און שלאַנק, מיט גרויע שלייפן, וואָס זענען געווען צוגעשוירן, מענטשן זאָלן נישט זען זיין עלטער. ער האָט דאָ אויסגעזען ווי אַ פרעמדער. קרני, דער אויטאָמאָבילן־סוחר, וועלכער האָט געטראָגן אַ ווייס, זיידן העמד און גרויע געפרעסטע הויזן, האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דער געזעלשאַפט, אָבער ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די בליקן פון די פאַרזאַמלטע. ער האָט זיך אַליין אָנגעגאָסן אַ גלעזל און אויסגערופן:

— לחיים, ליבני! — און אויסגעליידיקט ס׳גלעזל מיט איין שלונג.

רחל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע נעבן חנהן, אָבער זי האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף רחלען. זי האָט אַ שטייפע און אָנגעצויגענע געוואַרט אויף דער רגע זי זאָל קענען עפּעס פאַרלייענען פאַר די פאַרזאַמלטע.

סאַלאַנט איז געשטאַנען נעבן טיש און יעדעס מאָל פונדאַסניי זיך אָנגעפּילט ס׳גלעזל וואָס ער האָט שנעל אויסגעליידיקט.

רחל איז געזעסן אַן אַריינגערוקטע אינעם ווינקל פון דער סאָפע און געשוויגן. זי האָט געקענט אַלע אַנוועזנדיקע אָבער קיינער פון זיי איז איר נישט אָנגעשטאַנען. דער קאָניאַק איז סאַלאַנטן געגאַנגען אין קאָפּ אַריין. ער איז געווען שוין בגילופין, אָבער זיינע פליכטן האָט ער נישט פאַרגעסן. וואַקלענדיק זיך איז ער געבליבן שטיין אין מיטן שטוב. ער האָט געשמייכלט ווי ער זאָל חוזקן פון זיך אַליין און אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף איר אויסגערופן:

— רחל די זשורנאַליסטין!

רחל האָט זיך אַפילו נישט אַ ריר געטאָן. זי האָט נאָר אויפגעהויבן אירע ברעמען. סאַלאַנט איז שטיין געבליבן אומבאַהאָלפן און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. קיינער פון די פאַרזאַמלטע האָט נישט רעאַגירט אויף זיינע רייד.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף רחלען און איז אַוועק צום בופעט וואָס איז געווען סערווירט אויף אַ טיש ביי דער וואַנט. ער האָט פאַרזוכט פון אַלעם וואָס איז נאָר געווען אויף די טעלער: האַרטע אייער, געשניטענע הערינג, אַליוון און זויערע אוגערקעס. זיין פּנים איז געווען רויט און נאַס פון שווייס.

אַלע געסט זענען געזעסן און געשוויגן און נאָר געזופּט פון די גלעזלעך ווער ווייניק און ווער מער. זיי האָבן געטרונקען פאַמעלעך, אָן חשק.

דוניה, ליבנים וויב (זייער איינציקע טאָכטער האָט זיך דערצויגן אין קיבוץ) איז געזעסן אין ווינקל מיט אויסגעצויגענע פיס און מיט אַ ווייכן סאַפּראַן געזונגען אין מעלאָדיע נאָך דער אַנדערער, אַלע שלאַגערס, וועלכע זי האָט איצט זיך דער־מאַנט זייענדיק בגילופין. אין צווייטן עק צימער אין אַ ווינקל אָנגעלענט אויף דער וואַנט איז געשטאַנען קרני מיט אַ גלעזל אין האַנט און יעדעס מאָל זיך עס צוגע־טראָגן צו דער נאָז און געשמעקט. ווי נאָר ער האָט דערפילט דעם ריח פון קאָניאַק האָט ער מיטן בליק געגלעט דוניהן. אָבער זי האָט געזונגען און מיטן פינגער זיך דיריגירט. איר פּנים האָט אויסגעדריקט גליק.

ליבני, איר מאַן, האָט געמאָלט, אָבער ער האָט נישט אויסגעשטעלט זיינע ביל־דער און זיי נישט פאַרקויפט. אויסגעהאַלטן ס׳הויז האָט דוניה. זי האָט אין קינאָ „תר" פאַרקויפט בילעטן.

פאַקטיש האָט קרני איינגעאָרדנט די שמחה. ער האָט דוניהן געגעבן געלט זי זאָל ליבנין איינאָרדענען אַ שמחה צו זיין פופציקסטן געבורטסטאָג. ליבני איז געווען נידעריק און קיילעכיק ווי אַ בעלעכל. ער האָט געהאַט קורצע פיס און קליינע הענט. ער איז איצט געזעסן אָנגעלענט מיט דער פלייצע אין מינען און געשוויגן. אויך ער איז געווען בגילופין. ער איז געזעסן און זיינע קורצע פיס, זענען אים אַראָפּגעהאָנגען פון דער באַנק ווי ביי אַ קינד. יעדעס מאָל ווען דוניה האָט געענדיקט זינגען אַ

מעלאָדיע האָט ער זיך אַרומגעקוקט מיט חשיבות, געוואָלט וויסן ווי איר זינגען ווירקט אויף די געסט.

אַלע האָבן געטרונקען און געשוויגן. יעדער באַזונדער האָט פאַרגעסן זיין פאַרדראָס צו דער גאַנצער וועלט, צו די מענטשן, וועלכע האָבן נישט אָנערקענט זייער טאַלאַנט. יעדער פון זיי איז געווען פאַרנומען מיט זיך גופא — זיך באַדויערט, קיינער פון זיי האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי דער קליינער ווייזער אויפן זייגער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שאַנק, האָט עטלעכע מאָל אַרומגעקרייזט דעם שוין אָפּגעריבענעם ציפערבלאַט.

אויך רחל האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. זי האָט זיך נאָר צוגעקוקט. זי האָט יעדן באַזונדער באַטראַכט.

סאַלאַנטן האָט נישט געשטערט רחלס שווייגן. ער האָט נאָר אויפגעפּאַסט איר גלעזל זאָל זיין פול. נאָר איין מאָל, נאָך אַ לאַנג שווייגן האָט ער זיך געוואָנדן צו איר און געפרעגט:

— נו?

— ביי באָרן איז אינטערעסאַנטער — האָט זי אים געענטפערט צווישן יאָ און ניין.

ער האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן און איר נישט געענטפערט.

כאָטש די טירן און די פענצטער זענען געווען אָפן איז אין צימער געווען הייס. ליבני האָט כסדר מיט דער האַנט זיך געווישט דעם שווייס פון פנים. איצט זענען שוין אַלע געווען מיד. עס איז געווען קענטיק אויף זיי. רחל איז אויפגעשטאַנען די ערשטע.

— יאָ! צייט צו גיין — האָט קרני געזאָגט.

אויך באָרי האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעקוקט ליבנין מיט טרויעריקע אויגן.

— יאָ, מען דאַרף גיין — האָט ער געמורמלט. אויך אסתר האָט זיך אויפגעשטעלט. זי האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אויף די טאַשן, געזוכט אַ סיגאַר. רחל איז צוגעגאַנגען צו סאַלאַנטן וועלכער איז געשטאַנען נאָענט צו דער אָפענער טיר, זיך געקילט — געפאָכעט מיט דער האַנט.

— קום! — האָט רחל אים ווי אַ באַפעל געטאָן. סאַלאַנט איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און נאָכגעגאַנגען רחלען אָן צו זאָגן שלום.

די נאַכט איז געווען אַ פייכטע און דעמפּיקע. דאָך האָבןביידע אין דרויסן איז גאַס פרייער אָפּגעאָטעמט. די דעמפּיקייט ביי ליבנין אין שטוב האָט זיי פאַרמאַטערט. רחל האָט סאַלאַנטן גענומען אונטערן אָרעם. ער האָט זיך אין איר אָנגעהאַלטן, ווי געלעגן אויף איר.

די טריט זיינע זענען געווען קליינע, ווי ער זאָל טרעטן אויפן אָרט. ער איז געגאַנגען מיט פאַרמאַכטע אויגן און הייזעריק געברומט: מה, מה, מה.

אויפן ראָג פרישמאַן־סירקין האָט רחל דערפילט אַן אומגעריכטן שטויס. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. אירע אויפגעריסענע אויגן זענען געווען פול מיט פחד.

— אוי! — האָט סאַלאַנט אַ קרעכץ געטאָן און אומגעפאַלן אויפן טראָטואַר. ער האָט פון דעם שטויס פאַרלוירן די גלייכגעוויכט.

— אוי! האָט אויך רחל אַ קוויטש געטאָן אַ דערשיטערטע. פאַר איר איז געשטאַנען באַר. נאָך איידער זי האָט באַגריפן וואָס עס קומט פאַר, האָט באַר מיט איין האַנט זי אַנגעכאַפּט ביים אָרעם און מיט דער צווייטער געעפנט די טיר פון אויטאָ. ער האָט זי אַריינגעשטופּט אינעווייניק און שנעל אַריין נאָך איר. ער האָט אָנגעצונדן דעם מאָטאָר און מיט כוח אָנגעדריקט דעם פּעדאַל. דער אויטאָ האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. ביז סוף גאַס איז ער געפאָרן אָן ליכט.

רחל איז ווייטער געקומען אין „קנקן" אַריין. די אַרבעט אין דער צייטונג איז פאַר איר שוין אַ רוטין. אַלע טירן זענען פאַר איר אָפן. יעדער צו וועמען זי ווענדט זיך ענטפערט איר גערן. צו קריגן ביי עמיצן אַן אינטערוויו איז ביי איר נישט קיין פּראָבלעם, להיפך, אַ סך מענטשן האָבן צו איר געקלונגען, געוואָלט זיך מיט איר אָפּרעדן, זיך טרעפן מיט איר. אַ סך פון אירע באַקאַנטע וואָס האָבן זיך אין איר גענויטיקט האָבן געוווּסט, אַז אין אָוונט געפינט זי זיך אין „קנקן". זייער אָפט האָט אַ קעלנער פון „קנקן" אויסגערופן:

— רחל, אַ טעלעפאָן!

כמעט יעדעס מאָל האָט אַ קול פון אַ פרוי אָדער אַ מאַן איר צוגעזאָגט:

— כ'האָב פאַר דיר אַ „סקופּ", ממש אַ סענסאַציע. איך מוז דיך שוין זען.

אָבער זי שוין אַ געוווינטע און געניטע אין די ענינים, האָט זיי אַלע געמיטלעך געענטפערט: — קום צו גיין, איך וואַרט.

אויך איר באַנעמען האָט זיך געענדערט. איר, רחלען, האָט שוין איצט נישט געאַרט וואָס מענטשן זענען זי אין באַרס געזעלשאַפט. ווי זי זאָל זיך וועלן אָפּנעמען פאַר אירע מאַגערע יוגנט־יאָרן, האָט זי איצט כסדר באַשטעלט מיט אַ ברייטער האַנט אויף באַרס חשבון. באַר האָט איר גאָרנישט געקאַרגט. ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן. אויב זי האָט געבעטן אַ גלעזל ווערמוט האָט ער באַלד גערופן דעם קעלנער און באַשטעלט אַ גאַנצע פלאַש.

זינט סאַלאַנט האָט באַגלייט רחלען פון דער שמחה ביי ליבנין און האָט באַקומען דעם קלאַפּ האָט ער נאָך נישט גערעדט מיט איר. ער האָט אויך נישט גערעדט מיט באַרן. כאָטש ער איז יענעם אָוונט געווען גוט שיכור, האָט ער געוווּסט, אַז באַר האָט אים אַ שטויס געטאָן. זיין אונטערגעהאַקט אויג איז שוין לאַנג געווען פאַר־היילט, אָבער זיין פאַדערשטער צאָן, וואָס ער האָט זיך אויסגעהאַקט, ווען ער איז געפאַלן אויפן טראָטואַר, האָט אים געפעלט. ער איז ווייטער געקומען אין „קנקן" אָבער נאָר דערפאַר די מענטשן זאָלן זיך נישט נאָכפרעגן פאַר וואָס ער קומט נישט. אַז ער האָט באַקומען אַ קלאַפּ, האָט ער קיינעם נישט דערציילט. אָבער ער האָט איצט מורא פאַר באַרן און ער גייט אים פון וועג. ער באַמיט זיך מיט אים נישט צו טרעפן. אַז ער האָט אים דערזען האָט ער איינגעצויגן דעם קאָפּ

צווישן די אַקסלען. די ליפּן זיינע האָבן געציטערט פון אויפרעגונג און ער האָט געמורמלט: — „דער קצב־יונג״!

ער האָט נישט אַזוי מורא געהאַט פאַר באַרן, ווי ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. אויך רחלען איז ער נישט מוחל געווען, וואָס זי האָט אים פאַרביטן אויף באַרן, דעם גראָבן יונג. ער האָט זי אָבער נישט געקאָנט פאַרגעסן. ס'איז אים כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן איר הויכע, שלאַנקע געשטאַלט, מיט אירע ריטמישע באַוועגונגען צום טאַקט פון אירע טריט. ער האָט זי געזען אפילו, ווען ער איז געווען שיכור. רחל אַליין האָט זיך מער נישט אינטערעסירט מיט אים. זי האָט פאַרברענגט לאַנגע שעהן ביי באַרן אין שטוב. זי האָט ליב געהאַט דאָס רחבות ביי אים אין הויז, זיינע צימערן און דעם גאָרטן. באַר מיט דעם ציגאַר אין מויל, איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. ער האָט ליב געהאַט שטיין אין טיר אָדער ביי אַ פענצטער און זי באַטראַכטן אין אירע אויסגעפּאַסטע מלבושים, וואָס האָבן בולט געמאַכט איר קערפּער. זיין אונטערשטע ליפּ איז אים אַראָפּגעהאַנגען. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט פון התפעלות און פּחד און ער האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן פון אָרט זי זאָל נישט פאַרשווינדן צווישן די קוסטן און גאָרטן.

באַר וואָס איז אַלע יאָרן געווען עלנט און האָט איצט ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן זוכה געווען, אַז ביי אים אין הויז זאָל זיך אַרומדרייען אַ יונגע פרוי, האָט געשטראַלט פון גליק און געוואָלט זיין גליק זאָל אָנהאַלטן. דערפאַר האָט ער אַלץ געטאָן רחל זאָל זיך ביי אים פילן גליקלעך. ער האָט אויך געוואָלט מענטשן זאָלן זען זייער בשותפותדיק גליק.

כמעט יעדן שבת איז ער מיט רחלען געפאָרן אין זיין אויטאָ אויף אַ „סוף־וואָך״ אין איינעם פון די פאַרנעמע האָטעלן אָדער פּענסיאָנען, יעדעס מאָל אין אַן אַנדער אָרט אין לאַנד. אַמאָל האָבן זיי זיך איינגעקוואַטירט ביים ברעג ים. זי האָט ליב געהאַט זיך באָדן אין ים, און שפּאַצירן אויפן ים־ברעג אין באָד־קאָסטיום. זי האָט געוואָלט וואָס מער מענטשן זאָלן זי זען און באַוווּנדערן איר פיגור. זי האָט שעהן לאַנג אָפּגעברענט אויף דער זון איר נאַקעטן קערפּער ביי באַרן אין גאָרטן.

רחל איז אָבער שנעל זאַט געוואָרן מיטן ווילטאַג. באַר אַליין איז איר געוואָרן לעסטיק. זי איז ווידער אָפט געבליבן ביי זיך אין צימער און ווי אַמאָל געלעגן אויף איר סאָפע אַ צעקנעפּלטע, האַלב־נאַקעטע. אָבער קיינער פון אירע באַקאַנטע מענער איז איצט נישט געזעסן ביי דער זייט און געקוקט אויף איר. זי איז געלעגן און געלייענט וואָס איר איז געקומען אונטער דער האַנט אָן איבערצוקלייבן. יעדעס בוך איז פאַר איר געווען גוט. נישט איין מאָל איז זי אין מיטן לייענען ליגן געבליבן מיט שטאַר־פאַרגלאָצטע אויגן. דער צושטאַנד האָט געדויערט נאָר אַ ווײַלע. — מירן זען! — האָט זי זיך יעדעס מאָל אַ זאָג געטאָן און געלייענט ווייטער.

זי איז איצט שוין ווייניקער אַרומגעפאָרן מיט באַרן אין אויטאָ. אַפילו די כסדרדיקע אויספלוגן מיט אים האָבן איר איצט ווייניקער אינטערעסירט. די מעג־לעכקייט צו פאַרברענגען אין אַ פּענסיאָן אָדער האָטעל האָבן איר שוין נישט געלאָקט. איר פרייהייט און זאָרגלאָזיקייט זענען איר געווען שוין איבעריק. זי האָט שוין

אויך נישט פאַרטראָגן באַרס איבערגעבנקייט. אדרבא, זיין קנעכטשאַפט צו איר האָט זי אפילו דערנערווירט. ער ווי ער זאָל וועלן פאַרריכטן וואָס ער האָט אפשר קאַליע געמאַכט, האָט געהאָרכזאַם אויסגעפירט יעדן איר פאַרלאַנג ווי אַ קנעכט.

פון זינט רחל האָט פאַרלאָזט די שכונה — דער מוטערס שטוב און ריוועס קראַם איז פאַרביי שוין אַ סך צייט, אָבער איצט נאָך דעם לאַנגן אַדורכגעמאַכטן וועג אין איר יונג לעבן, האָט זי איצטער ווידער געהאַט דאָס געפיל, אַז זי דינט ווי אַ מאָל ביי ריוועץ אין קראַם. די אַרבעט אין „עקספרעס" האָט זי מער נישט באַפרידיקט. זי האָט מער נישט געוואָלט זיין די סענסאַציע־צושטעלערין. זי האָט געוואָלט שרייבן אַרטיקלען, זיין ממש אַ זשורנאַליסטין. זי איז איצט געזעסן שעהן ביי זיך אין צימער, אָדער ביי באַרן אין הויז איבער שטויסן מיט צייטונגען. זי האָט געלייענט און שטודירט די אַרטיקלען — זיך געלערנט שרייבן, אפילו ווען דאָס זאָלן זיין אינפאָרמאַטיווע אַרטיקלען. זי האָט געקענט אירע באַגרענעצונגען און געוווּסט, אַז אַנדערע טעמעס זענען נישט פאַר אירע כוחות. זי האָט זיך געניי־טיקט אין אַ מענטש, וואָס זאָל איר באַלערנען ווי אַזוי צונויפנעמען דעם מאַטעריאַל, סעגרעגירן און צונויפשטעלן. באַר איז דערצו נישט געווען פעיִק. איצט איז איר געוואָרן ענג אין זיין גרויסער רחבות. זי האָט זיך גענויטיקט אין אַ פרישן לעבנס־אינהאַלט. זי האָט איצט געזוכט באַקאַנטע אין די נידעריקע, איינשטאָקיקע הייזער וואָס זענען געשטאַנען אין ברייטע, געדיכטע גערטנער אויסער דער שטאָט. זי האָט געוואָלט אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט די אַלטע, איינגעזעסענע אין לאַנד משפחות. טאָג־טעגלעך האָט זי געבלעטערט אין טעלעפאָן־בוך — געזוכט אַדרעסן. זי האָט געקלונגען צו די פרויען פון די פּרדסנים, פון באַנקירן און פון פאַבריקאַנטן. זי האָט אויך געקלונגען צו די פרויען, וועמענס מענער זענען נאָר וואָס צוריקגעקומען פון אויסלאַנד. זי האָט געקלונגען צו די אָנגעזעענע, לויט איר באַגריף, פאַמיליעס. אָבער אויף אַלע אירע רופן האָט זי באַקומען די זעלבע פראַגע:

— ווער רעדט?

— רחל פרג, די זשורנאַליסטין פון „עקספרעס" — האָט זי זיך פאַרגעשטעלט מיט איר פולן טיטל.

— וואָס ווילט איר? — איז געווען די דערשטוינטע פראַגע.

— איך וויל איר זאָלט מיר דערציילן וועגן אייער היים און פאַמיליע.

קיינע פון די פרויען האָט נישט מסכים געווען, קיינע פון די פרויען האָט נישט געוווּסט וואָס זי וויל, אָבער זי האָט נישט מותּר געווען.

— עס וועט זיין אינטערעסאַנט פאַר די לייענער פון „עקספרעס" צו וויסן ווי אַזוי עס לעבן די איינגעזעסענע משפחות אין לאַנד.

— איך בין זייער באַשעפטיקט — איז געווען דער ענטפער. אפשר אַ צווייט מאָל. אַנטשולדיקט. שלום.

רחל האָט זיך געפילט באַליידיקט. זי האָט נישט געהאַט פאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן. זי האָט זיך געערגערט וואָס נאָך אַזוי פיל צייט פון זינט זי איז אַוועק פון ריוועץ, — פון איר היים, איז זי נאָך אַלץ דאָס עלנטע מיידל פון דער שכונה.

זי האָט באַשלאָסן זיך נוקם זיין אין זיי אַלע. זי האָט אין „עקספּרעס" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל:

„מען פאָרט מיט צען דאָלאַר און מען קומט צוריק מיט וואַליזעס זאַכן: אַז געוויסע מענטשן לעבן פאַרשווענדעריש איז באַוווּסט. אָבער לעצטנס זענען מיר עדות פון אַ נייעם מנהג ביי אונדז אין לאַנד. נאָר די פרוי וועלכע פאַרברענגט דעם זומער אין אויסלאַנד איז די דאַמע פון דער געזעלשאַפט. די פּענסיאָנאַטן אין לאַנד שטייען זיי נישט אָן. די דאַמען פאַרלאָזן ס׳לאַנד מיט צען דאָלאַר אין טאַש, וואָס זיי האָבן באַקומען פון פינאַנס־מיניסטעריום, אָבער צוריק קומען זיי מיט פולע וואַליזעס זאַכן. צי ווייסט דאָס די רעגירונג? יעדער מענטש קען זיך אָנטאָן לויט זיין געשמאַק, אָבער דאָס דאַרף נישט געמאַכט ווערן אויפן חשבון פון דער מדינה. יעדער מענטש מוז זיין אַ דיס־ציפּלינירטער בירגער".

איר אַרטיקל איז געווען אַ קליינס. זי אַליין האָט עס געקירצט צוויי מאָל. נור האָט עס נאָך מער געקירצט. ער האָט אויך געענדערט דעם אינהאַלט און סטיל. זי האָט נישט געוואָגט און אויך נישט געוואָלט אָנרייצן אויף זיך די דאַמען פון דער געזעלשאַפט. זי האָט נישט געוואָלט זיי זאָלן איר אָפּדרייען דעם קאָפּ, ווען זי וועט אַריין אין קאַפע. זי האָט אָבער געוואָלט זיך אין זיי נוקם זיין. זי האָט דאָס אַרטיקל אָפּגעדרוקט נאָר אונטער איר ערשטן נאָמען: רחל. דאָס אַרטיקל איז דערשינען אין אַ וואָכנטאָג און איז געווען אָפּגעדרוקט אויף אַ מיטעלע זייט אין אַ רעמל. די לייענער האָבן עס געלייענט, אָבער עס האָט נישט געמאַכט קיין רושם. צומאָרגנס ווען רחל איז אַריין אין קאַפע „צליל" אויף דער דיזנגאָף־גאַס, ווו די דאַמען האָבן יעדן פאַרמיטאָג זיך געטראָפן, האָט קיינער פון זיי זיך נישט אומגע־קוקט אויף איר.

אַ לענגערע צייט ווי באַר ווייסט, אַז רחל באַמיט זיך מען זאָל זי וואָס וויניקער זען אין זיין געזעלשאַפט. אָפט, ווען זיי ענדיקן עסן, צוזאַם, טוט זי אים צו וויסן:

— איך גיי אין דער רעדאַקציע. אין אָוונט טרעפן מיר זיך אין „קנקן".

באַר איז איר נאָכגעגאַנגען און זי געזען אַריינגיין אין אַ זייטיקן קאַפע. דאָרט איז זי שעהן אָפּגעזעסן אַליין, געלייענט צייטונגען און געשריבן. אָפט ווען זי האָט זיך מיט אים געזעגנט איז זי אַוועק אַהיים. אַ סך מאָל האָט זי אים אויך אָפּגעזאָגט, נישט געוואָלט פאָרן מיט אים אין דער מאַשין. זי האָט זיך באַמיט אים נישט באַ־לײדיקן. אָבער ער האָט געפילט איר צוריקגעהאַלטנקייט.

ער האָט געביסן די ליפּן פון כעס אָבער געשוויגן. זיין פּלייצע האָט זיך אָבער אויסגעבויגן, זיין קאָפּ איז אַראָפּגעהאָנגען. ער האָט אַ סך גערייכערט און מיט די ציין געביסן דעם ציגאַר. ער האָט זיך פאַרצויגן און געזאָפּט אין זיך די ניקאָטין־ביטערקייט. ער האָט אַ סך געטרונקען. אין די שפּעטע אָוונט־שעהן ווען רחל איז געבליבן אין שטוב האָט ער אַן איינזאַמער זיך געשלייכט איבער די גאַסן און דווקא איבער די פינצטערע געסלעך. זיין אויטאָ האָט ער געפּאַרקט אין אַ געסל נאָענט צום „קנקן". ער האָט זיך געשלייכט און צוגעהאָרכט צום אָפּהילך פון זיינע טריט.

ער איז געגאַנגען און געפּילט די פינצטערניש אַרום זיך און איבער זיך און איז אַריין אין יעדן פאַרבייגעגאַנגענעם לאָקאַל. ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די באַר־מיידלעך, זיך נישט צוגעזעצט צו קיין איינער פון זיי. שטייענדיק ביים באַר האָט ער אויסגעטרונקען אַ גלעזל, צוויי און איז צוריק אַוועק. ער איז נישט געווען שיכור נאָר באַרויִשט. ער איז געגאַנגען און קיינעם נישט געזען. אים פאַר די אויגן איז געשטאַנען רחל — איר ברוין־עלאַסטישער גוף. ער איז אַרומגעגאַנגען, ווי ער זאָל זי זוכן, כאָטש ער האָט געוווסט ווו זי געפינט זיך. ער האָט געקענט צו איר צוגיין, מיט איר רעדן, אָבער זיין שטאָלץ האָט אים נישט דערלויבט אָנקלאַפּן ביי איר אין טיר. ער האָט געלעכצט, געוואָלט זיך טרעפן מיט איר, אָבער זיך געטראָפן מיט איר נאָר ווען זי האָט עס געוואָלט. אָן אימה איז אים באַפאַלן בלויז אויפן געדאַנק, אַז רחל וועט פון אים אַוועק אויף שטענדיק. איין מאָל, שפּעט אין אָוונט איז ער אַריין אין אַ קנייפּע, וואָס האָט אַפילו נישט געהאַט קיין שילד פון דרויסן און האָט זיך געפונען אין דער סביבה פון כרמל־באַזאַר. מיט איין שפּרונג האָט ער איבערגעהיפּערט די דריי אַריינגאַנגס־טרעפּ. די דעמפּיקע לופט אינעם נידעריקן זאַל האָט אים אַרומגענומען. דאָ האָט ער זיך דערפילט היימיש. ער האָט זיך אַרומגע־קוקט. אין דער דיקער, אָנגערויכערטער לופט, האָט ער קוים אונטערשיידט די מענטשן. ער האָט געזוכט אַ באַקאַנטן.

— שלום, באַר ! — האָבן עטלעכע פון זיי געזאָגט. ער האָט אָנגעשטרענגט זיין בליק, געוואָלט זען ווער עס האָט אים באַגריסט.

— אַה, דאָס זייט איר ? — האָט ער געזאָגט און איז צו זיי צוגעגאַנגען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים לאַנגן, הילצערנעם טיש, ביי וועלכן עס זענען געזעסן : חונא דער בעל־עגלה, אַ נידעריקער, קרעמפּער ייד, שמחה דער איינבינ־דער, וואָס האָט אפילו נאָך דער אַרבעט געטראָגן די אַרבעט־קליידער, יצחק דער שמש, אַ הויכער, געבוקטער ייד מיט אַ ווייסן לייבנקאָפּ, וואָס איז שטענדיק געווען שיכור. עס איז געזעסן דער נידעריקער, דאַרער מען, וואָס האָט געהאַט אַ פלאַטשיקן קאָפּ און כסדר זיך געריבן די הענט, ווי ער זאָל פון זיי וועלן אַראָפּרייבן דעם קאָלך. עס זענען דאָרט אויך געזעסן עטלעכע גאַסן־קערער. זייערע בעזעמס זענען געשטאַנען אין ווינקל ביים אַריינגאַנג. באַר האָט געקענט אַלע. ער האָט זיך צוגע־רוקט צו חונאן און אים געפרעגט :

— וואָס טרינקט מען ? אַלעמענס פּנימער האָבן זיך צעשמייכלט פון פרייד, אָבער באַר אַליין איז געבליבן ערנסט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, וואָס איז אים געווען שווער, ווי ביי אַ מיד אויסגעשפּאַנט פערד, אָבער ער איז באַלד צו זיך געקומען, האָט אַ קוק געטאָן אויף חונאן און אַריבערגעשריגן איבערן שענק־טיש :

— עזרא, אַ פלאַש אַראַק !

— יאָ ! — האָט עזרא אים געענטפערט פון דערווייטן.

באַר האָט זיך איבערגעבויגן אויף הינטן, זיך אָנגעלענט אויף דער וואַנט און פאַרמאַכט די אויגן, ווי ער זאָל דרימלען. די אַרומזיצער האָבן געשמייכלט.

— תפאַדאַל! — האָט עזרא דער נידעריקער, קרעמפּער ייד אַ געשריי געטאָן און אייליק אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַן אָפענע פלאַש אַראַק מיט עטלעכע גלעזעלעך.

באַר האָט געעפנט די אויגן און דערשטוינט אָנגעקוקט עזראן ווי ער זאָל אים זען דאָס ערשטע מאָל. די טיש־זיצערס האָבן זיך איבערגעקוקט און זיך צונויפ־געדוקט. באַר האָט אַ פּינטל געטאָן מיט די אויגן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל זיך האָבן דערמאָנט ווו ער געפינט זיך. ער האָט אַריינגעטאָן די האַנט אין טאַש. זיינע שטייפע פינגער האָבן היפּש לאַנג געגראַבלט אין דער טאַש און אַרויסגעצויגן אַ קנאַקנדיקן באַנקנאָט. דעם באַנקנאָט האָט ער עזראן אַריינגעשטופּט אין האַנט. עזרא האָט אַ קוק געטאָן וואָס ער האָט אין האַנט. זיינע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן פון נחת.

— כּאָתר חיראַק — האָט ער געזאָגט און צוגעלייגט די האַנט צום האַרץ.

באַר האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זיינע אויגן זענען געווען מיד און טרויעריק. ער איז אויפגעשטאַנען, שטיל געזאָגט „שלום" ווי אַ שולדיקער און איז אַוועק צו דער טיר. די אַרומזיצער האָבן דערשטוינטע אים נאָכגעקוקט און געשאָקלט מיט די קעפּ.

רחל האָט געוווּסט, אַז באַר ליידט, ווייל ווען זי איז צו אים געקומען האָט זיך פון אים געפילט דער אַלקאָהאָל־ריח. זי האָט נישט איין מאָל געזען ווי ער וואַקלט זיך ביים גיין. נישט איין מאָל האָט ער אויך נישט געקאָנט איר זאָגן וואָס ער וויל. די ווערטער זענען אים שטעקן געבליבן אין דער קעל. איר געוויסן האָט נישט געליטן דערפון, כאָטש זי האָט נישט געוואָלט אים ווי טאָן שוין אויס מורא, אַז ער קאָן זי איבערלאָזן. זי האָט דאָס נישט געוואָלט. ער איז איר דערווייל געווען נויטיק.

איר אַמביציע איז דאָך געשטיגן. זי האָט זיך שוין נישט באַגנוגנט מיט דער אַרבעט אין דער ציטונג. עס האָט איר שוין נישט באַפרידיקט איר פאַרדינסט און באַרס רייכטום. זי האָט איצט געזוכט אויך כבוד. זי האָט מער נישט געוואָלט זיין אָנגעוויזן אויף קיינעם. אָבער זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איר ווייטערדיקע קאַריערע איז אָפּהענגיק פון „עקספּרעס". זי האָט אָנגענומען אַ נייע טאַקטיק. פריער האָבן איר אינטערעסירט די ענינים פון דער רעדאַקציע און אירע מענטשן. איר קול און געלעכטער האָבן געהילכט אין אַלע רעדאַקציע־צימערן. זי האָט געוואָלט אַלע זאָלן זי זען אָדער הערן. איצט איז זי געקומען אין דער רעדאַקציע זעלטן. זי האָט אויס־געמיטן אירע חברטעס און זיך באַמיט נישט טרעפן מיט גורן. אירע אַרטיקלען האָט זי געגעבן זיין געהילף, גלילין, דעם נידעריקן דיקן ייד, וואָס האָט שוין געהאַט גרויע שלייפן. אירע באַציִונגען מיט אים זענען געווען אָפיציעלע. זי איז אַריין צו אים אין צימער, אים גלייכגילטיק געזאָגט „שלום" און דערלאַנגט דעם כּתב־יד

און איז צוריק אַרויס פון צימער. זי האָט אים אויך נישט דערלויבט אויסבעסערן, אָדער ענדערן עפּעס אין איר אַרטיקל.

זי איז געווען זיכער, אַז אויב זי וועט קומען זעלטענער אין דער רעדאַקציע, וועט מען זי מער שעצן. כדי דאָס צו פאַרווירקלעכן איז זי גרייט געווען אויף אַלץ. די געוויינלעכע באַאַמטע האָט זי געמיטן און געוואַרט זיי זאָלן איר זאָגן שלום. די מענטשן פון דער רעדאַקציע האָט זי געזאָגט שלום, אָבער מיט גלייכגילט, ווי צו אירס גלייכן. דערביי איז זי שטענדיק געווען אָנגעשטרענגט און אומרויִק. זי האָט געזוכט אַ געלעגנהייט זיך דערפון צו באַפרייען. די געלעגנהייט איז איר אונטער־געקומען.

די טיר צו נורן איז געווען אָפן.

— האַללאָ! — האָט זי געזאָגט און איז אַריין אין צימער. דער האַלאָ איז געווען אַן אויסגערעכנטער. זי האָט געוואָלט נורן איבערצייגן, אַז זי מיט אים געפינען זיך אויף איין שטופע. ער האָט עס פאַרשטאַנען. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן און אַ דערשטוינטער זי אָנגעקוקט. ער האָט אויסגעגליכן זיין רוקן און געוואַרט, געוואָלט הערן וואָס זי וויל אים זאָגן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אים אַנטקעגן. — וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? — האָט זי אים חוצפּהדיק געפרעגט, דערביי האָט זי אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און נישט אַראָפּגענומען פון אים די אויגן. זיין בליק איז געווען אַ קאַלטער, זיין פּנים פאַרגליווערט ווי אַ מאַסקע. אַ ווײַלע זענען זיי ביידע געזעסן זיך אַנטקעגן און געשוויגן. זי האָט צוריק אויסגעגליכן איר קאָפּ. אירע אויגן האָבן געגליט פון כעס.

— קענסט זיך נישט דעצידירן? — האָט זי געפרעגט.

זיינע שטאַרע אויגן האָבן זי דערשטוינט אָנגעקוקט, אָבער דערביי איראָניש אַ שמייכל געטאָן. מלא כעס איז זי אויפגעשפּרונגען פון בענקל. אירע אויגן זענען געווען פול שנאה. זי האָט אויסגעדענט די באַקן ווי זי זאָל וועלן אַ ביס טאָן אָדער וויינען. פּלוצים האָט זי אַ טופּע געטאָן מיטן פוס. זי איז אויפגעשטאַנען און אַרויס פון צימער אָן צו זאָגן „שלום".

נור איז געבליבן אָן לשון.

נאָכן געשפּרעך מיט נורן האָט זי זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. כאָטש זי איז אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעברוגזטע, מיט אַ פאַרריסענער נאָז, האָט זי זיך געפילט באַליידיקט און נישט געקענט איבערטראַגן די בושה. צוויי טיפע קנייטשן האָבן זיך איר איינגעשניטן אין שטערן. אירע מויל־ווינקלען זענען געווען איינגעצויגן. זי האָט דעם ענין נישט איבערגערעדט, אָבער פון מאָל צו מאָל האָט זי אַ וואָרטשע געטאָן: „איך וועל אים ווייזן!"

באַר האָט עטלעכע מאָל געהערט ווי זי דראָט, איז אין כעס אָבער אויך אים האָט זי נישט דערציילט די סיבה, אויס מורא איר אויטאָריטעט זאָל ביי אים נישט קלענער ווערן. זי האָט געהאַסט נורן, אָבער איר כעס האָט זי אויסגעלאָזט צו באַרן. אויף אַלע זיינע פראַגן האָט זי אים געענטפערט: — איך ווייס נישט... איך וויל נישט...

זי האָט זיך אפילו צו אים נישט צוגעהערט. זי האָט נאָר געטראַכט, ווי אַזוי זיך נוקם זיין אין נורן. באַר האָט זיך באַמיט זי נישט אויסצופרעגן, איז איר געגאַנגען פון וועג. ער האָט איר אפילו נישט פאַרגעשלאָגן זי זאָל מיט אים פאָרן צו איר אַהיים. ער האָט זי אָפּגעפירט ביז פאַר איר טיר, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט פּאַסירט אין רעדאַקציע און דערפאַר גייט זי ווייניק אַהין. ער האָט אַלץ געזען און געשוויגן אָבער איר נאָכגעגאַנגען. ווען ער איז אַריין אין „קנקן" און זי נישט געפונען, איז ער צופוס אַוועק צו איר אַהיים. אירע פענצטער, וועלכע זענען אַרויס אויפן הויף זענען געווען פינצטער. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים טויער, געוואַרט אויף איר. ווען זי איז אָנגעקומען איז ער איר שנעל געגאַנגען אַנטקעגן.

— רחל! — האָט ער אַ גליקלעכער זי אַ רוף געטאָן.

— אַה! — האָט זי אַ דערשטוינטע אים באַגעגנט און זיך פאַרהאַלטן. אירע באַקן זענען געווען רויט פון קעלט. אַ טרוקענער ווינט האָט געוואָיעט אין די גאַסן. די לבנה איז געווען אַ פולע. זי האָט זיך מיט אים דערפרייט, ווי שוין לאַנג נישט. זי האָט זיך צו אים צוגעטוליעט. ער האָט זי האַרציק אַרומגענומען. זיינע אָרעמס האָבן געקלאַמערט איר גוף. ער איז שטיף געוואָרן פון באַגער. זי האָט עס דערפילט. זי האָט זיך באַפרייט פון זיינע אָרעמס און אים אָנגעקוקט. עס איז געווען נאַכט, אָבער זי האָט אים געזען. זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן זי אָנגעקוקט פאַרזאָרגט.

— וואָס ערגערט דיך? — האָט ער אַ שטאַמל געטאָן.

זי האָט נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט דערפילט אַ נאָענטקייט צו אים און אים געזאָגט:

— איך האָב זיך צעווערטלט מיט נורן.

באַר האָט פאַרביילט די פויסטן און אַ געשריי געטאָן, ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה:

— איך וועל אים ממיתן!

זיין פּנים איז געווען רויט פון רציחה. אין אירע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן די פרייד פון נקמה. זי האָט באַרן גענומען אונטערן אָרעם און געזאָגט:

— עס האָט גאָרנישט פּאַסירט. נישט כדאי צו רעדן דעריבער.

באַרס אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן טעמפּ, אָבער מיט איבערגעבנקייט, זי אָנגעקוקט. ער איז געשטאַנען און געוואַרט. זיין אָטעם איז געווען אַ קורצער און שווערער. זי האָט געוווּסט אויף וואָס ער וואַרט. אָבער זי האָט אים נאָר אונטערגעשטעלט די באַק. זיינע ליפּן האָבן איר געגעבן אַ הילכיקן קוש.

— איך בין מיד. קום מאָרגן פרי מיך נעמען — האָט זי אים געבעטן און זי איז אַוועק צו די שטיגן. גייענדיק האָט זי אים נאָך אַ פאַכע געטאָן מיט דער האַנט. זיין שווערער קאָפּ איז געווען אויסגעשטרעקט צו איר און מיטביידע הענט האָט ער איר צוריקגעגריסט און מיט דער צונג זיך געווישט די ליפּן.

די באַציִונגען צווישן רחלען און באַרן האָבן ווידער זיך איינגעשטעלט. מען האָט זיי ווידער געזען צוזאַמען אין גאַס און אין קאַפע. זי האָט איצט געטאָן איר אַרבעט אין דער צייטונג אָן חשק. אויך אירע „קנקן"־באַקאַנטע זענען איר איצט געווען איבעריק. פאַר אַ סך פון זיי האָט זי זיך געהיטן. זי איז געווען איבערצייגט, אַז סאַלאַנט באַרעדט זי הינטער איר פּלייצע. זי איז אַ סך געזעסן אין שטוב. זי האָט געפירט אַ שטוב־ווירטשאַפט. אַלע מאכלים האָט זי געמאַכט פון קאָנסערוון. אַ סך מאָל האָט זי אויך צוגעגרייט אַ סטעק אָדער אַ שניצל. אויב זי האָט עס נישט געטאָן פאַר זיך האָט זי עס געטאָן פאַר באַרס הנאה. ער איז געווען גליקלעך וואָס זי באַמיט זיך אַזוי פאַר אים. ער איז פון איר נישט אָפּגעטרעטן. ער האָט באַוווּנדערט איר געשיקטקייט און איר צוגעהאָלפן. ער האָט געעפנט קאָנסערוון־פּושקעס, אָנגעשניטן ברויט און אויסגעקלאַפּט דעם סטעק. יעדעס מאָל ווען זי האָט אויסגעשפּרייט אַ ווייס טישטעך אויף איר נידעריקן טיש און מיט אַ האַנט־זשעסט אים פאַרבעטן צום געדעקטן טיש, האָט ער געשטראַלט פון נחת, פון הנאה. פאַר אַזאַ מיטאָג האָט ער אַ מליאָסקע געטאָן מיט די ליפּן ווי אין די קינדער־יאָרן ביי די עלטערן אין שטוב. ביידע האָבן זיי געגאַסן פון דער היימישקייט. כמעט יעדן אָוונט זענען זיי געגאַנגען אין קינאָ. אַזוי ווי אַמאָל ווען זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אפרימען. אָבער איצט האָט זי געוואָלט זען פילמען, ווו עס איז דאָ אַ אַקציע. באַר גופא האָט אָבער ליב געהאַט זען פילמען, אין וועלכע מען זעט שיפן, אָדער ווילדע חיות. אויף יעדן אַזאַ פילם איז רחל געבליבן רויִק, אָבער איבער איר נאָז צווישן די אויגן האָט זיך איר איינגעשניטן אַ טיפער קנייטש.

נעבן איר האָט זיך באַר געפילט יונג ווי אַ שול־ייִנגל. נישט איין מאָל האָט ער איר געקויפט ביי די גאַסן־פאַרקויפער קאָלירטע באַלאָנען און געקוקט מיט הנאה ווי זי ציט די שטריקלעך, שפּילט זיך מיט זיי. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער גרויסער ליליפּוטן־קאָפּ און דער אויסגעצויגענער מענטש מיט זיינע לאַנגע אויערן יאָגן זיך נאָך דער לבנה — דעם קיילעכיקן באַלאָנען־קאָפּ. ער איז געגאַנגען נעבן איר, מיט די הענט אין די טאַשן, אין אַ צעכראַשטשעט העמד, האָט געקנאַקט קערעלעך און געשמייכלט.

זיי זענען איצט ווייניק געקומען צווישן מענטשן. זי האָט זיך פאַר זיי אויסבאַהאַלטן מען זאָל זי נישט זען צוזאַמען מיט באַרן. ער האָט דווקא יאָ געוואָלט די מענטשן זאָלן זען זייער פריינדשאַפט און גליק. אָבער דעם לעצטן פאַרמיטאָג, ווען באַר האָט זי אַרויסבאַגלייט פון זיין ווילע צום אויטאָ, איז זי שטיין געבליבן איבעם שאָטן פון טאָפּאָל. אויך ער האָט זיך פאַרהאַלטן.

— דו ביסט צופרידן? — האָט זי גלייכגילטיק אים געפרעגט, נאָר אירע אויגן האָבן געגלאַנצט. ער האָט פאַרשטאַנען איר פראַגע. ער האָט פאַרזשמורעט זיינע מידע, רויטע, נישט אויסגעשלאָפענע אויגן און זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט. ער האָט דערפילט די יאָדערדיקייט פון אירע ברוסטן. אָבער ער האָט זי באַלד אָפּגעלאָזט. נאָר מיט דער צונג האָט ער געלעקט זיינע פליישיקע ליפּן. צום סוף האָט ער זי אָנגעקוקט און געזאָגט:

— מען דאַרפֿט אַמאָל אויך איינלאַדן באַקאַנטע. ער האָט גערעדט שנעל, נאָר באַטאָנט יעדעס וואָרט, געוואָלט זיך אַליין דערמוטיקן.

— ווער זענען דײַנע באַקאַנטע? — האָט זי איראָניש געפֿרעגט און זיך אָנגעלענט אויפֿן בוים.

ער האָט געעפֿנט דאָס מויל, ווי ער זאָל וועלן בײַסן און דרייסט געענטפֿערט:

— מײַנע באַקאַנטע זענען די אָנגעזעענסטע מענטשן אין שטאָט.

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זי זיך הילכיק צעלאַכט. איר איז געפֿעלן זײַן כּעס. אַ ווײַלע האָבן בײדע געשוויגן ביז זי האָט געזאָגט:

— גוט, לאַד זיי אײַן — און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

באַר האָט אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט און זי געקושט. זי האָט אים אונטערגערוקט די ליפּן. ער איז צו זיי צוגעפֿאַלן. ווען זי האָט זיך אָפּגערוקט פֿון אים איז זײַן צעגליטער קאָפּ הענגען געבליבן ווי אַ פֿאַרלאָשענער לאָמטערן.

די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע. די לופֿט, פֿײַכט און שווער. אין די אָרומיקע הײַזער האָבן שוין געצאַנקט די לעצטע פּריוואַט-צוגאַכטיקע ליכט-פֿלעמעלעך. באַרס הויז איז געווען באַלויכטן. אַלע לאָמפּן האָבן געברענט. פֿון דרויסן האָט זײַן ווילע אויסגעזען ווי אַ פּאַסאַזשירן-שיף בײַנאַכט אין מיטן ים. ספּעציעל באַלויכטן איז געווען די וועראַנדע. באַר האָט געוואַרט אויף די געסט. ער איז געגאַנגען אַהין און צוריק איבערן גראָז-דיוואַן, ווי ער זאָל זיך אַרומדרייען אַרום זיך. אין דער שטילקייט וואָס האָט געהערשט אַרום, האָט מען נאָר געהערט דעם וואַסער-רויש פֿון פֿאָנטאַן.

באַר האָט געשפּרייזט אַהין און צוריק. זײַן פּלייצע איז געווען אײַנגעבויגן, די הענט האָט ער געהאַלטן פֿאַרלייגט פֿון הינטן. ער האָט געשפּאַנט און יעדע ווײַלע אַ קוק געטאָן, צי עס קומען שוין די געסט. רחל איז געזעסן אין ווינקל אויף אַ זומער-שטול. זי איז געווען רויִק אָבער פֿאַרזונקען אין אירע געדאַנקען. נאָר פֿון מאָל צו מאָל האָט זי זיך צוגעגלעט די לאָקן און באַטראַכט די הענט און די נעגל. זי האָט אויפֿגעהויבן אַ פֿוס און בודק געווען אירע הויכע, שמאָלע קלעצלעך פֿון די פֿאַר-שפּיצטע שיך, צי זיי פֿאַרגרעסערן נישט צו פֿיל אירע סטאָפּעס. זי האָט נאָר געפֿילט, אַז איר נײַער ביוסטהאַלטער קוועלט זי אַ ביסל.

באַר האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן האַנט-זייגער.

— שוין נײַן — האָט ער געזאָגט ווי צו זיך אַליין.

— האָב געדולד — האָט זי אים גוטמוטיק געזאָגט און ווידער בודק געווען איר אויסזען. אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך דערהערט אַ שאָרך פֿון געטרעטענעם גראָז. באַר האָט אָנגעשטרענגט זײַן בליק, געוואָלט זען ווער עס קומט.

— אָה! אַלע צוזאַמען — האָט ער אויסגעשריגן.

— שלום! שלום! — האָבן עטלעכע פֿרויען־ און מענער־קולות אַ הילך געטאָן.

באַר איז צוגעגאַנגען און שטיין געבליבן אין דער אָפענער װעראַנדע־טיר. אויך רחל איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען און זיך אַװעקגעשטעלט נעבן אים.

— רחל — האָט זי באַר פאַרגעשטעלט, אַקצענטירנדיק איר נאָמען. ער האָט געװאָלט די געסט זאָלן װיסן װאָס רחל איז פאַר אים. דרײַ פרויען און דרײַ מענער האָבן איר נאָך דער רײ דערלאַנגט די הענט. זי האָט זײ נישט געקוקט אין די אויגן. זי האָט נאָר געהערט זײערע נעמען: דאָקטאָר שער, חרובי, צינדלער.

אויך פרוי שער האָט נישט געלײגט קײן אַכט אויף די פאַרזאַמלטע. זי איז געװען אַ הױכע, דאַרע פרוי מיט טיף אײַנגעזעצטע אויגן און אַ ברײט מויל. פרוי שער האָט געשפּאַנט איבער דער װעראַנדע און זיך געפּאַכעט מיט אַ װײַס טיכל. זי האָט באַטראַכט באַרס פלאַנצן און גערעדט צו זיך:

— שײן, שײן.

באַר האָט פונאַנדערגערוקט די באַמבוס־בענקלעך און געבעטן די געסט זיצן.

דאָקטאָר שער האָט אַרויפגערוקט אויפן שטערן זײַנע גאָלדענע ברילן און זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש, געװאָלט זען װאָס אַלץ מען האָט צוגעגרײט. ער האָט אַ צופרידענער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. די רעשט געסט זענען געװען צוריק־געהאַלטן. פרוי רוני — אַן אלמנה נאָך אַן אינזשעניער, װאָס האָט געשטאַמט פון קעלן האָט אַלץ צוגעגרײט. דער טיש איז געװען געדעקט פאַר אַכט פּערזאָן, געדעקט מיט אַ בלענדנדיק־װײַסן טישטעך, װאָס איז געװען אויסגעהאַפטן מיט גרויסע און דינע קאָלירטע קװאַדראַטן. אויפן טיש זענען געשטאַנען קרישטאָלענע װאַזעס און פּרוכטן־טעלער מיט געטריקנטע פּרוכטן און געשײלטע מאַנדלען, טעצלעך מיט קלײנע טעװעלעך שאָקאָלאַד, האַלב־אויפגעפּאַקטע — גרײט צום עסן. אויך געטראַנ־קען זענען געװען אַ סך; פלעשער װיסקי און װײַנען. דער בורגונד און דער װערמוט זענען געשטאַנען אין געניקלטע שעפלעך מיט אײַז. די גלעזלעך זענען געװען ברײטע און פלאַכע אויף אַ הױכן פוס פון קאָלירטן קרישטאָל. די ליכטשײַן װאָס איז געפאַלן אויף די כלים אויפן טיש האָט אָפּגעשטראַלט װי אַ זונען־שימער.

באַר און רחל האָבן באַדינט די געסט. זי האָט געטײלט טאָרט. ער איז געװען דער שר המשקה. די געסט האָבן זיך צוגעכאַפּט צום כיבוד. אַ היפּשע צײַט זענען זײ געװען פאַרנומען מיטן עסן. עס האָט זיך נאָר געהערט דער קלאַנג פון די באַרירטע כלים — פאַרצעלײַ, זילבער און קרישטאָל, אָבער צװישן אַ ביס און אַ שלונג האָבן די געסט זיך איבערגעקוקט. אַלע האָבן באַטראַכט רחלען. באַר האָט באַדינט די געסט. ער אַלײן האָט נישט געגעסן. ער האָט נאָר געטרונקען אײן גלעזל װיסקי נאָכן אַנדערן. יעדעס אײַנגעגאָסענע פאַר זיך גלעזל, האָט ער אויפגעהויבן פאַר רחלס געזונט. זי האָט אים געענטפערט מיט אַ קאָפּשאָקל. זי האָט געגעסן פונעם מאַנדל־טאָרט און פאַרטרונקען מיט בורגונד.

דער ערשטער װאָס איז פאַרטיק געװאָרן מיטן עסן איז געװען דאָקטאָר שער. ער האָט מיט דער צונג זיך אָפּגעװישט די ליפּן, זיך באַלעקט. דערנאָך האָט ער מיטן טאַשנטיכל זיך אָפּגעװישט זײַן קורצע װאָנסע און אַ קוק געטאָן אויף באַרן פון איבער די ברילן אַריבער, װי ער זאָל באַטראַכטן אַ פּאַציענט. שער איז טאַקע

געווען באַרס הויז־דאָקטאָר. ער האָט זיך צוריק אַריינגעלייגט ס׳טיכל אין טאַש און אַ מידער פון זאַטקייט האָט ער אַראָפּגעלאָזט זיינע שמאָלע אַקסלען.

ערשט איצט האָט חרובי, אַ הויכער, אויסגעגעסענער ייד, אָוועקגערוקט פון זיך די ליידיקע טעלער. ער האָט מיט דער האַנט זיך אָפּגעווישט די שוויס־טראָפּנס פון פּליך און אַ קוק געטאָן אויף דאָקטאָר שער. ער האָט אַוועקגעלייגט זיינע הענט אויפן טיש, ווי ער זאָל זיך אויף זיי אָנלענען און געזאָגט:

— דאָקטאָר שער, דאָקטאָר! איצט איז די צייט צו בויען. דירות וועלן טייערער ווערן.

בלומע, אַ דאַרע, נידעריקע פרוי, חרוביס ווייב, האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן. ער האָט דערזען איר קוק, אָבער געמאַכט זיך נישט זען און ממשיך געווען:

— מיר שטייען פאַר אַן עליה.

אַלע האָבן אָנגעקוקט חרובין. ער איז געזעסן און געוויגט זיין איבערגעבויגענעם איבערן טיש אויבערשטן קערפּער־טייל, ווי ער זאָל בענטשן. פּלוצים האָט ער אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ און אַ באַוועג געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער זאָל פאַרטרייבן אַ פליג וואָס מאַטערט אים.

— פאַראַן פּלעצער אין שטאָט וואָס יעדער פּיק קאָסט שוין פערציק פונט — האָט ער דערציילט.

באַר האָט צוגעטראָגן זיין קעסטל ציגאַרן. קיינער פון די געסט האָט נישט גערייכערט. באַר האָט פאַררייכערט אַ ציגאַר. אַ ווײַלע האָבן זיינע פאַרגלייזטע אויגן זיך איינגעקוקט אינעם שוועבעלע־פלאַם. ער האָט אַ ציי געטאָן און מיט תענוג אַרויס־געלאָזט די ערשטע קנויל רויך פון מויל.

— באַר — האָט רחל שטיל אים גערופן. ער איז צו איר צוגעגאַנגען.

חרובי, ווי ער זאָל זיך האָבן דערמאַנט האָט צוגעגעבן:

— אויך ביי אונדז שטייגן די פּרייזן פון די פּלעצער.

באַר האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אַריינגעשטעקט רחלען אין מויל אַ סיגאַר. זי האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך פאַרצויגן. חרובי האָט ווידער אַמאָל אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויפן טיש און זיך אַרומגעקוקט צי ס׳איז כדאי צו רעדן ווייטער. אין דעם מאָמענט האָט צינדלער, דער נידעריקער, קיילעכיקער ייד אַראָפּ־געטרונקען זיין לעצטן שלונג קאַווע.

— די רעגירונג גרייט נייע בוי־געזעצן — האָט ער געזאָגט און אָוועקגערוקט פון זיך די ליידיקע שאָל.

— נייע גזירות — האָט חרובי פעסטגעשטעלט.

דיאַנאַ, צינדלערס הויכע ווייב, אַ פּיאַנאָ־לערערין, האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן, ווי זי זאָל אים פרעגן: „דו האָסט שוין נישט מיט וועמען צו דיסקוטירן״? אָבער ער איז געווען געצווונגען רעדן. ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט, און באַר איז געווען איינער פון זיינע חשובע קליענטן.

— די בוי־געזעצן זענען פאַרעלטערטע, מען מוז זיי ענדערן — האָט ער געזאָגט.

חרובי איז אויפגעשפרונגען פון בענקל, ווי עפּעס זאָל אים האָבן אַ ביס געטאָן.

— ווער דאַרף געזעצן?

בלומע, חרוביס ווייב, האָט אַ שאַר געטאָן מיט די פּיס אונטערן טיש. דאָס איז געווען זייער סימן, אַז ער דאַרפט שווייגן. באַר, מיט דער ציגאַר אין מויל, האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט גענומען אין האַנט די שיסל מיט זיסוואַרג און געבעטן די געסט: — זייט אייך מכבד, ביטע.

אַלע האָבן גענומען, ווער אַ סך, ווער ווייניק. חרובי האָט גענומען אַ פולן הויפן. צינדלער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס חרובי איז פאַרטאָן אין עסן און איז אַריבערגעגאַנגען צו אַן אַנדער טעמע.

— דאָקטאָר, האָסט געהערט? — האָט ער געפרעגט. דעם צווייטן חודש איז פאַראַן אַן עקסקורסיע קיין איראָפּע: איטאַליע, שווייץ און פראַנקרייך.

— וואָס פעלט אונדז דאָ? — האָט חרובי אים געפרעגט און זיך אַ צופרידענער איינגעריבן די הענט.

— מען דאַרפט זען די וועלט — האָט דיאַנאַ אים געענטפערט מיט אַ ביסל אַ העכערן טאָן. דאָקטאָר שער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געזאָגט:

— אויך חרובי וועט פאָרן, ער וועט נאָר דאָ אויסבויען נאָך עטלעכע הייזער.

— ניין! — האָט חרובי אים געענטפערט אַנטשלאָסן.

באַר האָט אַריבערגעבויגן זיין קאָפּ אויף הינטערווייַלעכץ און געפרעגט רחלען:

— דו ווילסט פאָרן?

זיין פראַגע איז געווען נישט דייטלעך. דער ציגאַר אין מויל האָט אים געשטערט. רחל האָט אים נישט געענטפערט. זי האָט נאָר מיטן פינגער אים געוויזן „ניין". אַ ווײַלע איז אין הויז און אין גאָרטן געווען שטיל. חרובי האָט געגעסן אַ באַנאַנע און געמליאַסקעט מיט די ליפּן. פרוי דיאַנאַ האָט פאַמעלעך געקייעט געשיילטע מאַנדלען. מען האָט נאָר געהערט דעם פלאַטער פון די פליענדיקע אינזעקטן. די ליכט האָט זיי געלאָקט.

רחל האָט זיך אָנגעבויגן און צוגערוקט אין מיט פון טיש אַ טעלער שאָקאָלאַד.

— ביטע, דאָקטאָר...

זי האָט געוואָלט ס'געשפּרעך זאָל פאַרגעזעצט ווערן. זי האָט אויך געוואָלט אַז די געסט זאָלן נישט פאַרגעסן, אַז אויך זי איז דאָ.

דאָקטאָר שער האָט איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און געזאָגט:

— אַ דאַנק.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אויף איר. אָבער זי איז שוין געזעסן שטיל, ווי נישט איר זאָל מען מיינען. באַר האָט אַרויסגענומען פון מויל דעם אויסגעלאָשענעם ציגאַר. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף חרובין און אים געפרעגט:

— כדאי צו קויפן איצט באָדן?

חרובי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אים אָנגעקוקט מיט זיינע צווי קליינע אויגן און אים געענטפערט:

— קויפן איז שטענדיק כדאי.

ס׳געשפּרעך האָט זיך ווידער איבערגעריסן. אַ קיל ווינטל האָט אַ ווייע געטאָן פון ים.

— עס ווייעט אַ ווינט — האָט חרובי געזאָגט. צינדלער האָט אַ קוק געטאָן אויפן ווייב. זי האָט עס געזען און לייכט אַ שניפּ געטאָן מיט דער נאָז. דאָס איז געווען איר צייכן, אַז זי וויל גיין. אָבער צינדלער איז געזעסן ווייטער. דאָקטאָר שער איז געזעסן מיט צונויפגעדריקטע קני, ווי ער זאָל זיצן אויף הייסע קוילן. זיין ווייב האָט געגעסן פּאַמעלעך אָבער סיסטעמאַטיש די געשיילטע מאַנדלען. זי האָט געגעסן און געשוויגן. קיינער פון די געסט האָט זי נישט אינטערעסירט. פרוי שער און פרוי צינדלער האָבן געשטאַמט פון דער זעלבער שטאָט, פון דרעזן. די פרוי שער איז געקומען צו באַרן נאָר ווייל זי האָט זיך געמוטשעט באַווייזן צוזאַמען מיט איר מאַן.

אויך דאָקטאָר שער האָט שוין געוואָלט גיין, אָבער ער האָט נישט געוווּסט צי ער האָט שוין יוצא געווען פאַר באַרן. ער האָט געוווּסט, אַז ער מוז באַרן פאַרשאַפן נחת־רוח. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף באַרן און זיך אַ ווענד געטאָן צו רחלען:

— ווי זעען אויס די ענינים אין דער פּרעסע?

זי האָט אים נישט געענטפערט, נישט געוווּסט וואָס זי זאָל אים זאָגן. זי האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— אַזוי זיך...

דאָקטאָר שער האָט זי נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט אַליין ממשיך געווען:

— אונדזער פּרעסע איז נאָך ווייט פון אַ ניוואָ.

רחל האָט נייגעריק אים אָנגעקוקט. אויך די רעשט געסט האָבן אים אָנגעקוקט.

שער האָט געוווּסט מיט וואָס צו קויפן באַרן און ער האָט פאָרגעזעצט:

— ביי אונדז שרייבן נישט די זשורנאַליסטן — זיי קאָמפּילירן נאָר. רחל האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט. שער האָט זי אָנגעקוקט. ער האָט געוואָלט הערן איר מיינונג. זי איז געזעסן און זיך געשפּילט מיט די פינגער און באַטראַכט די נעגל. שער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן בענקל, זיך דערנענטערט צו רחלען און איר געזאָגט:

— דעם אונטערשיד צווישן דער היגער און דער אויסלענדישער פּרעסע זעט איר דאָך אַליין.

רחל האָט צוריקגעדרייט איר קאָפּ און אָנגעקוקט באַרן. זי איז דערמיט געווען אויסן, אַז די געסט זאָלן פאַרשטיין, אַז דעם דאָקטאָרס פראַגע איז געווענדעט צו אַלע און נישט נאָר צו איר. באַרס פּנים איז געווען רויט און האָט געגלאַנצט פון פרייד. ער האָט זיך געפרייט וואָס דאָקטאָר שער באַציט זיך מיט כבוד צו רחלען. דערווייל האָט דער דאָקטאָר שער געוואַרט רחל זאָל עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט געשוויגן. אויך די רעשט געסט האָבן געשוויגן. דאָקטאָר שער האָט פּאַמעלעך אַרויסגענומען זיין זייגער פונעם הויזן־טעשל. — אַה! — האָט ער

אויסגערופן און איז אויפגעשפרונגען. — שוין עלף אַזייגער — און אַן איבער־ראַשטער אַ קוק געטאָן אויף זיין פרוי.

באַר האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגער און אים געענטפערט:

— נאָך דאָ צייט. מאָרגן איז שבת.

אינצווישן האָבן די געסט זיך אויפגעשטעלט.

— מאָרגן גאַנץ פרי מוז איך באַזוכן אַ פּאַציענט — האָט דאָקטאָר שער געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ קוק געטאָן אויף באַרן. ער האָט אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג, איז צוגעגאַנגען צו אים און אים אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער פּלייצע. ער האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט הויך אויפן קול:

— פראַנץ! (דאָקטאָר שער האָט געוואָלט, אַז אַלע זאָלן הערן, אַז ער רופט באַרן ביים נאָמען) — עס איז געווען אינטערעסאַנט און אַנגענעם. אַ דאַנק דיר און שלום!

באַרס רויט פּנים האָט געגלאַנצט פון גליק. ער האָט אָבער נישט געקענט זיך איינהאַלטן און זיך צעלאַכט הויך אויפן קול: — כי, כי, כי! — אָבער ער האָט באַלד זיך באַהערשט און באַרויִקט. ער האָט אַ פּיר געטאָן די האַנט אין דער לופט, ווי געמאַכט אַ ראָד און אויסגערופן: — שלום, שלום!

— שלום! — האָבן אַלע געסט אים געענטפערט און אים און רחלען געדריקט די הענט. באַר האָט צוגעפירט די געסט ביז צום אַריינגאַנגס־טויער און פלויט.

צוריקגייענדיק האָט ער זיך געוואַקלט. ביים וועראַנדע־אַריינגאַנג איז ער שטיין געבליבן. ער האָט רחלען אָפּגעמאָסטן מיטן בליק פון אויבן אַראָפּ און זיך הילכיק און ווילד צעלאַכט. רחל האָט אים אָנגעקוקט. זי איז געשטאַנען אָן אָנגע־לענטע אויף דער וואַנט פון דער וועראַנדע.

באַר האָט צוגעמאַכט די טיר, צעשטעלט די פיס און אויסגעשטרעקט רחלען די הענט. רחל, ווי זי זאָל דערויף וואַרטן, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים און אַריינ־געפאַלן אין זיינע אויסגעשטרעקטע אָרעמס. זי איז אויף אים אַרויפגעשפּרונגען, מיט די הענט אַרומגענומען זיין האַלדז און הענגען געבליבן אויף אים.

— אַה — האָט באַר אָפּגעזיפצט אַ גליקלעכער. אַ באַלאַדנטער מיט דער טייערער אויף זיך משא, איז זיין טריט געווען אַ שווערער. זי איז אויף אים געהאַנגען. זיין קאָפּ איז אַראָפּגעהאַנגען. זיין פּלייצע איז געווען אויסגעבויגן. ער האָט זי געטראָגן ווי אַ טאַטע טראָגט אַ צעשפּילט קינד. ווען ער איז אַריין מיט איר אין סאַלאָן האָט ער אַ דריק געטאָן אויף אַ קנעפּל אין דער וואַנט און אין גאַנצן הויז איז פינצטער געוואָרן. ערשט איצט האָט ער זי גענומען אויף די הענט און זי אַריינגעטראָגן אין זיין שלאָף־צימער.

רחל האָט זיך אויסגערעגט און אַפּירגענומען די האַנט פון אונטערן קאָפּ. זי האָט געעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. זי האָט נאָך געדרימלט. זי האָט

אונטער זיך דערפילט די ווייכקייט פון מאַטראַץ. אין צימער איז געווען האַלב־טונקל. די פאָרהאַנגען האָבן פאַרשטעלט די שפּאַרנדיקע זיך דורך די פענצטער טאָגליכט, אָבער אירע שפּליטערס זענען געפאַלן אויף דעם פּאָל.

זי האָט אַ גענעץ געטאָן און זיך איבערגעדרייט אויף אַ זייט. ס׳בעט נעבן איר איז געווען ליידיק. זי האָט זיך ווידער איבערגעדרייט און ליגן געבליבן מיטן פּנים אַרויף און געקוקט. מיט אַ מאָל איז איר בליק ווי פאַרגליווערט געוואָרן. אויף אַ בענקל נעבן בעט איז געשטאַנען אַ קרישטאָל־טעלער און אויף אים איז געלעגן אַ טשעק.

אירע נאָך האַלב־פאַרמאַכטע און פאַרשלאָפענע אויגן האָבן זיך מיט איין מאָל געעפנט. זי האָט זיך האַסטיק אונטערגעהויבן און זיצן געבליבן אין בעט. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אַ כאַפּ געטאָן דעם טשעק און געלייענט: „נאַציאָנאַל באַנק, רחל פּרג. פופצן טויזנט פונט״. רחל האָט געלייענט אויפן קול, סילאַביזירט יעדעס וואָרט ווי אַ קינד וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן לייענען. עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם. איר האַרץ איז ווי שטיין געבליבן אויף אַ רגע. ס׳בלוט איז איר געקומען אין קאָפּ אַריין. זי האָט אָפּגעזיפצט און אָפּגעאָטעמט. פון פרייד האָט זי צונויפגעקלאַפּט אירע האַנטפלאַכן און היסטעריש אַ געשריי געטאָן: — באַר!

באַר אין דער פּיזשאַמע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אונטער דער צוגעלעגנטער טיר פון צימער. ער איז געשטאַנען און געוואַרט אויף דער רגע, ווען רחל וועט זיך איבערוועקן. דערהערנדיק איר רוף איז ער צוגעשפּרונגען ווי עס שפּרינגט אַ טיגער. אירע וואַרעמע אָרעמס האָבן אים אַרומגענומען. אירע גליִענדיקע ליפּן האָבן וואַנזיניק אים געקושט. זי האָט אים געצויגן און אַריינגעשלעפּט אין בעט אַריין. די ראָזע זיידענע קאָלדרע האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעגליטשט אויפן פּאָל.

רחל איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ היפּנאָטיזירטע. זי האָט אַלץ געטאָן ווי פריִער. זי האָט געררוימט און געקאָכט די זעלבע מאכלים, אָבער זי האָט אַלץ געטאָן אויטאָמאַטיש. זי האָט נישט געפילט וואָס זי טוט. זי האָט געטרוימט אין דער וואָר. אין איר יונג לעבן האָט זי שוין מיטגעמאַכט פאַרשידנס, אָבער ס׳ערשטע מאָל האָט זי אַזוי פיל געלט. דער אימפּעט האָט זי געיאָגט. זי איז איצט נישט געגאַנגען נאָר געלאָפן, אָבער נישט געוווּסט ווו אַהין. אויך די אַרבעט האָט זי פאַרנאַכלעסיקט. זי האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט זיך, אַז זי איז נישט אין שטאַנד געווען עפּעס צו טאָן און זיך נישט געפונען קיין אָרט. זי איז געלאָפן פון שטוב אין גאַס און פון דאָרט צוריק אין שטוב. דער המון אין גאַס האָט זי געשראָקן (אַזוי פיל מענטשן), אָבער אין צימער האָט די שטילקייט זי דענערווירט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז ווען זי זיצט אין שטוב פאַרשפּעטיקט זי וויכטיקע ענינים. אָפט האָט זי זיך אַליין געפרעגט: — וואָס זיך איך? אויך אין די נעכט איז זי נישט געשלאָפן. זי איז געלעגן און געקלערט. זי האָט נישט געוווּסט וואָס זי וועט טאָן מיט אַזוי פיל געלט. זי האָט נאָר געוווּסט, אַז זי דאַרפט עס היטן — נישט צעטרענצלען. אָבער ווי אַזוי? אַמאָל האָט זי געטראַכט — איך וועל עפענען אַ געשעפט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך געזאָגט — אַ זשורנאַליסטין וועט ווערן אַ סוחרטע? זי האָט

אָבער זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון — מיט נורן וועט זי לאַנג נישט קענען ממשיך זיין. געַנוג געווען זי זאָל אין געדאַנק דערמאָנען זיין נאָמען און זי האָט פאַרביילט די פויסטן, אָבער גלייכצייטיק זיך געזאָגט: „איך לאָך פון אים. איך האָב געלט". אַ סך מאָל האָט זי נאָך צוגעגעבן: — אַזוי פיל געלט האָט דער אינטעליגענט אפילו ביי זיין טאַטן נישט געזען.

סוף כל סוף האָט זי זיך צוגעוויינט צום געדאַנק, אַז זי האָט אַ סך געלט. נישט איין מאָל האָט זי אַ טראַכט געטאָן: — איך וועל עפענען אַ קאַפע, די „קנקן"־באַזוכער וועלן צו מיר קומען, אָבער אַ מינוט שפּעטער האָט זי זיך אַליין געענט־פערט: — ניין, דאָס איז נישט פאַר מיר. איך קען פאַרלירן ס'געלט. זי איז אַרומגע־גאַנגען אַ צעטראָגענע, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. זי איז געגאַנגען פון איין גאַס אין דער אַנדערער, באַטראַכט די שוי־פענצטער און די מענטשן, געזוכט באַקאַנטע, וואָס זאָלן איר העלפן. איין מאָל איז זי שטיין געבליבן. זי האָט פון דער וויטן, אויף ראָג פינסקער ביי „מוגראבי" דערזען ראובינין. זי האָט אים געוואָלט רופן, אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט זי זיך באַזינען.

ראובינין, אַ נידעריקער, ברייטבייניקער מאַן, וועלכער האָט סיי זומער און סיי ווינטער געטראָגן טונקעלע זון־ברילן און אַ שוואַרצן בערעט אויפן קאָפּ, האָט מיט זיינע לאַנגע פּלאַטפיס כסדר געשפּאַנט איבער די שטאָט־גאַסן. ער איז געווען אַן אַנאָנסן־אַגענט. רחל האָט אים געוואָלט פרעגן, צי אויך זי וואָלט געקאָנט טאָן די אַרבעט. אָבער זי האָט באַלד זיך אַליין געפרעגט: — איך וועל לויפן איבער די הייזער בעטן מודעות? זי האָט אַ קוק געטאָן אויף ראובינין און געגאַנגען איר וועג.

זי האָט אַזוי פיל אַריינגעקלערט, ביז אירע נערוון האָבן אָפּגעזאָגט צו דינען. זי האָט געקלערט און מורא געהאַט. עטלעכע מאָל אין דער נאַכט איז זי אַראָפּ פון בעט, האָט אונטערגעהויבן דעם מאַטראַץ און געבלעטערט אין באַנקביכל — זיך איבערצייגט, צי דער טשעק איז ביי איר. עטלעכע מאָל האָט זי אויך אַ טראַכט געטאָן — אפשר איז דער טשעק גאָר נישט ווערט, נאָר אַ שטיקל פּאַפּיר, אפשר האָט באַר מיך אָפּגענאַרט, און איר האַרץ האָט געהאַמערט פון פחד. דעמלט איז זי גרייט געווען צו גיין אין באַנק פרעגן, אָבער זי האָט עס נישט געטאָן און זיך געטרייסט: ער וועט מיך נישט אָפּנאַרן.

איצט האָט זי אָפּט באַזוכט באַרן. ביי אים אין די צימערן האָט לעצטנס כמעט יעדן אָוונט געברענט ליכט. זיין פּלייצע איז נאָך רונדיקער געוואָרן. פון מידקייט האָבן זיינע אויגן געפינטלט, אָבער זיין בליק איז איצט געווען ווייכער. זי איז געקומען צו אים, אָבער זיך פאַר אים נישט פאַרטרויט. זי האָט אַן אויפהער פּראָיעקטירט, אָבער זיך נישט דעצידירט. זי האָט זיך געגוויטיקט אין הילף, אָבער נישט געוווּסט צו וועמען זיך ווענדן.

פונקט ווי אַ מאָל איז זי איצט ווידער געווען עלנט. זי האָט שטענדיק גע־שטרעבט צו האָבן געלט, אָבער איצט ווען זי האָט עס, ווייסט זי, אַז מען קען האָבן געלט און נישט האָבן קיין געזעלשאַפט. זי האָט נישט איין מאָל אַ טראַכט

געטאָן: אפשר צופאָרן צו דער מאַמען? — אָבער זי האָט יעדעס מאָל אַ ציטער געטאָן פון בלויזן געדאַנק און פאַרמאַכט די אויגן פון פחד.

זי האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען. דעם לעצטן מאָל איז זי אַריין אין „קנקן". זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און אַ מידע אַראָפּגעלאָזט איר שווערן איצט קערפּער, ווי אַ טרעגער לאָזט פון זיך אַראָפּ אַ פּולן, שווערן זאַק. דער קאַפע איז געווען ליידיק, נאָר נחמן דער קוכער, אַ נידעריקער, דיקער מיט אַן אַרומגעבונדענעם האַנטעך איבערן בויך, איז געזעסן ביי אַ שיסל און אָנגעפילט טאַרבעלעך. דאָס איז געווען אין אַ פאַרמיטאָג. ס'וועטער איז געווען מילד. אויך די לופט אין קאַפע איז געווען אַן אָפּגעפרישטע, דער זאַל אַ דורכגעלופטערטער, די טירן און די פענצטער זענען געווען אָפן. די זונענשיין איז אַריינגעדרונגען אין קאַפע־הויז. רחל האָט אויסגעצויגן די פיס און אַרויפגעלייגט די הענט אויפן טיש. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און שווער אָפּגעאָטעמט, אָבער גלייך האָט זי זיי צוריק געעפנט. איר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק. זי האָט דערשטוינט געקוקט פאַרויס. זי האָט נישט פאַר־שטאַנען פאַר וואָס איז איר ביז איצט נישט איינגעפאַלן דער געדאַנק. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף איר האַנטפלאַך און באַטראַכט דעם איינפאַל.

אַ צייט לאַנג איז זי געזעסן אַן באַוועגונג. פּלוצים האָט זי ווי אויפגעציטערט. זי האָט אויסגעגליכן דעם רוקן און זיך געזאָגט אויפן קול: — איך קויף אַ דירה און עפן אַן אַנאָנסן־ביוראָ! אָבער באַלד האָט זי זיך דערשראָקן פאַר די אייגענע רייד. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, צי דער קוכער האָט נישט געהערט, אָבער ער איז געווען פאַרטאָן אין זיין אַרבעט.

זי איז שנעל אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן.

— דעם רעדאַקטאָר, ביטע — האָט זי געזאָגט דורכן טרייבל. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי צוגעגעבן: — נור? דאָ רעדט רחל. איך קינדיק די אַרבעט אין „עקספּרעס".

איר שטימע איז געווען האַרט און טרוקן, ווי זי זאָל אַריינרעדן אין אַ הוילן פּאַס. זי האָט אַוועקגעלייגט ס'טרייבל און זיך אומגעקערט אויף איר אָרט. פּלוצים האָט זי דערזען אורליך, אַן אַלטן שטאַם־גאַסט אין „קנקן". וואַקלענדיק זיך, איז ער צו איר צוגעגאַנגען און אַן אומבאַהאָלפענער אויסגעשטרעקט איר די האַנט, ווי ער זאָל זיך וועלן אָנכאַפּן אין טיש, אָבער זיך אָנגעלענט אויף איר אַקסל. רחל האָט אים אָנגעקוקט. זיין בליק איז געווען טעמפּ און מוטלאָז. זיין פאַרפלעקט און צעקנייטשט העמד, זיינע אַריבערגערוקטע איבער די לענדן הויזן, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי אָט, אָט פאַלן זיי אַראָפּ, האָבן דערוועקט מיטלייד. זי האָט אָבער אַוועקגעדרייט פון אים דעם קאָפּ. עס האָט זיך געפילט פון אים דער ריח פון בראָנפן, וואָס זי האָט נישט פאַרטראָגן. זי האָט שנעל אַראָפּגענומען זיין האַנט פון איר אַקסל און זי אַרויפגעלייגט אויפן טיש. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. זי האָט אים צוגעהאַלטן ער זאָל נישט פאַלן, אָבער ווי נאָר ער האָט דערפילט אירע הענט, האָט ער געזאָגט:

— קום מיט מיר.

זי האָט אים אָפּגעלאָזט. ער איז אַנידערגעפאַלן און אַ קרעכץ געטאָן: אַה־אַה!

זי האָט אַ קוק געטאָן צי דער קוכער האָט געזען וואָס עס איז געשען און זי איז שנעל אַרויס אין גאַס.

שוין עטלעכע חדשים ווי רחל וווינט אין איר נייער דירה. פאַר איר פריערדיק צימער, וואָס זי האָט געמאַכט פריי, האָט זי באַקומען שליסל־געלט. אויך איר מעבל פון דער פריערדיקער דירה, האָט זי פאַרקויפט. איצט וווינט זי אין אַ דירה פון פיר צימערן אויפן דיזענגאָף־סקווער. דאָס איז אַ דירה אויפן צווייטן שטאָק. זי האָט זי געקויפט מעבלירט און איינגעאָרדנט פון אַן אינזשיניער, אַן אויסלענדער, וואָס האָט לויט אַ קאָנטראַקט געענדיקט זיין אַרבעט אין לאַנד און איז צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן.

די דירה האָט זי געקויפט ביליק. עס זענען איר נאָך געבליבן עטלעכע הונ־דערט פונט אין באַנק. זי האָט די טראַנזאַקציע געמאַכט דורך אַ מעקלער. אַן אַד־וואָקאַט, וואָס זי קען פון פריער, וואָס געהערט נישט צום קרייז פון בארס באַקאַנטע האָט איבערגעפירט די דירה אויף איר נאָמען. אויך באַרן האָט זי נישט באַטייליקט אין די ענינים. זי האָט נישט געוואָלט ער זאָל וויסן אירע סודות. צוויי וואָכן האָט געדויערט דאָס קויפן און פאַרקויפן. אין דער צייט האָט זי זיך נישט באַגעגנט מיט אים. ווען באַר האָט באַשלאָסן זיך צו דערוויסן וואָס מען זעט נישט רחלען איז ער זי געגאַנגען באַזוכן אין איר פריערדיקער דירה. די טיר איז געווען געשלאָסן. דער בעל־הבית האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט זיך איבערגעצויגן אין אַ נייער דירה.

באַר איז באַלד געלאָפן זוכן רחלען. ער האָט זי געפונען אין „קנקן״. זי איז געזעסן ביי דער טיר און אַן אומרויִקע געקוקט אין גאַס אַריין. עטלעכע טעג ווי זי קומט אַהער אין די מיטאָג־שעהן מיט דער האָפענונג, אַז זי וועט זיך טרעפן מיט באַרן. זי ווייסט, אַז זי האָט נישט געהאַנדלט געהעריק כלפּי באַרן און דערפאַר זיך געשראָקן פאַר דער באַגעגעניש. זי האָט געוואָלט זיך מיט אים טרעפן אין אַן עפנטלעכן אָרט און אַזוי אַרום פאַרמיידן אַ סקאַנדאַל. ווי נאָר זי האָט אים פון ווייטן דערזען איז זי אים אַנטקעגנגעלאָפן מיט אַ קינסטלעכן געלעכטער און ווי אַרויפגעפאַלן אויף אים. זי האָט אַרונטערגערוקט איר האַנט אונטער זיין אָרעם און געשמייכלט צו אים. באַר האָט זי אָנגעקוקט מיט בייזע אויגן און געקריצט מיט די ציין.

— באַר, זיי נישט אין כעס. באַלד וועסטו הערן דיבורים און אַלץ פאַרשטיין — האָט זי אים צאַרט געזאָגט און אים אַ צי געטאָן נאָך זיך: — קום!

זיי האָבן גענומען גיין. גייענדיק האָט זי זיך צו אים געטוליעט. ווען זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג האָט זי אים געזאָגט:

— איך האָב דיך נישט געוואָלט באַלעסטיקן — אַ מינוט שפּעטער האָט זי צוגעגעבן — איך האָב געוואָלט דו זאָלסט וויסן, אַז אויך איך קען דערליידיקן

ענינים. זי האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך שטיל געזאָגט:

— איך האָב געקויפט אַ דירה.

באַר איז מיט אַמאָל שטיין געבליבן, ווי ער זאָל האָבן אַרײַנגעוואָקסן אין דער ערד. זיין פּנים איז געוואָרן רויט און גלײַכצײַטיק טרויעריק. זיינע טעמפּע, פאַרגלייזטע אויגן האָבן זי דערשראָקן אָנגעקוקט. די ליפּן זיינע האָבן געציטערט. ער האָט געוואָלט רעדן. רחל האָט מיט דער האַנט פאַרדעקט זיין מויל און געזאָגט:

— שוויַיג, ווּעסט באַלד אַלץ זען.

ער איז געווען דערשיטערט.

— קום! עס איז דאָ נאָענט — האָט זי אים געזאָגט און אים אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך. זי האָט יעדע ווײַלע געוואָרפן אַ בליק אויף אים פון דער זייט. זי האָט מורא געהאַט פאַר אים.

רחל האָט געעפנט די טיר און די ערשטע אַרײַנגעגאַנגען. ער איז איר נאָכגעגאַנגען. זי איז שטיין געבליבן אין האָל מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. אירע אויגן האָבן אויף אים געקוקט, ווי זיי זאָלן בעטן רחמים. ער איז געשטאַנען איר אַנטקעגן, אָבער ער האָט זי נישט געזען. זיין בליק איז געווען טריב און אויסגעלאָשן. ער האָט געקוקט פאַרויס ווי אין דער ווייט אַרײַן. זיין אונטערשטע ליפּ איז געלעגן איבערגעלייגט איבער דער אויבערשטער. מיט אַ מאָל האָבן זיך זיינע אויגן געעפנט פאַמעלעך באַוועגן ביז זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף רחלען.

— יאָהההו! — האָט ער אַ געשריי געטאָן פון ווייטיק. זי האָט זיך דערשראָקן און זיך אײַנגעקאָרטשעט פון שרעק. זי האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס און אים אַרומגענומען. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט זיך צו אים צוגעטוליעט. ער איז געשטאַנען ווי געליימט, נאָר זיין ברייטער ברוסטקאַסטן האָט זיך אונטערגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט ווי אַ בלאָזזאַק. פּלוצים האָט ער זיך אַוועקגעריסן פון איר און זי אַוועקגעשטופּט. אירע גרויסע אויגן זענען קליין געוואָרן. זי האָט איבערגעלייגט אירע עלנבויגנס איבער דער ברוסט, ווי זי זאָל זיך ווערן און זי איז שטיין געבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט געשטעלט עטלעכע שווערע, מידע טריט און איז אַרײַן אין דער טיר, וואָס פירט אין עסצימער.

— האָסט עפּעס צו טרינקען? זיין קול איז געווען רוי און טרוקן. ער האָט זיך אײַנגעבויגן און זיך אַוועקגעזעצט אין פאָטעל.

זי איז שנעל אַוועק צום בופעט און אַרויסגענומען אַן אָנגעהויבענע שוין פלאַש „וויסקי".

באַר האָט זיך אײַנגעגאָסן אַ גלעזל און עס אויסגעליידיקט מיט איין שלונג. באַלד דערנאָך האָט ער אויסגעטרונקען נאָך אַ גלעזל און נאָך אַ גלעזל און אָפּגעזיפצט.

— נו ווייז וואָס דו האָסט אײַנגעהאַנדלט — האָט ער געזאָגט, אָבער זיין בליק איז נאָך אַלץ געווען טעמפּ.

זי האָט געעפנט די טיר פון שלאָף־צימער, צוגעגאַנגען צו אים און צאַרט

אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט. זיינע נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּרייט און ער האָט אָפּגעאָטעמט. זי האָט אים אַרונטערגערוקט אונטערן העמד איר האַנט און געגלעט זיין באַוואַקסענע מיט האָר ברוסט. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן, כמעט זיי צוגעמאַכט, נאָר זיינע ווייס האָבן געציטערט. זיינע מויל־ווינקלען זענען געווען באַדעקט מיט שוים.

זי האָט צוריק אַרויסגעצויגן איר האַנט און מיט ביידע הענט פון הינטער־ווײַלעכץ אים גענומען אונטער די אָרעמס און לייכט אים אַ שטופּ געטאָן פאָרויס. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, ווי מען פירט אַ קינד, האָט זי אים אַריינגעפירט אין איר שלאָף־צימער.

אויך אין איר נייער אַרבעט — אין דער רעקלאַמע־בראַנזשע, איז רחל געוואָרן שנעל באַהאַוונט און זיך אויסגעטויגט. זי האָט אַליין געפירט איר רעקלאַמע־ביוראָ און אירע פאַרדינסטן זענען געשטויגן פון טאָג צו טאָג. דער געדאַנק צו עפענען אַזאַ ביוראָ איז איר געקומען, ווען זי האָט געטראָפן אויף דער גאַס ראובינין. אָבער זי האָט זיך איינגעאָרדנט בעסער פון אים. זי איז נישט אַרומגעלאָפן איבער די שטאָקן זוכן אַנאָנסן ביי פירמעס. זי האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ קליין שילדל אויף איר ביוראָ־טיר: „פּרגס רעקלאַמעס". זי האָט אַלע אירע געשעפטן מערסטנטייל דערליידיקט דורכן טעלעפאָן. זי האָט שוין פאַרטרעטן פינף גרויסע פאַבריקן. זי האָט געהאַט די אויסשליסלעכע רעכט זיי צו אַנאָנסירן. איר אַרבעט איז געווען אַ פּשוטע און לייכטע. יעדן פרימאָרגן האָט זי געקלונגען אין די פאַבריקן אַריין — זיך געפרעגט, צי עס איז נויטיק עפּעס וואָס צו אַנאָנסירן. דעם טעקסט האָט זי טעלעפאָניש איבערגעגעבן די רעדאַקציעס. טאָמער האָט מען אויך געדאַרפט אָפּדרוקן אַ קלישע, איז געקומען צו איר אַ שליח פון דער דרוקעריי זי נעמען.

באַר איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער. זיין פּלייצע איז איצט געווען נאָך מער קיילעכיקער. די צוויי טיפע פאַלדן ביי זיינע מויל־ווינקלען האָבן צוגעגעבן זיין פּנים אַ פאַרביסענעם אויסדרוק. ער האָט איצט נישט גערעדט נאָר געשריגן. דאָס געלט האָט ער רחלען געגעבן אַ מתנה, אָבער ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט עס אַריינלייגן אין באַנק. ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז איר וועט קומען אויפן געדאַנק זיך קויפן אַ דירה. פאַרקערט, ער האָט געמיינט, אַז זיין ווילע וועט זיין אויך איר דירה. איצט האָט ער געזען זיין טעות. ער האָט געזוכט וועגן ווי אַזוי צו פאַרריכטן זיין פעלער. ער איז איר איצט נאָכגעפאָרן און איר נאָכגעגאַנגען, זי געהיטן, אויפגעפּאַסט אויף איר ווו און ווען זי טרעפט זיך מיט אירע נייע קליענטן. זי האָט זיך מיט באַרן געטראָפן, אַזוי ווי פריער, אָבער זיך שוין נישט קרעמפּירט. אויך איצט האָט ער זי געפירט אין זיין אויטאָ, צוזאַמען געגעסן, צוזאַמען געגאַנגען אין קינאָ און אין קאַפע. זי איז צו אים געקומען אַהיים און אָפט ביי אים געבליבן נעכטיקן. אַ סך מאָל איז אויך ער געבליבן ביי איר

שלאָפֿן, אָבער זייער פֿריינדשאַפֿט איז איצט געווען אַ געשפּאָלטענע. זי האָט איר צייט געטיילט צווישן באַרן, איר הויז און נאָך מענער.

רחל האָט איצט געלעבט זאָרגלאָז. זי איז אין איר דירה געווען די פּרינצעסין פֿון הויז. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל איר שטערן. די דירה איז איר געווען טייער און ליב. זי האָט ליב געהאַט אַרומגיין איבער די חדרים און נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל באַטראַכטן יעדע זאַך. מיט שטאָלץ און גאווה זיך געזאָגט: — אַלץ איז מיינס. זי האָט ליב געהאַט צו קאָנטראָלירן אַלץ אין שטוב לויט אַ סדר. אָנגעהויבן האָט זי אין האָל. זי האָט באַקוקט די רויטע, דעמבענע וואַנט און אויף איר דעם הענגער אויף מלבושים, דאָס געשטעל אויף שטעקנס און שירעמס, דעם שטיי־שפּיגל מיטן קעמגעצייג, די צוויי געבעטע טאַבורעטן, דאָס קליינע טישל מיטן טעלעפֿאָן און דעם רויטן דיוואַן אויפֿן פּאָל.

פֿון דאַנען איז זי אַריין אין עסצימער. אויף איין וואַנט איז געשטאַנען אַ שווערער בופֿעט מיט צוויי קרישטאָלענע וואַזעס און אַ פּאָרצעליי־שיסל. אין דער מיט איבערן בופֿעט איז געהאַנגען אַ גרויס בילד, אַ שטיללעבן, אַ קאָרב מיט פּרוכטן, געראַמט אין אַ גאָלדענע ראַם. אויף דער צווייטער וואַנט איז געשטאַנען אַ סאָפֿע געבעט מיט גרויען בראָקאַט. איבער דער סאָפֿע זענען געהאַנגען צוויי וואַנט־לאָמפּן. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ שווערער טיש מיט צוועלף בענקלעך. זי האָט יעדעס מאָל זיך איינגעקוקט אינעם מאַהאַגאָני־גלאַנץ פֿונעם מעבל ווי אַ מענטש קוקט אין אַ שפּיגל.

פֿון דאַנען איז זי אַריין אין סאַלאָן. דער טיפֿער דיוואַן האָט פֿאַרטויבט אירע טריט. זי איז יעדעס מאָל פֿון אויפֿסניי נתפּעל געוואָרן פֿון דער גרייס פֿונעם צימער און פֿון דער גרייס פֿון דיוואַן, וואָס האָט באַדעקט דעם גאַנצן פּאָל. אירע אויגן האָבן זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט דער רויטקייט פֿונעם מעבלפּלוש. אין איין עק איז געשטאַנען אַ קליינע, ברייטע קאָשעטקע, אַן אַנטיק־טישל מיט אַ ראַדיאָ־פֿאַטעפֿאָן און אַ טיפֿער פֿאָטעל. אין דער צווייטער זייט זאָל זענען געשטאַנען צוויי טיפֿע פֿאָטעלן און אַ שווער טונקל־ברוין טישל. אויף דער זעלבער וואַנט אין ווינקל איז געשטאַנען אַ פֿאָרטעפּיאַן. אין דער זייט איז געשטאַנען אַ מעשענער שטיי־לאָמפּ. אויף די ווענט זענען געווען פֿונאַנדערגעהאָנגען עטלעכע לאָמפּן.

אַן אַנטציקטע איז זי אַריין אין שלאָף־צימער. דאָס איז געווען איר באַליבט צימער, דאָס באַליבטסטע פֿון אַלע חדרים. זי איז נישט אַריין אין אים. זי איז געשטאַנען אין דער אָפֿענער טיר און פֿון דער שוועל אַ גליקלעכע אַריינגעקוקט. זי האָט באַטראַכט איר טאָפּלבעט און די נאַכט־שענקלעך ביי די זייטן, די ברייטע פֿיר־טיריקע שאַנק, די פֿיר־קאַנטיקע טואַלעטן מיטן געשליפֿענעם שפּיגל, דאָס קיילעכיקע אַן אַנלען בענקל ביים שפּיגל. דאָס מעבל איז געווען העלער נוס מיט טונקעלע סוקעס, פֿינף קליינע, קאָלירטע דיוואַנדלעך זענען געלעגן פֿונאַנדער־געלייגט אויפֿן פּאָל.

נאָכן אָנקוקן אַלץ פֿון דער ווייטן האָט זי צוגעלענט די טיר פֿון שלאָף־צימער

און זי איז אַוועק אין איר אַרבעטס־קאַבינעט. זי איז געגאַנגען מאַיעסטעטיש, פּאַמעלעך, מיט אַ געמאָסטענעם טריט. דער פּאָל איז געווען באַדעקט מיט אַ דיקן גרויען דיוואַן. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ שווערער, דעמבענער שרייבטיש. אויפן טיש האָט זיך געפונען אַ שרייב־געצייג פון שוואַרצן מאַרמאָר, אַ טעלעפאָן און אַ לאָמפּ. ביים טיש איז געשטאַנען אַ ברייט, טיף בענקל געבעטט מיט לעדער. פון דער צווייטער זייט טיש זענען געשטאַנען צוויי הויכע פאָטעלן געבעטע מיט לעדער. אין דער זייט ביי דער טיר זענען געשטאַנען צוויי שענקלעך מיט אַקטן, וואָס זענען געווען פאַרמאַכט מיט הילצערנע זשאַלוזיעס. אין דער זייט, אָפּגערוקט פון טיש איז געשטאַנען אַ פּירטיריקע, פאַרגלאָזטע שאַנק מיט ביכער. די דיוואַנען זענען געווען פּערסישע, די פאָרהאַנגען פון בראָקאַט.

יעדער שפּאַציר איבער איר דירה האָט זי נאָך מער דערמוטיקט, אָבער זי איז געווען מיד פון עול. נישט איין מאָל האָט זי זיך אַוועקגעזעצט און מיט שטאַרע אויגן געקוקט מיט אַן אויסגעשטרעקטן קאָפּ אָן צו טראַכטן. זי איז געווען מיד און זאַט פון זאַרגלאָזיקייט. זי האָט איצט געהאַט איבעריקע צייט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט איר. זי האָט געמאַכט אַנשטרענגונגען די צייט זאָל איר נישט נמאס ווערן. אָפט איז זי געלעגן אויף דער סאָפע מיט דער פּלייצע אַרויף, מיט די הענט אונטערן פּנים און געהערט אַמעריקאַנער פאָלקס־מוזיק. זי האָט זיך געלאַנגווייליקט טראָץ דעם וואָס זי האָט אויסגעפונען אַ נייע באַשעפטיקונג — זי האָט געהאַקט קליינע שטיינדלעך, וואָס זי האָט געהאַלטן אויפן קיך־באַלקאָן און פון זיי צונויפגעשטעלט מאָזאַיִק־פּלאַטן. אַנגעטאָן אין קורצע האָקי־הויזן און אַ העמד, דער קאָפּ אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל, איז זי געשטאַנען אָן אָנגעבויגענע איבער איר אַרבעטסטיש. דער אַרבעטסטיש איז געשטאַנען אין פּאָדער־צימער, וואָס האָט געפירט אין קיך אַריין. זי האָט אין אַלע מאָזאַיִקן אַריינגעאַרבעט שטוב־חיות און עופות. אַלע אירע פאַרמירטע חיות זענען געווען אויסגעצויגן און פאַר־הויקערט, מיט לאַנגע פיס און דינע העלדזער. די פאַרבן זייערע זענען געווען רוישיקע. זי איז געווען איבערצייגט, אַז זי אימיטירט אַלטע, פּרימיטיווע קונסט. אין איר ביכער־שאַנק זענען געשטאַנען אַ ריי ביכער איבער אַרכעאָלאָגיע. דער ענגלענדער וואָס האָט פאַרקויפט די דירה האָט זיי איבערגעלאָזט.

זי האָט איצט ווידער געלייענט קרימינאַל־ראָמאַנען — פאַקטעס־ביכלעך. אָבער איצט ווען זי האָט געענדיקט לייענען אַזאַ בוך האָט זי עס אַרויפגעלייגט אין בוידעם־שפּייכלער, מענטשן זאָלן נישט זען וואָס זי לייענט. פון מאָל צו מאָל איז זי צוגעגאַנגען צום קלאַוויר, געקלאַפּט אויף די קלאַווישן. די טענער זענען געווען כאַאָטישע און האָבן געגרילצט. מען האָט נישט געהערט וועלכע ס׳איז מעלאָדיע. אָבער איר גרעסט פאַרגעניגן איז געווען די וואַנע. זי האָט ליב געהאַט ליגן אין דער וואַנע און פילן די ווייכקייט פון וואַסער, וואָס האָט געגלעט איר קערפּער. זי איז געלעגן און זיך נישט גערירט, נאָר פון מאָל צו מאָל צוגעגאָסן וואַסער פון קראַן. נאָכן באָד איז זי אַ נאַקעטע געלאָפן איבער די צימערן און געוואָרפן מיטן קאָפּ און מיט די הענט — געמאַכט גימנאַסטיק. אַ פאַרמאַטערטע

איז זי שטיין געבליבן מיט אויפגעהויבענע הענט און פאַרוואָרפענעם קאָפּ פאַרן שפּיגל. איר קערפּער איז געווען ברוין און עלאַסטיש אָן אַ פּגם. בעת זי האָט געהאַלטן די הענט אין דער הויך, זענען אַלע אירע ריפּן געווען בולט.

דאָך האָט זי געהאַט אַ סך פרייע שעהן, מיט וועלכע זי האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. פון לאַנגווייליקייט האָט זי כסדר געראַמט די חדרים. זי האָט געפונען אָן אויסרייד און צוגענומען ביי ברכהן, איר געהילף, דעם שטויב־זויגער און אַליין אַרויסגעצויגן דעם שטויב פון די דיוואַנען און פלושן. ברכה האָט געטראָגן צוויי אויסגעקרימטע שיך. דער עק פון איר ספּודניצע איז געווען אַריינגעשטופּט אין איר טאַליע־גאַרטל. רחל האָט געטראָגן אַרבעטס־הויזן מיט שעלקעס. איר קאָפּ איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל. ביידע פרויען האָבן געאַרבעט. ברכה האָט געפּוצט און געוואַשן. רחל האָט זיך געפּאַרעט אַרום ברכהן, געגעבן איר אָנווייזונגען וואָס זי זאָל טאָן. דאָס אַלץ האָט נישט פאַרטריבן רחלס לאַנגווייליקייט און עלנט אין איר גרויסע דירה. אין די אָוונטן איז זי אָפט אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַפע אָבער נישט אין „קנקן". זי האָט געזוכט אַ סאָלידע געזעלשאַפט. זי איז מערסטנטייל געזעסן ביי „ניקן". אין דער קאָנדיטאָרע אויף דיזנגאָף־גאַס זענען זיך צונויפגעקומען בכבודיקע פרויען. זיי זענען געווען געהעריק אָנגעטאָן און געדענקט אַוועקלייגן זיך אַ סערוועטקע אויף די קני, בשעת זיי האָבן געטרונקען קאַווע אָדער טיי. רחל איז געקומען אַהין אָנגעטאָן פּשוט, די מענטשן זאָלן זען איר פיגור. זי איז אויך נישט געווען באַהאַנגען מיט שמוק. נאָר ווען זי איז געקומען מיט אַ טיפן דעקאָלט האָט זי זיך אָנגעהאַנגען אויפן האַלדז צוויי, דריי שנירלעך קרעלן אָדער פּערל. ווען זי איז אַריין האָבן די פרויען, וואָס זענען דאָרט געזעסן זי אָנגעקוקט. זי איז זיי געווען באַקאַנט פון זען.

מיט באַרן האָט זי פאַרברענגט אין די לאָקאַלן אין שטאָט. מיט אירע אַרבעטס־געבער האָט זי פאַרברענגט אויסער דער שטאָט. זי האָט נישט געוואָלט אירע באַקאַנטע זאָלן זיך צונויפטרעפן. באַר האָט געזען ווי זי פירט זיך אויף. די קנאה האָט אים געגעסן. ער האָט געקענט אַלע אירע נייע באַקאַנטע. ווען ער האָט זי געזען זיצן אָדער גיין מיט איינעם פון זיי, איז זיין בליק געוואָרן פאַרנעפּלט. ער האָט געביילט די פויסטן, אָבער זיך באַהערשט. נאָר ווען ער איז געווען שיכור האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד: — וואָס דאַרף זי זיי? וואָס פעלט איר ביי מיר?

איין אָוונט, ווען רחל איז מיטן הער טורקי געזעסן אין דער „דעלטאַ" ביי אַ כמעט ליידיקער פלאַש „בורגונד" איז פּלוצים אַהין אַריינגעקומען באַר. ער האָט געזען, אַז זי איז רויט און צעפלאַמט. הער טורקי, אַ הויכער, דאַרער ייד מיט אומרויִקע אייגעלעך, איז געווען בלייך פון שיכרות און געררטקייט. זיין פוס אונטערן טיש האָט געדריקט אויף איר קני. זיין האַנטפלאַך איז געלעגן אויף איר אַקסל. ער איז געזעסן מיט אַן אויסגעשטרעקטן קאָפּ, איר אַנטקעגן און געקוקט איר גלייך אין די אויגן. נישט געקוקט וואָס אין זאַל איז געווען האַלב־טונקל, האָט די ליכטשיין אַ בלענד געטאָן באַרן און ער איז שטיין געבליבן ווי אַ צוגעשמידטער. אין דעם מאָמענט האָט דער פידלער זיך צוגערוקט צו רחלען און פאַר איר

אויפגעשפּילט עפּעס אַ ציגיינער־לעגענדע. טורקי, דער אַמאָליקער שלאָסער און דער היינטיקער פאַבריקאַנט, האָט אַ בליק געטאָן אויפן פידלער און באַלד זיך איינגעקוקט אין רחלען. באַר האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און געוואָלט צוגיין צו זיי, אָבער ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק צום באַרטיש. ער איז געשטאַנען מיט די הענט אין די טאַשן, אַן אָנגעלענטער מיטן רוקן אין באַרטיש און מיטן פּנים צו זיי בײדע. ער האָט געוואָלט זי זאָל אים זען. פּלוצים האָט ער זיך היסטעריש צעלאַכט אויפן קול. זי האָט אים דערזען אָבער זיך נישט אומגעקוקט אויף אים, אָבער ווען באַר האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט און צעבראָכן עטלעכע גלעזער וואָס זענען געשטאַנען אויפן באַר־טיש, האָט זי זיך אויסגעדרייט און אים אָנגעקוקט. ער האָט עס באַמערקט. ער האָט פון טאַש אַרויסגעצויגן עטלעכע געלט־באַנקנאָטן און זיי אַרויפגעוואָרפן אויפן טיש. דער הויכער, ברייטביייניקער באַרמאַן האָט צוגענומען דאָס געלט. רחל האָט שטיל אַ זאָג געטאָן טורקין:

— מיר גייען.

— צאָלן! — האָט טורקי אַ שריי געטאָן.

באַר איז איצט געשטאַנען אַן איבערגעבויגענער מיטן אויבערשטן טייל קערפּער איבערן באַר־טיש, מיטן קאָפּ אין די הענט, און נישט געזען, אַז בײדע האָבן זיך אויפגעשטעלט. ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ זענען זיי שוין געשטאַנען ביי דער טיר. באַר האָט אַ שפּרונג געטאָן ווי אַ טיגער, זיי פאַרשטעלט דעם וועג. באַר איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, ווי ער זאָל איר וועלן עפּעס זאָגן. זי האָט אים אָנגעמאָסטן מיט איר בליק וואָס איז געווען בייז און פאַרביסן. באַר איז געבליבן שטיין ווי געליימט. זי האָט אַ ווונק געטאָן טורקין. ער איז אַרויס אויף דער גאַס. זי איז אים נאָכגעגאַנגען און פאַרמאַכט די טיר באַרן פאַר דער נאָז.

רחל מיט טורקין זענען אַרויס פון דעם אויטאָ פאַר איר דירה. זי האָט נישט געזען, אַז אַנטקעגן, אָנגעלענט אויף דער וואַנט שטייט באַר. בשעת זיי זענען געפאָרן האָט זי אויך נישט געזען, אַז באַר פאָרט זיי נאָך. ווען באַר האָט דערזען, אַז בײדע גייען אַרויף צו איר אין דער דירה, האָט ער זיך צוזאַמענגעבראָכן. אַ ווײַלע האָט ער נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער איז געוואָרן שלאַבריק און דערפילט די מידקייט. ער איז געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן און געפילט ווי ס'בלוט פליסט אים אָפּ פון קאָפּ. דער כעס האָט אים אָפּגעלאָזט. ער איז געוואָרן אַפּאַטיש. אַ צייט לאַנג איז ער געשטאַנען אַן אָנגעלענטער אויף דער וואַנט מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ אויף דער זייט ווי אַ ליידיקע, אָפּגענוצטע זאַך, וואָס איז מער נישט נוציק. ווען ער איז צו זיך געקומען האָט ער זיך אויסגעגליכן און זיך אַרומגעקוקט צי עס זעט אים ווער און גענומען גיין. ער האָט געשלעפּט די פיס ווי אַ זקן.

ווען ער האָט זיך דערשלעפּט צום „קנקן" איז אין קאָפּע שוין געווען פינצטער. נאָר איין לעמפּל האָט דאָרט געברענט. דער איין־אויגיקער בוזי איז געזעסן ביי אַ זאַק און געשיילט קאַרטאָפל. ווי נאָר ער האָט דערזען דורכן פענצטער אַז באַר קוקט אַרײַן איז ער אויפגעשטאַנען, אים געעפנט די זייטיקע טיר און אים צוגערוקט

אַ בענקל. באַר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי אַרויסגעפּאַלן אויפן בענקל. זיין אויבערשטער טייל קערפּער איז ליגן געבליבן אויפן טיש. זיינע הענט זענען אים אַראָפּגעהאַנגען. פון מויל האָט אים געטריפט אַ שוים. די גאַנצע צייט האָט ער איבערגעחזרט די צוויי ווערטער: — ממזרטע! זונה!

צומאָרגנס אין דער פרי האָט באַר אַנגעקלונגען ביי רחלען אין דער טיר. זי האָט געעפנט. ווען זי האָט אים דערזען האָבן אירע באַקן־מוסקולן אַ ציטער געטאָן, אָבער תיכף האָט זי זיך צעשמייכלט און געזאָגט:

— שלום, פראַנץ!

ווי עס זאָל גאָרנישט האָבן געשען צווישן זיי.

— שלום! — האָט ער איר געענטפערט מיט אַ טרויעריק קול און ער איז אַריין אין קיך. זי איז אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט געעפנט דעם קיל־שאַנק און אַריינגעלייגט אַ פּעקל.

— דו ביסט אַ יאָט — האָט זי אים געזאָגט און אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע.

זיינע רויטע, געשוואָלענע פון נישט שלאָפן אויגן, האָבן מוטלאָז זי אַנגעקוקט. אויך זי האָט אים אַנגעקוקט און אַ פּיר געטאָן איר האַנט איבער זיין גרויען, צעשויבערטן קאָפּ. ער איז געשטאַנען פאַר איר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אויסגעצויגענע הענט, ווי אַ פּאַראַליטיקער. זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן פון דער זייט און געזען זיין אויסגעבויגענע פּלייצע. ער האָט דערפילט אויף זיך איר בליק. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זי אַנגעקוקט און איר געזאָגט: — שלום! און אָן זיך אומצוקוקן איז ער שנעל אַרויס פון קיך. רחל האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען, נאָר ווען זי האָט דערהערט דעם קלאַפּ פון דער צוגעמאַכטער אַריינגאַנגס־טיר האָט זי זיך ווי איבערגעוועקט און אים נאָכגעלאָפן. זי האָט געעפנט די טיר און נאָר געהערט דעם אָפּהילך פון זיינע טריט אויף די אונטערשטע טרעפּ. זי איז געשטאַנען ביז דער מרחק האָט פאַרשלונגען דעם אָפּהילך. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי צוריק צוגעמאַכט די טיר.

נאָך דער געשעעניש האָט זי שוין נישט מורא געהאַט פאַר באַרן. איצט האָט זי געלעבט לויט אירע פאַרלאַנגען און ווילן. קיין מענטש האָט איר שוין נישט געקאָנט שטערן. איר איינציקער פּחד איז געווען — איר מוטער, די פּעדערן־פּליקערין. דער שאָטן פון דער הויכער, ביי‌ניקער פרוי אין איר אויסגעשמירטן מיט בלוט כאַלאַט, איז איר נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט, ווו זי איז געגאַנגען און וואָס זי האָט געטאָן. אָפט איז זי געלעגן אויפן געלעגער אַ וואָכע און געטראַכט און אין דער פינצטער געזען דער מוטערס אָרעמע דירה. כדי זיך צו דערמוטיקן האָט זי זיך מיט די געדאַנקען אומגעקערט צו איר איצטיקן שטאַנד. זי האָט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל סעגרעגירט יעדן באַקאַנטן און רעזומירט איר לעבן. אַ מאָל,

אַ מאָל, האָט זיך אין איר אויך דערוועקט אַ פאַרבאָרגענער געדאַנק און זי אַליין האָט זיך געפרעגט:

— ווי גליקלעך וואָלט געווען די מאַמע ווען זי זאָל זען מיין רייכטום!

אָבער זי האָט מורא געהאַט צו ריזיקירן. ווען זי האָט אָנגעקלאַפּט ביי דער מוטער אין טיר האָט די מוטער געפרעגט: ווער איז? און געעפנט די טיר. די מוטער איז שטענדיק געווען גרייט. לרוב איז זי געשלאָפן אין די בגדים. לויט די טעג האָט די מוטער געוווּסט מער וויי־ניקער ווען די טאָכטער וועט קומען און זי האָט געוואַרט. אין שטוב איז געווען כמעט פינצטער. דאָס נאַפט־לעמפּל איז געווען אַראָפּגעדרייט און געקאָפּטשעט.

דערזעענדיק רחלען האָט זי פאַרוואָרפן די הענט איבער דער טאָכטערס האַלדז און זי צוגעדריקט צו זיך. די מוטער האָט געשוויגן פון פרייד, נישט געהאַט קיין כוח צו רעדן.

— שלום מאַמע, וואָס מאַכסטו? — האָט רחל שטענדיק געפרעגט די ערשטע און בשעת מעשה זיך באַפרייט פון דער מוטערס אָרעמס. די מוטער איז שטיין געבליבן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און אויפגעריסענע אויגן, אַ גליקלעכע. אפילו ווען זי האָט געדרימלט האָט זי גוט אָנגעקוקט די טאָכטער. רחל האָט אָנגענומען דער מוטערס האַנט, ווי מען נעמט אַ האַנט פון אַ קינד און כאָטש עס איז געווען כמעט פינצטער, האָט איינע געזען די אַנדערע.

ביים לעצטן באַזוך, נאָך די ערשטע, גליקלעכע מינוטן פון צונויפטרעף, האָט די מוטער זי געפרעגט:

— ווילסט עסן?

— ניין!

— און טרינקען?

— אויך נישט!

— איז מיט וואָס זאָל איך דיך מכבד זיין? — האָט די מוטער זי געפרעגט אַ פאַרזאָרגטע.

— מיט גאָרנישט. רחל האָט אַ נעם געטאָן די מוטער אונטערן אָרעם, זי צוגע־פירט און אַוועקגעזעצט אויפן בעט, אָבער די מוטער האָט זיך צו איר צוגעטוליעט, געוואָלט זיך פעסטען, און זי פילן נעבן זיך און דערביי האָט זי געפרעגט:

— ווי גייט עס דיר טאָכטער?

— גוט, מאַמע — האָט זי איר געענטפערט און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט. כאָטש אין צימער איז געווען טונקל, האָט זי פאַר דער מוטער פאַרשטעלט איר בושה. זי האָט אין געדאַנק פאַרגליכן דער מוטערס אָרעמקייט צו דעם רייכטום אין איר דירה. זי האָט זיך באַהערשט און געזאָגט דער מוטער, געוואָלט זי זאָל האָבן נחת:

— איך וווין איצט אין צענטער שטאָט אין דיזענגאָף־סקווער.

אָבער דעם נומער פון הויז האָט זי נישט געזאָגט.

— איך האָב אַ דירה פון פיר צימערן, פאַרנירט מעבל באַצויגן מיט פּלוש און ווייכע דיוואַנען — האָט זי אַ ווײַלע שפּעטער צוגעגעבן.

דער מוטערס פּנים האָט זיך אויסגעצויגן פון איבערראַשונג. רחל האָט זיך אַוועקגערוקט פון דער מוטער. זי האָט דערפילט דעם ציבל־ריח פון דער מוטערס מויל.

— פון וואַנען? האָט די מוטער זי געפרעגט און אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן. אין איר פראַגע האָט זיך ווי געהערט אַ פּחד. רחל האָט נישט געענטפערט.

— זייער אַ שיינע דירה.

אַ ווײַלע האָבן דער מוטערס איבערראַשטע אויגן געקוקט אויף דער טאָכטער און זי האָט געזאָגט:

— שווער צו רוימען אַזוי פיל צימערן.

— איך האָב אַ הילף — האָט רחל שטיל געענטפערט.

די מוטער האָט צונויפגעקלאַפּט די הענט און געשוויגן. זי האָט נישט געגלויבט אירע אויערן, אַז דאָס אַלץ האָט זי געהערט פון דער טאָכטערס מויל. אָבער זי האָט איר צאַרט געזאָגט:

— אַ שאָד געלט, טאָכטער. איך קען קומען רוימען.

רחל איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אויפן אָרט. ס'איז איר ווידער באַפאַלן די שטענדיקע אימה. זי האָט איצט געזען פאַר זיך די הויכע, קנאָכיקע פרוי אין איר לאַנגן ביז די קנעכל קלייד — די מאַמע, ווי זי גייט אַרויף מיט אירע הויז־טרעפּ אין אירע שווערע שיך.

זי איז אויפגעשטאַנען און זיך אויסגעגליכן. אויך די מוטער האָט געוואָלט אויפשטיין. אָבער די טאָכטער האָט אַרויפגעלייגט אויף אירע אַקסלען אירע צוויי הענט, זי געצוווּנגען בלײַבן זיצן. אַ ווײַלע האָט זי באַטראַכט די מוטער און איר געזאָגט ווי זי זאָל זי וואַרענען:

דערציייל קיינעם גאָרנישט, שווייג!

זי האָט גענומען איר האַנט־בײַטל און אַרײַנגעשטופּט דער מוטער אין האַנט צען באַנקנאָטן צו פינף פונט, וואָס זי האָט געהאַט צוגעגרייט פריער. די מוטער האָט אָנגענומען דער טאָכטערס האַנט און זי צוגעדריקט צום האַרץ.

— מאַמע, זײַ געזונט — האָט זי געזאָגט.

— גיי געזונט, טאָכטער — האָט די מוטער איר געענטפערט און אַרונטערגעשטופּט דאָס געלט אונטערן קישן.

רחל איז פּאַמעלעך אַוועק צו דער טיר.

— קום אָפטער באַזוכן די מאַמע — האָט די מוטער איר געזאָגט, ווי זי געבעטן און אַוועקגענומען די האַנט פון קישן.

ווען רחל איז שוין געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, האָט די מוטער צוגעגעבן: טאָכטערשי, זאָל דיך גאָט אויסהיטן פון אַן עין־הרע.

רחל איז דאָס מאָל געפאָרן מיטן אויטאָבוס און נישט מיט אַ טעקסי. זי האָט נישט געוואָלט אויף זיך ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די מענטשן אין דער שכונה.

אַ מילדער ווינט האָט זי באַגלייט. זי אַליין איז אין דער שטילקייט פון דער נאַכט געווען רויִק.

רחל האָט זיך איינגעגלידערט אין איר נייער סביבה. די מענטשן האָבן זי געדענקט. די שכנים אין הויז האָבן איר געזאָגט שלום. אַלע האָבן געקענט די יונגע, סימפּאַטישע, שטילע שכנה. זי האָט קיינעם נישט געשטערט. עטלעכע מאָל איז זי אפילו געקומען צו די פאַרזאַמלונגען פון די הויז־שכנים. זי האָט זיך שטיל צוגעהאָרכט און מסכים געווען צו אַלע באַשלוסן פון ועד. אויך די סוחרים אין דער סביבה האָבן זי געקענט און גערן זי באַדינט. זי איז געווען אַ גוטע קונה און נישט קיין איבערקלייבערין. זי האָט זיך אויך נישט געדונגען.

אירע ביוראָ־אונטערנעמונגען האָבן פּראָספּערירט. איר קליענטן־קרייז האָט כסדר זיך פאַרגרעסערט. איר אַרבעט האָט זיך פאַרצווייגט. זי האָט זיך איצט פאַרנומען נישט נאָר מיט אַנאָנסן אין די צייטונגען, נאָר אויך מיט רעקלאַמע אויף אַנדערע געביטן. די אַרבעט ביי איר האָט אויסגעפירט שנייד, אַ מיטל־יווקסיקער, ברייטביינ׳קער מאַן. זיינע שלייפן־ראַנדן האָבן נאָר וואָס אָנגעהויבן גרויען. זי האָט אים געקענט שוין אַ לענגערע צייט. ער איז אָפט געקומען אין „קנקן״. ער און זיין חבר גור. איצט פון זינט ער אַרבעט פאַר איר, טרעפן זיי זיך כסדר אין די קאַפעען און ביי איר אין שטוב, לויט עס פאָדערט די אַרבעט. זי האָט אים אויפגענומען האַרציק. איר איז געווען אָנגענעם מיט אים צו זיצן ביי אַ גלעזל ווייַן אָדער אַ שאָל קאַווע און הערן וואָס ער דערציילט. מיט „דעם יעקע״ — אַזוי האָט זי אים גערופן, איז געווען אינטערעסאַנט צו שמועסן. ער האָט איר דערציילט וועגן די שטעט אין אייראָפּע, זייער פאַרגאַנגענהייט און היסטאָריע. ער האָט דייטלעך געשילדערט די בנינים און אַנשטאַלטן אין די שטעט. בעיקר האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן וועגן די טעאַטערס און אָפּערעס. זי איז געזעסן און באַוואונדערט זיין וויסן און זיין אַרט דערציילן. איר האָט געצויבערט זיין טיפע באַס־שטימע, זיין געלאַסן רעדן, דאָס וואָס ער זיצט רויִק און וואַרפט נישט מיט די הענט. זי האָט באַוואונדערט ווי בנעימותדיק ער טרינקט און קוויקט זיך מיטן טעם פון ווייַן.

זי האָט ווייטער ווי פריִער פאַרבראַכט מיט באַרן און מיט אירע קליענטן אין די נאַכט־לאָקאַלן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָבער איר עפּנטלעכער אַדאָראַטאָר איז איצט געווען פוסמאַן, אַ נידעריקער, דיקער מיט אַ פּירקאַנטיקן ברוסטקאַסטן און קליינע, דיקע פיס, וועלכער האָט זיך ביים גיין געוויגט ווי אַ קאַטשקע. ער איז געווען שטאָלץ מיט איר פריינדשאַפט. ער האָט זיך באַמיט אַז מענטשן זאָלן זען, אַז ער זיצט מיט איר אין קאַפע. פון פאַך איז ער געווען אַ שוסטער און אַלע יאָרן געאַרבעט שטעק־שיך, אָבער פון זינט עס איז אַריין אין דער מאָדע, אַז פרויען גייען אויך אין גאַס אַריין אין שטעק־שיך, איז ער רייך געוואָרן. אַלע שיך־געשעפטן קויפן ביי אים. ער איז איצט אַן אייגנטימער פון אַ שיך־פאַבריק אונטערן נאָמען „שמעון״, וואָס איז אויך זיין פריוואַטער נאָמען.

ער איז שוין אַלט. זיין קאָפּ איז גלאַטיק. אַ פליך מיט עטלעכע דינע האָר ווי אַ קעמפּע אין מיטן טייך, האָבן נאָך געשטאַרט אויף זיין קאָפּ. ער איז געווען אַן אַלמן, געהאַט צוויי זין און אַן איידעם. אַלע דריי האָבן מיט אים געאַרבעט. זיינע זין האָבן שוין געהאַט קינדער חתונה צו מאַכן.

— מאַדאַם רחל? קומט שוין אין „פּיקאַדילי". איך וואַרט אויף אייך. אַ וויכטיקער ענין. דאָס איז געווען זיין שטענדיקער נוסח, ווען ער האָט צו איר געקלונגען.

— איך קום שוין! — האָט זי אים שטענדיק געענטפערט אָבער זי האָט זיך נישט געאיילט. זי איז שטענדיק געקומען אַ שעה שפּעטער, שטענדיק מיט דעם זעלבן אויסרייד: — נישט געקענט זיך אָפּרייסן, געווען קליענטן.

ער האָט זי באַגעגנט אַ צופרידענער.

— עס מאַכט נישט אויס, עס מאַכט נישט אויס — ער האָט באַטאַנט די עטלעכע ווערטער און איר צוגערוקט אַ בענקל.

ער איז שטיין געבליבן און זי געפרעגט:

— איך וויל וויסן צי מיין רעקלאַמע וועט פּרייטיק דערשיינען אין דער צייטונג.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און אים געהייסן באַשטעלן אַ קאַווע. זי האָט געקענט דעם אַלטנס משוגעתן. ער האָט אָבער גוט געצאָלט פאַר זיינע רעקלאַמעס. אָפט האָט זי זיך אפילו נישט אַוועקגעזעצט נאָר אים געזאָגט ווי אַ באַפעל:

— קומט, באַגלייט מיך, איך האָב נישט קיין צייט.

דעם גאַנצן וועג האָבן זיי געשוויגן. פאַקטיש האָבן זיי נישט געהאַט איבער וואָס צו רעדן. ער איז אָבער געווען צופרידן. זיין פּנים איז געווען רויט, אָנגעדראָלט פון סאַטיספאַקציע. ער איז געגאַנגען מיט רחלען און דעם גאַנצן וועג זיך אומגעקוקט, צי מענטשן זעען, אַז ער שפּאַצירט מיט איר. זי האָט אים צוגעפירט ביז איר הויז. ביי איר אַריינגאַנגס־טיר האָט זי אים דערלאַנגט די האַנט, אָבער מיט דער פלאַך אַרויף. זיין ברייטע, האַרטע האַנט האָט אָנגענומען איר אויסגעשטרעקטע האַנט פון אויבן, אַזוי ווי מען נעמט אַ זאַך אין האַנט. איר באַוועגונג איז געווען אַן אויסגערעכנטע. אַזוי אַרום האָט זי אים געגעבן די מעגלעכקייט איר צו ווייזן זיינע קורצע פינגער, וואָס זענען געווען באַצירט מיט עטלעכע גאָלדענע סיגנעטן. זיינע דיקע, פעטע ליפּן האָבן הילכיק אַ טשמאָקע געטאָן איר האַנט ווי ער זאָל אַ נוטש טאָן איר ווייכע האַנט. ער האָט זיך שאַרמאַנט פאַרנייגט פאַר איר און מיט אַן אויסגעשטופּטן בויך געגאַנגען צוריק.

באַר איז אויך איצט געקומען צו רחלען, אָבער ער האָט אפילו אויף אַ מינוט נישט פאַרגעסן די בזיונות, וואָס זי האָט אים פאַרשאַפט. ער האָט גוט געדענקט דעם אָוונט מיט טורקין אין „דעלטאַ". ער האָט נישט פאַרגעסן די נאַכט וואָס ער איז אַדורכגעשלאָפן אין „קנקן" ביים טיש אין דער אַנוועזנהייט פונעם קאַרטאָפל־שיילער. אויך איצט איז ער ביי איר געבליבן אָפט נעכטיקן. אָבער דאָס איז געווען דער „חסד" וואָס זי טוט אים. אָבער די דאָזיקע נעכט זענען שוין נישט געווען די

נעכט וואָס ביי אים אין שלאָף־צימער. ער געדענקט גוט איר צעגליטן קערפּער אין יענע נעכט, דאָס בלוט ברויזט אין אים נאָך ביז איצט.

אין גאַס גייט ער מיטן קאָפּ אַראָפּ, וויל נישט זען קיין מענטשן און דערקענט אויך נישט קיין מענטשן. ער זאָגט אפילו נישט קיין שלום צו די באַקאַנטע. ער ערגערט זיך און פּייניקט זיך. ער קען זיך נישט שענקען, וואָס ער האָט איר געגעבן געלט. ער איז איבערגעצייגט, אַז ווען נישט דאָס געלט, פּאַר וועלכן זי האָט געקויפט די דירה וואָלט זי אים געווען טריי ביז היינט. זיין פּנים איז אויס־געדאַרט, זיין בליק איז טעמפּ, ווי ביי אַ געפאַנגענע חיה.

רחל האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיינע ליידן. זי איז מיט אים געווען זיכער. זי האָט מיט אים נישט איבערגעריסן פון אויסרעכענונג, אַז אפשר וועט ער איר נאָך זיין נויטיק.

אַן אָפּטער איינגייער ביי רחלען איז איצט געווען גור. באַקענט זי מיט גורן האָט שנייד. גור האָט פון יינגלוויז אָן געשטרעבט צו זיין אַ מאָלער אָבער זיין פּאָטער, אַן אַדוואָקאַט, האָט נישט איינגעשטימט דערצו. ער האָט נישט געוואָלט אַז זיין איינציקער זון זאָל זיין אַ באַהעמע־מענטש. אָבער ווען ער האָט געענדיקט גימנאַזיע איז ער מיטן פּאָטערס הסכמה געפאָרן קיין ווין לערנען גראַפיק. זיין ציל אין לעבן איז אָבער ווי פריער געבליבן די מאָלעריי. זיינע בילדער זענען געווען באַאיינפלוסט פון זיין גראַפיק. זיי זענען געווען פּינקטלעך ווי פּאָטאָס. אפשר דערפאַר האָט ער נישט באַוויזן זיך מפרנס זיין און עסן דאַרף דאָך אַ מענטש, דעריבער האָט ער נישט אַדורכגעלאָזט קיין שום געלעגנהייט, ווען ער האָט געקענט זאַט ווערן. איין מאָל, ווען ער האָט געטראָפן רחלען האָט ער איר געזאָגט:

— אַ גרוס פון שניידן.

זי האָט זיך צעשמייכלט און ער האָט ממשיך געווען:

— איך אייל זיך אין „ספּלענדיד" אַריין. אַן אַמעריקאַנער וואַרט דאָרט אויף מיר. כ'האָב אים צוגעזאָגט צו פאַרקויפן מיינס אַ בילד — און ער האָט געמאַכט אַ טראַט ווי ער גייט שוין, אָבער ווייטער געשטאַנען און געזאָגט:

— איך וועל דיך באַזוכן אין אָוונט. איך ווייס ווו דו וווינסט.

זי האָט געוווּסט ווער ער איז אָבער זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שטאַרן בליק. ער האָט איר חבריש אַ קלאַפּ געטאָן אויפן אַקסל און געזאָגט:

— אָ־קעי.

— שלום, — האָט זי אים געענטפערט און אַ דיך, סאַרקאַסטיש שמייכעלע האָט לייכט אויסגעקרימט איר אויבערשטע ליפּ. גור האָט איר סאַלוטירט כאָטש ער איז געווען אין בלויזן קאָפּ און איז געגאַנגען ווייטער.

אין אָוונט האָט ער געקלונגען ביי איר אין טיר. זי האָט אים געעפנט, אים נייגעריק אָנגעקוקט און געשוויגן. זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט קומען, אָבער זיין דערשיינען האָט זי דאָך פאַרוווּנדערט.

— שלום — האָט ער געזאָגט. זיין קול איז געווען הייזעריק.

— שלום — האָט זי שטיל געענטפערט. גור האָט נישט געוואַרט זי זאָל אים

אַריינבעטן. ער האָט איבערגעשפּאַנט די שוועל און איז אַריין אין האָל. דאָ איז ער שטיין געבליבן און זיך אַרומגעקוקט.

— גיי ווייטער — האָט זי אים געזאָגט און מיט דער האַנט געוויזן דאָס צווייטע צימער. זי האָט שנעל אָנגעצונדן דאָס ליכט. גור איז אַריין אין עס־צימער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און איז שטיין געבליבן איר אַנטקעגן. אַ ווײַלע האָבן זיינע מידע, ווי פון חלשות אויגן, זי אָנגעקוקט אָבער ער האָט איר אַ ווינק געטאָן מיט אַן אויג און מיטן פינגער זיך אַ שנעל געטאָן אין האַלדז.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און איז אַוועק צום בופעט. ער האָט זיך אומגעקוקט, זיך געזוכט אַן אָרט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע ווי ער זאָל האָבן אַריינגעפאַלן אין דער געבעטער ווייכקייט. גור האָט אַ קוק געטאָן אויף רחלען. זעענדיק, אַז זי פּאָרעט זיך צווישן די פלאַשן, האָט ער איר געזאָגט:

— אויך צו פאַרבייסן...

ביז זי האָט צוגעגרייט דעם כיבוד איז ער געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער איז געווען מיד און געדרימלט.

— קום צום טיש.

גור האָט געעפנט די אויגן. ער איז אויפגעשטאַנען און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַן אָנגעהויבענע פלאַש קאָניאַק און אַ טעלער מיט סענדוויטשן: שטיקלעך ברויט איבערגעלייגט מיט וווּרשט און זויערע אוגער־קעס. ער האָט גענומען עסן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין ווינקל אויף דער סאָפע. זי איז געזעסן און געקוקט ווי זיינע קינבאַקן באַוועגן זיך שנעל.

ער האָט געגעסן און געטרונקען, געשלונגען שטיקער. ער איז געווען אויס־געהונגערט. זיין לאַנג, דאַר פּנים איז כסדר געוואָרן אַלץ רויטער פון אָנשטרענגונג. מיט אַמאָל האָט ער אָפּגעזיפצט און ער איז זיצן געבליבן אָן באַוועגונג. די זעט האָט אים פאַרמאַטערט. ער האָט מיט דער צונג זיך אָפּגעווישט די ליפּן. זיינע הענט האָבן אַ טאַפּ געטאָן זיינע אויבערשטע טאַשן. ער האָט געזוכט אַ סיגאַר און נישט געפונען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פול מיט געבעט. זי האָט פאַרשטאַנען זיין פאַרלאַנג אָבער צופעליק האָבן אויך איר אויסגעפעלט סיגאַרן. ער האָט אויסגעצויגן זיינע פיס אונטערן טיש. זיינע אויגן האָבן זיך איינגעקוקט אין דער לערער שוין פלאַש אויפן טיש און אין דעם כמעט ליידיקן טעלער מיט די סענד־וויטשן. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זי אָנגעקוקט. זי האָט געזען זיין ווי וואַנזיניקן בליק. אַן אימה איז איר באַפאַלן און זי האָט זיך נאָך טיפער אַריינגערוקט אינעם ווינקל פון דער סאָפע ביז זי האָט דערפילט הינטער דער פּלייצע דעם סאָפע־אָנלען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און וואַקלענדיק זיך, איז ער מיט שווערע טריט צוגעגאַנגען צו איר. זי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. ער האָט אויס־געשטרעקט די הענט צו איר. איר קערפּער האָט זיך איינגעקאָרטשעט. זיינע הענט האָבן אַ טרייסל געטאָן אירע אַקסלען. זי האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך, אָבער אָן כעס און אָן כוח. ער האָט זי אַ ציי געטאָן צו זיך, געוואָלט זי אויפשטעלן. זי האָט

זיך אַ טרייסל געטאָן און געפאַלן אויף הינטערוויילעכץ. ער האָט זיך אויף איר אַרויפגעלייגט. זי האָט נאָר באַוויזן קוים אַ קרעכץ טאָן.

גור האָט געוווינט אין אַן אַראַבישער כאַטע אויף דער צווייטער זייט ירקון. זיין פענצטער און זיין צימער איז געווען קליין און שמאָל. אפילו אין חודש תמוז איז ביי אים אין שטוב אין מיטן טאָג געווען גרוי און די לופט פייכט. דער ראָג פון זיין כאַטע האָט זיך געגרענעצט מיט אַ באַנאַנע־פּלאַנטאַציע. זיין קליין צימער איז געווען פאַרשטעלט מיט בילדער און לייוונטן. זיין פאַרקאָפּטשעטער פּרימוס און דער טשייניק, זענען שטענדיק געשטאַנען אויפן טיש. זיין בעט מיט דעם אָפּגענוצטן קאָץ און רויט נישט־באַצויגן קישן, איז קיין מאָל נישט געווען צוגעבעט.

רחל האָט אים גערן געהאַט. ער איז איר געווען צום האַרצן מער ווי אירע אַלע ביז־איצטיקע באַקאַנטע. זי האָט נישט איין מאָל אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, אָפּט אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער, צי ער גייט. זי האָט אַ סך מאָל אויף אים געוואַרט מיט דער קאַווע. ער איז געווען דאַר און לאַנג. טראָץ דעם, וואָס זי אַליין איז געווען אַ הויכע, האָט זי געמוזט צו אים אַרויפקוקן.

זי האָט גערן אַ פּיר געטאָן איר האַנט איבער זיינע גרויע און ווייכע האָר. זי איז געווען גליקלעך ווען זיינע מאַטע, פאַרלאָשענע און בלויע ווי שטאָל, אָבער דערביי גוטמוטיקע ווי ביי אַ קינד, אויגן, האָבן אויף איר געקוקט. איר האָט אויך אימפּאָנירט זיין אָפּגעלאָזנקייט. זיין העמד איז שטענדיק געווען צעכראַשטשעט. זיינע הויזן זענען שטענדיק פון אים ווי אַראָפּגעהאַנגען. חוץ אַלעם איז ער איר נויטיק געווען. זאָל באַר זען, אַז ביי איר אין שטוב דרייט זיך אַרום נאָך אַ מאַן. זי איז אויך געווען פאַראינטערעסירט, אַז שנייד זאָל וואָס עפּטער צו איר קומען און ביי איר טרעפן גורן וואָס איז ביי איר איצט אַ בן־בית. איר וווינונג האָט אים דערמאָנט די דירה פון זיינע עלטערן אין לאָדזש. גור האָט נישט נאָר פאַרברענגט ביי רחלען, ביי איר געגעסן און געשלאָפן, זי האָט אים אויך געגעבן געלט אויף לייוונט און פאַרב. ער האָט געמאָלן אָבער ווייניקער ווי פריער. עטלעכע זיינע בילדער זענען געהאַנגען ביי רחלען אין שטוב. דאָס זענען געווען לייוונטן מיט צעשמירטע אויף זיי פאַרבן־פלעקן, וואָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן. נאָר דער קאָלאָריט זייערער, איז געוון אַ לעבעדיקער.

רחל האָט געוווּסט, אַז זיינע בילדער פּאַסן נישט אין איר דירה, אָבער זי האָט נישט געוואַגט זיי אַראָפּנעמען פון די ווענט. באַלד פון אָנהייב ווען ער האָט געברענגט און אויפגעהאַנגען ביי איר זיין ערשט בילד האָט זי אים באַמערקט:

— דאָס בילד איז אין קאָנטראַסט צו די מעבל.

ער האָט זי אַראָגאַנט אָנגעקוקט און באַשלאָסן:

— וואָס פאַרשטייסטו?

בכלל האָט ער זיך צו איר באַצויגן מיט גרינגשעצונג, ווי זיין קומען צו איר

זאָל פאַר אים זיין אַן אָפּקומעניש. זי האָט זיך צו אים באַצויגן מיט כבוד. זי האָט אים קיין מאָל נישט געגעבן ס׳געלט אין האַנט אַריין נאָר עס פאַר אים אוועקגעלייגט אויפן טיש. ער האָט עס גענומען, ווען זי האָט נישט געזען און אַריינגעלייגט עס אין טאַש אַריין. ווען זי האָט אים פאַרבעטן צום עסן האָט זיין פּנים זיך געריינצלט ווי ער זאָל איר אָפּזאָגן. ער איז געגאַנגען צום טיש אָן חשק, ווי זי זאָל אים צווינגען דערצו. זי האָט אים אַלץ מוחל געווען, נישט איין מאָל אָבער האָט זיין באַציִונג צו איר זי פאַרנומען ביים האַרצן און פון וויטיק געוואָלט שרייען. גאַנץ אָפט ווען ער האָט פאַרריינצלט זיין פּנים האָט זי אים געפרעגט:

— דו טוסט מיר אַ טובה? — אָבער זי איז באַלד שטיל געבליבן און געקוקט אויף אים מיט פּחד און כבוד.

שנייד האָט געוווינט אויף דער עבודה־גאַס. דער אַריינגאַנג צו אים איז געווען דורך צווי טרעפּ פון דער גאַס. ער האָט געוווינט אין אַ גרויס צימער. אַ ברוינע פּאַרטיערע האָט פונאַנדערגעטיילט דאָס צימער אויף צוויי. די פאָדערשטע טייל צימער איז געווען זיין ווערקשטעל — דאָרט האָט ער געצייכנט. אין דער צווייטער, אין דער הינטערשטער טייל האָט ער געוווינט. דאָ איז געשטאַנען אַ העל געפאַרבט צוויי־טיריק שענקל, אַ סאָפע, וואָס איז ביינאַכט געווען אַ בעט און אַ קיילעכיק טישל מיט צוויי טאַבורעטן. אין ווינקל איז געווען אַ וואַסערקראַן און אַ וואַש־שיסל. דאָרט האָט ער אויך געהאַלטן זיין וואַשגעצייג. די ווענט פון צימער, ביידע טיילן, זענען געווען באַהאַנגען מיט בילדער, וואָס ער אַליין האָט געצייכנט — פּייזאַזשן פון פּראַג, זיין היימשטאָט: די בריק איבער דער וואָלטאַווע, די אַלטע שול, דאָס געמיינדע־הויז און פאַרשידענע ווינקלען אויפן אַלטן מאַרק. כמעט אַלע בילדער זענען געווען געצייכנט מיט אַ פעדער, אָדער מיט קויל. עטלעכע פון די בילדער זענען געווען אַקוואַרעלן.

ס׳צימער איז געווען ריין. רחל האָט גערן געהאַט די אָרעמקייט. דאָרט איז זי געווען אַן אַנדערע ווי ביי איר מוטער. ס׳רוב, ווען זי איז געקומען צו שניידן, זענען זיי געבליבן אין דער פאָדערשטער טייל צימער — אין ווערקשטעל. אָבער עטלעכע מאָל האָט ער זי אַריינגעפירט הינטער דער פאַרהאַנג אין זיין פּריוואַטן צימער.

ער האָט זיך צו איר באַצויגן קאָרעקט. ער האָט זי אויפגענומען ווי אַ גאַסט. זי האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס צו זיין אַרבעט און גערן געהאַט אים זען בשעת דער אַרבעט. ער האָט זי מכבד געווען מיט גוטע זאַכן. ער האָט איבערגעדעקט דעם טיש מיט אַ ווייסער סערוועטקע, אַוועקגעשטעלט אַ שיסל מיט ביסקוויטן אָדער וואַפלעס און איר צוגעטראָגן אַ שאָל קאַווע. אַלץ איז געווען פּשוט, נאָר די שיסל איז געווען פון בלויען, געבלומטן פאָרצעליי. זי האָט הנאה געהאַט פון דעם אַלעם. פון מאָל צו מאָל האָט זי אים איינגעלאַדן צו זיך. אויך זי האָט פאַר אים נישט צוגעגרייט קיין ספּעציעלע מאכלים, אָבער זי האָט אויפגעפּאַסט דער

טיש זאָל זיין פּינקטלעך געדעקט און דאָס טישטעך און די כלים זאָלן בלאַנקען. בעתן עסן איז זי געזעסן אים אַנטקעגן ער זאָל זי זען. זי איז געזעסן און געקוקט ווי פּאַמעלעך ער באַוועגט זיינע הענט. ער איז איר געווען פרעמד. צווישן אירע באַקאַנטע האָט זי נישט געהאַט אַזעלכע ווי ער. לויט איר באַגריף איז ער געווען גוטמוטיק און איר אימפּאָנירט מיט זיין האַלטונג. זי האָט זיך צו אים געוואָנדן נישט ווי צו אירע אַלע באַקאַנטע: — דו, הער! נאָר שטענדיק אים געזאָגט — הער שנייד. ער האָט אין איר געוועקט נייגער, אינטערעס און זי האָט זיך צוגעהערט צו אים.

ער איז מיט איר געגאַנגען אויף קאָנצערטן. זי האָט אָבער גאָרנישט פאַר־שטאַנען. בשעת ער איז געזעסן מיט דער פּאַרטיטורע אין האַנט און מיט אָנשטרענ־גונג זיך צוגעהערט צו דער מוזיקאַלישער יצירה, האָט ער געפּרוווט אויך זי באַטייליקן אין זיינע געפילן. אָבער אירע גרויסע אויגן האָבן דערשטוינט אויף אים געקוקט. זי איז אָבער געווען צופרידן, וואָס מענטשן זעען, אַז זי זיצט און הערט. זעלטענער איז ער געגאַנגען מיט איר אין טעאַטער ווו זי האָט זיך געפילט אַ סך פרייער. אויך דאָ האָט זי נישט שטענדיק פאַרשטאַנען די האַנדלונג אויף דער בינע. זי האָט נאָר געקוקט אויף די העלדן און ווי זיי רעאַגירן.

זיי זענען אויך געגאַנגען פאַרברענגען אין די קאַפעען, ס׳רוב שבת נאָך מיטאָג. ער איז מיט איר געגאַנגען אין די בכבודיקע קאַפעען, ווו די מענטשן זענען רויִק געזעסן איבער אַן אילוסטרירטע צייטשריפט און בנעימותדיק געטרונקען זייער קאַווע. ער איז שטענדיק געווען אָנגעטאָן ציכטיק און באַשיידן. דאָס אַלץ האָט זיי אָבער נישט דערפירט צו אינטימקייט. זייערע באַציִונגען זענען געווען ערנסטע און איבערגעלייגטע, נישט ווי מיט אירע רעשט באַקאַנטע: מיט באַרן, גורן און אירע פאַבריקאַנטן.

שנייד איז נישט געווען צופרידן פון אירע באַקאַנטע און דערפאַר נישט געווען אין כעס, וואָס זי פירט אים נישט אַריין אין איר געזעלשאַפט. אדרבה, ער איז געווען צופרידן. ער האָט זי שוין דערקענט, געוווסט איר באַציִונג צו אים. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז נישט זיכער מיט זיין פריינדשאַפט ווייל יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן האָט זי אים אַ דערשטוינטע באַגעגנט: — אַה, הער שנייד! ווי זי זאָל זיין איבערראַשט וואָס זיי האָבן זיך ווידער געטראָפן.

גור האָט געזען איר באַציִונג צו שניידן. אים האָט עס נישט געאַרט. ער איז אָבער געווען באַזאָרגט, אַז ער וועט נישט האָבן ווו אָפּצועסן און קענען קריגן געלט אויף פאַרבן. דערצו נאָך האָט ער זיך לעצטנס מיט שניידן נישט געטראָפן, נאָר זיך באַגריסט מיט אַ לייכטן קאָפּשאָקל. זיי האָבן זיך אויך געהיטן נישט צו טרעפן זיך צוזאַמען ביי רחלען.

די באַציִונגען צווישן גורן און שניידן האָבן זיך כסדר פאַרשאַרפט. באַר איז איינגעגאַנגען פון צער. זיינע דיקע ברעמען זענען גרוי געוואָרן, די אויגן זענען קלענער געוואָרן. זיין אונטערשטע ליפּ איז אים נאָך מער אַראָפּגעהאָנגען. ער

האָט געשוויגן. אפילו ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט רחלען האָט ער ווייניק גערעדט נאָר נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל זיין לאַנגן ציגאַר. זיינע פאַרגעלטע פון ניקאָטין ציין, האָבןליידנשאַפטלעך געביסן דעם ציגאַר, ווי ער זאָל אים קייען. ער איז געווען מיד און פאַרמאַטערט. ער איז געזעסן ביי רחלען מיט אויסגעצויגענע פאַר זיך פיס, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויף הינטן, מיט פאַרמאַכטע אויגן און געדרימלט. ער איז די נעכט נישט געשלאָפן. ער האָט געשיכורט.

איין אָוונט, רחל איז געלעגן אויף דער קאָזעטקע אין עסצימער און געלייענט דעם „עקספרעס״, האָט דער טירגלאָק געקלונגען צוויי מאָל. דאָס איז געווען דער סימן, אַז באַר איז געקומען. זי האָט אים געעפנט און מיט דער האַנט אים אַריינגעבעטן. ער האָט זי אָנגעקוקט. זי האָט נאָר געהאַט די זאָקן אויף די פיס, ווייסע, וואָלענע זאָקן און איז געווען אָנגעטאָן אין בלויע קאָרדעראָי־הויזן און אין אַ בלוי פלאַנעלן העמד. ער איז אַריין אין צימער און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע. זי איז שטיין געבליבן הינטער אים. ביידע האָבן געשוויגן און זיך באַטראַכט, ביז ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, ווי ער זאָל דרימלען. זי איז ווייטער געשטאַנען הינטער אים און אים באַטראַכט. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן און האַסטיק געעפנט די אויגן. זיין בליק איז געווען שטאַר און ווילד. פון שרעק האָט זי זיך צוריקגערוקט. באַר האָט געזען, אַז זי האָט פאַר אים מורא. ער האָט איבערגעבויגן פאָרויס זיין אויבערשטע טייל קערפער, איז אויפגעשפרונגען פון דער סאָפע און אַ געשריי געטאָן פון ווייטיק: — אַהה!

איר פּנים איז געווען אָנגעצויגן. זי האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן און פאַרביסן די ליפּן. אַ טיפער קנייטש האָט צעשניטן זיין שטערן. ער האָט אַ קריץ געטאָן די ציין, געשטעלט אַ טריט — זיך דערנענטערט צו איר. ער האָט פאַרביילט די פויסטן און אַ געשריי געטאָן: — זונה! ווי ער זאָל זיך האָבן אויפגעכאַפּט פון אַ שלעכטן חלום און זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. אַן אַנמעכטיקער האָט ער אַראָפּגעלאָזט די הענט און איז שטיין געבליבן אַן אומבאַהאָלפענער.

רחל איז געשטאַנען אים אַנטקעגן און געזען ווי זיין פּלייצע ווערט כסדר קיילעכיקער, זיין קאָפּ הענגט אַראָפּ און ער ווערט קלענער. זי האָט זיך באַהערשט, געזען זיין מעמד. זי האָט זיך אויף אים מרחם געווען. זי איז צו אים צוגעגאַנגען, אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל און אים אַ קוק געטאָן גלייך אין די אויגן. אָבער ער האָט זי אָפּגעשטופּט פון זיך, מיט אימפּעט צוגעלאָפן צו דער טיר און זי אויפגעפראַלט. זי איז געשטאַנען און געהערט ווי ער לויפט אַראָפּ פון די טרעפּ אויף דער גאַס אַרויס.

שוין עטלעכע טעג ווי רחל פּרוווט זיך פאַרבינדן טעלעפאָניש מיט באַרן, אָבער אָן דערפאָלג. ער איז נישטאָ אין שטוב. שוין צוויי וואָכן זענען פאַרביי פון זיין כעסיקן באַזוך און זיין אַוועקלויפן פון איר הויז. זי זוכט אים נישט, בענקט נישט נאָך אים, אָבער זי איז נייגעריק וויסן, וווּ ער געפינט זיך.

זיין טעלעפאָן ענטפערט נישט. זי האָט אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער. דער רעגן האָט אויפגעהערט, אָבער דער הימל איבערן ים איז געווען שוואַרץ, שווער, ווי אָנגעשוואָלן. דער אַספאַלט אין די גאַסן און די הייזער אָפּגעוואַשן. פון די הייזער־ווינקלען און די ביימער־צווייגן האָבן נאָך געקאַפּעט גרויסע אָבער איינצלנע טראָפּנס.

ביי רחלען אין דער דירה איז בכלל נישט קאַלט. דער גאַז־אויוון ברענט די גאַנצע צייט. זי איז אין משך פון די דריי רעגנטעג נישט אַרויס פון שטוב. אירע ענינים מיט די פאַבריקאַנטן און זשורנאַליסטן האָט זי דערליידיקט דורכן טעלעפאָן. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב אין אַ בלויען, פלאַנעלענעם טרענינג־קאָסטיום און אין רויטע טוכענע שטובשיך, אויסגעבעטע מיט פוטער. די עטלעכע טעג וואָס עס האָט גערעגנט האָט זי אפילו נישט געקאָכט. זי האָט זיך באַגנוגנט מיט סענד־וויטשן און נאַשעריי. זי האָט געלייענט און געהערט מוזיק. זי איז לאַנגע שעהן געלעגן אָן אויסגעצויגענע אויפן דיוואַן אָן צו טראַכטן, און זיך באַגינצט.

די גאַנצע צייט וואָס עס האָט גערעגנט איז קיינער צו איר נישט געקומען. זי האָט זיך פאַרבענקט נאָך מענטשן. זי איז נישט געוווינט געווען צו זיין אַליין. איצט ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט, האָט זי באַשלאָסן גיין אין קאַפּע.

דער לאַמפּנשיין אין „קנקן״, וואָס האָט באַלויכטן דעם אינערלעכן ווינטער־גרוי, האָט איר אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן. די נעץ וואָס איז געווען אַדורכ־גענומען מיט די מאכלים, האָט איר אַ האַק געטאָן אין דער נאָז. זי איז שטיין געבליבן און זיך אַרומגעקוקט. דאָס קאַפּע־הויז איז געווען כמעט ליידיק, נאָר איינצלנע מענטשן וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס מיט זיך צו טאָן אין אַזאַ פאַר־מיטאָג, זענען אַהער געקומען. אָבער אויך דאָ זענען זיי געזעסן ביי די טישלעך אָן אינטערעס, יעדער מיט זיך אַליין, ווער ביי אַ גלאָז טיי און ווער ביי אַ שאָל קאַווע. זיי זענען געזעסן און געשוויגן. אויך ווען רחל איז אַריין האָט קיינער פון זיי זיך נישט אומגעקוקט אויף איר.

אָבער פּלוצים האָט זי באַמערקט גורן. ער איז געזעסן אין ווינקל ביי אַ טישל מיט מימין, אַ קליין באַשעפעניש מיט לאַנגע פּיס. אין גאַנג האָט זי אויסגעזען ווי אַ קינד, וואָס רייט אויף אַ הויך פערד. רחל האָט שוין געוואָלט צו זיי צוגיין, זי האָט אָבער באַמערקט, ווי מימי מיט דער רויטער „פּאָני־גזשיווע״, האָט גורן אַ שטופּ געטאָן מיטן פוס און אויך געהערט ווי זי רוימט איין גורן אין אויער:

— זי איז דאָ!

גור האָט אַרויפגעלייגט זיינע עלנבויגנס אויפן טיש און אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף די הענט, ווי ער זאָל נישט וועלן זי זען. מימי האָט אויסגעשטרעקט אין דער הויך אירע אָרעמס און אויפן קול זיך צעגענעצט. רחלען איז געקומען ס׳בלוט אין קאָפּ אַריין. זי איז שנעל אַוועק צום קאַסע־טיש.

— אַ קאָניאַק! — האָט זי געזאָגט מיט אַ דיק קול, ווי זי זאָל זיין הייזעריק. יואל, דער באַרמאַן, האָט זי אָנגעקוקט פון דער זייט בשעת ער האָט איר

אַנגעגאָסן דאָס גלעזל. ער האָט געקענט זיינע קליענטן און זיי נאָכגעקוקט ווי זיי פירן זיך אויף. רחל האָט מיט איין שלונג אויסגעליידיקט דאָס גלעזל.

— פאַרשרייב! — האָט זי געזאָגט יואלן. ער האָט עס איר באַשטעטיקט מיט אַ קאָפּ־שאָקל. רחל האָט זיך אויסגעדרייט, געוואָלט זען גורס פּנים, אָבער ווי נאָר זי האָט אים דערזען, איז זי שנעל אַוועק צו דער טיר. אין אויגנבליק איז גור אויפגעשפּרונגען און איר נאָכגעלאָפן. ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג. זיין פּנים איז געווען טרויעריק און נישט ראַזירט. ער האָט געשוויגן און געקוקט אַנמעכטיק און דערשלאָגן, ווי ער זאָל בעטן רחמים. פּלוצים האָבן זיינע ליפּן אַ ציטער געטאָן און ער האָט אַ מורמל געטאָן:

— איך וויל מאָלן. גיב געלט צו קויפן פאַרבן.

רחל האָט אים אָנגעקוקט, געזען זיין נישטיקן מעמד. זי איז געווען צופרידן, וואָס אַזוי ענדיקט זיך זייער קאָנטשאַפט. איר פּנים איז געוואָרן מילד. זי האָט געעפנט אירע פאַרזשמורעטע אויגן און שפּאָטיש אַ שמייכל געטאָן. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און איז שנעל אַרויס אין גאַס.

רחל איז אַריין אין שטוב אַ צעיאָכמערטע. ערשט איצט, ווען זי האָט נאָך זיך צוגעמאַכט די טיר האָט זי אָפּגעאָטעמט. זי איז געווען נאָס פון שווייס. זי האָט געוואָלט אַ טראַכט טאָן וואָס איר איז געשען, אָבער נישט מסוגל געווען דערצו. פּאַמעלעך האָט זי זיך באַרויִקט. די טרוקענע וואַרעמקייט אין אירע חדרים האָט זי אַרומגענומען. די וויכקייט פון אירע דיוואַנען האָט געגלעט אירע טריט. זי האָט געמאַכט עטלעכע טריט און אַריין אין עסצימער. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. עס האָט זיך ביי איר גאָרנישט געענדערט אָבער דאָס צימער האָט איר איצט אויסגעזען טונקעלער. זי איז ווידער געוואָרן אין כּעס. אירע אויגן זענען געווען גרין פון צאָרן. פּלוצים האָבן אירע ליפּן אַ פּליסטער געטאָן:

— אַ נבלה!

מיט אַ מאָל האָט זי דערזען דעם בופעט. זי איז צוגעגאַנגען און געעפנט זיין טיר און אַרויסגענומען די ערשטע פלאַש וואָס איז איר געקומען אונטער דער האַנט. זי האָט זי געעפנט, אַ פאַרוואָרף געטאָן דעם קאָפּ אויף הינטן און געזויגן פון פלאַש ווי אַ קינד. דער קאָרעק איז איר אַרויסגעפאַלן פון האַנט. איצט האָט זי די פלאַש אַוועקגענומען פון מויל און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. זי האָט דערפילט איבל און אַ היץ האָט זי באַשיט. זי האָט זיך פונאַנדערגעקנעפּלט, אַראָפּגעצויגן פון זיך און אַוועקגעוואָרפן אויפן פּאָל דעם ווייס־שוואַרץ געקעסטלטן רעגנמאַנטל און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער סאָפע. דער אויסגעפּאַסטער אויף איר ראָק האָט זי געדריקט אין דער טאַליע. דער פאַרקנעפּלטער בלוזע־קאָלנער האָט זי ווי געשטיקט. די קרעפּזווילן פון אירע שיך האָבן באַשווערט אירע פיס, אָבער איר האָט געפעלט דאָס ביסל ענערגיע זיך מאַכן באַקוועם. ס׳האָט איר געררישט אין קאָפּ. זי האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער און נישט געקענט איינשלאָפן.

זי איז געלעגן אַ לענגערע צייט. מיט אַ מאָל האָט זי צונויפגענומען די כּוחות, זיך באַפרייט פון איר חלשות. זי האָט זיך אויפגעזעצט און איז זיצן געבליבן מיט

אַראָפּגעלאָזטע פּיס, צעשויבערטן קאָפּ און צעפּלאָמטע באַקן. זי איז געזעסן ווי פאַרגליווערט און געקוקט אויף איין פּונקט, אין דער איינגעוועבטער אין דיוואַן בלום. זי איז געזעסן אַ פאַרשוויגענע און פּלוצים זיך אַליין געפרעגט:

— ווו אַהין זענען זיי אַלע פאַרשוווּנדן?

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אין פענצטער. אין דרויסן האָט ווידער גערעגנט.

— באַהה! — האָט זי אַ זאָג געטאָן און זיך אָפּגעשווידערט ווי די נעץ פון דרויסן זאָל זי אַדורכנעמען. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער סאָפע און אַרייַנ־געלאָפן אין איר אַרבעטס־צימער. זי האָט גענומען אין האַנט דאָס טעלעפאָן־טרייבל און געדרייט דעם טעלעפאָן־ציפערבלאַט.

— באַר? — האָט זי געפרעגט און אירע אויגן האָבן געגלאַנצט פון פרייד, אָבער באַלד האָט זי געענדערט איר טאָן. — ווער? דזשאַק? איך וויל רעדן מיט באַרן — האָט זי געזאָגט מיט אומגעדולד און דאָס טעלעפאָן־טרייבל האָט געציטערט אין איר האַנט. זי האָט פאַרגלאָצט די אויגן און געבליבן מיט אַן אָפן מויל.

זי האָט אָפּגעזיפצט און אַ געשריי געטאָן היסטעריש:

— אין אויסלאַנד?! זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און געפרעגט: — ווען?

אַ דערציטערטע פון איבערראַשונג האָט זי פּאַמעלעך צוריק אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, ווי זי זאָל זיין קראַנק, אָן צו זאָגן דזשאַקן אַ וואָרט. זי איז געשטאַנען ווי געליימט, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און אויסגעגלאָצטע אויגן.

פּלוצים האָט זי זיך אָנגעהויבן טרייסלען, ווי אין אַ קאָנוווּלסיע און זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט. דאָס געלעכטער אירס איז געווען טרוקן און היסטעריש ווי זי זאָל אַריינלאַכן אין אַ ליידיקן פאַס. מיט אַ מאָל האָט דאָס געלעכטער זיך פאַרביטן אין אַ שלוקעכץ וואָס האָט געהילכט ווי אַ קריי פון אַ האָן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי ווידער געלאַכט, אָבער שטיל פון ווייטיק, ביז עס האָט איר פאַר־פעלט אָטעם.

— איך בין מיד. איך בין שוין אַלט דריי־און־צוואַנציק יאָר — האָבן אירע ליפּן געפּליסטערט, זי האָט זיך אַליין באַקלאָגט.

אָבער ווי זי זאָל וועלן פון זיך פאַרטרייבן די מחשבה האָט זי זיך אַראָפּגעוואָרפן און זיך געקאָלערט איבערן דיוואַן ביז זי האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח. אַ פאַרמאַטערטע איז זי ליגן געבליבן ווי אַן אָנגעלייגטע קופּע. אַ צייט לאַנג איז זי געלעגן אַזוי און זיך נישט אַ ריר געטאָן, גערוט. פּלוצים האָט דער טיר־גלאָק אַ קלונג געטאָן. אַן איבערראַשטע און אויסגעשראָקענע האָט זי זיך אַרומגעקוקט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגליכן אויף זיך די מלבושים און זיך צוגעגלעט די האָר. זי איז אַרויס אין פאָדערהויז און געעפנט די טיר. איר אַנטקעגן איז געשטאַנען שנייד. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. איר פּנים האָט נאָך געפלאַמט. איר אָטעם איז געווען קורץ. זי האָט נישט געוואָלט ער זאָל זי זען אין דעם מעמד. באַלד האָט זי זיך אָבער באַהערשט. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַריינגעקוקט

אים אין זיינע אויגן. זי האָט געוואָלט זען צי ער ווייסט וואָס עס האָט פּאַסירט. ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט און געשוויגן.

— וואָס שטייען מיר דאָ? ביטע, קומט ווייטער. איר קול איז געווען נערוועז, אָן קלאַנג.

שנייד האָט פריינדלעך איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — איר געדאַנקט. זי איז אַריין אין סאַלאָן און אַנגעצונדן דאָס ליכט. זי האָט נאָך אַ מאָל זיך צוגעגלעט די האָר און אָנגעצויגן די בלוזע אויף זיך. שנייד האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל אין פּאָדערהויז. זי האָט אויף אים געוואַרט ביי דער טיר פון סאַלאָן.

ווי נאָר שנייד איז אַריין אין סאַלאָן האָט זי מיטביידע הענט אַרומגענומען זיין האַלדז און הענגען געבליבן אויף אים. שנייד איז געבליבן איבערראַשט, אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע. ער האָט אַביסל זיך איינגעבויגן. זיין פּנים איז רויט געוואָרן פון אָנשטרענגונג. די משא פון איר קערפּער האָט אים אַראָפּגעצויגן, אָבער באַלד האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט. ער האָט זיך אויסגעגליכן און זי אַרומגענומען מיט כוח. זי האָט איינגעבויגן אירע קני. ער האָט דערפילט די עלאַסטישקייט פון אירע אברים.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און צוגעלייגט איר פּנים צו זיינע ליפּן. ער האָט מיט תאווה איינגעפּרעסט זיינע ליפּן אין אירע. זי האָט דערפילט זיינע ציין. איר האַרץ האָט געטיאַכקעט פּונקט אַזוי ווי דאַן בעת אפרים האָט זי דאָס ערשטע מאָל געקושט. דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט. זי האָט באַלד געעפנט די אויגן און אַוועקגענומען איר מויל פון זיינע ליפּן. פּאַמעלעך און געשיקט האָט זי זיך אַרויס־געגליטשט פון זיינע אָרעמס.

אויך ער האָט געעפנט די אויגן. זיי האָבן אים געבלענדט. עס האָט אים גערוישט אין קאָפּ. אים איז געווען טרוקן אין מויל און ס'האָט אים געקלונגען אין די אויערן. ער האָט שווער געאָטעמט אָבער פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט ער זיך באַרויִקט. ער האָט זי באַטראַכט פון דער זייט. זי איז געשטאַנען צוויי טריט ווייט פון אים. אירע אויגן האָבן געטרערט.

ער האָט אויפגעציטערט. ער האָט געמיינט, אַז זי איז אויף אים בייז. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, געוואָלט זי אַרומנעמען — זי איבערבעטן. זי האָט זיך ווי צוריקגערוקט און אים אָנגעקוקט מיט פּחד. אירע טרערן זענען נאָך גרעסער און שטאַרקער געוואָרן.

— דו וועסט גיין מיט מיר צו מיין מאַמען? — האָט זי אים געפרעגט, איר פראַגע איז געווען אַ געבעט.

זיינע אויגן זענען גרויס געוואָרן פון איבערראַשונג און פריידע. אַ דערשטוינטער האָט ער איר געזאָגט:

— גוט וואָס מיר וועלן האָבן אַ מאַמען.

ער האָט די ווערטער געזאָגט פּאַמעלעך. יעדעס וואָרט סילאַביזירט.

זי האָט זיך צעוויינט און זיך צו אים צוגעטוליעט. זי האָט אים געקושט און געהאַלדזט.

ער האָט זי האַרציק געדריקט צו זיך. זיין פּנים האָט געפּלאַמט. ער האָט געגליט פון באַגער. זי האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. זי איז געלעגן אין זיינע אָרעמס און שטיל און האַרציק געוויינט. ער האָט צאַרט געקושט אירע באַקן און שטערן. אויך זיינע אויגן זענען געווען פייכט, פאַרלאָפן.

אויפן ראַנד פון מדבר

ברויט

די רעגנס אין פֿאַרגאַנגענעם ווינטער זענען געווען קנאַפּע און האָבן נישט אָנגעזעטיקט די ערד. די שטאַרקע מזרח־זון, וואָס האָט געבאַקן דעם גאַנצן זומער, האָט וויניק תבואה איבערגעלאָזט אויף די פעלדער. אויך פון יוסיפס זאַמדיקער ערד, וועלכע ער האָט נישט טיף איבערגעאַקערט מיט זיין שוואַכער קו, נאָר זי בלויז אויפגעראַטשט, איז כמעט גאָרנישט געבליבן. דאָס שטרוי איז אים כמעט פאַרברענט געוואָרן פון דער זון, די וויניק קערנער האָבן זיך אים אויסגעשיט איבער דער ערד. יוסיף מיט דער גאַנצער משפחה האָט געמוזט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין צונויפקלויבן יעדעס קערנדל באַזונדער און דאָך קוים אָנגעקליבן נישט קיין גאַנצע צוויי זעק קערנער.

ווי יעדן טאָג פון נאָכן שניט, אַזוי אויך היינט זיצט יוסיף אויף דער צעפוילטער אויסגעשפּרייטער אויפן שטיין־פּאָל, ראָגאָזשע, אויף אונטערגעלייגטע אונטער זיך פיס. ער וויגט זיך ריטמיש ווי אַ זייגער־אומרו. דורך דעם קליינעם פענצטערל פאַלט אויף אים אַ שאָטנשיין פון דרויסן. ער זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן און פאַרקלעמטע ליפּן, אין וועלכע עס איז איינגעביסן זיין פאַרגעלטע וואָנסע און ער שעפּטשעט, בעט צו דעם אַלמעכטיקן גוטן „אַללאַ", נאָר יעדע ווילע עפנט ער די אויגן און קוקט מיט שרעק אין דער זייט צום קאַסטן, וווּ ער האַלט די קערנער. און כאָטש שוין וואָכן ווי יוסיף האָט פאַרקויפט די קו, מיט וועלכער ער האָט געאַרבעט, באַגראָבן די צוויי ציגן וואָס האָבן אים געגעבן מאָגערע מילך און ער גיט דער משפחה נישט מער ווי איין מאָל אין טאָג עסן, ווערט וואָס אַמאָל וויניקער קערנער אין קאַסטן און עס איז אין אים שוין מער נישטאָ ווי אַ קליין ביסל, וואָס דעקט קוים איבער דעם בוידעם.

זעינאָב, זיין ווייב, שלייכט זיך שוין איבער דער שטוב אין אַ צעלאָזטן, צעקנעפּלטן קיטל, פון וועלכן עס הענגען אַרויס אירע דאַרע, שיטערע ברוסטן, און פון שוואַכקייט האַלט זי זיך אָן אין די ווענט פון שטוב. זי באַנעצט זיך נאָר די ליפּן יעדעס מאָל מיט אַ זופּ וואַסער פון דער בלעך, וועלכע יוסיף האָט געבראַכט פון דער ווייט, פון עפּענדיס דזשאַרעס, נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק. די צוויי טעכטער זיצן אין ווינקל מיט פאַרשטאַרטע גלידער, נישט רירנדיק מיט קיין פוס און האַנט, מיט צעלאָזטע האָר און ווייַנען שטיל. זיי האָבן מורא פאַרן פאָטער. אויך אַלי, זיין אַכט־יעריקער זון קאָלערט זיך אויף דער ערד און האָט שוין נישט קיין כוח צו וויינען פון הונגער. ער סקאָמליעט ווי אַ קליין ניי־געבוירן הינטל.

יוסיף זיצט מוטלאָז. בלויז אין די קליינע, שמאָלע שפּאַרעס פון זיינע פאַר־זשמורעטע אויגן טליעט זיך אַ שוואַך, קוים דערזעבאַר פלעמל פון ווילן. יוסיף זעט פאַר זיך כסדר דעם עפּענדיס אויסגעפּולטע שפּייכלערס מיט דורע, ווייצן און גערשטן. דער קערנער־שימער, די זאַטקייט פון די שפּייכלערס, שטיקן אים אין גאָרגל. זיינע קינבאַקן זענען פאַרהאַקט און ער שליגגט די סלינע וואָס זאַמלט זיך אים אין מויל.

✶

יוסיף האָט זיך שטאַרקער אַ וויג געטאָן ווי געוויינלעך און ער איז זיצן געבליבן אַ ווילע איינגעהאָרכט. ער האָט זיך לאַנגזאַם, פויל אויפגעהויבן און זיך צוגעשלעפּט צום פענצטערל. איבער די בערג איז געווען אויסגעשפּרייט די נאַכט. די הימלען זענען געווען איבערגעצויגן מיט געדיכטע, שווערבלייענע וואָלקנס, פון וועלכע עס האָבן געכליופּעט מאָגערע טראָפּנס רעגן.

דורך יוסיפס מאַט און פאַרשטיינערט פּנים איז אַדורך אַ ציטער ווי אַ בליץ. זיינע אויגן האָבן מיט אַ מאָל אָנגעהויבן סודותדיק פלאַמען. ער האָט אויסגעגלייכט דעם רוקן און האַסטיק מיט דער האַנט אַ שטופּ געטאָן די פאַרשפּאַרטע טיר. ער איז אויפגעשטאַנען. דורך דער אויפגעפּראַלטער טיר האָט אַריינגעשטראָמט פרישע לופט, וועלכע האָט אים אויפגעפרישט. אַ ווילע איז ער געשטאַנען און געטראַכט — געקוקט אויף דער אויסגעלייגטער אַרום די וועגט שלאָפנדיקער משפחה. זייערע אויסגעבלייכטע פּנימער זענען געווען פאַרקרעמפּט פון הונגער. שנעל, מיט לייכטע קעצישע טריט, איז ער אַרויס פון שטוב, פאַרמאַכנדיק נאָך זיך שטיל די טיר.

✶

אויפן עפּענדיס פעלדער, צווישן די סטויגעס תבואה, וואָס האָבן געפירט צו די שפּייכלערס, האָט דער שומר, וועלכער איז געווען איינגעקוקט אין דער נאַכט־פינצטערקייט, געהיט. ער האָט דערהערט לייכטע, קוים הערבאַרע שאָרכן, ווי בלעטער אויף אַ בוים זאָלן זיך רירן. דער שומר האָט אָנגעשפּיצט זיין אויער, זיך איינגעהערט אין דער נאַכט־שטילקייט און געוואַרט. ער האָט צווישן די סטויגעס דערזען אַ שאָטנשיין, וואָס האָט זיך געשלייכט אין דער נאַכט־פינצטערניש. דער שומר האָט גרייט געמאַכט די ביקס און מיט אַ שטאַרקער שטימע, וואָס האָט דורכ־געריסן די געדיכטע, שטילע נאַכט־פינצטערקייט, האָט ער אויסגעשריגן: „וואָקעף!״ (שטיי), נאָר דער שאָטן האָט זיך ווייטער געשאַרט, נאָך שנעלער. דער שומר האָט אַ צי געטאָן ביים צינגל פון דער ביקס. איין שטאַרקער זעץ נאָכן אַנדערן, האָבן אויף אַ סעקונדע צעריסן און באַלויכטן די נאַכט־פינצטערקייט. דער ווידער־קול האָט אָנגעשלאָגן אין די דערבייִיקע בערג. די סביבה איז באַלד ווידער פאַרזונקען אין דער שטילער נאַכט־פינצטערניש, ווי ביז איצט.

ווען די אַרומיקע בערג־שפּיצן האָבן זיך אָנגעהויבן אָנטפּלעקן פון דער נאַכט־פייכקייט און פון מאָרגן־נעפּל, אָפּדעקנדיק די בערג־רוקנס אַנטקעגן די ערשטע, אַרויסגייענדיקע אַנעמישע ווינטערזון־שטראַלן, האָבן די צו דער אַרבעט געקומענע מענטשן געפונען ליגן צווישן סטויגעס אַ קערפּער, אָן אַ סימן פון לעבן. דער טויטער איז געווען אַדורכגענעצט און אָפּגעוואַשן פון די נאַכטרעגנס, נאָר אין דער זייט ביי דער שלייף, האָט זיך געשלענגלט אַ קליין, שמאָל שטענגעלע פאַרטריקנט בלוט. אַ סימן פון אַן איינגעביסענער שרענגע צייך פון אַ פאַרבייגעלאָפּענעם שאַקאַל האָט זיך געזען אונטערן טויטנס האַלדז.

צווישן די געקומענע צו דער אַרבעט איז געוואָרן אַ געפּילדער. אָבער יעדער פון די אַרבעטער, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דעם ליגנדיקן קערפּער, האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף אים, שנעל און שטיל געגאַנגען ווייטער צו זיין אַרבעט, ווי עס זאָל גאָרנישט האָבן געשען.

ערשט דער אָנגעקומענער מוכטאַר פון דאָרף, וועלכן מען האָט צוויסן געטאָן וועגן דעם פאַל, האָט אין פאַרשטאָרטן הרוג דערקענט יוסיפן. ער האָט דעם קערפּער געהייסן אויפלייגן אויף אַ פור און אים פירן צום בית הקברות. אַליין איז ער אַוועק צוויסן טאָן וועגן יוסיפס טויט דער פּאָליציי און דער משפּחה פון הרוג.

יוסיפס קליין „טיבן" הייזל איז געשטאַנען אַרומגעשיט מיט ערד, ווי עס זאָל זיין איינגעוואַקסן אין דער ערד און האָט געטריפט פון דער נעץ, וואָס האָט געקאַפּעט פון דאַך.

אין שטוב, אויף דעם שטיינערנעם פאָל, איז געלעגן זיין ווייב אַ פאַרחלשטע, שוין האַלב־טויטע, מיט אַן אויפגעשוואָלענעם בויך. די טעכטער מיטן זון זענען געזעסן אויף דער ערד פאַרווייַנטע, הונגעריקע. זיי האָבן אויסגעקוקט דעם פאָטער ער זאָל שוין קומען מיט די שליסלען פון קאַסטן, אין וועלכן עס איז נאָך געווען אַ ביסל געערשטן. נאָר דער פאָטער איז נישט געקומען. געקומען איז נאָר דער מוכטאַר, וועלכער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז דער פאָטער לעבט שוין נישט.

די קינדער, וועלכע האָבן שוין נישט געהאַט קיין כוח צום וויינען, האָבן שטיל אויסגעהערט דעם מוכטאַר און כמעט נישט באַגריפן וואָס ער זאָגט. זיי האָבן נאָר געקוקט אויף אים מיט אויפגעשטאַרטע פאַרגלייזטע אויגן, פון הונגער און שרעק.

דער מוכטאַר האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב. ער האָט אַ בליק געטאָן פון דער ווייטנס צו יוסיפס ווייב און שנעל באַפוילן די קינדער זיי זאָלן מיט אים מיטגיין. די דריי קינדער האָבן אים געהערט און שטיל, ווי זיי זאָלן מורא האָבן, אַז זיי וועלן איבערוועקן די מוטער, אים נאָכגעגאַנגען.

אויפן בית הקברות איז קיינער נישט געווען אַחוץ די קינדער, דער מוכטאַר און צוויי מענטשן וועלכע האָבן יוסיפן, וואָס איז איצט געווען איינגעפּאַקט אין ווייסן, ווי אַ פּעקל, אַריינגעלייגט אין אַן אויסגעגראָבענעם, פּירקאַנטיקן גרוב. אַליס שוועסטערס האָבן ווידער מיט די לעצטע כוחות געוויינט און זיך געריסן די פאַרקאָלטנטע האָר אויף די קעפּ. נאָר אַלי איז געשטאַנען און נישט געוויינט.

ער האָט נישט געוווּסט וואָס עס קומט דאָ פאָר. דער מוכטאַר האָט אים געהאַלטן ביי דער האַנט און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז זיין טאַטע, ווען „אַללאַ" האָט צוגענומען און עס וועט אים פון איצט אָן שוין זייער גוט זיין.

ווען מען האָט צוגעשיט דעם גרוב און ווען מען האָט אַריינגעלייגט יוסיפֿן, האָט אַלי נאָך געוואַרט אויפן פאָטער, ער זאָל אים זאָגן ווי גוט עס איז אים און געוואָלט ער זאָל אים אויך מיטנעמען אַהין. דער מוכטאַר האָט שנעל אַ טראַכט געטאָן, אַז מען דאַרף אין דאַרף מסדר זיין אַן „אַקל אל מרחום". אָבער ווייסנדיק, אַז דער עפענדי וועט עס אים נישט שענקען, האָט ער שנעל, ער זאָל האָבן יוצא געווען פאַר אַללאַן און פאַר זיך, אַ גיב געטאָן אַלין אין האַנט אַריין אַ „טאַריפע" און אים געהייסן גיין מיט די שוועסטערס אַהיים.

אַלי האָט זיך אַ שטיקל וועג פון בית הקברות געלאָזט פירן פון דער עלטערער שוועסטער ביי אַ האַנט. אין דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן פעסט פאַרקלעמט די „טאַריפע". גייענדיק האָט ער זיך אָבער צעוויינט. ער האָט זיך דערמאַנט אין דער שטוב, אין וועלכער עס ליגט די מוטער און אין פאָטער, אַז ער וועט צוריקקומען און וועט ביי אים אַוועקנעמען די טאַריפע. ער האָט מורא באַקומען. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער שוועסטערס האַנט אַרויס און זיך געלאָזט לויפן מיט אימפעט, וויפל ער האָט געקענט מיט זיינע יונגע כוחות. ער איז געלאָפן, ביז די שוועסטערס זענען אים פאַרשוווּנדן פון אויג און ער האָט זיי מער נישט געזען.

אַלי איז געגאַנגען מיטן אויסגעטרעטענעם וועג אין זאַמד. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט פון מורא. יעדע ווײַלע האָט ער זיך אומגעקוקט, צי עס גייט נישט ווער הינטער אים און צי דער פאָטער יאָגט אים נישט נאָך. ער האָט געהאַלטן פעסט פאַרקלעמט אין האַנט די „טאַריפע".

אַלי איז לאַנג, זייער לאַנג, געגאַנגען מיט זיינע באָרוועסע קליינע פיס איבערן זאַמד, ביז ער איז צוגעקומען צום שוואַרצן, געפלאַסטערטן וועג, וועלכער האָט געגלאַנצט ווי אַן אויסגעפּוצטער שוך פון אַ פּאָליסמאַן. אַלי האָט פון אָנפאַנג מורא געהאַט אַרויפצוגיין אויף דעם וועג. ער איז געשטאַנען און געטראַכט. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. נאָר מורא האָבנדיק מ׳זאָל אים נישט נאָכיאָגן, האָט ער זיך געלאָזט גיין מיטן געפלאַסטערטן וועג. דער וועג האָט אים דערפירט ביז שכם.

אַלי איז אין שטאָט אָנגעקומען אַן אויסגעמאַטערטער און הונגעריקער. אַ צעטומלטער און דערשראָקענער איז ער שטיין געבליבן אויף דער גאַס און נישט געוווּסט ווו איין און ווו אויס. אין די צוויי גרויסע, איבערגעפולטע מיט שרעק אויגן, האָבן זיך פאַרדרייט צוויי גרויסע טרערן. נאָר לאַנגזאַם האָט ער זיך אָנגעהויבן שאַרן איבער דער גאַס. ער האָט דאָס ערשטע מאָל פאַר זיך דערזען אַזוי פיל הייזער און מענטשן מיט אַזאַ גערודער און געפילדער. די איינצלנע אויטאָס, וואָס זענען פאַרביי די גאַסן, דער גרויסער זייגער אין אַ ראָג פון גאַס, דאָס אויסשרייען און אויסזינגען פון די פאַרקויפערס, די גוטסקייט פון זייערע

„טאַמאַרינדע״, „סוס״, און אַלערליי גרינסן, האָבן אים פאַרשפּילט און פאַרכאַפּט מיט פרייד. נאָר באַלד האָט ער ווידער דערפילט הונגער און מידקייט. כאָטש עס איז אים געווען אַ שאָד און ער האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף דער „מטבע״, האָט ער שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן און פאַר דער טאַריפע זיך געקויפט צוויי פּיתהס.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער גאַס אין אַ ווינקל, אין שאָטן פון אַ מויער, און געשלונגען שטיקער פון די פּיתהס, נישט באַווייזנדיק אפילו זיי צו צעקייען.

אַז ער האָט געענדיקט עסן, איז ער נאָך נישט זאַט געווען, עס איז אים אָבער געוואָרן אַביסל גרינגער. די בויכקרעמפּן האָבן אים אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך געלאָזט גיין איבער די גאַסן פון דער שטאָט און זיך אונטערגעברומט עפּעס אַ ניגון פון געוויין און בענקשאַפט. גייענדיק אַזוי האָט ער אינסטינקטיוו, ווי פון זיך אַליין, אויפגעהויבן פון דער ערד אַ ליידיק בלעכן פּושקעלע פון קאָנסערוון און אָנגעהויבן צונויפקלייבן די שטיקלעך אַוועקגעוואָרפענע, נישט דערררויכערטע ציגאַרעטן. דערנאָך האָט ער געגנישטערט אין אַלע אָנגעטראָפענע אויפן וועג בלעכן און קאַסטנס.

ווען איבער שכם האָט זיך אָנגעהויבן אויסשפּרייטן די נאַכט, האָט אַלי אַ מידער זיך דערשלעפּט אויף אַ ליידיקן, פאַרלאָזטן פּלאַץ אויף עפּעס אַ גאַס. אַז ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזען אַ פאַרשמאַדערטן קרעציקן הונט, וואָס האָט געהאַט אַ האַלב אויסגעקראַכענע פעל. אַלין האָבן די אויגן אָנגעהויבן פינקלען. ער האָט זיך דערפרייט מיטן הונט, נאָכן זיין אַ גאַנצן טאָג עלנט. דער הונט האָט פון אָנהויב אויסגעשטשערעט אויף אַלין די ציין און זיך צעבילט. ער איז געווען גרייט זיך אויף אים צו וואַרפן, נאָר אַז אַלי האָט אים צוגעוואָרפן אַ שטיקל אויסגעדאַרט פּיתה־רינדל, וואָס ער האָט געפונען אין די מיסטן, האָט דער הונט עס גיך איינגעשלונגען און איז צוגעלאָפן צו אַלין. דער הונט האָט זיך פאַר אַלין געטשאָרעט אין דער ערד, ער איז געקראָכן פאַר אים אויף אַלע פיר מיט אַ פאַרבויגענעם עק צווישן די פיס.

דער הונט האָט געסקאַמליעט, געריסן מיט די נעגל די ערד און אַלין לייכט געביסן, אים געשלעפּט ביי דער פּאָלע פון זיין כאַלאַט. ער האָט אַלין צוגעשלעפּט צו אַן אויסגעהוילטער אין דער ערד געגנוג גרויסער נאָרע. ביידע, אַלי און דער הונט, זענען אַריין אין איר. אַלי האָט אָפּירגעשלעפּט פון אונטערן כאַלאַט די צונויפגעקליבענע פון די מיסטן רעשטלעך עסן און צוזאַמען מיטן הונט זיך געזעצט עסן. ביידע האָבן געשמאַק פאַרדייעט.

ווען איבער שכם איז אַרויס די פולע לבנה, וואָס האָט באַשיינט די האַלבע מעטאַלענע לבנה אויפן שטאָט־מעטשעט, איז אַלי מיטן הונט געלעגן צוזאַמענ־געקנוילט און געשלאָפן, איינער האָט געוואַרעמט דעם אַנדערן.

בוגרת

דער הימל איבערן מושב איז לויטער, אָן אַ פּגם, ווי אַ תכלת־געוואַנט, אויסגעשפּרייט איבער דער סביבה ווי ווייט ס'אויג דערגרייכט. די זון איז געווען איינגעוועבט אין מיטן פון הימל און האָט אַראָפּגעשיקט אירע הייסע שטראַלן אויף דער ערד. די העל־זוניקע דורכזיכטיקייט האָט שוין אָפּגעדעקט די בערג־מויער אַרום דעם דאָרף פונעם גרינעם נעפּל־שלייער. די בערג מיט זייערע פעלדזן־בייכער זענען געשטאַנען נאַקעטע, דער הייסער זון אַנטקעגן. זי האָט מיט אירע שטראַלן געשפּיזט זייערע רוקנס, וואָס האָבן געשטאַרט אין דער הויך, געלאָזט גלעטן, וואַרעמען זייערע לאַנג־דורותדיקע פאַלדן און נאָר אָפּגעשטויסן די שטראַלן מיט זייער האַרטקייט, זיי צעשפּרייט איבער דער ערד, זי איבערגעצויגן מיט אַ בלענדנדיקער ליכטקייט.

דער עמק, די ברוינע זאַמד־ערד האָט געגליט, זיך געבאַקן, געווען איינגעהילט אין אַ העל־גרויען, כמעט ווייסן דינעם שטויב־נעפּל ווי אַ דורכזיכטיקער טיול־שלייער. די צעוואַרעמטע פּרדסים, די אָנגעזעטיקטע ביימער, וואָס האָבן אָנגעזויגן די פּרוכט אויף די צווייגן, די מאַראַנצן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן די בלעטער, האָבן זיך געררויטלט, געררייפט אין דער היץ.

אויך דער ווירטשאַפט־הויף, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט, אָפּגערוקט פונעם וועג, איז געווען פול מיט העלן שימער. די זונשטראַלן האָבן אויך אַרי־בערגעשיינט איבער דעם אַרומגעצוימטן מיט צעדער־ביימער פּלויט און געשפּיזט, געגליט דעם טיפן רויטן קאַראַמיט־דאַך אויפן ווייס־געקאַלכטן פּאַרטער־הויז, וואָס איז געווען אַרומגעוואַקסן מיט גרינס און בלומען און זיי האָבן אַריינגעדופט זייערע ריחות אין די אויפגעפּראַלטע פענצטער. איבערן הויף איז געווען אויסגעשפּרייט די שטילקייט, נאָר דער וואַסערקראַן האָט געקאַפּעט און די טראָפּנס זענען רעגלמעסיק געפאַלן, איינגעזאַפּט זיך אין דער ערד. די הינער זענען געזעסן אויסגעסדרט אויף די שטייג־טישן מיט פּאַרלייגטע פליגל, און מיט פאַרגלייזטע אויגן געקוקט אויף דער רעשט הינער, וועלכע זענען געשטאַנען אויף איין פוס מחוץ דער שטייג אין שאָטן פון אַ פייגנבוים, מיט איינגעצויגענע העלדזלעך. פון די פעדערן האָט מען נאָר אַרויסגעזען זייער קראַם. די הינער האָבן געוואַרט אויפן איי און פון אומגעדולד געקוואָקעט קאַ־קאַ־קאַ.

אַלפאַ איז געלעגן ביי דער שטייג געבונדן אויף אַ קייט, אויסגעצויגן אויף אַלע פיר, מיט אַן אַרויסגעהאַנגענער צונג, געפּרייכט שווער מיטן פעטן בויך. זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, נאָר פון מאָל צו מאָל אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, שנעל צוזאַמענגעקלאַפּט די ציין, געוואָלט כאַפּן די פליג, וואָס האָט איר געשטערט דרימלען.

די זאַטע קי האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף דער לופט אונטער די צוים־באַרירן מיט פעטע אַראָפּהענגענדיקע גוידערס און פולע אייטערס, געמעלה־גירהט און געקוקט תמימותדיק מיט זייערע אויסגעגלאָצטע אויגן.

רינה איז געלעגן אויף די געפּרעסטע פּעק שטרוי אונטער דעם אָפענעם שאָפּע־דאַך, באַקוועם צעלייגט אויף דער פּלייצע, פאַרלייגט איין קני אויף דער אַנדערער און געשפּילט אויף דער פּלייט. איר צעשויבערטער קאָפּ האָט געדרעמט איר לענגלעך נאָך קינדיש פּנים אין אַ געדיכטע שוואַרצע האָר־ראַם, פון וועלכער עס האָבן אַרויסגעקוקט אירע גרויסע, שוואַרצע ווי קויל אויגן, וואָס זענען געווען איינגעקוקט אין דער דאַכבעלקע פון אַנטקעגן.

אירע זאָרגלאָזע, פריילעכע טענער האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט ווייט ביז די בערג. מיט אַ מאָל האָט זי אויפגעהערט שפּילן. אַ ווילדער אָקסן־מרוטש האָט זי געמאַכט אויפציטערן. זי האָט זיך אויפגעזעצט און דערזען: שחורה, וואָס זי האָט אַליין געקאָרמעט מיט מילך פון שפּעל, ווען זי איז געווען אַ קליין קעלבל און כמעט צוזאַמען מיט איר אויסגעוואַקסן — דרייט זיך מיט אַן אויפגעהויבענעם ווידל, אָפּגעזונדערט פון דער סטאַדע פאַר דעם אָקס־פּאַרצוים. די נאָזלעכער פונם אָקס זענען געווען ברייטע און ער האָט שווער געסאָפּעט. ער האָט נאָך אַ מעכטיקן מרוטש געטאָן און אריבערגעשפּרונגען זיין צוים־באַריערע. אויך ער האָט אויפגעהויבן דעם ווידל, געקרייזט אַרום שחורהן מיט רויטע בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, געגלעט איר פעל מיט זיין ברייטער מאָרדע. שחורה איז געשטאַנען און געציטערט.

פלוצים האָט זיך דער אָקס אַ שטעל געטאָן אויף די הינטערשטע פיס און מיט די פאָדערשטע אַרויפגעשפּרונגען אויף שחורהן. רינה איז האַסטיק אַראָפּ־געשפּרונגען פונעם שטרוי. זי האָט געוואָלט שרייען און נישט געקאָנט. איר קול אין האַלדז איז איר אָפּגענומען געוואָרן. זי האָט געזען ווי שחורה שטייט רויִק מיט פאַרמאַכטע אויגן און פון איר מויל טריפט אַ געדיכטער גאַווער.

אויך זי, רינה, איז שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטע מיט אַן אָפן מויל. עס האָט איר פאַרפּעלט אָטעם. זי האָט דערפילט אַ שטאָך אונטערן האַרץ און פון ווייטיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. פלוצים האָט זי דערזען אירע שטייפע, אַרויס־שטאַרנדע ברוסטן און ס׳ערשטע מאָל דערפילט די שווערקייט פון איר קערפּער. עפּעס האָט איר אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן, דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט, פון שרעק האָט זי הויך אויפן קול זיך צעשריגן: מאַמע!...

סוריאַ

צווישן אַראַבישן דאָרף און די יידישע פעלדער, וואָס אַן עקאַליפּטוס־וועלדל האָט זיי אָפּגעטיילט, אויף אַ זאַמדיקן נישט־באַאַרבעטן פּאַס ערד אין דער זייט, האָט געוווינט אַבדאַללאַ מיט זיין משפּחה, אָפּגעזונדערט פון אַראַבער און יידן.

די קויקעס פון זיין דורכגעלעכערטן געצעלט, האָבן אַרויסגעשטאַרט ווי אָפּ־

געהאַקטע צווייגן. אין געצעלט האָט אַ גאַנצן טאָג געהערשט אַ נישט געשטערטע שטילקייט. זעלטן ווען עס האָט זיך ווער געוויזן דאָ. אַבדאַללאַ אַליין איז דעם גאַנצן טאָג געשלאָפן. אויך זיין קעמל איז געלעגן אין דער זייט אויף דער ערד מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז און צוגעמאַכטע אויגן, ווי זיי זאָלן אים האָבן אויסגערונען און די אונטערשטע ליפּ איז ביי אים פאַרשטאַרט אַראָפּגעהאַנגען ווי ביי אַ פּגר.

אַבדאַללאַס ווייב, אַ סך עלטער פון אים, האַלב־צעפוילט שוין פון דער איינגע־געסענער אין פלייש טראַכאָמע, איז אויך געלעגן, זיך נישט גערירט פון אָרט און געקרעכצט. נאָר סוריאַ, אין איר צעלאָזטן, איבערגעוואָרפענעם איבער די אַקסלען קיטל, דורך וועלכן מען האָט אַדורכגעזען איר קערפּער, איז געשפּרונגען איבער די פעלדער פריי, ווי אַלץ זאָל איר געהערן. נאָר אין די פאַרנאַכטן, ווען די זון איז אַוועק פון הימל און די לבנה האָט אָנגעהויבן אַרויסקומען אין דער באַגלייטונג פון די פינקלענדיקע שטערן און ביים געצעלט האָט געברענט אַ פייער, איז אַבדאַללאַ געזעסן נעבן איר מיט זיין אייביקער נאַרגילע. ער האָט געררויכערט און פון דער זייט באַטראַכט סוריאַן, אין דער מחשבה געציילט זיין פאַרמעגן, געבעטן ביי אַללאַ, ער זאָל זי פון אים פאַר דער צייט נישט צונעמען.

אויף די אַרומיקע פעלדער האָט מען געאַקערט און געזייט. אַבדאַללאַס שלייפן האָבן שוין געגרויט ווען סוריאַס ברוסטן האָבן אויפגעהערט וואַקסן. זי איז רייף געוואָרן, דרייצן יאָר אַלט געוואָרן. אין אירע פעד־שוואַרצע אויגן האָט געטליעט באַגער.

לאַנג, שוין אַ יאָר צייט איז אַלי כסדר געקומען פון זיין דאָרף פּאַשען דאָ זיינע קאָזעס. ער פלעגט זי אַזוי שטאַרק אַרומנעמען און אַזוי זיס געשפּילט אויף זיין פליט, אַז זי האָט פאַרגעסן אין אַלעם. ביז אַבדאַללאַ האָט זיך אַרומגעזען איז סוריאַ פאַרשוואונדן אויף שעהן פון געצעלט. ווען ער האָט זיך דערוווּסט ווו זי פאַרברענגט, האָבן זיינע אויגן געפלאַמט פון כעס און חרפּה. דעמאָלט האָט ער אַלין פאַרווערט קומען מיט זיין סטאַדע, נאָר אַזאַ אַבדאַללאַ האָט געזען, אַז זיין פאַרבאָט ווערט נישט אָפּגעהיטן און זיי טרעפן זיך אויף די פעלדער ווי פריער, האָט ער גערופן צו זיך אַלין אין געצעלט. ער האָט אים מכבד געווען מיט אַ שותפותער נאַרגילע און אים פאַרשטיין געגעבן, רויק, כמעט נישט גערירט מיט די ליפּן און קינבאַקן, נאָר געפליסטערט, געגעבן אַן עצה, ער זאָל גיין פאַרדינען און קענען קויפן סוריאַן.

אַלי האָט צוריקגעגעבן אין דאָרף די סטאַדע און איז אַוועק ווייט אין שטאָט אַריין פאַרדינען. סוריאַ איז דעמאָלט געשטאַנען און געזען ווי ער גייט אַוועק. זי האָט אים געוואָלט נאָכלויפן, וואַרפן זיך אים צו די פיס, ער זאָל זי מיטנעמען, נאָר אַבדאַללאַ האָט אויף איר געקוקט מיט זיין שאַרפן אַדורכנעמענדיקן בליק, וואָס האָט באַדייט טויט. שוין דריי זומערן ווי ער איז אַוועק, ווי פאַרפאַלן אין וואַסער, קיין סימן פון אים.

אין דער סביבה האָט מען זיך שנעל דערוווּסט, אַז אַבדאַללאַ האָט אַ שיינע

טאָכטער. טאַטעס און פעטערס זענען געקומען זי אָנקוקן און באַטראַכטן. אַלע האָבן גערעדט מיטן פֿאָטער, זיך מיט אים געדונגען, אָוועקגעפֿאָרן און ווידער געקומען, האָבן מיט אים געטרונקען שוואַרצע קאַווע פֿון פֿינדזשאַנעס און גע־רויכערט. אַבדאַללאַ האָט זיי מכבד געווען מיט פֿעט שעפּסנפֿלייש, וואָס ער אַליין האָט געבראָטן. פֿון אָנפֿאַנג האָט ער פֿאַרבערעגגט נעכט אין קאָפּ מיט די שכנים און פֿעטערס, ווו איינער האָט געוואָלט אָפּנאַרן דעם אַנדערן. דערנאָך איז אַבדאַללאַ געבליבן אין געצעלט, כמעט נישט פֿאַרלאָזט אים, געהיטן סוריאַן ווי אַן אויג אין קאָפּ, נישט געלאָזט זי אויף דער טאָגשיין.

אַבו כאַליל, וועלכער איז אין דער סביבה אויך באַקאַנט געווען אַלס אַבו סיטי, דער פֿאָטער פֿון זעקס זין, וואָס האָט שוין באַגראָבן דריי ווייבער און געהאַט אין שטוב נאָך צוויי; אַ זיבעציק־יאָריקער זקן, מיט רויטע, טריבע אויגן, בלאָ־קירטע, פֿון שנופּן טאַבאַק, גרויע וואָנסעס — האָט זי געקויפֿט. אַבו־כאַליל האָט אַבדאַללאַן אויך צוגעזאָגט קויפֿן סוריאַן נייע בגדים און צירונג, נאָר זי זאָל אים דערפֿרייען זיינע אַלטע יאָרן, וואָס אַללאַ שענקט אים.

דער פֿאָטער, באַלד ווי ער האָט זי פֿאַרקויפֿט, האָט איר אָנגעטאָן אַ נייעם, שוואַרצן קיטל, פֿאַרדעקט ס׳פּנים מיט אַ וואָאַלקע, אונטער וועלכער עס האָבן געשימערט אירע פּעך־שוואַרצע גליענדיקע אויגן. אין די קליידער האָט זי זיך געפֿילט ווי געפּענטעט. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אין געצעלט, ווי אַ געפֿאַנגענער פֿויגל אין אַ שטייג. זי האָט געהאָפֿט, אַז אין די געציילטע טעג ביז איר חתונה וועט אַלי זיך אומקערן.

נאָר איינצלנע טעג זענען איר געבליבן צו דער חתונה. די נעכט זענען געווען פֿינצטערע, סוף חודשדיקע, האָבן געוואָרפֿן אַן אומעט אויף אַלעם. אין איינער פֿון די נעכט איז אַבדאַללאַ אַוועק פֿון זיין געצעלט און גענומען מיט זיך די ביקס. זיין ווייב איז געלעגן האַלב טויט און געקרעכצט. סוריאַ איז געבליבן אַליין. די עלנט און נאַכט־פֿינצטערניש האָבן אויף איר אָנגעוואָרפֿן בענקשאַפֿט און תאווה. זי איז געלעגן אויף דער ערד ווי פֿאַרשטאַרט.

מיט אַ מאָל האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן ווי אַ שלאַנג און אויפֿגעשפּרונגען פֿון דער ערד. זי האָט איינגעשטאָכן אין דער נאַכט־פֿינצטערניש איר שאַרפֿן בליק ווי אַ טיגער, וואָס גרייט זיך צום שפּרונג. שטיל אויף די שפּיץ פֿינגער איז זי שנעל אַרויסגעלאָפֿן פֿון געצעלט. ס׳האַרץ האָט איר געקלאַפּט פֿון שרעק און מורא, נאָר זי איז געלאָפֿן פֿאַרויס אין דער ריכטונג פֿון וועלדל, נישט אומקוקנדיק זיך.

יצחק דער שומר, פֿאַר וועלכן אַלע אין דער סביבה האָבן געציטערט, איז געווען שטאַרק און פֿלינק. ער האָט געדרימלט אויף זיין פֿערד. פּלוצים האָט דאָס פֿערד אויפֿגעשפּיצט די אויערן און אַ הויב געטאָן דעם הינטערשטן רעכטן פֿוס. יצחק האָט אויפֿגעוואַכט. ער האָט זיך איינגעהערט און איינגעקוקט אין דער פֿינצ־טערניש. ער האָט דערזען צווישן די צווייגן אַ שאָטן. ער האָט פֿאַרוואָרפֿן די ביקס און זיך אַ לאָז געטאָן מיט גאַלאָפּ.

ווען ער איז צוגעריטן צום אָרט איז דאָס פֿערד שטיין געבליבן, זיך געדרייט

אויפן אָרט, נישט געוואָלט גיין ווייטער. יצחק האָט נאָך שאַרפער זיך איינגעקוקט אין דער נאַכט־פינצטערניש. ער איז געבליבן פאַרגאַפט. אים אַנטקעגן איז געשטאַנען סוריאַ אַ נאַקעטע, אים געדופן. ער איז אַראָפּ פון פערד, זי צאַרט ארומגענומען מיט זיינע שטאַרקע הענט און שטיל געפליסטערט: סוריאַ...

די נאַכט־פינצטערניש האָט ווייטער געפליסטערט. דאָס פערד מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז און צעשפּרייטע נאָזלעכער האָט געניוכעט דעם זויערן שוויס־ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער נאַכט־פרישקייט אינעם וועלדל.

אויפבּרויז

די ווילע פון דער פאַמיליע לייבאָוויטש צווישן די סימעטריש־אויסגעשטעלטע הייזער אויפן ראָטשילד־בולוואַר איז אַרומגענומען מיט אַ ברייטן גוט־געפּלעגטן גאָרטן, אַרומגעצוימט מיט אַ פּלויט פון געדיכטע גרינע קוסטעס. אין לייבאָוויטשעס פּריוואַטן קאַבינעט זענען די זשאַלוזיעס אַראָפּגעלאָזט. אין צימער הערשט אַ האַלב־טונקלקייט.

פּרוי לייבאָוויטש ליגט אויף דער קאָזעטקע אָנגעטאָן אין אַ יאַפּאַנישן שלאָפראָק, דורכן דורכן זיידענעם שפּיצן־העמד זעט זיך אַרויס איר ברייטער בוזעם. דאָס ווינטל פון עלעקטרישן ווענטילאַטאָר, וואָס שטייט אויפן טישל, איז אָנגעשטעלט אויף איר, קילט. אין דער זייט ביים שרייבטיש, זיצט הער לייבאָוויטש און קוקט דורך די פּרעסע. ער פאַרטרינקט דאָס נייעס מיט אַ טערקישער קאַווע. זיין קמץ־בערדל ציט זיך צונויף ביי יעדן שלוק. אַ מיד קול: — סעם? — האָט דורכגעריסן די שטילקייט. הער לייבאָוויטש האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן פון דער צייטונג, אין וועלכער ער האָט נאָכגעקוקט דעם לאָנדאָנער בערזע־קורס. ער האָט נאָר דורך זיינע פּליישיקע ליפּן אַדורכגעשפּאַרט אַן ענטפער: יעס. אין דער מינוט האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט. בענאַ מיט אַ צעבראַסטעטער ברוסט, אין קורצע הויזן, מיט פאַרשוויצטע צעשויבערטע האָר, וואָס האָבן זיך אים אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן, איז מיט אימפּעט אַריין אין שטוב. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און מיטן בליק אַרומגענומען אַלץ אין שטוב. נישט אויסרעדנדיק אַ וואָרט האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַרויס, צוקלאַפּנדיק נאָך זיך די טיר.

הער לייבאָוויטש, האָט אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן ס׳לייענען. נישט אַרויסלאָזנדיק פון האַנט די צייטונג האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ בליק דער פרוי. זי האָט זיך אונטערגעהויבן, אויפגעזעצט, זיך אָנגעשפּאַרט אויף די קישנס און איר שלאָפראָק האָט זיך נאָך ברייטער צעעפנט. איר רעכטער פוס האָט זיך אָפּגעדעקט ביז איבער דער קני, געוויזן איר פולן געפּלעגטן קערפּער וואָס איז געווען איבערגעצויגן מיט קליינע, בלויע אָדערלעך ווי אַ פיש־נעץ. זי האָט פאַרשטאַנען דעם

מאַנס קוק און געפּרוּווט פאַרטיידיקן דעם זון: פאַר די עקזאַמענס, אַרבעט שווער, איז אויפגערעגט, שרעקט זיך פאַר אַ דורכפאַל. אין דער הויכשול אין אויסלאַנד וועט ער זיך פאַסן און צוריק באַקומען די גוטע מידות.

הער לייבאָוויטש האָט מער נישט אויפגעהויבן די אויגן פון דער צייטונג. ער האָט געוווּסט, אַז עס איז אַ שאָד יעדעס וואָרט. די מוטער און דער זון זײַנען קעגן אים. די מוטער וויל איר זון געבן דעם דאָקטאָר־טיטל. ער דאַרף שלעפּן דעם עול פון די געשעפטן. מיט וועלכע ער קאָן זיך שוין נישט קיין עצה געבן. ער האָט שווער אָפּגעזיפצט, אײַנגעקוקט זיך אין דער ווײַט, געטראַכט וואָס עס וועט ווערן פון זײַן פאַרהאָרעוועט פאַרמעגן.

אין דרויסן איז בענאָ שטיין געבליבן אַ דערשלאָגענער. אפילו די מאַטורע־עקזאַמענס האָבן אים מער נישט געקענט באַפרידיקן, דערהאַלטן אויף דער שול־באַנק. ער האָט זיך געלאָזט גיין איבער די גאַסן. דער געפילדער אין דער שטאָט וואָס האָט זיך געבויט, אין וועלכן ער איז מיט אַ מאָל אַרײַנגעפאַלן פון דער אָוועקגעלאָפענער שטוב־שטילקייט, האָט נאָך מער געררייצט זײַן געוויסן. ער האָט געשפּרייזט מיט ברייטע טריט איבערן אַספאַלט און מיט אַ מאָל שטיין געבליבן. פון אַ מויער האָט גערופן אַ גרויסער, בלויער פּלאַקאַט מיט שרײַיקע אותיות: „דעראָבערט דעם ים”.

אין דער מינוט איז אין אים רײַף געוואָרן דער באַשלוס.

ער איז באַלד אַרײַן אין אַן אויטאָ, וואָס האָט געפירט אַ גרופּע פּאַסאַזשירן צום פּאָרט. עס האָט דאָרט גערוישט און געווימלט. די פאַראַנקערטע שיפן האָבן געפּיפן און אַרויסגעוואָרפן פון די קוימענס קנויל רויך. די אָנגעלאָדענע קראַנען האָבן געגרילצט און אָנגעפילט די שיפלעך, וואָס האָבן זיי אַרומגערינגלט, ווי בינען אַ צעבליטע פּרוכטצווייג. די שיפלעך האָבן געפירט די סחורה צו דער פּאָרט־בריק. דאָרט האָט מען זי איבערגעלאָדן אויף דער קליינבאַן וואָס האָט זי אָוועקגעפירט אויף דער יבשה. דאָרט ווידער האָט מען זי אויפגעלאָדן אויף אויטאָס, וואָס זײַנען שנעל געלאָפן אַהין און צוריק און פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון וועג.

אין דעם גערויש און געפילדער איז אויך בענאָ אַרײַנגעפאַלן אַ צעטומלטער. ער איז אַרײַן אין ביוראָ, אויף וועלכן עס איז געהאַנגען אַ שילד „דער ים־ברעג”. אַ הויכער, שלאַנקער באַאַמטער אין אַ ווייס היטל מיט אַ לאַקירטן דאַשיק, וואָס איז געזעסן אין דער זייט מיט אַ פּייקע אין מויל, האָט אים פאַרהאַלטן: „וואָס איז?”

בענאָ האָט זיך מיט זײַנע דיקע, אויסמוסקולירטע הענט אַריבערגעלייגט איבער זײַן טיש און אים אַ זאָג געטאָן:

— „איך וויל ווערן אַ שיף־אַרבעטער”.

דער באַאַמטער האָט אַ נאָג געטאָן די פּייקע און אַרויסגעלאָזט פון מויל אַ קנויל רויך. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף אים און אים אַ פרעג געטאָן: „קענסט די אַרבעט?”

נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט בענאַ געזאָגט:

„איך וויל אָנהייבן. ס׳ערשטע מאָל, איך קען שווימען און האָב געאַרבעט אין ים ביים אַרויסנעמען „זיוויזיוו״, — האָט ער שוין געזאָגט ליגן.

ער איז דעם באַאַמטן געפעלן. ער האָט אים פאַרשריבן און אים געזאָגט, אַז מאָרגן פינף אַ זייגער זאָל ער זיין ביים צווייטן אַריינגאַנג־טויער. דער באַאַמטער האָט פאַרקרימט ס׳פּנים. זיין פייקע האָט זיך אים אַ שאָקל געטאָן אין מויל און ער האָט ווידער אַרויסגעלאָזט אַ געדיכטן קנויל רויך.

בענאַ איז פון ביוראָ אַרויס אַ צעשטראַלטער. ער האָט געאָטעמט מיט דער פולער ברוסט די נאַסע ים־לופט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער אַנטקעגן. די ווייזערס האָבן געוויזן, אַז עס איז שוין פיר. ער האָט זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין צו פוס. ער איז געגאַנגען מיט די גאַסן, וווּ ער האָט געהאָפט טרעפן רחלען. ער האָט געפילט אַ נויטווענדיקייט זיך מיט איר דורכצושמועסן, איר דערציילן וועגן זיין באַשלוס, אַז ער רייסט איבער מיט דעם אַלעם ביז איצטיקן. די איינציקע וואָס וועט אים פאַרשטיין איז נאָר זי.

אויף דעם מכבי־ספּאָרט־פּלאַץ, האָט ער זי טאַקע באַגעגנט. זי האָט זיך אומגעקערט פון דעם נאָכמיטאָגדיקן טעניס־שפּיל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ שטראַלנדער פון גליק. זי האָט מיט אַ קאַלטן בליק אָפּגעמאָסטן זיין צעקנייפּלט העמד און צעכראַסטעטע האָר. ער האָט דאָס נישט באַמערקט. אין אים האָט געברויזט די לעבנספרייד. גיך, מיט איין אָטעם־צוג האָט ער איר דערציילט, אַז ער ווערט אַ ים־אַרבעטער און שוין מאָרגן הייבט ער אָן אַרבעטן. זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט. איר קול האָט זיך צעקלונגען איבער דער ברייטער גאַס. זי האָט אַ לייכטן גלעט געטאָן זיין צעשויבערטע טשופּרינע און אים איראָניש אַ פרעג געטאָן:

„אַ ים־אַרבעטער?״...

בענאַ האָט אויפגעציטערט און פאַרביסן די ליפּן צווישן די ציין. ס׳בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ און זיין פּנים איז רויט געוואָרן פון אָנשטרענגונג צו פאַרשווייגן איר איראָניע. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. פאַרן הויז האָט זי צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט און אָן צו זאָגן אַ וואָרט פאַרשווּנדן אין דעם איינגאַנג.

✶

שיפן זענען געקומען און אָפּגעשוווּמען. געברענגט און אָוועקגעפירט לאַדונג. בענאַ איז אין דער אַרבעט געוואָרן פלינק. יעדן שטריק וואָס ער האָט פאַרוואָרפן האָט ער שנעל און גענוי פאַרבונדן.

זיינע טריט זענען געוואָרן פעסטע און ער האָט זיך געהוידעט אין גיין לויטן טאַקט פון שיפלוויג אויפן וואַסער.

ביי דער פאַמיליע לייבאָוויטש אין הויז האָט ווייטער געהערשט די געמיטלעכע

רו. נאָר איבער די צימערן האָט זיך געשלייכט דער אומעט נאָך בענאַן. רחל האָט טעלעפאָנירט צו די עלטערן, געוואָלט הערן וועגן אים. נאָר די מוטער, וואָס האָט נישט געוווּסט וועגן עס רעדט, האָט כסדר געענטפערט, אַז בענאַ איז געפאָרן קיין אויסלאַנד.

דער טאָג איז געווען אַ העלער, אַ ליכטיקער. רחל, שפּאַצירנדיק אין גאַס, איז מיט אַ מאָל שטיין געבליבן ווי צוגעשמידט און נישט געקאָנט אויסרעדן קיין וואָרט. איר האַרץ האָט אַ טיאַכקע געטאָן. פון וווּיטנס איז געגאַנגען און זיך דער־נענטערט בענאַ מיט אַ חברה אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געוויגט אויף זייערע פיס מיט אַ קינדערשן טראָט. זי האָט געוואָלט צולויפן צו אים מיט אַ פריידיקן אויס־געשריי, נאָר האָט זיך אָפּגעהאַלטן. איר זענען נישט אָנגעשטאַנען די „סאַלאָניקער". זי איז שנעל אַריין אין אַ זייטיקער גאַס, אים אויסגעמיטן.

ווען די סירענע האָט זיך צעפּיפּן און די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן גיין אויף מיטאָג, האָט רחל שוין געוואַרט ביים פאָרט־טויער. ווידער האָט איר האַרץ אַ טיאַכקע געטאָן נאָך שטאַרקער ווי דעמאָלט, ווען זי האָט אים געטראָפן אויף דער גאַס. בענאַ האָט זי באַמערקט. ער איז אַרויס פון דער חברה, צו איר צוגעגאַנגען. זי האָט אין אַלעם פאַרגעסן און זיך מיט אים דערפרייט ווי אַמאָל. זי האָט געקוקט אין זיין אָפּגעברענטן בראָנדזן פּנים און אים פאַרשיט מיט פראַגן. בענאַ, אַ מידער פון דער אַרבעט, אַ הונגעריקער, האָט נישט געזען וואָס עס טוט זיך אין איר האַרצן. ער האָט זיך פאַר איר אַנטשולדיקט, אַז ער איז פאַרנומען, זיך מיט איר געזעגנט, צוגעזאָגט קומען צו איר אין אָוונט.

דעם גאַנצן נאָכמיטאָג איז זי געווען איבערגענומען און אים דערוואַרט. זי האָט דאָס צימער אויפגערוימט לויט זיין געשמאַק, ווי אַמאָל. זי האָט אָנגעטאָן אַ ניי אָוונט־קלייד און געשטאַנען ביים פענצטער, אים אויסגעקוקט. ווען ער איז געקומען זענעןביידע געזעסן און געשוויגן. זי האָט די ערשטע איבערגעריסן דאָס שווייגן. זי האָט איר שמאָלע, דינע, אויסגעפּלעגטע האַנט אַרויפגעלייגט אויף זיין ברייטן אַקסל און אים אַ פּליסטער געטאָן אין פּנים:

„אַזוי לאַנג זיך נישט געזען".

בענאַ האָט ווייטער געשוויגן. רחלען האָט די שטילקייט געשראָקן. זי האָט געבעטן, ער זאָל איר עפּעס דערציילן וועגן די ים־אַרבעטער. בענאַ האָט זי אָנגע־קוקט פאַרוווּנדערט און געפרעגט:

„וואָס דערציילן? נישטאָ וואָס."

זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן ווי אַ מייזל. אין אירע ליפּן־ווינקלען האָט זיך דערזען דער אָנגעזאַמלטער כעס און מיט אַ הייזעריקער שטימע האָט זי אַ זאָג געטאָן:

„דאָך האָסטו מיך אויסגעביטן אויף זיי".

איר ברוסט האָט געאָטעמט שווער פון אויפרעגונג.

בענאַ איז אויפגעשטאַנען, זיך געגרייט גיין. אַ דערציטערטע האָט זי מיט

גרויסער שרעק אין אירע אויגן געקוקט אויף אים און מיט אַ געבראָכענער שטימע זיך ביי אים געבעטן: „בענאַ"...

ווען ער איז אַרויס פון הויז, איז די נאַכט שוין געזעסן איבער דער שטאָט. די גאַסן־לאָמפּן האָבן באַלויכטן דעם אַספּאַלט. פון ברעג ים האָבן צו אים געווונקען די ליכטער פון די שיפן און שטערן, וועלכע האָבן אים באַגלייט צום פּאָרט אַ היים.

תכלית

דאָס פּעדערן־געשעפט אויף דער פרידריך־שטראַסע אין בערלין איז אַלעמען געווען באַקאַנט. די צעשיטע פּעדערן אין שוי־פענצטער זענען געפלויגן אַ גאַנצן מעת־לעת. קינדער האָבן, ביים אומקערן זיך פון דער שול, זיך אָפּגעשטעלט נעבן געשעפט, געקוקט ווי די פּעדערן פליען און אויפן קול געלייענט די בייכיקע בוכשטאַבן אויף דער גרויסער שילד: „מייער, פּעדערן־הורט־אימפּאָרט".

הער מייער וואָלט וויטער געווען געפירט זיין סטאַביליזירט לעבן, געצאָלט זיין יערלעכן קהלה־שטייער און יעדן יום־טוב געפאָרן מיט זיין אויטאָ צום טעמפּל. ער וואָלט אויך צו די קומענדיקע קהלה־וואַלן אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאַרשטייער פון די אָסט־יידן, אָבער דער נאַצי־איבערקער האָט צונישט געמאַכט זיין ביזאיצטיקן לעבנס־שטייגער. אויפן שוי־פענצטער, ווו די פּעדערן זענען געפלויגן, האָט מען אַרויפגעקלעפּט אַ גרויסע באַקאַנטמאַכונג מיט אַ געלן פלעק אין דער מיט, ס'זאָל זיך אַלעמען וואַרפן אין די אויגן. פאַר דעם געשעפט האָבן זיך באַוויזן נאַצי־פּיקעטן. הער מייער אַליין האָט מורא באַקומען זיך ווייזן אויף דער גאַס. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד.

די פאַמיליע מייער האָט אַ געוויסע צייט געוויילט אין פּוילן, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און מיט יאָרן צוריק אַלס דאָרפסגייער צונויפגעקויפט ביי די פּויערים דאָרט די פּעדערן. די סביבה איז איצט שוין אים געווען פרעמד. זיין טאַכטער האָט זיך שוין נישט געקאָנט צונויפלעבן מיט די זיטן פון די אָסט־יידן. אויך עקאָנאָמיש איז אים נישט געלונגען זיך איינצואָרדענען. במילא איז ער געוואָרן מיטגעשלעפּט מיט דעם אַלגעמיינעם עמיגראַציע־שטראָם קיין ארץ־ישראל.

הער מייער האָט זיך איינקוואַרטירט אין תל־אביב אין אַ פאַרנעמען פּענסיאָן אין דער נאָענט פון ים, כדי זיינע בני־בית זאָלן קאָנען יעדן טאָג באַזוכן די פּלאַזשע. ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן, געפאָרשט ביי וואָס ער קאָן זיך איינאָרדענען, געוואָלט וויסן דעם קויף־כוח פון זיינע שכנים, די יידן און די אַראַבער. ער האָט זיך געטראָפן מיט געשעפטס־מענטשן וואָס האָבן געלעבט מיט דעם לעבנספולס פון האַנדל.

אויף איינער פון די הויפּטגאַסן אין תל־אביב האָט ער געקויפט אַ שיין הויז,

וואָס האָט געדאַרפט טראָגן דעם געהעריקן פּראָצענט פון אינוועסטירטן קאַפּיטאַל. ביי דער אַריינגאַנג־טיר האָט ער אויפגעהאַנגען אַ מעשן גראַווירט שילדל, וואָס האָט רחבותדיק אַראָפּגעקוקט פון דער וואַנט: „הויז און נחלה פון..."

הער מייער האָט אָנגעהויבן פירן גרויסע, פאַרצווייגטע געשעפטן, זיך רעקלאַ־מירט אין די צייטונגען. ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן בנין הארץ און נאָכפּאָלגן די געשעענישן אין לאַנד. ער איז נישט געווען צופרידן מיט דער טאַקטיק פון די פירער. צוערשט האָט ער געמורמלט שטיל, דערנאָך עפנטלעך אויפן קול, אַז די אַרבעטער פאַרכאַפּן אַלע פּאָזיציעס און מישן זיך אין אַלעם. ער האָט זיך איינגע־בירגערט, געפירט אַ נאָרמאַל לעבן און געווען צופרידן פון נייעם פאָטערלאַנד.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ער האָט באַקומען אַ נאָמען אין שטאָט. ווי אַן אימפּרעזע, אַ געזעלשאַפטלעכע געשעעניש האָט מען אים געבעטן. די דער־האַלטענע איינלאַדונגען האָט ער געלייענט מיט הנאהדיקער גאווה, זיי באַטראַכט פון אַלע זייטן, געוואָלט פון זיי אַרויסלייענען, צי ער דאַרף גיין אַהין, צי דאָס וועט נישט זיין פאַר אים אונטער זיין כבוד.

פון איצט האָט הער מייער געהאַט פאַר זיך אַ ציל: אויפלעבן ס׳לאַנד. די זאָרג פאַרן פאָלק האָט אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט פאַרלייגט אַ באַנק, וואָס האָט געדאַרפט העלפן זיך איינאָרדענען די ניי־אָנגעקומענע עולים. ער האָט יעדן געבאָרגט געלט, יעדן איינעם, אָן אונטערשיד, ווער עס האָט נאָר געגעבן גוטע זשיראַנטן און פיר און צוואַנציק פּראָצענט אַ יאָר.

אין הער מייערס וווינונג איז אַ געמיטלעכע פאַרנאַכט־שטימונג, ווי יעדן טאָג נאָכן מיטאָג־שלאָף. ער אַליין איז געזעסן ביים טיש פאַרטיפט אין אַ יידישער צייטונג פון פוילן, געלייענט וועגן די יידן־פאַרפאָלגונגען און געזיפצט. פרוי מייער איז געלעגן אויף דער סאָפע און געבלעטערט די לעצטע מאָדע־זשורנאַלן. רותי האָט לייכט פון דער האַנט אויסגעשפּילט אויף דער פּיאַנע. אָט האָט דאָס שטובמיידל אַריינגעבראַכט אַ וויזיט־קאַרטע. הער מייער האָט אויפן קול געלייענט „קראַבעלסקי־אַגענטור". ער האָט אַ ווונק געטאָן דער פרוי, זי זאָל מיט דער טאָכטער אַרויס פון צימער און אַ פאַרכליניעטער אַ בורטשע געטאָן צום שטוב־מיידל: „לאָז אים אַריין". באַלד איז אין דער טיר שטיין געבליבן הער קראַבעלסקי, אַ נידעריק, דאַר יידל. נאָכן באַגריסן זיך קעגנזייטיק ווי אַלטע באַקאַנטע, האָט זיך קראַבעלסקי ברייט צעזעצט אויף דער שטול, נאָענט צו הער מייערן, געווישט זיך דעם שוויס פון שטערן, געקרעכצט: „הייס, הייס" — און געשוויגן, געוואַרט. הער מייער האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן און אים אַ פרעג געטאָן:

„ווי האַלט עס מיט ביזנעס"?

דער גאַסט האָט לייכט אָפּגעהוסט, זיך אַרומגעקוקט, צי עס איז ווער דאָ אין שטוב, זיך נאָך נענטער צוגערוקט צום הער מייער און מליאָסקענדיק שטיל מיט די ליפּן, ווי מייז זאָלן לויפן איבער דער שטוב, אים איינגערוימט:

„נישט וויט פון פּתח־תקוה, גאַנץ נאָענט צו די שטיין־האַקערייען, איז צו פאַרקויפן אַ שטח ערד... אַ קיבוץ אין דער נאָענט האַלט אים אין קויפן... ווען מען

זאָל אים אויספאַרצעלירן אויף פּלעצער — האָט קראַבעלסקי גענומען רעדן העכער, מיט אַ קוויטשיק קול און מיט אַ ניגון — קאָן מען גוט פאַרדינען".

ער איז אויף אַ ווײַלע געבליבן שטיל, געווישט זיך דעם שווייס איבערן פּנים. באַלד האָט ער צוגעגעבן מיט אַ ליבלעכן שמייכל:

„מענטשן זאָלן האָבן צוטרוי וואָלט די זאַך געגאַנגען דורך אייער באַנק... איר ווייסט דאָך, די נייע זענען נאָך גרינע.

הער מייער האָט פאַרלייגט איין פוס אויפן אַנדערן, זיך אָנגעלענט אין פאָטעל-אָנלען און ברייט צעשפּרייט זיין קליין מויל וואָס האָט אין זיין אויסגעפּאַשעטן פּנים אויסגעזען ווי אַ פיש-שנאָבל וואָס וויל כאַפּן לופט און אַ זאָג געטאָן:

„מאַכן אַ געשעפט — דאַרף מען פאַרדינען".

קראַבעלסקי, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אין מורא, אַז דאָס געשעפט וועט אים נישט איינגיין, האָט איצט אָפּגעאָטעמט אַ צופרידענער. שמייכלענדיק האָט ער געצויגן די ווערטער:

„מיר וועלן זיך פאַרשאַפן אַ נאָמען אין שטאָט, אויסלייזן אַ שטח באָדן... ס'איז פּראָספּעריטי... מען דאַרף פון יעדן שפּאַן אַרויסציען געלט".

*

דער טאָג איז אַ הייסער, אַ ליכטיקער. אויף די טעלעגראַף-דראָטן און דעכער האָבן די פייגל געזונגען, באַגלייט די אַרבעטערס פריילעכע שטימען אויף די רושטאָוואַניעס. די גאַס האָט געשפּרודלט מיט לעבן. נאָר ביי די מייערס אין שטוב האָט געהערשט אַ דערשלאָגענע שטימונג. די פענצטער-זשאַלוזיעס זענען געווען אַראָפּגעלאָזט. באַקאַנטע און אינטערעסאַנטן זענען אויפגענומען געוואָרן נאָר דורכן שטובמיידל. יעדער איינער האָט געהערט פון איר די זעלבע תשובה: „היינט קאָן מען נישט רעדן מיטן הער". טונקעלע שאָטנס זענען אַריינגעדרונגען אין דער וווינונג דורך די פאַרמאַכטע זשאַלוזיעס, האָבן באַגלייט יעדע באַוועגונג פון די שטוב-מענטשן ווי לויערנדיקע חיות.

הער מייער איז געלעגן אויף דער סאָפע מיט אַ וואַרעם-פלאַש אויף דער לעבער. ער האָט געקרעכצט און געגעגנעצט ווי ער זאָל וועלן איינשלינגען די גאַנצע וועלט. קעגנאיבער אים אויף אַ וויגשטול איז געלעגן פרוי מייער, געוויגט איר דיקייט און געבראָכן די פינגער פון די הענט. זיי און אויך דער גאַנצער הויף און די לופט דאָרט האָבן געאָטעמט דעם גרויסן פאַרלוסט פון דער נישט צושטאַנד-געקומענער טראַנזאַקציע.

אין דער וווינונג האָט געהערשט אַ שטימונג ווי נאָך אַ לוויה.

ניי־געבוירן

די וואַסערן האָבן געשטורעמט. ריזן וועלן האָבן זיך צונויפגעקלאַפּט, געשוימט, אונטערגעהויבן און געוואָרפן די שיף „מאַריעט־פּאַשאַ״, וואָס איז געשוווּמען געלאָדן מיט מענטשן קיין ארץ־ישראל. אויף דער דעק און אין די קאַבינעס זענען געלעגן, אָנמעכטיק פון דער ים־קרענק, קראַנקע פּאַסאַזשירן ווי געבונדענע פי.

נתנען האָט די ים־קראַנקייט אויסגעמיטן. ער האָט געשפּרייזט איבער דער דעק צווישן די מאַשינען, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט געוואַנטן. די וואַסער־צונגען האָבן געפּאַטשט, געביסן מיט זייער שוימיקער קראַפט די שיף, באַשפּריצט נתנען און איבערגעלאָזט אויף אים ווייסן זאַלץ. אָן אויפגערעגטער האָט ער געביסן דעם ציגאַר אין מויל און געקוקט אין דער ווייט, אין די ברויזנדע ים־וואַסערן, געוואָלט דורכקוקן די געדיכטע נאַכט־פינצטערניש.

אין זיין מוח האָט זיך אָפּגעוויקלט און איז פאַרביי דאָס שטעטעלע אין גאַליציע. זיין פאָטער מיט דער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד, ווייסע זאָקן און דרייצן־עקיקן שטריימל, גייט יעדן פרייטיק־צונאַכטס געמיטלעך אין בית־המדרש. נתן באַהאַלט זיך אויס, וויל זיך מיט אים נישט טרעפן, נישט אויסהערן די זיפצן פון אַ טאַטן וואָס ווייטיקט איבערן זונס אַראָפּגיין פון דרך הישר. ער זעט פאַר זיך די שבת־צונאַכטסן, ווען ער איז געשטאַנען הינטערן פענצטער, געוואָלט זען דעם פאָטער, אים הערן זינגען זמירות אָדער מאַכן הבדלה מיטן ניגון, אין וועלכן ער האָט געפילט דעם יאָמער־רוף צום זון און אין זיינע אויגן האָט זיך געדרייט אַ טרער, וועלכע ער האָט איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות... ווידער לעבט ער איבער די פּיין און נויט פון יענע טעג, ווען ער האָט געוואָלט ענדיקן אַלס עקסטערן, זיך אַרויסרייסן אין דער ברייטער וועלט אַריין.

מיט אַ מאָל האָבן זיך די וואַסערן אויפגעהויבן, צוזאַמענגעטראָפן אין דער הויך, זיך צונויפגעקלאַפּט מיט נאָך אַ שטאַרקערער קראַפט. פון ים האָט פּלוצים אַ יאָג געטאָן אַ צעלאָזענער ווינט, וואָס האָט פאַרשטיקט נתנס אָטעם. ער האָט דערפילט אַ קאַלטקייט אין האַרץ און אַ ליידיקייט אַרום. ער איז געווען אַליין, מיט דער מאַטורע אין טאַש. דאָס איז געווען זיין לעבנס־דערגרייכונג. איצט האָט ער געזען די לאַנגע געביידע פון לעמבערגער פּאָליטעכניקום, די סטודענטן וואָס האָבן געווימלט אַרום אים ווי מוראַשקעס און געזויגן פון אים וויסן. נאָר פאַר אים האָט מען פאַרמאַכט די טויערן אַלס ייד. ער האָט ווידער דערזען דעם פאָטערס שווערע ברעמען אַראָפּגעלאָזטע איבער די אויגן, אין וועלכע עס בלאַנקען טרערן, זיין צעקנעפּלטע קאַפּאָטע און ארבע־כנפות, ווי ער שטייט פאַרגליווערט אין זיין קרעמל וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט ריחות פון נאַפטאַלין און הערינג. ער קאָן נישט אויפהייבן זיין האַנט, דערלאַנגען זי דעם זון, וואָס איז געקומען זיך געזעגענען מיט אים פאַרן אָפּפאָר קיין בריסל.

פאַר די אויגן שטעלט זיך אים די געשטאַלט פון זיין מוטער, ווי זי שטייט

אין דער זייט ביים זאַק זאַלץ, ווישט די אויגן מיט דער שערץ. זי לויפט אים נאָך מיט אירע קליינע טריט און שטופּט אים אין זיין טאַש אירע לעצטע, אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס, אָן פאָטערס וויסן. זי בעט אים, ער זאָל געדענקען אין די אַלטע טאַטע־מאַמע און זיין אַ ייד.

ווי דורך אַ נעפּל קומט אויף פאַר אים בעלגיע, מיטן גאַנצן קאָלאָריט און מיט דער פיינטלעכקייט צו אים. דאָס דאַכשטיבל אויפן אַכטן שטאָק, די שמאָלע שטיגן ווו ער האָט זיך יעדן טאָג געטראָפן מיט אַזוי פיל פרעמדע מענטשן, וועלכע האָבן אים אפילו נישט באַמערקט. אָט זעט ער דאָס בעטל, אויף וועלכן ער האָט געטראַכט וועגן דער בלאָנדער מערי פון אוניווערסיטעט וואָס האָט זיך שטענדיק צו אים צוגעזעצט, געקוקט אויף אים מיט אירע בלויע אויגן. ער דערמאָנט זיך ווי ער איז געלאָפן אַהין און צוריק צו זיין שילער אויפן צווייטן שטאָק, די מעבלירטע צימערן מיט די פּראַטירטע פּאָלן, אויף וועלכע עס האָט זיך שטענדיק אויסגעגליטשט מיט זיינע גרויסע שיך. עס זענען געווען טעג, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה, איז געלאָפן איבער די הייף זוכן אַרבעט אַלס טרעגער. אַ קליינער פאַרשוין אין אַ ברוינעם אַנצוג כאַפּט אים, ווען ער שלעפּט די קאַסטנס און זידלט אים: „ביסט דאָך אַן אויסלענדער, האָסט נישט קיין רעכט אויף אַרבעט". אַ מידער איז ער געלאָפן פון איין ביוראָ אין דעם אַנדערן ביז ער האָט באַקומען דעם סערטיפיקאַט, געגרייט זיך אין וועג אַריין.

פּלוצים האָט זיך אים אַ מיש געטאָן אין קאָפּ. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און ווידער פאַר זיך דערזען דעם פאָטער. ער האָט זיך אין אים גוט איינגעקוקט, געוואָלט אים פרעגן, הערן זיין מיינונג וועגן זיין איצטיקער רייזע, נאָר זיין פאָטער איז פאַר אים געשטאַנען, ווי שטענדיק, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

די שיף האָט זיך אַ שטאַרקן וואַקל געטאָן. נתן האָט מיט אַ מאָל זיך אָפּגעריסן פון אָרט און שנעל אַראָפּגעלאָפן פון דעק. אין עס־זאַל איז געווען שטיל און וואַרעם. איינצלנע מענטשן האָבן געשפּילט קאָרטן. ער האָט זיך צו זיי צוגעזעצט מיט אַ געצוווּנגענער רויִקייט און זיך געגייט צו זיין פאַרטאָן, פאַראינטערעסירט אין קיבעצן ביים פּאָקער, געוואָלט זיך אָפּטרייסלען און אָפּווענדן זיינע געדאַנקען, וואָס האָבן אים די גאַנצע צייט געמאַטערט.

די שיף־סירענעס האָבן זיך צעשריגן. פון די קוימענס האָבן געשטראָמט די לעצטע קנוילן רויך. די שיף האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אַהין און צוריק און איז שטיין געבליבן אין מיטן ים פאַר אַ ריי קליינע פעלדזן. די האַלצערנע שיפלעך האָבן שנעל געשניטן די וואַסערן און געלאָזט נאָך זיך בערגלעך זודיקן שוים. זיי האָבן אַרומגערינגלט די שיף, געוואַרט ווי קינדער ביי אַ מאַמע אויף איר גוטס.

ווען מען האָט אַראָפּגעלאָזט די שיפס־טרעפּ, אָנגעהויבן אויסזעצן די פּאַ־סאַזשירן אין די שיפלעך, האָט זיך נתנען ווידער פאַרדרייט דער קאָפּ. ער האָט

ווידער נישט געזען וואָס עס טוט זיך אַרום אים. ער האָט געפילט, אַז ער באַוועגט זיך, מען טראָגט אים. אַ לאַנגהאָריקער, באַרוועסער אַראַבער אין אַ גראַנאַטענעם סוועטער האָט ס׳לעצטע מאָל אַ פיר געטאָן דעם רודער איבערן וואַסער און דאָס שיפל איז געבליבן שטיין פאַר די ברעגן פון יפו. די אָנגעלאָפענע אַראַבער האָבן מיט געוואַלד און טומל זיך אַ וואָרף געטאָן אויסלאָדענען די פאַרחלשטע פּאַסאַזשירן. אַ ייד מיט אַ קמץ־בערדל האָט צו אים גערעדט אַ שפּראַך, וואָס איז אים געווען באַקאַנט אין קלאַנג, נאָר נישט פאַרשטענדלעך, האָט אים אַריינגעזעצט אין אויטאָ. דער אויטאָ איז געפאָרן לאַנגזאַם, אים געפירט דורך לאַבירנטן פון שמאָלע, אויסגעקרומטע, טומלדיקע, עקזאָטישע יפוער גאַסן, קיין תל־אביב.

נתן האָט געשפּרייזט איבער די שטאָטישע גאַסן און זיך געפילט פרעמד. ער האָט זיך איינגעקוקט אין יעדן דורכגייער, געוואָלט דערקענען אַ באַקאַנטן. אַלע זענען אים געווען פרעמד. ער טראַכט וועגן תכלית, ראַנגלט זיך מיט דער דעה, צעגערט ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין דער מוטערס פאַרביטערטע בריוו וואָס ער האָט באַקומען זייענדיק נאָך אין ברוסל. אַנטקעגן האָט זיך געעפנט אַ קריסטלעך געשעפט וואָס נעמט צו זייער פּדיון און זיי זענען אָן פּרנסה. פון אים איז נישט אָפּגעטרעטן דעם פאָטערס געשטאַלט מיט זיין פּאַטריאַרכאַלישער באָרד און אַראָפּגעלאָזטע אויגן, באַדעקטע מיט שווערע ברעמען. ענדלעך האָט ער זיך דעצידירט.

היינט איז אַ הייסער זומערטאָג. דאָס גרינס וועלקט און ווערט באַדעקט מיט ווייסן מדבר־שטויב פון הייסן חמסין און לעכצט נאָך אַ ביסל טוי. אין דער סביבה אַרום הערשט אַ פיבערהאַפטע בוי־באַוועגונג. די גאַסן זענען פאַרוואָרפן מיט קופּעס זאַמד, ציגל און הויפנס ברעטער, הייזער פאַרשטעלט מיט רושטאָוואַניעס און עס טראָגט זיך אַ שוויס־געשטאַנק, צונויפגעמישט מיטן בענזין־ריח פון די בעטאָן־מאַשינען. עס ווערן געגאָסן נייע בעטאָן־דעכער, אונטער וועלכע די נייע עולים וועלן וווינען. נתן איז באַשעפטיקט ביים בויען, ביים אויסברייטערן די גאַסן לענגאויס דעם ירקון. זיינע לימודים פון אַמאָל האָבן אים אַרויסגעהאָלפן. ער איז געוואָרן אַ בוי־פאַכמאַן, אַן אייזנבייגער, פאַרדינט טאָפּלט ווי ער האָט פאַרדינט אַלס שוואַרצער אַרבעטער. ביסלעכווייז האָט ער זיך דערפילט פאַרוואָרצלט אין דער ערד, אויף וועלכער ער טרעט. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער שוואַרצער רות, וועלכע ער האָט באַקענט ביי דער אַרבעט. זי האָט געשלעפּט די טשוועקעס פון די צענומענע טאַבאַרעס.

★

די שווערע היצן האָבן שוין לאַנג אויסגעטריקנט די ערד. זי וואַרט איצט אויף די רעגנס. נתן איילט זיך נאָך דער אַרבעט צום אויטאָ וואָס גייט קיין עין־גנים, וווּ ער וווינט. ער וויל היינט נאָך באַוויזן צו באַדעקן זיין באַראַק מיט פּאַפּע, אַז דער ערשטער רעגן זאָל אים נישט דורכווייקן די ווענט.

אין עין־גנים בלאָזט אַ שטאַרקער ים־ווינט. דער הימל איז איבערגעצויגן מיט שוואַרצע וואָלקנס וואָס זאָגן אָן אין דער נאַכט אַ רעגן. די הינער אין הויף האָבן אים באַגעגנט מיט אַ פליגלפאָך און הילכיק קרייען. אָט איז אָנגעלאָפן אַ שכנה, אַ צעפלאָמטע פון דער אַרבעט. אירע נאַסע הענט זענען געווען איינגעוויקלט אין פאַרטעך. זי האָט אים געווונטשן „מזל־טוב״, אים אָנגעזאָגט, אַז פון שפּיטאָל האָט מען טעלעפאָנירט אין דער פאַרוואַלטונג: רות האָט געבוירן אַ זון.

נתנס פּנים האָט געשטראַלט פון גליק. ער איז געלאָפן צום אויטאָ, צוזאַמען מיטן ווינט — זען רותן און זיין ניי־געבוירענעם זון.

רויערד

די זון איז שוין לאַנג אַרויס איבער די בערג. אין דער קבוצה יעל איז געווען שטיל. אַלע זענען געווען ביי דער אַרבעט. נאָר בזק האָט זיך געדרייט איבערן הויף מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן ווידל און געבילט פון לאַנגווייליקייט.

אין דער קינדערהיים איז געווען רויִשיק. געווען קינדער וואָס זענען געלעגן אונטער די ביימער, געווען אַזעלכע וואָס זענען געלעגן אין די שפּיל־שטייגן, איבערגעדעקט מיט מאָסקיטאַרן זיך געשפּילט מיט די אייגענע פיסלעך, געוואָלט זיי אַריינבאַקומען אין מויל אַריין. זיי האָבן געברילט, זיך געקוויקט מיט דער זון, מיט ליכט און שאָטן, וואָס האָבן זיך אַדורכבאַקומען די צווייגן.

נפחי האָט פאַרלאָזט די קבוצה. מיטן רוקזאַק אויף דער פּלייצע און שטעקן־צווייג אין האַנט, איז ער געגאַנגען אין שטאָט אַריין, ווו ער איז שוין נישט געווען אַ יאָר צייט, פאַרברענגען זיין אורלויב. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם, יעדע ווילע זיך אומגעקוקט אויף די בערג, געוואָלט הערן ווי ס׳מעקען די שעפסן, וועלכע ער פאַשעט יעדן טאָג. היינט איז מיט זיי געבליבן מאיר. ער איז געגאַנגען פון די בערג אַראָפּ, געטראָטן אויף די שטיינער וואָס האָבן זיך אים געוואָלגערט אונטער די פיס און זיך אונטערגעברומט אַ ניגון. ער איז געגאַנגען מיט די שטעגן, אויסגעמיטן די פאַרבייגעגאַנגענע דערפער. ווען די זון איז אין איר טאָג־וואַנדער דערגאַנגען אין צענטער פון הימל און געפירט נאָך זיך שאָטנס איבער די בערג־שפּיצן, איז נפחי אָנגעקומען קיין עפולה. ער האָט דערפילט הונגער. אַ ווילע איז ער געשטאַנען, זיך אַרומגעקוקט איבער דער אויסגעוואַקסענער עמק־שטאָט, אין וועלכער עס האָט נאָך געהערשט די דאָרפישע רויִקייט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן און איז אַוועק צו דער אויטאָ־סטאַציע, ווו לויט זיין פאַרשטאַנד איז רויִשיק, מענטשן קומען און פאָרן. נאָענט פון דער אויטאָ־סטאַציע, אין שאָטן אונטער אַ וואַנט, האָט ער צעפּאַקט זיין רוקזאַק, זיך אַוועקגעזעצט עסן און רוען. ער האָט קוים באַוויזן אָפּעסן און דער שאָפער פון אויטאָ, וואָס האָט געדאַרפט פאָרן קיין

תל־אביב האָט זיך אָוועקגעזעצטביים רודער און מיטן אויטאָ־טרייבל סיגנאַליזירט, געררופן די פּאַסאַזשירן זיי זאָלן גרייטן זיך אין וועג אַריין. נפּחי האָט קוים צונויפ־געפּאַקט ס׳עסן, איז איינגעשטיגן און דער אויטאָ האָט גערירט.

דער אויטאָ איז געפאָרן איבער בערג, אַדורכגעשניטן די עמק־פעלדער אויפן וועג אין שטאָט אַריין. די פעלדער זענען שוין געווען איבערגעאַקערט. פון דער איבערגעדרייטער ערד, האָבן אַרויסגעשטאַרט שטיקער שטרוי פון דער נישט לאַנג אַראָפּגענומענער תבואה. די זון האָט איצט געברענט דעם עמק. פאַרנדיק איבער די פעלדער האָבן נפּחיס אויגן זיך איבערגעצויגן מיט אַ פייכטקייט פון בענק־שאַפט נאָך די פרייע, נאָך נישט אויפגעאַקערטע ערד־שטחים, וואָס ער האָט געזען און געדענקט צעשפּרייטע איבער דער ברייט פון לאַנד. נאָר ווען דער אויטאָ איז אַרויס פון דער ברייטער עמק־פלאַך און איז אַריינגעפאָרן אין דער מער בערגיקער געגנט וואָס איז געווען פאַרפלאַנצט מיט גערטנער און פּרדסים און זייערע ביימער האָבן שוין געגרינט פון ווייטנס, האָט ער אָפּגעאָטעמט.

ער איז דעם גאַנצן וועג געזעסן און באַטראַכט די לאַנדשאַפט, נישט דורכ־געלאָזט קיין גרעזל, קיין בוים. יעדעס הויז, יעדע שטאַל וואָס ער האָט דאָ געזען, האָט ער באַטראַכט, צי עס איז ענלעך אַזוי ווי ביי אים.

דער אויטאָ איז געבליבן שטיין. נפּחי האָט זיך אויסגעגלייכט די ביינער פון לאַנגן זיצן, ער איז אַרויס פון אויטאָ און זיך געלאָזט גיין מיט די הויפּט־גאַסן פון תל־אביב. ער האָט באַטראַכט די שטאָט, די הייזער און די אָנגעטראָפענע מענטשן, דעם רעש און דעם טומל. ער האָט זיך דערפילט פרעמד, געבענקט צו זיינע שעפּסן אין די בערג.

אַ ווײַלע איז ער שטיין געבליבן אויף דער גאַס, זיך איינגעקוקט אין גלאַנציקן אַספאַלט, איבער וועלכן עס זענען געלאָפן אַהין און צוריק אויטאָס, וועלכע ער האָט איצט נישט געזען נאָר געהערט זייער רויש און זיך געלאָזט גיין צום ים־ברעג. ווי נאָר ער האָט דערזען די גרוי־בלויע וואַסערפלאַך איבער וועלכע עס האָבן זיך געיאָגט די שוימיקע כוואַליעס, וואָס האָבן אָנגעקלאַפּט אין די ברעגן, זיי געשווענקט, האָט ער זיך שנעל אויסגעטאָן און אַריינגעשפרונגען אין וואַסער. ער האָט זיך טיף אונטערגעטונקען, געוואָלט פון זיך אָפּשווענקען די הייסקייט און שטיקעניש וואָס ער האָט איצט געשפּירט אַרום זיך. ווען ער איז מיד געוואָרן פון אַ סך שווימען, האָט ער זיך אומגעקוקט, זיך אָנגעטאָן און צוריק אַוועק אין שטאָט אַריין. ער האָט זיך געשלייכט איבער די גאַסן אָן אַ ציל. ער האָט באַשלאָסן גיין אין מוזיי אַריין, זען די בילדער־אויסשטעלונג, וואָס איז געווען אָנאָנסירט דורך אַ גרויסן פּלאַקאַט. ער איז געקומען און ווידער שטיין געבליבן אין פאַר־לעגנהייט. ער האָט באַטראַכט די בילדער, געקוקט און געזוכט. דער פאַרבן־קאָלאָריט איז אים געווען בלאַס אין פאַרגלייך מיט דער נאַטור־פּאַנאָראַמע. די מענטשן, וועלכע ער האָט געטראָפן, גייענדיק שטיל אויף די שפּיץ־פינגער, זענען פאַר אים געווען קינסטלעך, נישט נאַטורעל. ער האָט אין זיך געפילט די ריטמיש־פרייע בערג־שטילקייט.

ער איז צוריק אַרויס אין גאַס. ער האָט ווידער באַטראַכט די שוי־פֿענצטער, די מענטשן, זייערע מלבושים און לוקסוס. אַלץ איז אים געווען פֿרעמד. ווען ער האָט זיך פֿאַרבייגעשלייכט איבער די הויפּטגאַסן, האָט די נאַכט שוין אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין דער שטאָט. ער איז אַריין אין אַ קאַפֿע, וואָס איז געווען איבער־פֿולט מיט מענטשן און דער ראַדיאָ האָט געשפּילט, מיט קולי־קולות פֿאַרהילכט די גאַסן. ער האָט אין דער זייט ביי דער וואַנט אַוועקגעלייגט זיין רוקזאַק און שטעקן און זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש.

ער איז געזעסן און געקוקט, געוואָלט דערגיין וואָס עס איז די איילעניש פֿון די קעלנער, וועלכע לויפֿן מיט די טאַצן איבערן לאָקאַל, ווי מען זאָל זיי יאָגן. ער האָט אויך נישט באַמערקט, אַז אין דער זייט ביי אַ טיש זיצן צוויי בחורות און סודען זיך. זיין בראָנז־הויט, זיין געדיכטע, צעשויבערטע שוואַרצע טשופּרינע, וואָס האָט אַפּירגעהאַנגען פֿון אונטער זיין לייוונטענעם קאַפּעליוש, האָט זיי גע־רייצט. ער האָט געגעסן דעם באַשטעלטן אייזקרעם און נישט געפֿילט זיין טעם און קאַלטקייט. ער האָט שנעל באַצאָלט דעם קעלנער און איז אַרויס אויף דער גאַס.

ער איז געווען מיד, נישט געהאַט קיין באַקאַנטע אין שטאָט און נישט געוואָלט גיין זוכן איבער די האָטעלן, דערפֿאַר האָט ער אַרויפֿגעקלעטערט אויף אַ דאַך. ווען ער האָט איבער זיך דערזען דעם טונקעלן נאַכט־בלוי, דעם אויסגעצ־שטערנטן הימל, האָט ער אָפּגעאָטעמט און איז איינגעשלאָפֿן.

גאַנץ פֿרי, נאָך איידער די לבנה האָט פֿאַרלאָזט דעם הימל, האָט אַ מילד ווינטל אים אויפֿגעוועקט. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ פֿאַרשטאַרטער פֿון דער טוי־קעלט. ער האָט זיך אויסגערענקט די ביינער, געזוכט אַ וואַסערקראַן צום וואַשן און נישט געפֿונען. ער האָט איבערגעוואָרפֿן איבער זיך דעם רוקזאַק, גענומען דעם שטעקן אין האַנט און איז אַראָפּ פֿון דאַך און מיטן ערשטן אויטאָ אַוועקגעפֿאָרן. דעם גאַנצן וועג איז ער געזעסן פֿאַררוקט אין אַ ווינקל פֿון אויטאָ און געדרימלט. נאָר אַז דער אויטאָ האָט זיך שטאַרק אַ טרייסל געטאָן, איז ער געוואָרן וואַך. דער זאַטער, שטאַרקער בלעטער־ריח פֿון די פּרדסים און פֿעלדער האָט אים באַלד צוריק איינגעשלעפּערט.

דער אויטאָ איז אָנגעקומען קיין עפּולה. דער שאָפֿער האָט אָנגעדריקט די ברעמזן און אים פֿאַרהאַלטן. דער אויטאָ האָט נאָך געוואָלט לויפֿן פֿאָרויס און האָט אַ וואָרף געטאָן די פּאַסאַזשירן אויף היינטערווייליעכץ. נפתלי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. ער האָט זיך אַרומגעווישט דעם שליים פֿון די ליפּן און דערזעענדיק דורכן פֿענצטער ווו ער געפֿינט זיך, האָט ער אַ נעם געטאָן דעם רוקזאַק מיטן שטעקן און איז אַרויס פֿון אויטאָ.

ווען ער האָט דערפֿילט דעם ריח פֿון דער אויפֿגעאַקערטער, זון־פֿאַרברענטער רויערד, האָט ער אָפּגעאָטעמט, זיך צעגענעצט, געוואָלט פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן די איינגעזאַפּטע אין משך פֿון אַ מעת־לעת שטאָטישע לופֿט. ער האָט זיך געלאָזט גיין איבער די פֿעלדשטעגן, אויסגעמיטן דעם וועג, וועלכער איז אים איצט

געוועזן האַרט אונטער די פיס. ער איז געגאַנגען און געטראַכט. אין זיין מוח האָט געהערשט אַ קאָשמאַר פון גאַסן, הייזער און געוועלבער, אין וועלכע ער האָט זיך נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן. איצט איז ער געגאַנגען מיט די פעלדער־שטעגן, וועלכע האָבן אים געפירט צום באַרג־שטעג, דעם וועג אין זיין קבוצה.

ווען ער איז אַריין אין דער קבוצה, האָט די זון געגליט די באַראַקן־דעכער און פענצטער־שויבן, אויף זיי געבראַכן אירע שטראַלן און זיי פונאַנדערגעשפּרייט אַרום אויף דער ערד, זי באַדעקט מיט ליכטיקער, צעשטראַלטער ווייסקייט. ער איז אַריין אין עס־שטוב. שרה, וואָס האָט געאַרבעט אין דער קיך, האָט אים באַגעגנט מיט אַ שמייכל: שוין צוריקגעקומען? יאָ, האָט ער איר געענטפערט, זיך גענומען אַ שטיק ברויט מיט קעז און איז אַרויס. ער איז אַריין צו זיך אין צימער, האָט אַוועקגעוואָרפן זיין רוקזאַק און שטעקן און גענומען די פּלייט און איז געגאַנגען אין די בערג צו דער סטאַדע.

ווען ער האָט דערזען די שעפּסן פון ווייטנס האָט זיין האַרץ אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט זיך צעשפּילט אויף דער פּלייט. די טענער זענען געווען פול פרייד און בענקשאַפט. די טענער האָבן זיך געטראָגן אין די מרחבים. זייער ווידערקול האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די בערגפעלדזן. די שעפּסן האָבן דערקענט זיינע טענער און איבערגעריסן ס׳עסן, אים געזוכט צווישן די פעלדזן און צו אים געמעקעט. די הינט האָבן זיך צעבילט און באַגלייט די צעצויגענע טענער פון זיין פּלייט.

ערע

דורכן פענצטער האָט שוין אַריינגעשיינט דער טריבער ווינטער־פרימאָרגן. ניסני האָט אַרויסגעשטעקט פון אונטער דער קאָלדרע זיינע באַוואַקסענע פיס און איז זיצן געבליבן אויפן ראַנד פון בעט. אַ ווײַלע האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט די הענט, געגראַבלט אין די האָר און פון אונטער דער צעשויבערטער טשופּרינע אָפּירגעקוקט צום ווייב. זי, מזל, האָט זיך געפּאָרעט ביים טיש, האָט געשניטן און צונויפגעשטעלט די שטיקלעך סחורה.

ער איז אַראָפּ פון בעט, שנעל אַריינגעשפּרונגען אין די הויזן, אַרויפגעצויגן די שטיוול מיט די האַרטע כאַלעוועס, וואָס זענען מיט מי קוים אַרויף אויף זיינע פיס און אַ קוק געטאָן אויף מזלען. זי האָט מיט פּריידיקער מורא שנעל אים אונטערגעטראָגן די שיסל און די דזשאַרע וואַסער. ער האָט זיך אָפּגעשווענקט די הענט און ס׳פּנים. ווען ער האָט איר צוריקגעגעבן דאָס האַנטעך, האָט ער זיך פאַרדרייט די שפּיצן־וואָנסעס און אויף איר געקוקט פון אונטערן שטערן אַפיר. אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען אַ פאַרשעמטע מיט דער דזשאַרע און האַנטעך אין האַנט און אירע גרינע, פינקלדיקע אויגן האָבן אַראָפּגעקוקט צו דער ערד.

ער האָט אַ לייכטן גלעט געטאָן איבער איר שוין גרויסן בויך, דרך־אַגב אַ שמיץ געטאָן אויפן טיש צוויי זילבערנע מטבעות און אַ זאָג געטאָן מיט גאווה: „דאָס איז פאַר אים" און איז אַרויס פון שטוב.

אין קאַפע האָבן די שטאַם־געסט אים באַגעגנט מיט אַ ברייטן שלום. כאָטש ער איז פאַרהעלטנישמעסיק געווען נאָך יונג, האָט ער שוין געהאַט אַ נאָמען און געווען אָנגעזען אין דער חלבער עדה. ער האָט געהאַט פינף גרויסע הייזער אין צענטער ירושלים, וואָס האָבן יעדן חודש אים אַריינגעבערענגט אַ היפּש ביסל פונטן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש וואָס איז געווען לידיק און גלייך אַרויפגעשטעלט זיינע שטיוול אויפן פוס־קאַסטן — דער שיך־פוצער זאָל זיי אויסגלאַנצן. די וואָס זענען צוגעגאַנגען און זיך צוגעזעצט צו זיין טיש האָט ער געהייסן דערלאַנגען קאַווע. אויך דעם שיך־פוצער האָט ער באַשטעלט אַ קאַווע. יעדע ווילע האָט אַן אַנדערער פון די קאַווע־טרינקערס זיך אַריבערגעבויגן צו אים און שמייכלענדיק, מעשה פריינד און חבר אים אַ פליסטער געטאָן אין אויער אַריין. ער האָט יעדן געענטפערט: „דעם חודש". ביי יעדן ענטפער האָט זיך איבער זיין פּנים צעגאָסן אַ צופרידנקייט און זיינע אויגן האָבן געפלאַמט פון נחת. „אָבער נאָר אַ סעודה" — האָט יעדער אים געענטפערט מיט אַ שמייכל און געזופט די קאַווע. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און יעדן איינעם געענטפערט „איוואָ". ער האָט אין זיין פאַנטאַזיע שוין געזען זיין ניי־געבוירענעם בכור, זיין נאָכפאָלגער, די רינג אין דער קייט פון זיין גרויסער משפחה, וואָס טראָגט דעם באַרימטן נאָמען סאַסאָן.

מזל איז שוין צוריקגעקומען אַהיים פון שפּיטאָל. דאָס צימער ווו זי און דאָס באַשעפעניש וואָס איז צוגעקומען, ליגט, איז איבערפולט מיט מומעס, באַקאַנטע און סתם יידענעס. הערשט אין חדר אַ שטימונג ווי נאָך יעדן זאָל זיך שלייכן אַ שאָטן. פּשוט. מזל האָט געבוירן אַ טאָכטער. זי קושט און טוליעט איר קינד צו זיך, נאָר פון אירע אויגן רינען גרויסע טרערן. ניסני זיצט גאַנצע טעג אין קאַפע, זעלטן ווען ער געפינט זיך אין שטוב. אויך ווען ער איז יאָ אין דער היים עפנט ער די טיר פון צימער ווו עס געפינט זיך מזל מיטן קינד, נאָר ער טרעט נישט איבער די שוועל פון צימער. ער בלייבט שטיין אין דורכגאַנג, באַטראַכטביידע, די מאַמע און טאָכטער, מיט כעס און פאַרדראָס. פאַרמאַכט צוריק די טיר און גייט אַוועק פון שטוב מיט שנעלע טריט.

מזל זייגט דאָס קליינע עופעלע אַ דערשלאָגענע און פאַרקלעמטע. מיט יעדן ציִ וואָס די קליינע גיט מיט אירע קליינע, קיילעכיקע ליפּלעך פון איר ברוסט, פילט זי ווי עס קומט פון איר אָפּ אַ שטיק געזונט־לעבן. עס האָט אויך נישט געהאָלפן וואָס זי האָט די קליינע אַ נאָמען געגעבן „ברכה". זי האָט איר נישט אַריינגעבערענגט אין שטוב די ברכה. זינט זי האָט געבוירן, האָט ניסני שוין נישט גערעדט מיט איר אַזוי צאַרט ווי פריער און נאָך אַפילו נישט געהאַלטן די קליינע אין די הענט. געוויס ער זאָל עפענען די טיר און דערזען זי מיט דער

טאַכטער און ער בלייבט שטיין אין דער אָפענער טיר. ניין, ער קאָן איר נישט מוחל זיין, וואָס זי האָט אים ס׳ערשטע קינד געבוירן אַ טאָכטער. זי קאָן נישט פאַרטראָגן איר באַליידיקונג און חרפּה. זי פאַרשטעלט איר בויך, וואָס האָט געבוירן אַ טאָכטער. זי האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט. זי עסט כמעט נישט. עפּעס נאָגט איר אין האַרץ און עס טריקנט איר אין האַלדז. די דאָקטוירים האָבן איר פאַרבאָטן זייגן די טאָכטער. אין שטוב איז איצט צוגעקומען נאָך אַ פרוי, די אַם, וואָס האָט צוזאַמען מיט דער קליינער זיך אַריבערגעטראָגן אין דערנעבנדיקן צימער.

מזל שטייט שוין נישט אויף פון בעט. פון טאָג צו טאָג ווערט זי דאַרער. ווען זי וויל זען די טאָכטער, ווייזט מען איר זי פון ווייטנס, דורך דער טיר. אַזוי האָט געהייסן דער דאָקטאָר. איצט טרעט ניסני נישט אָפּ פון איר בעט גאַנצע טעג. נישט אויסרעדנדיק כמעט קיין וואָרט דערלאַנגט ער איר אַלץ. ער גייט אויף די שפּיץ פינגער און יעדעס מאָל ווען זייערע בליקן טרעפן זיך, ווערן ביידנס אויגן פול מיט טרערן.

ביז אַמאָל אַ פאַרנאַכט, האָט מזלען פאַרפעלט אָטעם. ניסני האָט צוזאַמענ־גערופן אַלע דאָקטוירים פון דער שכונה. זיי האָבן זיך געסודעט צווישן זיך און איינגעשפּריצט יעדעס מאָל אַ פרישן איינשפּריץ, נאָר כמעט איר נישט געהאָלפן. אַ גאַנצע נאַכט איז ער נישט אָפּגעטרעטן פון איר בעט. ווען דער טאָג האָט אָנגעהויבן גרויען, איבער די בערג האָט אָנגעהויבן פאַמעלעך זיך באַווייזן די זון, האָט מזל איינגעדרימלט מיט אַ שטאַרקן אומרויִקן אָטעם, וואָס האָט מיט אַ מאָל אויפגעהערט און איז איינגעשלאָפן אויף אייביק.

זינט מזל איז געשטאָרבן, קאָן זיך ניסני קיין אָרט נישט געפינען. יעדן פרימאָרגן איילט ער אויף איר קבר און זיצט דאָרט אָפּ אַ פּאָר שעה. פון צער און בענקשאַפט טרינקט ער ביז שכרות. ער ווערט וואָס אַ מאָל דאַרער. טעג גאַנצע ליגט ער אין די קאַפעען און שענקען. אויף יעדן אָרט, ווו ער קומט, מאַכט מען אים פּלאַץ, ער זאָל זיך צוזעצן, נאָר ער רעדט נישט מיט קיין מענטש. מענטשן און באַקאַנטע קוקן אויף אים, שאָקלען מיט די קעפּ און רעדן צו זיך: ניסני, ניסני.

אין איינער אַ נאַכט, אַ סוף־חודשדיקע, ווען איינער האָט דעם צווייטן נישט געזען, ביז ער האָט אים נישט אָנגעטאַפּט, איז ניסני אַ שכורער אַרויסגעפאַלן פון אַ קאַפע, נישט געוווּסט און נישט געזען ווו צו גיין ווייטער. ער איז שטיין געבליבן אָנגעלענט אין אַ שטיינערנער מויער. ער איז געשטאַנען לאַנג און נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. נאָר, ווען פון די בערג האָט אַ יאָג געטאָן אַ קילער ווינט, האָט ער אויפגעוואַכט, געקומען צו זיך. ער האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד. אַ לאַנגע צייט איז ער געשטאַנען און געוויינט ביז ער האָט גענומען שלעפּן זיינע פיס אַ היים. זיין טריט איז געווען אַ שווערער און פאַמע־לעכער. מיט זיינע ברייטע, באַהאָרטע הענט אַ גאַנצן וועג געקלאַפּט זיך אין זיין

צעכראַסטעט האַרץ, זיך געשאָלטן און געטאָן אַ נדר אויסבויען אין שכונה אַ שול אויף מזלס נאָמען אין אָנדענק...

ווען ער איז צוגעקומען צום הויז, איז ער שטיל אַריין אין זיין ווינונג און נאָך שטילער, ער זאָל קיינעם נישט אויפוועקן, אַריין צום עופעלע און אין דער פינצטער, ס׳ערשטע מאָל גענומען די קליינע אויף די הענט, זי געקושט און געטוליעט זי צום האַרץ.

שקלאַפן

שוין יאָרן ווי אַבדאַללאַ־אַבו־אַלי איז געשטאָרבן און זיין זון איבערגעלאָזט ס׳פאַרמעגן: אַ קליין טיבן־הייזל, עטלעכע ציגן, אַ קעמל, פינף אויסגעמאָגערטע קי, אַן אַלט מויל־אייזל און אַ שלעכט באַארבעט שטיקל ערד, וואָס עס איז לייכט געווען אַרומצונעמען מיטן אויג פונעם וועג, ווו עס איז געשטאַנען דער ברייט־צעצווייגטער אומגעלומפּערטער פייגנבוים, ביז דער וואַדי אונטערן באַרג, וואָס האָט זיך ווינטער אָנגעפילט מיט רעגן־וואַסער. כאָטש די ערד איז אין ערגעץ נישט געווען פאַרשריבן אויף זיין נאָמען, האָבן אַלע אין דאָרף געוווּסט, אַז דור דורות שוין געהערט זי דער משפּחה סידק. דעמאָלט האָט אַלי זיך געקויפט אַ ווייב.

פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זעינאַב, זיין ווייב, געאַרבעט אין שטוב און אין פעלד און יעדעס יאָר געוואָרן טראָגעדיק. אַזוי האָט אַלי מיט איר אָפּגעלעבט אַ פּאָר יאָר, פון זינט ער האָט לינקס אויף דער גרענעץ פון זיינע פעלדער פאַרפלאַנצט דעם זית. נאָר ווען די ברוסטן זענען ביי איר שיטערער געוואָרן, אָנגעהויבן אַראָפּהענגען איבערן בויך וואָס איז אין צווישן גרויס געוואָרן, געמוזט אַריינגייען שטיקער סחורה אין ביידע זייטן קלייד, האָבן צו אַלין אָנגעהויבן קומען פאַרשידענע אַראַבער. ער איז מיט זיי געזעסן אונטער די עקאַליפּטוס־ביימער, וואָס זענען געוואַקסן נישט ווייט פון הויז, האָט זיך מיט זיי געסודעט און זיך פאַרצויגן מיט רויך פון דער נאַרגילע.

די אַראַבער זענען געקומען, אַוועקגעגאַנגען און ווידער געקומען. נאָר אין איינעם פון די טעג, ווען זיי האָבן אים ווידער באַזוכט, האָט אַלי געהייסן זעינאַבן גוט אַכטונג געבן אויף דער ווירטשאַפט, אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג — און ער איז אַוועק. ער האָט מיט זיך מיטגענומען איסליאַן, זעינאַבס איינציקע טאָכטער, וועלכע איז געבליבן לעבן פון אַלע אירע קינדער. זי האָט נישט גערוט, נישט געשלאָפן און אַכטונג געגעבן אַלץ זאָל זיין געהעריק ווי אַלי האָט געהייסן. נאָר איר האַרץ האָט געטיאַכקעט שנעלער ווי אַלע מאָל. זי האָט זיך געשראָקן און יעדע ווײַלע זיך געטאַפּט די ברוסטן.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט אַלי זיך אומגעקערט מיט נאָך אַ גרעסערער כאַפּטע אַראַבער. ער איז פאַרפאָרן פאַר זיין הויז מיט גרויסער גאווה. די אַראַבער האָבן געפּילדערט, געשריגן און ער איז געזעסן צעלייגט איבערן גאַנצן געזעס פון דער פור. ביי זיין לינקער זייט איז געזעסן די יונגע פאַטמאַ, זיין פריש ווייב אין אַ שוואַרץ קלייד, איר פּנים פאַרהאַנגען מיט אַ וואַלקע, וואָס ער האָט געקויפט אַמאָל אין דערבייזיקן דאָרף פאַר זיין טאָכטער איסליאַ.

זעינאַבן האָט ס׳האַרץ געוואָלט פּלאַצן פון כעס און פאַרדראָס. ווען זי איז געבליבן אַליין, קיינער האָט נישט געזען, האָט זי זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און געיאָמערט, אָבער נישט גערעדט קיין וואָרט, ווייל אַזוי איז אַללאָס רצון. זעינאַב האָט זיך צוגעוויינט, שלום געמאַכט מיטן גורל, אַז זי איצט אַליס צווייט ווייב און האָט געפירט דיווירטשאַפט.

ווען פאַטמאַ איז ס׳ערשטע מאָל טראָגעדיק געוואָרן, האָט זעינאַב איר געהאָלפן, זי נישט געלאָזט טאָן קיין שווערע אַרבעט. נאָר, אַז פאַטמאַ האָט געבוירן אַ זון, מיט וועלכן אַלי האָט זיך זייער דערפרייט און אים אַ נאָמען געגעבן איסמאַיל, האָט די קנאה זי געגעסן, וואָס נישט זי האָט אַליין געבוירן דעם בכור.

פון דער אַנדערער זייט פעלדער, רעכטס, האָט די נאַטור פון זיך אַליין אויסגעהאָדעוועט אַ געדיכטע שורה סאַברע־קוסטן וואָס האָבן געשאַפן אַ פּלויט צווישן דער וואַדי און אַליס פעלדער. איסמאַיל איז אונטערגעוואַקסן און האָט שוין פאַרטרעטן דעם פאָטער אין דער אַרבעט. אַלי, דער פאָטער, האָט איצט פאַרברענגט די טעג אין קאַפע, דאָרט האָבן אַלע אים געקענט.

עס זענען אַוועק יאָרן און אויך פאַטמאַ איז געוואָרן פאַרעלטערט. די ברוסטן זענען איר אַראָפּגעהאַנגען איבערן בויך. אירע האָר אויפן קאָפּ זענען גרוי געוואָרן און האָבן אויסגעזען ווי קאָלטנס פון אַן אַלטן מאַטראַץ. אַלי איז אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער, געשריגן און געשאָלטן און פון לאַנגווייליקייט פון מאָל צו מאָל געפאָרן קיין שכם.

אַרומשלעפּנדיק זיך איבער דער שטאָט, פון איין קאַפע אין אַנדערן, איז ער איין מאָל אַריינגעגאַנגען אין אַ שמאָל געסל אין דער נאָענט פון מעטשעט. נעבן קאַפע־הויז האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, צוגעשמידט צום אָרט. אויפן צווייטן שטאָק, איז געשטאַנען אַ בילד שיין מיידל, מיט גרויסע אויגן, געדיכטע פעך־שוואַרצע צעלאָזטע האָר און אויפן פענצטער־פאַראַפּעט זיך געשפּילט מיט סטרולקע־שטיינדלעך. אַלי איז אַריין אין דעם נאָענטן קאַפע. ער האָט געהייסן דערלאַנגען זיך אַ שטאַרקע נאַרגילע און אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן צווישן די שטעטישע וואָס ער האָט מכבד געווען מיט קאַווע און בשותפות מיט זיי געררויכערט די נאַרגילע, זיך דערוווּסט, אַז דאָס מיידל הייסט נאַדיאַ און איז אַ טאָכטער פון אַ שוסטער, וואָס גייט מיטן קעסטל כלים איבער די הייף און פאַרריכט אַלטוואַרג.

אַלי האָט מער קיין אָרט זיך נישט געפונען אין שטוב. ער האָט געשריגן אויף די צוויי ווייבער, געשריגן אויפן זון און געקאָפּעט די אַראַבער וואָס האָבן ביי אים געאַרבעט. די ווייבער האָבן זיך דורכגעקוקט און נאָכגעפרעגט ביי

איסמאַילן, געוואָלט וויסן וואָס איז מיט אַלין געשען. נאָר קיינער פון די שטוב־מענטשן האָט נישט געוווּסט וואָס.

יעדע עטלעכע טעג איז אַלי געפאָרן קיין שכם און זיך אומגעקערט אָן אויפגערעגטער. נאַדיאַס פאָטער האָט זיך געעקשנט. ער האָט נישט געוואָלט נעמען וויניקער ווי דריי הונדערט פונט. אַ סך שטעטישע און פון דער סביבה — האָט ער געטענהט — קומען צו מיר וועגן מיין טאָכטער, אָבער נישט פאַר זיי האָט מיך אַללאַ באַשאָנקען מיט אַ ליבער טאָכטער. אַלי האָט זיך געכעסט. אַזוי פיל געלט! און איז צוריקגעפאָרן צו זיך אין דאָרף. ער איז אָבער באַלד צוריקגעפאָרן קיין שכם און ווידער צוריקגעקומען פון דאָרט אָן אויפגעבראַכטער. ער איז אַוועק צום עפענדי, ביי אים פאַרמשכנט אויף אַ הויכן פּראָצענט די תבואה וואָס איז נאָך געוואַקסן אין פעלד, זיך אויסגעפּוצט אין זיינע יום־טוב מלבושים און אַוועקגעפאָרן.

פון זינט דער רייזע האָבן זעינאַב און פאַטמאַ צווישן זיך נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט. נאָר פון מאָל צו מאָל האָבן זייערע בליקן זיך געטראָפן און ביידע האָבן זיך צעוויינט. אויך איסמאַיל האָט זיך געשלייכט פון הויז אין שטאָל, פון שטאָל אין הויז און אַרום דעם שייער, זיך נישט געפונען קיין אָרט און געקומען אַהיים שפּעט אין דער נאַכט.

ווען איבערן דאָרף איז אַרויסגעקומען די זון און מיט אירע הייסע שטראַלן איבערגעדעקט די הייזלעך, וואָס זענען געשטאַנען צעוואָרפן אויפן באַרג ווי שטיגן, איז אַלי אָנגעפאָרן מיט נאַדיאַן, זיין דריט ווייב. ער האָט צוגערופן דעם זון, אים אונטערגעשטעלט די האַנט אונטערן מויל. איסמאַיל האָט אים אַ קוש געטאָן. דער פאָטער האָט אַ ווייז געטאָן אים אויף נאַדיאַן וואָס האָט אויסגעזען ווי איסמאַילס אַ יינגערע שוועסטער און אים אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז מיין פריש ווייב, באַהאַנדל זי גוט.

דער כעס און די קנאה האָבן אַ שטאָך געטאָן דעם זון. ער האָט שנעל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז צוריק אַוועק צו זיין אַרבעט.

פון איצט אָן האָט פאַטמאַ געפירט די ווירטשאַפט. זעינאַב האָט איצט נאָר געוואָשן אַלין דעם קאָפּ, געבאַקן פּיתות און אַ גאַנצן טאָג זיך אָנגעגעסן מיטן שאַרפן רויך. אַליס ווייב איז איצט געווען נאַדיאַ, וועלכע האָט געשפּראַצט מיט יוגנט און לעבן. ער האָט זי פאַרגעטערט, זי געצערטלט, ווי אַ פּרינצעסין, איר געקויפט פאַרפומען און פאַרבן צו די אויגן, געברענגט פאַרשידענע סחורות אויף קליידער. אָוונט, אָוונט, פאַרן שלאָפן גיין האָט אַלי געקייעט און געשלונגען פעפער־לעך און קרייטעכצער, וואָס ער האָט ספּעציעל באַשטעלט אין שטאָט און זיך געדרייט זיין פאַרגעלטע פון שניפּ־טאַבאַק וואָנסע, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען ווי אַן אונטערשטע ליפּ ביי אַן אַלט פערד, וואָס די כוחות האָבן אים אָפּגעלאָזט.

פאַטמאַ און זעינאַב האָבן געברענט פון כעס און שנאה צו נאַדיאַן וואָס אַלי האָט אַזוי ליב. נאָר אין הויז האָט געהערשט רו ווי פריער, אָבער דאָס איז געווען אַן אַנדערע רו — רו פון רעזיגנאַציע.

גורל

איבראַהים סאַלים איז געזעסן אין שאָטן פון זיין דורכגעלעכערטן שמאַטע־געצעלט, אויף אונטערגעלייגטע אונטער זיך פיס, ווי פאַרגליווערט. ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, זיינע שווערע מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן, האָבן געקוקט אין דער ווייט. די זאַמדיקע פעלדער, פאַרברענטע פון דער זון, פאַרדעקטע מיט אויסגעטריקנטע ווילדע גרעזער זענען געווען ענלעך צו אַן אַלטן, פאַרלאָזענעם בית־קברות. דערנעבן איז געווען דאָס אַנגעשיטע ערד־בערגל, ווו ער האָט קובר געווען זיין קעמל, דאָס איינציקע באַשעפעניש, מיט וועלכן ער האָט געלעבט יאָרן, אַליין אין מדבר.

איבראַהים האָט געפילט, אַז זיינע לעצטע כוחות ענדיקן זיך שוין. טעג ווי ער האָט נישט געשטילט זיין דאָרשט. פון זיין גאַנצער משפּחה, האָט ער געטראַכט, איז ער אַליין נאָר געבליבן. די שוועסטער האָט דער פאָטער פאַרקויפט פאַר אַ ווייב, צו איינעם פון יענער זייט ירדן, פאַר צוויי קעמלען. זיי זענען שוין טויט. מוכאַמעד דער ברודער, איז נאָך מיט יאָרן צוריק אַוועק אין די דרוזן־בערג זוכן עסן, און נישטאָ קיין שפּור פון אים. אַבו איבראַהים, דער פאָטער איז געשטאָרבן פון געלער מאַלאַריע. די מוטער געדענקט ער כמעט נישט, זי איז געשטאָרבן פון אַ משונהדיקער קרענק. איר קערפּער איז פאַרפוילט געוואָרן פון קרעץ, האָט אים דערציילט דער פאָטער. און איצט פאַרלאַנגט „אַללאַ", ער זאָל שטאַרבן און עס וועט נישט בלייבן קיין זכר פון דער גאַנצער משפּחה... איבראַהים האָט אויפגע־הויבן די הענט צום הימל, פאַרלאַנגט, געמאַנט, געשטאַרט פון פאַרצווייפלונג. די אַרומיקע וויסטעניש האָט געשוויגן.

מיט אַ מאָל האָט ער אויפגעציטערט און פאַרקריצט די ציין. זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן נישטערן די ווייטקייט. דורך אים איז דורך אַ לעבנסשטראָם — דאָרט אין דרום בויען יידן און אַלע גייען ביי זיי אַרבעטן. מיט רויטע, וואַנזיניקע, בלוט־פאַרלאָפענע אויגן האָט ער נאָך אַ מאָל באַטראַכט די וויסטע סביבה, ווי ער זאָל זוכן אַן אָנהאַלט, קאָנען בלייבן אויף דער ירושה־ערד. איבער דער סביבה אַרום איז געווען אויסגעשפּרייט אַ פּרוכטלאָזע וויסטקייט, אין וועלכער עס האָט געלויערט דער טויט.

מיט די לעצטע כוחות האָט ער באַגראָבן אין קבר פון קעמל זיין איינציק פאַרמעגן, די אַלטע ביקס, און זיך געלאָזט גיין צו דער וואַדי אַל־מוגיר. דער הייסער מדבר־ווינט האָט אים באַגלייט און געטריבן פאָרויס. גייענדיק פאַמעלעך האָט ער שוין געהאַט הינטער זיך באר־שבע.

ווען ער איז אָנגעקומען קיין חברון, איז שוין געווען נאַכט. די שטאָט האָט געדרימלט. ערגעצוו האָט אַ ווילד געשריי אין אַ זייטיק געסל איבערגעריסן די שטילקייט. אין הויף פון מסגד, זענען אַרום די ווענט געלעגן מענטשן־קנוילן, שלעפערס און בעטלערס. איבראַהים האָט זיך צווישן זיי אַוועקגעלייגט.

ווען איבער חברון איז אויפגעגאַנגען דער טאָג און פון אונטערן מעטשעט

זענען זיך שוין אַלע געהאַט צעגאַנגען, ווער אויסשטרעקן די האַנט אין די גאַסן און ווער איבער די הייף גראַבלען, זוכן אין די מיסטקאַסטנס, איז מוסאַ, דער וואַסער־טרעגער שוין פאַרבייגעגאַנגען מיט זיין נואד* אויפן אַקסל. ער האָט געפונען איבראַהימען ליגן אַן איינגעקאַרטשעטן, פאַרחלשטן פון הונגער.

מוסאַ האָט מיט זיין נאַטירלעכן אינסטינקט דערפילט, אַז אים איז אונטער־געקומען אַ מסחר. ער האָט אַרויפגעטרעטן אויף זיין באַרוועסן פוס און זיך אויף אים צעשריגן:

„וואָס? אין העלן טאָג ליגסטו ביים מסגד און שטערסט פרומע מענטשן דאַוונען?"

קרעכצנדיק פון הונגער און שוואַכקייט, האָט איבראַהים אים געענטפערט:

„איך בין עלנט, האָב נישט ווו צו גיין, איך וויל שטאַרבן ביים הייליקן אָרט".

מוסאַ האָט זיך אויף אים נאָך העכער צעשריגן:

„ביים מסגד ווילסטו שטאַרבן? די שטאָט זאָל דאַרפן דיר מאַכן אַ לוויה? שנעל, שטיי אויף!"

מוסא שרייט און דראָט. איבראַהים קרעכצט און וויינט. נאָך לאַנגע דינגענישן זענען זיי דורכגעקומען. איבראַהים שלעפט אויף זיך דעם נואד מיט וואַסער, פונעם אויפגאַנג ביזן זון־אונטערגאַנג, פאַר דריי פּיתות אַ טאָג.

איבראַהים האָט יעדן טאָג אויפגעגעסן נאָר צוויי פּיתות. די דריטע האָט ער באַהאַלטן אין זאַק. ווען דער זאַק האָט זיך כמעט אָנגעפולט, איז ער אַרויס אין וועג. ער איז געגאַנגען דורך די בערג פון יהודה, אויסגעמיטן ירושלים אין דער ריכטונג צו יפו, וואָס געפינט זיך אין שכנות פון תל־אביב, די יידנס רייכע שטאָט. ער איז געגאַנגען בייטאָג און ביינאַכט, געערוט ווייניק, אויף וויפל די כוחות האָבן אים נאָר דערלויבט. ער האָט מורא געהאַט טאָמער פאַרפעלט אים אין וועג ברויט — די כוחות וועלן אים אויסגיין און אַ „דעבע" וועט אים אַראָפּפירן פון וועג.

די האַלבע לבנה אויפן יפוער מסגד־טורעם, איז געווען אַרומגעקרייזט מיט אַ רויטער פייערדיקער שטאַרק, ווען איבראַהים איז אַריין אין שטאָט מיט זיין זעקל ברויט אונטערן אָרעם. ער איז קיין יפו ווי אַריינגעפאַלן. עס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט. דער געפילדער און געשריי אין שטאָט האָט אים מיט אַ מאָל אַרויסגעריסן פון זיין דרעמל. זיין בלוט האָט אין אים אָנגעהויבן האַסטיקער צירקולירן. ער האָט זיך דערפילט עלנט, אַליין.

ער האָט אויסגעטאָן די קעפיע, איינגעפּאַקט אין איר דאָס ברויט און זי צוגע־בונדן זיך פון הינטן אויפן קאַרק. ער האָט געשפּרייזט איבער די גאַסן און זיינע שוואַרצע צעשויבערטע האָר זענען אים אַראָפּגעהאַנגען ווי אַ פאַרקאַלטנטער ווידל ביי אַ נישט געשוירענעם קעמל..... גייענדיק איבער די גאַסן האָט ער צונויפ־געקליבן די נישט דערראויכערטע שטיקלעך סיגאַרן, זיי באַהאַלטן אונטערן העמד וואָס איז געווען אונטערגעבונדן מיט אַ שטריק.

* אַ מדבר־קרוג געמאַכט פון פעל.

שלעפּנדיק זיך אַזוי איז ער אַרויס אויף אַ שטח נישט־פאַרבויטע פּלעצער. דאָ זענען געזעסן אין אַ ראָד אַנגעקומענע פון די אַרומיקע לענדער אַראַבער. זיי האָבן זיך געלויזט, געגעסן און געדרימלט אונטער דער הייסער זון, ווי פאַרלאָזטע הינט אין אַן אָפּגעלעגענער גאַס.

איבראַהים האָט זיך צו זיי צוגעזעצט און זיי דערציילט ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט. ער איז געפעלן דער חברה. זיי האָבן אים דערציילט, אים גע־לערנט ווי אַזוי ער וועט פאַרדינען און אַ סך פאַרדינען ביי יידן. זיי האָבן אים דערציילט, אַז יעדער ייד האָט אַ ווייב, וואָס גייט מיט אַן אויפגעדעקט פּנים און מיט נאַקעטע פיס ביז אַרויף. איבראַהים האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ זייט און איינגעחזרט זיך וואָס איז וויכטיק צו געדענקען, ביז ער איז איינגעשלאָפן נאָך דער לאַנגער מידקייט.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען טאָג. ער איז אַוועק אין שטאָט. יעדן אַנגעטראָפענעם מענטש געקליידט אייראָפּעיִש האָט ער באַגריסט „שלום יאָהוד" און צו אים געלאַכט. ער איז געגאַנגען ביז ער איז אַריין אין אַ געסל, אין וועלכן עס זענען געשטאַנען אַ סך אַראַבער. אויך ער איז שטיין געבליבן און געוואַרט. עס איז אַנגעפאָרן אַ ייד אויף אַ מאָטאָציקל, האָט אָפּגעציילט צוואַנציק פון זיי — צווישן זיי אויך איבראַהים און זיי אַוועקגעפירט אין אַ גרויסן אייזן־לאַגער. דאָ האָבן זיי אָפּגעאַרבעט ביז פינצטער. ווען ער האָט געענדיקט די אַרבעט האָט מען אים אויסגעצאָלט פופצן פיאַסטער. אים האָט אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן. עס האָט זיך אים נישט געגלויבט. ער האָט געטאַפּט דאָס געלט מיט דער האַנט, געוואָלט זיך איבערצייגן, אַז ער האָט עס. דרייסיק טאַריפעס, האָט ער צו זיך גערעדט און דאָס געלט פאַרדריקט אין דער האַנט.

גייענדיק האָט ער כסדר זיך אומגעקוקט אויף היינטערווייליקע, ער זאָל טרעפן מאָרגן. ער איז אַוועק אויפן פּלאַץ, וווּ ער האָט נעכטן גענעכטיקט.

עס איז שוין געווען נאַכט, ווען איבראַהים האָט פאַרענדיקט איינגייען דאָס געלט אין זיין פאַרלאַטעטער, אויסגעשמאַלצענער אַבאַיע. ער האָט זיך אין איר איינגעוויקלט, צוגעדריקט צום האַרץ דאָס איינגענייטע געלט און אונטערגעלייגט זיך אונטערן קאָפּ דאָס זעקל ברויט. אין חלום האָט ער געציילט און געציילט דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט, פאַר וועלכן ער וועט קויפן אַ ווייב, אַ מוכטאַרס טאָכטער: אַ דיקע, אַ פעטע. איר נאָז און אויערן באַהאַנגען מיט זילבערנע קווייטלעך. איין פאָלע פון קלייד פאַרשאַרצט, דעקט אָפּ אַ נאַקעט פוסקנעכל, וואָס איז באַהאַנגען מיט מעשענע בראַנזאַלעטן.

אויפן הימל האָט די לבנה כסדר פאַרשטאַרקט איר ליכט און האָט באַשיינט איבראַהימס צופרידן פּנים אין שלאָף, ווי ביי דעם וואָס האָט אַ זכיה צו האָבן אַ שיין ווייב.

גערַאנגל

די ווינטן, וואָס זענען געקומען פון די הרי־יהודה האָבן געקילט די הייסע זון־שטראַלן, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין די ירושלימער גאַסן און געסלעך, איבער די מעטשעט־קאָפּולן, קלויסטערס און שולן, געשפרייט זיך איבער זיי ווי אַ פּרוכת. די גאַסן זענען געוואָרן ליידיק. דאָ און דאָרט האָט זיך דורך אַ שמאָל געסל אַדורכגעשלייכט אַן אויטאָ. אַן אָנגעלאָדן אייזל איז פאַרבייגעקראָכן מיט זיינע קליינע טריט, זיך געזוכט אַ וועג צווישן די שפּיציקע שטיינער. צוויי אָנגעצויגענע ענגלישע פּאָליצ״סטן האָבן פויל געשפּאַנט אין דעם שמאָלן געסל, וואָס זיי האָבן געדאַרפט היינט באַוואַכן.

דאָס קורדן־פּערטל מיט זיינע נידעריקע שטיינערנע הייזער, געבויגענע צו דער ערד, האָט אויך געשוויגן. די שמאָלע געסלעך זענען געווען ליידיק. די אַראַבישע שכנים זענען מער נישט געקומען טוישן און פאַרקויפן זייערע פערד ווי אַ מאָל. זיי האָבן מורא געהאַט אַדורכגיין דאָס קורדישע פּערטל, אָבער הינטער די הייזער זענען געלעגן באַהאַלטן די ווייבער, געלויערט, נאָכגעקוקט, באַטראַכט יעדן ריר אויפן שכנותדיקן באַרג.

שוין וואָכן ווי די עפּענדיס כאַדזש סולמאַן און כאַליל ווילן צווינגען די אַראַבער, זיי זאָלן באַפאַלן די קורדן־שכונה נחלת ציון, נאָר אָן דערפאָלג. עס העלפן נישט די רייד פון די עפּענדיס, אַז זיי וועלן זיי געבן געווער, מיט וועלכן זיי וועלן זיך קאָנען פריי באַנוצן אין די בערג אין די פינצטערע נעכט. אָבער היינט זענען זיי געקומען צוהילף זייערע שכנים אַראַבער און דאַר־מוכאַמאַ די אַראַבישע קאָלאָניע אויפן באַרג אַנטקעגן גרייט זיך.

די נאָכט איבער די בערג־שפּיצן איז אַן אימהדיקע. אָבער נחלת ציון האָט געוואַרט ביי צאַנקנדיקע אייל־פלעמלעך. די קורדן האָבן אויפגעהאַרכט און נאָכגעפאַרשט יעדן שאָרך פון די שאָטנס, וואָס האָבן בגניבה געקלעטערט פון די שטיין־האַקערייען, אַרויף צו די נאַקעטע בערג־שפּיצן.

מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ שאָס און באַלד דערנאָך אַ פייער פון קוילן, וואָס האָבן געהאָגלט איבער די הייזער פון די יידישע שכנים.

די ווייבער, וועלכע זענען געלעגן ביי די שוועלן פון די טירן, זענען אַרויס אין דרויסן מיט אַ ווילדן געפילדער. זיי האָבן געקוילערט מיט די צונגען און געקלאַפּט אין די ברויט־בלעכן, צונויפגערופן די מענער, זיי געמוטיקט צום קאַמף. און זיי זענען זיך צונויפגעלאָפן און ווי קעץ זיך גענומען אַרויפדראַפּען אויף די בערג, אויסבאַהאַלטנדיק זיך צווישן די פעלדזן, מיט ברענענדע אויגן געצילט אין שונא.

איבער די בערג־־שפּיצן האָט געבושעוועט אַ פייער־געוויטער, וואָס האָט אָפּגעהילכט און באַלויכטן די פינצטערניש אַרום און אויפגעדעקט די בערג־קאָנטורן פון אַנטקעגן, אויף וועלכע עס האָבן זיך איצט פאַרגנבעט לאַנגע, אויסגעצויגענע

טונקעלע שאָטנס. די קורדן זענען געגאַנגען צוזאַמענגעקנוילטע, איינגעבויגענע און וואָס אַ מאָל מער און מער אַרומגערינגלט דעם באַרג פון אַנטקעגן.

ווען דער פּאָליציי־אויטאָ איז אָנגעפאָרן זענען די אַראַבער שוין געהאַט צוריק אַראָפּ פון די נאַקעטע בערג, מיטשלעפּנדיק מיט זיך זייערע קרבנות.

די נאַכט־פינצטערניש זיך אָנגעהויבן בייטן מיט דעם מאָרגנפרי. די קורדן האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן אַהיים. געביסן מיט די ציין זייערע לאַנגע בערד, געטאַפּט די שטילעטן אין די גאַרטלען, נאָך שטאַרקער אַרומגעוויקלט די טורבאַנען אַרום די קעפּ און צו זיך געמורמלט: ממזרים; זענען געגאַנגען זיך גרייטן צו דער אַרבעט ווי יעדן טאָג, ווי עס זאָל גאָרנישט האָבן געשען.

מיט יעדן זון־אונטערגאַנג, האָט נחלת־ציון געוואַרט, געוואָלט זען ווי דאַר־מוכאַמאַ וויל זיי די נאַכט אויפנעמען, אָבער די צוויי באַרגשפּיצן האָבן געשוויגן, זיך איבערגעקוקט, ווי שטענדיק, דור־דורות. זיי האָט איינגעהילט די אורשטילקייט פון דער נאַכט.

אין פּרדס

מנחם איז אַרומגעגאַנגען צווישן די ביימער ווי אַ מאַמע אַרום קינדער אין דער פרי, ווען זיי איבערוועקן זיך פון שלאָף. ער האָט געטאַפּט דעם באָדן, געוואָלט זען, צי די נאַכט האָט דער ערד נישט געקאַרגט איר פייכטקייט, מיט וועלכער זי דאַרף זייגן די ביימער. ער האָט מיט זיין בליק אַרומגענומען דעם פּרדס, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ סאַברע־פּלויט, האָט באַטראַכט די ביימער, וועלכע ער האָט דערצויגן, געזען ווי יעדער בוים עפנט די צווייגן, וויל אים אַרומהילן, צודעקן מיט די בלעטער. ער איז געלאָפן פון איין בוים צום צווייטן און געפּאַטשט מיט די הענט פון פרייד.

מנחם האָט אַ קוק געגעבן אויפן זייגער, וואָס איז געהאַנגען אויף דער בירקע. די ווייזערס האָבן געוויזן אַ מינוט פאַר זיבן. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אינעם שטיק שטאָל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון באַלקן. עס האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג, אָנגעקלאַפּט אַנטקעגן אין באַרג, וועלכער האָט דעם עכאָ צוריקגעשיקט איבער דער סביבה, אָנגעזאָגט „די אַרבעט הייבט זיך אָן". חברה, וועלכע זענען געלעגן צעלייגט אַרום די ביימער, האָבן זיך אויפגעשטעלט, געגרייט.

דרייסט און זיכער האָט זיך די זון גערוקט פאָרויס איבערן בלויען הימל, באַשטראַלט, געוואַרעמט די טויזנטיעריקע ערדפעלדן, געוואָלט זיי אָנזויגן, אָנזעטיקן מיט נאָך מער שפּראָצונגס־כוח. דאָס ים־ווינטל האָט שטיפעריש געצערטלט די בלעטער, זיי געפרישט, געטריקנט דעם נאַכט־טוי, וואָס האָט זיי אָנגעטרונקען. חברה איז געשטאַנען, יעדער אין זיין בייט, געאַקערט מיט אימפּעט, פאָרויס, טאָמער וועט שפּעטער די ערד אויסטריקענען, זיך עקשנען, נישט לאָזן אַקערן.

חיים האָט נישט געקענט גובר זיין די האַרטקייט פון דער ערד. ער האָט געקרעכצט און זיך געווישט דעם שווייס פון שטערן, וואָס האָט פון אים געקאַפּעט, ווי נאַכט־טוי פון דעכער, ווען די זון גייט אַרויס. ער האָט מיט אַלע זיינע כוחות געקלאַפּט אין דער ערד מיט דער „טוריע" געוואָלט זיך רוקן פאָרויס. די „טוריע" איז צוריקגעשפּרונגען פון דער ערד. ער איז געבליבן הינטערשטעליק, האָט יעדער ווײַלע אַ קוק געטאָן צו דער חברה, געוואָלט הערן דעם „יאַללאַ". נאָר ווי אויף להכעיס, האָט קיינער צו אים נישט געשריגן, ווי ער וואָלט געווען איבעריק. פאַר ווייטיק האָט זיך אים די פּלייצע אויסגעבויגן ווי אַן אַלטע „נאַסילקע" איבער־געלאָדן מיט מאַראַנצן. ער האָט געזוכט מנחמס בליק, געמיינט זען זיין ביטול צו אים. מנחם איז געשטאַנען אין דער זייט, אונטער אַ בוים און נישט געקאָנט זען חיימס שמאָלע פינגער, וואָס קאָנען נישט האַלטן די „טוריע".

חיים האָט ביי יעדן קלאַפּ מיט דער „טוריע" געפילט אַ ריס ביים האַרץ. ער האָט מיט איר געקלאַפּט ביז ער איז שטיין געבליבן אַ פאַרסאַפּעטער און מער נישט געקענט גיין ווייטער.

יערי, אַ ברייטבייניקער, פעסט־געבויטער יונג, מיט אַ ברייטן ברוסטקאַסטן, וועלכער האָט די ערד ווי אַרויסגעפאָדערט, זי זאָל זיך אים אַנטקעגנשטעלן, האָט חיימען אונטערגעיאָגט. יערי איז שטיין געבליבן און מיט זיין בליק אָפּגעמאָסטן חיימען פון קאָפּ ביז צו די פיס. דערנאָך אים חבריש אַ קלאַפּ געגעבן אין פּלייצע און זיך מיט אים איבערגעביטן אין דער בייט. יערי האָט איצט געאַקערט פינף טוריעס אין דער ברייט און חיים איז אים אין דער זייט נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן געאַקערט צוזאַמען.

איבערן פּרדס האָט זיך געטראָגן דער אַראָמאַט פון דער איבערגעאַקטער ערד, וואָס האָט זיך אין דער לופט צונופגעמישט מיטן ספּירט־ריח פון דער יערנדער „לעמע" אין די גריבער.

די אַרבעט איז געגאַנגען פאָרויס. די אָנגעליגענע האַרטע ערד פון אַ גאַנצן זומער, האָט אונטער די אויסגעגלאַנצטע טוריע־שאַרפן אין די מוסקולירטע הענט געביטן דעם אויסזען. די שטאַרקע הענט האָבן געשניטן די ערד, זי איבערגעדרייט, זי לייכט געמאַכט, באַקליידט אין אַ פרילינג־מלבוש.

חיים האָט אַלץ מער זיך איינגעשרומפּן, אַראָפּגעקוקט צו דער ערד, ווי מיט געבעט. ער האָט אַרויסגערוקט זיין ליסע קאָפּ ווי אַ הון, וואָס וויל כאַפּן דעם אָטעם. די שיטער־וואַקסנדיקע האָר אין די זייטן האָבן זיך אים צעשויבערט, אויפגעשטעלט, ווי אַ שיפּזעגל וואָס דאַרף אים רעטן.

חיים האָט זיך אָנגעשטרענגט און מיט די לעצטע כוחות געוואָלט נאָך אַ שפּאַן ערד איבעראַקערן, זיך אפשר אויסגלייכן מיט אַלע. אויך די זון האָט זיך געררוקט פאָרויס, ווי אַ שפּינען־נעץ זיך פאַרצויגן איבערן הימל און מיט קאָכעדיקע שטראַלן געשפּיזט אַלץ וואָס זי האָט געטראָפן אויף דער ערד.

חיים האָט אויפגעהויבן די טוריע. ער האָט געוואָלט נאָך אַ מאָל זי אַריינהאַקן אין דער ערד. ער האָט געטראָפן אין אַ בוים־וואָרצל. ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען

זיך געאַמפּערט, געוואָלט אַרויסציען די טוריע. נאָר מיט אַ מאָל האָט ער דערפּילט וויטיקן איבערן קערפּער, ווי מען זאָל אים שטעכן מיט שפּילקעס, ווי אַ סטאַדע מוראַשקעס זאָל אים האָבן באַפאַלן. ער האָט זיך מער נישט געקענט העלפן, האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן, אַנידערגעפאַלן ווי אַ קופּע פליש, איבער וועלכער עס האָט נאָר אַרויסגעשטאַרט די באַפרייטע טוריע־שאַרף. זי האָט געוואַרט אויף אַ שטאַר־קערע האַנט.

ווינטער

דער פרימאָרגן איז געווען ווינטיק, גרוי. דער הימל טונקל ווי צעגאָסענער בליי. אפילו די בערג, וואָס האָבן געשטאַרט אין די הימלען, האָבן פון וויטנס אויסגעזען ווי איינגעהילט. אַ געדיכטער גרויער נעפּל איז געהאָנגען איבער זיי.

מיט אַ מאָל האָט אַ ווינט זיך צעיאָמערט. דער הימל איז געוואָרן געדיכטער און טונקעלער און עס איז געוואָרן דעמפּיק. עס האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ רעגן.

מנחם האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן פון צווישן די בייטן. ער האָט פון גאַנץ פרי שוין איבערגעריסן די מייערן. איצט האָט ער מיט דער לינקער האַנט זיך געמאַכט אַ דעקל איבער די אויגן, געקוקט אין די בערג אַריין.

אַ ווײַלע האָט ער באַטראַכט די בערג־שפּיצן. איבער זיי האָבן געשוועבט פולע שווערע וואָלקנס. ער האָט אָפּגעאָטעמט, אויסגעגליכן זיך דעם רוקן נאָך דער אַרבעט, איבערגעוואָרפן איבערן קאָפּ די פאָלעס פון זיין מאַרינאַרקע און מיט שווערע טריט אַ לויף געטאָן צו זיין הויז.

ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר און שטיין געבליבן אויף דער טאַראַסע. ער האָט געציטערט פון קעלט, האָט פון זיך אַראָפּגעצויגן די דורכגענעצטע מלבושים און די שווערע גומענע שטיוול, באַקלעפּטע מיט נאַסער ערד, אָנגעטון גרינע, לייוונטענע הויזן, אַ גראַנאַטענעם שפּענצער און אין די לאַטשן אַריין אין שטוב.

די אויסגעוואַרעמטע שטילקייט האָט אים אַרומגענומען, אַרומגעהילט. ער האָט דערפּילט די רו. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט אַוועקגעשטעלט זיין רעכטן עלנבויגן אויפן פּאַראַפּעט און זיך אָנגעלענט אויף אים. ער איז געווען נידעריק, ברייטבייניק, געהאַט אַ קיילעכיק־פלײשיקן קאָפּ, געדיכט באַוואַקסן מיט שאַטיגענע האָר. זיין שטערן איז געווען הויך, אויסגעביילט און גלאַט ווי אַ פּאַר־מעט, אָנגעצויגן. פון אונטערן שטערן און דיקע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט טיף־איינגעפאַסטע, שאַרפע, ברוינע אויגן. זיינע דיקע ברייטע ליפּן האָבן געפּיקט פון דער פייקע און אַרויסגעלאָזט שוואַרצע קנוילן רויך. די ברייטע נאָזלעכער פון זיין קורצער, דיקער נאָז האָבן ביי יעדן פּיק, וואָס ער האָט געטאָן, זיך נאָך מער צעצויגן, אים געזעטיקט מיטן טאַבאַק־רויך.

ער האָט געקוקט דורך די פאַררעגנטע שויבן, געזען ווי דאָס וואַסער רינט פון די בערג, ווייקט אַדורך די ערד און פילט אויס די פלוסן. ער האָט זיך געפרייט וואָס די טראָפּנס פאַלן אויף דער ערד און זעטיקן זיינע פעלדער, וואַשן דיביימער־בלעטער און דאָס גרינס. ער האָט געזען ווי די בייטן שוועלן אויף ווי זיי זאָלן יערן, ווערן ווייך, די ערד ווערט פולכנע.

ער איז געשטאַנען און באַטראַכט די טשערעדע ציגן אויפן הויף, ווי איין ציג לייגט אַריבער איר קאָפּ איבער דער אַנדערער, טוליען זיך איינע צו דער אַנדערער, וואַרעמען זיך, דרימלען. ער האָט געזען ווי די הינער אין די שטייגן שטייען אויף איין פוס מיט איבערגעקערטע אייגלעך, אַראָפּגעלאָזטע פליגל און קוואָקען פלעג־מאַטיש קאָ־קאָ־קאָ. ער האָט אויך אָנגעקוואָלן ווי ברק, דער הונט זיינער, ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן, באַהאַלט זיך אויס פון רעגן אין זיין נאָרע, ליגט אויסגעצויגן פויל מיט די פיס אַרויף און זיין וויס־האָריקער בויך באַוועגט זיך ריטמיש. ער האָט געזשמורעט די אויגן, געשפּירט ווי דאָס בלוט פליסט אין זיינע אָדערן — געפילט די שטילע ווינטער־רו אַרום זיך.

אַ שטיל און דין קול א־ה־ה! האָט אים אַרויסגענומען פון זיין פאַרטראַכטקייט. מיט שווערע, נאָר שנעלע טריט, איז ער צוגעגאַנגען צום פירקאַנטיקן קויש, אין וועלכן עס איז געלעגן זיין צוויינט קינד. ער איז שטיין געבליבן איבער אים מבולבל, אומבאַהאָלפן, געפינטלט מיט די אויגן, געווישט זיך מיט דער צונג די ליפּן און די פּייקע האָט זיך אים געטרייסלט אין מויל. זיינע ברייטע, אויסגע־אַרבעטע מיט אָדערן באַצויגענע הענט האָבן זיך געפּאָרעט, געוואָלט העלפן דעם קינד, אָבער געווען אומבאַהאָלפן.

אַ ווייכע פרויען־שטים האָט אים אַרויסגענומען פון פאַרלעגנהייט:

מאיר...

עס איז אַריינגעקומען אַ דיקע, מיטלוועקסיקע פרוי אין אַן אויסגעפּאַסט קרעטאָן־קלייד און הילצערנע טרעפּעס אויף די פיס. זי האָט גענומען דאָס קינד אין אירע דיקע אָרעמס און האָט דערביי אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, פאַרוואָרפן אירע פעך־שוואַרצע אונטערגעשוירענע האָר. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיטן קינד אויף דער שויס און אים געגעבן די ברוסט.

מנחם איז געשטאַנען אַ ווײַלע, באַטראַכט דאָס קינד און די מוטער, וואָס האָבן איבערגעריסן די שטילקייט אין שטוב. באַלד אָבער האָט ער אַ צי געטאָן מיט די ליפּן, שנעל זיך פאַררויכערט די אויסגעלאָשענע פּייקע. ער האָט אַ שפּרייז געטאָן אין דער זייט, זיך צוגערוקט אַ בענקל און זיך אַוועקגעזעצט מיט אויס־געשטרעקטע פאָר זיך פיס.

ער איז געזעסן אָנגעלענט אויף הינטן, די אויגן פאַרמרוזשעט, געצויגן די פּייקע און אַרויסגעלאָזט פון מויל קנוילן רויך, זיך אָנטציקט מיט דעם קליינעם מויל, וואָס האָט מיט אייפער געצויגן דעם רויטן וואָרצל פון דער מוטערס פולער ברוסט. מנחמס מויל האָט זיך אָנגעפילט מיט סלינע, אין קעל איז אים געוואָרן טרוקן. זיין אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט. אַ וואַרעמקייט איז זיך פונאַנדער־

געגאַנגען אין זיין שווערן, אויסגעהאָרעוועטן קערפּער. ער האָט דערפילט מידקייט, תּאווה.

טראָפּנס רעגן האָבן געפּויקט אויף די שויבן. דער מוטערס אויגן זענען געווען איינגעקוקט אינעם קינד, ווי עס זויגט איר ברוסט־וואָרצל, מלאַסקעט מיט די קליינע ליפּן. איבער דער שטוב איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אַ הילכיקער שנאָרך. מנחם איז געשלאָפן.

שטיל־לעבן

די זון איבער ירקונה האָט צוריקגעצויגן אירע לעצטע שטראַלן, באַפרייט דעם הימל פאַר דער לבֿנה, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן פון הינטער די בערג. באַלד איז אַלץ געוואָרן אַרומגעקרייזט מיט דער אָנקומענדיקער נאַכט.

די בלומען אוןביימער האָבן אָנגעהויבן עפענען זייערע בלעטער, פרייער אָטעמען זייער אייגענעם ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופט און אָנגעפילט די סבֿיבֿה. די קי אין שטאַל האָבן געמעקעט, געוואָרט מען זאָל זיי אויסמעלקן. די הינער, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך צונויפקומען, אויסזדרן זיך אין די שטייגן, האָבן געקוואָקעט.

דוד האָט זיך אומגעקערט פון פעלד רייטנדיק אויפן פערד.

ווי נאָר ער איז דורכגעריטן דאָס טויער פון זיין הויף איז ער אַראָפּ פון פערד און געלאָזט עס אַליין צוגיין צום שטאַל. באַלד האָט ער אַ שפּרייז געטאָן איבער אַלע טרעפּ און איז פאַרשוווּנדן אין דער טיר.

„שלום!" — האָט ער כּמעט אויסגעשריגן מיט זיין שטאַרקער שטימע, איבער־טרעטנדיק די שוועל פון שטוב.

„שלום וברכה!" — האָט אים געענטפערט ברכה און אויפגעהויבן איר קאָפּ פון דער פיילע גויאַוועס, וואָס זי האָט געשווענקט. זי האָט אים איינע אַריינגע־לייגט אין מויל צו פאַרזוכן. ער האָט געקייעט מיטן גאַנצן כּוח פון זיינע שטאַרקע געזונטע ציין, צאַרט אַרויפגעלייגט אויף איר זיין שווערע אויסגעאַרבעטע האַנט און גוטמוטיק ווי אַ ייִנגל זיך געפרעגט אויף אראלהן.

ברכה האָט פאַרוואָרפן איר קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר, האָט אויפגעדעקט איר ברייטן שטערן פון אונטער וועלכן עס האָבן אַפּירגעקוקט צוויי גרויסע, קלוגע אויגן:

„אראלה איז היינט געווען אַ גוט קינד, האָט זיך געשפּילט און געגעסן. פאַרן שלאָפן גיין האָט זי געבעטן דעם טאַטן זאָגן שלום".

דודס זון־פאַרברענטע קנייטשן אַרום זיינע אויגן זענען אויף אַ מינוט ווייכער געוואָרן. פון פרייד האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש מיט זיין ברייטער האַנט־

פלאַך. די טעלער און די כלים האָבן געענטפערט מיט אַן אָפּהילך. ער האָט אַראָפּגערוקט דעם קאָפּעליוש איבער די אויגן און איז אַרויס אין הויף. ברכה האָט דורך דער אָפענער טיר אים נאָכגעקוקט ביז דיביימער־צווייגן האָבן אים פאַר־שטעלט, האָט איבערגעריסן דאָס שווענקען די פּרוכט, אַנגעצונדן דעם פּרימוס און גענומען גרייטן אָוונטברויט.

ווען דוד איז אַרויס אין הויף איז דאָס פערד שוין געשטאַנען אומרויִק, געקלאַפּט מיט די פיס, געגראָבן אונטער זיך די ערד און מיט די צעשפּרייטע נאָזלעכער געשמעקט דעם פרישן גראָז־ריח. דוד האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין דער ברוסט, דאָס פערד האָט זיך צעהירזשעט, געגלעט זיין האַנט מיט זיין ווייכער סאַמעט־נאָז. באַב, ווי נאָר ער האָט דערזען דודן, איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער בודע, געשפּרונגען, געדרייט זיך אויף דער קייט, געסקאַמלעט, געוואָלט צו אים לויפן, זיך לאַשטשען פאַר אים. דאָס פערד האָט זיך אַנידערגעלייגט, האָסטיק זיך איבערגעקערט מיט די פיס אַרויף און אויסגעריבן זיין פעל אין דער ערד. אים אַרום איז געשפּרונגען באַב, אויף אים געשטשערעט די ציין און געבילט אויף אים פון ווייטנס.

דוד האָט אויסגערייניקט די שטאַל, פאַרלייגט אין זשלויב די פריש־געשני־טענע וויקע, וואָס ער האָט געברענגט פון פעלד, אָפּגעשפּריצט מיט דעם שלאַוך, אָפּגעוואַשן דאָס פערד און אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּאַשלאַדעק. דאָס פערד איז אַליין אַריין אין שטאַל. באַב איז געלאָפן אַרום דודן מיט אַן אַרויסגעהאָנגענער צונג, זיך געלאַשטשעט צו אים און געברומט פון פרייד. גייענדיק האָט דוד פאַרדרייט די וואַסער־קראַנען, זיי זאָלן נישט טראָפּן. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק צו דער הינערשטייג און פאַרהאַלטן באַבן וואָס האָט שוין געשפּיצט די אויערן, ער זאָל זיי נישט צעיאָגן. ער האָט אויך אַ קוק געטאָן צו די קי, וואָס זענען געשטאַנען מיט צעקראַטשעטע פיס און מיט פולע אייטערס. די פאַדערשטע קו האָט צו אים אויסגעשטרעקט איר גרויסן קאָפּ, אים אָנגעקוקט מיט אירע גוטמוטיקע אויגן, אים געלעקט זיינע הענט מיט איר לאַנגער צונג, ווי זי זאָל זיך בעטן, מען זאָל זי אויסמעלקן. דוד האָט אַ גלעט געטאָן איר שטערן, איר דערוויייל אונטערגערוקט אַ הויפן גראָז, זי זאָל קייען און געגאַנגען ווייטער. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן די ערד, געוואָלט וויסן, צי ביינאַכט וועט אַראָפּ אַ טוי און איז אַריין אין שטוב.

באַב, וועלכן דוד האָט איבערגעלאָזט אויפן הויף, ער זאָל היטן ביינאַכט, איז אַ ווײַלע געשטאַנען הינטער דער טיר, געשאַרפט זיינע נעגל אין דער ערד און באַלד גענומען לויפן איבערן הויף זוכן קעץ, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַריבער־שפּרינגען דעם פּלויט.

דוד האָט זיך אָפּגעטושט, אָפּגעשווענקט דעם שווייס און שטויב פון גאַנצן טאָג. ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ ריין לייבל, קורצע הויזן און אַ באָרוועס־סער זיך געזעצט צום טיש עסן. ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט, אויסגעליידיקט איין טעלער נאָכן אַנדערן ביז אַ הילכיקער גרעפּץ האָט צו וויסן געטאָן, אַז זיין

מאָגן איז פול. ער האָט פאַרטרונקען מיט קאַלט וואַסער פון דער דזשאַרע און אַ רויִקער זיך געזעצט לייענען די צייטונגען און באַלד האָט ער דערפילט אַ מידקייט אין קערפער. די צייטונג האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון האַנט. ער איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט און פאַר זיך געזען די וואַרעמע שטוב פון די עלטערן: די גוטינקע מאַמע, די שיף וואָס האָט אים געברענגט אין לאַנד, דעם גדוד העבודה, דעם צמח־טבריה־וועג, די יאָרן, וואָס ער האָט געאַרבעט אין גליל ביי די פויערים. פאַמעלעך, שווער איז ער אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום שפיגל. זיינע האָר־שלייפן האָבן זיך אים שוין געגרויט. ער איז אַריין אין שלאָפ־צימער און געבליבן שטיין איינגעקוקט אין ווייסן בעטל.

ברכה האָט אים געטראָפן שטיין איינגעקוקט אין פנימל פון אראלה, וועלכע איז מיט פאַרוואָרפענע איבערן קעפל הענטלעך, געשלאָפן און רעגלמעסיק גע־אָטעמט. זי האָט זיך אָנגעלענט אויף זיין אַקסל. דוד האָט דערפילט די וואַרעמ־קייט פון אירע ברוסטן. ער האָט זי צאַרט אַרומגענומען מיט זיינע שטאַרקע הענט.

אַ שטילער געמעק פון אַ נאָר וואָס אויסגעמאָלקענער קו האָט זיי געזאָגט: אַ גוטע נאַכט. אין די פענצטער פון די נאָענטע הייזער האָבן געצאַנקט פלעמלעך, געפירט נאָך זיך שאָטנס און געשראָקן די שאַקאַלן, וואָס האָבן געיאָמערט אין די פעלדער. אַרום די הייזער זענען געשטאַנען די ברושים, געשטאַרט צו די הימלען און באַוואַכט די נאַכט־שטילקייט אין דאָרף.

תאווה

דער אויטאָ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אַראָפ פון וועג, אויף וועלכן דער שאָפער האָט אים געפירט. די רעדער האָבן זיך געגראָבן וואָס אַ מאָל טיפער אין זאַמד. דער מאָטאָר האָט געקרעכצט און געקאָכט, ביז ער איז אַראָפגעפאָרן אויפן ברעג פון טויטן ים, וואָס האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון לעבן. זיינע שווערע וואַסערן האָבן אָנגעהויבן שטורעמען, לויפן צום ברעג, ווי זיי זאָלן וועלן אַריינכאַפן דעם אויטאָ.

איבער די בערג אַרום, מיט זייערע צעקרישלטע שטיינער, וואָס שטאַרן ווי אָפגענוצטע ציין, האָט גענומען ווייען אַ שטאַרקער, הייסער ווינט. נאָר די אָנגע־קומענע אַרבעטער, האָבן דערויף נישט געלייגט קיין אַכט, זיי האָבן אויסגעלאָדן דעם אויטאָ און באַלד גענומען פאַר זיך בויען ווויין־באַראַקן, אַ קיך און אַ לאַנגע טעראַסע באַדעקט מיט אַ דאַך. דעם פאַס ערד צווישן ים און ברעג האָבן זיי געמאָסטן און געטיילט, אפילו אַריינגעגאַנגען אין ים מיט זייערע פלעקער, וואָס האָבן אָנגעצייכנט דאָס בויאָרט פאַרן האָטעל. די באַרג־מענטשן, אַראַבער, וואָס זענען אַראָפגעקומען צו דער אַרבעט, האָבן באַטראַכט און באַוואונדערט די יידנס

באַראַקן און נישט געוואַגט צוצוגיין צו זיי. ערשט נאָך דער אַרבעט, פאַרנאַכט זענען זיי אַרויסגעקראָכן פון זייערע שמאַטע־געצעלטן, זיך איינגעהילט אין די אַבאַיעס, פאַרפלאָכטן זייערע אָרעמס אָדער זיך געהאַלטן ביי די הענט און געזוכט איבער די פעלדער פון וואַנען עס קומען די קלאַנגען.

פרייטיק פאַרנאַכט, ווען דער הייסער חמסין־טאָג האָט זיך געענדיקט און פון די בערג האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ מילדער ווינט, האָבן די אַראַבער אָפּגעאָטעמט פון דער היץ. זיי האָבן אויסגעטאָן זייערע קאָפּ־טיכלעך, זיך צעקעמט, צוריק אַרומגעוויקלט די קעפיעס איבער די קעפּ און ווידער אַרויס פון זייערע געצעלטן הערן, פון וואַנען קומט עס די מוזיק. זוכנדיק זענען זיי פאַרגאַנגען ביז צו דער טעראַסע און געהערט ראַדיאָ. די יידן האָבן פאַרבעטן די אַראַבער צום טיש. זיי האָבן נאָר געדאַנקט, זיך געבוקט, געווען נישט דרייסט און געוויזן מיט דער האַנט, נייך. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ ראָד אויף דער ערד און געהערט די טאַנץ־מוזיק. זיי האָבן באַטראַכט דעם קאַסטן, געזוכט, צי עס שטייט נישט ווער הינטער אים און שפּילט. ווען אסתר האָט געענדיקט די אַרבעט אין קיך און איז אַרויס אויף דער טעראַסע אין קורצע הויזן, מיט נאַקעטע היפּטן, האָבן זייערע אויגן ווילד זיך צעפלאַמט און זיי האָבן געקריצט מיט די ציין, נישט געקענט זיך באַהערשן.

שאול, וואָס איז געזעסן אין דער זייט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, האָט זיך געכאַפּט וואָס עס קומט פאָר. ער האָט שנעל איבערגעדרייט דעם ראַדיאָ־קנאָפּ אויף ירושלים, ווו מען האָט טראַנסמיטירט דעם קאָראַן. די אַראַבער, ווי עס וואָלט דורך זיי אַדורך אַן עלעקטרישער שטראָם, האָבן פאַרגעסן אין אַלעם. זיי זענען געפאַלן אויף דער ערד, זיך געבוקט און געמורמלט: „נישטאָ פאַר אַללאַן קיין באַהאַלטנס״.

ווען מען האָט געענדיקט לייענען דעם קאָראַן, זענען זיי פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען, האָבן צוזאַמענגענומען די פאָלעס פון די אַבאַיעס און ווי פאַרשיכורטע ווידער זיך געבוקט און געדאַנקט מיט אַן איבערגעלייגטער איבערן האַרץ האַנט און זענען שטיל אַוועק.

זיי זענען געגאַנגען און אין וועג נישט אויסגערעדט קיין וואָרט איינער צום אַנדערן. זיי זענען אַריין אין געצעלט, נישט אָנגעצונדן די אייל־קנייטלעך ווי שטענדיק, און אין דער פינצטער זיך געלייגט אויף זייערע געלעגערס. אָבער קיינער פון זיי איז נישט געשלאָפן, נאָר זיך געוואַלגערט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, ביז סאַיד האָט מכריז געווען ווי פון חלום: „שעלאַביאַ״. כאַסאַן האָט אים געענטפערט מיט אַ הייזעריקער האַלדז־שטימע: „אייוואַ, אייוואַ!״ און אַ קנאַק געטאָן מיט צוויי פינגער פון אַנטציקונג.

אין געצעלט האָבן נישט אויפגעהערט צו שוועבן ליכטיקע געשטאַלטן פון מיידלעך מיט נאַקעטע ברוסטן און אָפּגעדעקטע קני.

קאַפּיטאַן זביגניעוווסקי

דער טאָג איז שוין געווען אין זייַן פולן פּאַרנעם און די ערד איז שוין געלעגן אָפּגעהילט, די פעלדער האָבן געגרינט. בלויז די רוקנס פון די יהודה־בערג, וואָס האָבן פון ווייטנס געשטאַרט ווי זיי זאָלן קלעמען די טאָלפלאַך, זענען געווען באַדעקט מיט אַ מילדן נעפּל, ווי אַ שטיק בלויער לויטערער הימל זאָל זיך האָבן אָפּגעריסן און זיי צוגעדעקט.

דער מיליטערישער קעמפּ אין טאָל איז שוין געווען וואַך. די צעוואָרפענע געצעלטן זענען מערסטנטייל געווען ליידיק און די זעלנער אין פּוילישע מונדירן זענען געווען צעשפּרייט איבער די פעלדער און געאיבט אונטער דער אויפזיכט פון אַן אָפיציר. קאַפּיטאַן זביגניעוווסקי איז אַרויס פון זיין געצעלט און אַ שפּרייז געטאָן מיט אַ פעסטן טראָט, גאַרנישט לויט זיינע עטלעכע־און־־פערציק יאָר און איבערלעבענישן אין דער וועלט־מלחמה. די ברוסט איז ביי אים געווען באַהאָנגען מיט כל מיני מעדאַלן, אויסצייכענונגען פאַר זיינע העלדן־טאַטן און צוגעגעבן נאָך מער חשיבות זיין ברייטבייניקער געשטאַלט. זיין קאַנטיקער קאָפּ, שוין צוגע־גרויט ביי די שלייפן, מיטן הויכן, פלאַכן שטערן ווי אויסגעטעסעט, איז געזעסן אויף אַ דיקן האַלדז, ווי אויסגעוואַקסן פון די אַקסלען. די אויגן זיינע האָבן געקוקט מיט אַ שאַרפן שטאָלענעם בליק, האָבן זיך שנעל באַוועגן, געזוכט אַרום זיך אַלץ, נאָר נישט זיין לינק אָפּגעשניטן אויער און די שראַמען אויף זיין פּנים — שלאַכט־וווּנדן.

ער איז געגאַנגען מיט די אויסגעטראָטענע פעלד־שטעגן צום הויפּטוועג. ערשט ביים אויסגאַנג־טויער ווו עס איז געשטאַנען דער וועכטער, אַ זעלנער מיט אַן אויפגעפלאַנצטן אויף דער ביקס באַגנעט, האָט ער זיך געגומען אַרומקוקן. זיין שטערן האָט זיך פאַרצויגן מיט קנייטשן און זיין פּנים האָט באַקומען אַן אויסדרוק פון פאַרלעגנהייט. ער האָט געטראַכט: ווו וועט ער פאַרברענגען זיין זיבנטאָגיקן אורלויב?

ער האָט געהאַט הינטער זיך אַ שווערע ים־רייזע און אַ האַלב יאָר געפאַנגען־לאַגער אין רומעניע, נאָכן ריקצוג ביים איבערגיין די גרענעץ.

עס איז אָנגעפאָרן אַ מיליטערישער לאַסט־אויטאָ און דער שאָפער האָט אים אַ פרעג געטאָן מיטן פּוילישן צעצויגענעם אַקצענט:

תל־א־ה־ה־ביב?

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ און געלאָזט זיך פירן אויפן וועג קיין תל־אביב.

די עמק־ערד, האַלב גרין, האַלב פאַרסמאַלעט פון דער גלייקער זון, צעריסן מיט טיפע שפּאַלטן. סטאַדעס ציגן און שעפסן האָבן געמעקעט און מיט לאַנגזאַמע טריט געזוכט אַ גרעזל. די ביימער אין די פּרדסים באַלאָדענע מיט מאַראַנצן, האָבן אין דעם זונגלימער זיך געריפט און געשאָטן אין דער סביבה אַ גאָלדיקן שימער.

דער קאַפּיטאַן האָט געגאַפּט דעם גאַנצן וועג און נישט באַמערקט, ווי דער אויטאָ איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט. ערשט ווען דער שאָפער האָט אַ זאָג געטאָן אויפן קול: תל־אביב! האָט ער אויפגעוואַכט, דערזען אַ גאַס הייזער פאַר זיך, האָט ער געהייסן אָפּשטעלן דעם אויטאָ און איז אַרויסגעשפּרונגען.

פון דער ברייטער גאַס האָט אויף אים אַ ווי געטאָן אַ שטאָטישע דעמפּיקייט. די הייסע זון האָט געבאַקן, געהיצט. קאַפּיטאַן זביגניעוועסקי איז געשטאַנען פאַררוקט הינטער אַ מויער. זיינע גרויע אויגן האָבן איצט שנעל זיך באַוויגן, געקוקט, געזוכט און זיך נישט אָריענטירט. נאָר אַז ער האָט פאַר זיך דערזען זיין אייגענעם לאַנגן, אויסגעצויגענעם שאָטן, האָט ער אויפגעציטערט, ווי איבערגעוועקט זיך און זיך געלאָזט גיין לענגאויס מיט דער אַלענבי־גאַס.

ער איז געגאַנגען מיט קליינע נישט זיכערע טריט, ווי ער זאָל זיך שרעקן. פון מורא האָט ער כסדר זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, באַטראַכט יעדע זאַך אין דער יידישער שטאָט. ער האָט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן. זענען דאָס די יידן פון די קרעסן און קאָנגרעס־פוילן? ווען ער האָט דערזען פאַרשוויצטע יידן, פאַרברענטע פון דער זון טראָגן אויף די פּלייצעס ציגל, גראָבן, לייגן קאַנאַליזאַציע־רערן, פאַרריכטן און פלאַסטערן אַספאַלט־וועגן, איז ער שטיין געבליבןביים סוף גאַס און זיך אַליין געפרעגט: וווּ איז דער קרעמער פונעם אייזערנעם טויער, פון די נאַלעווקעס?

מיט פאַמעלעכע טריט, כמעט נאַכלעסיק, ווי אַ זקן, איז ער אַוועק לענגאויס דעם ים־ברעג. אים האָט זיך געדאַכט, אַז יעדע וואַסער־כוואַליע, וואָס קומט צום ברעג, ברענגט אים אַ גרוס פון אַמאָליקע צייטן, פון זיין גוט, נישט ווייט פון דער פוילישער הויפּטשטאָט, דעם שלאָס, וואָס זיינע עלטער־עלטער־זיידעס האָבן מיט פיר הונדערט יאָר צוריק אויסגעבויט; פון זיינע פויערים, וואָס טראָגן גרויסע, טיפע שטיוול און טוכענע סוקמאַנעס; פון דער קירכע, וואָס זיין עלטער־עלטער־זיידע האָט געבויט; פון דער קאַפּליצע, וואָס ער האָט אויסגעבויט צום אָנדענק און זעליקייט פון דער מוטערס נשמה און געמיינט מכפּר צו זיין אויף זיינע זינד, וואָס ער האָט נישט חתונה געהאַט לויט איר פאַרלאַנג. ער האָט געזען וואַרשע: פּאַרקן, גאַסן און אַלייען, געסלעך און קאַפע־הייזער. ער האָט זיך דערינערט אין די דעבאַטעס איבער געלט־בודזשעטן, געזעצן און באַגרענעצונגען פאַר די יידן. ער האָט דערזען זיין פּולק אַרויסמאַרשירן פון די קאַשאַרן צום פראָנט. די שלאַכטן, דערנאָך דעם כסדרדיקן ריקצוג ביז דער גרענעץ, וווּ ער און די שטאַבן זענען אַריבער קיין רומעניע.

מיט אַ מאָל האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. אַרום אים איז געוואָרן פינצטער. די פיס האָבן זיך אונטער אים געבראָכן. ער איז אַריין אין ערשטן קאַפע־הויז אויפן וועג און זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַן אומבאַוועגלעכע משא אויף אַ בענקל ביי איינעם פון די טישלעך. ווען די קעלנערקע, אַ סימפּאַטישע ברונעטקע מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, האָט זיך פאַר אים פאַרנייגט, האָט ער אין פראַנצויזיש, סאַפּענדיק שווער, געבעטן עפּעס טרינקען. זי האָט אים אָפּגע־

מאָסטן און שנעל דערלאַנגט אַ גלאָז מיץ און אין פּויליש געבעטן אים באַצאָלן. ער האָט כמעט אַ קרעכץ געטאָן פון ווייטיק און פרייד, די הענט האָבן אים געציטערט.

ער איז אויפגעשטאַנען און אַרויס אויף דער גאַס, קוים זיך צוגעשלעפּט צו אַ טאַקסי און געהייסן זיך פירן קיין ירושלים צום קבר פון הייליקן.

דעם גאַנצן וועג איז זביגניעוווסקי געלעגן איבער דער ברייט פון געזעס, מיט אַן אָפן מויל און פאַרמאַכטע אויגן. זיינע שלייפן האָבן געהעמערט און פון מאָל צו מאָל ווען פון די בערג האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל, האָבן זיך זיינע נאָזלעכער אַ ביסל צעשפּרייט. ווען דער שאָפער האָט אָנגעהויבן זיך אַדורכקריגן דורך די שמאָלע געדריייטע געסלעך אין דער אַלטשטאָט און איז שטיין געבליבן נישט ווייט פון דער אַריסטאָן־גאַס, האָט ער געבעטן דעם אָפיציר ער זאָל אויס־שטייגן. זביגניעוווסקי האָט אים אָנגעקוקט, ווי ער זאָל זיך האָבן איבערגעוועקט פון אַ שווערער קראַנקייט. ער איז אויסגעשטיגן און זיך געלאָזט גיין מיטן שמאָלן געסל.

ער האָט קוים געשלעפּט זיין קערפּער, ווי ער זאָל זיין פון בליי. דער שאַרבן האָט אים געדריקט ווי אַ שווערע משא. ער האָט געזען אַרום זיך פאַרשידנפאַרביקע מענטשן; פאַרשידנאַרטיקע קירכן, אויך פּוילישע אָפיצירן. ער איז געגאַנגען אָפּגעזונדערט, ווי אַ לונאַטיקער. אַ נידעריקער גלח האָט אים פאַרהאַלטן און אים געבעטן, ער זאָל באַזוכן דאָס קבר פון „מאַריאַ אויגוסטאַ“, וועלכע האָט מיט אירע צעפּ געוואַשן די פיס פון ישו.

שנעל, ווי ער זאָל וועלן פּטור ווערן פון דער שווערער משא, וואָס האָט געדריקט אויף אים, איז זביגניעוווסקי אַראָפּגעלאָפן מיט די ברייטע טרעפּ אין דער קירכע. אַ צעטומלטער איז ער צוגעפאַלן צום קבר, זיך אָנגעלענט אין איינעם פון די פילאַרן און מיט אַ געבראָכענער שטימע אַ יאָמער געטאָן:

„אָ, גאָט, האָרך אויס דאָס געשריי פון מיין פאַרשמאַכט פאָטערלאַנד!“

איבער זיין פּנים זענען גערונען טרערן.

אַ מיטלוואוקסיקע יונגע פרוי אין אַ גרויען קאָסטיום, גרויען ספּאָרט־הוט, אין ברילן געפאַסטע אין אַ גאָלדענער ראַם, איז געשטאַנען אין דער זייט און האָט מיט אַ מאָל אויך אָנגעהויבן וויינען.

זביגניעוווסקי האָט זיך צו איר געוואַנדן:

„פאַרשטייט איר פּויליש?“

די פרוי האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשאָקלט אויף ניין. זי האָט בלויז נישט געקאָנט זען ווי אַזאַ שיינער, געזונטער מאַן וויינט ווי אַ קליין קינד.

„וויין נישט“ — האָט ער זיך ביי איר געבעטן אויף פּויליש.

די פרוי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ פּאָר קלוגע אויגן האָבן אָנגעקוקט דעם פּוילישן קאַפּיטאַן:

„איך בין אַ ייִדישקע — האָט זי שטיל געזאָגט — אייער געוויין האָט מיך גערירט“...

איבערגאַנג

איבער די גאַסן פון בערלין האָט זיך באַוויזן די געסטאַפּאָ. פאַר די געשעפטן פון די יידן זענען געשטאַנען פּיקעטן, וואָס האָבן געהיטן, אַז דייטשן זאָלן אין זיי נישט אַרייגגיין. אין לעדער־געשעפט אויף דער פּאָסט־שטראַסע, אויף וועלכן עס איז געהאַנגען אַ געל געפּאַרבטע שילד מיט גרויסע אותיות, „בייל״ איז די לאַגע געוואָרן אַן אָנגעשטרענגטע. די קליענטן און די אָנגעשטעלטע האָבן זיך אָנגעהויבן באַציען מיט ביטול צום הער בייל, זיך נישט באַציגן מיט כבוד צו אים ווי אַ מאָל צו דעם אייגנטימער פון לעדער־געשעפט און פון דער אַכט־שטאָקיקער געביידע.

הער בייל האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די געשאַפענע לאַגע און באַשלאָסן ליקווידירן די געשעפטן. ער האָט אַלץ פאַרקויפט און מיט ווייב און טאָכטער פאַרלאָזט די שטאָט, געפאָרן קיין פּאַריז, ווו ער האָט געהאַט געשעפטן און באַנק־קאָנטעס נאָך פון אַ מאָל. לאַנג האָט ער זיך אין איר נישט אויפגעהאַלטן. ער האָט איינגעאָרדנט די ענינים, חשבונות, צוזאַמען מיט דער פאַמיליע באַזוכט די שטאָט, די מוזייען, געזען אַ פּאָר טעאַטער־פאָרשטעלונגען און זיך געזעגנט מיט די באַקאַנטע, אָפּגעשוווּמען זען אַנדערע לענדער, צווישן זיי אויך דאָס לאַנד פון דער יידישער גראָס־פּראָפּאַגאַנדע „פּאַלעסטינאַ״, ווו ער האָט געהאַט אַלטע באַ־קאַנטע פון אַ מאָל.

שוין עטלעכע מאָנאַטן ווי די פאַמיליע בייל פאַרברענגט געמיטלעך אין תל־אביב. גייען צו דער פּלאַזשע און זיצן אין די קאַפעען. הער בייל לייענט די פאַרשפּעטיקטע דייטשע ציטונגען. ער טראַכט שוין וועגן אומקערן זיך צוריק קיין אייראָפּע, נאָר רודל וויל נישט הערן דערפון. זי וווּנדערט אַן אַלע אירע כוחות אַריינצודרינגען אינעם לעבן דאָ. זי באַזוכט די קאָלאָניעס, גייט אין טעאַטער, קומט אויף אימפּרעזעס, כאָטש זי קען נישט קיין עברית.

די זון איבער דער שטאָט גליט שוין פון גאַנץ פרי. די מענטשן וואָס אַרבעטן נישט און די מאַמעס מיט זייערע האַלב־נאַקעטע קינדער אין די שפּאַציר־וועגעלעך שטראָמען צום ים־ברעג זיך באָדן. אויך רודל איז צווישן זיי. זי טראָגט אַ כאַלאַט איבערן באָד־קאָסטיום. אויפן וועג צום ים האָט זי זיך פאַרהאַלטן. אַ גרויסער אַפיש מיט געדיכטע רויטע בוכשטאַבן, וועלכן זי האָט נישט געקאָנט דורכלייענען, האָט זי פאַרהאַלטן. זי האָט געוואָרט ביז עס איז צוגעקומען אַ מענטש אין די מיטליאָרן מיט אַ סימפּאַטישן אויסזען. ער האָט דורכגעלייענט דעם פּלאַקאַט און איבערגעזעצט דעם אינהאַלט: „היינט הייבט זיך אָן אין דער הסתדרות די רעגיסטראַציע פון אַרבעטער און אַרבעטערינס צום „בציר״. זי האָט שוין נישט אויסגעהערט וואָס ער האָט געלייענט ביזן סוף. זי האָט אַ שפּרונג געטאָן און איז אַוועק. זי איז געלאָפן אין איר באָד־קאָסטיום אין רויטן הויז זיך פאַרשרייבן.

רודל איז אַריין אין שטוב אַ שטראַלנדיקע. אירע בלאָנדע, צעוואָרפענע האָר זענען געפאַלן איבערן שטערן, איבער די אויגן, וואָס האָבן געקוקט ווי ביי אַ

קאָץ וואָס גרייט זיך אַ שפּרונג טאָן. זי האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר, זיך געזעצט אין דער וויגשטול און דערציילט די עלטערן וואָס האָבן זיך געפּאָרעט אין דער שטוב, אַז זי פּאָרט אין דאָרף אַריין אַרבעטן.

דער פאָטער האָט אַ הויב געטאָן די אַקסלען און אַ בורטשע געטאָן: אַ שטות! די מוטער איז געזעסן און געשאָקלט זיך אויפן בענקל און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון רודלס פינגער.

אין טאָג פון איר אָפּפאָרן זענען די עלטערן אויפגעשטאַנען פרי, זיך געדרייט ביי איר בעט. רודל איז נאָך געשלאָפן.ביידע זענען געווען אָנגעשטרענגט און נישט אויסגערעדט אַ וואָרט איינער צום אַנדערן. זיי האָבן געגרייט רודלען אין וועג אַריין. עס איז געקומען אַ טרעגער, וועלכן דער פאָטער האָט נעכטן נאָך באַשטעלט, מיט אַ האַנט-וועגעלע און אַוועקגעפירט אירע לעדערנע וואַליזעס, וואָס זענען געווען באַקלעפּט מיט האָטעל-צעטלען פון אַ האַלבער וועלט. דער טרעגער האָט זיי אָנגעשטעלט אויפן דאַך פונעם אויטאָ, וואָס האָט שוין געוואַרט ביים „בית-הפועל״, כדי אַוועקצופירן די מאָבילין עירטע אויף זייער אַרבעטס-פּלאַץ. רודל האָט זיך צעקושט מיט די עלטערן. טרערן זענען געשטאַנען אין דער מוטערס אויגן. דעם פאָטער האָט זיך פון אויפרעגונג געשאָקלט דער גוידער און ער האָט געשלונגען דאָס שפּייעכץ פון מויל. ווען דער אויטאָ האָט גערירט, האָט רודל אַ פאָכע געטאָן מיט דער האַנט. די עלטערן זענען געשטאַנען און נאָכגעקוקט דעם אויטאָ, וואָס האָט זיך דערווייטערט, ווי ער וואָלט ביי זיי צוגענומען זייער טאָכטער.

אין דאָרף איז זי געשלאָפן מיט נאָך מיידלעך אויף האַרטע מיט שטרוי אויסגעשטופּטע זעק אין אַ גרויסן אויסגעקאַלכטן באַראַק, וועלכן דער באַלעבאָס פון וויינגאָרטן האָט געגעבן צו זייער דיספּאָזיציע. די פענצטער פון באַראַק זענען אַרויסגעגאַנגען צו דער הינערשטייג. די הינער האָבן יעדן פרימאָרגן זיי געוועקט צו דער אַרבעט.

רודל האָט מיט אירע דינע פינגער געשיקט געשניטן די טרויבן, שנעל אָנגע־פילט די קוישן, וועלכע די בחורים האָבן נישט באַוויזן אָפּרוימען פון וועג, אַוועק־געטראָגן אין שפּייכלער. אומקערנדיק זיך פון דער אַרבעט איז זי שנעל געלאָפן עסן מיט אירע צוויי אַלומיניום-טעלער אין האַנט. נאָכן עסן איז זי שנעל געלאָפן אין באַראַק אַריין זיך איבערטאָן, זי זאָל נישט פאַרשפּעטיקן צו דער „מדורה״ אויף די פעלדער הינטערן דאָרף. די טענץ און געזאַנג האָבן זי געלאָקט. אירע בריוו צו די עלטערן זענען געווען באַגייסטערטע.

פרייטיק, ערב שבת, איז דער „בציר״ איבערגעריסן געוואָרן. אַ פולשטענדיקע רו האָט אַרומגענומען דאָס דאָרף. אין די פעלדער האָבן די אינזעקטן געשפּילט זייער זשום וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער שטילקייט. צומאָרגנס שבת נאָך מיטאָג, ווען מען האָט אַראָפּגענומען די עס-כלים פון די הילצערנע טישן אין דער אַרבעטער-קיך, זענען די טישן פאַררוקט געוואָרן אין אַ ווינקל, איינעם איבער־

געדרייט אויפן אַנדערן און אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ האָראַ, באַגלייט מיט גאַרמאָשקע־מוזיק.

רודל איז געזעסן אויף אַ טיש אין ווינקל און צוגעקלאַפּט מיט די הענט צום טאַקט פון דער מעלאָדיע. מנחם, „דער דזשינדזשי", אַ הויכער, ברייטביייניקער יונג, מיט אַ געדיכטער, צעשויבערטער טשופּרינע און שטאַרקע מוסקולירטע הענט, איז געזעסן איר אַנטקעגן און פון איר נישט אַראָפּגענומען זיין בליק. באַלד האָט ער אַ שפּרונג געטאָן איבערן טיש אַריבער, זי אַרומגענומען אין דער טאַליע און זי אַריינגעשלעפּט אין דער האָראַ.

די האָראַ האָט זיך געענדיקט און ווידער אָנגעהויבן. ער האָט מיט איר געטאַנצט, זי אויפגעהויבן און צוגעטאַמפּעט מיט די שיך, אַז דער באַראַק האָט זיך געטרייסלט. ער האָט מיט איר געטאַנצט ביז עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם און איר קאָפּ איז געבליבן הענגען אויף זיין אַקסל. ער האָט זי גענומען אויף די הענט ווי מען נעמט אַ קינד, זי צוגעטראָגן, אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און זי געקילט מיט זיין היטל. ווען זי איז אַ ביסל געקומען צו זיך, איז ער מיט איר אַרויס שפּאַצירן אויף די פעלדער.

*

הער און פרוי בייל האָבן געוואָלט פאַרלאָזן דאָס לאַנד מיט זיינע יידן, געוואָלט צוריקפאָרן קיין אייראָפּע, זיך באַזעצן אין צירין. רודל האָט אָבער דערפון נישט געוואָלט הערן. אַ נאָכמיטאָג, ווען די עלטערן זענען צוריקגעקומען פון קאַפע נאָך דער נאָכמיטאָג־מאַקקאָ, האָבן זיי באַשלאָסן רעדן מיט זייער טאָכטער, וואָס וועט זיין דער סוף. ווען זיי איז קלאָר געוואָרן, אַז רודל איז אַנטשלאָסן זיי לאָזן אַליין צוריקפאָרן, האָט הער בייל שווער אָפּגעאָטעמט און מיט אַ מוטלאָזער שטימע, ווי אַ רעזיגנירטער אַרעסטאַנט, באַשטאַנען זיך טרעפן מיט מנחמען אין אָוונט אין קאַפע.

רודל איז פאַר פרייד אַרויפגעפאַלן אויף די עלטערן און זיי געקושט.

מנחם איז אַריין אין קאַפע און שטיין געבליבן אַ ווײַלע אין פאַרלעגנהייט. ער האָט זיך נישט געריכט, אַז רודל וואַרט אויף אים מיט אירע עלטערן, נאָר באַלד איז ער צוגעגאַנגען צום טיש. רודל האָט אים פאַרגעשטעלט. דער פאָטער האָט זיך עטוואָס אונטערגעהויבן פון בענקל, פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, אים דערלאַנגט אַ קאַלטע האַנט און געקוקט אַ ברוגזער.

מיט מנחמס אַריינקומען האָט זיך איבערגעריסן דאָס געשפּרעך, ווי אַזוי מען מאַכט אין לאַנד קאַווע. עס האָט זיך פאַרפירט אַ שמועס צווישן הער בייל און מנחמען, וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַ שמועס צווישן איינעם וואָס טראָגט אַ שטייפן קאַלנער און דעם וואָס זיינע העמדער־אַרבל זענען פאַרשאַרצט. ווי נאָר דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן האָט רודל באַלד צוריק אים אָנגעהויבן. זי האָט מיט מנחמען גערעדט איבער דער אַרבעט אין דאָרף. דער פאָטער מיט

דער מוטער האָבן זיך די גאַנצע צייט איבערגעקוקט, באַטראַכט מנחמען פון אונטער די ברעמען און געשאָקלט מיט די קעפּ ווי זיי זאָלן זיין פאַראינטערעסירט אינעם געשפּרעך.

אין אַ מאָרגן. די זון אין בלויען הימל האָט געגליט. די ביימער־בלעטער האָבן געשטאַרט אין דער היץ. דער הער בייל איז געזעסן אין דער טעקסי און באַטראַכט די פעלדער אַרום און יעדע ווילע אויסגעשריגן פון אַנטציקונג: וווּנדערשיין! פאַבלהאַפט! און געשאָקלט מיטן קאָפּ צו מנחמען, זיין צוקונפטיקן איידעם.

זיי זענען געפאָרן אויסקלייבן פּאַסיקע ערד פאַר זייער ווירטשאַפט.

פּרי׳

חברה זענען געלעגן צעלייגט אַרום אַ בוים וואָס האָט מיט די צווייגן זיי געשיצט קעגן דער הייסער נאָכמיטאָג־זון. זיי האָבן גערוט נאָכן עסן. אויך יגאל איז געזעסן מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די קני און געשמאַק געדרימלט. פלוצים האָט אַן אַרבוז־שאָל געטראָפן אים אין פּנים. ער האָט אויפגעריסן די אויגן. אין דער זייט נאָענט צום בוים איז געשטאַנען באַריא און געשטשערעט אויף אים זיינע ווייסע ציין. געלאַכט.

יגאל האָט נאָך שטאַרקער זיך אַראָפּגעצויגן דאָס היטל אויפן קאָפּ און אַ לויף־געטאָן אים כאַפּן. באַריאַ איז שוין געשטאַנען אַ פּאָר ביימער וויטער און צו אים געפּיפן דורך די ציין. יגאל איז צוריקגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט אַ פאַרשעמטער. חברה וואָס האָבן נאָכגעפאָלגטביידן האָבן איצט געשמייכלט צו באַריאַן. יגאל האָט נישט געקאָנט איינזיצן. ער האָט נאָך אַ מאָל זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט, געוואָלט לויפן, אים כאַפּן, אָבער מאיר, וואָס איז געזעסן הינטער יגאלן, האָט אים אָנגעכאַפּט ביים העמד, וואָס איז לויז געהאָנגען אויף זיינע אַקסלען, אים איינגעהאַלטן. באַריאַ איז געשטאַנען פון וויטנס און געלאַכט. יגאל האָט זיך געגרייט נאָך אַ מאָל אַ לויף טאָן, אָבער אין דער רגע האָט פון דער זייט זיך דערהערט דעם פרדסנס באַס־שטימע: „להמשיך בחיים״.

חברה זענען אויפגעשטאַנען, זיך געגרייט צו דער אַרבעט. יגאל האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בייזן בליק אויפן הער זינגמאַן, אים פאַרהאַלטן אויף זיין קיילעכיקן, אַרויסשטאַרנדיקן בויך, וואָס איז ווי אָפּגעשטאַנען און ווי געוווען צוגעהאָפטן צום קערפּער. ער איז געשטאַנען מיטן זייגער אין האַנט, אַכטונג געגעבן, דער גרויסער ווייזער זאָל זיך נישט אַראָפּרוקן פון דער איינס איידער עס הערט זיך דער קלאַנג פון דער טוריע.

יגאל איז געשטאַנען אַ רגע, זיך איבערגעלייגט און פאַמעלעך זיך דערנעענטערט

צו אים מיט פֿאַרביילטע פויסטן. זינגמאַן האָט גענומען זיך צוריקרוקן, אָבער באַלד האָט ער זיך באַהערשט, נישט געוואָלט קאָמפּראָמיטירן זיין פּרעסטיזש און האָט אַ זאָג געטאָן יגאלן:

„שוין פינף מינוט נאָך איינס און דו שטייסט".

יגאל האָט פֿאַרביילט די פויסטן נאָך שטאַרקער און זיי אונטערגערוקט דעם פּרדסן אונטער דער גאָמבע. אין דער רגע האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און איז אַוועק צוריק צו דער אַרבעט. ער האָט געאַקערט און פון כעס די טוריע נאָך טיפער איינגעהאַקט אין דער ערד.

בעת דער הפסקה איז ער געזעסן אין דער זייט, אָנגעלענט אויף דער טוריע און געפירט אַ פינגער איבער דער ווייכער ערד, גלייכגילטיק געצייכנט אויף איר פֿאַרשידענע סימנים, אָבער אויף זיינע שלייפן זענען געווען צווי אָנגעשוואָלענע אָדערן.

פֿאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, ווען חברה האָבן צונויפגעלייגט אין מאַגאַזין די טוריעס, זיך געגרייט גיין אַהיים, האָט דער אויפזעער געוואָרט אויף זיין מאָטאָציקל ביים טויער און אַ רוף געטאָן יגאלן, דערלאַנגט אים דאָס געלט פֿאַר די אַרבעטס־טעג און אים אַ זאָג געטאָן:

„מאָרגן קום נישט צו דער אַרבעט".

ער האָט געוואָרט אויף איבערראַשונג, אָבער יגאל האָט אפילו נישט אַ פינטל געטאָן מיטן אויג. ער האָט דאָס געלט אַריינגערוקט אין דער הינטערשטער הויזנטאַש, אַ שפּיי געטאָן איבערן טויער, צוגעוואָרפן אַ „שלום" דער חברה און אַוועק אין דאָרף.

ער איז געגאַנגען מיטן אויסגעטרעטענעם זאַמדיקן וועג און אפילו נישט אַ טראַכט געטאָן וועגן דער געשעעניש. עס האָט אים נישט געאַרט וואָס ער האָט פֿאַרלוירן אַ סטאַבילן אַרבעטספּלאַץ. ער האָט געפילט אין דער טאַש די מזומנים פֿאַר די לעצטע זיבן אַרבעטסטעג און ער האָט צופרידן זיך צוגעזונגען אויפן קול.

אָנקומענדיק אין דער מושבה האָט יגאל אויסגעטרונקען אַ גלאָז צוף פֿאַר עטלעכע פּרוטות, געקויפט סעמיטשקעס און איז איינגעשטיגן אין אויטאָ וואָס איז געפאָרן קיין תל־אביב.

די גאַנצע צייט פון דער נסיעה איז ער געזעסן צעלייגט איבערן ווייכן, אויס־געבעטן געזעס, געקנאַקט סעמיטשקעס און געשפּיגן די שאָלן אויפן פּאָל אַרום זיך, אפילו נישט אומגעקוקט זיך אויף דעם פּאַסאַזשיר וואָס איז געזעסן נעבן אים.

ער איז אָנגעקומען אין שטאָט שוין פֿאַרנאַכט. די הויפּטגאַסן און די שויפֿענצטער זענען געווען באַלויכטן. מיט אַריינגערוקטע הענט אין די הויזן־טאַשן האָט ער גענומען וואַנדערן איבער דער שטאָט. פֿאַרבייגייענדיק אַ באַלויכטן שויפֿענצטער האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַ רגע, געקוקט אויף די מענער־זאַכן און אַריינגעגאַנגען, געקויפט אַ פּאָר קורצע הויזן און אַ האַקיהעמד.

איצט האָט דאָס פּעקל זאַכן אים געשטערט וואַנדערן. זיינע הענט זענען געווען פֿאַרנומען און ער האָט נישט געקענט זיי וואַרפן צום טאַקט פון זיינע טריט.

ער איז אַראָפּ צום ים־ברעג. ווייניק מענטשן זענען דאָ געווען. ער האָט שנעל אָנגעטאָן די נייע בגדים, די אַלטע אפילו נישט צונויפגעלייגט, געלאָזט זיי ליגן אויפן זאַמד און באַלד אַריין אין איינעם פון די קאַפעען. ער האָט באַשטעלט אַ פלײשיק נאַכטמאָל און אַ ביר. ביים אַוועקגיין האָט ער דעם רעשט וואָס איז אים געקומען געלאָזט דעם קעלנער.

אויף דער ברייטער, לאַנגער גאַס איז געווען רוישיק, מענטשן און אויטאָ־פאַרקער. יגאל האָט דערפילט די מידקייט פון אַ טאָג אַרבעט אין פּרדס און פון דער נסיעה. ער איז אַריין אין ערשטן האָטעל, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן, האָט דעם באַאַמטן געגעבן זיין הסתדרות־לעגיטימאַציע און געבעטן אַן אָרט צום שלאָפן. ווי נאָר ער איז אַריין אין צימער האָט ער נאָך זיך פאַרמאַכט די טיר, זיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט אין נאָענטסטן בעט. ער איז באַלד איינגעשלאָפן, אפילו נישט געהערט, אַז אין דער נאַכט איז אין צימער צוגעקומען אַ גאַסט.

אין דער פרי, ווען ער האָט זיך איבערגעוועקט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער, אין געאײַלט זיך אָנגעטאָן ס'העמד, אַריינגעשפּרונגען אין די הויזן, זיך אַרומגעוואַשן, באַצאָלט שלאָפגעלט און איז אַוועק.

אויף דער גאַס האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם פוס דעם שוכפּוצער, אים געהייסן פּוצן די שיך, אויף וועלכע עס האָט נאָך געקלעפּט די פּרדס־ערד. דערנאָך איז ער אַריין אין אַ רעסטאָראַן עסן פרישטיק.

ווען ער איז דערנאָך אַרויס אויף דער גאַס איז ער געבליבן אַ ווײַלע שטיין אַ פאַרטראַכטער, זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן, ווי ער זאָל זיך עפּעס האָבן דערמאָנט און גענומען שפּרייזן לענגאויס דער אלנבי־גאַס צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע פון וואַנען מען פאָרט אין שרון.

אין אויטאָבוס איז ער געזעסן אין ווינקל, געקוקט אויף דער פאַרביילויפנדיקער לאַנדשאַפט, אָבער פאַר די אויגן האָט אים געשוועבט זיין געבורטשטאָט אָדעס, דער ים און פּאָרט, געזען דעם טאַטן דער פאָדריאַטשיק, אַ זאַטן, אַן אויסגערוטן ייד, וואָס איז פון מאָל צו מאָל געפאָרן קיין מאָסקווע און זיך דאָרט געטראָפן מיט מלוכה־מענטשן. ער האָט אים, יגאלן, געשיקט אין גימנאַזיע און אַכטונג געגעבן, ער זאָל אין שטוב רעדן רוסיש, נאָר רוסיש. נאָכדענקענדיק האָט יגאל אַ ברייטן גענעץ געטאָן, צעשפּרייט ס'מויל, ווי ער זאָל וועלן איינשלינגען אַלע פאַסאַזשירן אין אויטאָבוס. דער שאָפער האָט אויף אַ רגע אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון רודער, אים אָנגעקוקט. איצט האָט יגאל נאָך מער זיך פאַררוקט אין ווינקל, געפּרוּווט דרימלען.

אין הרצליה האָט ער זיך געלאָזט גיין מיטן וועג, וואָס שניידט איבער דאָס דאָרף אין דער לענג. דערנאָך מיט די זאַמדן, זייטיקע גאַסן, געזוכט שאָטן אונטער די ביימער אין די הייף און גערטנער. גייענדיק האָט ער דערפילט אַ ריח פון שטאַלמיסט און דערזען אַן אַרומגעצוימטע שטאַל. די קי זענען געלעגן מיט אַראָפּגעלאָזטע גוידערס, האָבן געסאַפּעט שווער דורך זייערע צעשפּרייטע נאָזלעכער, געוואַרט אויפן עסן נאָכן מיטאָג־געמעלק. יגאל איז שטיין געבליבן ביים

פּאַרקאַן, געקוקט אין זייערע תמימותדיקע אויסגעגלאָצטע בהמה־אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרשטיין זייער מרוקען. ער איז צוגעגאַנגען צום הויז, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט און אויף אים אַן אויפשריפט: „אבני". ער האָט אַ שטופּ־געטאָן די טיר און איז אַריין אין שטוב.

אַ פלײשיק פּנים מיט אַ קאָפּ געדיכטע האָר האָט פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן פון דער צייטונג און אַ קוק געטאָן אויף אים איבערן טיש אַריבער. יגאל האָט דערזען אַ לאַנג פּנים מיט טיף־אַריינגעזעצטע אויגן, וואָס האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ מענטש, וואָס מען זעט דאָס ערשטע מאָל. יגאל האָט איינגעצויגן דעם הויזן־פּאַסיק, טיפער פאַררוקט זיך דאָס היטל אויפן קאָפּ און זיך צוגעזעצט צו אבנין אויף דער באַנק ווי ער זאָל אים קאָנען פון לאַנג און אים אַ פרעג געטאָן, צי ער קאָן ביי אים בלייבן אַרבעטן אין שטאָל. אבני האָט אויף אַ ווײַלע אויפגע־הויבן זיינע אויגן־ברעמען און גוט זיך איינגעקוקט אין אים. איבער זיין פּנים איז אַריבער אַ לייכטער ציטער פון הסכמה. עס האָט זיך דערהערט זיין באַס־שטימע: „מרים!"

אין דער טיר איז שטיין געבליבן אַ געזונטע בחורה, באָרוועס, אין אַ פאַר־שאַרצט זומערקלייד מיט אַ גרויסן דעקאָלט, דורך וועלכן עס האָבן זיך בולט געצייכנט אירע גרויסע ברוסטן. אַ בינטל שוואַרצע האָר זענען אַפּירגעהאַנגען פון איר קאָפּטיכל.

מרים — האָט אבני ווידער איבערגעחזרט — דער מענטש בלייבט ביי אונדז אַרבעטן. דערלאַנג אים עסן.

שוין פינף טעג אַרבעט יגאל אין שטאָל, שטייט אויף צו דער אַרבעט דריי אַ זייגער ביינאַכט. די קי זענען אים נאָענט. ער גלעט זייערע ברייטע קעפּ, וואָס העגנגען אַראָפּ. זיי לעקן זיין פּנים מיט זייערע לאַנגע צונגען, טרעטן מיט די קלאָען אויפן אָרט, שלאָגן זיך מיט די ווײַנדלען און מרוקען צו אים. זיין שטימונג איז אָבער אַ געדריקטע. ער איז נישט צופרידן. ער בענקט נאָך דער פרייער צייט, וויל נישט זיין געבונדן מיט גאָרנישט.

צומאָרגנס בשעת אבני האָט געגרייט עסן פאַר די קי און ער האָט מיטן גאָפּל צונויפגענומען ס׳מיסט אין דער טאַטשקע איז יגאל פּלוצים שטיין געבליבן און אַראָפּגעלאָזט די טאַטשקע. ער האָט אין די הויזן אָפּגעווישט די הענט, אַוועק אין דער זייט, זיך אויסגעצויגן און געפּיפן אַ מעלאָדיע, וואָס ער האָט געדענקט פון דער היים. אבני האָט אויף אַ מינוט איבערגעריסן די אַרבעט, זיך אומגעקוקט, דערזען אים ליגן אַן אויסגעצויגענעם אויף אַ סטויג פּאַשע, האָט ער שטרענג געפרעגט:

„שוין געענדיקט די אַרבעט?"

יגאל האָט פּאַמעלעך זיך אויפגעזעצט, אַראָפּגעלאָזט די פיס פון סטויג און אַדורכגעזייט צווישן די ציין:

יאָ, גרייט מיר צו מיין אַרבעטסלוין".

אבניס פרוי האָט זיך געפּאָרעט ביים איבערגיסן די מילך פון די קאַנען אין די טעפּ. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים פון דער זייט. אבני איז געזעסן ביים טיש, אויף וועלכן עס איז שוין געלעגן גרייט יגאלס אַרבעטסלוין. ער האָט עס אים דערלאַנגט אָן צו זאָגן אַ וואָרט. יגאל האָט דאָס געלט אַריינגערוקט אין טאַש, אויפן קול אַ זאָג געטאָן „שלום", מיטן פוס אַ שטופּ געטאָן די טיר און איז אַרויס פון צימער.

דער ריח פון די פּרדסים און פעלדער האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. ער איז ווידער געווען פריי פון עול. אַ ווייל ער האָט ער אַ טראַכט געטאָן און גענומען גיין מיטן פעלדוועג, נאָר באַלד איז ער שטיין געבליבן. אַ פּאָר שוואַרצע אויגן האָבן אים פּאַרהאַלטן. הינטערן הויז אָנגעלענט אויף אַ וואַנט איז געשטאַנען מרים, געוואַרט אויף אים.

„דו בלייבסט אין דאָרף?" — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן.

ער האָט איר געענטפערט מיט אַ שאַרפן, פאַרשנדיקן בליק. זי האָט אַראָפּ־געלאָזט די אויגן און אַ פאַרשעמטע אים געבעטן:

„בלייב אין דאָרף, וועלן מיר זיך טרעפן".

„דאָ אין דאָרף?" — האָט ער זיך ווי פאַרווונדערט און באַלד הילכיק זיך צעלאַכט. זי איז געשטאַנען אומבאַהאָלפן, פאַרצווייפלט. פּלוצים האָט ער זי אַרומגענומען מיט זיין שטאַרקער האַנט. זי האָט זיך נישט געווערט, איז מיט אים אַרויס אין פעלד.

ווען דער טאָג האָט אָנגעהויבן אויפגיין, זיך אויסגעשיילט פון נאַכטגרוי, וואָס איז כסדר שיטערער געוואָרן, האָט יגאל פאַרלאָזט דאָס דאָרף אַזוי ווי ער איז געקומען. מרים איז געשטאַנען אין ווינקל פון שטאַל, אים נאָכגעקוקט, אים באַגלייט מיטן בליק, ביז ער איז איר פאַרשוווּנדן פון אויג. זי איז געשטאַנען ביז אויפן הימל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע זון־סימנים און די הינער האָבן אָנגע־הויבן דעם מאָרגנקריי.

ווען זי איז שטיל, אויף די שפּיץ פינגער אַריין אין שטוב, איז אבני שוין געווען אין שטאַל, געפּיטערט די קי, זיך געגרייט זיי מעלקן.

אינספּעקטן

דער הייסער זומערטאָג האָט געהאַלטן ביי ענדע. פון די בערג האָט געבלאָזן אַ קילער פאַרנאַכט־ווינט. די אַרבעטער האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט און אָנגעהויבן פאַרלאָזן די פעלדער. זיי האָבן אין שפּייכלער צונויפגעלייגט די אַרבעטס־כלים און געאיילט אַהיים. נאָר פּירה איז געבליבן אַרבעטן לענגער. זי האָט געמוזט אויסזעצן די בייט טרוסקאַווקע־פלאַנצן, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון איר

קיבוץ. זי האָט געקניט, זיך אונטערגעברומט אַ ניגון און זיך געאײַלט. זי האָט נישט געוואָלט די אַרבעט זאָל זיך פאַרציען אין דער נאַכט אַרײַן.

ווען זי האָט פאַרענדיקט די אַרבעט, איז די לבנה פּאַמעלעך שוין אַפּירגעקומען פון הינטער די בערג. נאָר ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, איז זי שטיין געבליבן דערשטוינט. נעבן איר איז געשטאַנען גדעון — דער פעלד־שומר, מיט צעשויבערטע איבערן שטערן האָר. ביידע, פירה און גדעון זענען אַ ווײַלע געשטאַנען זיך אַנטקעגן און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. גדעון האָט מיט דער צונג זיך געווישט די ליפּן, און פון אויפרעגונג געקוקט אַראָפּ. פירה האָט די ערשטע זיך אָנגערופן, געפרעגט:

„וואָס האָסטו זיך אַזוי צעיוירן, העלד מײַנער?"

זי האָט מיט אַ שמייכל געקוקט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן.

גדעון האָט שווער אָפּגעאָטעמט. פון פאַרלעגנהייט האָט ער מיט זײַן שפּיצרוט געקלאַפּט זיך אין שטיוול, געקנייטשט אין האַנט דאָס היטל און געקייעט מיט די קין־באַקן, ווי געוואָלט פאַרדײַען אירע ווערטער.

זי האָט אויפגעהויבן איר האַנט, לײַכט אַ שאַר געטאָן איבער זײַנע צעשוי־בערטע האָר. איר שטים איז געווען ערנסט:

„גדעון, האָסט שוין ווידער אָנגעהויבן?"

ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און די קנייטשן אויף זײַן שטערן זענען נאָך טיפער געוואָרן. ער האָט זי אַדורכגענומען מיט זײַן שאַרפן בליק און אַ זאָג געטאָן:

„איך וויל וויסן"...

פירה האָט אויף אַ רגע צונויפגעפּרעסט אירע ליפּן. אירע מוילווינקלען האָבן לײַכט אַ ציטער געטאָן און מיט אַ ווייכער צאַרטער פרויען־שטימע געזאָגט:

„דאַרפסט עס פילן"...

זײַנע אויגן האָבן אַ פלאַם געטאָן און ער האָט האַסטיק זי אַ צי געטאָן צו זיך, געדריקט צו זיך און מיט אַ בעטנדיק קול געמורמלט:

„פירהלע, קום מיט מיר, מיר וועלן אויסענדיקן דאָס הויז, האָבן אַ ווירט־שאַפט"...

פירהס האַרץ האָט געטיאַכקעט, זיך געריסן צו אים, געווען גרייט מיט אים גיין אַפילו אין מדבר...

מיט אַ מאָל האָט אַ ווינט אַ בלאָז געטאָן און פאַרשפּאַרט אירע צעשפּרייטע נאָזלעכער. זי האָט דערפילט דעם ריח פון די גרינסן און די פעלדער און האָט אים אײַליק אָפּגעשטופּט פון זיך, אַרויפגעשפּרונגען אויף דער בריטשקע, וואָס איז געשטאַנען אין דער זײַט געשפּאַנט און האָט אַ צי געטאָן די לייצן. די וואָגן־רעדער האָבן זיך אַ קאָלער געטאָן איבער דער ווייכער ערד און אויף איר איבערגעלאָזט אײַנגעפּרעסטע רייפן־סימנים. גדעון איז געשטאַנען און נאָכגעקוקט די בריטשקע, וועלכע האָט זיך פון אים כסדר דערווײַטערט, ביז זי איז פאַרשוווּנדן פון אויג.

ער האָט מיט דער צונג זיך אָפּגעווישט די ליפּן און אַריין אין שטאַל זאָטלען זיין פערד.

אַרום די שטאַלן זענען געשטאַנען די בהמות און אומגעדולדיק געמעקעט. איבערן אויפגערוימטן הויף איז מיט פרייד אַרומגעשפּרונגען דער זשרעבאַק, וואָס האָט נאָך נישט געוווּסט דעם טעם פון אַ ציימל. דער הונט האָט זיך אַרומגעשלייכט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן עק און אַוועקגעלייגטע אויערן, גוטמוטיק געקוקט אויף יעדן און געבעטן אַ גלעט, נאָר יעדער האָט אים אויסגעמיטן, זיך געאיילט אַרומוואַשן, איבערטאָן, געוואָלט געניסן, רוען.

אַרום דער עסשטוב, האָבן זיך פאַרזאַמלט די קינדער און זיך געגרייט אויפנעמען די עלטערן מיט גאַרמאָשקעס און האָראַ־טענץ. נאָר דאָס מאָל האָבן די עלטערן נישט אויפגענומען דעם יונגן דור, ווי יעדן שבת און נישט צוגעפּאַטשט מיט די הענט צום טאַקט פון זייער טאַנץ. זיי זענען געווען פאַרנומען מיט דער אסיפה, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען.

אין עסשטוב האָט געראַוישט ווי יעדעס מאָל נאָכן אָונטברויט. די פּרויען, וועלכע האָבן היינט געאַרבעט אין קיך, זענען אַרומגעפּאָרן מיט די בלעכענע טעלער און וואַזעס, וואָס זענען שוין געווען ליידיק. דורך די אָפענע פענצטער, האָט זיך געשפּאַרט אַ ווינטל, אונטערגעהויבן די קאָלירטע פּאַפּירן, וואָס האָבן באַצירט דעם לאָקאַל. די טיר האָט נישט געררוט, מענטשן זענען געקומען און געגאַנגען. זיי האָבן מיטגעברענגט און מיטגענומען דעם ציגאַרנרויך, וואָס האָט זיך געקנוילט אין דער לופט. די אָפּגעריסענע פּיאַנאָ־טענער אינעם ווייטן לאָקאַל־ווינקל זענען געוואָרן פאַרהילכט דורכן קלאַנג פון די הויף־גלאָקן. דער גלאָק האָט געשריגן מיט קראַפט און אַלע חברים צונויפגערופן אויף דער אסיפה.

דער לאָקאַל איז פול געוואָרן. דער גרויסער צעפלאַמטער „לוקס", וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון דער סטעליע, האָט אָנגעהויבן ציטערן, געצאַנקט, געוואָלט אַריינדרינגען מיט זיין ליכט אין יעדן ווינקל פון זאַל. די פאַרזאַמלטע, אַלע אין בלויע העמדער, זענען געזעסן אַרום די טישן. בן־יעקב, דער סעקרעטאַר, אַ נידער־ריקער, ברייטבייניקער בחור מיט פולע באַקן וואָס האָבן זיך אים בשעתן רעדן געטרייסלט ווי גוידערס. זיין רעדן האָט זיך פאַרצויגן, ער האָט איבערגעגעבן דעם ווירטשאַפט־באַריכט, געוויזן שורות מיט ציפערן „פון געגעבן און גענומען", געבאָרגט און צוריקגעצאָלט, וואָס האָבן באַוויזן דעם מצב אין קאָלעקטיוו. ווי נאָר ער האָט געענדיקט, האָט געבעטן אַ וואָרט משה דער סטאָלער, אַ דאַרער, הויכער, מיט אַ צעפלאַטשטער נאָז.

ער האָט געחוזקט פון קיבוץ פאַרן פאַרנאַכלעסיקן די סטאָלעריי, וואָס קאָן אַריינטראָגן אַ גוטן רווח, ווען זי זאָל אָננעמען אַרבעט אין דרויסן. ער האָט געפאָדערט, מען זאָל באַשטימען אַ סומע געלט, איינקויפן דאָס נויטיקע האָלץ און אים צוגעבן צו דער אַרבעט נאָך צוויי חברים סטאָלערס, וועלכע אַרבעטן איצט אין פעלד. אָבער גרשון, דער „אַגראַר־מיניסטער", וועמענס שטערן איז אין משך פון יאָרן געוואָרן צעאַקערט ווי ערד פאַר בייטן, האָט קוים אויפגעהויבן זיין

מידן גוף. ער האָט צוויסן געטאָן, אַז ער איז קעגן דעם, מען זאָל אַוועקנעמען חברים פון דער ערדאַרבעט און איז קעגן פאַרגרעסערן די סטאַלעריי. דער קיבוץ איז אַן אַגראַר־קאָלעקטיוו און דאַרף נאָר זאָרגן צו פאַרגרעסערן די ערדווירט־שאַפט. וואַרשטאַטן קאָן די שטאָט אויך פאַרלייגן און איבערהויפט איצט, ווען דער קיבוץ דאַרף טיילוויז איבערגיין פון פלחה צו ציטרוס און ירקות. איבערן זאָל איז אַדורך אַ מורמל, אָבער גרשון האָט גערעדט ווייטער. ער האָט געפאָדערט, מען זאָל ליקווידירן די בלומען־אינספעקטן, וואָס גיבן נישט קיין רווח. דאַקעגן האָט ער געפאָדערט, מען זאָל פאַרברייטערן די ציטרוס־אינספעקטן וואָס וועלן זיין אַ מוסטער פאַר דער סביבה.

פירה וואָס האָט בשעת דעם וויכוח געוואַרט אָנגעשטרענגט און אומגעדולדיק, זי זאָל קאָנען פאַרברענגען אירע פאָדערונגען פאַר די בלומען־אינספעקטן, איז אויפגעשפרונגען. זי האָט מיטן גאַנצן כוח אַ קלאַפּ געטון מיט דער האַנט אין טיש און געבעטן אַ וואָרט:

„איך פאַרשטיי נישט — האָט זי געטענהט — פאַר וואָס וויל דער קאָלעקטיוו אויסברייטערן איין ווירטשאַפטס־צווייג אויפן חשבון פון דער צווייטער? פאַר וואָס וויל מען דווקא פלאַנצן ציטרוסן און פאַרניכטן די בלומען? צי איז עס מענטשלעך צו יאָגן זיך נאָך רווחים? צי איז פאַרן קיבוץ נישט גענוג, אַז די בלומען זיינע זענען די שענסטע אין דער גאַנצער געגנט?"

ווי אויף אַן אָפּגערעדטן צייכן האָבן פון די לעצטע רייען גענומען זיך אַרויס־שאַרן עטלעכע פון די יינגערע חברים. נאָך זיי זענען אַרויס אַנדערע, דערנענטערט זיך איינער צום אַנדערן, אַרומגענומען, פאַרלייגט אַן אָרעם אויף אַן אָרעם, דערנענטערט אַן אַקסל צו אַן אַקסל און זיך געלאָזט אין אַ האָרא. חברה האָבן געטאַנצט, וואָס אַמאָל התלהבותדיקער. די, וואָס זענען געבליבן זיצן האָבן צוגע־פּאַטשט מיט די הענט און עס האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ תפילה, אַז דער יונגער פרדס, וואָס מען דאַרף פלאַנצן זאָל געראָטן און אַז די מאַראַנצן זאָלן זיין שיינע, זאַפטיקע און זאָלן זיך צעגיין אין גאָר דער וועלט.

ווידער איז אין עסשטוב רויִשיק ווי יעדן שבת. די טישן זענען געדעקט צום פרישטיק. חברה קומען זיך צונויף לאַנגזאַם ווי נאָך אַ האָראַנאַכט. אויפן שוואַרצן טאָוול איז אַרויסגעהאָנגען די באַקאַנט־מאַכונג פון דער פאַרוואַלטונג וואָס גיט צוּוויסן, אַז צוליב דעם האָרא האָט די זיצונג זיך פאַרענדיקט אין סעקרעטאַריאַט־צימער. אַדורכגייענדיק האָבן חברה געוואָרפן אַ בליק אויף די אונטערגעשטראָכענע מיט רויטן טינט פינף שורות, וואָס האָבן צוויסן געטאָן דעם באַשלוס פון דער פאַרוואַלטונג. מען טרעט צו פלאַנצן דעם פרדס, מען ליקווידירט די בלומען־אינספעקטן און עס ווערט פאַרגרעסערט די סטאַלעריי.

פירהן איז טונקל געוואָרן אין די אויגן. דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט. זי האָט זיך געמוזט אָנשפּאַרן אין דער וואַנט. ווען זי איז צו זיך געקומען האָט זי זיך אַרומגעקוקט איבער דער עסשטוב מיט אַ שטאַרן בליק, ווי זי זאָל עפּעס

זוכן אין דער ווייט. די עסשטוב און די מענטשן, מיט וועלכע זי האָט געלעבט אַזוי פיל יאָרן, זענען איר איצט געווען פרעמד. זי איז אַרויס, זיך געשלייכט איבערן הויף, געקוקט אויף יעדן, געוואַרט מען זאָל איר עפּעס זאָגן.

ביים מיטאָג האָבן די חברים זי אויסגעמיטן. זיי האָבן זיך געשעמט מיט איר טרעפן. זי האָט זיך געשלעפּט איבערן הויף אָן אַ ציל. זי איז אַריין אין די בלומען־אינספּעקטן, וועלכע זי האָט נאָך נעכטן דאָס לעצטע מאָל אונטערגעגאָסן, איז שטיין געבליבן מיט צעלייגטע הענט ווי זי זאָל וועלן באַשיצן די פּלאַנצן. אין אירע אויגן האָבן די פּלאַנצן נאָך געבליט, צעשפּרייט דעם בלומען־ריח, אָבער אין געדאַנק האָט זי זיי שוין געזען אויסגעטריקנטע — ווי צופוסנס פון מצבות אויף אַלטע קברים.

אַ דערשלאָגענע, מיט אַ פאַרקרעמפּט פּנים פון ווייטיק, ווי נאָך אַ נאָענטן געשטאָרבענעם האָט זי מיט מידע טריט, ווי אַ זקנה, זיך געלאָזט גיין צוריק. אָבער נאָך יעדע עטלעכע טריט איז זי שטיין געבליבן, זיך אומגעקוקט אויף די פּלאַנצן, וועלכע זי האָט אויסגעהאָדעוועט. עס האָט זי באַהערשט אַ געפיל, ווי אַלץ אין איר האָט זיך אָפּגעריסן, מער האָט זי נישט אויסגעהאַלטן און שנעל ווי וואַנזיניק גענומען לויפן וואָס ווייטער פונעם אָרט פון די אינספּעקטן.

זי איז אַריין אין איר ווינבאַראַק, גענומען איר תנ״ך, דעם פאָטערס געשענק, די לייוונטענע טאָרבע מיטן וואַשגעצייג און איז אַרויס פון הויף, ווי אַ פרעמדע, וואָס קען דאָ קיינעם נישט.

די זון האָט אָנגעהויבן זיך זעצן, פּאַמעלעך אונטערגערוקט זיך הינטער די בערג. אַ פאַרמאַטערטע, אויסגעהונגערטע איז פּירה צוגעקומען צו גדעונס הויז וואָס איז געווען אין בוי. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. אַ פאַרשלאָפענער און צעקנעפּלטער איז גדעון אַראָפּ פון געלעגער. זעענדיק פּירהן איז ער מיט אימפּעט אַריבערגעשפּרונגען דאָס פענצטער. ער האָט זי אַרומגענומען, צוגעדריקט שטאַרק. ביידע האָבן געשוויגן. אין דער לופט האָבן געזשומעט אינזעקטן.

שׂנאה

שעהן ווי כאַסאַן זיצט פאַר זיין געצעלט אויף אונטערגעלייגטע אונטער זיך פיס און פאַרשיכורט זיך מיט דער נאַרגילע. מיט אַ מאָל האָט ער אויפגעהערט ציען דעם רויך, האָט פאַרזשמורעט די אויגן און איינגעקוקט זיך אין די מואב־בערג פון אַרום. ער האָט געוואָלט זען, ווער גייט און דערנענטערט זיך צום דאָרף. באַלד האָט ער דורך די ציין אַדורכגעזיגן אַ שפּיי און ווייטער געררויכערט. די נאַרגילע האָט אים געשיכורט און איינגעשלעפּט.

באַרג אַראָפּ איז געגאַנגען סאַלאַך. ער איז געגאַנגען אין זיין געבוירנדאָרף.

זיינע עלטערן זענען אין דעם דאָרף געשטאָרבן און ער האָט דאָרט געלאָזט זיין כלה. צוקומענדיק צום דאָרף האָט ער זיך איינגעהילט אין דער אַבאַיע, דעם קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט דער קעפיע און אויף איר אַרויפגעלייגט דעם אַקאַל, וועלכן ער האָט ביז איצט געהאַלטן אין האַנט ער זאָל נישט פאַרשטויבט ווערן. די הינט, וואָס האָבן דערפילט אַ פרעמדן, זענען אַרויס פון די געצעלטן, באַפאַלן אים מיט אַ ווילד בילעריי, געוואָלט אים אַנגרייפן. סאַלאַך איז געגאַנגען פאָרויס און גע־וואָרפן מיט די פאָלעס פון דער אַבאַיע, זיי געשראָקן און אַוועק צום טייך.

אינעם געצעלט זענען די יריעות אויפגעהויבן. דער שייך זיצט אויף דער ערד אויף אַן אונטערגעלייגט קישן און דרימלט. איבער זיינע אַנגעשטרענגטע היפטן פון די אונטער זיך אונטערגעלייגטע פיס איז געלעגן די שאַבאַריע.

זעענדיק סאַלאַכן, וועלכער איז שוין אין דאָרף נישט געווען אַ פּאָר יאָר פון זינט ער האָט געגעבן האַנטגעלט פאַר איסליען, כאַסאַנס זיבניעריקע טאָכטער, האָט כאַסאַן פאַמעלעך אַרויפגעלייגט זיך די האַנט אויפן האַרץ און לאַקאַניש, ווי ער זאָל דורכזייען דורך די ציין די ווערטער, אים באַגריסט:

„מאת מרך הבא".

„מדוך מרחבכום" — האָט סאַלאַך אים געענטפערט מיט אַ טיפער גאָרגל־שטימע, ווי ער זאָל קאָלערן די ווערטער אין מויל.

דער שייך האָט געבעטן סאַלאַכן זיצן און באַלד געגומען קלינגען מיט די מעשענע טעלער וואָס זענען געלעגן ביי זיינע פיס. דערהערנדיק דעם מעטאַל־קלאַנג זענען אַנגעלאָפן דעם שייכס ווייבער און זענען געבליבן וואַרטן ביים געצעלט, נישט געוואַגט אַריינצוגיין אינעווייניק.

דער שייך האָט די ווייבער געהייסן דערלאַנגען דעם גאַסט וואַסער און קאַווע. סאַלאַך האָט אָפּגעוואַשן זיינע פיס, אויסגעשווענקט ס'מויל און די אויגן פון וועגשטויב.

אַ דינער לעבנס־פאָדעם ווי פון אַ שפּינגעוועב האָט אַרומגענומען דאָס דאָרף. די בעדוינער האָבן זיך באַלד דערוווּסט, אַז סאַלאַך איז געקומען און האָבן גענומען זיך גרייטן אויפנעמען דעם גאַסט. אפילו די קעמלען האָבן אויפגעהויבן זייערע העלדזער פון דער ערד, ווו זיי האָבן געזוכט אַ גרעזל צום עסן און געקוקט מיט זייערע וואַסערדיקע אויגן, געוואָלט זען וואָס עס קומט פאָר אין דאָרף. נאָר איסליא איז געזעסן אין געצעלט איינע אַליין אויף דער ערד און געציטערט פון שרעק. איצט וועט סאַלאַך אפשר שוין וועלן זי צונעמען פון דאָרף.

סאַלאַך האָט אָפּגעדאַוונט, האָט אָנגעטאָן די אויסגענייטע סאַנדאַלן, וואָס ער האָט געקויפט אין יפו אַ טאָג פאַר זיין גיין אין דאָרף אַריין. אַלע בעדוינער האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום אים, באַטראַכט זיינע סאַנדאַלן און פון אַנטציקונג געטרעטן פון איין באָרוועסן פוס אויפן אַנדערן, ווי אומבאַהאָלפענע, פאַרמאַכטע אין אַ שטייג הינער. סאַלאַך, וועלכער האָט שוין געזען די שטאָט און ווייסט אַ סך מער ווי די בעדוינער, האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיי. ער איז גלייך אַריין אין שייכס געצעלט און זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים אויף אַ נידעריק, קליין בענקעלע.

די בעדויִנער זענען פאַמעלעך, מיט פלעגמאַטישע טריט אַריין אין געצעלט און זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד אַרום דעם שייך, געוואַרט וואָס סאַלאַך וועט דערציילן איבער דער ווייטער שטאָט. ער האָט זיי דערציילט וועגן דער צווייטער זייט ירדן, דאָרט זענען די פעלדער גרין און פאַרפלאַנצט מיט פּרדסים. פון די טיפע ברונעמס שעפּט מען וואַסער מיט מאַשינען. יידישע ווייבער, העלהאָריקע, גייען מיט אויפגעדעקטע פּנימער. זיינע רייד האָבן זיך געהערט ווי מעשה כישוף. זיי האָבן געזיפצט און געמורמלט מיט הייזעריקע קולות, געזופּט קאַווע און געוואָלט מיטשלינגען זיינע ווערטער.

אַזוי זענען זיי געזעסן מיט אָפענע מיילער און ווילד־פאַרגאַפטע אויגן. אויך כאַסאַן האָט זיך צוגעהערט צו סאַלאַכס רייד. ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שטאַר פּנים, אָן אויסדרוק. די גאַנצע צייט האָט ער זיך געגלעט זיין בערדל, געדרייט זיך די וואָנצעס און געווונקען צו סאַלאַכן, אָבער ער האָט נישט געזען אָדער געמאַכט זיך נישט זען. כאַסאַן האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן, האָט זיך צוגערוקט צו סאַלאַכן און אים אַ ברום געטאָן אויפן אויער: איסליאַ...

סאַלאַך האָט אַ צמאָקע געטאָן מיט דער צונג און מיט בטול אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט, אַז ער וויל זי נישט. אין דער מינוט איז פון כאַסאַנס פּנים פאַר־שווונדן די עלטער. די הויט אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ פאַרמעט. זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן ווי די אויגן ביי אַן אָדלער. פון דער זייט, פון אונטער דעם רימען אַפּיר, האָט ער אַרויסגעצויגן דעם שטילעט און בליצשנעל מיט אַ ווילדער קראַפט אים פאַרטיפט אין סאַלכס אָרעם. סאַלאַך האָט זיך צוזאַ־מענגעדרייט פון ווייטיק און זיין בלוט האָט באַגאָסן די ערד.

דער שבט האָט געברויזט און געליאַרעמט. די מחנה בעדויִנער האָט זיך צעטיילט אין צוויי פיינדלעכע לאַגערן: פאַר כאַסאַנען און פאַר סאַלאַכן. אַרום די געצעלטן זענען זיך צונויפגעלאָפן די ווייבער, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו די מחנות, אין וועלכע זייערע מענער זענען געווען. זיי האָבן געקלאַפּט אין די ברויטבלעכן און געקלונגען מיט זייערע קווייטלעך. זיי האָבן זיך געהיצט, געהעצט, געמוטיקט זייערע מענער צום קאַמף. איבערן דאָרף האָט זיך שוין געטראָגן דאָס הפקרות פון מלחמה.

אַ געבוקטער זקן מיט טריבע אויגן, אָן ציין איז אַריין צווישן די צוויי פיינט־לעכע מחנות און איינגעהאַלטן. ער איז געשטאַנען אָנגעלענט אויף זיין שטעקן מיט פאַרמאַכטע אויגן און זיי געוואָרנט: „אַללאַ וועט אויסגיסן זיין צאָרן אויף אונדזער דאָרף פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט. סאַלאַך איז נישט שולדיק. שולדיק זענען די כופרים, די וועלכע האָבן סאַלאַכן אַראָפּגעפירט פון דרך הישר. שולדיק זענען די יידן".

אָבער דער מלחמה־שטורעם האָט ווייטער געבושעוועט מיט שנאה. ביידע מחנות האָבן געיובלט מיט ווילדע אויסגעשרייען. די מהומה און בהלה איז באַגלייט געוואָרן מיט מעסערס און אַנטבלויזטע שווערדן אין די הענט פון די מענער און מיט ווילדער פויקעריי פון די ווייבער.

דער שטאָלצן־גייער

א

די יונגע לערערין אילנה, איז אָפּט געגאַנגען צופוס אין דער שול אַריין דורך די שמאָלע גאַסן פון נוה שלום. זי האָט גערן געהאַט די שיפּע דעכער דאָרט, ווי איינער זאָל האָבן אַרויפגעקראָכן אויף דעם אַנדערן. גייענדיק האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער הימל איז דאָ נידעריקער ווי אין דער געגנט וווּ זי איז אויפגעוואַקסן.

יעדן פרימאָרגן, ווען זי האָט זיך באַוויזן אין די שמאָלע גאַסן האָט איר געשטאָלט אַ פלאַטער געטאָן צווישן די צונויפגעדריקטע הייזער, ווי אַן אַנגעפלויגן זומער־פייגעלע. די לייביקע מענער און די פליישיקע פרויען, די דאָרטיקע איינוווינער האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז די יונגע לערערין. נישט איין מאָל איז שטיין געבליבן אַ יונגער, ברייטפּלייציקער מאַן מיט קורצע, אויסגעאַרבעטע הענט און פאַרגאַפט איר נאָכגעקוקט. זי איז געווען הויך, שלאַנק, געהאַט אַ קורץ נעזל און שוואַרצע, צעלאָזטע האָר, ווי אַ גריווע ביי אַ ווילד פערד.

זי איז שטענדיק געגאַנגען דורך דעם אייקאַליפּטוס וועלדל, פּאַמעלעך, מאַיעסטעטיש, אפילו ווען עס האָט גערעגנט. זי האָט גערן געפילט אונטער זיך די נאַסע ווינטער־ערד, וואָס האָט איר דערמאָנט איר געבורטסדאָרף. זי האָט ליב געהאַט שפּרייזן צווישן די ברייט־פונאַנדערגעוואַקסענעביימער, פון וואַנען עס פאַלן רעגנטראָפּנס אויף איר פּנים.

זי האָט נישט פאַרטראָגן די שול, דאָס נידעריקע, בייכיקע הויז מיט די צוגעבויט פון יידע זייטן אַפּיצינעס, מיט דעם דריי־גאָרנדיקן, רויטן, שטיינערנעם דאַך. אויך די שמאָלע אין זיי הויכע פענצטער זענען איר נישט געווען צום האַרצן. יעדן פרימאָרגן ווען זי איז אַריין אין קלאַס האָט איר אַרומגענומען אַ קעלט און פרעמדקייט, ווי זי זאָל האָבן אַריין אין אַ שפּייכלער. זי האָט געדענקט די לענגלעכע דאָרפסקלאַסן, אין וועלכע זי האָט געלערנט, די גרויסע, ברייטע פענצטער, דורך וועלכע עס האָבן זיך געשפּאַרט די זונשטראַלן.

איר גאַנצע געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט האָט זי איבערגעטראָגן אויף אירע שילער. איר שטענדיק שטרענג פּנים אונטער וועלכן זי האָט פאַרשטעלט איר האַרציקייט, האָט געשמייכלט ווען די קינדער מיט זייערע צעשטראַלטע פּנימלעך האָבן זי יעדן פרימאָרגן באַגעגנט מיט אַ צעזונגענעם: — שלום, לערערין! — און גליקלעכע אַריין צוזאַמען מיט איר אין קלאַס.

זי האָט זיי געלערנט נישט נאָר ווי אַ לערערין נאָר זיי נאָכגעגאַנגען ווי אַ

גוטע מאַמע. זי האָט אויפגעפּאַסט זיי זאָלן בעת די הפסקות זיך שפּילן רויִק. זי האָט זיי געבעטן עסן פּאַמעלעך און זיך וואַשן, ווען זיי האָבן געהאַט שמוציקע הענט.

אילנה האָט אָנגעהויבן אונטעררריכטן אין דער שול ערשט הייאַר. די רעשט לערער זענען דאָרט געווען אָנגעשטעלט אַ לענגערע צייט. אַלע לערער האָבן געוואָלט זי אַריינציִען אין זייער קרייז, ווערן מיט איר נאָענט און מיט איר פאַר־ברענגען. נישט איין לערער האָט געקוקט דורכן פענצטער, ווען אילנה איז פאַר־בייגעגאַנגען, ווי זי גייט מאַיעסטעטיש מיט אַ געמאָסטענעם טריט. די גוט גע־קליידטע לערערין איז אויך געפעלן די יונגע לערערינס. אָפט פלעגט ווער פון זיי זי אַ פרעג טאָן — ווו זי האָט געניייט דעם מאַנטל, אָדער — געקויפט דאָס קלייד.

זי האָט געענטפערט יעדן קאָרעקט אויף זיין פראַגע. פון מאָל צו מאָל מיט וועמען פון זיי אויך פאַרפירט אַ לייכטן שמועס. אָבער צו קיין נאָענטקייט איז נישט דערגאַנגען. די לערער האָבן געוווסט איר אָפּשטאַם און זיי האָבן זי הינטער די אויגן גערופן „די דאָרפסדאַמע״.

זי דערפילט איר פליכט, אָבער די סביבה, די שטאָטגאַסן, די מענטשן זענען איר פרעמד. איר פעלן און זי בענקט נאָך די פרייע ערד־שטחים, אויף וועלכע זי איז אויפגעוואַקסן. איר זענען פרעמד די מענטשן, וואָס טומלען און איילן זיך. זי בענקט צו די מענטשן, וואָס זייערע באַוועגונגען זענען קורצע און פּאַמעלעכע. זי האָט ליב מוח־ און אַרבעטס־מענטשן, מענטשן וואָס שאַפן. איר איז פרעמד דער מענטש וואָס אַרבעט נישט נאָר פאַרמיטלט.

זי וויסט, אַז זי איז געקומען אין שטאָט לעבן מיט די מענטשן דאָ, אַז זי האָט פאַרלאָזט דאָס דאָרף מיט די מענטשן דאָרט. אָבער זי קאָן דערמיט נישט משלים זיין. זי זעט אין געדאַנק די צעבליטע פּרדסים, די ביימער, וואָס טראָגן אויף זיך די פּרוכט, די מאַראַנצן, וואָס הענגען אַראָפּ פון זיי ווי קליינע, צעהאָנגענע לאָמטערלעך. זי זעט פאַר זיך די הויכע, געדיכטע, צעוואַקסענע קוקורודזע־שטאַנגען, דורך וועלכע אַ מענטש קאָן נישט אַדורך, די צעבליטע קאָניטשינע־פעלדער, וואָס שימערן דער זון אַנטקעגן, ווי פונאַנדערגעשפּרייטע דיוואַנען. זי זעט בחוש די צעוואַקסענע איבער די בייטן בלעטער־קוסטעס, אויף וועלכע עס רייפן זיך די גרינסן. זי זעט ווי די עופות שפּאַצירן אין די שטייגן און צוימען און דריוולען אַ נישט אויסגערופענעם קריי.

אָבער פאַר אירע אויגן שטייט די גאַנצע צייט ערנסט, דער וועמען זי וויל פאַרגעסן און זי קאָן נישט. זי שוויגט. זי האָט נישט פאַר וועמען און וויל זיך פאַר קיינעם נישט אַראָפּרעדן, פאַרטרויען. זי ליידט מיט שטאָלץ. אפילו די רייזע וואָס זי האָט געמאַכט איבער אייראָפּע האָט איר נישט געהאָלפן אים פאַרגעסן. זי, וואָס איז אויפגעוואַקסן פריי אויף דער צעגליטער ערד, וואָס ליגט צווישן צוויי ימים, אונטער בערג אויפן ראַנד פון מדבר האָט נישט געפונען קיין טרייסט אין די ווייטע לענדער.

זי האָט באַזוכט אַלט און ניי פּאַריז, שפּאַצירט איבער די בולוואַרן און ביי דער סען. זי האָט באַזוכט די קינסטלער־קאַפעען, באַוואונדערט די אַרכיטעקטור פון די קלויסטערס, באַזוכט אוניווערסיטעטן און מוזייען. זי האָט אָבער געבענקט אַהיים.

אין די שמאָלע גאַסן אין שפּאַניע איז איר געווען ענג. אין די געוועלבטע דאָרט קלויסטערס, איז איר געווען דערווידער. דער שאָטן פון די פאַרפייניקטע יידן איז איר נאָכגעגאַנגען. מיט די הויכע, ברייטביייניקע, בלאָנדע סקאַנדינאַוויער האָט זי נישט געפונען קיין קאָנטאַקט. נאָר די נאַטור דאָרט, די אָזיערעס, די בערג און די ערטער, ווו עס הערשן די ווייסע נעכט האָבן זי פאַרכאַפּט, אָבער נישט געלינדערט אירע ליידן. זי איז אַוועק פון אייראָפּע אַ פרעמדע.

דער ערשטער האַלבער טאָג פון פרי ביז מיטאָג, איז ביי איר אויסגעפילט, אָבער דער נאָכמיטאָג ווען זי בלייבט נאָר מיט זיך, איז די צייט פאַר איר אַ תהום. זי ווינט איינגעדונגען ביי אַ פרוי, אין אַ צימער.

זי באַמיט זיך וואָס ווייניקער בלייבן אַליין אין שטוב. מערסטנטייל עסט זי אין גאַס, אין דער אַרבעטער־קיך. זי פילט זיך דאָרט גוט אין דעם געפילדער פון המון.

זי איז עלנט. זי פּאַסט נאָר אויף, אויף איר קליידונג. זי שפּרייזט איבער די גאַסן און באַטראַכט די שויפענצטער און ווו זי זעט אַ מלבוש, וואָס געפעלט איר קויפט זי אים. זי ווייסט אַז זי איז יונג, באַחנט און שיין. זי וויל די מענטשן זאָלן עס זען.

זי שמייכלט צו יעדן מיט וועמען זי קומט אין באַרירונג, אָבער אירע רויטע, פולע ליפּן זענען צונויפגעפּרעסט. זי איז באַליידיקט פון איר גורל. אָפט, אין די שפּעטע נאָכט־שעהן, ווען זי קאָן נישט שלאָפן, אַנאַליזירט זי נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, צי זי האָט ריכטיק געהאַנדלט, צי אַזוי דאַרף אַ מענטש קעמפן פאַר זיין גליק. זי טראַכט אַזוי לאַנג ביז זי שלאָפט איין.

זי בענקט אַהיים צו די שטיגן, פּרדסים און צו די ברייטע פעלד־פליינען. דאָ אין די שטאָטגאַסן, צווישן די שטאָקיקע הייזער איז איר ענג דאָס לעבן, אָבער זי קאָן צו קיינעם נישט האָבן קיין טענה, אפשר נאָר צו זיך אַליין. זי מאַטערט זיך, ווי אַ נאָר וואָס געפאַנגענער פויגל אין אַ שטייג פון וועלכן ער וויל אַוועקפליען.

זי ווייסט אָבער אַז זי וועט זיך צו איר אין דאָרף מער נישט צוריקקערן, אַז זי מוז זיך זיך איינלעבן אין דער פרעמדער פאַר איר שטאָט.

זי לייענט אַ סך. ענגליש און העברעיש. די גרויע, דאַרע ביבליאָטעקאַרין אין איר פאַרקנעפּלטן ביז אונטערן האַלדז קלייד, קען זי שוין. זי, די פרוי וועלכע קוקט אַריבער איבער אירע פּענסנע ווען זי רעדט מיט אַ מענטש קען שוין איר געשמאַק.

פון מאָל צו מאָל קויפט זי אין גאַס אַ קרימינאַל־ראָמאַן אָבער ווי בגניבה. ביי זיך אין דאָרף האָט זי דאָס נישט געטאָן. זי וויל זיין פאַרטאָן, זיך פאַרגעסן. ווען זי ווערט מיד צו לייענען און בלייבט ווידער מיט זיך שרעקט איר די

עלנט. זי טוט זיך איילק איבער און גייט אַרויס אין גאַס. זי וויל זיין צווישן מענטשן. זי איז אָבער אַ פרעמדע, קען נישט קיינעם אין שטאָט.

כדי צו פאַרטרייבן די צייט און צו זיין צווישן מענטשן, איז זי געוואָרן אַ מיטגליד אין שטאָטכאָר. זי האָט געהאַט אַ ריינעם סאָפּראַן. אין די שעהן פון די רעפּעטיציעס פאַרגעסט זי זיך. זי פאָלגט נאָך די נאָטן און די אָנווייזונגען פונעם דיריגענט. דערביי היט זי זיך נישט צו זינגען פאַלש. דעם דיריגענטס קנאָכיק פנים, זיין אָדלערנאָז און די דיקע, גרויע ברעמען זיינע פאַרטראָגט זי נישט פונעם ערשטן מאָמענט ווען זי איז צו אים אַריין זיך עקזאַמינירן.

זי לערנט אויך קעראַמיק. זי האָט שוין אויסגעקנעטן אייניקע חפצים, אַן אַשבעכער, אַ טעלער און אַ קרוג. דער קעראַמיק־אינסטרוקטאָר, אַ נידעריקער, ברייטבייניקער, ווי אַ פירעק, פאַרשוין האָט געריימט אירע פעיִקייטן און אינטעליגענץ.

זי שווייגט. נישט נאָר ענטפערט זי אים נישט, זי קוקט אפילו נישט אויף אירע חפצים. זיי זענען ליידיק, אָן יעדן נוצן. די אַרבעט איז פאַר איר נאָר אַ צייטפאַרטרייב.

זי גייט אויך טאַנצן. זי לאָזט נישט אַדורך קיין שום אָוונט, אין וועלכן עס קומען פאַר אין „הפועל" די פאָלקסטענץ. זי האָט ליב זיך באַוועגן ריטמיש, צום טאַקט פון טאַמבאַר. די יונגע טענצער דערמאָנען זי איר היים, די מענטשן דאָרט און דאָס לעבן צו וועלכן זי בענקט.

ב

אילנה קען יעדן פאַרוואָרפּענעם אין די בערג און טאָלן שטעג. זי איז צופוס אַדורכגעגאַנגען דאָס לאַנד אין דער ברייט און דער לענג. איר איז באַקאַנט יעדער טאָל אין ווייטן „נגב" און יעדער וואַסערפלוס אין גליל. די ווינטן און די היצן האָבן נישט איין מאָל געפּאַטשט איר פנים און געגליט אירע גלידער, ווען זי האָט געקלעטערט איבער בערג און טאָלן.

זי איז צוזאַמענגעהאָפטן מיט דער ערדפלאַך פון שרון, די געגנט ווו זי איז געבוירן און אויפגעוואַקסן. זי האָט דאָרט געזויגן אין זיך די אָנגעטראָגענע פון די יהודה־בערג און פונעם ים־פלאַך, ווינטן.

זי, די איינציקע טאָכטער האָט זיך אויפגעצויגן אין די פיר חדרים פון דעם איינשטאָקיקן הויז. דער פירקאַנטיקער, שיפער, רויטער, שטיינערנער דאַך איבער אים, איז פון פאָרנט אָנגעשפּאַרט אויף דריי פילאַרן. פיר ברייטע טרעפּ פירן אין הויז אַריין. אַ דיקע, בלויע „באָגאָווילִיע" באַדעקט די פראָנט־וואַנט. דאָס הויז שטייט אין אַ גאָרטן, אין וועלכן עס וואַקסן אויבסט־ און באַצירונג־ביימער.

אילנה האָט ליב צו טרעטן אַ באָרוועסע אויף די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער.

אין מיטן גאָרטן איז פאַראַן אַ גרויסער טויבן־שלאַק. די טויבן זיצן פונאַנדערגעסדרט איבערן דאַך און וואָרקען. זי האָט ליב געהאַט פונאַנדערשפרייטן קערנער פאַר די אָנגעפלויגענע צו אירע פיס טויבן. דעמאָלט פלעגט איר טאַטע דוד, אַ הויכער, ברייטבייניקער ייד מיט אַ גרויען שוין קאָפ זיך אָוועקגעשטעלן אונטער אַ בוים. ער האָט באַטראַכט זיינע טויבן, ווי זיי פליען מיט זייערע צעלייגטע פליגל אין דער ברייט, ביז זיי לאָזן זיך צוריק אַראָפ אויף דער ערד.

די הייזער אין דאָרף „תל" געפינען זיך פון דער רעכטער זייט. זיי אַנטקעגן ליגט די גרין־געקעסטלטע, באַאַרבעטע ערד פונעם דאָרף און נאָך זיי די פרדסים. אילנהס עלטערן פאַרמאָגן אַ גרויסן פרדס און אַ סך ערד אויף וועלכער איר פאָטער האָדעוועט גרינסן. ער האָט אויך צוויי שטייגן מיט הינער און אינדיקעס. די עופות האָבן ווייסע פעדער, און זעען אויס פון דערווייטנס ווי קופקעס שניי. אין הויף דרייען זיך אויך אַרום פאַר שיינקייט צוויי פאַוועס מיט לאַנגע, צעלייגטע ווידלען. ער האָט אויך אַ פערד צו דער אַרבעט.

„תל", דאָס דאָרף מיט די פעלדער און פרדסים ליגט אין שרון ווי אַ פענצטער אין אַ הויז. אילנה האָט גערן אַרויפקלעטערן אויפן וואַסער־טורעם פון דאָרף און באַטראַכטן די גרין־געקעסטלטע ערדפלאַך פון אַרום. זי האָט אָפט איינגעשפאַנט דאָס פערד אינעם צווייערדער־וואָגן און מיט גאַלאָפ געפאָרן איבער די פעלדשטעגן. זי האָט אויך גערן געהאַט אַרויסגיין אין די אָוונטן, אָדער אין די פריימאָרגנס, ווען די זון האָט גענומען זיך זעצן און שפרייזן איבער די פעלדער און צונויפקלייבן די בונטע בלומען, וועלכע זענען געוואַקסן אַרום.

אילנה איז אונטערגעוואַקסן. די חברה אירע איז זיך צעגאַנגען. טייל האָבן חתונה געהאַט, טייל האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער פרעמד אָדער ביי דער זייט פון זייערע טאַטעס. נאָר זי איינע אין „תל" איז יעדן טאָג געפאָרן אין שטאָט אַריין און געלערנט אין לערער־סעמינאַר. איר גאַנצע וואָך איז געווען אויסגעפילט מיט לערע. נאָר פון מאָל צו מאָל איז זי אין אַן אָוונט אין מיטן וואָך, געפאָרן מיט וועמען פון דער חברה קיין נתניה זען אַ פילם. מוצאי שבת האָבן זיי זיך יעדעס מאָל געטראָפן ביי איינעם פון דער חברה, ווו זיי האָבן ביי געדעקטע טישן פאַרברענגט ביז שפעט אין דער נאַכט אַריין ביי דער באַגלייטונג פון אַן אַקאָרדעאָן.

אין די אָוונטן ווען די לבנה איז געווען פול, פלעגן זיי אַוועק אויפן פרייען פלאַץ ביים וואַסער־טורעם און געטאַנצט און געזונגען ביז קאַיאָר. ווען די חברה זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָט אילנה נישט איין מאָל אַוועקשפאַצירט ביחידות מיט רפין.

ווען די חברים זענען געקומען צו אילנהן, האָט די מוטער געגרייט דעם טיש. די עלטערן זענען געגאַנגען שלאָפן, כדי נישט צו שטערן. זיי זענען געלעגן אין די בעטן וואַך און געשעפט נחת, וויסנדיק אַז זייער איינציקע טאָכטער פאַרברענגט. זיי האָבן עס אַרויסגעפילט פון איר קול, ווען זי האָט געלאַכט אָדער געזונגען. זיי האָבן געשוויגן, אָבער געוואַרט אויף דער רגע ווען זייער אילנה וועט ברענגען איר באַשערטן אין שטוב. אָפט, אין אַ מוצאי שבת, איז אילנה

מיט די חברים אין עטלעכע טענדערס געפֿאָרן קיין תל־אביב זען אַ טעאַטער־פֿאָרשטעלונג.

אָבער נאָענטע, האַרציקע חברטעס, פֿאַר וועלכע זי זאָל זיך פֿאַרטרויען האָט זי נישט געהאַט. זי האָט איצט געלעבט אויף צוויי וועלטן, אין דאָרף און אין דער שטאָט, הגם זי איז געווען איבערגעצייגט, אַז זי וועט בלייבן אַ לערערין ביי זיך אין דאָרף. אויך די לערער אין דאָרף האָבן אויף איר געקוקט, ווי אויף דער יונגער, צוקונפֿטיקער לערערין ביי זיי אין שול. זי איז נישט איין מאָל אַריינגעגאַנגען אין אַ קלאַס הערן אַ לעקציע. שמואלי, דער נידעריקער, דיקלעכער דירעקטאָר, וואָס זיין אונטערשטע ליפּ איז דיק און אויף זיין רעכטער באַק האָט ער אַ שוואַרצן וואָרצל, האָט איר אויך געגעבן עטלעכע מאָל פֿירן אַ לעקציע אין אַ נידעריקן קלאַס.

זי האָט ליב געהאַט איר אייגן צימער מיט דעם קרעם־לאַקירטן מעבל און דעם ברייטן, פֿאַפּירענעם לאַמטערנלאַמפּ פֿון וועלכן עס איז געפֿאַלן אַ צוגע־טונקלטע שיין. זי האָט געשעצט און ליב געהאַט אירע עלטערן און איר היים. אויך דאָס צעצווייגטע מילגרוים־בוים ביים קיך־פֿענצטער איז איר געווען טייער. זי איז געווען פֿול מיט ווילן און לעבן. זי האָט פֿריידיק דערוואַרט איר צוקונפֿט.

איר איז גוט געווען שפּאַצירן איבער די פֿעלדער און שטעגן, ווו יעדער שטיין, ראָוו און בוים איז איר געווען באַקאַנט. זי האָט געגרן געהאַט זיך שלייכן איבער די פֿעלדער אין די רעגנס, ווען די טראָפּנס זענען איר געפֿאַלן אויפֿן פּנים און אין אַ חמסין ווען דער היצגלי האָט זי פֿאַרהילט ווי אין אַ געוואַנט. זי האָט עס אויך געטאָן ווען זי האָט שוין געקענט ערנסטן.

ווי נאָר אילנה האָט געענדיקט דעם סעמינאַר האָט שמואלי זי איינגעלאַדן צו זיך אין שולביוראָ. ער האָט זי באַגריסט אַלס יונגע פֿאַכקאָלעגין. ער האָט איר דערלאַנגט אַ שריפֿטלעכע באַשטעטיקונג פֿונעם קוראַטאָריום, אַז זי ווערט צייט־ווייליק אַנגאַזשירט אַלס לערערין אין דער פֿאָלקסשול אין „תל". ער האָט געדריקט איר די האַנט, געוווּנטשן הצלחה און אַרויסגעוויזן זיין צופֿרידנקייט וואָס אים איז געלונגען, אַז אַ טאָכטער פֿון דאָרף וועט פֿירן דעם ניי־געשאַפֿענעם ערשטן קלאַס פֿאַר די אונטערגעוואַקסענע קינדער.

דעם גאַנצן זומער האָט אילנה זיך געגרייט צו דער אַרבעט. זי איז געווען אומרויִק, געפֿילט אַ האַרץ־טיאַך ווען זי האָט געטראַכט ווי וועט אויספֿאַלן איר ערשטער שולטאָג אַלס לערערין. טעג האָט זי פֿאַרבראַכט איבער פּעדאַגאָגישע ביכער. זי האָט געניי שטודירט פֿעסטאַלאָצין, עטלעכע מאָל געפֿאָרן קיין תל־אביב און נתניה, געזוכט און געקויפֿט ביכער, וואָס זאָלן איר העלפֿן אין איר צוקונפֿטיקער אַרבעט.

אין אַ פֿאַרמיטאָג ווען אילנה האָט זיך געפֿונען אין נתניה אין אַ ביכער־קראָם איז אויך אַריינגעקומען ערנסט. ער האָט אילנהן אָפּגעמאָסטן פֿון אויבן ביז אַראָפּ. אין מאָמענט האָט ער אָפּגעשאַצט, אַז זי איז שיין. ער האָט גענומען באַטראַכטן די ביכער אויף די פּאָליצעס, אָבער זיינע אויגן האָבן כסדר באַטראַכט אילנהן. אין

אַ געוויסן מאָמענט ווען זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן איינער אויפן צווייטן האָט ער געבעטן אַנטשולדיקונג, געזאָגט איר שלום און אַ פרעג געטאָן צי קאָן ער איר מיט עפּעס וואָס אַרויסהעלפן?

ערשט איצט האָט זי אים אָנגעקוקט. ערנסט איז געווען שלאַנק, בלאָנד און געהאַט אַ דין וואָנסעלע. ער איז געווען אַ יאָר צען עלטער פון איר. ער האָט געהאַט לאַנגע פינגער און שיינע נעגל. אויף דער לינקער באַק האָט ער געהאַט אַ פאַרוואָקסענעם שניט. ער איז איר געפעלן. דאָך האָט זי אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און האַרציק אַ שמייכל געטאָן.

— פריילין, איך האָב אייך שוין עטלעכע מאָל באַמערקט. איר זייט אַ היגע?

— אפשר דערלויבט איר איך זאָל אייך איינלאַדן?

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר גרויסע, פאַרוווּנדערטע אויגן און גע־שמייכלט.

— אפשר באַוויליקט איר זיך איבערגיין מיט מיר? — האָט ער זי שאַרמאַנט אַ בעט געטאָן.

— גוט! — האָט די „סאַברע" פון „תל" חוצפהדיק אים געענטפערט און שטיל געלאַכט.

— מיין נאָמען איז ערנסט — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט פאַר איר.

— איך הייס אילנה — האָט זי אים געענטפערט און זיי זענען אַרויס פון קראָם.

די באַגעגעניש איז נישט געווען קיין איינמאָליקע.ביידע זענען זיך געפעלן. ערנסט האָט געטראָגן ספּאָרט־מלבושים און אַ קליינעם יעגער־קאַפּעלוש מיט אַ פעדער אין דער זייט. ער האָט געשפּילט טעניס. דאָס איז געווען אַ נייעס פאַר דער סביבה. ער האָט אויך געהאַט אַ קליינעם, אָפענעם אויטאָ. ער האָט געשטאַמט פון האַמבורג. אין לאַנד איז ער עולה געווען נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט. זיינע עלטערן האָבן שוין נישט געלעבט. ער האָט געהאַט אינעם נישט־אויסגעבויטן צענטער פון נתניה אַ דריי־צימער־וווינונג. אין צוויי האָט ער געוווינט און אין דריטן האָט ער געהאַט זיין ביוראָ. ערנסט איז געווען אינערן־אַרכיטעקט. ער האָט געהאַט אַ גוטן געשמאַק און קיין אַרבעט האָט אים נישט געפעלט. זיין וווינונג איז געווען מאָדערן איינגעאָרדנט. ער איז געווען דער ערשטער אין נתניה, וואָס האָט געהאַט אַ ברייטע, ווייכע סאָפע, אַ נידעריקן טיש און לאָמפּן צעהאַנגענע איבער די ווענט און נישט אויפן סופיט.

זי איז געוואָרן געקומען צו אים און ליב געהאַט די אינטימיקייט אין זיינע חדרים. זיי זענען זיך געוואָרן נאָענט, זיך פאַרשטאַנען. ער האָט אין איר געזען די געזונטע, אינטעליגענטע, יידישע דאָרפסטאָכטער — אַ טיפּ וואָס איז געווען אַנדערש ווי אַלע פרויען, וועלכע ער האָט געקענט ביז איצט. זי האָט אין אים געזען דעם וועלטמענטש, דעם אייראָפּעער, דעם אַזוי אַנדערן מאַן ווי די אַלע אַרום איר.

זי האָט אַלץ געוווסט. ער האָט איר דערציילט, אַז ער איז געווען איינגעאָרדנט געהאַט אַ ביוראָ אין האַמבורג, אַז ער האָט געהאַט אַ פריינדין, מיט וועלכער ער האָט געוואָלט חתונה האָבן, אַ לינק־געשטימטע סטודענטין וועלכע האָט שטודירט סאָציאָלאָגיע. זי האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן איר אַלטע מאַמע און זי איז מיט איר דערווייל געבליבן.

יעדעס מאָל, ווען אילנה האָט זיך מיט אים געטראָפן האָט איר האַרץ אַ טיאַכקע געטאָן פון פרייד און מורא. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז איר גליק איז צו גרויס. נישט איין מאָל, אַז זי איז געבליבן מיט זיך, האָט זי אַ טראַכט געטאָן: ווו וועל איך דערגיין? אָבער זי האָט נישט געקאָנט אַנדערש. זי האָט ליב געהאַט זיצן נעבן אים, און זיינע לאַנגע פינגער האָבן צאַרט געקעמט אירע צעלאָזטע האָר. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און שנעל געאָטעמט, ווען ער האָט זי אַרומגענומען. זי האָט זיך באַמיט נישט טראַכטן און געניסן פונעם גליק. זי איז מיט אים געגאַנגען אין קינאָ און אין טעאַטער, געזעסן מיט אים אין די קאַפעען און מיט אים געפאָרן אויף אויספלוגן איבערן לאַנד.

זי האָט געלעבט מיט זיין ווילן און פערזענלעכקייט. זי האָט זיך דערווייטערט פון איר סביבה און חברים. צוליב איר מורא און אומזיכערקייט האָט זי זיך אויפ־געפירט ווי זי זאָל אַלץ טאָן נאָר אויף דערווייל.

האָט ווער פון די מתישבים אין דאָרף זי געטראָפן, האָט יעדער אילנהן, די לערערין און דודס טאָכטער, האַרציק באַגריסט און נייגעריק באַטראַכט. יעדער אין דאָרף האָט געוווסט, אַז זי טרעפט זיך מיט דעם אַרכיטעקט אין שטאָט. קיינער האָט זי נישט געוואָגט פרעגן און געוואַרט מיט שפּאַנונג.

אירע עלטערן האָבן אויך געשוויגן, נישט גערעדט מיט קיינעם. זיי אַליין האָבן געוואָלט די זאַך זאָלן האָבן אַ תיקון. אָפט, אַז דער פאָטער איז אַריין אין שטוב איז ער שטיין געבליבן אַ פאַרטראַכטער און שטיל אַ פרעג געטאָן ס׳ווייב: „וואָס וועט זיין דער תכלית״? און זיין בליק איז געוואָרן שטאַר. ער איז געווען שטאָלץ, וואָס זיין טאָכטער גייט אַרום מיט אַן אַרכיטעקט, אָבער ער פערזענלעך וואָלט געווען גליקלעכער, ווען זי זאָל אים אַהיימברענגען אַ דאָרפסזון וואָס זאָל ממשיך זיין מיט אים אין דער ווירטשאַפט.

זיין ווייב פירה, די מיטלוועקסיקע פרוי מיט דעם אונטערגעשווירענעם שוין גרוי־געוועבטן קאָפּ, האָט אים קיין מאָל נישט געענטפערט. זי, מיט איר קיילעכיק, צעקנייטשט פנים, מיט געבליבענע סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט, האָט געוואָלט דער טאָכטערס גליק. איר איז אויך אַ שאָד געווען זייער ווירטשאַפט. אָבער אָפט ווען זי האָט געצערעוועט אָדער פאַרראַכטן עפּעס אַ בגד האָט זי שטיל אַ קרעכץ געטאָן און זיך באַלד אַרומגעקוקט, צי דוד האָט נישט געהערט.

ג

ערנסט איז עטלעכע טעג נישט אַרויס פון שטוב. די טיר ביי אים איז געווען געשלאָסן. ער האָט פאַרנאַכלעסיקט זיין אַרבעט. גראָד אין דער צייט האָט ער איינגעאָרדנט אין שטאָט אַ באַר אין אַ דעליקאַטעסן־געשעפט.

ווען ער איז אַרויס אין גאַס איז ער געווען נאָך דאַרער, ווי אויסגעצויגן און מער געבויקט. ער איז געגאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ, נישט געוואָלט זען קיין מענטשן, געררויכערט אָן אויפהער און זיין שטערן איז געווען צעקנייטשט. ער האָט כמעט גישט געגעסן נאָר געטרונקען איין קאָניאַק נאָכן אַנדערן. ער איז געווען בגילופין, געוואָלט זיך פאַרגעסן.

זינט ער איז צוריקגעקומען פון דער סכנות אין ירושלים האָט ער זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט. ווי נאָר ער איז אַריין אין שטוב האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע, אָדער געשפּאַנט איבער די צימערן. ווען ער איז מיד געוואָרן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט מיט אונטערגעשפּאַרטע אונטערן קאָפּ עלנבויגנס. ער האָט נישט געקאָנט זיך דעצידירן.

אים איז כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן דער סכנות־באַאַמטער, אַ מיטל־וווקסיקער ייד מיט אַ קאַפּעלע אויפן קאָפּ, אַ באַברילטער, ווי ער פרעגט אים, צי ער איז ערנסט גיינער פון האַמבורג, צי ער קען טרודע בער. זי פרעגט זיך נאָך צי ער געפינט זיך אין לאַנד. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דעם באַאַמטנס ליפּן זענען געווען צענומען און ער האָט פון אים געלאַכט.

ער געדענקט גוט, ווי ער האָט אין דער נאַכט פאַרן אַוועקפאָרן צוגעזאָגט טרודען, אַז ער וועט אויף איר וואַרטן ווו און אין וועלכע באַדינגונגען ער זאָל זיך נישט געפינען. ער האָט געדענקט זייערע ווייכע און טיף געבעטע מיט לעדער און פלוש מעבל, איר מוטער, די הויכע פרוי מיט דעם גרויען פאַרקעמטן קאָפּ וואָס איז געגאַנגען שטיל, מאַיעסטעטיש איבער די טיפע דיוואַנען. ער האָט פאַר זיך געזען טרודען, ווי זי זאָל שטיין נעבן אים. איר הויכע, שלאַנקע פיגור און איר לאַנגן האַלדז, ווי זי זאָל אַריבערקוקן איבער אַלע. אירע גרויסע, ברוינע, קלוגע אויגן וואָס האָבן שטענדיק געשמייכלט, ווען זי האָט געקוקט אויף אים. ער האָט געפילט די גלאַטע ווייכקייט פון איר הויט, ווי ער זאָל זי האַלטן אַרומגענומען.

ער האָט אָבער נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון דער „סאַברע”, די שלאַנקע, הויכע, יאַדערדיקע מויד מיט די צעלאָזטע האָר און שוואַרצע, גליענדיקע אויגן, כאָטש ער האָט כסדר זיך איבערגעחזרט: „איך האָב איר גאָרנישט צוגעזאָגט”.

עטלעכע טעג שוין ווי זיי האָבן זיך נישט געטראָפן. אילנה קומט כסדר אין שטאָט. איין טאָג איז זי געקומען אויך צוויי מאָל, פאַר און נאָך מיטאָג. זי האָט נישט געוווסט וואָס זי זאָל טראַכטן. ווען זי האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר האָט זי קיין ענטפער נישט באַקומען, כאָטש איר האָט זיך געדאַכט אַז זי האָט געהערט

טריט אין צימער. אירע שלייפן האָבן געהאַמערט, איר אָטעם איז געווען אַ צוגעאײַלטער. יעדעס מאָל ווען זי האָט אַ טראַכט געטאָן וואָס עס האָט געקאָנט פּאַסירן האָט איר האַרץ אַ צאַפּל געטאָן פון אומרו.

דעם לעצטן נאָכמיטאָג, ווען זי האָט אָנגעקלאַפּט ביי אים האָט זיך די טיר באַלד געעפנט, ווי זי זאָל אָפּשפּרינגען פון זיך אַליין. ער האָט דערקענט אירע טריט הינטער דער טיר שוין פון דער ווייטנס. ער איז געשטאַנען פאַר איר ווי אַ פאַראורטיילטער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען און אויסגעשטרעקטן קאָפּ. זיינע אויגן זענען געווען ווי אויסגעלאָשן און איינגעפאַלן. זיין אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט.

זי האָט אויף אים געקוקט ווי זי זאָל אים נישט דערקענען. איר האַרץ האָט קוים געקלאַפּט ווי עס זאָל אָט, אָט בלייבן שטיין. זי האָט מיט איר פּרויען־חוש דערפילט איר אומגליק.

ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ ווי ער זאָל זיך האָבן איבערגעוועקט, האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט און אויסגעגלאָצט די אויגן. ער האָט זי אָנגענומען ביי די אָרעמס, איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ, זי צוגעפירט און אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע. ער איז געבליבן שטיין. אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. זיי האָבן געהערט די שטילקייט, וואָס האָט ווי געקלונגען אין די אויערן.

זי האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש, ווי זי זאָל זיך וועלן אויפשטעלן און האָט אַ שטאַמל געטאָן: — ווו ביסטו געווען? אירע גרויסע אויגן האָבן געקוקט שטאַר פאַר זיך.

ער האָט אַלץ געשוויגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך צוגערוקט און זיך אָנגעלענט אין דער וואַנט. זיין קאָפּ איז געבליבן הענגען איבער זיין ברוסט.

— טרודע האָט זיך אָפּגעזוכט — האָט ער אַ זאָג געטאָן איילִיק, ווי מיט געוויין. אַז ער האָט איר שוין געשריבן, אַז ער לעבט און געפינט זיך אין ישראל האָט ער איר נישט דערציילט.

אילנה האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ ווי אַ האָן ווען ער וויל קרייען. זי האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן און נישט געקאָנט. דאָס בלוט איז איר געקומען אין קאָפּ אַריין.

אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי זיך אַ טרייסל געטאָן, אַרויפגעפאַלן אויף דער סאָפע און צעהעשעט.

ער האָט גענומען שפּאַנען איבערן צימער אַהין און צוריק. זיין פּלייצע איז געווען קיילעכיק ווי ער זאָל טראָגן אויף זיך אַ משא.

שפּעטער איז זי אויפגעשטאַנען מיט אימפּעט. איר פּנים איז געווען אויסגעצויגן, בלייך. זי האָט פאַרמרוזשעט די אויגן און אים אַ זאָג געטאָן ווי עס זאָל איר נישט אַרן:

„שרייב איר אַן ענטפער", אָבער איר קול האָט געציטערט. — שלום — האָט זי אים שטיל אַ זאָג געטאָן און פאַרמאַכט די אויגן. אירע וויעס האָבן געציטערט, אירע נאָזלעפלעך האָבן געפלאַטערט. פּאַמעלעך איז זי אַרויס פון צימער, אָפן

לאָזנדיק נאָך זיך די טיר ווי זי זאָל אַוועקגיין פֿון אַן אבל. די עטלעכע ווערטער וואָס זי האָט אים געזאָגט האָט זי ווי אַרויסגעריסן פֿון זיך מיט געוואַלד. עס האָט זי געשטיקט. זי האָט נישט געקאָנט רעדן. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות אים צו ווייזן אַז זי איז דערצויגן אַזוי ווי ער.

ער האָט געוואָלט איר נאָכלויפֿן, נאָך עפּעס זאָגן, אָבער ער איז געשטאַנען ווי אַ געליימטער. אַ צייט האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי געפֿינט זיך נעבן אים. ווען אין די ווינקלען פֿון צימער האָבן גענומען זיך פֿונאַנדערסדרן די ערשטע בין השמשות־שאָטנס האָט ער ווידער גענומען שפּרייזן איבערן צימער און פֿאַר־צווייפֿלט זיך געדרענגט די פֿינגער.

אילנה איז כמעט פֿון שטוב נישט אַרויס. זי טרעפֿט זיך נישט מיט קיינעם: ווען אירע חברטעס קומען זי זען אָדער איינלאַדן האָט זי אַ תירוץ, אַז זי איז פֿאַרנומען אָדער אַז זי איז שוין אָפּגערעדט מיט וועמען אין שטאָט. זי שלייכט זיך פֿון די צימערן אין הויף אַריין, פֿון הויף צו די שטייגן אָבער אָן אינטערעס און ווילן. זי העלפֿט אפֿילו נישט אַרויס דער מוטער אין דער שטוב־אַרבעט. זי שווייגט און לײַדט, זי שעמט זיך. שעהן ליגט זי איינגעקאָרטשעט ביי זיך אויף דער סאָפֿע, צי אויף איר פֿאָל־דיוואַן, אָדער זי שטייט אָנגעלענט אונטער אַ בוים, ווי זי זאָל וואַרטן. זי האָפֿט נאָך אַלץ, אַז ערנסט וועט צוריק קומען. ערשט, אַז זי דערהערט דער מוטערס רוף — אילנה! — גייט זי אין שטוב אַריין.

אירע עלטערן האָבן אויך געשוויגן און מיט איר מיטגעליטן. זיי האָבן פֿאַר־שטאַנען לויט איר אויפֿפֿירן זיך, אַז זי האָט איבערגעריסן מיט ערנסטן. די שטיל־קייט ביי זיי אין די צימערן איז געוואָרן אַן אָנגעדראָלטע און האָט געווירקט אויף די מענטשן.

די עלטערן האָבן נישט גערעדט צווישן זיך, נאָר דאָס נויטיקסטע. זיי שעמען זיך פֿאַר זיך אַליין. טאַטע מאַמע האָבן ביז נישט לאַנג זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן אַז מיט זייער איינציקער טאָכטער קאָן אַזוינס פּאַסירן. ווען זייערע בליקן טרעפֿן זיך, לאָזן ביידע אַראָפּ די אויגן. זיי האָבן מורא, אַז זיי וועלן זיך פֿונאַנדעררעדן און זיי וועלן מוזן באַשטעטיקן זייער טאָכטערס מפּלה.

דער פֿאָטער איז געוואָרן באַשעפֿטיקט. ער האָט געהאָדעוועט די עופֿות אין די שטייגן, געגאַנגען אין פּרדס זען ווי די פּרוכט וואַקסט, אָבער אין שטוב האָט ער זיך נישט געפֿונען קיין אָרט. ער האָט אַלץ געטאָן פֿאַמעלעך, ווי ער זאָל מורא האָבן, אַז ער וועט זיך אין עפּעס אָנשלאָגן, נאָר זיינע גרויע אויגן האָבן געגלאַנצט. ער איז די גאַנצע צייט נישט געווען צופֿרידן וואָס זיין אילנה טרעפֿט זיך מיט אַ „יעקע" אָבער איצט האָט עס אים געקרענקט.

אויך פֿאַר דער מוטער זענען איצט די שטוב־אַרבעטן געוואָרן איבעריק. זי האָט זיך באַמיט זיין וואָס מער פֿאַרנומען אין הויף. זי האָט נישט געוואָלט זיין לאַנג אַליין מיט דער טאָכטער. זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט נישט אויסהאַלטן און זי וועט זיך מיט איר פֿונאַנדעררעדן, וועלן דערגיין ביי דער טאָכטער וואָס עס איז געשען. זי האָט עס געוואָלט פֿאַרמיידן, פֿאַרן אייגענעם און דער טאָכטערס כבוד.

געוועזן טעג, ווען טאַטע־מאַמע האָבן איר פּשוט געשטערט. זי איז כסדר געשטאַנען אונטערן פענצטער, געוואַרט ביז חנוך דער הינקענדיקער פּאָסט־טרעגער וועט פאַרבייגייען זייער הויז. איר האָט זיך יעדן טאָג געדאַכט, אַז היינט וועט זי באַקומען אַ בריוו פון ערנסטן. אין די אָוונטן איז זי עטלעכע מאָל אַרויס פון שטוב און אפילו זיך נישט איבערגעטאָן, ווי זי זאָל גיין שפּאַצירן אויף די פעלדער. זי איז אַוועק צום טראַקט, געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו פאָרן קיין נתניה. זי האָט נישט געוואָלט מענטשן זאָלן זען וווהין זי פאָרט.

זי האָט זיך געשלייכט אין די געסלעך נאָענט צו ערנסטס וווינונג. זי האָט געוואָלט אים טרעפן, אָבער אין איינעם פון די אָוונטן, אַז זי האָט אים דערזען פון דער ווייטן איז זי שטיין געבליבן ווי פאַרגליווערט. זי האָט זיך אים איינגעקוקט, זיך האַסטיק אויסגעדרייט און אַנטלאָפן ווי ער זאָל זי נאָכיאָגן.

אין צווישן איז אויך די מענטשן אין דאָרף געוואָרן אויפפאַלנד, אַז מען זעט נישט אילנהן. נישט איין מאָל האָט אַ פאַרבייגייער געזען זי שטיין אַ פאַרחלומטע אונטער אַ בוים. אירע חברטעס און חברים האָבן אויפגעהערט צו איר קומען און זי פאַרבעטן. זיי האָבן געוווסט, אַז זי פאָרט מער נישט אין שטאָט. וואָס עס האָט פּאַסירט צווישן איר און ערנסטן האָט קיינער נישט געוווסט. זיי האָבן נאָר געאָנט, אַז זי ליידט און שעמט זיך און זיי האָבן זי באַדויערט. זיי האָבן געוואַרט זי זאָל צו זיי קומען, צוריק אַריין אין לעבן, פאַרגעסן וואָס געווען.

רותי, אַ דיקלעכע בחורה, אילנהס חברטע, מיט וועלכער זי איז געזעסן אויף איין שול־באַנק פלעגט יאָ צו איר קומען. זי האָט געוואָלט אילנהן טרייסטן און דערמוטיקן. רותי איז יעדעס מאָל אָפּגעזעסן ביי איר אַ שטיקל צייט און זיי האָבן מער געשוויגן ווי גערעדט. זייערע געשפּרעכן האָבן נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג. רותי האָט זיך געהיטן מיט יעדן וואָרט, זי זאָל חלילה נישט מצער זיין אילנהן, וועלכע האָט יעדעס מאָל געוואַרט רותי זאָל שוין גיין. רותי האָט יעדעס מאָל איר נאָר איבערגעגעבן, אַז די חברה טרעפן זיך און פאַרברענגען. דרך אגב האָט זי איר אויך אַ זאָג געטאָן: קום אויך צו גיין! און באַלד אַ זאָג געטאָן אַ פריילעכן שלום. אָבער זי איז אַוועק פון איר מיט אַ געפּטרטער שטימונג.

אָבער אַז יאיר, אַ הויכער בחור מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע און לאַנגע באַקנבערד האָט געטראָפן רותין אַרויסגיין פון אילנהן, האָט ער אונטערגעוואַרט. ווען זי איז צוגעקומען צו אים האָט ער איר אַ זאָג געטאָן מיט נקמה: — נשבר לה! (האָט האַרצווייטיק). זיינע אויגן האָבן דערביי געגלאַנצט. — די דאָרפישע טויגן איר נישט, אַ „יעקע" האָט זי געדאַרפט! — האָט ער געזאָגט. אין זיינע רייד האָט זיך געפילט שפּאָט.

רותי האָט אַ געפלעפטע אַ ווײַלע אים נאָכגעקוקט.

אילנה האָט געליטן און אויסבאַהאַלטן אירע ליידן. זי איז געזעסן אין איר צימער, געבענקט און נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט זיך. אַז עס איז איר נמאס געוואָרן האָט זי זיך אַרויסגעשלייכט פון שטוב די עלטערן זאָלן נישט מערקן און

זי איז אַוועק אין די פעלדער. זי האָט געשפּאַנט פּאַרויס און דער האָריזאָנט איז כסדר געבליבן ווייט פון איר.

אין אַ נאָכמיטאָג איז אילנה אַרויס דורך דער הינטערשטער פלויטפּאָרטקע פון זייער הויף. זי האָט געדאַרפט איבערשפּאַנען דעם דאָרפסוועג, געוואָלט גיין איבער די פּרדס־שטעגן. רפי איז אָנגעפאָרן אויף זיין טראַקטאָר און פאַרשטעלט איר דעם וועג. ער האָט פאַרלאָשן דעם מאָטאָר און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער מאַשין. — ווו אַהין? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן מיט זיין דיקער שטימע און אַ קוק געטאָן אויף איר פון אונטערן שטערן.

— שפּאַצירן — האָט זי אים לאַקאָניש געענטפערט און באַלד גוטמוטיק אים אַ זאָג געטאָן. — רפי! ווי זי זאָל זיך האָבן מיט אים דערפרייט.

רפי האָט צוזאַמען מיט איר געענדיקט די שול. זיי זענען געווען חברים, צוזאַמען געשטיפט און געמאַכט די לעקציעס. אין יענע צייטן זענען זיי ביי דער חברה אָנגעגאַנגען אַלס אַ פּאָרל. איצט איז ער געווען אַ שותף צו אַ טראַקטאָר. ער האָט אילנהן נישט פאַרגעסן. ער האָט זיך מיט איר אינטערעסירט און געוווּסט אַלץ וואָס מען רעדט וועגן איר אין דאָרף.

— אילנה, פאַרגעס אין אַלעם! ווען טרעפן מיר זיך ווידער? — האָט ער זי פּשוט אַ פרעג געטאָן, ווי ער זאָל איר פאַרשלאָגן אַ טרונק וואַסער, אָבער דערביי האָבן זיינע אויגן זי עקשנותדיק באַטראַכט. ער האָט געוואַרט.

זי האָט דערשטוינט אים אָנגעקוקט. זי האָט געזען דעם הויכן ברייטפּלייציקן בחור, זיין לענגלעך, ברייט קנאָכיק פּנים און זיין שוואַרצע, נידעריקע טשופּרינע. זי האָט סאַרקאַסטיש אים אַ שמייכל געטאָן, אים לייכט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געגאַנגען ווייטער.

ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טראַקטאָר, אָנגעצונדן דעם מאָטאָר און אַוועקגעפאָרן.

אירע טאַטע־מאַמע זענען אַרומגעגאַנגען ווי שאָטנס. יעדער פון זיי האָט געטאָן זיין אַרבעט אָבער זיך געהיטן נישט צו זאָגן קיין איבעריק וואָרט. זיי האָבן נישט פאַרטראָגן דער טאָכטערס שווייגן. זיי האָבן געבענקט נאָך איר אַמאָליקער פריי־לעכקייט וועלכע האָט אויסגעפילט דאָס הויז. אין אַ נאָכמיטאָג האָט די מוטער געהאַט פאַרענדיקט איר שטובאַרבעט. דער פאָטער איז אַריין פון הויף. ער האָט אָנגעקוקט די טאָכטער און באַלד זיך איבערגעקוקט מיטן ווייב. זיינע אויגן זענען געווען טרויעריקע, אירע אפילו פייכט. אילנה האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער ווי זי זאָל אויף וועמען וואַרטן.

וואָס וועט זיין דער סוף? — האָט דער פאָטער אַ פרעג געטאָן נישט זיכער. ער האָט געמיינט אילנהן, אָבער ער האָט נישט פאַרענדיקט די פראַגע. אין שטוב איז געווען שטיל. מען האָט געקאָנט אָנטאַפּן די שטילקייט. — איך גיי פאַרמאַכן די וואַסער־קראַנען — האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן. ער האָט מיט דער האַנטפלאַך זיך אויסגעריבן די גאָמבע און איז צוריק אַרויס פון שטוב.

דאָס ווייב האָט אים נאָכגעקוקט ווי זי זאָל אים וועלן צוריקרופן. זי האָט צוריק אויסגעדרייט איר קאָפּ און זי האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו אילנהן:

— טאָכטער, וואָס נעמסטו זיך אַזוי איבער? די וועלט גייט נישט אונטער, נישט דער, וועט זיין אַ צווייטער. זי האָט צו איר גערעדט פּאַמעלעך און האַרציק, ווי אַ מאַמע זי געטרייסט.

אילנה האָט איר נישט געענטפערט נאָר איר קאָפּ איז איר געזונקען ביז ער איז געבליבן ווי הענגען. זי האָט זיך געשעמט צו קוקן דער מוטער אין די אויגן. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז די עלטערן ווייסן נישט וואָס מיט איר קומט פֿאָר. אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען אינעם אָפענעם פענצטער און שנעל געאָטעמט. די שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון האָבן זי געגלעט. זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט און אַ זאָג געטאָן דער מוטער נישט אויסדרייענדיק זיך צו איר: — איך ווייס נישט וואָס דו ווילסט, אויב מיינסט, ערנסטן, האָב איך דעם ענין בכלל נישט גענומען ערנסט. זי האָט גערעדט שנעל, ווי זי זאָל שלינגען די ווערטער. איר קול האָט געציטערט. זי האָט זיך אויסגעדרייט און מיט אימפּעט אַריין צו זיך אין צימער. דער מוטער האָט זיך געדאַכט, אַז שאָטנס זענען איר נאָכגעגאַנגען.

מיט די געדאַנקען איז זי געווען ביי ערנסטן. זי האָט געוווּסט, אַז ער פֿאָרט כסדר קיין ירושלים. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער באַמיט זיך באַקומען „פּאַפּירן" פֿאַר טרודען. זי האָט אים נישט איין מאָל געזען איינשטייגן אינעם אויטאָ וואָס איז געפֿאָרן אַהין. שעהן איז זי געלעגן יעדן טאָג ביי זיך אין צימער אויפֿן דיוואַן. שעהן איז זי געשטאַנען אונטער אַ בוים אַ פֿאַרשטעלטע מיט די צווייגן, מענטשן זאָלן זי נישט זען. די נעכט זענען פֿאַר איר געווען אַן אָפּקומעניש. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, פֿאַרקוקט אין דער פינצטער, באַהערשט מיט אימה און שווער געאָטעמט. זי האָט זיך געוואָרפן אויפֿן געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער און נישט געקאָנט זיך באַפֿרייען פון אירעליידן — איינשלאָפֿן. איר האָט גענאָגט די חרפה און זי האָט געבענקט.

אין איינער פון די נעכט, וואָס איז געווען פינצטער און אויסגעשטערנט, ווי נאָר די עלטערן זענען איינגעשלאָפֿן איז זי אַרויס אין גאָרטן. פֿאַרטאָג ווען דער פֿאָטער איז אַרויס פון שטוב איז ער שטיין געבליבן אַ געליימטער. אונטער דעם מילגרוימבוים, ביים קיכפענצטער איז געזעסן אילנה אַ באָרוועסע אין דער פּיזשאַמע. ער האָט געוואָלט צו איר צוגיין און נישט געקאָנט. אין מאָמענט איז ער עלטער געוואָרן ווי ער איז געווען.

— אילנה — האָט ער קוים אויסגעשטאַמלט.

זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ, זיך איינגעקוקט אין אים. ער האָט אויסגעזען ווי ער זאָל אויך האָבן קלענער געוואָרן. ער איז געשטאַנען אומבאַהאָלפֿן און זי באַטראַכט. זיינע פֿאַרלאָפֿענע אויגן זענען געווען טריב און פייכט. פּאַמעלעך האָט ער זיך אויסגעגליכן, פֿאַרבראָכן די הענט און זיך אויסגעריבן די לינקע באַק.

ער האָט איר לייד געטאָן. זי האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. זי האָט שנעל

פֿאַרקנעפּלט אויף זיך די פּיזשאַמע און זיך אַ ווענד געטאָן צו אים דרייסט, ווי זי זאָל נישט זאָגן קיין ליגן: — איך בין נאָר וואָס אַרויס זיך אָנקילן.

דער פֿאָטער האָט אַ שאָקל געטאָן איר מיטן קאָפּ, אַז ער פֿאַרשטייט. זי איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו אים. זי האָט אַרונטערגערוקט אַ האַנט אונטערן פֿאָטערס אָרעם, ווי אַ קינד אָנגעלענט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און אַ זאָג געטאָן ווי זי זאָל שפּאַסן: — איך וויל אויף אַ צייט אוועק אין שטאָט. איך האָב באַשלאָסן, אַז דאָס יאָר וועל איך זיין אַ לערערין אין תל־אביב. זי האָט איינגעגראָבן אירע צונויפגעפּרעסטע ליפּן אינעם פֿאָטערס אַקסל זי זאָל זיך נישט צעוויינען. די אָדערן אויף איר האַלדז זענען געווען אויסגעשפּאַנט.

אַ גרויסע טרער, וואָס האָט נישט געקאָנט אַראָפּפֿאַלן, איז הענגען געבליבן דעם פֿאָטער אין די אויגן־ווינקלען.

ד

אילנה לערנט די קינדער אין יפו און וווינט אין צענטער תל־אביב אויף אַ זייטיקע, אַן אַספאַלט גאַס, וועלכע איז אויסגעזעצט מיט פּאַלמעס.

זי וווינט ביי נחמה פּישער, אַן עלטערע, מיטלוווקסיקע אַלמנה. די הויט אויף אירע באַקן איז טרוקן. אירע גרויע האָר זענען אויסגעצויגן און פֿונאַנדערגעטיילט מיט אַ שרינט אין דער מיט, אָבער איר פּנים זאָגט עדות, אַז זי איז אַמאָל געווען שיין. זי מיט איר מאַן און משפּחה זענען געקומען אין לאַנד אַריין פֿון רוסלאַנד מיט דער דריטער עליה. יהודה איר מאַן האָט אין מינסק געפֿירט אַ גרויסע גאַר־בעריי. דאָ אין לאַנד האָט ער אין מרכז מסחרי געהאַט אַ לעדער־געשעפֿט. אירער אַ זון און אַ טאָכטער האָבן געלעבט אין קיבוצים. איר ייִנגסטער זון האָט געאַרבעט אַלס באַאַמטער אין ירושלים. זי האָט געלעבט פֿון דער הכנסה פֿון איר הויז.

נחמה האָט געוווינט אויפֿן צווייטן שטאָק אין אַ צוויי־צימער־וווינונג מיט אַ גרויסן האָל. איר איז געווען לאַנגווייליק זיין אַליין אין דער דירה. זי האָט פֿאַר־דונגען אילנהן אַ צימער, געוואָלט האָבן צו וועמען אויסרעדן אַ וואָרט.

דאָס צימער האָט די מוטער אויסגעזוכט. נחמה און פּירה זענען געווען באַ־פֿריינדעט פֿון אַמאָל. אילנהס עלטערן האָבן געשטאַמט פֿון באַראַנאָוויטש אין פּוילן. ביז זיי זענען געגאַנגען אויף התישבות איז דוד, אילנהס פֿאָטער, געווען אַ בוי־אַרבעטער און זיי האָבן געוווינט ביי נחמהן אין הויז.

אילנה האָט גאָרנישט געענדערט אין איר נייעם, אויסמעבלירטן צימער. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז אויך דאָס צימער רייסט זי אַוועק פֿון דער היים. דאָס צימער איז געווען גרויס און אַנדערש ווי איר צימער אין דאָרף. אין איר איצטיקן צימער איז פֿאַראַן אַ ברוינע, צווייטיריקע שאַנק מיט אַן איינגעפּאַסטן אָוואַל־

שפּיגל פון דרויסן, אַ טיש מיט בענקלעך און אַ סאָפע מיט אַ נאַכטשענקל אין דער זייט. זי האָט נאָר אַריינגעשטעלט אַן עטאַזשערקע וואָס זי האָט געקויפט אין גאַס.

אילנה האָט געאַרבעט. אין די פרייע שעהן איז זי געלעגן אויף דער סאָפע און געלייענט. אָפט איז איר עס נמאס געוואָרן האָט זי אַלץ געלאָזט און אַוועק אין גאַס. זי האָט זיך געשלייכט אין די גאַסן ווי אַמאָל איבער די פעלדער פון דאָרף, איצט אָבער מיט אַ ווייטאָג אין האַרצן. די צוויי פרויען האָבן אָפט גערעדט צווישן זיך. נחמה האָט איר פאַרטרעטן די מוטער, אָבער אילנה האָט זיך געגעבן מי זייערע געשפּרעכן זאָלן נישט אַרויס פון די טאָג־טעגלעכע ענינים.

וועגן זיך, דעם דאָרף און אירע עלטערן האָט זי זיך באַמיט וואָס ווייניקער צו דערציילן. זי האָט נחמהן דערציילט וועגן דער תמימות פון אירע קליינע שילער. ווי זיי קוקן אויף איר אומשולדיק, נייגעריק ווען זי דערקלערט זיי עפּעס. זיי האָבן אויך אויסגעטוישט צווישן זיך אַ מיינונג איבער אַ בוך, וואָס נחמה האָט געלייענט אין רוסיש און זי אין העברעיש.

מיטאָג האָט אילנה געגעסן אין גאַס, די רעשט מאָלצייטן אין שטוב. נחמה האָט אויך איר יעדעס מאָל צוגעטראָגן צו פאַרזוכן אַ מאכל וואָס זי האָט צוגע־גרייט. אילנה איז זעלטן געפאָרן אַהיים צו די עלטערן. ווען יאָ איז אין אָוונט און צוריקגעקומען ביינאַכט. זי האָט נישט געוואָלט טרעפן זיך מיט די מענטשן פון „תל". איר מוטער איז אָפט געקומען צו איר און געבראַכט דער טאָכטער פאַרשידענע פּראָוויאַנטן און זאַכן.

צו נחמהן איז אָפט אַריינגעקומען עפרוני, אַ הויכער, שיינער מאַן מיט אַ פּירקאַנטיקן, גרויסן קאָפּ, שוואַרצע גלאַנציקע האָר און אַ קליינעם פּליך אין דער מיט. זיין נאָז איז געווען קורץ און ברייטלעך, זיינע הענט לאַנג. ער האָט אָנגעהויבן קומען צו נחמהן נאָך דעם ווי אירע קינדער זענען אַוועק פון שטוב. ער איז געקומען מהנה זיין די אַלטע פרוי זי זאָל נישט זיין אַליין, אָבער זיין קומען איז געווען אויסגערעכנט. ער האָט געוואָלט די מענטשן, מיט וועלכע ער טרעפט זיך זאָלן וויסן, אַז ער קומט צו נחמהן, די אַמאָליקע שטאָט־גבירטע. זיי האָבן געשטאַמט פון דער זעלבער שטאָט. אַלע זענען זיי עולה געווען דורך פּוילן נאָר נישט צוזאַמען.

עפרוני האָט אין דער היים געהייסן יוסף בליימאַן. זיינע עלטערן האָבן געוווינט אין אַ כאַטע הינטער נחמהס גאָרבעריי. ער איז געווען דער יינגסטער פון די ניין קינדער. זיין טאַטע חנינה, אַ נידעריקער ייד מיט אַ שוואַרצער קאָלטנבאָרד האָט געקויפט און צונויפגענומען שמאַטעס, זיי איבערגעוואַשן און פאַרקויפט.

ווי נאָר ער איז אונטערגעוואַקסן איז ער אַוועק פון חדר ווו ער האָט געלערנט חומש, רשי. ער איז געגאַנגען אַרבעטן. ער האָט געהאָלפן אַנלייגן ברעטער אין אַ האָלצלאַגער. אַ סך מאָל האָט ער אויך צונויפגענומען שמאַטעס און זיי פאַר־קויפט דעם פאָטער אָדער אויסגעהאָלפן אין דער אַרבעט.

איצט איז עפרוני געווען אַ מאַגאַזינער אין „נדבך", אַ גרויסע בויפירמע. דאָ אין לאַנד האָט ער פריער געאַרבעט ביי פאַרשידענע אַרבעטן; געפלאַסטערט

שאַסייען, געאַקערט פּרדסים, געאַרבעט אין אַ באַנאַנעס־פּלאַנטאַציע, געווען אַ שטאַל־שומר, אַ בעל־עגלה ביז ער איז געוואָרן אַ בוי־אַרבעטער, אַ בעטאָן־גיסער. ער האָט זיך געוואָלט איינאָרדענען, ווערן אַ בעל־הבית פֿאַר זיך.

נחמה האָט אים אויפֿגענומען בכבוד. זי האָט אים מקרב געווען, מכבד געווען מיט טיי און קוכן, אַ סך מאָל אים אויך פֿאַרבעטן צום עסן. זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן ווי פֿון אַזאַ אָרעם ייִנגל איז אויסגעוואַקסן אַ מענטש. זי איז געווען צו אים פֿריינדלעך, אָבער מיט דיסטאַנס. ער האָט עס געפֿילט. זי האָט אָפֿט מיט אים גערעדט וועגן מינסק, ווי עס האָט דאָרט אויסגעזען און ווי די ייִדן האָבן דאָרט געלעבט. זי האָט גערן געהאַט צו דערמאָנען די פֿאַרגאַנגענהייט. וועגן זיין היים און משפּחה האָט זי נישט גערעדט. ער האָט עס פֿאַרשטאַנען. ער האָט זי אויסגעהערט, ווען זי האָט אים עפּעס געפֿרעגט, האָט ער איר געענטפֿערט: — איך געדענק כמעט נישט, כ׳בין געווען אַ קינד.

יעדע וואָך איז פּירה געקומען אין שטאָט אַריין באַזוכן די טאָכטער, מערסטנ־טייל אינמיטן וואָך נאָכמיטאָג. ווי נאָר זי האָט אָנגעקלונגען איז אילנה באַלד געלאָפֿן עפֿענען די טיר. זי האָט שוין געקענט דער מוטערס ציטערדיקן, אומגעדולדיקן קלונג. די מאַמע מיט דער טאָכטער זענען זיך געפֿאַלן אין די אָרעמס. זיי האָבן זיך געקושט און באַטראַכט איינע די אַנדערע. אילנה האָט זיך באַמיט צו זיין פֿריילעך אין דער מוטערס אָנוועזנהייט. דער מוטערס שטערן האָט זיך שטענדיק געקנייטשט, קוקנדיק אויף דער טאָכטער.

די מוטער איז שטענדיק געקומען אַ באַלאָדענע מיט פּעקלעך און זיך אויפֿגעפֿירט ווי ביי זיך אין שטוב. זי האָט אָנגעקלאַפּט און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דער טיר און אַ זאָג געטאָן: — שלום, נחמה ווי זי זאָל נאָר וואָס האָבן גערעדט מיט איר.

— שלום! שלום! גוט וואָס דו ביסט געקומען — האָט נחמה אַ צופֿרידענע געענטפֿערט און איר נישט געשטערט זיך פֿרייען מיט דער טאָכטער.

די מוטער האָט אַריינגעלייגט אין קילשאַנק דאָס געפּעקלטע פֿלייש און די געבראָטענע הון, אויפֿגעפּאַקט דעם געבראַכטן קוכן און פֿונאַנדערגעטיילט דאָס נאַשוואַרג אין די פּושקעס. איצט האָט זי זיך געשטעלט אָנסדרן אין שאַנק די געברענגטע וועש וואָס זי האָט יעדע וואָך אַהיים גענומען צו וואַשן. צום סוף איז זי אַריין צו נחמהן. זי האָט איר דערלאַנגט אַ פּושקע מיט אייער און יעדעס מאָל מיט אַ שמייכל איר אַ זאָג געטאָן: — דאָס איז פֿאַר אייך, איר זאָלט האָבן מיט וואָס אויפֿצונעמען מיין טאָכטער. נחמה האָט זיך שוין נישט געווערט, ווי אין אָנהייב, נאָר יעדעס מאָל פֿונסניי באַוווּנדערט — גרויסע, שיינע אייער.

די מוטער האָט זיך די מי געגעבן, פֿאַרפֿירן מיט דער טאָכטער נישט צו קיין ערנסט געשפּרעך. זי האָט זי נאָר אויסגעפֿרעגט וואָס זי עסט, ווי זי קומט אויס מיט די קינדער אין שול. זי האָט איר דערציילט וואָס עס טוט זיך אין דער ווירטשאַפֿט און וואָס עס איז פֿאַרלאָפֿן אין דאָרף.

נישט געווען דאָס מאָל זי זאָל נישט איינלאַדן די בעל־הביתטע נחמהן צו טיי

מיט קוכן. אילנה האָט געגרייט און דערלאַנגט צום טיש. אינצווישן האָבןביידע אַלטע פּרויען זיך דורכגעשמועסט. אָפּט נישט ווילנדיק האָבן זיי זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ שמועס אין רוסיש. דאָס איז געשען, ווען זיי האָבן גערעדט וועגן די גבירים און דער אינטעליגענץ אין מינסק. ווען זיי האָבן אָבער גערעדט וועגן די יידן, קרעמער און הענדלער, וועגן דער ציוניסטישער טעטיקייט, וועגן דער יידישער האָרעפּאַשנע מאַסע און דעם אַנטיסעמיטיזם דאָרט, האָבן זיי גערעדט העברעיש, אַז אויך אילנה זאָל פאַרשטיין.

אין אַ קורצער צייט האָבן זיך ביידע פּרויען באַפריינדעט ווי שוועסטער. דאָך איז צווישן זיי געווען אַ מחיצה. די מוטער האָט נישט דערציילט נחמהן פאַר וואָס אילנה איז געקומען אַרבעטן אין שטאָט. אויך נחמה האָט נישט געוואָגט פרעגן פאַר וואָס די טאָכטער איז געקומען צו איר ווינען.

דער פאָטער איז נאָר ווי אַריינגעפאַלן צו אילנהן ווען ער האָט געהאַט עפּעס צו דערליידיקן אין דער גרויסער שטאָט. ער האָט זיך ביי איר קיין מאָל לאַנג נישט געזוימט. ער האָט נישט געוואָלט רעדן און נישט געקאָנט שווייגן. שווער געווען אים איבערצוטראָגן דעם בזיון, וואָס זיין איינציקע טאָכטער האָט פאַרלאָזט די היים און וואָלגערט זיך אין דער פרעמד. ווען ער איז געקומען האָט ער זי געפרעגט — וואָס דאַרפסטו נויטיק? איר געשטופּט געלט אין האַנט, זי געקושט און אייליק צוריק אַוועק אַהיים, צו זיין אַרבעט.

אילנה איז געשטאַנען מיטן געלט אין האַנט. זי האָט געוואָלט שרייען פון ווייטאָג אָבער זיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

אילנה האַלט זיך אָפּגעזונדערט. זי טרעפט זיך נישט מיט קיין מענטשן. די מענטשן אין שטאָט זענען איר פרעמד. זי בענקט צו אירע מענטשן אין דאָרף. אָבער דאָס שטענדיקע זיין נאָר מיט זיך, די שטילקייט וואָס רינגלט איר אַרום ווען זי לייענט אָדער זי איז אַליין, טרייבט זי פון שטוב אַרויס. עס העלפט איר נישט וואָס זי האָט זיך לעצטנס איינגעשאַפט פאַרשידענע ביכער און זי שטודירט פּסיכאָלאָגיע. זי לאָזט אויך נישט אַדורך קיין רעפעראַט אויף דעם געביט. זי לאָזט כמעט נישט אַדורך קיין אויסשטעלונג אין מוזיי. זי באַזוכט יעדע גוטע טעאַטער־פאַרשטעלונג און פילם.

זי האָט נישט מיט וועמען זיך אַדורכצורעדן. זי דריקט אין זיך איר בושה און בענקשאַפט. נישט איין מאָל פאַרגלוסט זיך איר צו פאָרן קיין נתניה, כלומר זען ווי די שטאָט אַנטוויקלט זיך. זי בענקט אַ קלעטער טאָן איבער דעם ברעגאָפּריס און זיך אַ שפּיגל טאָן אין דער גלאַטער ים־פלאַך. אָבער זי האָט נישט קיין מוט. זי האָט מורא, אַז זי קאָן טרעפן ערנסטן און זיך דערוויסן, אַז טרודע איז שוין ביי אים.

עפרוני — יוסף בליימאַן ווי מען האָט אים גערופן אַמאָל ביי אים אין שטאָט, קומט כסדר צו נחמהן. זי איז איצט ווייט נישט די גבירנטע פון אַמאָל. אָבער אויך איצט קומט ער צו איר גערן. ער וויל האָבן דאָס געפיל, אַז ער פאַרקערט אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזן. ער זוכט משפחה־וואַרעמקייט, וואָס ער האָט

קיין מאָל נישט געהאַט אין דער היים. אין דעם גרויסן צימער מיטן קיילעכיקן טיש, מיט די שטרוי געפלאָכטענע בענקלעך און די גרויע מיט אַ ברוינעם פּאַס קאַרירטע פאָרהאַנגען איבער די פענצטער, פילט ער די אינטימקייט.

אָפּט, אַז אילנה הערט, אַז ער איז דאָ קומט זי שטיל אַריין צו נחמהן אין צימער ווי זי זאָל מורא האָבן, אַז זי שטערט, כאָטש די טיר איז שטענדיק אָפן. איר איז נמאס ליגן אויף דער סאָפע און לייענען, אָדער זיצן איינגעקוקט אינעם רוים פונעם צימער, ווייל זי וויל פשוט רעדן מיט מענטשן. עפרוני אינטערעסירט איר אויך אַלס מאַן. זיין אויסזען און פיגור אימפּאָנירן איר. אָבער נישט איין מאָל ווען ער קומט, צווינגט זי זיך צו בלייבן ביי זיך אין צימער.

דאָס לעצטע מאָל, אַז ער איז אַוועק האָט נחמה אָנגעקלאַפּט ביי אילנהן. זי איז געזעסן אויף דער סאָפע, איין פוס איבערגעלייגט איבערן אַנדערן און געקוקט שטאַר ווי זי זאָל זיך אַריינקוקן אין זיך.

— פאַר וואָס ביסטו נישט אַריין? — האָט נחמה בנעימותדיק אַ פרעג געטאָן זי.

— אַ גלות־ייד מיט זיינע מעשהס — האָט אילנה איר געענטפערט און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, נחמה זאָל נישט זען דעם אויסדרוק פון איר פנים.

דאָס פנים פון דער אַלטער פרוי איז געוואָרן געגליווערט. זי האָט זיך אויס־געדרייט און איז שטיל צוריק אַוועק.

אילנה איז פאַר עפרונין געוואָרן אַן אַנטפּלעקונג. ער האָט די מיידלעך־„סאַב־רעס" געקענט נאָר פון זען. מיט די מענער־„סאַברעס" האָט ער זיך יאָ געטראָפן, ביי דער אַרבעט, אָדער אין דער פּאַרטיי. דער קרייז מיט וועמען ער האָט פאַרקערט זענען געווען יידן־עולים. אילנה, איר יאָדערדיקע, שלאַנקע געשטאַלט, מיט אירע שוואַרצע, צעלאָזטע האָר, מיט איר פריי באַנעמען זיך, האָט אים געלאָקט.

איין מאָל איז ער געקומען צו נחמהן גלייך פון דער אַרבעט. זי האָט אים אויפ־גענומען מיט אַ סענדוויטש און אַ גלאָז טיי. זי איז געזעסן נעבן אים און אים אויסגעפרעגט צי ער אַרבעט שווער, וויפל ער פאַרדינט און צי ער שפּאָרט?

ער האָט געגעסן און אין צווישן איר געענטפערט אויף אַלע פראַגן. ווען ער האָט געענדיקט עסן איז ער אַ ווילע געבליבן שטיל. ער האָט געוואַרט אילנה זאָל אַריינקומען. ער האָט זיך אומגעקוקט צי זי גייט נישט און אַ פרעג געטאָן: — וואָס זעט מען נישט אילנהן?

נחמה האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. איר האָט פאַרדראָסן זיין דרייסטקייט און חוצפה.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן: — איך גיי זי ברענגען.

נחמה איז געבליבן אַ געפּלעפּטע. ווען זי האָט זיך באַהערשט האָט זי גענומען צונויפשאַרן די ברייזל אויפן טיש.

ער האָט אָנגעקלאַפּט ביי אילנהן און באַלד געעפנט די טיר. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען האָט אים געזאָגט „ביטע".

אילנה איז געזעסן אויף דער סאָפע און געלייענט. זי האָט אָפּגעריסן איר

בליק פונעם בוך וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט און אים אָנגעקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן.

— איך בין געקומען אייך מיטנעמען — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן.

די מוסקולן אין איר פּנים האָבן אַ ציטער געטאָן. זי האָט געוואָלט אים ענטפערן אָבער נישט באַוויזן.

ער איז צו איר צוגעגאַנגען, זי אָנגענומען ביי דער האַנט און מיט דער צווייטער איר אונטערגעהויבן די גאָמבע. זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן. זי האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ, געוואָלט אַוועקקוקן.

„קומט! — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און זי לייכט אַ ציי געטאָן נאָך זיך.

זי האָט פריער געלייענט אָבער זי האָט די גאַנצע צייט נאָכגעפאָלגט דעם עכאָ פונעם געשפּרעך אין דערבייִיקן צימער.

זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס בוך, זיך אויפגעשטעלט און מיט אים געגאַנגען, כאָטש זי האָט פריער געהאַט באַשלאָסן צו אים מער נישט אַריינגיין.

אַז נחמה האָט זיי איינגעזען האָט זי אַראָפּגעלאָזט אַ פאַרשעמטע די אויגן. זי האָט פון אילנהס ענטפער אַמאָל, פאַרשטאַנען, אַז זי וויל זיך נישט טרעפן מיט עפרונין. איר האָט געאַרט אילנהס שוואַכקייט. אַ ווײַלע איז אין צימער געווען שטיל. נחמה האָט געוואָלט ענדערן די שטימונג. ביידע פרויען זענען געווען אָנגעשטרענגט.

— אַז מיר האָבן אַ גאַסט וועל איך דערלאַנגען טיי מיט וואַרעניע — האָט זי אַ זאָג געטאָן און איז אַוועק אין קיך.

— איך וועל אייך העלפן — האָט אילנה געזאָגט און זי איז איר נאָכגעגאַנגען.

ער האָט גענומען גיין איבערן צימער פּאַמעלעך און שטיל, ווי ער זאָל זיך היטן די פרויען זאָלן נישט הערן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט אויסגעצויגן די פיס און ער האָט אָנגעלענט זיין קאָרק אויף זיינע אונטער־געלייגטע הענט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך פאַרטראַכט ווי אַזוי ער דאַרף האַנדלען און אויך געהערט ווי די פרויען רעדן שטיל אין קיך.

אילנה האָט געברענגט אַ טאַץ מיט טיי און איינגעמאַכטס. נחמה איז איר נאָכ־געגאַנגען, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט האָט זי זיך אַוועקגעזעצט. אילנה האָט געטיילט דעם כּיבוד.

עפרוני האָט זיך צוגערוקט צום טיש. ער האָט מיט ביידע הענט אַרומגענומען דאָס גלאָז טיי און אַ זופּ געטאָן. — ווײַן — האָט ער אַ זאָג געטאָן און פאַרביסן מיט אַ לעפּעלע איינגעמאַכטס.

זיי האָבן געטרונקען טיי און גענאַשט די איינגעפרעגלטע ווײַנטרויבן. ער און אויך די פרויען האָבן נישט אָנגעצוקערט די טיי. אין צווישן האָט עפרוני באַשלאָסן, אַז ער דאַרף זיך פילן היימיש און געבן דעם טאָן ביים טיש.

— נחמה — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו דער עלטערער פרוי און באַלד צוגעגעבן — בעל־הביתטע. ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיין העזה. ער האָט ס׳ערשטע מאָל זי אָנגערופן ביים נאָמען.

— אין יענע קאַנטן, ביי אונדז דאָרט, האָבן גבירים געגעסן איינגעמאַכטס, אָרעמע לייט נאָר ווען זיי זענען קראַנק געווען — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אַ קוק געטאָן אויף אילנהן.

ביידע פרויען האָבן אַ שמייכל געטאָן.

עפרוני האָט כסדר געקוקט אויף נחמהן פון אונטערן שטערן אפיר. ער האָט מורא געהאַט זי זאָל ווידער נישט וועלן רעדן וועגן זייער שטאָט מינסק, עס זאָל איר נישט איינפאַלן צו רעדן וועגן זיין משפחה, האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל רעדן צו זיך: — יענע צייטן זענען פאַרביי. דאָ איז אַן אַנדערע וועלט, יעדער מענטש איז אַ מענטש.

די אַלטע נחמה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

כדי צו באַשטעטיקן זיינע רייד האָט ער אַ זאָג געטאָן: — בעל־הביתטע, דאָ פאַרדינט אַ ציגללייגער מער ווי אַ דאָקטער. ביי אונדז אויפן בוי שלעפּט אַ דאָקטער ציגל אויף די שטאָקן. ער האָט באַמערקט, אַז די פרויען האָבן זיך איבערגעקוקט, אָבער נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס. ער איז אָבער געווען זיכער ביי זיך און ער האָט אַ זאָג געטאָן: — די אַרבעטער בויען ס׳לאַנד!

— פאַר וואָס אַרבעט איר נישט? — האָט אילנה אַ פרעג געטאָן און אים אָנגעקוקט.

נחמה האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

ער האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז ער דאַרף שוין גיין און צוזאַמען מיט אילנהן.

— קומט! איך וועל אייך ברענגען צוריק פון וואַנען איך האָב אייך גענומען — האָט ער זיך צו איר אַ ווענד געטאָן.

אילנה האָט פאַרצויגן די ליפּן. איר פּנים איז געווען ערנסט.

— שלום! און אַ דאַנק! — האָט ער אַ זאָג געטאָן נחמהן און אַ קוק געטאָן איר אין די אויגן ווי ער זאָל איר זאָגן, שווייג! און באַלד אַ קוק געטאָן אויף אילנהן.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט. — אַ גוטע נאַכט — האָט זי אַ זאָג געטאָן און מיט עפרונין אַרויס פון צימער.

דורך די פענצטער האָט אַריינגעקוקט דער בין השמשות. אין די צימער־ווינקלען האָבן זיך גענומען באַזעצן די ערשטע שאָטנס.

נחמה, די אַלטע פרוי, האָט מיט צוויי פינגער זיך אויסגעווישט די מויל־ווינקלען פון וווּנדער און שטוינונג.

ה

אילנה מיט עפרונין טרעפן זיך כסדר. ער קומט איצט ווייניקער צו דער אַלטער נחמה. זיי באַהאַלטן אויס פֿאַר איר זייער סוד. אילנה האָט נישט איין מאָל געוואָלט זיך פֿונאַנדעררעדן מיט נחמהן, זי אויספּרעגן, ביי איר זיך דערוויסן וועגן עפרונין. אָבער זי האָט נישט געוואַגט, זיך געשעמט.

אויך עפרוני וויל נישט איין מאָל אַ פּראָל טאָן, זיך באַרימען פֿאַר נחמהן, אַז ער פֿאַרברענגט מיט אילנהן. ער האָט געטראַכט ווי אַזוי מיט איר צו רעדן זי זאָל אים וועלן אַרויסהעלפֿן, זאָגן אַ גוט וואָרט פֿאַר אים. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז נישט נאָר זי וועט אים נישט העלפֿן נאָר אים נאָך שטערן. זי געדענקט דאָך אים אַלס דאָס קליינע באָרוועסע ייִנגל, וואָס איז געקומען צו זיי אין דער גאַרבעריי, געהאָלפֿן זיין טאַטן שלעפּן צו דער וואָג די אויסגעוואַשענע שמאַטעס.

יעדעס מאָל, ווען עפרוני האָט זיך מיט איר געטראָפֿן, האָט אילנה אים פֿונסניי אָנגעקוקט, ווי זי זאָל אים זען דאָס ערשטע מאָל. זיין אָנצוג האָט אויסגעזען שטענדיק ווי ער זאָל זיין צעקנייטשט, אָבער ער האָט שטענדיק געטראָגן אַ ברייטן קראַוואַט.

ער האָט זיך באַמיט מיט איר וואָס ווייניקער שפּאַצירן איבער די גאַסן. ער האָט דערצו מסכים געווען ווען זי איז געשטאַנען דערויף.

ער איז מיט איר געגאַנגען, מיט איר גערעדט און געקוקט אין די זייטן פֿון אונטערן שטערן אַפֿיר, צי עס גייען נישט פֿאַרביי קיין באַקאַנטע. ער האָט געוואָלט זיין מיט אילנהן איזאָלירט פֿון אַלע. זיי האָבן זיך געטראָפֿן אין עלעגאַנטן קאַפֿע „ראַז" אויף בן־יהודה־גאַס וואָס האָט געהערט צו אַ דייטשן ייִד.

זיינע איינקונפֿטן האָבן אים נישט דערלויבט דאָרט אַהין קומען אָבער ער איז געווען זיכער, אַז דאָ וועט ער נישט טרעפֿן קיין באַקאַנטע.

אין דעם קאַפֿע, ווו די זשיראַנדאָלן האָבן געברענט אַ גאַנצן טאָג, זענען זיי כמעט שטענדיק געזעסן אין אַ ווינקל ביים זעלבן טישל. דער אַלטער, גרויער מיט אַ שריינט אין דער מיט, קעלנער האָט זיי באַגריסט שוין פֿון דער ווייטנס. נישט פֿרעגנדיק האָט ער זיי דערלאַנגט צוויי טיי און אַ קוכן פֿאַר אילנהן און זיך פֿאַר זיי פֿאַרנייגט. זיינע שוואַרצע, געפּרעסטע הויזן, זיין קורצע וועסט און וויס, שטייף העמד האָבן זיך ביי אים אונטערגעהויבן ווי אַ כאָמאָנט אויף אַ פֿערד, וואָס בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ.

זי האָט געגעסן פֿאַמעלעך און צוגעטרונקען. ער האָט שנעל אויסגעטרונקען די טיי און אָפּגערוקט דאָס גלאָז. ער האָט זיך אַראָפּגערוקט די אַרבל ווי ער זאָל זיך גרייטן צו עפּעס אַן אַרבעט. ער האָט זיך צוגערוקט דאָס בענקל, אַראָפּ־געבויגן דעם קאָפּ ווי ער זאָל איר וועלן פֿאַרטרויען אַ סוד און דערציילט איר וועגן די לעצטע געשעענישן אין לאַנד; וועגן די אויסזיכטן פֿאַר „עליה", אַז עס איז אָנגעקומען אין לאַנד אַ געהיימער געוועער־טראַנספּאָרט, ווו און וויפֿל מעפּילים

מען האָט געברענגט, אַז די אַראַבער בונטעווען זיך, אַז די ענגלענדער זאָגן צו די יידן און סיי די אַראַבער.

די רייד זיינע זאָלן האָבן חשיבות האָט ער נאָך יעדער איבערגעגעבענער ידיעה זיך אומגעקוקט, צי מען האָט אים נישט אונטערגעהערט. ווען ער האָט געענדיקט דערציילן האָט ער זיך נאָך מער צו איר צוגערוקט און איר איינגערוימט אין אויער: — איך ווייס עס פון זיכערע קוועלן אין דער פּאַרטיי.

זי האָט אים אויסגעהערט. אָבער דאָס לעצטע מאָל איז זי געבליבן מיטן שטיקל קוכן אויפן גאָפּל וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט. זי האָט צו אים אויפגעהויבן די אויגן און אים אַ פרעג געטאָן: — ביי דיר אין שטאָט דאָרט ביסטו אויך געווען אַזאַ פּאַרטיימאַן? זי האָט אים געוואָלט אַרויספירן אויף אַ געשפּרעך, ער זאָל איר דערציילן וועגן זיין היים.

ער האָט זי אָנגעקוקט. זיין בליק איז געווען שאַרף, זיין פּנים ערנסט אָבער ער האָט איר באַלד געענטפערט: — נאָך אַלס ייִנגל, ווען איך האָב געלערנט האָב איך זיך שוין אינטערעסירט מיט פּאָליטיק. איך האָב דעמאָלט שוין געוווּסט, אַז דער מענטש מוז קעמפן, אויב ער וויל עפּעס דערגרייכן. זי זאָל אים מער נישט פרעגן האָט ער איר געגומען דערציילן וועגן זיך דאָ. — אויך אין לאַנד פּאַרנעם איך אַ וויכטיקן פּאָסטן. אַזאַ אַמט טרויט מען נישט אָן יעדן. עס גייט אין סומעס. איך פּאַס אויף עס זאָלן נישט גיין לאיבוד קיין מאַטעריאַלן, עס זאָלן נישט פאַרפאַלן ווערן קיין כלים. ביי דער פאַרוואַלטונג בין איך זייער אָנגענומען. יעדער ווייסט, אַז איך בין אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש.

איר איז אָבער אויפפאַלנדיק געווען, וואָס ער מיידט אויס רעדן וועגן זיין משפחה. ביי אַ געלעגנהייט, ווען זיי זענען ווידער געזעסן אין קאַפע, האָט זי זיך צו אים אַ ווענד געטאָן מיט אַ קאַטעגאָרישן טאָן:

— דערצייל מיר וועגן דיין היים.

ער האָט פאַרשטאַנען איר פאַרלאַנג. גוט! איך וועל דיר דערציילן — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן מיט שטאָלץ. ער אַליין האָט געוואָלט אָנהויבן גלויבן אין זיין ליגנט. ער האָט זיך איבערגעבויגן צו איר מענטשן זאָלן נישט הערן, און איר דערציילט:

— מיין טאַטע איז געווען אַ תבואה־סוחר, וואָס איז אַ ביסל אַראָפּ פון די נכסים. מיר זענען געווען באַפריינדעט מיט נחמהס משפחה. מיין מוטער איז געווען אַ „יידישע מאַמע”. זי האָט געזאָרגט אַז אַלץ אין שטוב זאָל זיין אויפן אָרט און אין דער צייט. זי איז יעדן אין דער משפחה פאַרלאָפן דעם וועג, געווען גרייט יעדן העלפן. אַלע אין שטוב האָבן געלערנט.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און פאַרגעזעצט: — נאָך דער רעוואָלוציע זענען מיר אַוועק קיין פוילן. מיר האָבן געוווינט אין סוואַלק. דער טאַטע האָט ווייטער געהאַנדלט מיט תבואה, אָבער די געשעפטן זענען אים נישט אַוועק ווי אין רוסלאַנד. איך האָב איבערגעריסן מיין לערע און בין אַוועק אַרבעטן, בין געווען אַ מאַגאַזינער אין אַ האָלצלאַגער. איך בין געווען אַ חבר אינעם ספּאָרטקלוב „דער

שטערן" און אַ מיטגליד אין דער ביבליאָטעק. איך האָב געלייענט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, האָב זיך געבילדעט ביז כ'בין געוואָרן אַ חבר אין דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג.

אילנה האָט זיך צו אים צוגעהאַרכט. זי האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער קוקט אויף איר אַזוי ווי ער זאָל שיקלען. דאָס האָט ער געטאָן ווען ער האָט געוואָלט זיך איבערצייגן ווי זיינע רייד ווירקן אויף איר.

ער איז געבליבן שטיל, האָט טיף אָפּגעאָטעמט און איצט גערעדט שטיל:

— ווען איך בין אַוועק אויף „הכשרה" האָב איך מיין גאַנץ אָפּגעשפּאָרט געלט אַוועקגעגעבן דעם טאַטן. דאָ אין לאַנד האָב איך דערהאַלטן די ידיעה, אַז די עלטערן זענען געשטאָרבן, צוערשט דער טאַטע, דערנאָך די מאַמע. די שוועסטערס זענען זיך צעפאָרן איבער פּוילן.

נאָר דאָס, אַז ער איז געווען אויף „הכשרה" און אַז זיינע עלטערן זענען געשטאָרבן, איז געווען אמת.

ווען ער האָט געענדיקט דערציילן האָבן זיי זיך אָנגעקוקט. ער האָט געוואָלט זען די ווירקונג פון זיינע רייד אויף איר. זי האָט געהאַט מיט אים מיטלייד. זיי זענען געבליבן אין קאָפּע נאָך אַ לענגערע צייט. אָבער זיי האָבן די גאַנצע צייט געשוויגן. זי האָט נאָכגעטראַכט, געווען איבערגענומען מיט זיין פאַרגאַנגענהייט. ער איז געזעסן מיט איבערגעלייגטע איבער די קני הענט, ווי אַ פאַרטראַכטער, אַריינגעטאָן אין זיך, ווי ער זאָל טרויערן איבער זיין יוגנט.

ווען עפרוני האָט זיך געטראָפן מיט אילנהן האָט ער אַ וואָרף געטאָן מיט זיין שוואַרצער טשופּרינע און אָנגעשפּאַנט דעם ברוסטקאַסטן, ער זאָל אויסזען מענעריש. ער האָט זיך געגעבן די מי זי זאָל זען, אַז ער איז אַ דזשענטלמאַן, אַן אייראָפּעער. ער האָט כמעט שטענדיק געהאַט אין טאַש בילעטן אין קינאָ. ער איז מיט איר געגאַנגען זען פילמען, וועלכע ער האָט געוואָלט זען, ווי מען קעמפט, ווי מען שיסט, מען פאַרכאַפּט מענטשן און מען באַפרייט זיי.

אין די שבתים איז ער מיט איר געגאַנגען זען אַ „מעטש". ער האָט יעדן אָנגריף אָדער „גאָל" פון די שפּילער מיטגעלעבט. איר האָט דאָס שפּילן בכלל נישט אינטערעסירט. אין דער צעיאַכמערטער מענטשן־מאַסע, וואָס האָט געליאַרעמט און געיובלט איז זי געזעסן אַן אומבאַהאָלפענע, אָבער געווען צופרידן, אַז ער איז פאַרכאַפּט מיטן אימפּעט פון „מעטש".

מוצאי שבת איז ער מיט איר געגאַנגען טאַנצן. זי איז געלעגן אָנגעלענט אויף אים און צוזאַמען מיט אים זיך באַוויגן צום טאַקט פון די סאַלאָנטענץ־מעלאָדיעס. זי האָט אָבער געבענקט צו די ווילדע „האָראַס" וואָס זי האָט אַמאָל געטאַנצט מיט דער חברה אין איר דאָרף. זי האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צופּאַסן צו אים, מיט אים מיטגיין. זי האָט נישט געוואָלט טראַכטן, אַז זי דערנידעריקט זיך. איר האָט אָבער געעקבערט דער געדאַנק, וואָס באַהאַלט ער פון איר אויס.

נחמה די בעל־הביתטע איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטע. זי האָט פאַרשטאַנען,

אַז זיי טרעפן זיך געהיים, זי זאָל נישט וויסן. זי האָט אויסגעמיטן אילנהס בליק פונקט ווי אילנה אירן. ביידע פרויען האָבן זיך געהיטן, זיי זאָלן זיך נישט מוזן פונאַנדערריידן, אַנטפּלעקן דעם סוד. נחמה איז געווען איבערצייגט, אַז עפרוני איז נישט דער פּאַסיקער מאַן פאַר אילנהן. זי האָט אָבער נישט געוואָלט אים שטערן זיין קאַריערע.

אילנה האָט נישט געפילט קיין צוגעבונדקייט צו אים. ער איז ווייט נישט געווען איר טיפּ. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זי טרעפט זיך מיט אים צוליב צייט־פאַרטרייב. זי האָט געוואָלט פאַרגעסן איר פאַרגאַנגענהייט און נישט זיין אָפּגעריסן פון לעבן.

זי האָט געבענקט און געליטן. איר האָבן געפעלט די ברייטע, פרייע פעלדער־שטחים איבער וועלכע זי האָט אַזוי ליב געהאַט שפּאַצירן. איר האָבן אויסגעפעלט אירע יוגנט־חברים און חברטעס, וואָס זענען אַזוי אויפריכטיק געווען צו איר. זי האָט געבענקט צו איר שטוב אין דאָרף, זייער הויף, די שטילקייט און דאָס קרייען פון די הענער, וואָס האָבן זי געוועקט יעדן פרימאָרגן.

דעם געדאַנק, אַז די עלטערן זענען איינזאַם, האָט זי פון זיך אָפּגעשטופּט. נאָר פונעם געדאַנק, אַז טרודע איז שוין אפשר געקומען און אַז זי איז שוין אפשר צוזאַמען מיט ערנסטן, האָט זי זיך בשום אופן נישט געקאָנט באַפרייען. זי האָט געוווּסט, אַז טרודע איז שוין אין לאַנד און אַז ערנסט איז געפאָרן קיין חיפה זי אַראָפּנעמען פון דער שיף.

אין צווישן האָט עפרוני אָנגעהויבן קומען צו אילנהן אין שטוב אַריין. ער האָט זיך געהיטן נישט צו טרעפן מיט נחמהן. יעדעס מאָל האָט ער לייכט אַ קלונג געטאָן און שטיל אויף די פינגער זיך אַריינגעשלייכט צו איר אין צימער ווי נאָר זי האָט אים געעפנט די טיר.

די לעצטע טעג איז נחמה אַרומגעגאַנגען אין שטוב ווי אַן אויסגעשראָקענע. איר פּנים איז געווען אויסגעצויגן, איר שטערן צעקנייטשט. זי האָט אויסגעקוקט אַ געלעגנהייט זי זאָל זיך קאָנען אַדורכרעדן מיט אילנהן. אין איינער פון די נעכט, ווען זי איז געלעגן וואַך אויפן געלעגער האָט זי באַשלאָסן אַז ס'איז איר חוב דערציילן אילנהן ווער עפרוני איז.

אילנה האָט געפילט, אַז נחמה וויל מיט איר רעדן. זי האָט אויך פאַרשטאַנען וועגן וואָס. ווען זי האָט געדאַרפט אַריין אין קיך איז זי אַ ווײַלע שטיין געבליבן הינטער דער טיר און געהאָרכט צי נחמה איז דאָרט נישטאָ. אויך אַז זי איז געקומען פון גאַס און געטראָפן אויפן וועג נחמהן האָט זי איר טרוקן אַ זאָג געטאָן שלום און איילִיק אַריין צו זיך אין צימער.

אין איינעם אַן אָוונט האָט נחמה אָנגעקלאַפּט ביי אילנהן. נישט וואַרטנדיק זי זאָל זי אַריינבעטן, האָט זי געעפנט די טיר און איז אַריין אין צימער. אַ מאָמענט האָבן ביידע פרויען אַוועקגעקוקט נישט געקאָנט זיך זען. ערשט אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיי אויפגעהויבן די אויגן.

אילנה איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער סאָפע. דער זשורנאַל וואָס זי האָט

געלייענט איז איר אַרויסגעפאַלן פון האַנט. זי איז צוגעגאַנגען און גענומען נחמהן אונטערן אָרעם, זי צוגעפירט און אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע.

— וואָס ווילט איר מיר זאָגן? — האָט אילנה זי אַ פרעג געטאָן און זיך צעלאַכט. זי אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די קני נחמהן אַנטקעגן און געוואַרט.

פון איבעררעשונג האָט נחמה נישט געקאָנט רעדן. זי האָט באַטראַכט אילנהן מיט אויפגעריסענע אויגן. זי איז אָבער באַלד צו זיך געקומען און זיך צערעדט:

— איך בין שוין אַלט אָבער איך פאַרשטיי די יוגנט. איבערהויפּט וויל איך פאַרשטיין די יוגנט, וואָס איז דאָ אויפגעוואַקסן. זי האָט אַ שלונג געטאָן ווי זי זאָל האָבן עפּעס אין מויל און באַלד פאַרגעזעצט: — איך פאַרשטיי, אַז אין אונדזער לאַנד ווו עס זענען עולה יידן פון אַלע עקן וועלט קען נישט איינער דעם אַנדערן — אַ ווײַלע איז זי שטיל געבליבן. זי האָט אַ שנופּ געטאָן מיט דער נאָז, אַראָפּ־געלאָזט די אויגן און געזעדט ווייטער — מיין פּליכט אַלס פּירהס פריינדין איז אַז איר טאָכטער זאָל וויסן אַלץ. זי האָט איצט אויך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זי האָט שטיל ווי זי זאָל פּליסטערן אַ זאָג געטאָן — ער שטאַמט פון אַן אָרעמער היים און האָט נישט קיין שום בילדונג.

אילנה האָט פאַרמאַכט די אויגן. זי איז שטיין געבליבן ווי אַ מומיע, נאָר אירע ברוסטן האָבן זיך באַוועגן. זי האָט אייליק געאָטעמט. אַ צייט שפּעטער האָט זי געעפנט די אויגן, אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און האָט אַ זאָג געטאָן ווי זי זאָל איבעררעדן איבער אַ המון — כל ישראל חברים — אירע אויגן זענען געווען שטאַר.

נחמה איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטע מיט אַן אָפן מויל, ווי עס זאָל איר אויספעלן אָטעם. זי איז נישט געווען גרייט צו אַזאַ תשובה. זי האָט מיט צוויי פינגער זיך אויסגעווישט די מויל־ווינקלען און אַ זאָג געטאָן — טאָכטער, רעד זיך אַדורך מיט די עלטערן — און זי האָט זיך אויפגעשטעלט. — אַ גוטן! — האָט זי אַ זאָג געטאָן און איז אַוועק. די טיר האָט זיך הינטער איר צוגעקלאַפּט.

די יונגע, געזונטע אילנה האָט זיך נישט איינגעבראָכן. זי האָט זיך אַוועק־געזעצט אויפן דיוואַן. זי האָט אונטערגעצויגן די פיס און דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף די קני. זי האָט פאַר זיך געזען די אַלטע נחמה, איר פּנים און די אויגן, ווען זי האָט געזאָגט: ער שטאַמט פון אַן אָרעמער היים און ער האָט נישט קיין בילדונג.

אילנה איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע. פאַרגלייכן עפרונין מיט ערנסטן האָט זי אפילו נישט געפּרוווט. זי האָט אָבער געוווּסט, אַז ערנסטן וועט זי מער נישט דערגרייכן. איצט האָט זי שוין געוווּסט וואָס עפרוני באַהאַלט אויס פון איר. זי האָט לויט זיין באַנעמען זיך שוין פריער פאַרשטאַנען אַז ער האָט נישט קיין ביל־דונג, זי האָט אים אָבער אין געדאַנק פאַרטיידיקט: ער איז פעיִק, ער אַרבעט זיך אַרויף. ער איז שיין און רעפּרעזענטאַטיוו.

זי האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז ווי זי זאָל אים זען און אים נאָכקוקן. זי האָט שוין געזען, ווי זי קומט מיט אים אַהיים און אַלע אין דאָרף קוקן נאָך

אילנהס בחור. זי איז געווען זיכער אַז מיט זיין קומען קיין „תל" וועט פאַרשווינדן איר אָפּגעזונדערטקייט.

— יאָ! — האָט זי אַ זאָג געטאָן און פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט דערפילט אַ רויש אין קאָפּ ווי דאָס בלוט זאָל פון איר אָפּגיין און עס האָט איר געקלונגען אין די אויערן. ווען זי האָט צוריק געעפנט די אויגן האָט זי זיך איינגעקוקט אין דער ווייט ווי זי זאָל זיך נישט געפינען צווישן ווענט.

— מיט אים וועל איך גיין אין לעבן — האָט זי שטיל אַ פליסטער געטאָן.

די פרילינגדיקע זונען־שטראַלן אינעם שפּעטן נאָכמיטאָג האָבן זיך שוין געלאָשן אויף די פענצטער־שויבן. אין דער פאַרגייענדיקער שיין האָבן אירע האָר געשימערט.

אַ קלונג ביי דער טיר האָט איבערגעריסן אירע מחשבות. זי איז אויפגע־שפּרונגען און איז אַרויס אין קאָרידאָר עפענען די טיר. פאַר איר איז געשטאַנען עפרוני מיט גרויסע צעעפנטע אויגן ווי שטענדיק ווען ער איז געקומען און נישט געווען זיכער, ווי זי וועט אים אויפנעמען.

— שלום! — האָט זי אים שטיל אַ זאָג געטאָן. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און מיט אים אַריין אין צימער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן קאַנט פון טיש, מיט די פיס אַראָפּ און זיך איינגעקוקט אין איר.

איר פּנים איז געווען אָנגעצויגן. אַ פאַלד האָט פונאַנדערגעטיילט איר גרויסן שטערן. אַ ווילע האָבן ביידע געשוויגן. אין צימער איז געווען שטיל. ער האָט כסדר געקוקט אויף איר, זי אין אַ זייט.

— אילנה, וואָס האָט פּאַסירט? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן. ער האָט געפילט, אַז עפּעס איז מיט איר פאַרגעקומען.

זי האָט אים נישט געענטפערט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז גאָרנישט.

— איך דערקען אויף דיין פּנים — האָט ער זי נישט אָפּגעלאָזט און נישט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן.

זי האָט נישט אויסגעהאַלטן זיין בליק און שטיל אַ זאָג געטאָן ווי זי זאָל זיך שעמען — די אַלטע האָט זיך אָנגעהויבן מישן אין מיינע ענינים.

— וואָס וויל זי? — האָט ער בייז אַ פרעג געטאָן און זיך אונטערגעהויבן, ווי ער זאָל זיך וועלן אויפשטעלן, אָבער ער איז געבליבן זיצן. ער האָט פאַר־מרוזשעט די אויגן און זיין שטערן האָט זיך צעקנייטשט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די צוויי פרויען האָבן זיך אַדורכגעווערטלט און אַז ער איז געווען די טעמע. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און באַלד זיי צוריק געעפנט ווי עס זאָל אים האָבן אַ בלענד געטאָן.

— איך וויל מיר זאָלן גיין עסן — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן ווי דאָס זאָל זיין דער המשך פון זייער געשפּרעך.

זי האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — ניין.

ער איז אויפגעשטאַנען און גענומען שפּאַנען איבערן צימער ווי ער זאָל

אַרומגיין אין אַ שטייג. מיט אַ מאָל איז ער שטיין געבליבן. ער האָט אַ פּאַרלייג געטאָן די הענט אויף הינטן און זי אַ פרעג געטאָן מיט אַ הוילער, טרוקענער שטימע, ווי ער זאָל אַריינרעדן אין אַ ליידיקן חלל: — ווען פאָרן מיר צו דיינע עלטערן? זיין פּנים איז געוואָרן רויט און זיך אויסגעצויגן. ער האָט געקוקט אויף איר מיט גרויסע, אויסגעשראָקענע אויגן ווי מען זאָל אים האָבן געכאַפּט אויף אַן עבירה.

זי האָט זיך פאַמעלעך אויפגעשטעלט, ווי זי זאָל מורא האָבן, אַז זי וועט אומפאַלן און זי איז מיט קליינע טריט צוגעגאַנגען צו אים. זי איז שטיין געבליבן אים אַנטקעגן און זיך איינגעקוקט אין אים. זי האָט ארויפגעלייגט אירע הענט אויף זיינע אַקסלען און אים אַ זאָג געטאָן — מאָרגן.

ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן ווי אַ בוים אין אַ שטורעם. ער האָט אויסגע־שטרעקט די אָרעמס, זי אַרומגענומען, איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און באַלד זי אָפּגעלאָזט.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און מיט אַן אָפן מויל אַ הויך געטאָן — אההה. זי איז געבליבן שטיין אומבאַהאָלפן.

דורך די פענצטער האָט שוין אַריינגעקוקט דער שפּעטער בין־השמשות.

ו

דער נאָכמיטאָג איז ווי דער גאַנצער טאָג געווען אַ מילדער. דער פאָטער האָט האַסטיק זיך איבערגעבויגן איבערן אָפענעם פענצטער, ביי וועלכן ער איז געשטאַנען.

— פּירה, מיר האָבן געסט, אילנה מיט אַ באַקאַנטן! — האָט ער אויסגעשריגן אַן איבעראַשטער פון גליק.

די מוטער איז אַ גליקלעכע אייליק אַרויס פון דערבייִיקן צימער און שנעל זיי געעפנט די טיר.

— ברוך הבא! — האָט די מוטער אַ צופרידענע באַגעגנט די טאָכטער.

— שלום! — האָט אילנה געענטפערט און זיי זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס.

דער פאָטער האָט פון אויפרעגונג געשנופּט מיט דער נאָז. ער האָט נישט געקאָנט זיך דערוואַרטן און אַרויסגענומען די טאָכטער פון דער מוטערס הענט. ער האָט איר אַ קוש געטאָן איןביידע באַקן, זי אַרומגענומען און מיט דער האַנט־פלאַך געקלאַפּט איר אין דער פּלייצע, ווי ער זאָל זי גלעטן.

אילנה האָט זיך אַ הויב געטאָן, זיך באַפרייט פון פאָטער. זי האָט אַ וואַרף געטאָן מיטן קאָפּ. אירע האָר האָבן זיך אַ צעלאָז געטאָן. זי איז שטיין געבליבן און באַטראַכט דאָס צימער.

די מוטער וועלכע האָט זי די גאַנצע צייט באַטראַכט האָט שטיל איר אַ זאָג געטאָן: — סוף סוף האָסטו געוואָגט קומען אַהיים.

אילנה האָט נישט רעאַגירט, נאָר געזאָגט: — זייט באַקאַנט.

— עפרוני, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט. ער האָט זיך פאַרנייגט און זיי דער־לאַנגט די האַנט. ער האָט געטראָגן אַ גרויען, ווי אויסגעוואַקסענעם אויף אים אַנצוג און אַ ברייטן, געשטרייפטן קראַוואַט. ער און אילנה האָבן אַ קוק געטאָן אויף די צוויי אַלטע לייט ווי עס האָט אויף זיי געווירקט זייער קומען.

די מוטער האָט געקענט עפרונין. זי האָט אים עטלעכע מאָל געטראָפן ביי נחמהן אין שטוב. זי האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס אילנה איז מיט אים געקומען.

אילנה האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן. זי האָט וואָס שנעלער געוואָלט זען זייער וווינונג. זי האָט אויפגעקנעפּלט דעם אויבערשטן קנאָפּ פון איר העלן, טונקל־געמוסטערטן קאַשמיר־קאָסטיום און איז געגאַנגען פון איין צימער אין אַנדערן. אין דער טיר פון איר צימער איז זי אפילו שטיין געבליבן. זי האָט זיך געוואָלט אַנזאָפּן מיט דער אינטימקייט.

עפרוני האָט דערווייל באַטראַכט דאָס צימער. דער פאָטער האָט פון אים נישט אַראָפּגענומען די אויגן. ער האָט באַלד פון אָנהייב געוואָלט דערגיין ווער ער איז?

— ביטע! — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן און אַ ווייז געטאָן די מענער מיט דער האַנט, אַז זיי זאָלן אַריין אין אויפנאַם־צימער. — אילנה קום מיט מיר! — האָט די מוטער זי אַ רוף געטאָן און איז אַוועק אין קיך. אילנה איז איר נאָכגעגאנגען.

— זעצט אייך! — האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן עפרונין און זיך אַליין אַוועקגעזעצט.

עפרוני האָט זיך אַרומגעקוקט. אים איז געפעלן דער מאַסיווער טיש מיט די געבעטע בענקלעך, דער בייכיקער בופעט, דער טיפער דיוואַן און דער אַכט־רעריקער זשיראַנדאָל. ער האָט זיך איינגעקוקט אין די צוויי בילדער, לאַנד־פּייזאַזשן. זיי אַנטקעגן איז געהאַנגען אַ גרויסע פאָטאָגראַפיע פון אַ ייד מיט אַ באָרד און אַ פרוי מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ.

דער פאָטער האָט אויסגעגליכן דעם קאָלנער פון זיין האַקיהעמד און זעענדיק אַז עפרוני קוקט אויף דער פאָטאָגראַפיע האָט ער אַ זאָג געטאָן: — פּירהס עלטערן.

עפרוני האָט געקנייטשט דעם שטערן, אָבער באַלד האָט זיך זיין פּנים אויסגעע־צויגן, געגליוועט געוואָרן, ווי אַ מאַסקע און ער האָט אַ זאָג געטאָן: ווי ביי אַלע די עלטערן.

דער פאָטער האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ און אים אַ פרעג געטאָן — וואָס טוט אַ ייד?

עפרוני האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז. זיין קערפּער איז ווי שטייף געוואָרן און ער האָט געענטפערט: — איך בין אַ בוילייטער אין דער פירמע „נדבך״.

— אַ וויכטיקער פּאָסטן! — האָט דער פֿאָטער אים אַ זאָג געטאָן.

עפרוני האָט נאָך מער זיך אויסגעצויגן אויפן בענקל. זיין געשטאַלט איז ווי גרעסער געוואָרן.

אילנה איז אַריין אין צימער. — נו, צו וואָס האָט איר זיך שוין דערדעט — האָט זי זיי אַ פרעג געטאָן. דער אָפּהילך פון איר קלינגענדיקער שטימע האָט זיך צעטראָגן איבערן צימער. — איצט וועל איך אייך שטערן, האָט זי אַ זאָג געטאָן און זיך גענומען פּאָרען. זי האָט פונאַנדערגעשפּרייט איבערן טיש אַ שטייף טישטעך פון לימאָן־פאַרב, סערווירט דעם טיש. די גאַנצע צייט האָט זי זיך באַמיט זיין נאָענט צו עפרונין. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זי אים אויך אַ פרעג געטאָן — אפשר ווילסטו מיר העלפן? — און אים געמאַכט אַ חנדל.

ער האָט זי דערשטוינט אָנגעקוקט אָבער ער האָט זיך געצווונגען און אַ שמייכל געטאָן איר.

דער פֿאָטער וואָס האָט זיי די גאַנצע צייט באַטראַכט האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

אילנה האָט געבראַכט דעם געפּילטן קאַקאַאָ־טאָרט און קליינע קיכלעך. די מוטער האָט געבראַכט אַ טאָץ מיט טיי און טעלערלעך מיט איינגעמאַכטס. אילנה האָט אָנגעצונדן די ליכט. דער פֿאָטער האָט זיך איינגעזעצט אין בענקל. עפרוני האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ ווי דאָס ליכט זאָל אים בלענדן. די מוטער האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט און גענומען אַרומטיילן. יעדן אַ פּאָרציע טאָרט.

— יוסף — האָט אילנה זיך אַ ווענד געטאָן צו עפרונין — איצט וועסטו קאָנען פעסטשטעלן וועמענס איינגעמאַכטס, איז בעסער, מיין מאַמעס, צי דיין נחמהס.

ער האָט אויף אירע ווערטער נישט רעאַגירט.

אַ צייט לאַנג האָבן אַלע געגעסן און געטרונקען. דער פֿאָטער האָט נאָר געטרונקען און באַטראַכט פון דער זייט עפרונין.

— מאַמע, היינט איז דיר דער קוכן ספּעציעל געלונגען. דו האָסט געוווסט, אַז מיר וועלן קומען? — האָט אילנה זי אַ פרעג געטאָן און אַ קוק געטאָן אויפן פֿאָטער.

— מיר וואַרטן אויף דיר כסדר. דו ביסט שוין לאַנג נישט געווען אין שטוב. דו האָסט אונדז אפילו געמאַכט אַ סורפּריז, מיטגעבראַכט אַ גאַסט — האָט די מוטער איר געענטפערט. זי האָט זיך איינגעקוקט אין דער טאָכטער, געוואַרט זי זאָל רעדן.

אילנה האָט לאַנגזאַם געגעסן און געשוויגן.

— ווי פאַרברענגט אונדזער טאָכטער אין דער גרויסער שטאָט און האָט אפילו נישט קיין צייט צו קומען אויף שבת צו אירע עלטערן? — האָט דער פֿאָטער זי געפרעגט און אַ זופּ געטאָן פון זיין גלאָז טיי.

— די שטאָט איז גרויס. פאַראַן וואָס צו זען און צו טאָן — האָט עפרוני

געענטפערט. ער האָט אויסגעטרונקען די טיי און אָפּגערוקט פון זיך דאָס טעלערל מיטן קוכן.

— דעם גאַסט שמעקט נישט אונדזער געבעקס — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן און אַ קוק געטאָן אויף עפּרוניך.

— ווי נאָך שמעקט עס מיר, אָבער איך קאָן נישט מער — האָט ער געענטפערט דער מוטער מיט אַ דינער, פאַלשער שטימע. איצט האָט ער אַ ציי געטאָן זיין קערפּער, אויסגעשטרעקט זיין ברוסטקאַסטן, געוואָרן דער חשובער מענטש.

דאָס איז נישט געפעלן אילנהן. איר לינקע באַק האָט אַ ציטער געטאָן. זי האָט אָפּגערוקט איר נישט דערטרונקען גלאָז טיי.

— איך קום נישט אויס מיט דער צייט. די שול פאַרלאַנגט אירס. מען גייט אַרויס, מען פאַרברענגט און דערנאָך איז מען מיד — האָט איצט אילנה געענטפערט דעם פאָטער. זי האָט געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס אַלע זאָלן אָנטייל נעמען.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך איבערגעקוקט. זייערע בליקן זענען געווען ווי אויסגעשראָקן. זיי האָבן נישט געוווּסט צי זיי דאַרפן זיך פרייען מיט אילנהס באַריכט.

אילנה האָט באַמערקט די עלטערנס בליק. זי האָט איינגעביסן די אויבערשטע ליפּ און אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך — מען דאַרף געניסן פון לעבן — און אַ קוק געטאָן אויף עפּרוניך.

אַ ווײַלע איז אין שטוב געווען שטיל. מען האָט נאָר געהערט ווי די צווייגן אין דרויסן וויגן זיך און די בלעטער רוישן.

— ווי איז איצט די לאַגע אויפן בוימאַרק, פאַראַן גענוג מאַטעריאַלן? איך האָב בדעה צו בויען אַ שטאַל — האָט דער פאָטער זיך אַ ווענד געטאָן צו עפּרוניך.

עפּרוני האָט פאַמעלעך מיט חשיבות אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ יאָ.

— עפּרוני וועט דיר אויפבויען די שטאַל — האָט אילנה אַ זאָג געטאָן דעם פאָטער און זיך הילכיק צעלאַכט.

די עלטערן האָבן מיטגעשמייכלט. זיי האָבן נישט געוווּסט דעם באַדייט פון דער טאָכטערס געלעכטער.

— קום! וועל איך דיר ווייזן מיינע עלטערנס פאַרמעגן — האָט זי סאַר־קאַסטיש אַ זאָג געטאָן עפּרוניך. זי איז צו אים צוגעגאַנגען און אים אַריינגעשטעקט די האַנט אונטערן אָרעם. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיי זענען אַוועק צו דער טיר.

— איילט אייך צו איידער עס פאַלט צו די נאַכט — האָט די מוטער זיי נאָכגעשריגן. דער פאָטער האָט זיי נאָכגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. זיין פּנים איז געווען שטאַר.

אילנה האָט אים געהאַלטן אונטערן אָרעם, געגאַנגען מיט אים איבערן גאָרטן. זי האָט אים געפירט צו די עופות־שטייגן. ער האָט געשוויגן און באַטראַכט יעדע זאַך. זי האָט גערעדט, אים געוואָלט דערנענטערן צו זיך. זי האָט גערעדט מיט אים איבער זאַכן, וועלכע האָבן אים זיכער נישט אינטערעסירט. זי האָט אים דערציילט אַז דער גראָזדיוואָן פאַרן הויז איז דאָס יאָר נישט שיין, אַז דער

מילגרוים־בוים אונטערן פענצטער וועט דאָס יאָר געבן אַ סך פּרוכט. זי האָט אים פאַרטרויט, אַז דער בוים שפּילט אַ ראָל אין איר לעבן, אַז זי האָט זיך צוגעבונדן צו דעם בוים פונעם טאָג ווען זי האָט געקריגן שכל. אַז זי האָט אונטער דעם בוימשאָטן איבערגעלעבט אירע לעבנס־געשעענישן האָט זי אים נישט דערציילט. זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט זי נישט פאַרשטיין.

אין די עופות־שטייגן איז ער נישט אַריין. ער איז שטיין געבליבן אין דער טיר און באַטראַכט די הינער ווי ער זאָל שאַצן וויפל זיי האָבן די ווערט. אייז שטייג איז געשטאַנען נאָענט צו דער אַנדערער. די ווייסע הינער האָבן פון דער ווייטנס אויסגעזען ווי ביינוול־בעלכלעך און אַלע ווילע האָט אַן אַנדערער האָן אַ קריי געטאָן. דאָס אַלץ האָט אויף אים נישט געמאַכט קיין רושם.

אויך די ווייסע אינדיקעס מיט זייערע לאַנגע צעלייגטע פליגל וואָס האָבן זיי אויפגענומען מיט אַ האַלדעריי האָט ביי אים נישט אַרויסגערופן קיין פאַרוווּנדערונג. ער האָט נאָר אַ זאָג געטאָן: — גרויסע עופות, זיי וועגן אַ סך.

זי האָט פאַרשטאַנען זיין שווייגן און געזאָגט: עופות טראָגן אַריין נישט ווייניקער ווי אַ סך גרויסע אונטערנעמונגען און אוודאי אַ סך מער ווי אַ דורכשניטלעכער חודש־לוין — האָט זי אים אַ שטאָך געטאָן.

אויך ער האָט עס פאַרשטאַנען און איר געענטפערט: — מען מוז אָבער זיין געוווינט דערצו. נישט יעדער קאָן זיך דערמיט באַשעפטיקן — און ער איז אַוועק ווייטער.

זי איז אים נאָכגעגאַנגען. אַ ווילע האָבן זיי געשוויגן. איר האָט פאַרדראָסן זיין ענטפער און צוגאַנג. זי האָט אָבער געוואָלט אויך אים מפייס זיין צוליב אירע רייד און זי האָט אים אַ פרעג געטאָן — ווי געפעלט דיר בכלל דאָס לעבן אין דאָרף? — און אויף אים אַ קוק געטאָן פון דער זייט.

— איך בין דערפון אַנטלאָפן — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַן איבעראַשטער פון זיינע אייגענע רייד. ער האָט דערשטוינט זי אָנגעקוקט צי האָט ער דערמיט נישט פאַרראָטן זיין פאַרגאַנגענהייט. ער האָט זי אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און מיט איר אַוועק צוריק. גייענדיק האָט ער אַ זאָג געטאָן: — איך בין אַ שטאָטישער.

אירע טאַטע־מאַמע זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים פענצטער און געוואַרט אויף זיי. געוואַרט און געשוויגן. קיינער פון זיי האָט נישט געוואָלט רעדן. אָבער אין אַ געוויסן מאָמענט האָט דער פאָטער אַ פרעג געטאָן: — דאָס דאַרף עס זיין? און מיט ביידע הענט זיך אַ רייב געטאָן די באַקן. ביידע זענען געבליבן אָן אָטעם. ערשט אַ ווילע שפּעטער האָט דער פאָטער ממשיך געווען: — די גאַנצע צייט געהאָפט, אַז מיין איידעם וועט מיר אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט און דאָ נאָ דיר אַ „שטאָט־פראַנט".

— אַז אונדזער טאָכטער האָט אים אויסגעקליבן וועט עס זיין מיט גליק — האָט אים די מוטער איילִיק געענטפערט. און זי איז אַוועק זיי עפענען די טיר.

זיי זענען אַריין אין שטוב. עפּרוני האָט געשפּאַנט איבערן אויפנאַמס־צימער און באַטראַכט די ווענט, ווי ער זאָל וועלן וויסן צי זיי זענען גוט געבויט.

דער פּאָטער, וועלכער האָט אָפּגעשאַצט עפּרונין, ווי נאָר זיי האָבן זיך געטראָפן האָט געזאָגט: — אַזאַ הויז אין דאָרף קאָסט נישט ווייניקער ווי אין שטאָט.

עפּרונין איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין. ער האָט דערפילט, אַז דער פּאָטער פאַרשטייט זיינע מחשבות און האָט זיך פאַרענטפערט: — איך קוק נאָר צי מען האָט אַמאָל געבויט אַזוי ווי היינט.

אילנה האָט געוואָלט צונישט מאַכן דעם פּאָטערס איינדרוק און זיך אָפּגערופן:
— טאַטע, ער איז אַ גרויסער פאַכמאַן.

דער פּאָטער האָט איר געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַז ער פאַרשטייט.

— אַה! שוין שפּעט — האָט עפּרוני אַ זאָג געטאָן אַ פאַרוווּנדערטער. ער האָט געקוקט אויפן האַנטזייגער. — צייט צו גיין — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו אילנהן.

— וואָס איז ס׳געאייל? איך וויל מיר זאָלן צוזאַמען עסן אָוונטברויט — האָט די מוטער פאַרוווּנדערט אַ פרעג געטאָן.

אילנה האָט געקוקט אויף אים פון דער זייט. זי האָט געמיינט, אַז אפשר וועט עפּרוני אין לעצטן מאָמענט נאָך באַשליסן צו בלייבן. זי האָט עס געוואָלט.

— איך וואָלט זייער וועלן פאַרברענגען מיט אילנהס עלטערן ביז שפּעט. עס איז דאָ אָנגענעם און משפּחהדיק — האָט ער זיי געוואָלט איינרעדן, אָבער באַלד קאַטעגאָריש צוגעגעבן — איך קאָן נישט, איך האָב נאָך היינט אַ דרינגענ־דיקע זיצונג.

דער פּאָטער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַ ציפּ געטאָן זיך די ליפּ, ווי עס זאָל האָבן אים אָנגעוואַקסן אַ וואָנסע.

עפּרוני האָט פאַרשטאַנען דעם פּאָטערס צער און זיך פאַרענטפערט: — איך האָב אַ וויכטיקע פּאָליטישע פּאַרטיי־באַראַטונג.

דער פּאָטער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ ווי ער זאָל זאָגן „עס איז אינטע־רעסאַנט", אָבער זיין שטערן איז צעקנייטשט געוואָרן.

— פון איצט אָן וועלן מיר קומען עפטער — האָט אילנה זיך אַריינגעמישט, געוואָלט לינדערן די שטימונג אין שטוב.

— יאָ! יאָ! — מיר וואַרטן — האָט די מוטער איר געענטפערט. זי האָט נישט געוואָגט זאָגן: מיר וואַרטן אויף אייך.

— זייט געזונט! אין קורצן וועלן מיר ווידער קומען — האָט עפּרוני אַ זאָג געטאָן די עלטערן.

אילנה האָט זיך צעקושט מיט דער מוטער. פירהס אויגן זענען געוואָרן פייכט. אויך דער פּאָטער האָט זי אַ קוש געטאָן אין באַק. ער האָט זי אַרומגענומען ווי ער זאָל זי וועלן פאַרהאַלטן. זי האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון זיינע אָרעמס נישט קוקנדיק אים אין די אויגן.

עפרוני האָט אויסגעשטרעקט און געדריקט דער מוטערס און פאָטערס האַנט און אַוועקגעקוקט.

אויף די עלטערן האָבן אים נישט געקוקט אין די אויגן.

— שלום! — האָט אילנה אַ זאָג געטאָן און זי איז אַוועק צו דער טיר.

— שלום! שלום! — האָט עפרוני איר אונטערגעהאַלטן און איר נאָכגעגאַנגען.

די טיר הינטער זיי איז געבליבן אָפן. די מוטער האָט זיי נאָכגעקוקט. אַ ווײַלע איז דער פאָטער געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער ביז ער האָט אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל פרעגן: — אויף אים האָב איך געוואַרט? ער איז אַרויס אין הויף און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

די מוטער איז מיט קלײנע טריט, ווי זי זאָל שלעפּן די פיס אַוועק אין קיך.

די שטוב איז געבליבן ליידיק נאָר די שיין האָט געשטראַמט פון זשיראַנדאָל און אויסגעפילט דעם חלל.

ז

דער באַזוך ביי אילנהס עלטערן איז נישט געווען דעצידירנדיק אָבער עפרוני איז אַרומגעגאַנגען אַ צופרידענער, פול מיט האָפענונג. ער האָט נישט געוווסט ווי שטאַרק ער איז ליב אילנהן איז אָבער געווען זיכער, אַז זי וועט אים שוין נישט אָפּלאָזן. אים האָט נישט אינטערעסירט צי אילנה האָט אים ליב. ער האָט זיך אויך נישט באַמיט וויסן, צי ער ליבט זי. ער האָט נאָר אַריינגעטראַכט, צי דער ענין איז אים כדאי? צי זי וועט געפעלן מענטשן, צי זי איז גענוג רייך, צי דאָס חתונה האָבן מיט אילנהן וועט אים העלפן אין זיין קאַריערע?

זיין אויפפירונג איז געווען צוריקגעהאַלטן און אויסגערעכנט, אָבער נאָר בנוגע מענטשן וועלכע ער האָט געהאַלטן נידעריקער פון זיך. די אַלע מיידלעך, די באַאַמטינס וועלכע זענען געקומען צו אים אין מאַגאַזין דינסטלעך, האָט ער קוים געענטפערט: ער האָט קיינער פון זיי מער נישט קיין קניפּ געטאָן אין באַק, קיינער פון זיי שוין נישט געפרעגט ווי עס גייט, אָדער אַרומגענומען ווי אַ מאָל.

זיי האָבן אים פאַרשוויגן. נאָר די קאַרפּולענטע, יאַדערדיקע, שוואַרצע יוכבד מיט איר גרויסן בוזעם, וועלכע האָט ביי אים גענומען די באַריכטן פון די סחורות וועלכע זענען אַריין און אַרויסגעגאַנגען פון מאַגאַזין, האָט איצט געקוקט אויף אים מיט ביטול. די פאַרגאַנגענע וואָך, ווען זי איז צו אים אַריין אין מאַגאַזין האָט זי אים אַ זאָג געטאָן — גיב די ליסטעס — נישט זאָגנדיק קיין שלום.

ער האָט איר דערלאַנגט שווייגנדיק די פּאַפּירן און אפילו נישט געגעבן אַ קוק אויף איר זייט.

— וואָס איז דיר געשען, ביסט רייך געוואָרן אָדער דו האָסט זיך אָפּגעזוכט

אַ סטאַבילע ? — האָט יוכבד אים אַ פרעג געטאָן. זי איז אַוועק נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער.

ער האָט זיך אַ פאַרע געטאָן ווי ער זאָל נישט האָבן געהערט איר פראַגע. פון די באַאַמטע און אַרבעטער אין זיין שטופּע האָט ער דערוואַרט זיי זאָלן אים זאָגן שלום.

אפילו גיוראן, מיט וועמען ער האָט אַמאָל געאַרבעט ביים גראָבן יסודות און צוזאַמען מיט אים אַרויסגעפירט אויף אייזלען די אויסגעגראָבענע ערד, האָט ער אויסגעמיטן. גיורא איז אין משך פון דער צייט געוואָרן אַ „טאַבאַרע"־פאַכמאַן. אָבער אין די שפּעטערע יאָרן איז ער אַראָפּגעפאַלן פון אַ רושטאָוואַניע און איז געבליבן אַן אינוואַליד. ער האָט איצט באַדינט די ווינדעס אין ביוראָ. עפרוני איז איצט געגאַנגען אין ביוראָ אַריין מיט די שטיגן און נישט געפאָרן מיט דער ווינדע. ער האָט נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט גיוראן און אים מוזן זאָגן שלום.

עפרוני האָט זיך באַמיט דערווערבן וואָס מער חשיבות ביי מענטשן. כדי צו זיין חשוב ביי זיך גופא האָט ער אפילו דערלאַנגט אַ בקשה מען זאָל אים העכערן דעם לוין. ער האָט גערעדט נאָר מיט העכערע פון זיך באַאַמטע. ער האָט גע־קנייטשט דעם שטערן, נישט וויסנדיק פאַר וואָס. ער האָט געקוקט אין אַ זייט, נישט געוואָלט זען די מענטשן, וועלכע האָבן צו אים גערעדט. ער איז אַרומגע־גאַנגען אַן אַנגעשטרענגטער, געהיטן אַ סוד. ער האָט זיך געגעבן די מי אַז מענטשן זאָלן זען ווי וויכטיק ער איז.

ער האָט אַלץ געטאָן, קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן זיין פאַרגאַנגענהייט. ער האָט געוואָלט די מענטשן זאָלן אים נאָר קענען פון דער אַרבעט דאָ אין לאַנד. ער האָט זיך אַרויסגעצויגן פון זיין שמאָל צימערל אין וועלכן ער האָט געוווינט, אין שכונת המכבי. ער האָט זיך איינגעדונגען אין אַ גרויס צימער וואָס האָט געהאַט אַ סך גרויסע, אומבאַקוועמע פענצטער. דאָס צימער איז אויך געווען אין פּאַרטער, אָבער אויף דער פייערבערג־גאַס אין צענטער שטאָט. ער האָט אויך אויפגעהערט שרייבן צו זיינע שוועסטערס אין פּוילן. ער האָט אַלץ געטאָן קיינער זאָל זיך נישט קאָנען עפּעס דערוויסן וועגן אים און זיין היים.

אין אַ נאָכמיטאָג האָט לייבל, זיינער אַ חבר, אַ שוואַרצער, דאַרער, מיטלוויק־סיקער בחור מיט אַ קורצער נאָז אים אָפּגעוואַרט ביים אַרויסגיין פון דער אַרבעט. אויף לייבלס האַרציקן שלום, יאָסל! האָט עפרוני אים קוים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן ווי אַ פרעמדן.

— פייגל אין לובלין (עפרוניס עלטסטע שוועסטער) פרעגט מיך אין אַ בריוו וואָס איז מיט דיר געשען און פאַר וואָס דו שרייבסט נישט ? — האָט לייבל אים אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב געענדיקט מיטן גלות ! — האָט עפרוני קאַטעגאָריש אים געענטפערט. לייבל זאָל נישט האָבן קיין טעות וואָס ער מיינט, האָט ער צוגעגעבן :

— דאָרט זענען די מענטשן געווען וואָס זיי זענען געווען, דאָ בויט מען. אַ ווײַלע

שפּעטער האָט עפרוני שנעל אָפּצופּטרן אים אַ זאָג געטאָן — איך וועל איר שרייבן — לייבל זאָל אים מער נישט פרעגן האָט ער אים אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און מיט אים געגאַנגען.

לייבל שטאַמט פון אַ בעל־הביתשער היים אין סוואַלק. דאָ אין לאַנד אַרבעט ער אַלס צעמענט־טרעגער.ביידע האָבן זיי צוזאַמען געלערנט אין חדר, געווען צוזאַמען אין קלאַסוו אויף הכשרה. אויך דאָ האָבן זיי זיך אָפט געטראָפן, אָבער זייט עפרוני איז געוואָרן אַ חבר אין דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי האָט ער אויס־געמיטן לייבלען.

זיי זענען געגאַנגען און גערעדט. לייבל, האָט גערעדט די גאַנצע צייט כמעט, האָט אים דערציילט אַז ער וווינט איצט אין אַ קליינער, באַקוועמער דאַך־דירה אין שטאָטפּערטל מאָנטיפיאָרע. אַז ער האָט זיך צוגעוווינט צו זיין אַרבעט, אָבער בלייבן אַ טרעגער איז נישט קיין תכלית, און אויב ער וועט געפינען אַ פּאַסיקע „בחורה" וועט ער חתונה האָבן און גיין אויף „התישבות". צום סוף האָט ער געפרעגט עפרונין: — ווי גייט עס דיר?

עפרוני האָט זיך נישט געקאָנט מער איינהאַלטן און זיך צערעדט: — לייבל, מען דאַרף זיך איינאָרדענען! די פּאָר יאָר וועלן אַריבערלויפן און מיר וועלן בלייבן מיט גאָרנישט. לייבל, מען דאַרף זיך אַרויפאַרבעטן! — האָט ער איינגע־טענהט מיט אים, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט.

לייבל האָט אים באַטראַכט אַ פאַרוווּנדערטער.

עפרוני האָט אים שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך און שטיל גענומען דערציילן:

— לייבל, איך גיי מיט אַ מיידל אַ „צוש" (עפּעס אַזוינס, פון פּויליש) אַ לערערין. די עלטערן ותיקים אין לאַנד, פּרדסנים. זי וויל שוין חתונה האָבן, אָבער איך אייל זיך נישט — האָט ער פאַרענדיקט מיט שטאָלץ. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף לייבלען, געוואָלט זען דעם איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט.

— מסתמא קומט עס דיר — האָט לייבל אים אַ זאָג געטאָן נאָך אַ צייט שווייגן און זיך צעשמייכלט.

— לייבל, מען דאַרף וואַיעווען! (קעמפן, פון פּויליש) — האָט עפרוני אים אַ זאָג געטאָן און זיך אויך צעשמייכלט. ער איז שטיין געבליבן און אַרויסגענומען זיין האַנט פון אונטער לייבלס אָרעם. — דאָ אַ וווין איך! — האָט ער אָנגעוויזן לייבלען מיט דער האַנט אויפן דריישטאָקיקן הויז.

ער האָט אים צוגעפירט ביזן הויף, אָבער אים נישט אַריינגעבעטן צו זיך.

— לייבל, בלייב מיר געזונט, איך אייל זיך! — ער האָט לייבלען אַ קלאַפּ געטאָן אויפן אַקסל און איז אַריין אין טויער.

— יאָסל, שרייב פּייגלען! — האָט לייבל אים נאָכגעשריגן און גענומען גיין צוריק.

עפרוני האָט איצט געהאַט דריי אויפגאַבן: זיין אַרבעט, די פּאַרטיי און אילנה. דאָס זענען געווען זיינע אידעאַלן.

אילנה איז איצט כמעט אָפּגעריסן פון דער סביבה. ער זאָרגט דערפאַר.

כמעט אָוונט, אָוונט, ווי נאָר ער באַפרייט זיך פון דער פּאַרטיי־אַרבעט, טרעפט ער זיך מיט איר. זי האָט געענדערט איר אַרט לעבן. זי האָט אויפגעהערט לערנען קעראַמיק. זי איז שוין נישט געגאַנגען טאַנצן, נישט באַזוכט קיין אויסשטעלונג און נישט קיין פאַרשטעלונג.

אפילו אין אָוונט, ווען ער קומט נישט, בלייבט זי ביי זיך אין שטוב. זי וויל נישט זען קיין מענטשן. אירע געפילן זענען געטיילט. זי וואַרט אויף אים און גלייכצייטיק וויל זי ער זאָל נישט קומען. זי וואַרט אויף זיין לייכטן קלונג. ביידע מיינען, אַז נחמה הערט נישט ווען ער קלינגט. זי עפנט אים שנעל די טיר און לאָזט אים אַריין ווי בגניבה. מערסטנטייל אָבער טרעפן זיי זיך אין גאַס. אים דאַכט זיך, אַז נחמה פאַרגינט אים נישט.

ער קומט צו אילנהן נישט מיט קיין ליידיקע הענט. ער ברענגט איר בלומען אָדער שאָקאָלאַד, אַ סך מאָל אויך אַ זשורנאַל. זי זעט, אַז ער האָט די בלומען געקויפט אין גאַס, די שאָקאָלאַד האָט ער געקויפט ערגעצווו און אַליין איינגעפּאַקט, אויך די זשורנאַלן זעט זי זענען שוין געלייענטע. אָבער זי איז צופרידן וואָס ער וויל זיך פאַר איר באַווייזן. זי מיינט, אַז מער קאָן ער זיך נישט דערלויבן.

זי לאָזט אים שטענדיק רעדן און האָרכט אפילו, ווען עס איז איר לאַנגווייליק. ער קומט שטענדיק מיט אויסגעגלאַנצטע, פאַרקעמטע האָר. זיין דין וואָנסעלע איז שטענדיק אויסראַזירט. זיין קראַוואַט איז אויסגעבונדן מיט אַ דיקן קנופּ, כאָטש עס איז הייס. זי באַציט זיך צו אים מיט רעספּעקט. אפילו ווען ער פאַרשפּעטיקט זיך און קומט אַ צעהיצטער און פאַרענטפערט זיך: — אילנה, כ׳האָב נישט געקאָנט קומען צו דער צייט, בין געווען פאַרנומען אין דער פּאַרטיי. זי שמייכלט צו אים שטענדיק. איין מאָל האָט זי אַפילו אַ זאָג געטאָן: — אָבער דו קומסט! נישט איין מאָל איז זי אים חושד, צי ער טוט עס נישט ספּעציעל.

ער טרעפט זיך מיט איר אין די זייטיקע קליינע קאַפעען. אין קינאָ זיצט ער מיט איר אין קאַבינע. ווען ער פאַרבעט זי אויף מיטאָג איז עס נאָר אין אַ עלעגאַנטן רעסטאָראַן, ווו עס איז פאַראַן אַ קאַבינע. ער וויל נישט אַז באַקאַנטע זיינע זאָלן אים שטערן. ווען זי וויל ער זאָל הנאה האָבן זאָגט זי אים — ראָטשילדס שותף! — דעמאָלט בלאָזט ער אויס זיינע באַקן ווי אַ בלאָזזאַק, — ס׳פּנים זיינס ווערט רויט, זיין קאַרק ווערט דיק און ער שמייכלט.

אפילו ווען ער שפּאַצירט מיט איר, גייט ער מיט זייטיקע גאַסן ער זאָל נישט טרעפן קיין באַקאַנטע. עטלעכע מאָל האָט זי אים פאַרגעשלאָגן — קום צום ים!

ער האָט יעדעס מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. דאָס לעצטע מאָל האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: — איך האָב פיינט די מענטשן־מאַסע.

זי האָט שוין געקענט אַלע זיינע תירוצים. זי איז אָבער געווען צופרידן וואָס ער ציטערט איבער איר און האָט מורא אַז זי וועט פאַראיבל האָבן ווי ער פירט זיך אויף.

יעדעס מאָל ווען ער איז מיט איר אַריין אין אַ קאַפע, האָט געדויערט ביז ער האָט זיך איינגעזעצט אין בענקל און דערנאָך מיט אַ ווייס טיכל זיך אַרומגעווישט

דעם קאַרק. עס האָט געדויערט ביז ער האָט געגעבן דעם קעלנער אַ צייכן ער זאָל זיי צוטראָגן זייער אייביקע באַשטעלונג: צוויי גלעזער טיי מיט אַ קוכן. אויך ביז ער האָט אַ זופּ געטאָן פון דער טיי האָט געדויערט. ער האָט אויסגעדריקט דעם לעצטן טראָפּן ציטרין און פּאַמעלעך אויסגעמישט דעם צוקער ווי ער זאָל זיך איבערלייגן יעדע זאַך.

ער האָט געטרונקען פּאַמעלעך. נאָך יעדן זופּ האָט ער פונסניי פאַרפלאָכטן איין האַנט אין דער אַנדערער און שטיל, קיינער זאָל נישט הערן איר דערציילט מיט וואָס פּאַראַ וויכטיקע ענינים ער פאַרנעמט זיך. אַמאָל האָט ער איר איבער־געגעבן, אַז די פּאַרטיי האָט אים באַאויפטראַגט אַדורכצופירן אַ רעגיסטראַציע ווער פון די חברים האָט אַ פּריוואַטן אויטאָ. אַ צווייט מאָל האָט ער איר דערציילט, אַז די פּאַרטיי האָט אים געהייסן מאַכן אַ סטאַטיסטיק איבער דעם עלטער פון די חברים. פון מאָל צו מאָל האָט ער אויך אָנגעדייט, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ וויכטיקער פּאָליטישער זיצונג. דערביי האָט ער יעדעס מאָל שטיל צוגעגעבן:
— דעריבער דאַרף מען נישט רעדן.

מאַנכעס מאָל האָט ער איר אויך איבערגעגעבן אַן אינהאַלט פון אַן אַרטיקל וואָס ער האָט געלייענט אין אַ צייטונג, אָבער פאַרזיכטיק ער זאָל זיך נישט פאַרפּלאָנטערן, און קאָנען דערקלערן וואָס ער מיינט. דעם לעצטן מאָל ווען זיי זענען געזעסן אין קאַפע האָט ער איר דערציילט, אַז ער ווייסט פון זיכערע קוועלן, אַז די ענגלענדער פירן אַדורך אין קעניע מאַסן־אַרעסטן קעגן די אַרטיקע אויפ־שטענדלער. צוליב דעם איז ער נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט פון אויפרעגונג.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, כסדר אַריינגעטראַכט מיט וואָס ער זאָל איר אימפּאָנירן. ער האָט געוואָלט זי זאָל זען אין אים „דעם מאַן אויפן ריכטיקן אָרט", דעם מענטש וואָס נעמט זיך איבער מיטן וועלטשמערץ. ער האָט געוואַרט אויף איר „יאָ".

זי האָט אים אויסגעהערט מיט אינטערעס און טייל מאָל אים אַ פרעג געטאָן אַ פאַרוווּנדערטע: — אַזוי? אָדער אַ זאָג געטאָן: — זייער וויכטיק.

זי האָט אָפּגעשאַצט זיינע באַמיִונגען איר צו געפעלן. זי האָט זיך אויך אינטע־רעסירט ווי אַזוי ער איז זיך נוהג, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז זי האָט נישט קיין אויסוועג און וועט אים מוזן זאָגן „יאָ". אָבער זי האָט עס געוואָלט אָפּשלעפּן ווי לאַנג עס וועט זיך נאָר לאָזן. זי האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי אַזוי ס'וועלן רעאַגירן אירע עלטערן און די מענטשן אין דאָרף ווען זי וועט צו וויסן טאָן איר באַשלוס.

זיי זענען געזעסן ביי אַ קליין קאַפעטישל אונטער אַן אָפן פענצטער. דער אָוונט איז געווען פאַרנע. דער סיגאַרנרויך וואָס האָט אויסגעפילט דאָס קאַפע־הויז איז געהאָנגען ווי אַ וואָלקן. די מענטשן ביי די טישלעך זענען געווען פאַרטאָן אין זייערע ענינים. אַלע האָבן גערעדט הויך. איבערן זאָל האָט זיך געטראָגן אַ גערויש ווי אין אַ בינשטאָק. די ליכטשיין אונטערן רויך איז געווען גרין.

אילנה און עפרוני האָבן געשוויגן. ער איז שוין געווען מיד פון רעדן, און

געקוקט פאַר זיך ווי ער זאָל וועמען זוכן. זי האָט באַטראַכט די מענטשן. זיי זענען איר געווען פרעמד. זיי זענען געזעסן אין דעם האַנדלס־קאַפע „די קרוין" אויף דער אַלענבי־גאַס. ער האָט זי געבעטן זיי זאָלן דעם אָוונט פאַרברענגען אין דעם קאַפע. ער האָט זיך געוואָלט אָנזאַפּן מיט דעם געפּילדער און טומל פון די סוחרים צו וועלכע ער איז געווען זייער נאָענט.

מיט אַ מאָל האָט עפרוני נערוועז אַ פליסטער געטאָן: — אילנה!

זי האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט, געוואָלט וויסן וואָס עס האָט פּאַסירט. זיין פּנים איז געוואָרן רויט, ווי דאָס בלוט זאָל פון אים שפּראָצן. ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ אַהין און צוריק, ווי אַ זייגער־אומרו. ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער זאָל טאָן און ווי אַזוי ער דאַרף זיך אויפפירן.

אין דעם מאָמענט איז פאַרבייגעגאַנגען אַ הויכער ברייט־ביינ־יקער מאַן. זיין קאָפּ איז געווען גלאַט ווי אַ טעלער. זיינע ברילן־גלעזער האָבן געגלאַנצט.

— שלום! אדון עפרוני! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיך פאַר אים פאַרנייגט.

עפרוני האָט זיך אונטערגעהויבן ווי ער זאָל טראָגן אויף זיך אַ משא און האָט אַ שטאַמל געטאָן: — שלום, הער בלומענטאַל!

אילנה האָט געוואָלט לאַכן, אָבער זי האָט פאַרביסן די ליפּן.

ווען בלומענטאַל איז אַוועק האָט עפרוני זיך צוגעגלעט די האָר פון איבער־ראַשונג. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טישל און איינגערוימט אילנהן: — דאָס איז מיין הויפּט־דירעקטאָר. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אילנהן. ער איז געווען צופרידן וואָס דער דירעקטאָר האָט געזען אים זיצן מיט אַ שיינער פרוי. פון איבערראַשונג האָבן זיינע אויערן־שפּיצן נאָך אַלץ געגליט.

זיי זענען געזעסן און געשוויגן.

נאָך דער באַגעגעניש מיטן דירעקטאָר איז עפרוני פאַרשטומט געוואָרן. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַרויִקן. ווען די געסט אין קאַפע האָבן גענומען זיך פונאַנדערגיין האָט עפרוני אַרויפגעלייגט אויפן טישל אַ פּאַפּיר־באַנקנאָט. מער ווי עס איז געקומען דעם קעלנער. ער האָט איר אַ ווונק געטאָן. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט און זענען אַוועק אַהיים.

דעם גאַנצן וועג האָבן זיי געשוויגן. ער האָט זי געפירט אונטערן אָרעם. אָבער אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער זי אַ פרעג געטאָן: — דו ווייסט ווער בלומענטאַל איז? דאָס איז געשען נאָך דעם ווי ער האָט אַריינגעקלערט און באַשלאָסן, אַז ער האָט זיך געהעריק אויפגעפירט.

— בלומענטאַל איז בלומענטאַל — האָט זי מיט סאַרקאַזם אים געענטפערט.

ווען אילנה האָט אָפּגעלענט די טיר איז זי גרייט געווען אים לאָזן פון יענער זייט. ער האָט זיך אָבער אַדורכגעשטופּט ווי מיט כוח. זי האָט שטיל פאַרמאַכט די טיר הינטער אים. זיי זענען געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער די אַלטע זאָל זיי נישט הערן.

נחמה האָט אָפּגעהוסט און זיך איבערגעדרייט אויף אַ זייט אין בעט. זי האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן וויסן אַז זי איז וואַך.

אילנה האָט נישט אָנגעצונדן די ליכט. אַ ווײַלע איז זי שטיין געבליבן אין מיטן צימער. אַ מורא איז איר באַפֿאַלן. זי האָט פֿאַרגעפּילט, אַז איצט וועט מיט איר עפּעס פּאַסירן.

— נו, וואָס? — האָט זי שטיל אַ פּרעפּל געטאָן מיט די ליפּן. זי איז געווען אומרויִק, נישט געוווּסט וואָס זי זאָל טאָן.

זי האָט דערהערט, אַז ער גייט אויף די שפּיץ פֿינגער. ער האָט זיך אַוועק־געזעצט אויף דער סאָפֿע. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם אָרעם, זי אָנגענומען בײַ דער האַנט און אַ ציי געטאָן צו זיך. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים.

— איך וויל מיט דיר חתונה האָבן — האָט ער איר אַ פּליסטער געטאָן דורך די ליפּן ווי אַ פֿלאַם זאָל האָבן אַ לויש געטאָן.

די פֿינצטערניש אין צימער איז ווי געדיכטער געוואָרן, די היץ — נאָך דעמ־פּיקער. אַ היץ האָט איר באַשיט און זי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן. זי האָט געהערט דאָס אייגענע האַרץ קלאַפּן.

ער האָט שווער געאָטעמט און געפּילט ווי דאָס בלוט פּולסירט אין זײַנע אָדערן. ער האָט לענגער נישט אויסגעהאַלטן און זי געפֿרעגט: — וויפֿל איז דער שעיר?

זי האָט דערפּילט זײַן כעס. זי האָט מורא באַקומען, זיך דערשראָקן פֿאַר זיך אַליין. — יאָ, האָט זי אים געענטפֿערט מיט צוואַנג.

ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט און געגלעט איר פּנים און האַלדז. ער האָט אויך איצט נישט געוואַגט זי אַרומנעמען, זי קושן. ער האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט אַוועקלויפֿן, חרטה קריגן.

ביידע האָבן שווער געאָטעמט.

זי האָט צונויפֿגענומען זײַנע הענט און אַ מורמל געטאָן: — געוואַרט אויף עפּעס מער — ווי זיך אַליין באַדויערט.

ער האָט אַ ציטער געטאָן ווי ער זאָל זיך האָבן איבערוועקט. ער האָט זי אײַנגעקלאַמערט אין זײַנע אָרעמס און זי געדריקט צו זיך מיט זײַן גאַנצער קראַפֿט. זײַנע הייסע, פֿליישיקע ליפּן האָבן זי געקושט. ער האָט געפּילט די היץ און ריח פֿון איר קערפּער.

איר קערפּער איז געווען שטײַף. זי האָט געוואָלט שרײַען און נישט געקאָנט. אירע בלוטן האָבן געשפּרודלט. זי האָט זיך געוואָרפֿן ווי זי זאָל זיך וועלן באַפֿרײַען אָבער אירע נעגל האָבן געריסן זײַן לײַב.

די לבנה האָט אַרײַנגעקוקט צו זיי אין צימער.

ח

די טעג ווערן כסדר אַלץ הייסער. דער הימלבלוי ווערט וואָס אַ מאָל געדיכטער און ווי העכער. אילנה גייט אַרום אַ דערשלאָגענע. זי אַרבעט און טוט אַלץ ווי פריער אָבער אָן ווילן. זי שרעקט זיך פאַר איר באַשלוס. אַלץ טוט זי מיט מורא. זי טראַכט וועגן איר האַנדלונג און ענטפערט זיך אָן ווערטער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל „נישטאָ קיין צוריק״ אָבער אַ מינוט שפּעטער טראַכט זי ווידער צי איר צוזאָג עפרונין איז געווען איר ריכטיקער באַשלוס.

אַנומלט האָט זי אפילו געשריגן פון שלאָף און זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קאָלדרע און איז אויפגעשפּרונגען פון געלעגער. זי איז זיצן געבליבן אין בעט אָן איינגעקוקטע אין דער פינצטער. זי האָט ווידער זיך איבערגעלייגט איר לאַגע. דאָס ערשטע מאָל האָט זי אַ טראַכט געטאָן: — אפשר האָב איך נישט ריכטיק געהאַנדלט כלפּי ערנסטן? איך האָב געדאַרפט שטיין דערויף, פון אים פאַרלאַנגען ער זאָל בלייבן מיט מיר. טרודע איז שוין יאָרן געווען אָפּגעריסן און ווייט פון אים. מיר זענען זיך געווען נאָענט. איר האָט זיך איצט אין דער פינצטער געדאַכט, אַז ווען זי זאָל געווען אַנטשלאָסן וואָלט ער מיט איר מסכים געווען. איר קערפּער איז געוואָרן שטאַר און אירע ליפּן האָבן אַ פליסטער געטאָן: — אפשר האָט ער געוואַרט דערויף און איך האָב עס פאַרזען? זי האָט זיך צעהעשעט. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן געלעגער און איינגעגראָבן איר פּנים אין קישן.

שפּעטער האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטיל אַ זאָג געטאָן — איך קאָן נישט מער און פונסניי אַוודאי נישט. זי האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן און זי איז איינגעשלאָפן.

איר אָנהאַלט און לעבנס־אינהאַלט זענען איצט די קינדער אין שול. יעדן אין דערפרי ווען זי איז אַריין אין קלאַס און זי האָט דערזען די עטלעכע צוואַנציק שילער האָט זי אָפּגעאָטעמט מיט פרייד. זייער גליענדיקער, תמימותדיקער בליק האָט זי באַרויִקט. פון זייער התלהבות, ווען זיי האָבן זי באַגריסט מיט געזאַנג: — שלום, לערערין! — האָט אַ טרער זיך איר צונויפגענומען אין די אויגן־ווינקלען. זי איז אין די מאָמענטן געווען גרייט צו קושן און גלעטן זייערע בלאָנדע און שוואַרצע קעפּלעך.

יעדעס מאָל ווען זי האָט זיי פאַרגעזאָגט די אותיות, זיי צונויפגעשטעלט און סילאַביזירט דאָס וואָרט האָט איר קול געציטערט. זי האָט מיט ליבשאַפט פאַר־קנעפּלט אַן אָפן העמדל אָדער פאַרבונדן אַ שליף ביי אַ קינד. זי איז געווען אָפּגעריסן פון אַלע. די קינדער זענען איצט איר גרויסע משפּחה.

כמעט מיט קיינעם פון די לערער האָט זי זיך נישט גערעדט, נאָר וועגן דעם וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער שול־אַרבעט. אפילו אויף די שול־זיצונגען האָט זי געשוויגן. זי האָט נאָר איבערגעגעבן דעם באַריכט וועגן איר קלאַס. אויך אין שולהויף אויף די הפסקות, ווען די קינדער האָבן זיך געשפּילט האָט זי

אויפגעפּאַסט זיי זאָלן זיך נישט אַמפּערן. ווען זי האָט פאַרענדיקט איר טאָג אַרבעט האָט זי אַרויסגעפירט די קינדער ביז איבערן טויער. זי האָט זיך נישט געוואָלט טרעפן מיט וועמען פון די לערער.

אויך די לערער האָבן זי אויסגעמיטן. קיינער פון זיי האָט נישט באַנומען איר אויסטערלישע האַלטונג. אָפּט, אַז זי איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זי געהערט ווי אַ לערער גיט אַ פליסטער דעם אַנדערן. — זי גייט! און אין תיכף זענען זיי שטיל געבליבן. געווען לערער, איבערהויפּט די יונגע וואָס האָבן געמיינט, אַז זי מיידט זיי אויס צוליב גאווה.

דער אַלטער, איינגעהאָרבעטער מיטן קמץ־בערדל יחיאל, איז שוין גרוי ווי אַ טויב. ער איז געווען אַ העברעיִש־לערער נאָך אין ליטע, האָט גערעדט מיט אַ „שין" און געווען אַ מומחה אויף ניקוד. ער האָט נישט איין מאָל אַ קוק געטאָן פון דער זייט איבער זיינע קליינע, אין ביין־געפּאַסטע ברילן, אויף אילנהן, די יונגע, שלאַנקע לערערין, וועלכע איז איינזאַם און קאָן זיך נישט געפינען קיין געזעלשאַפט אפילו צווישן די לערער. אַנומלט, ווען זיין קלאַס קינדער האָט גע־מאַכט גימנאַסטיק מיטן ספּאָרטלערער האָט ער אַרויסגעקוקט פון קאָרידאָר און באַוווּנדערט די גלייכע, עלאַסטישע, יונגע אויסגעוואַקסענע יידן.

אילנה איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען.

— אילנה — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו איר ווי צו אַ טאָכטער.

זי איז שטיין געבליבן און נייגעריק אים אָנגעקוקט.

ער האָט אַריינגעשטעלט אַ שפּיץ פינגער אין זיין בערדל, ווי ער זאָל זיך אונטערשפּאַרן די גאָמבע און אַ זאָג געטאָן: — איר קאָנט אונדז באַזוכן. מיר וועלן אייך אויפנעמען מיט כבוד. מיין פרוי וועט אייך מכבד זיין מיט אַ גלאָז טיי און איר וועט קאָנען אַ שמועס טאָן מיט אַן אַלטן לערער. — ער האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך פאַר איר פאַרענטפערט: — ביז איר וועט זיך געפינען פריינד אין שטאָט.

דאָס בלוט איז געקומען אילנהן אין פנים אַריין. זי האָט איינגעביסן די אויבערשטע ליפּ צווישן די ציין אָבער אין מאָמענט האָט זי געענטפערט שמייכלען און אים געענטפערט: — אַ דאַנק פאַר דעם כבוד, איך וועל מיך באַמיען אָבער איך ווייס נישט ווען דאָס וועט זיין. איך בין זייער באַשעפטיקט. איך לערן, פאַר־פולקום זיך. זי האָט זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין אַ לענגערן שמועס. — אַ גוטן! — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן און איז אַוועק.

דער אַלטער, איינגעהאָרבעטער לערער האָט אויך איצט איר נאָכגעקוקט פון איבער זיינע ברילן אַריבער.

זי האָט זיך נישט געוואָלט טרעפן מיט מענטשן. זיך פאַר קיינעם נישט געוואָלט פאַרטרויען און אויך נישט געהאַט פאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן.

זי גייט כמעט נישט אַרויס פון איר צימער. זי גרייט זיך נישט אין שטוב אפילו קיין פרישטיק. אויב זי עסט נישט צוזאַמען מיט עפּרונין כאַפּט זי עפּעס

איבער אין גאַס. זי זעט לעצטנס טאַקע אויס אָפּגעצערט. די באַקן אירע זענען איינגעפאַלן.

זי היט זיך נישט צו טרעפן אויג אויף אויג מיט נחמהן. זי שעמט זיך פאַר איר וואָס זי נאַרט זי אָפּ. אילנה האָט מורא מיט איר רעדן. זי האָט מורא, אַז זי וועט הערן פון נחמהן דעם אמת וועגן עפרונין פון וועלכן זי אַליין אַנטלויפט. זי ווייסט, אַז זי וועט מוזן מיט עפרונין לעבן אונטער איין דאַך. זי וויל וועגן אים הערן נאָר גוטס, נאָר דאָס וואָס זי האָפט דערגרייכן אין לעבן.

דאָס מאָל, נאָך דער שול, איז אילנה געבליבן לענגער אין שטאָט. זי איז נאָך עטלעכע טעג נישט דערעסן געווען הונגעריק און איז אַריין אין אַ רעסטאָראַן.

אַ זאַטע און מידע איז זי געגאַנגען אַהיים פּאַמעלעך, אָן ווילן. זי האָט געציילט די גאַסן, אין וועלכע זי איז געגאַנגען און געוואַרט אויף דער רגע ווען זי וועט זיך קאָנען אַרויפוואַרפן, אויסציען אויף דער סאָפע.

אָבער מיט אַ מאָל האָבן זיך אירע קניען ווי אונטערגעבראָכן. זי איז שטיין געבליבן אַ ווײַלע און באַלד ווידער צוגעאײַלט אירע טריט.

— אילנה! — האָט רפי וועלכער האָט געוואַרט ביים טויער זי אַ רוף געטאָן מיט זיין דיקער שטימע. ער איז צוגעלאָפן צו איר און זי אַרומגענומען אין דער טאַליע.

אירע באַקן האָבן אַ פלאַם געטאָן. אוף! — האָט זי ווי אויסגעשריגן. זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט און אַ פאַרשעמטע אים אָנגעקוקט.

אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן און זיך באַטראַכט.

— אילנה איז געבליבן אילנה — האָט רפי איר אַ זאָג געטאָן. ער איז געווען צופרידן וואָס זי האָט זיך נישט געענדערט.

זי האָט מיט דער האַנט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין ברוסטקאַסטן און האָט מיט פאַרגעניגן אים אַ זאָג געטאָן: — זשלאָב!

ביידע האָבן אַ שמייכל געטאָן פון פאַרלעגנהייט.

— ווי אַזוי האָסטו מיך אָפּגעזוכט? — האָט זי אַ צופרידענע אים אַ פרעג געטאָן און אים געוויזן אירע גרויסע, ווייסע ציין.

— וואָס אָנבאַלאַנגט אילנהן ווייס איך אַלץ — האָט ער איר געענטפערט מיט זיכערקייט.

— קום אַרויף צו מיר! — האָט זי אים פאַרבעטן, נישט רעאַגירנדיק אויף זיין ענטפער.

גייענדיק איבער די שטיגן האָט ער איבערגעלייגט זיין אָרעם איבער אירע אַקסלען. זי האָט זיך נישט געווערט. ער האָט געפילט איר הייסן אָטעם.

ווען אילנה האָט אַריינגעשטעקט דעם שליסל אין שלאָס איז נחמה שטיין געבליבן אין האָל אַ נייגעריקע. זי האָט זיי שוין געהערט גיין אויף די טרעפּ. זי האָט געוווּסט, אַז אילנה קומט מיט אַ מאַן.

אין האָל האָט אילנה אַ קוק געטאָן אויף נחמהן פון דער זייט מיט אַ שמייכל.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז נחמה האָט געהערט זיי גיין און אויף וועמען זי האָט געוואַרט.

— דאָס איז רפי, מיין שול־חבר אין דאָרף — האָט אילנה לאַקאָניש איר געזאָגט און געעפנט פאַר רפין די טיר פון איר צימער.

רפי האָט דער אַלטער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַריין צו אילנהן אין צימער.

— זייער גוט! זייער גוט! — האָט נחמה איבערגעחזרט פון איבעררויִשונג און פרייד. זי האָט געמיינט, אַז רפי וועט זיין דער אָנהייב פון דעם סוף פון אילנהס באַקאַנטשאַפט מיט עפרונין.

אילנה האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

רפי איז שטיין געבליבן אין מיטן צימער. זיין גרויסע געשטאַלט האָט ווי אויסגעפילט דעם צימער־חלל.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע און זי האָט איבערגעלייגט אַ פוס איבער אַ פוס.

— נו! בין איך שוין ביי אילנהן אין צימער — האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי ער אַליין זאָל זיך נישט גלייבן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. דאָס צימער האָט זיך ווי געשפּיגלט אין דער שיין פון די איינגעהאַלטענע זונען־שטראַלן אויף די פענצטער־שויבן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ זאָג געטאָן: — דאָ איז ענגער ווי ביי דודן אין הויז, אָבער באַלד האָט ער צוגעגעבן: — אילנה איז געבליבן די טאָכטער פון „תל" — און ער האָט זיך צוגעזעצט צו איר.

רפיס רייד האָבן אויף אַ ווײַלע זי צוריקגעבראַנגט צו זיי אין דאָרף. זי האָט פאַרביילט די פויסטן. אירע אויגן זענען פייכט געוואָרן.

רפי, וועלכער האָט די גאַנצע צייט פון איר נישט אַראָפּגענומען די אויגן האָט געזען ווי זי קעמפט מיט זיך און ליידט.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער פילט וואָס עס קומט פאַר מיט איר. זי האָט באַשלאָסן אָפּלענקען זיין אויפמערקזאַמקייט: — איך דאַרף דאָך מכבד זיין דעם גאַסט — האָט זי אַ זאָג געטאָן און געוואָלט זיך אויפשטעלן.

ער האָט אַרויפגעלייגט זיין ברייטע, אויסגעאַרבעטע האַנט אויף איר אַקסל און זי צוריק אַוועקגעזעצט. ער האָט מיט דער צונג אַרומגעווישט זיך די ליפּן און קוקנדיק איר אין די אויגן אַריין איר אַ זאָג געטאָן: — ערנסט האָט חתונה געהאַט. ער האָט די ווערטער געזאָגט פּאַמעלעך ווי ער זאָל זיי ציילן.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און ביז זי האָט אָפּגעאָטעמט האָט געדויערט. אַ ווײַלע איז די שטילקייט אין צימער געווען אימהדיק. ווען זי האָט געעפנט די אויגן האָט זי אים אָנגעקוקט מיט שטאַרע אויגן. זי האָט געמיינט, אַז ער באַמערקט נישט איר אויפפירן זיך.

— אילנה, ס'געשעען שוין אַזעלכע זאַכן. פאַרגעס אין אַלץ און אַלע וועלן פאַרגעסן — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן. אויך איצט האָט ער גערעדט פּאַמעלעך. יעדעס וואָרט באַזונדער זי זאָל פאַרשטיין וואָס ער מיינט.

זיינע רייד האָבן אָבער נאָך מער צעברויזט איר אָנגעווייטיקט געמיט. איר איבערגעלייגטער פּוס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. פון בושה האָט אויך איר קאָפּ אַראָפּגעזונקט. זי איז געבליבן זיצן ווי אַ געליימטע.

ער האָט געוואַרט. די שטילקייט האָט אים געקלונגען אין די אויערן.

מיט אַ מאָל איז זי אויפגעשטאַנען און זיך אַ ווענד געטאָן צו אים ווי עס זאָל גאָרנישט האָבן פּאַסירט: — איך וויל דיך נישט באַלעסטיקן, אָבער גיי אַריין צו מיינע עלטערן און גיב זיי איבער, אַז מאָרגן אין אָוונט וועל איך זיין אין שטוב. איר פּנים איז ווידער געווען רויִק — אַ מאַסקע פון גלייכגילטיקייט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז איר אויפפירן זיך איז אויך איר ענטפער. ער האָט נאָך אַ מאָל איר אַ קוק געטאָן אין די אויגן און אויסגעשטרעקט איר די האַנט.

— זיי געזונט! — האָט זי געזאָגט, אים געדריקט די האַנט און צוגעפירט צו דער טיר.

אַז זי האָט פאַרמאַכט הינטער אים די טיר, האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער סאָפע און געוויינט. זי איז די נאַכט איבערגעלעגן אין די מלבושים מיט אויפ־געריסענע אויגן איינגעקוקט אין דער געדיכטער פינצטערניש ווי זי זאָל קוקן אויף אַ פילם. זי האָט כסדר געזען מענטשן און געשעענישן, איר דאָרף און שטעט. פון מאָל צו מאָל האָט זי פאַרמאַכט די אויגן, געפּרוווט פאַרטרייבן פון זיך די וויזיעס, אָבער אָן דערפאָלג. זי האָט געפיבערט און געקלאַפּט מיט די ציין פון קעלט און אויפרעגונג.

דער מאָרגן האָט נאָך נישט געגרויט ווען דוד איר פאָטער האָט זיך שוין געפּאָרעט אַרום זיינע עופות, זיי געגעבן עסן און געעפנט די וואַסער־קראַנען. ער האָט געוואָלט באַווייזן מיט דעם ערשטן אויטאָ פאָרן אין שטאָט אַריין. אַז ער איז אַרויס פון דער הינערשטיג האָט ער אָפּגעריייניקט די הענט, אָפּגעשטויבט די מאַנקעטן פון זיינע גרויע הויזן, אַראָפּגעבלאָזן אַ שטויבל פון זיין וויס העמד און איז איילִיק אַוועק צום אויטאָ.

פּירה האָט אין איר גרינעם מאָרגנראָק געוואַרט אויף אים, אויף די איינגאַנג־טרעפּ.

— זאָלסט זי ברענגען אין שטוב! — האָט זי אים נאָכגעשריגן. זייערע פּנימער זענען געווען צעקנייטשט, נישט אויסגעשלאָפן און פאַרזאָרגט.

ווי נאָר רפי איז צוריקגעקומען פון אילנהן איז ער גלייך אַריין צו אירע עלטערן און זיי איבערגעגעבן דער טאָכטערס גרוס. רעדנדיק מיט זיי האָט ער זיי נישט געקוקט אין די אויגן. אויף דער שוועל שוין ווען ער איז צוריק אַוועק האָט ער זיי איילִיק אַ זאָג געטאָן — זי איז אין אַ שווערער שטימונג. זי גייט נישט אַרויס פון שטוב, נאָר צו דער אַרבעט. ער האָט עס געזאָגט מיט נקמה.

ווען רפי איז אַוועק זענען אילנהס עלטערן געבליבן אָן לשון. זיי האָבן זיך נאָר איבערגעקוקט און געשוויגן. טאַטע־מאַמע האָבן דעם גאַנצן אָוונט זיך געפּאָרעט און געדאגהט. זיי האָבן נישט געוווסט וואָס זיי דאַרפן טאָן.

פירהן זענען די זאַכן געפאַלן פון די הענט. זי האָט מיטגעליטן מיט דער טאָכטער און זיך געערגערט וואָס מענטשן ווייסן. זי האָט אַפילו נישט געגרייט דעם טיש צום אָוונטברויט. זיי האָבן אייליק נאָר עפּעס איבערגעביסן. אין אָוונט ווען דער פאָטער האָט אָנגעצונדן דעם זשיראַנדאָל און די ליכט האָט אַ שיין געטאָן איבערן צימער האָט ער אַ זאָג געטאָן דעם ווייב: — קאַיאָר פאָר איך אין שטאָט אַריין.

פירה האָט אים נישט געענטפערט. זי האָט נאָר אויסגעווישט זיך די פאַר־טרערטע אויגן.

די גאַנצע נאַכט זענען זיי נישט געשלאָפן. איינער האָט געהערט ווי דער צווייטער דרייט זיך אין בעט. די מוטער האָט יעדעס מאָל שטיל אָפּגעקרעכצט. דער פאָטער איז אין מיטן נאַכט כאילו אַרויס צו די עופות, אָבער אין אמתן איז ער אַרויס כאַפּן אַביסל לופט.

דער מאָרגן האָט קוים זיך געשטעלט, ווען דוד, אילנהס פאָטער, האָט אָנגע־קלונגען ביי נחמהן אין טיר.

נחמה וואָס האָט זיך שוין געפאָרעט אין קיך האָט אייליק אים געעפנט די טיר. דערזעענדיק אים האָט זי אַ דערשטויינטע אים אַ פרעג געטאָן: — חלילה עפּעס געשען?

דוד האָט איר נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. ער איז געווען נער־ווען און זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. ער האָט אייליק אָנגעקלאַפּט ביי אילנהן און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער איז ער אַריין אין צימער און צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר.

נחמה האָט פאַרוווּנדערט אים נאָכגעקוקט, זי האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז זיין באַזוך אַזוי פרי איז פאַרבונדן מיט רפיס נעכטיקן באַזוך.

אילנה האָט דערקענט דעם פאָטערס טריט שוין הינטער דער טיר. זי האָט געוואָלט אויפשטיין, אים אַנטקעגנגיין אָבער די כוחות האָבן איר נישט דערלויבט.

דער פאָטער איז צוגעפאַלן צו איר, זיינע הענט האָבן צאַרט געגלעט איר קערפּער ווי ער זאָל זי באַטאַפּן צי אירע גלידער זענען גאַנץ. זיינע ליפּן האָבן געציטערט פון אויפרעגונג.

נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט האָט זי ערשט איצט פאַרמאַכט די אויגן און זיך צעהעשעט. זי האָט געוויינט אָן טרערן.

— אילנה, וואָס האָט פאַסירט? — האָט דער פאָטער אַ שטאַמל געטאָן ווי אויך ער זאָל וויינען.

זי האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און אים אַרויפגעלייגט אויף זיין שויס און נאָך העכער געהעשעט ווי זי זאָל וואָיען.

— אילנה, איך בין דיין טאַטע. פאַר מיר האָסטו נישט קיין סודות — האָט ער פון איר געפאָדערט אַן ענטפער.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ ווי זי זאָל צו אים אַרויפקוקן און אַ זאָג געטאָן ווי זי זאָל אים איינרוימען אַ סוד: — איך וועל חתונה האָבן מיט עפרונין.

דער פֿאָטער האָט אויפֿגעהערט אָטעמען. ערשט אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ הויך געטאָן: — האַ! ווי ער זאָל אָפּזיפּצן און זיך באַפֿרײַען פֿון אַ משׂא. — זאָל דיר זײַן מיט מזל! — האָט ער ווידער אַ שטאָמל געטאָן.

זי האָט געקושט זײַנע הענט, ער אירע אויגן. בײדע האָבן שטיל געוויינט. די ערשטע זונשטראַלן האָבן אָנגעהויבן אַרײַנשײַנען דורך די פֿענצטער.

ט

אילנה האָט אַרויסבאַגלייט דעם פֿאָטער ביז איבער דער שוועל. אַז זי איז צוריק אַרײַן צו זיך אין צימער איז זי שטיין געבליבן אין מיטן צימער, האָט פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ און אַראָפּגעלאָזט די הענט. זי האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּגע־האַקטער אָן צווײַגן בוים.

אַ זומער־ווינטל האָט אַ ווײ געטאָן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער. זי האָט דער־הערט דעם בלעטערררויש פֿונעם פּעפּערבוים וואָס איז געוואַקסן אויפֿן הויף. זי האָט אַ קוק געטאָן דורכן פֿענצטער. זי האָט נאָר געזען ווענט מיט פֿענצטער, אָבער איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי פֿילט דעם בליטער־ריח פֿון זייערע פֿעלדער אין דאָרף.

זי האָט זיך דערמאָנט אַז זי דאַרף גיין אין שול צו דער אַרבעט, אָבער איז מיט וואַקלדיקע טריט צוגעגאַנגען צו דער סאָפֿע און זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף איר. דעם גאַנצן טאָג איז זי געלעגן אויף דער סאָפֿע אַ פֿאַרשמאַכטע, מיט אונטערגעצויגענע פֿיס, אַ מאָל מיט פֿאַרביסענע ליפּן, אַ מאָל מיט אַן אָפֿן מויל. דער קאָפּ איז איר געווען שווער ווי אַ משׂא זאָל דריקן אויפֿן שײדל.

זי האָט געפֿיבערט אָן היץ. זי איז געווען זיכער, אַז עפֿרוני וואַרט אויף איר הסכּמה. זי האָט אָבער מורא געהאַט, אַז אפֿשר קריגט עפֿרוני חרטה, אפֿשר וועט ער שטעלן פֿאָדערונגען די עלטערן. זי האָט זיך אויך געשראָקן פֿאַרן אייגענעם באַשלוס. געטראַכט צי האָט זי נישט געדאַרפֿט פֿאַרציכטן אויף איר שטאָלץ און גיין מיט רפֿין צוריק אין איר דאָרף. זי איז געלעגן אַ פֿאַרחלשטע און אַן אויס־געטריקנטע. זי האָט נאָר געפֿילט ווי די בלוטן צירקולירן אין אירע אָדערן און געהערט דעם טיאָך פֿון איר האַרץ.

מיטאָגצײַט האָט נחמה אָנגעקלאַפּט אין איר טיר און זי אַ פֿרעג געטאָן:
— פֿאַר וואָס זענט איר געבליבן אין שטוב?

זי האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און איר געענטפֿערט: — איך האָב צו מאַכן אַ וויכטיקע שול־אַרבעט.

אין אָוונט ווען זי האָט זיך געריכט, אַז עפֿרוני וועט קומען האָט זי זיך אויפֿגעהויבן און איז געבליבן זיצן. אירע ליפּן זענען געווען דין און ווײַס, אירע אויגן אונטערגעהאַקט, שוואַרץ. שפּעטער האָט זי זיך אויפֿגעשטעלט. זי האָט

צונויפגערוקט די בענקלעך ביים טיש און אויסגעגליכן דעם דיוואַן אויפן פּאָל. זי האָט אויסגעטאָן אירע האַקי־הייזלעך און איר רויט סוועדערל. זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ גרין געבלימלט ליינען־קלייד און זיך אָנגעקוקט אינעם שאַנק־שפּיגל. דאָס קלייד איז געווען אויסגעפּאַסט אויף איר.

אַז זי האָט דערהערט דעם באַקאַנטן קלונג אין טיר, איז זי שנעל אַרויס און זי געעפנט: — איך וואַרט אויף דיר שוין אַ גאַנצן טאָג — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן אַ צעשמייכלטע.

— איך האָב זיך נאָר אַרומגעוואַשן נאָך דער אַרבעט און גלייך געקומען צו דיר — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

ווי נאָר זי האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע און אים געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט ער זאָל זיך צו איר צוזעצן. איר אויבערשטער טייל פון קערפּער איז ווי אַרויפגעפאַלן אויף אים.

ער האָט זי צאַרט אַרומגענומען.

זי איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, געאָטעמט שווער און אירע צעשויבערטע האָר האָבן באַדעקט זיין פּנים. דערפילנדיק אונטער זיך אַן אָנלען — האָט זי זיך באַהערשט און אים דערציילט: — היינט פרי איז ביי מיר געווען דער טאַטע. איך האָב אים צו וויסן געטאָן, אַז מיר האָבן חתונה — זי האָט גערעדט שנעל, אָבער אין איר אָרט רעדן האָט זיך געפילט צוויפל. זי האָט פונאַנדערגענומען די האָר פון איבער די אויגן און אים אָנגעקוקט. זי האָט געוואָלט זען וואָס פאַראַ רושם די ידיעה האָט געמאַכט אויף אים.

פון איבערראַשונג האָט ער אויסגעבלאָזן די באַקן. אַז ער האָט זיך באַרויִקט האָט ער צוגעלייגט זיינע נאַסע ליפּן צו איר שטערן. ער האָט נישט באַמערקט, אַז אירע ליפּן זענען וויס און אַז אירע אויגן זענען אונטערגעהאַקט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַפּירגענומען פון אונטער איר זיין אָרעם און זי אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע ווי אַ פּעקל. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּרייזן איבערן צימער און זיך געריבן די הענט.

זי האָט אים נאָכגעקוקט און באַטראַכט.

ער האָט עס באַמערקט און איז שטיין געבליבן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן צי ער פירט זיך פּאַסיק אויף. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, געוואָלט זען צי עס פאַרדריסט איר נישט. ער האָט זיך צוגעזעצט צו איר, זי אונטערגעהויבן, זי אַרומגענומען און געקושט אין די באַקן ווי ער זאָל זיך שפּילן מיט אַ קינד. נאָך יעדן קוש האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר. ער איז נישט געווען זיכער צי ער דאַרף עס טאָן.

ער האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט. אַ ווײַלע האָט ער געטראַכט וואָס ער זאָל טאָן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער און זיך אַ ווענד געטאָן צו איר: — איך לאַד דיך איין צו אָוונטברויט — די איינלאַדונג איז געווען דאָס העכסטע און פאַרנעמסטע צו וואָס ער האָט זיך געקאַנט אין דעם מאָמענט דערהויבן.

זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן און זיך אין אים איינגעקוקט. זי האָט געהערט

איר אייגענעם אָטעם אָבער האָט זיך באַלד צעשמייכלט. זי האָט געוואָלט זיין גליקלעך.

— היינט עסן מיר ביי מיר אין שטוב! — האָט זי ווי אויסגעשריגן אַ פריילעכע — און צוזאַמען מיט נחמהן! — האָט זי צוגעגעבן. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און זי איז מיט אים אַרויס פון שטוב אַ לוסטיקע.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען אָבער זיינע אויגן זענען געלאָפן הין און צוריק אין די אויגנלעכער פון איבערראַשונג. ער האָט ניט געוווסט ווי אַזוי די אַלטע וועט אויפנעמען די בשורה.

שוין ביי נחמהן אויף דער שוועל האָט אילנה שטיפעריש אַ זאָג געטאָן:

— בעל הביתטע, איך בין געוואָרן אַ כלה! מיר האָבן חתונה — זי האָט איבער־געלייגט איר אָרעם איבער זיינע אַקסלען און מיט אים אַריין צו נחמהן אין צימער. די אַלטע נחמה איז זיצן געבליבן ווי געליימט. זי האָט דערשטוינט באַטראַכט אילנהן און געוואָרט זי זאָל איר זאָגן „איך שפּאַס״.

ביידע, ער און זי, האָבן געשמייכלט און געקוקט נחמהן אין די אויגן. נחמה האָט פּאַמעלעך זיך אויפגעשטעלט. פון איבערראַשונג האָט זי ניט געקאָנט אויס־רעדן קיין וואָרט. אירע וויִעס האָבן געציטערט. ערשט אַ ווייל שפּעטער האָט זי זיך מיט צוויי פינגער אויסגעווישט די מוילווינקלען און מיט אַ דינעם פּאַלצעט זיי אַ זאָג געטאָן — זאָל אייך זיין מיט מזל! — און נאָך שטילער צוגעגעבן — און אַלע יידן. איר פּנים איז איצט געווען מער צעקנייטשט ווי שטענדיק.

— נחמה, מיר זענען אייך געקומען פּאַרבעטן צו אָוונטברויט — האָט אילנה איר אַ זאָג געטאָן. זי האָט געוואָלט דער אַלטערס פּנים זאָל וואָס שנעלער ווערן צוריק גלאַטיק.

— אַ דאַנק אייך, איך האָב נאָר וואָס געענדיקט עסן — האָט זי זיך פּאַרענטפערט און איר פּנים האָט קוים געשמייכלט. דאָס איז געווען אמת. זי האָט אָבער נישט געוואָלט מיט זיי עסן, נישט געוואָלט ווייל זי האָט מורא געהאַט אפשר וועט זי זיך פּאַררעדן און עפּעס נישט פּאַסיקעס דערציילן וועגן עפרונין.

ער האָט שטיל אָפּגעזיפצט און אויסגעשפּאַנט זיין ברוסטקאַסטן. זיין געשטאַלט איז געוואָרן נאָך אָנזעעוודיקער. ער האָט צוריק באַקומען זיין זעלבסט־זיכערקייט. אַ ווײַלע איז אין צימער געווען שטיל. מיט אַ מאָל האָט עפרוני אַ זאָג געטאָן — איר וועט פּאַרלירן אייער שכנה, אָבער מיר בלייבן אייערע גוטע פריינד.

נחמה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אים נאָר אַ שאָקל געטאָן מיט איר גרויען קאָפּ. זי האָט זיך געהיטן נישט פּאַררעדן מיט אַן איבעריק וואָרט.

אילנה האָט פּאַרשטאַנען נחמהס שטימונג. זי האָט וואָס שנעלער געוואָלט אַרויס פון צימער.

— קום — האָט זי שטיל אים אַ זאָג געטאָן און גענומען גיין פּאַמעלעך. ער איז איר נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן זיך אַפילו קיין שלום נישט געזאָגט.

ערשט איצט האָט נחמה פּאַרגלייזט די אויגן און זי האָט זיי נאָכגעזאָגט:

— ס׳גאַנצע מזל און גוטס אייך!

אילנה האָט געוואָלט זיין פריילעך. זי האָט גענומען עפרונין אונטערן אָרעם, אים צוגעפירט און ווי מיט כוח אים אַוועקגעזעצט אויף איר סאָפע. — זיץ! און איך וועל גרייטן עסן — האָט זי אים שטיפעריש אַ זאָג געטאָן.

✶

דעם גאַנצן וועג אַהיים האָט דער פאָטער נישט געקאָנט איינזיצן אין אויטאָ. אים האָט זיך געדאַכט אַז דאָס געזעס אונטער אים איז האַרט. ער איז איבער־געגאַנגען פון איין פּלאַץ אויפן אַנדערן. ער האָט נישט געקאָנט צו זיך צולאָזן דעם געדאַנק, אַז זיין טאָכטער וועט נישט וווינען מיט אים אין איין דאָרף. ער האָט כסדר אויסגעצויגן און איינגעצויגן די פיס. ער האָט זיך אָנגעלענט אין געזעס־אָנלען און צוריק זיך אויסגעגליכן. ער האָט כסדר פאַר זיך געזען עפרוניס אומ־רויִקע אויגן, זיין דיקן קאַרק און זיינע פליישיקע ליפּן.

פירה, זיין ווייב, האָט זיך געפּאָרעט אין קיך און יעדעס מאָל אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער, צי ער קומט שוין. אַז זי האָט אים דערזען איז זי מיט אימפּעט אים אַנטקעגנגעגאַנגען. ער איז אַריין אין הויף אַ פאַרסאָפּעטער און צעפרייכטער. שוין פון דערווייטנס האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר: — אונדזער טאָכטער ווערט אַ כלה! — ווי ער זאָל שלינגען די ווערטער.

איר האָט פאַרפעלט אָטעם. אַז זי האָט אָפּגעאָטעמט האָט זי אים אַ פרעג געטאָן ווי זי זאָל אַ קריי טאָן: — פאַר דעם שטאָטישן?

ער האָט מיט אַ קאָפּשאָקל באַשטעטיקט איר פראַגע.

די מוטער האָט זיך צעוויינט. ער האָט איר אַ קוש געטאָן און זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט ווי אַ קינד. אַז זי האָט זיך באַרויִקט האָט ער איר געווונטשן:

— עס זאָל זיין מיט מזל! זיך נערוועז צעהוסט און זי אָפּגעלאָזט.

— זאָל זי זיין גליקלעך! — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן און זיך אַליין געענטפערט — אייביק! — און גענומען גיין. ער נאָך איר.

די עלטערן האָבן דערוויל געשוויגן. זיי האָבן קיינעם אין דאָרף דערוויל נישט דערציילט, אַז אילנה גייט חתונה האָבן, אָבער פון דער רגע, ווען דער פאָטער איז אַהיימגעקומען פון שטאָט מיט דער בשׂורה האָט די מוטער נישט גערוט. טאָג, טאָג, איז זי געפאָרן אין שטאָט און זיך אומגעקערט אַ באַלאָדענע מיט פּעק. אָפט איז אויך אַ שניידערין געקומען אין שטוב. דער לעבנס־טעמפּאָ אין שטוב איז געוואָרן אַ צוגעאיילטער. די עלטערן האָבן אָבער איצט גערעדט שטילער און זיך נישט געקוקט אין די אויגן ווי זיי זאָלן זיך שעמען.

די מענטשן אין דאָרף האָבן זיך געסודעט. פירה פאָרט כסדר אין שטאָט און קויפט איין. אַז רוחה און חנה, פירהס שכנות פון ביידע זייטן האָבן זיך געטראָפן אויפן דאָרפסוועג האָט רוחה, אַ הויכע, פליישיקע פרוי שטיל אַ זאָג געטאָן חנהן: — מיר וועלן האָבן אַ שׂמחה.

— ווייזט אויס — האָט חנה, אַ נידעריקע, דאַרע פרוי מיט אַ קיילעכיקן

פנים איר געענטפערט און זיי זענען געגאַנגען ווייטער. אויף דער שוועל פון קאַנסום־פּאַראַיין האָט חנה זיך אומגעקוקט, צי קיינער הערט נישט און האָט אַ פרעג געטאָן רוחהן: — ווער איז ער? אַ געלערנטער, אַ רייכער, צי אַ חלוץ?

— אילנה, דער שטאָלץ פון דאָרף וועט בילע וועמען נישט נעמען — האָט רוחה איר געענטפערט.

— איר טאַטע האָט געגנוג וואָס צו געבן זיין איינציקער טאָכטער — האָט חנה אַ זאָג געטאָן און זיי זענען אַריין אין קאַנסום־פּאַראַיין.

אָבער הילל דער הויכער, ברייטביייניקער פּאַרשוין מיט זיין פּירקאַנטיק, פליישיק פּנים האָט יעדן שטיל פאַרטרויט — אילנה האָט חתונה מיט אַ בוי־אַרבעטער. ער אַליין האָט געהאַט אַ לאַסט־אויטאָ און מיט אים געאַרבעט אין דער סביבה.

ל

מיטוואָך אין אָוונט. די דירה איז צוגערוימט. די פּאָלן גלאַנצן. דאָס ליכט ברענט אין אַלע צימערן. די אַריינגאַנגסטיר איז אָפן. דוד דער פּאָטער, אַן אָפּראַזירטער טראָגט אַ ווייס, קורץ העמדל אַריבערגעלאָזט איבער די פּריש, אויסגעפּרעסטע האָקיהויזן. ער זיצט אין עסצימער ביים טיש מיט אַ צייטונג אין האַנט, אָבער יעדע ווײַלע הייבט ער אויף דעם קאָפּ, גיט אַ קוק אין הויף אַריין. אויך פּירה די מאַמע טראָגט ווייכע, באַקוועמע שטובלאַטשן, אַ העל־בלוי זיידן קימאָנאָ־קלייד און איז גוט פאַרקעמט. זי גייט פון איין צימער אין אַנדערן און גיט יעדע ווײַלע אַ קוק צום אויוון אין קיך. פון אויפרעגונג קאָנעןביידע זיך נישט געפינען קיין אָרט אין צימער.

ווען די פּאַרטקע האָט אַ סקריפּע געטאָן איז דער פּאָטער אויפגעשפּרונגען פון טיש. טאַטע־מאַמע זענען שטיין געבליבן אין דער אָפענער אַריינגאַנג־טיר. אַ הילכיקע באַגריסונג: — שלום! שלום! — האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבערן הויף. אילנה האָט אַ לויף געטאָן, זי איז צוגעפאַלן צו די עלטערן. טאַטע־מאַמע האָבן זי אַרומגענומען און געקושט. אַ ווײַלע זענען זיי געשטאַנען אין דרייען ווי זיי זאָלן טאַנצן אַ „האָראַ".

אילנה האָט זיך אַנגעבויגן, זיך באַפרייט פון די עלטערנס אַרעמס. די משפּחה איז געשטאַנען זיך אַנטקעגן ווי זיי זאָלן נישט וויסן וואָס צו טאָן מיט זיך.

— נו, דאָ איז ער! — האָט אילנה אַ זאָג געטאָן און געפּרוווט שמייכלען.

— שלום! שלום! — האָבן טאַטע־מאַמע אים באַגריסט.

עפרוני האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער מוטער — שלום מחותנתטע!

— האָט ער אַ זאָג געטאָן און איר אַ קוש געטאָן אין האַנט.

פירהן איז ס׳בלוט געקומען אין פנים. זי האָט זיך צו אים צוגעבויגן און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן נישט זאָגנדיק קיין וואָרט.

ווען ער האָט דערלאַנגט דעם פאָטער די האַנט האָט דער פאָטער לאַנג געשאָקלט זיין אָרעם, אָבער געשוויגן. צווישן די צוויי מענער איז פון דער ערשטער רגע אַנטשטאַנען אַ ווידערשטאַנד.

— קומט אין שטוב — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן. זי איז געגאַנגען די ערשטע, אַלע נאָך איר. אין אויפנאַם־צימער האָט די מוטער זיי פאַרבעטן: — זיצט! אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום טיש.

עפרוני האָט פאַרמרושעט די אויגן און זיין שטערן האָט זיך צעקנייטשט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אויסגעגליכן אין בענקל. ער האָט געוואָלט אויסזען גרעסער. ער האָט אָנגעקוקט די צוויי לאַנדשאַפטן אויף די ווענט אָבער אָן אינטע־רעס. אויף דער פאָטאָגראַפיע פון פירהס עלטערן האָט זיין בליק זיך פאַרהאַלטן אַ לענגערע צייט. עפרוני האָט זיך געכאַפּט, אַז אַלע באַמערקן עס. ער האָט שנעל אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך איינגעקוקט אין די זעקס פלאַמען פונעם מעשענעם זשיראַנדאָל. באַלד האָט ער אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ ווי ער זאָל ווען נאָכקוקן. זייענדיק נישט זיכער ביי זיך האָט ער גענומען אויסגלייכן די עקן פון דעם העל־געלבלעכן טישטעך אויפן טיש.

— וואָס וועט איר טרינקען? — האָט די מוטער געפרעגט.

— מאַמע, ניין! פאַרן פאָרן זענען מיר געווען אין קאַפע און געטרונקען — האָט אילנה איר געענטפערט מיט שטאָלץ.

— אַז מען פאָרט צו עלטערן און דערצו אין אַזאַ טאָג גייט מען צוערשט אין קאַפע? — האָט דער פאָטער איר אויסגערעדט מיט אַ געמאַכטן רוגז און אַ קוק געטאָן אויף עפרונין. דער פאָטער האָט געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, אָבער ביידע האָבן ווייטער געשוויגן.

עפרוני האָט פאַרשטאַנען, אַז דער פאָטער מיינט אים. ער האָט ווידער אַ מאָל זיך אויסגעגליכן אין בענקל ווי ער זאָל וועלן זיך ווייזן דעם טאַטן. ער איז אין דער ליכטשיין געווען שיין. ער האָט געגלעט זיין טשופּרינע און אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער מיט ביטול. ער האָט געפילט, אַז ער געפעלט. — אַנטשולדיקט — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיך אויפגעהויבן פון טיש. ער האָט גענומען שפּרייזן איבערן צימער, באַטראַכט די איינריכטונג. די מעבל האָבן אויף אים געמאַכט אַ רושם. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן מען זאָל נישט מערקן, אַז ער שמייכלט. ער האָט געשפּרייזט פּאַמעלעך, זיך אַרומגעקוקט און זיך פאַרהאַלטן ביי דער פאָטאָגראַפיע.

אַלע האָבן געשוויגן. יעדער האָט געקוקט אין אַן אַנדערן ווינקל און געוואַרט ער זאָל זיך צוריק אַוועקזעצן.

אָבער ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נישט געוויילט קיין גוטע טאַק־טיק. ער האָט דערהערט ווי טויבן וואָרקען. ער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער. ער האָט פונאַנדערגערוקט די ווייסע, געטופּטע פאַרהאַנגען און האָט אַ פייף געטאָן. עס האָט זיך דערהערט אַ פליגל־געפלאַטער. די טויבן האָבן זיך אַ

לאָז געטאָן פליִען. אין דעם מאָמענט האָט ער זיך דערזען אַלס יינגל אין זיין הײמשטאָט. ער האָט זיך אומגעקוקט. אַלע האָבן געשמייכלט.

די מוטער איז אַוועק אין קיך. ער איז צוגעגאַנגען צו אילנהן און איבער־געלייגט זיין אָרעם איבער אירע אַקסלען. ער האָט געוואָלט פאַרטושן די געשעעניש מיט די טויבן. זי האָט אָנגעלענט איר קאָפּ אויף אים און אַרויפגעקוקט צו אים. זי האָט געוואָלט דער פאָטער זאָל זען זייער „ליבע".

דער פאָטער אַ צעשמייכלטער האָט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ. עפרוניס פּייף האָט אים דערנענטערט צו אים. דוד האָט געזען, אַז ער האָט גערן בעלי־חיים.

אין צווישן איז די מוטער צוריקגעקומען מיט אַ טאַץ אין די הענט. זי האָט פונאַנדערגעשטעלט אויפן טיש אַ טעלערל מיט צוקערלעך, אַן אָפּענע באָמבאָניערע און אַ טיף שיסעלע מיט געשיילטע מאַנדלען. — זייט אייך מכבד — האָט די מוטער געזאָגט.

אילנה האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און גענומען עטלעכע מאַנדלען. עפרוני האָט אַ שמייכל געטאָן צו איר. זי האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל.

דער פאָטער האָט געפילט, אַז ער דאַרף סוף סוף זיך פונאַנדעררעדן מיט אים, און געזאָגט: — טויבן איז אַן ענין נאָר פון פאַרגעניגן. זעסט ווי זיי ווערן געבוירן, ווי אומבאַהאָלפן זיי זענען, האָדעוועסט זיי, געוויינסט זיך צו צו זיי און דערנאָך איז דיר אַ שאָד זיי צו פאַרקויפן. האָסט הנאה ווען זיי פליען אין אַ קרייז, קלאַפּן מיט די פליגל און זעצן זיך פונאַנדער מידע אויפן דאַך. ער האָט פאַרפירט מיט עפרונין אַ שמועס איבער אַן ענין וואָס איז אים געווען נאָענט.

עפרוני האָט גוטמוטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער איז באַלד ווידער אָנגע־צויגן געוואָרן. זיין קאַרק איז געוואָרן שטייף ווי ער זאָל אַרויסקריכן פון העמד־קאָלנער. אַ קנייטש האָט אויף אַ ווײלע פונאַנדערגעטיילט זיין שטערן און ער האָט געזאָגט צום פאָטער: — אין דעם בוי דערנענטערט זיך אַ שטילשטאַנד. די ענגלענדער לאָזן נישט אַריין קיין יידן. אים איז נישט אָנגעשטאַנען רעדן מיטן פאָטער וועגן טויבן.

דער פאָטער האָט פאַרמאַכט אַן אויג און מיטן אַנדערן אים אָנגעקוקט. ער האָט פאַרשטאַנען פאַר וואָס עפרוני האָט געזאָגט, וואָס ער האָט געזאָגט. — עס וועט זיי נישט העלפן, פריִער צי שפּעטער וועלן מיר אויפבויען דאָס לאַנד — האָט דער פאָטער אים געענטפערט.

עפרוניס אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן וואָס ער זאָל ענטפערן דעם פאָטער. אָבער אין צווישן האָט די מוטער וואָס האָט שטיל זיך אַדורכגעשמועסט מיט דער טאָכטער, אַ קוק געטאָן אין פענצטער: — נאַכט שוין, קומט צום טיש, איר זענט דאָך שוין אויסגעהונגערט — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען גיין. דער פאָטער האָט איר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. עפרוני האָט זיך איבערגעקוקט מיט אילנהן. זי האָט ווייטער צו אים געשמייכלט. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און נאָכגעגאַנגען דער מוטער.

דער טיש אין עסצימער איז שוין געווען געדעקט. אויף דעם ווייס אויס־געשפּרייטן טישטעך איז געלעגן באַשטעק, געשטאַנען טעלער, גלעזער און גלעזלעך, אַ טעלער ברויט און פלעשער וויין, קאָניאַק און מאַראַנצן־זאַפט. אַלע האָבן זיך פונאַנדערגעזעצט. דער פאָטער אויבנאָן, די מוטער רעכטס פון אים, דאָס פּאָרל אַנטקעגנאיבער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט אילנה געוואָלט אויפשטיין: — מאַמע! איך וועל דיר העלפן — האָט זי איר פאַרגעשלאָגן.

— זיץ! דו ביסט אַ גאַסט און וואָס פאַראַ גאַסט — האָט די מוטער איר געענטפערט און זי איז אַרײַן אין קיך.

דער פאָטער האָט מיט ליבע אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער: — נו, וואָס טרינקט מען? — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו עפרוני און געוואָלט אים אײַנגיסן אַ קאָניאַק.

— ניין! — האָט עפרוני זיך געוועגט און מיט דער האַנט איבערגעדעקט זײַן גלעזל. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז זאַפט. ער האָט מורא געהאַט טרינקען, ווײַל אפשר וועט דער אַלקאָהאָל אויף אים ווירקן און ער וועט רעדן וואָס מען דאַרף נישט.

אילנה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט געוווּסט פאַר וואָס ער וויל נישט טרינקען.

דער פאָטער האָט זיך אײַנגעגאָסן אַ גרויס גלעזל קאָניאַק, דער מוטער און דער טאָכטער האָט ער אײַנגעגאָסן צו ביסלעך וויין.

איצט האָט עפרוני זיך אויך אײַנגעגאָסן אַ ביסל קאָניאַק.

די מוטער איז אַרײַן פון קיך מיט אַ פּולמיסעק אין האַנט.

— מיר וואַרטן אויף דיר — האָט דער פאָטער איר צאַרט אַ זאָג געטאָן.

די מוטער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס געקעכטס אויפן טיש.

דער פאָטער האָט זיך אויפגעשטעלט. אַלע נאָך אים.

— מיר וועלן טרינקען לחיים פאַרן גליק פונעם יונגן פּאָר — די לעצטע ווערטער האָט ער אַראָפּגעשלונגען. לחיים! — האָט ער אויסגערופן — לחיים!

— לחיים! — האָבן אַלע געענטפערט און געטרונקען. די מוטער און די טאָכטער זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס און זיך געקושט. עפרוני האָט זיך געקושט מיטן פאָטער. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער מוטער און געוואָרט זי זאָל אים אַ קוש טאָן. פון דער מוטערס אויגן זענען גערונען טרערן. דער פאָטער האָט אַוועקגעקוקט, נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט דער מוטערס בליק. עפרוני האָט אָנגענומען די מוטער ביי די אַקסלען. זי האָט אויסגעשטרעקט איר קאָפּ און אים אַ קוש געטאָן אין אַן אויער אויף אָפּצוקומען. אילנה איז צוגעלאָפן צום פאָטער און זיך צו אים געטוליעט און געלאַשטשעט ווי אַ קינד. ער האָט זי געגלעט און געדריקט צו זיך. זײַנע אויגן זענען געווען פייכט. אַ פאַרשעמטע ווי אַ קליין מיידעלע האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט.

אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף זייערע פּלעצער. די מוטער האָט געטיילט די פאָרשפּייז.

אילנה האָט זיך באַלעקט. באַקלאַזשאַנען אין דער פאָרם פון שוואַמען איז געווען איר באַליבט מאכל.

עפרוני האָט געדזשאַמדזשעט. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין גרינס. ער האָט לאַנגזאַם געשלונגען, נישט קייענדיק און כסדר באַטראַכט דאָס צימער. דאָס עסצימער איז געווען גרויס און פּירקאַנטיק. אין צימער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט בענקלעך, דריי צעהאַנגענע איבער דער סטעלע פאַרצעליי־לאָמפּן, אַ קרעם געפאַרבטער איינגעבויטער בופעט. אין דער זייט, אויף אַ טישל איז געשטאַנען אַ ראַדיאָ מיט אַ האַלבן פּאָטעל. אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט איז געשטאַנען אַ נידעריק טישל און אויף אים אַ גרויסע בלומען־וואַזע. אויף איין וואַנט איז אויך געהאַנגען אַ גרויסע, אונטערגעקלעפּטע פאָטאָגראַפיע „דער אויוון" — דער וואַסערפאַל אין גליל. אַנטקעגן איז געהאַנגען אַן אַלטמאָדישער זייגער.

אַז זיי האָבן געענדיקט עסן האָט דער פאָטער אַ פרעג געטאָן עפרונין ווי ער זאָל רעדן צו דער טאָכטער: — איר טראַכט קומען דאָ וווינען?

עפרוני האָט פאַרשוויגן דעם פאָטערס פראַגע.

אילנה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן ווי זי זאָל אַריינקוקן אין טעלער.

דער פאָטער האָט אָבער ממשיך געווען, — אין דער ווירטשאַפט איז זיך דאָ מיט וואָס צו באַווייזן. זי טראָגט אַריין נישט ווייניקער, ווי אַנדערע געשעפטן. אַ פּרדס איז אַן ענין.

עפרוני האָט פאַרשטאַנען, אַז ער קאָן ווייטער נישט שווייגן און ער האָט אים געענטפערט: — איך בין פאַרבונדן מיט דער שטאָט — און מיט אַן אויפגעהויבן קול צוגעגעבן: — איך מוז פאַרזעצן מיין פּאָליטישע קאַריערע — דערביי האָט ער זיך אַזוי אָנגעצונדן ווי ער זאָל וועלן מיטן ברוסטקאַסטן אָוועקשטופּן דעם טיש.

דער פאָטער האָט אָנגעקוקט די טאָכטער. ער האָט פאַרצויגן די ליפּן און נערוועז אויסגעבלאָזן די באַקן.

די מוטער האָט זיך אומגעקערט מיט צוויי פאַרנומענע הענט. זי האָט געבראַכט אַ פּולמיסעק מיט אַ פּאַן. אירע אויגן זענען געווען רויט און אויסגעווישט. די מוטער האָט יעדן דערלאַנגט אַ פּאָרציע פירע איבערגעדעקט מיט אַ שפּיגלאַיי. אויך דאָס מאכל האָט אילנה געהאַט גערן. אַלע האָבן געגעסן פּאַמעלעך און געשוויגן. ווען זיי האָבן געענדיקט האָט די מוטער זיך אַ ווענד געטאָן צו דער טאָכטער: — ווי אַזוי קלערט איר זיך איינאָרדענען אין שטאָט?

אילנה האָט אַ קוק געטאָן אויף עפרונין און באַלד אויפן פאָטער.

— ווי זעען אויס די ענינים? — האָט דער פאָטער זיך אַ ווענד געטאָן צו עפרונין און פון אויפרעגונג געוואָרפן מיט די פינגער, ווי ער זאָל ציילן געלט.

עפרוני האָט זיך אונטערגעהויבן אויפן געזעס. ער האָט אויסגעזען ווי גרעסער און געענטפערט נישט מיט זיין נאַטירלעך קול: — איך פאַרדין, קאָן אויסהאַלטן אַ משפחה. אַ וווינונג וועלן מיר דינגען. דערביי האָט ער געקוקט פון אונטערן שטערן אַפיר וואָס פאַראַ איינדרוק מאַכן זיינע רייד.

די מוטער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿאָטער און זי האָט אַ זאָג געטאָן ווי זי זאָל רעדן צו אַלע: — אָבער ווײַנען דאַרף מען אויך ווי מענטשן.

— די הויפּט־זאַך מיר זאָלן זײַן גליקלעך — האָט אילנה איר געענטפֿערט.

טאַטע־מאַמע האָבן שטיל אָפּגעזיפֿצט ווי זיי זאָלן זיך שעמען. דער פֿאָטער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער און איר געענטפֿערט מיט אַ טאָן פֿון אַ באַליידיקטן: — איך בין נישט קיין טאַטע? מיר ווען לאָזן אונדזער אײנציקע טאָכטער אַזוי אין דער וועלט אַרײַן? די לעצטע ווערטער האָט ער אונטערגע־שטראָכן מיט שטאָלץ.

די מוטער האָט אים אָנגעקוקט. פֿרייד האָט אַראָפּגעשײַנט פֿון איר פּנים.

עפֿרוני האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז און ער האָט אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל אַריבעררעדן צו אילנהן: — דאָס איז אײַער זאַך — אין זײַן רעדן האָט זיך געפֿילט פֿרייד.

אילנה האָט די גאַנצע צײַט אים באַטראַכט און געזען יעדע ענדערונג אין זײַן פּנים.

די מוטער האָט צונויפֿגענומען די קלענערע טעלער און אַ ביסל כּלים פֿון טיש און זי איז ווידער אַוועק אין קיך.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל אין צימער. מיט אַ מאָל האָט דער פֿאָטער אַ זאָג געטאָן: — אַז די מאַמע וועט אַרײַנקומען וועלן מיר רעדן וועגן דער חתונה.

— ער האָט גערעדט ווי צו זיך און געקוקט אויף זיי.

דאָס פּאָרל האָט זיך איבערגעקוקט.

פֿון אומגעדולד און אויפֿרעגונג האָט דער פֿאָטער איבערגעפֿירט דערווײַל דאָס געשפּרעך אויף אַן אַנדערע טעמע: — הײַיאָר איז פֿאַראַן אַ גערעטעניש אין די „פּרדסים", יעדער דונאָם וועט געבן ביז אַ טאָן פּרוכט מער ווי פֿאַראַיאָרן.

וויפֿל איז דאָס אין געלט? — האָט עפֿרוני אים געפֿרעגט.

— דאָס איז אָנבאַלאַנגט אין די פּרײַזן — האָט דער פֿאָטער אים געענטפֿערט.

די מוטער איז אַרײַן מיט אַ טאַץ אויף וועלכער עס האָבן זיך געפֿונען אַ טעלער מיט בלינצעס און שאָלן מיט קאַווע.

— אוי מאַמע, איך קאָן שוין נישט מער — האָט אילנה אַ זאָג געטאָן.

— דו וועסט עסן! — האָט די מוטער זי געוואָלט צווינגען.

— ווײַזט אויס, אַז אין שטאָט הונגערט מען — האָט עפֿרוני אַ זאָג געטאָן און זיך צעשמייכלט.

די מוטער האָט געטיילט און אים געענטפֿערט: — איר, אָבער באַלד איז זי איבערגעגאַנגען אויף דו: דו קאָנסט נאָך זאָגן, אַז איך גיב נישט צו עסן — האָט זי זיך אַ ווײַצל געטאָן. אַ צײַט איז געווען שטיל. אַלע האָבן געגעסן. ווער מער און ווער מיט ווייניקער אַפּעטיט.

מיט אַ מאָל האָט דער פֿאָטער זיך אַ ווענד געטאָן צו אַלע — נו! ווו און ווען וועט זײַן די חתונה?!

— ווען איז וויכטיק, די הויפּטזאַך איז אָבער ווו? — האָט עפרוני אים געענטפערט שטיל אָבער מיט תקיפות.

— איך וויל מאַכן אַ רוישיקע חתונה אַלע זאָלן קומען און זען — האָט דער פאָטער אים געענטפערט.

אילנה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל אַ זאָג געטאָן: — איך וויל נאָר אַ שטילע חתונה.

עפרוני האָט זיך אונטערגעהויבן פון בענקל, ווי ער זאָל וועלן אויפשפרינגען — ווי איז עס מעגלעך? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן. זיין פּנים איז געווען רויט פון כעס.

אילנה האָט אים אָנגעקוקט. אַ בייזער שמייכל האָט אויסגעקרימט איר פּנים.

ער האָט עס געזען און פאַרשטאַנען: — איך מוז דאָך איינלאַדן מיינע פּאַרטיי־חברים און די הויכע באַאַמטע מיט וועלכע איך אַרבעט — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

זי האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אים געענטפערט, נישט קוקנדיק אים אין די אויגן: — איך שטיי דערויף.

— ער איז גערעכט! — האָט דער פאָטער אַן אויפגעבראַכטער אַ זאָג געטאָן און באַלד זי אַ פרעג געטאָן: — אילנה, ווי שטעלסטו זיך פאָר, מיין איינציקע טאָכטער האָט חתונה און די מענטשן אין דאָרף וועלן נישט קומען זיך פרייען מיט אונדז? וואָס וועלן זיי זאָגן?

— איר ווילט איך זאָל קומען צו דער חופּה? — האָט זי שטרענג אַ פרעג געטאָן און איר פּנים איז געוואָרן פאַרביסן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי שטיל צוגעגעבן: — די חופּה וועט פאָרקומען אין ראַבינאַט אין תל־אביב.

אַלע האָבן דערשטוינט זיך איבערגעקוקט און פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. טאַטע־מאַמע האָבן אָפּגעזיפצט.

עפרוני האָט פאַרווונדערט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און שטיל געזאָגט: — אַז זי וויל אַזוי זאָל זיין אַזוי.

איינער האָט נישט געקוקט אויפן אַנדערן. דער פאָטער האָט ווידער אָפּגעזיפצט און ער האָט נערוועז אַ פרעג געטאָן ווי ער זאָל רעדן אין חלל אַריין: — ווען?

איצט האָבן אַלע געוואָנדן זייער בליק צו אים און געוואַרט.

— דעם ערשטן דינסטיק אין אלול — האָט דער פאָטער שטיל אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל רעכענען. פאַר די יום־טובים און פאַרן „קטיף" — האָט ער זיי געגעבן צו פאַרשטיין.

— זאָל זיין מיט מזל! — האָט די מוטער אויסגערופן און זי האָט אַ וואָרף געטאָן און צעבראַכן אַ טעלער אויפן פּאָל. זי האָט אַרומגענומען די טאָכטער און געקושט.

— מזל טוב! מזל טוב! — האָבן די מענער איר געענטפערט און זיי זענען

אויפגעשטאַנען. אַלע האָבן זיך געקושט. אַלע האָבן געוויינט נאָר עפרוניס אויגן זענען געבליבן טרוקן.

אַ ווײַלע איז אין צימער געווען שטיל. מיט אַ מאָל האָט עפרוני אַ קוק געטאָן אויף זײַן האַנטזייגער: — אַה! שפּעט! — האָט ער פאַרווונדערט אַ זאָג געטאָן.

— וואָס איז דער מער, איר בלײַבט דאָך נעכטיקן — האָט דער פאָטער אים געזאָגט.

עפרוני האָט אַ קוק געטאָן אויף אילנהן.

זי האָט אַוועקגעקוקט.

— יאָ! יאָ! — האָט די מוטער באַשטעטיקט אירע רייד. זעצט אײַך, איך ברענג באַלד צום טיש פּרוכטן.

— מאַמע, גענוג! — האָט די טאָכטער זי געבעטן מיט אַ הייזעריק קול.

— פאַרשפּעטיקט אַ וויכטיקע פּאַרטיי־זיצונג — האָט עפרוני אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל רעדן צו זיך, אָבער אַלע זאָלן הערן און ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף אילנהן.

דאָס מאָל האָט זי אים אָנגעקוקט און סאַרקאַסטיש געשמייכלט.

יא

דער טאָג פון דער חתונה איז געווען אַ דעמפּיקער. אַ גאַנצן טאָג האָבן די מענטשן געשוויצט. ערשט פאַרנאַכט האָבן די מענטשן פרייער אָפּגעאָטעמט און געפרייכט פון דערשעפונג.

אין דעם קליינעם ראַבינאַט־זאַל זענען די פענצטער געווען אָפן. אַ ווענטי־לאַטאָר מיט לאַנגע פליגל האָט געקילט די לופט. דער הימלגרוי איז דעם אָוונט געווען אַ געדיכטער. אין זאַל האָט זיך געפילט אַ דורכגעלופטערטע פאַרנעקייט. אין איין זייט זאַל איז פאַראַן די שטענדיקע „חופה". אַנטקעגן איז געשטאַנען אַ לאַנגער אויסגעשטעלטער בופעט. ביי די פרייע ווענט זענען געווען אויסגעשטעלט בענקלעך וואָס האָבן געוואַרט מען זאָל זיך אויף זיי אַוועקזעצן. די שטימונג אין זאַל איז געווען אַן אומהיימלעכע.

דער ערשטער איז אָנגעקומען אַן אויסגעפּוצטער דער חתן. ער האָט געטראָגן אַ טונקל גרויען אַנצוג און אַ ווייס, שטײַף העמד מיט אַ קראַוואַט. זײַן קאַפּעלוש איז געווען עטוואָס קלענער ווי זײַן קאָפּ. צוליב דעם האָט ער אויסגעזען ווי ער זאָל זיך האָבן דערשראָקן. אַ פאַרזאָרגטער האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבערן ליידיקן זאַל. ער האָט נישט געוווסט, צי ער דאַרף זיך זעצן, אָבער באַלד האָט ער אויסגעשפּאַנט זײַן ברוסטקאַסטן און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער זייט ווי אַ העלד, וואַרטן.

עטוואָס שפּעטער איז אָנגעקומען די כלה מיט אירע עלטערן און זייערע

פאַרבעטענע, אַ מנין יידן מיט זייערע פרויען. דאָס זענען געווען די וותיקים, וועלכע זענען מיט דודן די ערשטע אַרויף אויפן באָדן אין „תל״.

אויך שמואלי מיטן ווייב זענען געווען צווישן די פאַרבעטענע. זיי אַלע האָבן געטראָגן גרויע הויזן און ווייסע העמדער מיט אויסגעלייגטע קעלנער. די פרויען האָבן געהאַט אויף זיך ציצענע, געבלומטע קליידער. אַלע כמעט זענען געווען הויכע, ברייטביינערע יידן. דער אַרבעטסיאָך איז זיי געלעגן אויף די פּנימער. די הענט זייערע זענען געווען באַצויגן מיט דיקע אָדערן.

די כלה האָט געטראָגן אַ קורץ, ווייס קלייד און אַ קליינעם שלייער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ היטל. דער חתן איז איר אַנטקעגן געגאַנגען. ער האָט זיך פּאָר איר פאַרבייגט און איר אַ לייכטן קוש געגעבן אין שטערן. ער האָט געשטראַלט פון פרייד. זי האָט געשמייכלט אָבער דער טרויער איז איר געלעגן אונטער די אויגן.

די דאָרפישע האָבן ווי אויסגעשטעלט באַטראַכט דעם חתן. זיי האָבן געשוויגן און אָנגעקוקט. זיי האָבן געוווסט וואָס יעדער איינער פון די פאַרבעטענע טראַכט. אין זאַל האָט זיך געפילט די לײדיקייט און שטילקייט, ווי מען זאָל וואַרטן אויף נאָך געסט. יעדער פון די פאַרבעטענע האָט געוואַרט אויף דער „חופה״. זיי האָבן געוואָלט עס זאָל שוין זיין דערנאָך.

נחמה איז געקומען שפּעט. זי איז אַריין אָן אַ אָטעם. איר פּנים איז געווען פאַרשוויצט, איר שרונט אויפן קאָפּ צעשויבערט. זי איז צוגעפאַלן צו דער כלה און זי געקושט. דעם חתן האָט זי געדריקט די האַנט. ער האָט איר נישט געקוקט אין פּנים אַריין. איצט איז זי צוגעגאַנגען צו די עלטערן. זי האָט זיי געדריקט די הענט און געווונטשן: — זאָל זיין מיט מזל! איר זאָלט האָבן נחת! איר זאָלט זיך עלטערן אין פריידן. זי האָט גערעדט אייליק. איר קול איז געווען הילכיק און דין, ווי זי זאָל קוויטשען. זי אַליין האָט זיך געוואָלט פאַרשרייען.

טאַטע־מאַמע האָבן איר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און נישט געזאָגט איר קיין וואָרט. זייערע פּנימער האָבן געצײטערט פון אויפרעגונג. באַלד דערויף איז אָנגעקומען די לערער־דעלעגאַציע: צוויי הויכע פרויען, אַ יינגערע און אַן עלטערע. ביידע האָבן געטראָגן טונקעלע טאַפטענע קליידער. זיי האָבן זיך נאָר באַגריסט מיט דער כלה און איר געווונטשן.

עס איז ווידער אַנטשטאַנען אַ שטילקייט, נישט ווי אין אַ חתונה־זאַל פּאַר אַ „חופה״. מען האָט געוואַרט אויפן רב. די געסט האָבן נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. קיינער פון זיי האָט נאָך נישט אָנטיילגענומען אין אַזאַ מין חתונה. איינער האָט אָנגעקוקט דעם אַנדערן און געשוויגן. פון עפּרוניס צד איז קיינער נישט געקומען. ער האָט פּשוט קיינעם נישט איינגעלאַדן. קיינער אין דער פּאַרטיי און ביי דער אַרבעט האָט נישט געוווסט, אַז ער האָט חתונה.

יהודה, אַ ברייטביינעקער ייד מיט אַ לענגלעכן, גרויסן קאָפּ, דעם פּאָטערס פּרדס־שכן האָט געוואָלט אויפהייטערן די שטימונג. ער איז צוגעגאַנגען און דער־לאַנגט דעם פאָטער זיין דרשה־געשאַנק — אַ דיקן קאָנווערט. אַלע פאַרבעטענע

האָבן אים נאָכגעטאָן. די לערערינס האָבן דערלאַנגט דעם פּאָטער דריי בענדער „ביאַליק". נחמה האָט געבראַכט אַן אַלטן גלעזערנעם בלומען־וואַזאָן, וואָס זי האָט נאָך געברענגט פון פּוילן.

דער רב, אַ הויכער יונגער ייד מיט אַ רייף בערדל און אַ געהאַקטער איביצע איז אַריין אין זאַל, דער שמש נאָך אים. דער רב האָט זיך אַרומגעקוקט און אַ ווונק געטאָן דעם פּאָטער. דוד האָט געגעבן אַ סימן דעם חתן.ביידע מיטן רב האָבן זיך אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקל ביי אַ טישל. אַ ביסל שפּעטער, אַז זיי זענען פאַרטיק געוואָרן מיט די פאָרמאַליטעטן האָט דער רב פריילעך אויסגערופן — קומט צו דער חופּה! אַלע האָבן אָפּגעאָטעמט. דער שמש אַ נידעריקער, עלטערער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד האָט געהאַלטן גרייט אַ פלאַש וויין מיט אַ בעכער און אַ גלאָז איינגעוויקלט אין פּאַפּיר.

די געסט זענען געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. איינער האָט אָנגעקוקט דעם אַנדערן. דער פּאָטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ שמואלין. דער אַלטער לערער מיטן וויב זענען צוגעגאַנגען צום חתן. זיי האָבן אים גענומען אונטער די אָרעמס — אים געפירט צו דער „חופּה".

די כלה האָבן געפירט די עלטערן. זי האָט זיך באַמיט צו לאַכן צו אַלע, אָבער די פּנימער פון די געסט זענען געבליבן שטאַר, אָן אויסדרוק. דער אַלטער שמואלי איז געגאַנגען אַ געבויגענער ווי ער זאָל זיין אַ הויקער. די וויב האָט זיך אים ווי נאָכגעשלעפּט. זיי האָבן צו דעם חתן גאָרנישט געפּילט.

די צערעמאָניע פון די „חופּה וקדושין" האָט לאַנג נישט געדויערט. דער רב, ווי נאָר ער איז אַריין אין זאַל האָט ער באַלד באַגריפן וואָס פאַראַ חתונה דאָס איז. ער האָט די ברכות געזאָגט שנעלער ווי געוויינלעך. אַז ער האָט אַ זאָג געטאָן — והתיר לנו את הנשואים — האָבן די פּאַרזאָמלטע זיך אַ וויג געטאָן ווי זיי זאָלן וועלן אַ גיי טאָן און צוריקברענגען די כלה. עס האָבן זיך אויך געהערט שאָרכן ווי פאַרשטיקטע זיפצן.

כאָטש אין זאַל זענען געווען ווייניק מענטשן איז דאָרט די לופט געווען דעמפּיק. מיט אַ מאָל זענען אַלע אַנטשוויגן, עס איז געוואָרן טויט־שטיל. די שטילקייט האָט דערדריקט. דער חתן האָט אויך אויפן קול אַ זאָג געטאָן: — הרי את מקודשת לי — די געסט האָבן אויסגעגלאָצט די אויגן, זיך איינגעקוקט אין אים, ווי זיי זאָלן ערשט איצט באַגרייפן נאָך וואָס זיי זענען אַהער געקומען און וואָס דאָ קומט פאָר.

נחמה איז געשטאַנען אין דער זייט אַ פאַרטראַכטע מיט פאַרלייגטע פון פאָרנט הענט. זי האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטע, קליינע דאַרע פרוי. אַז עס האָט זיך דער־הערט דער קנאַק פונעם גלאָז, וואָס דער חתן האָט צעבראָכן האָבן אַלע געסט איילִיק געשריגן — מזל־טוב! מזל־טוב!

דער חתן האָט אַרומגענומען די כלה, זי געקושט. זיין פּנים איז געווען ברייט, ווי צעגאָסן פון גליק. די כלה האָט אַריבערגעוואָרפן אירע הענט איבער זיינע אַקסלען און אים געקושט. זי האָט געוואָלט אַלע זאָלן זען איר גליק. ער האָט

טריומפירט פון זיין נצחון. די פאַרזאַמלטע זענען געבליבן פּאַסיוו. זיי האָבן זיך נישט געפרייט צוזאַמען מיט חתן־כלה.

די עלטערן האָבן נישט אויפגעהערט ווינטשן מזל־טוב! מזל־טוב! זיי האָבן זיך געקושט מיט דער טאָכטער, דעם איידעם און אַלע געסט. פאַרוויינטע האָבן זיי געלאַכט צו יעדן.

דער רב מיטן שמש האָבן אַ זאָג געטאָן אַלעמען אַן אַלגעמיינעם מזל טוב! און זיי זענען באַלד אַוועק. נחמה האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. אויך די פאַר־זאַמלטע זענען געשטאַנען, ווי די פיס זאָלן זיי נישט וועלן פירן. יעדער פון זיי האָט זיך געפילט ווי אָפּגענאַרט.

ערשט איצט האָט נחמה אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, ווי זי זאָל זיך האָבן דערשראָקן. זי האָט זיך שנעל אַרומגעקוקט און זי איז צוגעגאַנגען און זיך צעקושט מיטן פּאַרל. זי האָט אויך געקושט עפרונין. זי האָט אָבער אים נישט געקוקט אין די אויגן אַריין. ער האָט דווקא געלאַכט איר אין פּנים אַריין ווי ער זאָל זי פרעגן „וואָס זאָגסטו איצט?" זי האָט אָנגעווונטשן די עלטערן און זי איז באַלד אַוועק.

די געסט זענען געשטאַנען אויף זייערע ערטער ווי זיי זאָלן וואַרטן אויף נאָך עפּעס. עפרוני האָט ווי אַלע געפילט די אומהיימלעכקייט און ער האָט איבערגע־נומען די איניציאַטיוו: — זייט אייך מכבד! — האָט ער פאַרבעטן די געסט.

דאָ און דאָרט האָט ווער פון די געסט גענומען אַ סענדוויטש אָדער אַ קיכל אין האַנט. ווער פון די געסט האָט גענומען אַ גלאָז זאַפט אָדער איינגעביסן אַ פּרוכט.

די לײַדיקייט האָט שפּאַצירט איבערן זאַל. אַ דעמפּיקייט האָט געלויערט צווישן די געסט. אַלע האָבן זיך געווישט דעם שווייס. יעדער האָט געפילט דעם צושטאַנד. די כלה האָט אַ קוק געטאָן אויפן חתן. ער האָט איר אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט פאַרשטאַנען די פראַגע פון איר בליק. ער אַליין האָט שוין אויך געוואָלט זיין ביי זיך אין שטוב מיט זיין ווייב.

— קום! — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן אַ צעשטראַלטע, אַז די עלטערן זאָלן הערן. זי האָט געוואָלט אַלע זאָלן זען איר גליק.

די עלטערן זענען געשטאַנען די גאַנצע צייט איינער נעבן אַנדערן. זיי האָבן זיך געשעמט און געוועזן אומבאַהאָלפן. ערשט איצט האָבן זיי זיך אָנגעקוקט. די מוטער האָט געענטפערט דער כלה: — יאָ! — און מיטן טיכל זיך געווישט די טרערן.

עפרוני האָט אַ נעם געטאָן דאָס ווייב אונטערן אָרעם. זי האָט אָנגעלענט אויף אים איר קערפּער.

— אַ דאַנק אייך פאַרן אָנטייל אין אונדזער שמחה — האָט עפרוני אַ זאָג געטאָן און ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט זיין ווייב צום אויסגאַנג.

יעדער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אַלע זענען געווען צופרידן, אַז די חתונה האָט זיך שוין געענדיקט. די עלטערן מיט די געסט האָבן אַרויסבאַגלייט דאָס פּאָרל. די כלה האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט די עלטערן. זיי האָבן זיך האַרציק

געקושט. די מוטער האָט זיך לאַנג געקושט מיטן איידעם אַז אַלע זאָלן זען. דער פֿאָטער האָט אים נאָר געדריקט די האַנט.

אויף דער גאַס שוין האָט דאָס פּאָרל זיך אויסגעדרייט און מיט האַנט־גרוסן און געלעכטער זיך געזעגנט מיט די געסט און איינגעשטיגן אין דער טעקסי וואָס האָט אויף זיי געוואַרט.

לאַנגזאַם, אָן ווילן, מיט פֿאַמעלעכע טריט זענען די געסט אַוועק צו די צוויי טענדערס וואָס האָבן זיי געבערענגט אין שטאָט אַריין. די מחותנים האָבן זיך אַריינגעזעצט צו שרגאן און רוחהן אין מאַשין. שרגא איז געווען אַ נידעריקער, ברייטביייניקער ייד, זייערער אַ נאָענטער שכן. ער האָט די עלטערן מיט דער כלה געבערענגט אין שטאָט צו דער חופּה.

יב

די עפּרוניס וווינען אין צענטער שטאָט, אויף דער פרישמאַן־גאַס אין דריי צימערן איבער די פּילאַרן. זייער דירה איז איינגעאָרדנט מאָדערן, מיט קאָמפאָרט אַזוי ווי אילנה האָט געוואָלט. אירע עלטערן האָבן נישט געקאַרגט דעם גראָשן. אין דער דירה איז פאַראַן אַ פאַרנירט שלאָפצימער מיט אַ שטיישפּיגל, איינגעבויטע שענק, סאָפעס און פאָטעלן. די דיוואַנען און זשיראַנדאָלן זענען געווען צוגעפּאַסט צו די מעבל. זיי האָבן זיך איינגעשאַפט אַ ראַדיאָ, אַ פאַטעפאָן און שווערע גאַרדינען. איין צימער איז געווען איינגעאָרדנט אַלס אַן עס־ און אויפנאַם־צימער. דאָס אַנדערע איז אויך געווען פאַר געסט און אויך עפּרוניס אַרבעטס־צימער. דאָרט האָט זיך אויך געפונען די העברעיִש־ענגלישע ביבליאָטעק.

ביידע האָבן זיי געאַרבעט אויף זייערע פּאָסטנס. זי האָט אויסגעפירט איר אַרבעט אין דער שול, קאָרעקט, לויטן פּראָגראַם, אָבער אירע געדאַנקען און איר וועזן זענען איצט ביי איר אין שטוב. אירע שילער, די קינדער זענען איר איצט געוואָרן נאָך נענטער. זי גלעט זייערע קעפּלעך ווי אַ מוטער און נישט ווי אַ לערערין. אויך צו די לערער איז זי צוגעלאָזענער. אָפט האָט זי פאַרפירט מיט וועמען פון זיי אַ שמועס איבער אַ שילער־פּראָבלעם. זי באַטייליקט זיך אויך אין זייערס אַ געשפרעך איבער דער מאָדע אָדער איבער אַן אַנדערן טאָג־טעגלעכן ענין, אָבער צו אַ דערנענטערונג מיט זיי איז נישט געקומען.

זי האָט זיך באַמיט אַריינדרינגען אינעם אַרט און שטייגער פון די מענטשן דאָ אין שטאָט, אָבער אָן אינטערעס. איר איינציקער ווילן איז געווען אויפבויען איר משפּחה־היים. זי האָט געאַרבעט איבער די כוחות. זי איז אויפגעשטאַנען באַגינען און געגאַנגען שלאָפן שפּעט. גייענדיק פון דער שול האָט זי איינגעקויפט. זי האָט געקאָכט און געבאַקן. זי האָט זיך באַמיט, אַז יעדן אין דער פרי, איידער זיי זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט, זאָלן זיי עסן ביי אַ געגרייטן טיש. אין דער זייט אויפן

טיש איז שוין געלעגן צוגעגרייט פֿאַר אים עסן צו דער אַרבעט. זי האָט געוואַרט אויף אים מיטן מיטאָג. אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן האָט זי דאָס געפֿעס צונויפֿגעשטעלט אין קיך אין דער וואַשש־סל זי זאָל קאָנען מיט אים פֿאַרברענגען. זי איז מער נישט געגאַנגען זינגען און טאַנצן און אוודאי נישט קלעפּן קעראַמיק.

ער האָט נאָך יעדן מאָלצייט געלויבט אירע מאכלים. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף עס טאָן אָבער באַלד האָט ער זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ צייטונג אין פֿאָטעל ביים ראַדיאָ־טישל און געלייענט. פֿון מאָל צו מאָל האָט ער אַפּירגעקוקט פֿון אונטער דער צייטונג זען וואָס זי טוט.

בדרך כלל איז זי געזעסן אים אַנטקעגן מיט אַ בוך אין דער האַנט. זי האָט אָבער געוואָלט מיט אים רעדן. אָפֿט האָט זי צאַרט אים אַ רוף געטאָן: — יוסי?!

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די צייטונג און זי אָנגעקוקט.

זי האָט אַרויפֿגעלייגט איר האַנטפֿלאַך אויף זיינער און גענומען אים דערציילן וועגן אינהאַלט פֿונעם בוך, וואָס זי לייענט, אָדער וועגן אַ וויסנשאַפֿטלעך אַרטיקל וואָס זי האָט פֿריער געלייענט. אַ סך מאָל האָט זי בכוונה אָנגעשטעלט דעם פּאַטעפֿאָן, כדי אים שטערן לייענען די צייטונג. זי האָט אים געוואָלט פֿאַראינטערעסירן מיט עפּעס מער ווי זיין טאָגצייטונג. זי האָט געהאָרכט די מוזיק און אים באַטראַכט ווי עס ווירקט אויף אים. זי האָט אים אויפֿגעקלערט ווער ס'איז דער קאָמפּאָזיטאָר, אונטער וועלכע באַדינגונגען ער האָט געשאַפֿן די יצירה, וואָס עס דריקן אויס די טענער און מעלאָדיע.

ווען זי האָט צו אים גערעדט האָט ער געקוקט אויף איר מיט האַלב־פֿאַר־מאַכטע אויגן. ער האָט נישט פֿאַרטראָגן וואָס זי באַלערנט אים. ער האָט געמוזט זי אויסהערן און נישט געוווסט וואָס איר צו ענטפֿערן. נאָך יעדן אַזאַ געשפּרעך האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט אַ פֿאַרשעמטער. זיין קאַרק איז פֿון דעם געווען אָנגע־צויגן. ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער ווי ער זאָל טראַכטן, אָדער ער איז צוגעגאַנגען און זיך געפּאַרעט ביי זיין אַקטנטאַש. שפּרייזנדיק איבערן צימער האָט ער געשטעלט נישט זיכערע טריט, ווי עס זאָל אים אַ שאָד זיין טרעטן אויפֿן דיוואַן. ער האָט געפֿילט אויף זיך אילנהס בליק. אין איר אַנוועזנהייט האָט ער זיך געפֿילט קרעמפּירט און דערנידעריקט.

דעם לעצטן נאָכמיטאָג, אַז זי האָט אויפֿגעשפּילט שובערטס „די נישט פֿאַר־ענדיקטע סימפֿאָניע" האָט זי גענומען אים באַלערנען: שובערט איז געווען אַ ראָמאַנטיקער. ער האָט אַריינגעפֿירט אין דער מוזיק פֿאָלקס־מאָטיוון. זי האָט אויך געוואָלט אים געבן צו פֿאַרשטיין דעם אינהאַלט פֿון דער געשפּילטער קאָמפּאָזיציע.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער און אַ זאָג געטאָן פֿאַרוווּנדערט: — אָה! שוין שפּעט! מען וואַרט אויף מיר אין דער פּאַרטיי — און האָט זיך אויפֿגעשטעלט.

זי האָט אָפּגעשטעלט דעם פּאַטעפֿאָן און האָט שטיל אַ זיפֿץ געטאָן ווי עס זאָל איר האָבן פֿאַרפֿעלט אָטעם.

דערהערנדיק איר זיפֿץ האָט ער זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויפֿן פֿאָטעל

וואָס איז געשטאַנען ביים ראַדיאָ. ער האָט אויסגעצויגן די פיס און אַ קוק געטאָן אין פענצטער. זיין פנים איז געווען אָנגעשטרענגט, ווי ער זאָל זיך עפּעס איבער־לייגן. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו איר: — איך האָב געמאַכט אַ טראַנזאַקציע און איינגעשפּאָרט טויזנטער דער פירמע. ער האָט מיט זיין באַרי־מעריי געוואָלט זיך חשוב מאַכן אין אירע אויגן. ער האָט זי אויך געוואָלט פאַר־גיטיקן וואָס זי האָט איבערגעריסן די מוזיק.

אַ פאַרטראַכטע האָט זי אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז זי האָט געהערט. זי האָט פאַרשטאַנען צו וואָס ער צילט. זי האָט געוווּסט, אַז ערשט נאָך דער חתונה, ווען ער איז געוואָרן אַ רייכער איידעם, האָט מען אים אָנפאַרטרויט זיין איצטיקע אַרבעט, דעם וועקסל־פאַרטפעל.

אין שטוב איז ער איר דערווייל געווען אונטערטעניק, אָבער ביי דער אַרבעט האָט ער געשפּילט די ראָל פון אַ חשובן מענטשן. זינט ער איז געזעסן אין ביוראָ און נישט אין מאַגאַזין האָט ער מער נישט געענטפערט קיין אַרבעטער אויף אַ שלום. ער איז איצט מער נישט געווען אָנגעוויזן אויף זיין געהאַלט און זיך מער נישט געשראָקן אַז מען קאָן אים אָפּזאָגן. ער איז געוואָרן זיכער ביי זיך. אויך צו די באַאַמטע מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טאָן האָט ער זיך באַצויגן גלייכגילטיק. נאָכן אינצידענט מיט אילנהן, האָט ער ווידער גענומען אין האַנט די ציַיטונג און געפּרוּווט לייענען.

— גיי אין דער פּאַרטיי, פאַרשפּעטיק זיך נישט — האָט זי ווי פאַרזאָרגט אים אַ זאָג געטאָן. זי האָט געזען זיין אויפרעגונג און די נישט זיכערקייט.

ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: — יאָ! — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זיך אָנגעבויגן, איר אַ קוש געטאָן אין שטערן און איז אַוועק צו דער טיר.

— נעם מיט אַ סוועדער, ווען קומען שפּעט אַהיים ווערט דיר קאַלט זיין — האָט זי אים געזאָגט.

— מען דאַרף נישט, שלום! — האָט ער איר געענטפערט און הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר.

אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען ווי זי זאָל וואַרטן ער זאָל צוריק קומען.

ער איז געוואָרן אַקטיוו אין דער פּאַרטיי ערשט נאָך דער חתונה. ער האָט דאָרט געוואָלט מאַכן קאַריערע, באַקומען אַ געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע. אַזוי אַרום האָט ער געמיינט ווערן אויך אָנגעזען ביי אילנהן.

אילנה האָט נאָך נישט באַגריפן, אַז מענטשן קאָנען לעבן אין אַזעלכע קאָנ־טראַסטן. זי איז אויפגעוואַקסן אין איר דאָרף. אַלע מענטשן דאָרט זענען זיך נאָענט און מער ווייניק גלייך. זי האָט געוואָלט פאַרגעסן אין אַלעם וואָס עס איז געווען ביז זי איז איבערגעגאַנגען לעבן אין שטאָט. זי האָט אויסגעוויילט עפרונין, דעם שיינעם מאַן אָבער איצט ווען זי ליגט נעבן אים אין בעט און ער שנאָרכט, דרייט זי זיך איבער, זי זאָל נישט הערן. איצט ווען זי פילט די היץ פון זיין קער־פּער ווייסט זי, אַז זיי זענען זיך פרעמד. נישט איין מאָל באַמערקט זי, ווי ער

פּאַסט אויף אַז אַ קנעפּל פון זיינע בגדים זאָל נישט זיין אָפן, ווי ער היט אָפּ ער זאָל נאָכן עסן איבערלייגן דעם גאָפּל איבערן מעסער, ווי ער פּאַרקײַלעכדיקט זיינע עברית־ווערטער און שלינגט אַראָפּ דעם סוף אות.

דאָס טראַכט זי ביז זי שלאָפט איין. באַגינען, אַז זי כאַפּט זיך אויף, שטעקט זי אײַליק אַריין אירע פיס אין די שטובלאַטשן, זי פּאַרוואַרפט איבער זיך איר לאַנגן, קלאַשיקן, געבלומטן, טיף־דעקאָלטירטן שלאַפראָק און נעמט זיך פּאַרען אין שטוב. יעדע פרייע מינוט גיט זי אָפּ דער שטוב. זי רוימט אַליין, זי באַמיט זיך דאָס עסן זאָל זיין פּאַרשידנאַרטיק, אָבער מערסטנטייל דערלאַנגט זי אים די מאכלים וואָס ער האָט ליב פון דער היים: לאָקשן מיט יויך, אַ געקאָכטע הון, באָרשט מיט קאַרטאָפל, געפּרעגלטע קאָטלעטן און קאָמפּאָט פון געטריקנטע פלוי־מען. נישט איין מאָל ווען זיי זיצן ביים טיש גיט זי אים אַ פרעג מיט איראָניע:

— נו, איך בין אַ גוטע בעל־הביתטע? — זי קוקט אויף אים פון אַ זייט, וויל הערן זיין לויב.

בדרך כלל גיט ער אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ. דאָס לעצטע מאָל האָט ער איר אפילו אַ זאָג געטאָן: — דו קאָכסט ווי מיין מאַמע.

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים אַלס אויסדרוק פון דאַנק כאָטש זי ווייסט, אַז ביי זיך אין שטוב האָט ער אַזעלכע מאכלים נישט געגעסן.

זי פּאַרטראָגט נישט זיין שנעל עסן, אָבער זי מאַכט אים נישט אויפמערקזאַם. אָבער איין מאָל ווען זיי זענען געזעסן ביים מיטאָג און ער האָט זיך פּאַרקרעקט האָט זי אים איידל אַ זאָג געטאָן: — אַז מען שלינגט שנעל שטערט עס צום פּאַרדייען — און זי איז אַוועק אין קיך. זי האָט זיך געשעמט פאַר זיך. אויך ווען זיי האָבן געטרונקען טיי האָט זי נישט איין מאָל אָנגעצוקערט אויך זיין גלאָז טיי. זי האָט געוואָלט ער זאָל זען ווי שטיל זי מישט דעם צוקער מיטן לעפעלע.

זי האָט זייער געוואָלט אים ליב האָבן. זי איז געווען אַנטשלאָסן מיט אים בויען איר פּאַמיליע. איר איז קלאָר געווען, אַז זי וועט נישט גיין צוריק אין דאָרף אַריין. זי ווייסט, אַז זי וועט מוזן מיט אים לעבן און טאָקע אין שטאָט. זי זוכט זיין נאָענטקייט און זיין צוגעבונדנקייט. זי וויל אים דערהויבן צו זיך, מיט אים אויסגלייכן. די אַרבעט און די ווירטשאַפט פילט אויס איר טאָג. עס בלייבט איר נישט קיין צייט צו פּאַרברענגען מיט אים אין גאַס.

ער האָט דווקא געבענקט נאָך אַ קאַפע־הויז ווי אין די פריערדיקע צייטן אָבער ער האָט נישט געוואָגט עס איר פּאָרצושלאָגן. אויך זי האָט געוואָלט זיך מיט אים איבערגיין. זי איז געווען שטאָלץ ווען ער האָט איר געטראָגן דעם קויש. אַז זי איז מיט אים אַריין אין אַ קראָם קויפן סערוועטקעס און די פּאַרקויפּערין האָט איר פּאָרגעלייגט אַן אויסוואַל האָט זי אים אַ פרעג געטאָן: — וועלכער מוסטער איז שיין? ער האָט איר נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט נישט געוווסט, וועלכן מוסטער ער זאָל אויסוויילן.

זי האָט זיך מיט אים שאול־עצה געווען איבער יעדער זאַך. זי האָט אים געוואָלט דערנענטערן צו זיך. אין אַ נאָכמיטאָג האָט זי אים אַ פרעג געטאָן: —

כדאי נענטער צורוקן צום פענצטער דעם ראַדיאָ מיטן פּאַטעל עס זאָל דיר זיין באַקוועמער? ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. אים איז אַ שאָד געווען איבערצורוקן אַ מעבלשטיק אין שטוב. ער האָט מורא געהאַט צעשטערן זיין דעראָבערטע היים.

די שכנים אין הויז און אין גאַס, דער קרעמער און זיינע קונים האָבן שוין געוווּסט ווער אילנה איז. זי האָט יעדער באַגעגנטע פרוי אין קראָם געזאָגט שלום, אָבער מיט קיינער פון זיי נישט אריין אין אַ שמועס. זי האָט נישט געוווּסט צו ווּעמען זי זאָל זיך דערנענטערן.

גייענדיק אויף דער גאַס האָט ער געקוקט פאַר זיך. ער האָט קיינעם נישט געזען. ער איז געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט און געוווּסט, אַז מענטשן קוקן אים נאָך.

זיין שטאַנד און מצב האָבן אים אימפּאָנירט, אָבער זי איז געווען עלנט. אין דאָרף אַריין צו די עלטערן זענען זיי נישט געפאָרן. זי האָט נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט די דאָרטיקע מענטשן. זי האָט זיי געוואָלט פאַרגעסן. ער האָט געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון די „פּויערים״. אָפּט מאָל האָט ער נאָר אַ פרעג געטאָן אילנהן — געווען ווער פון די עלטערן? — ווי ער זאָל זיין באַזאָרגט איבער זיי און נישט איבער זייער פאַרמעגן.

ביידע, סיי זי און סיי ער, האָבן געטאָן אַלץ זיי זאָלן זיך צונויפלעבן. ער האָט אויך אַלץ געטאָן ער זאָל ווערן באַוווּסט אין ברייטע קרייזן. זי האָט געזוכט באַקאַנטשאַפט זי זאָל האָבן מיט ווּעמען זיך אַדורכצורעדן אָבער דערביי געווען צוריקגעהאַלטן. זי האָט נישט געוואָלט אָנבינדן קיין קאַנטשאַפט מיט סתם מענטשן.

צו דער בנימיני, די שכנה פון אַ טיר אַנטקעגן האָט זי זיך לעצטנס יאָ דער־נענטערט. רחל איז געווען אַ פרוי ביי די דרייסיק. זי איז געווען מיטלוווקסיק, שלאַנק און געהאַט קיילעכיקע בעקלעך. אירע שוואַרצע האָר זענען געווען אונטער־געשוירן. ביידע האָבן זיך געקענט פון זען. זיי האָבן זיך כסדר געטראָפן אויף די באַלקאָנען ווען זיי האָבן אויסגעהאַנגען ס׳בעטציייג צו לופטערן. זייערע באַל־קאָנען האָבן זיך געגרענעצט.

— שלום, שכנה! שוין צייט מיר זאָלן זיך באַקענען — האָט רחל אַ זאָג געטאָן אילנהן און אַריבערגעשטרעקט איר די האַנט.

— שלום! שלום! — האָט אילנה איר געענטפערט אַ צופרידענע. דריקנדיק זיך די הענט האָבן זיי זיך פאַרגעשטעלט.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך צווישן זיי פאַרבונדן אַ פריינדשאַפט. נישט איין מאָל האָט איינע אַ רוף געטאָן די אַנדערע און זיי זענען צוזאַמען געגאַנגען אין קראָם אָדער אין דער יאַטקע איינקויפן. אויפן וועג האָבן זיי זיך אַדורכגעשמועסט וועגן די פרייזן, ווו עס איז גוט צו קויפן און וואָס. אויב עס איז געווען אַ וועטער־ענדערונג, איז עס אויך געווען אַ טעמע פאַר זיי. זיי האָבן זיך אויך אויסגעטענהט, וועלכעס וועטער איז געזינטער. אילנה האָט דערציילט, אַז זי פאַרטראָגט גוט

יעדן סעזאָן. רחל האָט איר איבערגעגעבן, אַז זי האָט ליב די שטורעמס און דעם ווינטער.

אילנה האָט אויך אָפט אָנגעקלאַפּט ביי איר אין טיר. זי איז געקומען צו איר עפּעס באָרגן, אָבער אין דער אמתן האָט זי געוואָלט מיט איר זיך אַדורכשמועסן. אילנה האָט איר דערציילט וועגן איר היים, זייער דאָרף און איר מאַן, וועגן איר פאַרגאַנגענהייט. זייער חתונה און וועגן עפּרונין האָט זי געשוויגן. אָפט האָט זי געלאָזט פאַלן אַ וואָרט פאַר רחלען, אַז איר מאַן אַרבעט אַ סך און מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל צוגעגעבן — ער וויל מאַכן אַ קאַריערע.

כמעט שטענדיק האָט געריעדט רחל. זי, די פרוי וואָס איז ביז דער חתונה געווען אַ סטענאָטיפּיסטן האָט געוואָלט, אַז אילנה זאָל אַלץ וועגן זיי וויסן. שטענדיק ווען איר קינד איז נישט געשלאָפן האָט זי עס געוויזן אילנהן. חגית, איר צוויי־יעריק בלאָנד מיידעלע, האָט געהאַט בלויע אויגן און שטענדיק געלאַכט. אילנה האָט זי גענומען אויף די הענט, זי געטוליעט צו זיך און איינגעזאַפּט אין זיך די פרישקייט פון איר יונג, געפּלעגט קערפּערל.

אילנה האָט געקענט דער שכנהס איין און אַ האַלב צימער־וווינונג פּונקט ווי איר אייגענע. דאָס קליינע צימער איז געווען דאָס קינדער־צימער. אינעם גרויסן צימער איז געשטאַנען אַ דאָפּלטע סאָפע, וועלכע זיי האָבן אַרויסגערוקט ביינאַכט צום שלאָפן. אויף דער וואַנט אַנטקעגן איז געשטאַנען אַ גרויסע ביבליאָטעק־שאַנק. ווען אילנה איז דאָרט געווען, האָט זי געכאַפּט אַ בליק אויף די ביכער־רוקנס. זי האָט געזען די העברעיִשע, ענגלישע און פראַנצייזישע ביכער. זי האָט אויך געוווּסט, אַז פּנחס, רחלס מאַן איז געקומען פון פּוילן אַלס חלוץ. ער האָט דאָ געענדיקט אַלס אַדוואָקאַט און אַרבעט ביי דער מאַנדאַט־רעגירונג.

פּנחס איז געווען אַ יאָר צען עלטער פון זיין ווייב. ער איז געווען מיטלוווקסיק און געהאַט אַ בייכל. זיין קאָפּ איז געווען פּירקאַנטיק. זיינע האָר זענען געווען שאַטין־העל. ער האָט געוווּסט וועגן דער פריינדשאַפט פון די צוויי פרויען. ער האָט שוין אילנהן פון דערווייטנס געזאָגט שלום. דאָס לעצטע מאָל, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן אויף די טרעפּ האָט ער איר אויסגעשטרעקט די האַנט און זיך פאָרגעשטעלט: — פּנחס. זי האָט אים געדריקט די האַנט. ביידע האָבן זיך אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ. אילנה איז באַלד אַוועק. פון איבעראַשונג האָט זי אים פאַרגעסן זאָגן איר נאָמען. ער אָבער, איז געשטאַנען אַ ווײַלע, איר נאָכגעקוקט ביז זי איז פאַרשוווּנדן אים פון די אויגן.

יג

די ווינטער־רעגנס זענען שיטערע, אָבער די ווינטן זענען שאַרפע און נעמען אַדורך. די אָנגעטראָגענע פון די בערג ווינטן פאַטשן און פאַרכאַפּן דעם אָטעם.

נאָך דעם שטורעם זעען אויס די שטאָטגאַסן ווי אויסגעצוואָגן. ווער עס קאָן נאָר בלייבט אין שטוב אין אַזעלכע טעג.

אילנהס עלטערן קומען צו איר זעלטן. איצט ווען זייער איינציקע טאָכטער וווינט אין שטאָט, אָפּגעריסן פון זיי, פילן זיי זיך עלנט ביי זיך אין דאָרף. זייערע גרויסע צימערן זעען אויס ווי ליידיק.

דעם לעצטן אָוונט ווען זיי זענען געזעסן ביים ראַדיאָ, געוואַרט אויף די נייעס, האָט דער פאָטער דערפילט די שטילקייט אין שטוב און זייער עלנטקייט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן עסצימער: — פאַר וועמען דאַרפן מיר האַרעווען? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

פירה, זיין ווייב, האָט אים נישט געענטפערט.

זייערע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבערן צימער ווי זיי זאָלן באַטראַכטן די זאַכן.

אַ סך מאָל איז דער פאָטער געקומען צו אילנהן אין די אָוונטן, גלייך פון פרדס. ווען ער איז אַראָפּ פון אויטאָ האָט ער מיט אַ שטעקעלע אַרומגעקראַצט די אָנגעקלעפּטע בלאָטע פון די שיך. אויפן וועג האָט ער איר געקויפט אַ ווורשט אָדער שאָקאָלאַד, אַ מאָל אויך פרוכטן. פאַר דער טיר האָט ער פאַרקנעפּלט זיך די קורטקע און זיך אויסגעגליכן דעם קאָלנער פון העמד. ער האָט נישט געוואָלט דערשיינען ביי דער טאָכטער ווי אַ דאָרפישער.

זיי זענען זיך שטענדיק געפאַלן אין די אָרעמס, נישט זאָגנדיק זיך קיין וואָרט. דער פאָטער האָט אָנגעקוקט אילנהן ווי זי זעט אויס. זי איז שטענדיק שטיין געבליבן פאַר אים מיט אַ קאָקעטיש שמייכעלע, ווי זי זאָל פאַר אים פאָזירן. אַ מאָל האָט זי אים אויך אַ פרעג געטאָן: — דיין טאָכטער געפעלט דיר? אַ צופרידענער האָט ער איר געענטפערט מיט אַ שמייכל. ער האָט אַ האָרך געטאָן צי דער איידעם איז דאָ און געגאַנגען זען די דירה. אילנה איז כמעט שטענדיק געווען אַליין. דאָס האָט געאַרט דעם פאָטער, אָבער גלייכצייטיק איז ער אויך געווען צופרידן. ער האָט מיט דעם איידעם נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט.ביידע מענער האָבן זיך נישט פאַרטראָגן. איינער האָט פאַרשטאַנען וואָס דער אַנדערער וויל.

אילנה האָט יעדעס מאָל אַ פרעג געטאָן דעם פאָטער: — ווילסט עסן?

— ניין! — האָט ער איר שטענדיק אָפּגעענטפערט. ער האָט אָבער געוואָרט זי זאָל אים דערלאַנגען אַ גרויסע, ערדענע שאָל מיט אָפּגעצוקערטע טיי אַזוי ווי ער האָט ליב טרינקען אין שטוב. ער האָט דאָס טעפּל מיט טיי געהאַלטן מיט ביידע הענט, ווי ער זאָל זיך וואַרעמען די פינגער און געקוקט אויף דער טאָכטער. זי האָט אים אויסגעפרעגט ווי עס גייט דער מוטער און וואָס זי טוט, כאָטש זי האָט זיך געזען מיט איר מיט עטלעכע טעג צוריק. דאָס דאָרף און די מענטשן האָט זי פאַרשוויגן, ווי זיי זאָלן נישט עקזיסטירן. דער פאָטער האָט כמעט נישט גערעדט. ער האָט געהערט וואָס די טאָכטער דערציילט. ער איז געווען צופרידן וואָס ער האָט זיך ווידער מיט איר געטראָפן.

ער איז געזעסן און געקוקט אויף איר. איר האָט זיך יעדעס מאָל געדאַכט,

אַז ער באַדויערט זי. ער האָט זי נאָר געפרעגט איינצלנע פראַגן: — ביסט געזונט? ווי גיסטו זיך אַן עצה מיט די קינדער אין שול? אָדער ער האָט זי געפרעגט: — די שטובאַרבעט איז דיר נישט צו שווער? אַמאָל האָט ער שטיל, ווי ער זאָל רעדן אונטער דער נאָז, זי אַ פרעג געטאָן: — האָסט געזען עפּעס אַ גוטע פאַרשטעלונג?

— זאָרג נישט, איך קום און גיי — האָט זי אים אָפּגעענטפערט. אָבער אויף זיין פראַגע האָט זי אים נישט געענטפערט.

ער איז קיין מאָל לאַנג נישט געזעסן. ער האָט זיך באַגנוגנט דערמיט וואָס ער האָט זי געזען. ווען אילנה האָט אָבער צוגעמאַכט די טיר הינטערן פאָטער האָט זי זיך צוגעשלייכט צו דער סאָפע. זי איז געבליבן זיצן אַ פאַרקוקטע פאַר זיך, אין דער ליידיקייט. זי האָט נישט געטראַכט און נישט געפילט.

די מוטער איז געקומען צו איר עפטער ווי דער פאָטער, אָבער אויך נישט איצט אין דער צייט פון קטיף. איצט קומט די מוטער זי באַזוכן נאָר דאַן ווען דער פאָטער קומט פריער פונעם פּרדס און זי קאָן אויף אים איבערלאָזן די שטייגן מיט די עופות. דעם לעצטן פאַרנאַכט איז זי אַריין צו אילנהן אַ באַלאָדענע. אילנה האָט שוין דערקענט אירע שווערע טריט אויף די טרעפּ. ווי נאָר זי האָט דער מוטער געעפנט די טיר, האָט זי מיט אַ פריילעכן פאַרדראָס איר אַ זאָג געטאָן: — שוין ווידער געבראַכט פּעק! מיינסט, אַז מיר הונגערן?

— אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן פון הונגער און צער — האָט די מוטער איר געענטפערט. זי האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם שאַל און אויסגעטאָן דעם מאַנטל. די מלבושים האָט זי אַוועקגעגעבן אילנהן זי זאָל זיי אויפהענגען. זי איז אַריין אין קיך אויספּאַקן די פּעקלעך. אילנה איז געשטאַנען נעבן איר און ווי אַ מיידעלע געקוקט וואָס די מאַמע האָט געברענגט. יעדע זאַך וואָס די מוטער האָט אויסגעפּאַקט האָט זי צו וויסן געטאָן אילנהן: דאָס איז אַ סלאַי מיט מאַראַנצן־מאַרמעלאַדע, דאָס איז אַ גלאָז קאָנפיטורן פון מאַראַנצן־שאָלן. דאָס איז אַ בראָטן, כשר געמאַכט צום קאָכן.

— וואָס איז דאָס? — האָט אילנה אַ פרעג געטאָן אויף אַ קאַרטאָן, וועלכן די מוטער האָט אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט.

— דאָס זענען מאַראַנצן.

— נו, פרעג איך דיך, אין שטאָט קריגט מען נישט קיין מאַראַנצן? — האָט זי אַ פרעג געטאָן דער מוטער.

— דאָס זענען מאַראַנצן וואָס דער טאַטע האָט נאָר וואָס אָפּגעשניטן פון בוים. זיי האָבן אַ גאַנץ אַנדערן טעם, ווי די געקויפטע אין שטאָט — האָט די מוטער זיך פאַרטיידיקט. זי האָט דעם בראָטן אַריינגעלייגט אין דער קילשאַנק און זי האָט אַ זאָג געטאָן דער טאָכטער: — קום אין שטוב וועלן מיר אַ ביסל מוטלען. לאַנג האָב איך קיין צייט נישט.

— וואָס איז ס׳געאייל? ווען איר קומט איז אויף אַ שפּרונג — האָט אילנה זיך געקלאָגט פאַר איר.

— יעדנפאַלס מער ווי דו — האָט די מוטער איר אַ זאָג געטאָן און אַ פאַר־

שעמטע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט געפּילט, אַז זי האָט עס דער טאַכטער נישט געדאַרפט פאַרוואַרפן.

אילנה האָט געהערט און פאַרשטאַנען וואָס די מוטער האָט איר געזאָגט. זי האָט איר נישט געענטפערט נאָר איר פאַרגעלייגט: — איך וועל דיר עפּעס מאַכן צו עסן.

— איך בין פול. פון בענקשאַפט צו דיר עס איך אַ גאַנצן טאָג — האָט די מוטער איר געענטפערט און אַ קוק געטאָן אויף אילנהן. זי האָט די טאַכטער אָנגענומען ביי דער האַנט און מיט איר אַריין אין צימער.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע. אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. די מוטער האָט זי באַטראַכט פון דער זייט.

אילנה האָט באַמערקט איר קוק און אַ זאָג געטאָן דער מוטער: — יוסף איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער טוער אין דער פאַרטיי — און געוואָלט רעדן ווייטער.

— ביי אונדז אין דער משפחה פאַרנעמט מען זיך נישט מיט קיין פּאָליטיק, נאָר מען אַרבעט — האָט די מוטער איר איבערגעריסן. אין דעם מאָמענט האָט אויך דאָס געשפּרעך צווישן זיי זיך איבערגעריסן. זיי האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט צווישן זיך.

אילנה האָט פאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף מיט דער מוטער וועגן דעם מער נישט רעדן. — ער וועט באַלד קומען, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז זי זאָגט ליגן. זי האָט אַ טראַכט געטאָן און איז איבערגעגאַנגען אויף אַ צווייטער טעמע: — קאָך מיר איין דעם בראָטן — האָט זי געבעטן די מוטער.

— עס דאַרף דויערן און איך מוז אַהיים פאָרן צום טאַטן — האָט די מוטער איר אויפגעקלערט — אַן אַלטע בעל־הביתטע ווי דו דאַרפסט שוין קאָנען קאָכן — האָט די מוטער זי אַ רייץ געטאָן.

— דו האָסט מיך נישט געלערנט — האָט אילנה אַ שפּאַס געטאָן און באַלד דערויף צוגעגעבן — בלייב נעכטיקן און לערן מיך אויס.

— דער טאַטע איז אַליין אין שטוב — האָט די מוטער זיך געוווּרט.

— ער האָט ליב צו זיין אַליין — האָט אילנה זיך פאַרענטפערט.

די מוטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, באַשטעטיקט אירע רייד. זי האָט אָבער נייגעריק זי אַ פרעג געטאָן — ווו וועל איך שלאָפן?

— דו מיט מיר אין שלאָפצימער, ער דאָ — האָט זי אָנגעוויזן אויף דער סאָפע.

די מוטער האָט גענומען אילנהס אַ לאָק און איידל זי אַ צי געטאָן צו זיך.

אילנה האָט זיך אַ טוליע געטאָן צו איר ווי אַ מיידעלע און זי געקושט.

די מאַמע האָט זי אַרומגענומען. זי האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. זי האָט צוגעלייגט אירע ליפּן צו דער טאַכטערס פּנים און אַ קוש געטאָן איר באַק: — איך מוז זיך צואיילן, באַלד וועט ווערן פינצטער — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן און זיך אויפגעשטעלט.

אויך אילנה איז אויפגעשטאַנען און אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער. נאָכן

איבערוועטלען זיך, איז זי אין האַרצן געווען צופרידן, וואָס די מאַמע בלייבט נישט נעכטיקן: — איך וועל דיך צופירן צום אויטאָ — האָט אילנה איר אַ זאָג געטאָן און זי איז אַוועק ברענגען די מאַנטלען.

די מוטער איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטע.

אילנה האָט זיך אומגעקערט. זי האָט געהאָלפן דער מוטער זיך אָנטאָן און זיי זענען אַוועק צו דער טיר.

אילנה איז געווען אָפּגעריסן פון איר סביבה. אַלץ וואָס איר האָט געפעלט אין לעבן האָט זי געזוכט ביי איר מאַן. זי האָט געטאָן אַלץ עס זאָל זיך ביי זיי שאַפן אַ משפחה־אינטימקייט. דער טיש איז געווען געדעקט צו דער צייט. אַ פריש העמד איז שטענדיק געווען גרייט פאַר עפּרונין. אפילו ווען זי האָט אים דערלאַנגט זיין באַליבט מאכל האָט זי אים געגעבן ווייניק יויך און אַ סך לאָקשן ווי ער איז געווונטש געווען. זי האָט געוואָלט זיין גליקלעך און געטאָן אַלץ ער זאָל זיין צופרידן. אָפּט, אַז זי האָט אים עפּעס דערלאַנגט און זי האָט געזען, אַז ער האָט הנאה, האָט זי קאָקעטיש אים אַ פרעג געטאָן: — נו, ווי איז דיין ווייב צו דיר?

ער האָט איר געענטפערט מיט אַ קאָפּשאָקל, אָפּצוקומען. ער האָט איר נישט געוואָלט אַרויסווייזן זיין דאַנקבאַרקייט. ער האָט געלעבט אין אַ מורא. ער האָט זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז דאָס איז זיין שטאַנד.

ער האָט זיך אָבער שנעל צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז אַלץ וואָס זי טוט פאַר אים קומט אים. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אַלע געבילדעטע פרויען פירן זיך אַזוי. ער האָט ווייניק מיט איר גערעדט. ער האָט זיך געהיטן ער זאָל זיך נישט פאַרפּלאָנטערן מיט איר אין אַ געשפּרעך ווו מען דאַרף עפּעס וויסן. איידער ער האָט מיט איר גערעדט, האָט ער פריער זיך איבערגעלייגט וואָס צו זאָגן.

ער האָט אויך באַקומען אַמביציע זיך אויסצוגלייכן מיט איר און אפשר זי אפילו איבערשטייגן. שוין אַ לענגערע צייט ווי ער ברענגט אין שטוב פּאָליטישע צייטשריפטן. אילנה לייענט זיי נישט. איר אינטערעסירט קונסט און ליטעראַטור.

ער ווייסט שוין אילנהס געוווינהייטן און פאַרלאַנגען, אָבער ער פירט זיך לויט זיין ווילן. טיילמאָל, אַז ער איז זאַט, צעבינדט ער זיין קראַוואַט און צעקנעפּלט ס׳העמד. אָפּט, אַז ער איז מיד, טוט ער אויס די שיך אינמיטן שטוב. ער ציט זיך אויס אויף דער סאָפע און לייענט די צייטשריפטן. אים אינטערעסירט נישט צו וויסן גרינטלעך די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען. ער לייענט נאָר שטיקלעך פונעם אַרטיקל און היפּערט איבער גאַנצע שורות. ער וויל נאָר מער ווייניקער וויסן דעם אינהאַלט. זי פלעגט זיך וווּנדערן ווי שנעל ער לייענט, ביז זי איז געקומען דערויף. אין מיטן לייענען דרימלט ער אָפּט איין אָבער מיטן געפיל, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט ענינים וועלכע זי קען זיי נישט.

ער האָט איר אויך געגעבן אָנצוהערן און באַוויזן, אַז נישט אַלץ וואָס זי טוט איז ריכטיק. אָפּט, אַז ער טוט זיך איבער טוט ער שטיל אַ וואָרטשע ווי ער זאָל רעדן צו זיך: — ס׳העמד איז נישט גוט געפּרעסט — אָדער — די הויזן זענען

צעקנייטשט. זי האָט עס טייל מאָל געהערט. זי האָט דערשטוינט אים אָנגעקוקט אָבער פאַרשוויגן.

ער האָט אויפגעפּאַסט און געוווּסט וועגן יעדער געשעעניש אין שטוב, ווי אַזוי אילנה פירט די ווירטשאַפט אָבער ער האָט געשוויגן, ווי עס זאָל אים גאָרנישט אָנגיין.

נאָר ווען זי האָט זיך צו אים געוואָנדן נאָך געלט האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר ווי ער זאָל שיקלען, און קוים איינגעהאַלטן זיין כעס. זי האָט שטענדיק געהאַט גענוג געלט. דער פאָטער האָט איר געגעבן, זי האָט אויך געהאַט געלט פון איר אַרבעט. זי האָט אָבער געוואָלט האָבן דאָס געפיל, אַז איר מאַן גיט איר געלט.

דעם לעצטן זונטיק אין אָוונט איז צווישן זיי פאָרגעקומען דער ערשטער קאָנפליקט. זיצנדיק ביים אָוונטברויט האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: — די סאַרדינען זענען טרוקן.

אירע אויגן זענען געוואָרן גרויס פון איבערראַשונג. איר אונטערשטע ליפּ האָט אַ ציטער געטאָן פון באַליידיקונג:

— ביסט געוווינט צו עפּעס בעסערס? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן מלא כעס.

אים האָט אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס ליכט אין זשיראַנדאָל האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: — זי ווייסט? ער האָט זיך אומגעקוקט, ווי ער זאָל וועלן זען דעם שאָטן הינטער זיך — זיין היים. ער האָט מיט דער האַנט אָנגענומען זיך די גאָמבע ווי ער זאָל האַלטן זיין באָרד. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי עס זאָל גאָרנישט האָבן געשען צווישן זיי: — די ענגלענדער ווילן געבן אַ צאָל סערטיפיקאַטן — ער האָט געוואָרט זי זאָל אים ענטפערן.

זי האָט געשוויגן.

— איך מיין, אַז מען דאַרף דערווייל נעמען — האָט ער ווידער אַ זאָג געטאָן. ער האָט געוואָלט מיט איר רעדן, נישט געדענקען וואָס זי האָט אים פריער געזאָגט.

— זאָלן זיי נישט זיין קיין גוטע אויף אונדזער חשבון — האָט זי אים ערשט איצט געענטפערט. זי האָט פאַרמרוזשעט די אויגן און אַ שמייכל געטאָן. זי איז געווען צופרידן וואָס ער איז איבערגעגאַנגען איבער איר נישט דעליקאַטן ענטפער.

עפרוני האָט זיך צוגעוווינט צו זיין אויסמעבלירטער דריי־צימער־וווינונג, צו זיין יונג און שיין ווייב און צו זיינע איינקונפטן. וועגן זיין אָפּשטאַם און ווי אַזוי ער האָט געלעבט ביז דער חתונה האָט ער זיך באַמיט נישט צו טראַכטן. ער האָט אויפגעפּאַסט ער זאָל גיין פּאַמעלעך און גערעדט מיט אַ דיק קול. ער האָט געדענקט צוריק צונויפצולייגן ס׳טאַנשטיכל נאָכן באַנוצן עס לויט די פּרעס־קנייטשן.

ער האָט זיך באַמיט צו זיין וואָס ווייניקער אין שטוב. אַ סך מאָל, ווי נאָר ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און אַ זאָג געטאָן אילנהן:

— איך מוז גיין. אים האָט געפעלט דער פריערדיקער לעבנס־ווירוואַר. אין אילנהס אַנוועזנהייט האָט ער זיך געפילט קרעמפּירט אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט ער זאָל אויסרעכענען זיין יעדע באַוועגונג. בכלל איז זיין אויפפירן זיך געווען ווי ער זאָל זיך געפינען צווישן פרעמדע מענטשן. זיין ווייב אילנה איז פאַר אים נאָך אַלץ געווען די אינטעליגענטע, רייכע טאָכטער.

זיין טראַכטן און באַנעמען זיך איז געווען אויסגערעכנט דערויף, אַז ער זאָל זיך אויסגלייכן מיט זיין נייער סביבה און גיין פאָרויס. קיינער זאָל נישט וויסן, נישט אילנה און נישט עמיץ אַנדערש, האָט ער ביי אלחננען אין געהיים געלערנט עברית. שוין פון דער וויטנס עטלעכע הייזער פאַרן הויז ווו דער לערער האָט געוווינט, האָט עפרוני זיך אומגעקוקט, צי קיינער זעט אים נישט ווו ער גייט. אין דעם אַריינגאַנגס־טויער און אין דער אָפענער שוין טיר האָט ער זיך אַדורכגע־שלייכט ווי ער זאָל זיך אַריינגנבענען. ער האָט נישט געהאַט קיין אָפּגערעדטע שעה מיטן לערער. אלחנן איז געווען אַ הויכער, בריימבייניקער ייד מיט אַן איינגע־פאַלענעם בויך און לאַנג, אויסגעצויגן, צעקנייטשט פנים. ער איז געווען אַן אַלטער העברעיִש־לערער פון ריגע. קיין סך תלמידים האָט ער נישט געהאַט. ער האָט שטענדיק געוואַרט אויף עפרונין. זיין איין־צימער־וווינונג האָט אויסגעזען ווי לײדיק. דער טיש מיט די בענקלעך, וואָס האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן, זענען געווען גרייט פאַר עפרונין. ער האָט אלחננען געצאָלט פאַר יעדער לעקציע און מער ווי די אַנדערע שילער. אלחנן האָט נישט געוווּסט ווער עפרוני איז, אָבער לויט זיין באַנעמען זיך און צאָלן שכר איז ער געווען זיכער, אַז זיין תלמיד איז רייך און ער איז אַ הויכער באַאַמטער.

די לערע איז עפרונין נישט אָנגעקומען שווער. ער האָט דערגענצט און אָפּגע־פרישט דאָס ביסל וויסן פון חדר. די לעקציעס האָט ער געמאַכט ביי זיך אין ביוראָ. ער האָט געלערנט פלייסיק, געוואָלט דערגרייכן. ער איז געקומען אין ביוראָ נאָך דעם ווי די רוימערקע האָט געהאַט פאַרענדיקט איר אַרבעט און יעדעס מאָל פאַרשלאָסן די טיר קיינער זאָל אים נישט איבעררײַשן. דעם פאָרטיער ביים אַריינגאַנג האָט ער קוים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. דער פאָרטיער, אַ הויכער, דאַרער ייד מיט לאַנגע הענט און איינגעפאַלענע באַקן איז געווען זיכער, אַז עפרוני האָט אַ סך אַרבעט.

ער האָט אַלץ געטאָן כדי זיך וואָס שנעלער אַריינלעבן אין זיין נייער סביבה, אָבער אָפט האָט ער זיך פאַרבענקט צו זיין סביבה פון אַמאָל. נישט איין מאָל האָט ער געשפּאַנט איבער די גאַסן אין דרום פון שטאָט און באַטראַכט, געוואָלט זען די מענטשן וואָס זענען אים געווען נאָענט. נישט איין מאָל ביינאַכט, ווען ער איז אַרויס פון ביוראָ אַ פאַרמאַטערטער פון צוגרייטן זיינע לעקציעס האָט ער זיך אַריינגעשלייכט אין אַ קינאָ. די אַרטיסטן האָבן געשאָסן, פאַרכאַפּט מענטשן און באַוויזן גבורה. ער האָט זיי באַוווּנדערט.

פון צייט צו צייט האָט ער זיך אויך אַריינגעכאַפּט אויף דער יפו־גאַס צו בערלען אין רעסטאָראַן. דער רעסטאָראַן איז געווען אַ טיפער, פאַרטונקלטער זאַל,

אין וועלכן עס זענען געשטאַנען קליינע, אויסגעפּעטסטע טישלעך און בענקלעך. בערל, אַ נידעריקער, ברייטבייניקער ייד מיט אַ לאַנג פּירקאַנטיק פּנים, מיט אַ לאַנגער פלייִשיקער נאָז און טעמפּע אויגן, האָט געהאַט אַ קוק פון אַן אָקס. ביי בערלען האָבן געגעסן מענטשן וואָס האָבן געטראָגן אַרבעט־קליידער. עפרוני האָט זיך שטענדיק אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל.

בערל האָט געקענט דעם „פראַנט״. אַזוי האָט בערל גערופן אַלע געסט וועלכע זענען נישט געקומען אין קיין אַרבעט־מלבושים.

אויך דאָס מאָל איז עפרוני אַריין צו בערלען נאָך דער אַרבעט. ער האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אָרט און זיך אַוועקגעזעצט.

בערל האָט אים אַ פרעג געטאָן מיט אַ קאָפּ־באַוועג, צי ער באַשטעלט אויך איצט זיינע מאכלים.

עפרוני האָט באַשטעטיקט מיט אַ קאָפּשאָקל אַז יאָ.

בערל האָט זיך אַ פאָרע געטאָן.

עפרוני האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש די עלנבויגנס, זיין קאָפּ האָט ער אַריינגעלייגט אין די הענט, אַז מענטשן זאָלן אים נישט זען, און געוואַרט.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט בערל אים צוגעטראָגן די מאכלים.

עפרוני האָט אים באַלד באַצאָלט. ער האָט זיך נישט געוואָלט דאָ פאַרהאַלטן קיין איבעריקע צייט. זיין מעניו איז באַשטאַנען פון אַ שטיקל הערינג, אַ שטיקל גאַלער, צוויי געזאַלצענע מצהלעך און אַ גרויס גלאָז ביר מיט שוים. עפרוני האָט געגעסן שנעל, און ווי געליגן איבער די טעלער. נאָר ווען די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן האָט ער אויפגעהויבן די אויגן זען ווער עס איז געקומען. ער האָט געגעסן און פאַרטרונקען מיט ביר. דער שוים איז אים געבליבן צוגעקלעפּט צו דער אויבערשטער ליפּ. אַז ער האָט געענדיקט עסן האָט ער זיך אויפגעשטעלט און מיט דער האַנט זיך אָפּגעווישט דעם שוים. נישט באַנוצט דאָס טאַשנטיכל, געהיטן זיך אילנה זאָל נישט זען קיין סימנים.

די גרויסע, שיטערע רעגן־טראָפּנס זענען געפאַלן אויף די פענצטער־שויבן ווי זיי זאָלן אָנקלאַפּן. ביי די עפרוניס אין דער דירה איז געווען וואַרעם. עס האָבן געברענט צוויי עלעקטרישע אויוונס. די ליכט אין צימער האָט געשימערט.

ביים טיש איז געזעסן אילנה, אַן איבערגעבויגענע איבער אַ בוך. זי האָט מער אַריבערגעקוקט איבערן בוך ווי געלייענט. זי האָט זיך נישט געקאָנט קאָנצענטרירן. אין דער זייט אויף דער סאָפע איז געזעסן עפרוני. ער האָט איבערגעלייגט איין פּוס איבערן אַנדערן און געבלעטערט אַן אילוסטרירטן זשורנאַל. די בילדער פון די מאַשינען, בריקן און קראַנען האָבן אים נישט אינטערעסירט. ער האָט זיך געלאַנגווייליקט. דער רעגן האָט אים פאַרהאַלטן אין שטוב. צווישן אים און אילנהן איז געשטאַנען אַ פירקאַנטיק טישל מיט אַ שיסעלע ניסלעך. עפרוני האָט אַריינגעקוקט אין זשורנאַל און נישט קוקנדיק גענומען אַ ניסל נאָך אַ ניסל און געקייט.

די שטילקייט אין צימער איז אים געווען איבערדריסיק.

— אפשר מאַכן מיר אַ קערטל? — האָט ער אַ פרעג געטאָן אילנהן און אַ קוק געטאָן אויף איר פון דער זייט.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערשטוינט אים אָנגעקוקט.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער.

— אפשר מאַכן מיר אַ דאָמינאָ? — האָט ער ווידער אַ פרעג געטאָן. ער האָט געוואָלט פאַרריכטן דעם פעלער.

— איך האָב נישט געוווסט, אַז דו האָסט ליב צו שפילן קאָרטן. איך האָב נאָך אין האַנט נישט געהאַלטן קיין קאָרטן — האָט זי אים געענטפערט. איר קול איז געווען טרוקן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און צוגערוקט זיך דעם זשורנאַל, ווי ער זאָל אין אים אַריינקוקן.

זי האָט פאַרמרוזשעט די אויגן און זיך איינגעקוקט אין אים. זי איז אים חושד געווען, אַז ער לאָזט זי אַליין אין שטוב און גייט שפילן קאָרטן.

— פאַר וואָס נעמסטו מיך נישט מיט ווען דו גייסט שפילן? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן און זי האָט זיך פאַרכלינעט, ווי זי זאָל אַראָפּשלינגען דאָס לעצטע וואָרט.

פון איבערראַשונג זענען זיינע אויגן גרויס געוואָרן. ווען ער האָט זיך באַהערשט האָט ער איר שטיל אַ זאָג געטאָן: — איך שפיל נישט. איך האָב געוואָלט נאָר מיט דיר שפילן עס זאָל אונדז זיין היימלעך — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

זי האָט זיך צעשמייכלט. זיין ענטפער האָט איר הנאה געטאָן. זי האָט אים געוואָלט ענטפערן, אָבער, זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און אַרויפגעלייגט די הענט אויפן טיש. עס האָט איר אַ נאָג געטאָן ביים האַרץ און עס האָט איר גענומען איבלען. אַ ווײַלע שפּעטער האָט איר האַרץ אַ טיאָכקע געטאָן, איר אָטעם איז געוואָרן אַ צוגעאיילטער.

אַז זי איז געקומען צו זיך, איז זי אויפגעשטאַנען. זי איז צו אים צוגעגאַנגען און מיט צונויפגעלייגטע הענט ווי זי זאָל עפּעס בעטן געקוקט אים גלייך אין די אויגן. פון אירע גרויסע, אויפגעריסענע אויגן זענען גערונען לויטערע טרערן.

ער האָט געקוקט אויף איר אַ דערשטוינטער און נישט באַגריפן וואָס מיט איר קומט פאָר.

זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און מיט פאַרמאַכטע אויגן אַרויפּ־געפאַלן אויף אים. זי האָט זיך צו אים געטוליעט און אים איינגערוימט דעם סוד — דו וועסט ווערן אַ טאַטע.

זיינע אויגן זענען געוואָרן נאָך גרעסער, זיין בליק דערשטוינט. ער האָט געקוקט אויף איר אַ פאַרווונדערטער. מיט אַ מאָל ווי די זאַך זאָל אים האָבן קלאָר געוואָרן האָט ער זיך צעלאַכט אויפן קול: — האַאַא, האַאַא, האַאַא. ערשט איצט האָט ער זי אַרומגענומען און געקושט.

יד

די טעג זענען שוין ווידער גרויסע. ווען די זון דערגרייכט דעם מיטן הימל זענען אירע שטראַלן לאַנגע און עס איז הייס. די קנאָספּן זענען שוין אָפן, די בלעטער און גרעזער זענען שוין צעוואַקסן.

עפרוני איז באַשעפטיקט. די מוטער נעכטיקט צוויי, דריי, מאָל אין דער וואָך ביי אילנהן, פירט איר דיווירטשאַפט. אילנה איז צוגעבונדן צו עפרונין. ווען ער געפינט זיך נישט נעבן איר פילט זי אַ ליידיקייט אַרום זיך. זי וואַרט אויף אים. ווען זי דערהערט זיינע טריט אויף די טרעפּ וואַרט זי ער זאָל עפענען די טיר. זי עסט אַ סך אָבער כאַפּנדיק. מיט מיטאָג וואַרט זי אויף אים. זי לעכצט נאָך זיין יעדן בליק און גלעט.

ער זעט עס נישט אָבער ווייסט עס. אָפט ווען ער קומט פון גאַס ברענגט ער איר בלומען. יעדעס מאָל אַנדערע נישט אונטערשיידנדיק די מינים. ער באַגעגנט זי מיט אַ קוש אין האַנט. ווי נאָר ער שטעלט אַוועק זיין אַקטנטאַש גייט ער צו, קוקט זי אָן און גיט איר אַ גלעט איבערן קאָפּ.

זי איז אַ גליקלעך פון זיין ריטערלעכער און פאָטערלעכער באַציִונג צו איר. ער איז ביי איר איצט דער טאַטע פונעם קינד, וואָס זי טראָגט אין זיך. זי האָט פאַרגעסן, נישט געוואָלט געדענקען ווער עפרוני איז.

זעענדיק די באַציִונגען צווישן זיי, האָט אויך די מוטער זיך צו אים באַצויגן, ווי צו אַן איידעם. זי האָט אים צוגעגרייט און אונטערגעטראָגן, געפּרעסט אים די העמדער, האָט אויפגעפּאַסט עס זאָל שטענדיק זיין פאַר אים אַ פלאַש ביר אין קילשאַנק. זי האָט געוואָלט ער זאָל אין אָוונט הנאה האָבן פונעם טרונק, וואָס ער האָט גערן, אָבער נאָך מער האָט זי הנאה געהאַט ווען ער פלעגט געבן צו ערשט אילנהן אַראָפּטרינקען פון גלאָז. אילנה האָט זיך יעדעס מאָל דערקוויקט מיט אַ אַ־הה, ס'איז גוט!

ער איז ווייטער געווען פאַרנומען אין גאַס נאָך דער אַרבעט, אָבער שוין נישט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אין די שפּעטע אָוונט־שעהן איז ער שטענדיק געווען אין דערהיים. יעדן אָוונט איז ער געגאַנגען מיט אילנהן צום ים. שפּאַצירנדיק האָבן זיי דעם גאַנצן וועג געשוויגן. זי האָט אים נישט געוואָלט שטערן. זי האָט געמיינט, אַז ער איז פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען. איר איז גוט געווען, ווען זי האָט אים געהאַט נעבן זיך. ביים ים איז זי אָפט געשטאַנען אַ פאַרקוקטע אין דער וואַסער־פלאַך ווי זי זאָל וועלן זי אַדורכקוקן, זען איר צוקונפט כאָטש עס איז שוין געווען פינצטער.

אָפט, אַז ער האָט זי אַריינגעפירט אין שלאָפצימער האָט ער איר אַ קוש געטאָן אין שטערן, איר געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז צוריק אַרויס. ער איז אַריין אין עס־צימער לייענען אַ צייטונג. ער האָט געוואָלט די שוויגער זאָל זען ווער איר איידעם איז.

יעדעס מאָל ווען ער האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך האָט אילנה פאַמעלעך,

אָן חשק זיך אויסגעטאָן. אַ היפּשע ווײַלע איז זי אין נאַכטהעמד געשטאַנען פאַרן שפּיגל. זי האָט באַטראַכט איר פאַרענדערט פּנים און געזען ווי איר בויך ווערט גרעסער און קײַלעכיקער. נישט איין נאַכט איז זי געלעגן אין בעט אין איר טיולן, דעקאָלטירטן העמד און געוואַרט אויף אים. אויפן נאַכטשענקל האָט געברענט אַ טונקל אינטים ליכט.

אויך איצט איז דער פּאָטער געקומען זעלטן צו זיי. ער איז געקומען אין די אָוונטן ווען די מוטער איז געבליבן אין שטוב. ער איז געקומען אײַליק, נישט געהאַט קיין צײַט. דער קטיף איז געווען צו ענדע, דאָס באַשנײַדן די ביימער אויך. ער האָט אויפגעפּאַסט ווען מען זאָל באַוואַסערן די ביימער. ער האָט אויך נישט געוואָלט לאַנג לאָזן אַליין די מוטער.

אַז דער פּאָטער איז געקומען און געטראָפן עפרונין אין שטוב, האָט ער אויך איצט זיך נישט אַרײַנגעלאָזט מיט אים אין אַ שמועס. דאָס לעצטע מאָל איז דער פּאָטער געקומען אַן אויפגעלייגטער. ער האָט אַוועקגעלייגט אין אַ זײַט דאָס פּעקל שאָקאָלאַד וואָס ער האָט געבראַכט און האָט אָנגעקוקט די טאָכטער. אַ האַרציקער שמייכל האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער זיין פּנים. ער האָט גוטמוטיק איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן: כ׳ווייס אַלץ. די מאַמע דערציילט מיר.

אילנה האָט זיך צעלאַכט אויפן קול: — האַהאַהאַהאַ! דער אָפּהילך פון איר געלעכטער האָט זיך צעטראָגן איבערן צימער.

עפרוני איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען ביי זיך אין צימער און געהערט וואָס זיי רעדן. ערשט איצט איז ער אַרײַן צו זיי, האָפערדיק אַ זאָג געטאָן: — שלום! ער האָט געוואָלט אַז דער פּאָטער זאָל אויך אים אַרײַנבעמען אין דער משפּחה־אינטימקייט.

— שלום! שלום! — האָט דער פּאָטער אים געענטפערט און יעדן פון זיי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: — פאַרגעסן, אַז מען קומט אין אַ שטוב אַרײַן דאַרף מען זאָגן שלום — האָט דער פּאָטער זיך פאַרטיידיקט פאַר דער טאָכטער. אַ ברייטער שמייכל האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער זיין פּנים.

— מיר ווייסן וואָס דו ווינטשסט אונדז — האָט אילנה אים געענטפערט אַ פריילעכע.

— יאָ, אילנהס מאַמע העלפט אונדז אַ סך — האָט עפרוני אַ זאָג געטאָן דעם פּאָטער. ער האָט אים געוואָלט ווייזן, אַז ער שעצט אָפּ איר הילף.

דער פּאָטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ ווי ער זאָל באַדויערן און באַשטעטיקן די זאַך.

עפרוני האָט פאַרשטאַנען וואָס זיין קאָפּשאָקל באַדייט: — איך גיי גרייטן צום טיש און מיר וועלן עסן אָוונטברויט — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— איך האָב געגעסן. איך וועל אייך נישט שטערן. איך וויל אויך נישט לאָזן די מאַמע שפּעט אַליין — האָט ער אים געענטפערט און אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

עפרוני האָט נישט געוואָגט אים אַנטקעגן רעדן.

— זייט געזונט! — האָט דער פאָטער זיך געזעגנט און זיי דערלאַנגט די האַנט.

— זיי געזונט און גריס די מאַמע! — האָט אילנה אים געענטפערט.

עפרוני האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער פאָטער איז אַוועק צו דער טיר. ער האָט נישט געוואַגט אַ קוש טאָן די טאָכטער, איצט ווען זי שוואַנגערט.

נאָך זיין אַוועקגיין האָבן ביידע, עפרוני און אילנה אַוועקגעקוקט. זיי האָבן זיך געשעמט אָנצוקוקן.

ווען דער פאָטער האָט אויסגעפרעגט די מוטער, אָדער גערעדט מיט דער טאָכטער, האָט ער גערעדט פּאַמעלעך און גלייכגילטיק. אָבער געוווּסט יעדע קלייניקייט וואָס קומט פאָר ביי אילנהן. ער האָט געוווּסט ווי זי פילט זיך, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט. ווען די מוטער האָט געדאַרפט קומען פון שטאָט איז ער געוואָרן נערוועז, און געוואָרט אומדולדיק. יעדע וואָך האָט ער געגעבן געלט דעם ווייב זי זאָל איינקויפן אין שטאָט פאַר אילנהן.

די מוטער ווי נאָר זי האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער ווירטשאַפט ביי אילנהן איז זי אַרויס אין גאַס. זי האָט געשפּאַנט איבער די האַנדלס־גאַסן און אויסגעזוכט די קראָמען ווו מען קאָן קויפן אַ בעטל, אַ מאַטראַץ און אַ שפּאַציר־וועגעלע. זי איז געווען איינגעגלויבט, אַז מען דאַרף נישט איינקויפן ביז ס׳קינד ווערט געבוירן, אָבער זי האָט נישט געקאָנט זיך באַהערשן און כסדר געקויפט: ווינדעלעך, העמדעלעך און הייזלעך. זי האָט אַלץ געקויפט אין ווייס, די פאַרב וואָס פּאַסט אי פאַר אַ יינגל און אי פאַר אַ מיידל. פאַר אילנהן האָט זי יעדעס מאָל געקויפט אַ ניי שוואַנגערקלייד, אַן איבערוואָרף, אָדער אַ זשאַקעטל. זי האָט די איינגעקויפטע זאַכן צעהאָנגען און פונאַנדערגעלייגט אין די שאַנקפאַכן, ווען אילנה איז געווען ביי דער אַרבעט.

אילנה האָט אַלץ געזען, ווען זי איז צוגעגאַנגען צו דער שאַנק. זי האָט אַלץ באַטראַכט מיט פינקלענדיקע אויגן. זי האָט נישט געוואַגט און אויך נישט געוואָלט נעמען אין דער האַנט אַריין די קינדער־זאַכן. זי האָט נאָר געמאָסטן און זיך געשפּיגלט אין די קליידער, וועלכע די מוטער האָט איר צוגעטראָגן.

עפרוני ווייסט, אַז איר פאָטער מיידט אים אויס. ביז איצט האָט דער פאָטער מיט אים קיין מאָל נישט גערעדט איבער משפּחה־ענינים. ער האָט אים אפילו נישט איבערגעגעבן, ווי עס זעט אויס אין דער ווירטשאַפט. ער האָט אויך נישט געוווּסט וועגן פאָטערס פאַרמעגן. לויט דער גרויס פונעם פּרדס און די עופות־שטייגן האָט עפרוני מער ווייניקער אָפּגעשאַצט זייער ווערט. ער האָט געוווּסט, אַז אירע עלטערן זענען אים נישט מוחל וואָס ער האָט ביי זיי אַוועקגענומען אילנהן.

ס׳האָט אים נישט געאַרט זייער באַציִונג צו אים. ער האָט געוווּסט, אַז די צייט וועט טאָן אירס. זינט אילנה שוואַנגערט איז ער אויפגעלייגט און צערטלט זי. אַ שמייכל ליגט אַרום זיינע ליפּן ווען ער רעדט מיט דער מוטער. ער ווייסט, אַז איצט איז ער דער איידעם פון זייער איינציקער טאָכטער.

ער נוצט אויס זיין שטאַנד ביי יעדער געלעגנהייט. ביי יעדן געשפּרעך מיט דער מוטער פרעגט ער זיך נאָך: אַ מאָל, צי דער פאָטער איז נישט הינטערשטעליק מיט דער אַרבעט אין פּרדס, אַ צווייט מאָל, צי די עופות האָדעווען זיך נאָרמאַל. ער וויל זיי וויזן, אַז אויך ער האָט וואָס צו זאָגן אין די משפּחה־ענינים. נאָך יעדער פראַגע איז די מוטער געבליבן אַ דערשטוינטע. זי האָט נישט געוווּסט פאַר וואָס פרעגט ער. ער האָט פאַרשטאַנען איר פאַרוווּנדערונג און מער נישט געפרעגט.

דאָס לעצטע מאָל איז די מוטער געקומען פון מאַרק אַ באַלאָדענע. זי האָט פונאַנדערגעפּאַקט אירע פּעקלעך און האָט אַ ווייז געטאָן דער טאָכטער: — אַ שיינע הון אָבער אַ טייערע.

עפרוני וואָס איז געשטאַנען אין טיר מיט איין האַנט אין דער הויזן־טאַש און מעשׂה בעל־הבית געקוקט, וואָס די ווייבער טוען, האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו דער מוטער: — דערפאַר איז אפשר כדאי צונעמען אַן אַרבעטער און פאַרגרעסערן די שטייגן?

— דער טאַטע ווייסט וואָס ער האָט צו טאָן — האָט די מוטער אים געענטפערט מיט פאַרדראָס, נישט געבנדיק אויף אים אפילו אַ קוק.

ער האָט פאַרשטאַנען איר ענטפער און האָט זיך שטיל אַריינגעשלייכט אין צימער.

ער איז געווען דער איידעם פון דוד געלער פון „תל״, אָבער אין גאַס און ביי דער אַרבעט איז ער דערוויַיל נאָך אַ באַאַמטער. ער, דער זון פון אַ שמאַטע־קלייבער האָט געהאַט אַמביציע, געוואָלט ווערן אַ מענטש פון וועלכן מען רעדט. ער האָט געוווּסט, אַז זיין מעמד אין דער געזעלשאַפט מוז ער זיך אַליין שאַפן.

יעדע זאַך וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן אין ביוראָ האָט ער זיך פריער איבער־לייגט. מיט די באַאַמטע פון זיין שטאַנד האָט ער כמעט נישט גערעדט. ער האָט אַזוי אַרום געוואָלט זיי איבערצייגן, אַז ער געהערט צו אַ העכערער קאַטעגאָריע באַאַמטע, אָבער ווען ביי וועמען פון זיי איז עפּעס פאָרגעקומען, איז ער געווען צווישן די ערשטע וואָס האָט אויסגעדריקט מיטלייד אָדער גראַטולירט. ער האָט געהאַט גרייט אַ זיס שמייכעלע אָדער אַן ערנסט פּנים, אַזוי ווי אַ סוביעקט וואָס לייגט פאַר זיין סחורה.

ער איז געזעסן אין צימער מיט נאָך אַ באַאַמטן, צבי, אַ הויכער דאַרער פּאַרשוין. אָבער זיין באַדינגג אויף וועלכן ער איז געשטאַנען און דורכגעפירט איז געווען, אַז זיין שרייבטיש זאָל שטיין אַנטקעגן דער אַריינגאַנגס־טיר, אַז דער שותּפות־טעלעפאָן זאָל זיך געפינען ביי אים אויפן טיש. צבי האָט געמוזט צוגיין צו אים ווען ער האָט געוואָלט טעלעפאָנירן. עפרוני האָט נישט געזאָגט „האַלאָ״ ווי אַלע באַאַמטע נאָר „האַלו״ ווי דער הויפּט־דירעקטאָר. דערפאַר אויב אים איז אַנטקעגנגעקומען אַ באַאַמטער וואָס האָט געהערט צו דער פאַרוואַלטונג איז ער שטיין געבליבן. ער האָט זיך העפלעך פאַרנייגט און אים אָדורכגעלאָזט.

ער האָט וואָך ביי וואָך געלאָזט איבערשרייבן ליסטעס פון וועקסלען וואָס

דאַרפֿן געצאָלט ווערן, וואָס זענען געצאָלט געוואָרן און וואָס זענען נישט געצאָלט געוואָרן. ער האָט אין טעכנישן סעקרעטאַריאַט סטאַביל באַשעפֿטיקט אַ סטענאָ־טיפּיסטין. איבער די קאָרידאָרן איז ער אייליק געגאַנגען. ער האָט געוואָלט אַלע זאָלן זען, אַז ער איז באַשעפֿטיקט. אַ טייל באַאַמטע האָבן געמיינט, אַז עס איז אַזוי, אַ טייל האָבן געשמייכלט הינטער זיינע פּלייצעס.

אין איינעם פֿון די טעג איז געקומען צו אים בערגער דער קאַסירער. בערגער איז געווען אַ מיטלוווקסיקער פּאַרשוין. ער האָט געהאַט פֿליישיקע באַקן און אַ לאַנגע, פֿלאַכע נאָז וואָס האָט ווי פֿונאַנדערגעטיילט זיין פּנים.

— איך האָב דיר געבערענגט דאָס געלט פֿאַר די נישט־געצאָלטע וועקסלען פֿון פֿאַרגאַנגענעם חודש — האָט ער אים צו וויסן געטאָן.

עפּרוני האָט זיך שאַרף אין אים איינגעקוקט און מיט פֿאַרדראָס אַ פֿרעג געטאָן:

— פֿאַר וואָס איז מילער נישט געקומען צו מיר דערליידיקן די ענינים, עס שטייט אים נישט אָן? אָבער באַלד איז ער איבערגעגאַנגען אויף אַ רויִקערן טאָן און האָט אַ פֿרעג געטאָן בערגערן: — ער האָט געמוזט אייך באַמיען? — און גענומען דאָס געלט פֿון זיין האַנט.

בערגער האָט אים נישט געענטפֿערט.

עפּרוני האָט אויסגעשריבן די אַוויזן. ביז ער האָט זיי דערלאַנגט בערגערן אונטערצושרייבן, האָט ער זיך פֿאַר אים פֿאַרקלאָגט: — דאָס איז אַן אַרבעט פֿאַר מיר, וועקסלען? יעדער אָנפֿאַנגער קאָן מאַכן די אַרבעט.

בערגער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן פֿון דער זייט און אים געענטפֿערט:

— וועקסלען זענען געלט.

עפּרוני האָט אים פֿאַרשוויגן. אַ ביסל שפּעטער האָט ער דערלאַנגט בערגערן די ליסטע און די וועקסלען.

בערגער האָט נאָכגעקוקט יעדן וועקסל און ער האָט אונטערגעשריבן די ליסטע. ער האָט אָנגעקוקט עפּרונין ווי ער זאָל זיך וועלן איבערצייגן ווער ער איז און האָט מיט איראָניע אים אַ זאָג געטאָן: — ביסט ערשט געווען אַ מאַגאַזינער און ווילסט שוין זיין אַ דירעקטאָר? — שלום! — האָט ער אַ פֿליסטער געטאָן און איז אַרויס פֿון צימער.

— איר אַלע וועט נאָך שטיין ביי מיר הינטער דער טיר — האָט אים עפּרוני מיט כעס נאָכגעשריגן.

עפּרוני האָט זיך נישט פֿאַרלאָזט נאָר אויף זיין אַרבעט. ער איז אויך געווען טעטיק אין דער פּאַרטיי. ער האָט אַלץ געטאָן, אַז ער זאָל וואָס שנעלער אַוואַנסירן.

טו

אַ לענגערע צייט איז עפרוני געווען אין דער פּאַרטיי נאָר אַ געוויינלעכער חבר. ער האָט נישט געהאַט קיין שום פונקציע. ער איז געקומען אין די אָונטן, גע־שמועסט מיט די חברים און אָנטייל גענומען אין די פאַרזאַמלונגען.

ער האָט געוואָלט ווערן בולט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז בכדי ער זאָל זיך אַרויסרוקן מוז ער האָבן חברים וואָס זאָלן אים שטיצן. ער האָט געקענט די חברים, אויך זיי אים, אָבער ער איז נישט געווען צונויפגעלעבט מיט זיי. ער האָט באַשלאָסן זיך צו שאַפן אַ קרייז פון געטרייע מענטשן.

ער איז געקומען צום אויספיר, אַז דאָס דאַרפן זיין מענטשן, וואָס זענען איבער־צייגט, אַז זיי קאָנען זיין טעטיק און די פּאַרטיי נוצט זיי נישט אויס. אַ צייט האָט ער זיך אַרומגעקוקט ווער עס זענען די חברים צו וועלכע ער קאָן זיך ווענדן, ביז ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס דאַרפן זיין די עטלעכע פּאָסטטרעגער, שליחים און די וועכטער וואָס האַלטן זיך ווי אַ גרופּע.

פון אָנהייב האָט ער זיך געטראָפן מיט אייניקע פון זיי ווי צופעליק. ער האָט יעדן אָפּגעשטעלט באַזונדער און אים אַ פרעג געטאָן ווי אַ גוטן ברודער: — זאב, וואָס מאַכסטו? חיים, וואָס הערט זיך? יעדער פון זיי האָט אַ צופרידענער אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

אין איינעם אַן אָונט איז ער אַריין אין לאָקאַל און געטראָפן עטלעכע פון זיי שטיין און שמועסן. — שלום! — האָט ער פון דער וויטנס זיי אַ זאָג געטאָן אויפן קול אַלע זאָלן הערן און זיך צו זיי צוגעשטעלט. — חברה, נישט געזאָרגט! — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו זיי מיט זיכערקייט.

זיי האָבן אים אָנגעקוקט און געשוויגן.

— חברה, מען דאַרפט עפּעס טאָן! מיר זענען דער כוח. נאַטשאַלסטווע דאַרף פילן דעם כוח — האָט ער זיי ענערגיש אַ זאָג געטאָן, אָבער ווי ער זאָל מאַכן חוזק.

זיי האָבן אויך איצט אים נישט געענטפערט, נאָר זאב האָט אים טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. חיים האָט אַ קוק געטאָן אויף אים פון דער זייט, געוואָלט דערגיין וואָס ער וויל.

עפרוני האָט זיך עטלעכע מאָל אַדורכגערעדט מיט זיי. ער האָט געזען, אַז זיי האַלטן זיך צוריק, ווילן זיך נישט דערנענטערן צו אים. צו געווינען זייער צוטרוי האָט ער אָנגענומען אַן אַנדערע טאַקטיק. ווען ער איז געקומען און געטראָפן וועמען פון זיי האָט ער אים שטיל אַ זאָג געטאָן: — שלום! — און אים אַ ווונק געטאָן מיטן אויג ער זאָל מיט אים גיין. ער האָט זיך מיט אים אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און פונאַנדערגערעדט שטיל ווי ער זאָל אים פאַרטרויען סודות. ער האָט מיט זיי נישט גערעדט וועגן פּאָליטיק און אויך נישט וועגן פּאַרטיי־ענינים. ער האָט זיי אויסגעפרעגט וועגן זייערע פּריוואַטע ענינים, ווי אַן אייגענער. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אים געענטפערט מיט אַ קאָפּשאָקל, אָדער אַ מאַך געטאָן מיט דער

האַנט, אַז עס איז נישט כדאי צו רעדן. זיי איז נישט אָנגעשטאַנען זיך צו קלאָגן. עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אים דערציילט וויפל זיי פאַרדינען און אַז עס איז זיי שווער אויסצוקומען, ווו זיי וווינען און ווי גרויס איז זייער משפחה, ווי די קינדער לערנען און ווי זיי פירן זיך אויף, ווו זיי אַרבעטן און צי זיי זענען צופרידן.

זיי, וועלכע זענען געזעסן אויף די לעצטע בענקלעך, האָבן אָנגעהויבן אַרומ־רעדן, אַז עפרוני איז אַן „אייגענער", וואָס מען קאָן מיט אים אַ שמועס טאָן. זיין קרייז איז כסדר געוואַקסן.

עפרוני האָט דאָס געוווּסט און האָט באַשלאָסן ווערן טעטיק. ער האָט געמוזט ווייזן, אַז ער איז ראוי זייער צוטרוי, אַז ער איז נישט סתם קיין חבר. ווען ער איז געקומען און געטראָפן ווען פון זיי, האָט ער אים איינגערוימט אַ סוד: — אַ שיף מיט מעפּילים איז אָנגעקומען, מען האָט געבערענגט אַ געווער־טראַנספּאָרט, די ענגלענדער גרייטן אַן אָבלאַווע.

ער האָט אויך אָנגעהויבן אַריינקומען אין קאַפע „פיק". דאָרט זענען זיך צונויפגעקומען די אָנגעזעענע פאַרטיי־חברים. ס'איז געקומען זלמן, אַ ייד ביי די פופציק, אַ הויכער מיט אַן אויסגעצויגן פּנים, ווי ער זאָל ליידן פון ווייטאָג. ער איז יאָרן געווען „גפיר". איצט האָט ער געאַרבעט אין דער פאַרטיי־עקספּעדיציע. ער האָט געבערענגט עפרונין ס'ערשטע מאָל אין דעם קאַפע אַריין.

עפרוני האָט נישט אָנטיילגענומען אין די געשפּרעכן וואָס האָבן זיך דאָרט געפירט. ער האָט נאָר איבערגעפרעגט ווען עפּעס איז אים געווען נישט קלאָר. אָפט האָט ער אויך איבערגעחזרט דעם לעצטן זאַץ פונעם דערציילער.

איין מאָל אין דער וואָך, זונטיק פאַרנאַכט, ווען עפרוני איז אַרויס פון קאַפע „פיק" איז ער אַוועק אין קאַפע „סטאַר". אויך דער קאַפע האָט זיך געפונען אויף דער נחלת־בנימין־גאַס, אָבער ווייט אַראָפּ. עפרוני האָט אויסגעזוכט דעם קאַפע, ווייל עס האָט זיך געפונען אויף דער זעלבער גאַס וואָס קאַפע „פיק". אין קאַפע „פיק" האָט קיינער נישט געדאַרפט וויסן, אַז ער טרעפט זיך מיט זיינע „אָנהענגער" אין „סטאַר".

דאָ אין דעם קאַפע איז איצט עפרוני געווען דער פירער. ווען זיי זענען זיך צונויפגעקומען האָבן זיי צונויפגערוקט עטלעכע טישלעך. געווען אָוונטן ווען עס זענען זיך צונויפגעקומען איבער דרייסיק מענטשן. ביי אַ גלאָז טיי אָדער קאַווע האָט ער זיי איבערגעגעבן די געשעעענישן. זיינע נייעסן זענען קיין מאָל נישט געווען ספּעציעל וויכטיק. ס'איז געווען מער רכילות. ער האָט זיי דערציילט, וועלכער מנהיג איז געפאָרן קיין אויסלאַנד און האָט מיטגענומען ס'ווייב, אַז ציפרוני איז אַ קאַנדידאַט צו ווערן דער סעקרעטאַר פון די באַאַמטע אין דער הסתדרות. אַמאָל האָט ער זיי אויך דערציילט, אַז די פאַרטיי גרייט אַ געלטזאַמלונג. ווען ער האָט זיי איבערגעגעבן, אַז מען גרייט אַ חברים־ווערבירונג צו פאָרן אַרויסהעלפן, היטן און אַרבעטן אין די דערפער און קיבוצים, האָבן זיי צווישן זיך אָפּגעמאַכט ווער פון זיי עס פאָרט. אָבער די וויכטיקייט פון זייערע צוזאַמענטרעפן איז באַשטאַנען

אין דעם וואָס זיי האָבן גענומען אַ שטעלונג צו יעדער פראַגע, וואָס האָט געדאַרפט באַהאַנדלט ווערן אין דער פּאַרטיי.

נישט איין מאָל ווען די פּאַרטיי־חברים זענען זיך שוין פונאַנדערגעגאַנגען איז עפרוני געבליבן מיט גאולהן די פּאַרטיי־ווירטין. — גאולה, וויפל סיגאַרן האָסטו שוין היינט אויסגערויכערט? גאולה, וויפל שעה ביסטו שוין אויף די פיס? ווער וועט פאַרשרייבן מען זאָל אַמאָל וויסן ווער גאולה איז געווען? — האָט ער יעדעס מאָל זי אַ פרעג געטאָן מיט אַ געמאַכטן מיטלייד. ער האָט געוואָלט נושא חן זיין ביי איר. ער האָט געוואָרט זי זאָל אים דערציילן נייעס — ער זאָל האָבן וואָס איבערצוגעבן זיין חברה.

גאולה, די עלנטע פרוי, איז גערן מיט אים געבליבן. זי איז געווען אַ דיקע פרוי מיט אַ גרויען, אונטערגעשוירענעם קאָפּ, שפּיציקער נאָז און דיקע פיס. ווען ער האָט זיך צו איר געוואָנדן זענען אירע וואַסער־אויגן געוואָרן פייכט. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אים אַוועקגעזעצט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אים אַנטקעגן און דערציילט: ווער עס וועט פאָרן אַלס שליח קיין אויסלאַנד, ווער עס האָט געברענגט געלט פון אויסלאַנד אָדער זי האָט אים איבערגעגעבן, וועלכע ענינים עס וועלן באַהאַנדלט ווערן אויף דער קומענדיקער זיצונג.

די אַלע געשעענישן זענען געווען נעבן־זאַכן. איר הויפּט אינטערעס איז געווען זי זאָל אים יעדעס מאָל פונסניי דערציילן, אַז איר היים אין ליטע איז געווען אַן אָרעמע, אַז ביי זיי אין שטוב האָט מען געהונגערט, אַז זי האָט אין שטוב אַלס קליין מיידל שוין געאַרבעט אין אַ ליכטפאַבריק. זי האָט געשטיצט די משפחה, ווייל דער פאָטער האָט געקרענקט, אַז זי אַליין האָט זיך געבילדעט.

ער האָט זי אויסגעהערט, איר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשוויגן. ווען זי האָט געענדיקט דערציילן, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: — אַה! פאַרשפּעטיקט, איך מוז שוין לויפן — האָט ער אַן איבערגענומענער איר אַ זאָג געטאָן. באַלד דערויף האָט ער צוגעגעבן: — גאולה, שלום! — און ער איז איילִיק אַוועק. ער האָט זי איבערגעלאָזט ער זאָל נישט דאַרפן זי אַהיים פירן. ער האָט נישט געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן אים זען מיט איר אין גאַס.

— גיי געזונט! — האָט זי אים נאָכגעשריגן און גענומען פאַרמאַכן די טירן און פענצטער. דערפאַר ווען זי האָט גערעדט מיטן סעקרעטאַר, האָט זי נישט פאַרגעסן עפרונין. אַבראַשאַ, דער סעקרעטאַר איז געווען אַ דאַרער, נידעריקער פאַרשוין. ער האָט געהאַט אַ דיקע נאָז. זיין לינקע קני איז געווען איבערגעבויגן ווי ער זאָל שטופּן דעם פוס פאָרויס. זי האָט מיט אַבראַשאַן אַזוי גערעדט, אַז איר איז תמיד אויסגעקומען אים זאָגן — עפרוני איז אַ וויכטיקער חבר.

ער האָט אַלץ געטאָן די פּאַרטיי־חברים זאָלן וויסן, אַז ער איז אַ חשובער מענטש. אָפט איז ער געקומען איילִיק אין לאָקאַל אַריין. ער איז שטיין געבליבן ביי דער טיר, אַרומגעקוקט זיך, ווי ער זאָל וועמען זוכן. אויב ער האָט געטראָפן ווייניק מענטשן, אָדער אַזעלכע וואָס האָבן אים נישט אינטערעסירט איז ער באַלד

צוריק אַוועק. יעדעס מאָל האָט ער געלאָזט אָפּן הינטער זיך די טיר, ווי ער זאָל באַלד קומען צוריק.

אויב ער האָט דאָרט געטראָפן אַ גרעסערע גרופּע חברים אָדער פּאַרטיי־וועטעראַנען, פּרעסע־מענטשן, אָדער פּערזענלעכקייטן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש אין דער זייט. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין אַקטנטאַש אַ שטויס אַקטן וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט מיט זיך גרייט און גענומען זיי אַדורכקוקן. איידער ער האָט זיך אין זיי פאַרטיפט האָט ער אָנגעטאָן אויף זיין קורצער נאָז אַ גאָלדענע „פּענסנע". דאָס זענען געווען ברילן מיט געוויינלעכע גלעזער. ער האָט זיך מיט זיי באַנוצט נאָר צוליב חשיבות. אילנה האָט נישט געוווּסט, אַז ער האָט אַזעלכע ברילן. אין שטוב האָט ער זיך קיין מאָל מיט זיי נישט באַנוצט.

ער האָט נישט געהאַט קיין קלאָרע פּאָליטישע שטעלונג. ער איז אַריינגעטרעטן אין דער פּאַרטיי, וויל ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער מוז ערגעצוווּ געהערן. אים איז אָנגעשטאַנען, אַז מענטשן זאָלן וויסן, אַז ער איז ראַדיקאַל געשטימט. ער האָט זיך באַמיט אומעטום זיין בולט. ער האָט געשטרעבט צו מאַכן אַ קאַריערע און געטאָן אַלץ מצליח צו זיין.

אין איינעם אַן אָוונט איז צו אים צוגעקומען אריה, איינער פון זיין חברה, מיט נאָך אַ ייד. אריה האָט געהאַט אַ גרויסן גרויען קאָפּ, טיף־איינגעזעצטע אויגן און דיקע ברעמען. — דאָס איז משה! — האָט אַריה פאָרגעשטעלט דעם ייד. אריה האָט אַ ווונק געטאָן עפרונין, אַז משה איז אַן ענין פאַר אים. משה האָט געהאַט אַ קיילעכיקע פּלייצע און אַ דאַרן, אויסגעשטרעקטן האַלדז.

עפרוני האָט זיי געענטפערט מיט אַ קאָפּשאָקל: — קומט! — האָט ער זיי אַ זאָג געטאָן און ער איז מיט זיי אַוועק אין אַ ווינקל.

שטייענדיק, האָט אריה זיך צוגעבויגן צו עפרונין, ווי ער זאָל אים איבערגעבן אַ סוד: — דער ייד אַרבעט אַ סך יאָרן אין די פּאַשע־מאַגאַזינען אַלס טרעגער. ער האָט שוין נישט קיין כוח צו שלעפּן די זעק. מען דאַרף אים איבערפירן אויף אַ גרינגערע אַרבעט.

עפרוני האָט אַ קוק געטאָן אויף אריהן.

אריה האָט פאַרשטאַנען עפרונים שטומע פראַגע. — ער וועט זיין אַן „אונדזער" — האָט ער אים געענטפערט און ער האָט איבערגעלייגט אַן אָרעם איבער משהס אַקסלען.

— גייט געזונטערהייט! — האָט זיי עפרוני אַ זאָג געטאָן און איז אַוועק.

— משה, עס איז אין אָרדענונג — האָט אריה אים פאַרזיכערט, — גיי אַהיים, שלום! — און אויך ער איז אַוועק.

עטלעכע טעג שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג. די נאַכט איז געווען אַ קילע און פינצטערע. אין פּאַרטיי־לאָקאַל איז געהאַנגען אַ רויכוואָלקן פון די אויסגערויכערטע סיגאַרן. די פאַרנעפּלטע ליכטשיין איז געווען גרין. די צונויפגערופענע חברים האָבן מיט נייגער נאָכגעפאָלגט די באַהאַנדלטע פראַגן. אויפן טאָג־אָרדענונג זענען געשטאַנען דריי ענינים: גרינדן אַ לייענזאַל פאַר די חברים,

רעמאָנטירן דעם לאָקאַל און באַשטימען חברים וואָס זאָלן קומען אין קאָנטאַקט און עצהן די פּאַרטיי־פאַרשטייער פון די פּראָווינצראַטן.

אויף אַ געשלאָסענער זיצונג האָט די פּאַרטיי שוין פריער באַשטימט ווער עס זענען די חברים וואָס וועלן זיך פאַרנעמען מיט די ענינים. די פאַרזאַמלטע האָבן נאָר געדאַרפט באַשטעטיקן דעם באַשלוס. די קאַנדידאַטן פון די ערשטע צוויי קאָמיטעטן זענען געוויילט געוואָרן לויטן פאָרשלאַג, אָבער ווען יעקב דער פאָר־זיצער פון דעם פאַרזאַמלונג האָט פאָרגעשלאָגן די קאַנדידאַטן פאַר די פּראָווינצ־ראַטן האָבן די פאַרזאַמלטע זיך איבערגעקוקט.

— איך האָב נאָך אַ קאַנדידאַט — האָט זלמן אַ זאָג געטאָן און האָט מיט דער צונג זיך אָפּגעלעקט די שפּיץ פינגער.

יעקב איז געווען אַ נידעריקער ייִד מיט אַ גרויסן קאָפּ אָן איין האָר. דער קאָפּ זיינער האָט געגלאַנצט, ווי ער זאָל זיין אויסגעפּוצט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און נייגעריק אַ פרעג געטאָן זלמנען: וועמען?

— עפרוני! — האָט זלמן געענטפערט מיט גאווה.

אַלע פאַרזאַמלטע האָבן אָנגעקוקט עפרונין ווי זיי זאָלן אים זען דאָס ערשטע מאָל.

עפרוני האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט נישט געוואָלט קיינעם זען. ער האָט נאָר געהאַלטן איינגעקלעמט צווישן די ציין די אויבערשטע ליפּ, ווי ער זאָל זי וועלן איינבייסן.

יעקב האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן. פון אויפרעגונג האָט ער אַראָפּגע־רוקט זיך די ברילן אויפן שטערן. ער האָט דערשטוינט אָנגעקוקט זלמנען. פון איבערראַשונג האָבן זיך אים די ברילן צוריק אַראָפּגעגליטשט אויף די אויגן.

עס איז פאָרגעקומען אַן אָפּשטימונג. מיט די שטימען פון זיין גרופּע איז עפרוני אויסגעוויילט געוואָרן אַלס איינער פון די דריי קאַנדידאַטן.

יעקב האָט געדאַנקט די חברים און געווונטשן דערפאָלג די אויסגעוויילטע. באַלד דערנאָך איז ער אַוועק.

עפרוני איז אים פאַרגאַנגען דעם וועג: — חבר יעקב, איך דאַנק אייך און דער פּאַרטיי פאַר דעם צוטרוי צו מיר — האָט ער אים אַ זאָג געטאָן און אים געדריקט די האַנט.

יעקבס פּנים איז געוואָרן שטאַר. ער האָט אָנגעקוקט עפרונין ווי ער זאָל זיך עפּעס איבערלייגן. זיין בליק איז געווען אַ טרויעריקער.

— שלום, חבר! — האָט ער אַ זאָג געטאָן עפרונין און איז אַוועק.

טז

די משפחה־ענינים ביי עפרונין האָבן זיך איינגעשטעלט. זיין ווייב אַרבעט. איר מוטער העלפט איר אַרויס אין דערווירטשאַפט. עפרוני וואַרט ער זאָל ווערן אַ טאַטע. איצט איז ער נאָך מער פאַרנומען אין דער פּאַרטיי. אילנה שטערט אים נישט. זי וויל אַליין אַז איר מאַן זאָל ווערן אַ פיגור אין יישוב. זי בלייבט גערן מיט דער מוטער און אפילו אויך אַליין.

דערפאַר קומט איר פאָטער איצטער עפטער צו איר. ער האָט משלים געווען מיטן גורל. ווען ער קומט בלייבט ער ביי איר לענגער. ער האָט גערן זיך פאַרען אין קיך צוזאַמען מיט דער טאָכטער. ער וויל נישט זי זאָל זיך אָנשטרענגען, ווען זי גרייט אים אַ גלאָז טיי. ער האָט ליב זיצן אילנהן אַנטקעגן, האַלטן ס׳גלאָז טיי מיטביידע הענט און דערציילן דער טאָכטער וואָס אַלץ עס איז זיך פאַרלאָפן אין דאָרף. דעמאָלט זיצט אילנה מיט אַראָפּגעלאָזטע וויעס ווי זי זאָל האַלטן פאַרמאַכט די אויגן און זי הערט זיך צו ווער מיט וועמען גייט אַרום, ווער עס גרייט זיך חתונה האָבן, ווער עס האָט געקויפט אַ טראַקטאָר אָדער אַן אויטאָ און ביי וועמען ער האָט באַשטעלט מיסט פאַרן פרדס.

נישט איין מאָל בלייבט ער ביי דער טאָכטער ביז שפּעט. ער וואַרט אויף עפרו־נין. ער וויל זיך דערנעענטערן צום איידעם. דאָס לעצטע מאָל ווען ער האָט זיי באַזוכט איז עפרוני געקומען אַהיים פריער. ווי נאָר עפרוני האָט געעפנט די טיר האָט ער שוין פון וויטן אים באַגריסט: — שלום, איידעם! — אַ פאַרשעמטער האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער.

אַ צופרידענע פון דער באַגעגעניש האָט אילנה נישט געזען דעם פאָטערס בושה.

— שלום! שלום! — האָט עפרוני אים געענטפערט אָפּצוקומען. ער האָט אָפּגעזיפצט און צו וויסן געטאָן, אַז זיי זאָלן וויסן:

— איך קום פון אַ זיצונג. דינסטיק וועט פאָרקומען אַ דעמאָנסטראַציע. די ענגלענדער וועלן מוזן געבן סערטיפיקאַטן — ער האָט גערעדט מיט חשיבות און זיך איבערגענומען מיט זיינע רייד ווי דער גאַנצער עול פונעם יישוב זאָל ליגן אויף זיינע פּלייצעס.

דער פאָטער האָט געוואָלט מיט אים רעדן, אים דערציילן וואָס עס טוט זיך ביי אים אין דער ווירטשאַפט. ער האָט אויך געוואָלט אים פרעגן וואָס ער טראַכט צו טאָן ווייטער. באַלד וועט דאָך געבוירן ווערן אַ קינד — אַן אייניקל, אָבער עפרוניס פּראַלן, זיין אָנשטעל אַז ער איז וויכטיק און ווייסט אַלץ האָט דעם פאָטער אַרויסגעבררענגט פון גלייכגעוויכט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ ווי דער נאַקן זאָל זיך אים האָבן איינגעבראָכן. ער האָט זיך אַליין באַדויערט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און שטיל אַ זאָג געטאָן — דאָס איז עס...

אילנה, וועלכע איז געווען אויפן וועג אין קיך אַריין, איז שטיין געבליבן. זי האָט אָנגעקוקט דעם פאָטער און אים אַ פרעג געטאָן — וואָס איז?

דער פאָטער האָט אַ וואַרף געטאָן מיטן קאָפּ ווי ער זאָל זיך האָבן איבערוועקט און האָט אַ זאָג געטאָן: — איך מוז גיין, שוין שפּעט!

— אפשר בלייבט איר נאָך, וועלן מיר אַ ביסל שמועסן — האָט עפרוני אים פאַרגעשלאָגן.

דער פאָטער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן פון דער זייט און אים געענטפערט:
— די מאַמע איז אַליין אין שטוב...

— אוי, ווען מיר וואָלטן געוווינט צוזאַמען — האָט זיך אילנה אַרויסגעכאַפּט.

— נו, נו אדרבה! קומט אין דאָרף אַריין — האָט דער פאָטער איר געענט־פערט מיט סאַרקאַזם.

עפרוני האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן.

דער פאָטער איז צוגעגאַנגען צו אילנהן און זי אַרומגענומען ווי ער זאָל זי וועלן איינהילן.

זי האָט צוגעלייגט איר קאָפּ צו זיינעם און האָט שטיל אָפּגעזיפצט.

דער פאָטער האָט איר אַ קוק געטאָן אין די אויגן ווי מען קוקט אויף אַ קליין קינד. זיין בליק איז געווען טרויעריק.

— שלום! זייט געזונט! — האָט ער געזאָגט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט דעם אײדעם, נישט קוקנדיק אים אין די אויגן און זיך געלאָזט גיין.

עפרוני איז אים נאָכגעגאַנגען: — שלום, אַ גרוס! — האָט ער אַ זאָג געטאָן דעם פאָטער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

די מוטער גיט זיך די מי און דער פאָטער העלפט איר צו זי זאָל וואָס מער זיין ביי דער טאָכטער. זי טוט אַלץ, אַז אירע קינדער זאָלן זיין פאַרזאָרגט און עס זאָל אילנהן זיין וואָס גרינגער.

אילנהס פּיס זענען אַ ביסל דיקער געוואָרן, איר נאָז עטוואָס שפּיציקער, אָבער אירע באַקן זענען פאַררויטלט און זי איז באַחנט. אָפט בלייבט עפרוני שטיין אַ פאַרגאַפטער, ווען אילנה לאַכט צו אים האַרציק, אָדער ווען ער דערפילט די ווייכ־קייט פון איר האַנט. ער האָט נאָך אַלץ זיך נישט צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז אילנה איז זיין ווייב. ער רעדט איצט צו איר שטיל. אַ סך מאָל ווען זי טוט זיך אָן און עס איז איר שווער, גיט זי אַ קוק אויף אים מיט געבעט. ער פאַרשטייט איר ביטע און העלפט איר. נישט איין מאָל בעט ער איר אויך אויס דאָס בעט.

אילנה האָט זיך צו אים צוגעבונדן. זי באַמיט זיך טאָן זאַכן וואָס זענען קעגן איר ווילן אָבער לויט זיין געשמאַק. זי בעט די מוטער זי זאָל אים צוגרייטן הערינג מיט ציבל געטונקען אין בוימל. זי דערמאָנט דער מוטער, אַז די פלייםקוילן דאַרפן זיין גרויסע און איינגעקאָכט אין אַ סך ציבל. אַלע אין שטוב ווייסן, אַז עפרוני האָט ליב ציבל אין יעדער פאָרם. אפילו די מוטער ווייסט, אַז זיין אייערשפּייז דאַרף זיין אויסגעבאַקן און טרוקן ווי אַ טייגבלעטל.

אַלע אין דער סביבה האָבן געקענט די עפּרוניס. זיי גייען אָן אַ פּאָר אַ יונג, גליקלעך, גוט איינגעאָרדנט פּאָרפֿאָלק.

חנאַ דער קרעמער, איז אַ נידעריקער, בייכיקער אין אַ קאַשקעט פּאַררוקט אויף הינטן. יעדע פּאָר טעג טראָגט ער זיי אַוועק די פּראָוויאַנטן וואָס די מוטער זייערע קויפֿט איין. פֿון אים ווייסן אַ סך קונדן־שכנים ווי אַזוי זיי זענען איינגעאָרדנט און מיט וואָס פֿאַראַ פֿאַרנעם עס פֿירט זיך ס׳הויז. נישט איין שכנה קוקט נאָך אין גאַס אילנהן, די גליקלעכער פֿרוי ווי אַזוי זי זעט אויס, ווי זי קליידט זיך אפֿילו בעת דער שוואַנגערשאַפֿט.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען כּלפּי חוץ. אילנה אַליין בלייבט נישט איין מאָל זיצן מיטן בוך אין האַנט, אָדער שטעלט אָפּ די פּלאַטע אויפֿן פּאַטעפֿאָן ווען די מוטער פּאָרעט זיך אין דער קיך. איר פֿאַרדריסט וואָס אויך איצט אין איר צושטאַנד לאָזט עפּרוני זי אַליין, כאָטש זי האָט געוואָלט ער זאָל מצליח זיין. אירע וויעס ציטערן. אַ קנייטש טיילט פֿונאַנדער איר גלאַטן שטערן. אָפֿט פֿרעגט זי זיך: — ווו איז ער איצט? נישט איין מאָל קנאַקט זי פֿון אויפֿרעגונג איין פֿינגערנאָגל אינעם אַנדערן און שטום פֿרעגט זי: ער פֿאַרשטייט מיך? און די קנאה עסט זי. זי האָט געוואָלט אים איצט האָבן ביי זיך און פּאָר זיך.

איר איינציקער קאָנטאַקט מיט מענטשן און אויך איר זאָרג איז די שול. דער עול צו זיין צו דער צייט אין שול, די קינדער זאָלן אויף איר נישט וואַרטן און בטלען האָט רעגולירט איר צייט. די קינדערס שוואַרץ געלאָקטע קעפּלעך און גליִענדיקע אייגעלעך, וואָס קוקן אַזוי תמימותדיק און פֿאַרכאַפּנדיק, באַגלייטן זי אומעטום. זי לעבט איבער זייער התלהבות ווען זי ווייזט אויפֿן טאָוול, ווי מען שרייבט אַ „בית", אַ „יוד", אַ „תו" און אַז די אותיות צוזאַמען שאַפֿן דאָס וואָרט „בית" (אַ הויז). די פֿרייד וואָס שטראַלט פֿון זייערע פּנימלעך, ווען זי זינגט מיט זיי „חמש שנים על מיכאל" — לינדערט איר ווייטאָג. נישט איין מאָל גיט זי אַ גלעט אַ קינד איבערן קאָפּ אָדער באַק און טוליעט עס צו זיך.

מיט די לערערינס רעדט זי כּמעט נישט. זיי באַציען זיך צו איר קאָרעקט אַזוי ווי זי צו זיי. זיי באַגריסן זיך, פֿרעגן איינע די אַנדערע, ווי עס גייט איר, אָדער וואָס זי מאַכט, אָבער נישט מער. מיט די לערער האָט זי געפּלעגט זיך טרעפֿן אויף די שול־זיצונגען, אָבער איצט, אַז זי איז אין די הויכע חדשים, קומט זי נישט אויף די זיצונגען. וואָס אָנבאַלאַנגט דער אַרבעט האָט זי גערעדט מיטן דירעקטאָר, דעם גרויסן, איינגעבויקטן יחיאל. די פּרעמדקייט צווישן איר און די לערער האָט אָנגעהאַלטן. די לערער האָבן בדרך כּלל געשטאַמט פֿון אַרבעטער־היימען. יעדער פֿון זיי האָט געמוזט אַרבעטן, ער זאָל קאָנען ענדיקן זיין לערע. זי איז ביי זיי געבליבן דעם „פּרדסנס" טאָכטער.

נאָר צו אסתרן האָט זי זיך דערנענטערט. אסתר אַ קאָרפּולענטע פֿרוי מיט אַ קיילעכיק פּנים, קורצער נאָז און טיפֿע, שוואַרצע אויגן האָט אויך געשטאַמט פֿון ליטע. זי האָט דעם סעמינאַר געענדיקט אין ווילנע און איז געבליבן אַן אַלטע מויד. זי האָט געלאַכט פֿון זיך אַליין און געעצהט יעדער יונגער לערערין „האָב חתונה",

און צוגעגעבן „נעם נישט קיין מוסטער פון מיר. איך בין געווען אַזוי באַשעפּטיקט מיט די שילער, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין צייט זיך אויסזוכן אַ מאַן". אָבער די עלטערע לערער האָבן געוווּסט, אַז זי האָט געהאַט אַן אומגליקלעכע ליבע. זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ פאַרהייראַטן מאַן.

אילנה האָט געוווּסט וועגן איר דורכפאַל אין לעבן. זי האָט אסתרן באַדויערט ווי זיך אַליין. נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין וחשבון האָט איר געצויגן צו איר. אסתר איז געווען ליב און באַחנט און נאָך היינט נישט מיאוס. זי האָט ליב געהאַט שמועסן און געהאַט סימפּאַטיע צו אילנהן. אסתר איז איר מקנא געווען, וואָס זי לערנט קליינע קינדער און זי מוז לערנען שילער אין די הויכע קלאַסן. אויך ביי אסתרן זענען דאָס געווען פאַרבאָרגענע נישט פאַרווירקלעכטע „מאַמע"-געפילן. די יידישע טאָכטער פון ליטע האָט מיט נייגער אויסגעפרעגט אילנהן, די יידישע דאָרפס-טאָכטער ווי מען באַאַרבעט אַ פרדס, ווי אַזוי מען נעמט אַראָפּ די פּרוכט, ווי אַזוי מען האָדעוועט דאָ עופות און ווי אַזוי מען אַקערט מיט אַ טראַקטאָר. זי האָט געוואָלט וויסן גענוי, ווי אַזוי די יידן מאַכן דאָס דאָ ביי זיך, כאָטש זי איז כסדר אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און געקאַנט זען.

אילנה האָט זיך געערן מיט איר אָוועקגעזעצט אין לערער-צימער און איר דערציילט ווי יידן פוילן זיך נישט און אַרבעטן מיט מי און פלייס אויף זייערע פעלדער. אילנה האָט געבענקט, ווידער געוואָלט שפּאַצירן איבער אַן אויפגעאַקערט פעלד ווו יעדע סקיבע גלאַנצט אין דער זון און זי קאָן איינזאַפּן אין זיך דעם פרישן ריח פון דער אויפגעאַקערטער ערד. זיי האָבן זיך אויך געריעדט וועגן טעגלעכע אָנגעלעגנהייטן: וואָס פאַראַ פּאַסאַנען און וועלכע קאָלירן זענען היינט מאָדערן. איינע האָט איבערגעגעבן דער אַנדערער ווו עס זענען פאַראַן שיינע שטאָפן און אין וועלכע געשעפטן מען קאָן גוט קויפן.

דער חמסין האָט אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן טאָג. ערשט פאַרנאַכט איז געוואָרן קיל. עפרוני איז אויך דעם אָוונט געקומען שפּעט אַהיים. אילנה איז דעם גאַנצן אָוונט געלעגן אויפן באַלקאָן. זי איז געלעגן אויף אַן אויפלייגבעט אַרומגעהילט מיט אַ פּלעד און געדרימלט. די מוטער איז דעם אָוונט אַהיים געפאָרן. אילנה האָט געערוט נאָכן שווערן טאָג. זי האָט געדרימלט און געוואַרט אויף עפרונין. איצט אויף דער פרייער לופט האָט זי נאָך שטאַרקער געפילט איר איינזאַמקייט.

זי האָט נישט געהערט ווען ער איז אַריינגעקומען. ער איז צוגעגאַנגען מיט אַ לייכטן טריט און איז שטיין געבליבן אין דער אָפענער טיר איר אַנטקעגן.

— שלום, מיין ווייב — האָט ער שטיל אָבער מיט זיכערקייט איר אַ זאָג געטאָן.

זי האָט געעפנט די אויגן און האַרציק אים אַ זאָג געטאָן: — יוסי. זי האָט זיך געפרייט, אַז ער איז שוין אין שטוב.

ער האָט צוגערוקט אַ טאַבאַרעט און זיך צוגעזעצט צו איר. ער האָט אויף איר האַנטפלאַך אַרויפגעלייגט זיינע און זיך איינגעקוקט אין איר.

אין דער פינצטער האָט זי עס נישט געזען, האָט אָבער געפילט זיין בליק

אויף זיך. זי האָט זיך אונטערגעהויבן און אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין שויס.

ער האָט געגלעט איר קאָפּ און מיט די פינגער געקעמט אירע האָר.

זי האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט אין אירע גלידער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים און אַ זאָג געטאָן ווי זי זאָל צו אים אַרויפרעדן: — איך האָב באַשלאָסן פאַרבעטן צו אונדז עטלעכע געסט.

— וואָס פּלוצים? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן נאָך אַ ווײַלע צעגערן.

— מיר וווינען שוין אַזוי לאַנג אין שטאָט און מיר האָבן זיך נאָך נישט דערוואָרבן קיין פריינד.

— פריינד, פריינד, פריינד — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל זינגען.

— איך וויל מיר זאָלן אָנהויבן פאַרקערן צווישן באַקאַנטע. באַלד וועלן מיר האָבן אַ „ביבי" און מיר וועלן זיין פאַרנומען — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן. זי האָט מיט איר האַנט אָנגענומען זיינע פינגער און געקוקט אויס אים.

— דו האָסט קלײנבירגערלעכע באַגריפן — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און זיך צעלאַכט — הע, הע, הע.

זי האָט זיך אויפגעזעצט און זיך איינגעקוקט אין אים כאָטש עס איז געווען פינצטער. — ,יאָ, יאָ, אפשר'! — האָט זי אַ זאָג געטאָן ווי זי זאָל רעדן צו זיך.

ער האָט פאַרשטאַנען איר פאַרדראָס און זי אַ פרעג געטאָן:

— וועמען ווילסטו איינלאַדן?

— די בנימיניס און אסתרן — האָט זי אים צו וויסן געטאָן אַנטשלאָסן.

— דו ביסט מיר צו נאָענט מיט די בנימיניס — האָט ער לאַכנדיק איר אַ זאָג געטאָן.

— דו ביסט דאָך גאַנצע טעג נישטאָ אין שטוב. איך מוז דאָך מיט וועמען אויסרעדן אַ וואָרט — האָט זי אים אויסגערעדט.

ער האָט זיך צו איר אָנגעבויגן, איר אַ קוש געטאָן אין באַק און איר אַ זאָג געטאָן:

— אַז דו ווילסט בין איך מסכים, אָבער איצט וועט דיר שווער זיין — האָט ער געפּרוּווט איר איינרעדן. באַלד אָבער האָט ער זי אָנגענומען ביי דער האַנט און איר אַ זאָג געטאָן: — קום אין שטוב, עס ווערט קיל.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די פיס און זיך אונטערגעהויבן.

ער האָט איר געהאָלפן אויפשטיין. ער האָט נישט געוואָלט זי זאָל ממשיך זיין דאָס געשפרעך.

יז

דער הימל איז הויך און ווייט. זיין בלוי איז דורכזיכטיק אָן אַ פּגם. די זונען־שטראַלן זענען לאַנגע. די טעג זענען שוין פון גאַנץ פרי הייסע. די לופט איז

שווער און געגליווערט. אויך די מענטשן אָטעמען שווער. נאָר אין די שפּעטע נאַכט־שעהן בלאָזט אַ ווינטל פון ים און באַוועגט די בלעטער און גרעזער.

ביי די עפרונים אין שטוב זענען די פענצטער אָפן און די פאָרהאַנגען פאַררוקט. דער זונאָפשיין אין דרויסן שפּרייט שאָטן אין די צימערן. אויך די טירן פון איין צימער אין אַנדערן זענען אָפן. אילנה בלייבט יעדע ווײַלע שטיין און האָרכט זיך איין צי זייער דריי חדשימדיק מיידעלע האָט זיך נישט איבערגעוועקט. זייער גליה איז אַ פּול, לייביק מיידעלע מיט חן־גריבעלעך. זי האָט שוואַרצע האָר, אַ קורץ נעזל, גרויסע גרויע אויגן און אַ קיילעכיק פּנימל. איר בעטל שטייט נאָענט צו דער מוטערס געלעגער.

אויך די יונגע מוטער אילנה איז איצט פולער. יעדער אבר אירער, איז איצט קיילעכיק, ווי געטאָקט. איר פּנים איז גוטמוטיק און רויִק, איר בליק ווייך, ווי זי זאָל שמייכלען. זי רוט נישט פון גאַנץ פרי ביז אין דער נאַכט אַריין. זי וואַשט אַליין די ווינדלען און פּרעסט דעם קינדס וועש און בעטציַיג. זי פּאַסט אויף עס זאָל אויף זיי נישט זיין קיין פּאַלד, וואָס זאָל דריקן איר טאָכטערס קערפּערל. יעדעס מאָל ווען זי באָדט די טאָכטער האַלט זי ס׳קינד לענגער אין וואַסער און זי פּלוסקעט זיך מיט איר ווי זי אַליין זאָל זיין דאָס קינד וואָס שפּילט זיך. איר דאַכט זיך, אַז איר טאָכטער קוקט אויף איר מיט דאַנקבאַרקייט.

אילנה פאַרלאָזט נישט איר דירה. נאָכן געבורט האָט זי זיך נישט צוריק־געקערט צו דער אַרבעט. זי איז איצט באַשעפטיקט מיט איר משפּחה. זי קאָכט, רוימט און לייגט צונויף די אָנגעוואָרפענע זאַכן. איר טריט איז לייכטער ווי זי זאָל גיין אויף די שפּיץ פינגער. זי וויל נישט איבערוועקן דאָס קינד. ווען זי ווערט פאַרטיק מיט דער אַרבעט לייגט זי זיך אַוועק און כאַפּט אַ דרימל, אָבער אַ ווײַלע שפּעטער שפּרינגט זי אויף אַן אויסגעשראָקענע זען צי עס איז גאָרנישט געשען איר טאָכטער.

אין די אָוונטן, ווען עפרוני איז אין שטוב, גייט זי אין קראָם איינקויפן. זי קומט באַלד צוריק אַ פאַרסאָפּעטע. שוין אויף די שטיגן האָרכט זי צי ס׳קינד וויינט נישט. איר מאַמע, די באָבע פון אייניקל, איז איצט ווידער נאָר אַ גאַסט ביי זיי אין שטוב. די מוטער פירט די ווירטשאַפט ביי זיך אין דאָרף.

ווען די קראַנקן־שוועסטער האָט ס׳ערשטע מאָל געוויזן עפרונין זיין טאָכטער דורך דער שויבנוואַנט איז זיין קאַרק געוואָרן שטייף, זיין פּנים אָנגעשוואָלן און רויט, ווי ס׳בלוט זאָל וועלן פון אים אַ שפּראָץ טאָן. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען ווי געליימט פון שטאָלץ. ווען די שוועסטער האָט צוגענומען דאָס קינד, איז ער שטיין געבליבן מיט אַן אָפן מויל און געסאָפּעט פון איבעררשאַשונג.

אויך דערנאָך, ווען דאָס קינד איז געקומען אין שטוב האָט עפרוני נישט געענדערט זיין שטייגער לעבן. דער משפּחה־עול איז געלעגן אויף אילנהן. ער האָט נישט געוואָלט עס זאָל צווישן זיי קומען צו אַן אינצידענט. דערפאַר האָט ער אָנגענומען די טאַקטיק, אַז ער איז שטאַרק באַשעפטיקט. אַריינקומענדיק אין שטוב פון דער אַרבעט, האָט ער האַסטיק געעפנט די טיר, ווי ער זאָל זיך איילן. שוין

פון דער שוועל האָט ער אַ פרעג געטאָן אילנהן — וואָס הערט זיך, וואָס מאַכט גליה?

זי האָט אים שטענדיק געענטפערט מיט אַ שמייכל — גוט! אפילו ווען דאָס קינד האָט געהאַט וויטיקן און אַ גאַנצן טאָג געוויינט. נישט איין מאָל האָט זי געגרייט פאַר אים דעם טיש וויגנדיק דאָס קינד אויף דער האַנט עס זאָל נישט וויינען.

אין שטוב איז ער געווען צוריקגעהאַלטן. יעדעס וואָרט וואָס ער האָט אַרויס־גערעדט, האָט ער זיך איבערגעלייגט צי ער זאָל עס זאָגן. ער האָט בכלל גערעדט ווייניק. זיינע אויגן זענען כמעט שטענדיק געווען פאַרמרוזשעט, זיין שטערן צעקנייטשט. ער איז נישט איין מאָל זיצן געבליבן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָבער דאָס אַלץ איז געווען נאָר אַן אָנשטעל. ער האָט געוואָלט אילנה זאָל מיינען אַז ער טראַכט.

ווען די שטילקייט אין שטוב איז געוואָרן איבערדריסיק, האָט ער זיך איילִיק צוגעזעצט צו אילנהן. ער האָט איבערגעלייגט זיין אָרעם איבער אירע אַקסלען און זי געטוליעט צו זיך. זי האָט מיט פרייד אָנגעלענט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט.

פירן דאָס הויז, דערציען די טאָכטער זענען געווען אילנהס ענינים. אים האָט באַשעפטיקט זיין ביוראָ און די פּאַרטיי. ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער תקופה. ער האָט געבויט די נייע געזעלשאַפט. ער האָט געזאָרגט די „עליה" זאָל אָנהאַלטן, די שוואַכע מענטשן זאָלן נישט ווערן באַעוולט.

יעדן פינפטן אין חודש ווען ער האָט באַקומען ס'געהאַלט האָט ער אַוועק־געגעבן אילנהן נאָר אַ טייל פון געהאַלט. וויפל ער באַקומט האָט ער איר קיין מאָל נישט געזאָגט. ער האָט געוווּסט, אַז אילנה קומט אויס נישט נאָר מיט זיינע פאַר־דינסטן, נאָר אויך מיט איר טאַטנס הילף.

די אָוונטן ווען ער איז יאָ געבליבן אין שטוב, איז ער ווי פריער געזעסן מיט אַ צייטונג פאַר די אויגן, ווי ער זאָל לייענען. פון לאַנגווייליקייט האָט ער געביסן די ליפּן און שטיל געשנופּט מיט דער נאָז אילנה זאָל נישט הערן. אָפּטמאָל האָט ער אויך צוגעגרייט אַ ליסטע, אילנה זאָל זען ווי באַשעפטיקט ער איז, אָבער בדרך־כלל איז ער אין די אָוונטן געגאַנגען פרי שלאָפן.

דעם לעצטן אָוונט ווען ער איז געבליבן אין שטוב און ער איז אַריין אין שלאָף־צימער האָט אילנה אים אַ רוף געטאָן: — קום זע ווי דיין טאָכטער שמייכלט אין שלאָף.

ער איז צוגעגאַנגען צום בעטל, ווי ער זאָל זיך אונטערגנבענען און מיט פאַרזשמורעטע אויגן זיך איינגעקוקט אין קינד. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: — איך וועל זיך מיט איר פאַרנעמען ווען זי וועט אונטערוואַקסן. איצט האָב איך מורא זי נעמען אויף די הענט. — ער האָט גערעדט פּאַמעלעך, זיך פאַרענטפערט.

— מיר גייען שלאָפן? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן. איר שטימע איז געווען

ווייך און זי האָט זיך אין אים איינגעקוקט. איר בליק האָט אַ גלי געטאָן ווי אַן אויפגעפלאַקערטער פונק.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און גענומען זיך אויסטאָן.

אילנהס וויִעס האָבן אַ ציטער געטאָן. איר האָט פאַרדראָסן זיין באַציונג צו איר. זי האָט אַ זיפץ געטאָן און זיך איבערגעבויגן איבערן קינדס בעטל, זיך איינגעקוקט אין איר טאָכטער ווי זי אָטעמט שטיל און רעגלמעסיק.

נישט געווען דאָס מאָל ווען אילנה איז אַוועק אין קראָם און ער איז געבליבן אין שטוב, ער זאָל נישט צוגיין און באַטראַכטן די טאָכטער אַן איבערגעבויגענער איבער איר בעטל. ער האָט זיך געוואָלט איבערצייגן צו וועמען דאָס קינד איז ענלעך, צו אים אָדער צו וועמען פון זיין משפחה. איין מאָל שטייענדיק אַזוי איבער דער טאָכטער האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט איבערן שלאָפצימער. ער האָט געזען דאָס בעט אין זיין היים ביי די עלטערן, ווי ער שלאָפט צופוסנס פון זיינע ברידער. אַ דערשטוינטער האָט ער נאָך אַ מאָל זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער, געוואָלט זיך איבערצייגן, אַז ס'איז נישט קיין חלום. ער האָט אָנגעטאַפּט דעם קינדס בעטל און זיך באַרויִקט.

ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן איז ער עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען אַ באַליידיקטער. קליענטן, וואָס האָבן געמוזט צו אים אָנקומען האָט ער געענטפערט מיט רוגזה. די באַאַמטע וואָס האָבן געדאַרפט אים עפּעס פרעגן אָדער עפּעס מיט אים דערליידיקן האָט ער כמעט נישט געענטפערט. ער האָט נאָר אַ ברום געטאָן אונטער דער נאָז יאָ אָדער ניין. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט ער זאָל יעדן העכערן פון אים אָנגעשטעלטן, אָדער פּאַרטיי־חבר וואָס האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אַ זאָג טאָן: — זאָג מיר מזל טוב! עס איז מיר געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער. אַלע האָבן אים געווונטשן און ער האָט צו יעדן פון זיי געשמייכלט, אָבער קיינעם פון זיי האָט ער נישט געקוקט אין די אויגן. ער איז געווען זיכער, אַז אים וועט געבוירן ווערן אַ זון, אַ „בכור".

דעם ערשטן שבת נאָכן געבורט, איז ער מיטן שווער געגאַנגען אין שול געבן דעם קינד אַ נאָמען. ער איז געגאַנגען מיט אַ געמאָסטענעם טריט און אַרויס־געשטופּטן בויך אויף פאָרויס, פול מיט גאווה און חשיבות. ער האָט כסדר זיך אומגעקוקט צי מענטשן זעען אים. ביידע, ער און דער שווער האָבן געשוויגן. ביידע האָבן געטראַכט, אָבער יעדער אין אַן אַנדער ריכטונג. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צום שווער: — איך שטעל מיר גאָרנישט פאָר וואָס עס וואָלט זיך געטאָן, ווען איך דאַרף מאַכן אַ ברית. דער שווער דוד, וואָס האָט געטראָגן דאָס קיישל מיט כיבוד, האָט דערשטוינט אים אָנגעקוקט און געגאַנגען ווייטער, אפילו אים נישט געענטפערט.

די שליסלען פון די שטייגן אין זייער הויז האָבן אילנהס עלטערן איבער־געגעבן זייער שכן. עמנואל איז געווען אַ הויכער, ברייטביינִיקער ייד מיט שטאַרקע, אויסגעאַרבעטע הענט און אַ גאָלן קאָפּ. ער האָט צוגעזאָגט זיי אויפפּאַסן אויף די בעלי־חיים. זיי אַליין זענען פרייטיק מיטאָגצייט געפאָרן אין שטאָט אַריין מיט אַ

געדונגענעם טענדער. זיי האָבן מיטגענומען פולע וואַליזעס מיט מתנות און פולע קוישן מיט כל מיני מאכלים, געבעקס און נאַשוואַרג.

בשעת עפרוני איז עולה געווען לתורה איז זיין טליתל געווען ביי אים פאַרוואָרפן אַרום זיין האַלדז ווי אַ שאַל. ווען מען האָט געענדיקט דאַווענען, האָט דוד דער שווער, גענומען מכבד זיין די מתפללים מיט לעקעך און קאָניאַק. עפרוני האָט שנעל צונויפגעלייגט דאָס טליתל — איר וועט מיט זיי שוין אויסקומען — האָט ער געזאָגט דעם שווער, אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איליק אַוועק צום אַרויסגאַנג. ער האָט זיך געשראָקן, אַז מען וועט אים צוריקרופן. שוין אויף דער גאַס האָט ער געהערט ווי די מתפללים ווינטשן דעם שווער: — מזל־טוב! לחיים! ער האָט דאָס טליתל שנעל אַריינגעשטופּט אין דער הויזנטאַש און פאַרשנעלערט זיינע טריט.

ערשט צומאָרגנס, זונטיק פאַרמיטאָג האָט עפרוני געפייערט זיין שמחה. די באָבע איז געבליבן מיטן אייניקל. דער זיידע איז נאָך מוצאי שבת אהיים געפאָרן. עפרוני מיט אילנהן זענען געשטאַנען אין זיצונגס־זאַל ביי אַ לאַנגן, סערווירטן טיש. זיי האָבן אויפגענומען זיינע מיטאַרבעטער מיט וויין, קאָניאַק, טאָרטן, כל מיני געבעקסן און סענדוויטשן. ער האָט געוואָלט, אַז אַלע באַאַמטע זאָלן זיך איבערצייגן, אַז ער קאָן זיך דערלויבן. ער האָט אויך געוואָלט, אַז זיי אַלע זאָלן זען וועער זיין ווייב איז.

אַלע האָבן מיט אים געטרונקען לחיים. אים און אילנהן געווונטשן מזל־טוב! און פאַרזוכט פון אַלעם. אילנה האָט באַדינט די געסט. זי האָט יעדן אָנגעבאָטן און דערלאַנגט נאָך אַ טעלער מיט עסן. עפרוניס פּנים איז געווען רויט און צעשמאָלצן פון נחת. ער האָט געפילט, אַז ער האָט דערגרייכט זיין ציל. די פרויען וואָס רייניקן די ביוראָ־צימערן האָט ער אַליין באַדינט. ער האָט יעדער פון זיי ווידער און ווידער דערלאַנגט נאָך און נאָך עסן. אָבער יעדעס מאָל ווען ער האָט וועמען פון זיי אונטערגעטראָגן אַ טעלער עסן, האָט ער אַ קוק געטאָן פון דער זייט. ער האָט געוואָלט זען ווי זיין באַנעמען זיך ווירקט אויף די אַרומיקע.

אויף דער מסיבה איז אויך געווען אָנוועזנדיק אַ דעלעגאַציע פון זיין פּאַרטיי־גרופּע: דער גראָבער גרשון און זרח. גרשון איז געווען אַ פּאָסט־טרעגער. ביים רעדן האָט ער געשלונגען די ווערטער, ווי ער זאָל האָבן הייסע קאַרטאָפל איז מויל. זרח איז געווען אַ טרעגער אין פּאָרט. זיין קאָפּ איז געווען אַ קליינער. ער האָט אויסגעזען אויף זיינע קליינע, ברייטע אַקסלען, ווי אַ קינדער־פּילקע. אפרים אַ נידעריקער ייד, מיט דיקע ברילן־גלעזער איבער די אויגן, האָט געוואָלט אים איינאָרדענען אַ ספּעציעלע מסיבה. אפרים איז געווען זלמנס געהילף. ער איז געווען אַ פּאָסט־באַאַמטער וואָס האָט יעדע עטלעכע חדשים געאַרבעט אין אַן אַנדערער פּאָסט־אָפּטיילונג.

עפרוני איז נישט מסכים געווען: — מען דאַרפט נישט, אַ שאָד געלט — האָט ער געטענהט, אָבער אין אמתן האָט ער נישט געוואָלט די פּאַרטיי־פירער זאָלן זיך דערוויסן, אַז די גרופּע האָט אים געמאַכט אַ מסיבה.

עפּרוני האָט איצט נאָך מער ווי פריער געלייגט אַכט ער זאָל אָנהאַלטן אַ דיס־טאַנס פון די מענטשן, מיט וועלכע ער איז געקומען אין באַרירונג. זינט ער איז געוואָרן אַ טאַטע, איז ער געוואָרן נאָך חשובער ביי זיך אַליין. ער איז איצט געווען דער פעיִקער באַאַמטער, דער טעטיקער פּאַרטיי־חבר, דער מאַן פון אַן אינטעליגענטער, שיינער פרוי, אַ טאַטע פון אַ געלונגן מיידעלע, אַ באַזיצער פון אַן איינגעאָרדנטער דירה אין אַ משפחה־הויז. זיין אָנזען איז אויך געשטיגן ביי דער אַרבעט.

ער האָט געפילט די ענדערונג צו אים מצד אַלע באַאַמטע. ער האָט די ענדע־רונג אויסגענוצט. ער גייט כמעט נישט אַרויס פון זיין אַרבעטס־צימער, נאָר ווען ער מוז. ער האָט כמעט נישט גערעדט מיט די באַאַמטע. ער האָט מיט זיי דער־לײדיקט די ענינים דורך שריפטלעכע אָנווייזונגען, וועלכע ער האָט איבערגעשיקט דורך דער טעכנישער אָפּטיילונג.

זיינע מיטאַרבעטער האָבן זיך איצט צו אים באַצויגן מיט דרך־ארץ. נישט איינער פון זיי, האָט אים שוין פון ווייטן אונטערגעטראָגן אַ שלום! זיי האָבן אים אויך דעם ערשטן אַדורכגעלאָזט דורך דער דורכגאַנגס־טיר. אפילו שמשוני, דער פירמע־סעקרעטאַר, האָט באַשלאָסן זיך דערנעענטערן צו אים.

יצחקי, דער אינקאַסע־קאָנטראָלער איבערן לאַנד איז געוואָרן אַן אלמן. ער האָט צו וויסן געטאָן שמשונין, אַז ער פאַרלאָזט די אַרבעט. ער האָט באַשלאָסן וווינען צוזאַמען מיט זיין זון אין קיבוץ. שמשוני האָט באַשלאָסן, אַז אויף דעם פּאָסטן דאַרף קומען עפּרוני. לויט די קענטענישן און סטאַזש איז די אַרבעט נישט געקומען עפּרונין. ביי דער אַרבעט זענען געווען עטלעכע פּאַסיקערע קאַנדידאַטן. שמשוני האָט געוווּסט, אַז די אַלע קאַנדידאַטן זענען פעיִקער פון עפּרונין. שמשוני האָט אָבער איינגערעדט אַלע דירעקטאָרן, אַז די קאַנדידאַטן זענען נאָר באַאַמטע. עפּרוני האָט אויך סוחרישע פעיִקייטן און פּאַסט צו דער אַרבעט. שמשוני און עפּרוני האָבן געהערט צו דער זעלבער פּאַרטיי. ער האָט געוווּסט, אַז עפּרוני איז געוויילט געוואָרן אַלס יועץ אין די פּראָווינצראַטן. ער האָט געוואָלט אַזוי אַרום זיך פאַרזיכערן אַ שטיצע אין דער פּאַרטיי ווען ער וועט באַדאַרפן עפּרונין.

עפּרוני איז אַריין צו שמשונין אין קאַבינעט. שמשוני האָט אַרויפטעלעפאָנירט עפּרונין ער זאָל צו אים אַראָפּקומען. שמשוני האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן. ערשט אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ זאָג געטאָן — זיץ!

אַ ווײַלע זענען זיי געזעסן זיך אַנטקעגן, ווי זיי זאָלן זיך באַטראַכטן און געשווייגן. שמשוני האָט צו אים אַריבערגעקוקט איבער די ברילן זיינע, ווי ער זאָל קוקן אויף דער וואַנט. ער האָט אָפּגעהוסט און זיך אַ ווענד געטאָן צו עפּרונין: — איך האָב געזאָרגט אַז אַן ערנסטער פּאַרטיי־חבר זאָל אויך באַקומען אַ פאַראַנט־וואָרטלעכע אַרבעט ביי אונדז אין הויז. ער האָט ווידער אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע. ער האָט נאָך אַ מאָל לײַכט אַ הוסט געטאָן, ווי עס זאָל אים קרעלן אין האַלדז און צוגעגעבן — פון מאָרגן אָן נעמסטו איבער יצחקיס אַרבעט! ערשט איצט האָט

ער אָנגעקוקט עפּרונין. ער האָט געוואַרט און געוואָלט זען, ווי אַזוי עפּרוני וועט רעאַגירן.

עפּרוני האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ. זיין קאַרק איז געוואָרן שטייף, דאָס פּנים רויט פון פרייד. ער האָט געקוקט אויף שמשונין, ווי ער זאָל זיך באַטראַכטן וואָס ער זאָל אים ענטפערן. ער האָט זיך אומגעקוקט צי קיינער איז נישטאָ אין צימער און ער האָט אַ זאָג געטאָן שמשונין ווי צו זיינס גלייכן: — אויך איך וועל זאָרגן פאַר די ענינים אין דער פּאַרטיי. ער האָט גערעדט מיט אַ געמאַכטער באַס־שטימע, פול חשיבות. ער האָט באַשלאָסן נישט אַרויסווייזן שימשונין זיין פרייד. ער האָט באַשלאָסן צו שפּילן דעם באַעוולטן, וואָס האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט אַוואַנסירן.

שמשוני האָט עטוואָס אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. ער האָט ווידער אָנגעקוקט עפּרונין איבער די ברילן אַריבער. אים האָט געוווּנדערט עפּרוניס חוצפה. אַ ווײַלע איז אין צימער געווען שטיל. מיט אַ מאָל האָט ער אויסגעשטרעקט עפּרונין די האַנט און אים אַ זאָג געטאָן: — זיי מצליח. ער האָט פאַרשטאַנען עפּרוניס ענטפער. ער האָט נישט געוואָלט זיך אַריינלאָזן מיט אים אין אַ לענגערן שמועס, ווי מיט זיינס גלייכן.

עפּרוני האָט אים געדריקט די האַנט און זיך אויפגעשטעלט. שטייענדיק שוין, האָט ער זיך ווידער איינגעקוקט אין שמשונין און צו אים געשמייכלט. ער איז באַלד אַרויס פון צימער, נישט זאָגנדיק אפילו שלום.

שמשוני האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און אים דערשטוינט אָנגעקוקט. זיין אונטערשטע ליפּ האָט זיך אים אַראָפּגעלאָזט.

עפּרוני איז אַריין צו יצחקין אָן אָנצוקלאַפּן. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און אים באַטראַכט.

— יצחקי, איך נעם איבער דיין אַרבעט — האָט ער אים אַ זאָג געטאָן און ער איז אַריין צו אים אין צימער.

— קודם־כּל, גוט מאָרגן! — האָט יצחקי אים געענטפערט מיט אַ שמייכל. יצחקי איז געווען אַ הויכער, דאַרער, אַ ביסל איינגעבויגענעם ייִד מיט אַ לענגלעך, שמאָל בייניק פּנים.

ערשט איצט ווי עפּרוני זאָל זיך האָבן דערמאָנט, אַז ביז היינט איז יצחקי געווען זיין בעל־הבית, וואָס האָט אים קאָנטראָלירט און ער האָט אים בנעימותדיק געענטפערט: — שלום, יצחקי!

ער האָט זיך איינגעריבן די הענט און זיך אַ ווענד געטאָן צו יצחקין, ווי ער זאָל דעקלאַמירן: — דאָס הייסט בכבוד געלעבט, זיך אָפּטרייסלען פון דעם שטאָטישן הו־האַ ווען דער מענטש איז נאָך ביי די כוחות.

— דאַרפסט וואָס שנעלער איבערנעמען די אַרבעט — האָט יצחקי אים געענטפערט. ער האָט אים איבערגעהאַקט, נישט געוואָלט עפּרוני זאָל ווייטער רעדן. ער האָט אפילו אַוועקגעדרייט זיין גרויען קאָפּ ער זאָל עפּרונין נישט דאַרפן קוקן אין די אויגן אַריין.

עפרוני האָט נישט געלייגט קיין אַכט וואָס יצחקי רעדט. ער האָט שוין באַטראַכט דאָס צימער ווי עס זעט אויס און וואָס עס געפינט זיך אין אים. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ זאָג געטאָן: — יאָ, יאָ ווי ער זאָל ענטפערן יצחקין און באַשטעטיקט די אייגענע געדאַנקען. איצט האָט ער אַ קוק געטאָן אויף יצחקין, ווי אויף אַן איבעריקן שוין מענטש וואָס שטערט אים. ער איז באַלד אַרויס פון צימער.

יצחקי האָט אַ שנופּ געטאָן מיט זיין שמאָלער נאָז. זיינע וויעס האָבן געציטערט.

עפרוני האָט געווידמעט ווייניק צייט איבערצונעמען די נייע אַרבעט. ער האָט אויך נישט אַריינגעפירט ספּעקטאָרן אויף זיין פריערדיקער אַרבעט. ספּעקטאָר איז געווען אַ ייד איבער די פערציק. ער האָט געהאַט אַ קיילעכיקע פּלייצע און אַ לאַנגע, ווייסע נאָז. עפרוני האָט אים נאָר אָנגעצייכנט יעדן וועקסל אויף דער ליסטע, אים געהייסן אונטערשרייבן די אַלגעמיינע סומעס און יעדעס מאָל אים איבערגעגעבן אַ פּאָרטפעל מיט וועקסלען. עפרונין האָט פאַרדראָסן וואָס אויף זיין אָרט איז געקומען נישט קיין באַאַמטער נאָר אַ ייד וואָס מען האָט אים אַראָפּ־גענומען פון די בוי־רושטאָוואַניעס. ספּעקטאָר איז שוין געווען אויסגעמאַטערט און מער נישט פעיִק צו פיזישער אַרבעט. עפרוני האָט דערין געזען אַ פּער־זענלעכע באַליידיקונג.

עפרוני האָט אייליק געשפּאַנט איבער די קאָרידאָרן, אָבער מיט אַ געמאָס־טענעם טריט, אַז עס זאָל נישט אויסקומען אַז ער לויפט. ער האָט נישט געוואַרט הינטער די טירן. ער האָט אָנגעקלאַפּט מיט איין פינגער און איז אַריין צום באַאַמטן, וועלכן ער האָט באַדאַרפט. ער האָט אָנגעווענדן זיין גאַנצן כוח ער זאָל זיך „אַראַנזשירן" אויף זיין נייער אַרבעט. ער איז געשטאַנען דערויף, אַז זיין סעק־רעטאַרין זאָל נישט זיין פּאַני „די סאָברע". ער האָט נישט געזאָגט, אַז ער וויל זי נישט, ווייל זי טראָגט ברילן און די הויט פון איר פּנים איז האַרט. ער האָט געטענהט, אַז זי איז שוואַך אין רעכענען. ער דאַרף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן מענטש, וואָס זאָל אים פאַרטרעטן, ווען ער וועט זיין אונטערוועגנס.

— איך בין נישט יצחקי, וואָס איז נאָר איין מאָל אין וואָך אַרויסגעפאָרן און פאַרשלאָסן זיין צימער — האָט ער געטענהט. ער האָט געוואָלט אַלס סעקרע־טאַרין חוהן די „אַפריקאַנערין" ווי מען האָט זי גערופן ביי דער אַרבעט. זי האָט געשטאַמט פון דאָרט. זי איז געווען אַ יונגע, שיינע פרוי מיט העכערער בילדונג. ער האָט געוואָלט זי זאָל מאַכן די אַרבעט וואָס ער וועט נישט קאָנען. ער האָט אויך געוואָלט די מענטשן זאָלן פאַרשטיין, אַז אויב זי איז זיין סעקרעטאַרין איז ער דאָך נאָך מער פון איר.

ער איז מיט חוהן געגאַנגען איבער די שטאָקן און געזוכט אַ פּאַסיקן צימער פאַר זיין ביוראָ. ער האָט אויסגעזוכט אַ צימער אויפן דריטן שטאָק אין עק קאָרי־דאָר, וואָס האָט אויך געהאַט אַ דורכגאַנג־קאָרידאָר. דאָס צימער האָט ער איינגע־אָרדנט פאַר זיך, דעם קאָרידאָר פאַר חוהן. ער איז געשטאַנען דערויף ער זאָל באַקומען אַ ברייטן שרייבטיש, אַ געבעטע שטול און צוויי טעלעפאָנען, איין ליניע

מיט אַ ספּעציעלן נומער האָט געדאַרפט זיין דירעקט צו אים. דער צווייטער טעלע־פאָן האָט געדאַרפט זיין צו דער סעקרעטאַרין און זי זאָל איבערפירן די געשפּרעכן צו אים. ער האָט אויך אָפּגעמאַכט מיטן קאָמוניקאַציע־ליטער, אַז ער באַקומט אַ לאַנגן „דאָדזש" מיט אַ שאָפער. ער האָט געטענהט, אַז ער וועט כסדר זיין אונ־טערוועגנס און אַ קליינער אויטאָ טרייסלט. זיין אויסרעכענונג איז אָבער געווען, אַז מענטשן זאָלן פון וויטנס זען זיין אויטאָ און וויסן, אַז ער פאָרט.

יח

די נעכט און די פרימאָרגנס זענען שוין קילע. אויך אין משך פון טאָג גיט אַ ווײ אַן אָפּפרישנדיק ווינטל. דאָס רוב טעג איז עפרוני אונטערוועגנס. ער פאָרט אויך ווען עס איז בכלל נישט נויטיק. ער וויל וואָס מער מענטשן זאָלן אים זען אין זיין אויטאָ. ער זיצט פון פאָרנט מיט זיין שאָפער ווי מיט זיינס גלייכן. דאָס טוט ער מענטשן זאָלן זען. זיין באַציִונג און די אָנווייזונגען פאַרן שאָפער זענען אַמטלעכע. ער שטייגט פריִער נישט איין אין אויטאָ ביז שמאי דער שאָפער עפנט אים די טיר: — ירושלים! חדרה אָדער כפר־סבא! — גיט ער אים אַ באַפעל און ער קלאַפּט צו די טיר.

אין וועג שווייגט ער. ער קוקט איבער די ליסטעס, אָדער קוקט אַריין אין אַ צייטונג. די צייטונג איז שטענדיק ביי אים צונויפגעלייגט, ווי ער זאָל אַריינקוקן אין אַ סידור. אָפט כאַפּט ער אַ דרימל. ווען ער וועקט זיך איבער גיט ער אַ קוק צי דער שאָפער האָט געמערקט. אין וועג איז ער קיין מאָל גאָרנישט טועם. ער וויל נישט מכבד זיין דעם שאָפער, ער זאָל מיט אים נישט דאַרפן זיצן ביי איין טיש. זיין שאָפער איז אַ קליינער, דאַרער בחור מיט אַ ברייט קנאָכיק פּנים. יעדן פרימאָרגן ווען עפרוני גייט אַרויס פון שטוב, קוקט ער זיך אום צי די שכנים זעען, אַז דער אויטאָ וואַרט אויף אים. ער איז צופרידן, ווען ער זעט דורך דער שויב, אַז די מענטשן אין גאַס קוקן נאָך ווער עס פאָרט אין אויטאָ.

קיין סך אַרבעט האָט עפרוני נישט. ער קאָנטראָלירט די ליסטעס צי די סומעס זענען אַריינגעפּלאַסן אין דער צייט און צי דער קאַסירער האָט די געלטער איבער־געפירט אין באַנק. ער רעדט ווייניק. ער האַלט דיסטאַנס אויך מיט די קאַסירער. די אַרבעט זיינע איז אַ רוטינע. ער האָט קיינעם פון זיי נישט וואָס פאַרצוואַרפן, דערפאַר מאַכט ער זיי פאַרשידענע, זייטיקע באַמערקונגען: — די ווירעס פון די ליסטעס זענען קרומע, דאָס פּאַפּיר איז צעקנייטשט אָדער, אַז זיי שרייבן נישט אויף דער ליניע. ער רעדט צו זיי מיט אַ דיקער, פאַרענדערטער שטימע. לויט זיין באַגריף גיט דאָס אים צו פּרעסטיזש. ווען ער געפינט יאָ ביי וועמען פון זיי אַ טעות, גיט ער אַ זאָג מיט איראָניע: — חבר, זיבן און צוויי איז ניין! אַזוי האָט מען מיך געלערנט אין דער גימנאַזיע — דעם ציפער פאַרריכט ער מיט אַ רויטער

פעדער, וואָס ער האָט גרייט ביי זיך. ווען ער האָט אַ שטרייט מיט זיי, האָט ער שטענדיק דאָס לעצטע וואָרט. כדי זיי איבערצוציי̈גן גיט ער אַ זאָג — לית מאן דפליג — און גיט צו מיט זיכערקייט — מיר האָבן דאָך אַמאָל געלערנט די קליינע אותיות.

אין ביוראָ קומט ער גאַנץ פרי ווען קיינער איז נאָך נישט געקומען צו דער אַרבעט. אין אָוונט קומט ער, ווען די באַאַמטע גרייטן זיך שוין גיין אַהיים. ער וויל יעדער זאָל וויסן ווי שטאַרק ער איז באַשעפטיקט. שוין אויפן קאָרידאָר האָט ער געשריגן: — חוה, שלום! ער האָט געוואָלט אַלע זאָלן הערן, אַז ער איז געקומען. ווי נאָר ער איז געקומען איז ער צוגעגאַנגען צו חוהן. ער האָט אַרויפ־געלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל אָדער מיט אַ פולן הויפן אָנגענומען אירע האָר. אַן איינגעקוקטער אין איר האָט ער אויסגעהערט איר באַריכט; ווער עס האָט צו אים געקלונגען, ווער עס וויל אים זען, אָדער ווען און ווו ער דאַרף גיין אויף אַ זיצונג.

דעם באַריכט האָט זי אים איבערגעגעבן אָפיציעל, אָבער ווען זי האָט געענ־דיקט האָט זי אים אפגעשטויבט אַן אַקסל, אָדער אים גלייך געמאַכט דעם קאָלנער פון העמד. מיט אַ שמייכל האָט זי אים אַ פרעג געטאָן: — ווי איז געווען די רייזע?

ער האָט איר געענטפערט נאָר מיט אַ קאָפּשאָקל אַז גוט. אָפט האָט ער מיט אַ געמאַכטער חשיבות אַ פרעג געטאָן: — דעטס אָל (דאָס איז אַלעס)? און ער איז אַריין צו זיך אין צימער. דאָס איז געווען נאָר אַן אָנגעשטעלטע גלייכגילטיקייט.

ווען ער איז געקומען אין ביוראָ האָט ער זיך אַרומגעוואַשן און צוגעקעמט. די טשופּרינע זיינע האָט געגלאַנצט פון פייכטקייט. חוה האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז שוואַרצע קאַווע. ער האָט זיך געזעצט שרייבן זיין רייזע־באַריכט. אַן איבער־געבויגענער איבערן טיש ווי ער זאָל מיט זיין אויבערשטער טייל פון קערפּער ליגן אויף אים, מיט צעלייגטע אין דער ברייט עלנבויגנס און פאַרלייגטע פיס ווי ער זאָל זיך מיט זיי אָנשפּאַרן אין פּאָל האָט ער געשריבן. נאָך יעדן זאַץ האָט ער געקנייטשט דעם שטערן און מיט אַ פינגער זיך געדרייט די האָר, ווי ער זאָל זיי קרייזלען. יעדע ווילע האָט ער אָנגעבלאָזן די באַקן, ווי אַ פּויק, געפּרייכט פון אָנשטרענגונג. ער האָט פאָרמולירט דעם קומענדיקן זאַץ.

די גאַנצע טעכנישע אַרבעט האָט געמאַכט חוה. זי האָט אויך סטיליזירט זיינע באַריכטן. אַ סך מאָל האָט זי אים אויך אויסגעבעסערט אַ „טית״ אָנשטאָט אַ „תו״, איידער זי האָט דעם באַריכט איבערגעשריבן אויף דער מאַשין.

ער און חוה זענען זיך געוואָרן נאָענט. ער האָט זיך באַצויגן צו איר נישט ווי צו אַ פרוי וואָס מען ליבט. דערביי האָט עס נישט געהאַלטן. ער איז געווען שטאָלץ וואָס ער פאַרברענגט מיט דער יונגער, שיינער פרוי. זי איז געווען הויך, שלאַנק און געהאַט געדיכטע, בלאָנדע האָר. זי איז געשווומען און געשפּילט טעניס. זי האָט געהאַט אַ לענגלעך פּנים, שטאַרקע ליפּן און אַ דינע געפּאָרעמטע נאָז. זי איז פאַר אים געווען נאָר, נאָך אַ שטאָפּל אין זיין קאַריערע.

ווער זי איז האָט קיינער אין ביוראָ געגוי נישט געוווּסט. ווער עפרוני איז

האָט זי געגנוי געוווּסט. זי האָט פון אים אַרויסבאַקומען פון וואַנען ער שטאַמט. לויט זיין באַנעמען זיך האָט זי געוווּסט וואָס פאַרא בילדונג ער באַזיצט. ער איז איר אָבער געפעלן אַלס מאַן. ער האָט אין אירע אויגן אויסגעזען ווי אַן אַפריקאַנער „בור" (אַן אַפריקאַנער פון האָלענדישער אָפּשטאַמונג). זי האָט די באַקאַנטשאַפט מיט אים געהאַלטן פאַר אַ צייטפאַרטרייב. זי האָט גערן געהאַט צו פירן זיין אויטאָ מיט דער גרעסטער שנעלקייט. ער איז געזעסן נעבן איר מיט פאַרביסענע ליפּן פון מורא עס זאָל נאָר גאָרנישט געשען אין וועג. זיי זענען געפאָרן איבערן לאַנד און באַזוכט די רעסטאָראַנען, וווּ קיינער האָט זיי נישט געקענט.

— איך בין מיד — האָט עפרוני אַ זאָג געטאָן. ער האָט אָפּגעאָטעמט און זיך אַוועקגעזעצט.

חוה איז געשטאַנען נעבן אים אַן איבערגעבויגענע איבער אַ ליסטע וואָס זיי האָבן צוזאַמען קאָנטראָלירט. זי האָט אים געענטפערט: — קום אין אָוונט צו מיר זיך אָפּרוען. זי האָט געוווּסט וואָס ער איז אויסן.

ער האָט מיט זיין ברייטער האַנטפלאַך אָנגענומען איר לאַנגע, שמאָלע האַנט און איר אַ זאָג געטאָן: — אָל רייט (גוט). באַלד דערויף האָט ער צוגעגעבן: — מען דאַרף גיין אַהיים. שוין קיינער נישטאָ דאָ ביי דער אַרבעט.

ביינאַכט האָט ער אָנגעקלונגען אין איר טיר.

זי האָט געעפנט.

— שלום, עוולין! — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן. אַזוי האָט מען זי גערופן אין אַפריקע און ער זי דאָ, ווען קיינער האָט נישט געהערט. ער האָט אייליק צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך. דער אַריינגאַנג צו איר איז געווען דורך אַ גאָרטן. זי האָט געוווינט אין אַן אָפּיצינע, אין פּאַרטער, אין אַ גרויס צימער מיט אַ קליין קיכל. אין צימער האָט געברענט אַ שטיילאָמפּ מיט אַ דיקן אַבאַזשור וואָס האָט קוים אַדורכגעלאָזט די ליכטשיין.

— זי האָט געטראָגן אַ בלוי געבלומטן טיף־דעקאָלטירטן שלאָפראָק. אירע האָר זענען געווען צעלאָזט און זי איז געווען באָרוועס. יעדע באַוועגונג זייערע האָט אַ פיר געטאָן אַ שאָטן איבער דער וואַנט. נאָר דער נעגערקאָפּ אויף דער וואַנט איז געווען בולט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט צי עס איז ניטאָ קיין ענדערונג אין צימער. ער האָט נאָר געזען די קאָנטורן פון די מעבל. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן איבערן צימער און זיך אַריינגעזעצט אין דער ברייטער, ווייכער סאָפע, זיין שטענדיק אָרט.

— אַה, — האָט ער אָפּגעזיפצט און ער איז אַריינגעפאַלן אין דער ווייכקייט.

— ווילסט עסן? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן?

— ניין — האָט ער איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

זי האָט אָבער צוגעפירט צו דער סאָפע דאָס באַרטישל אויף רעדלעך און זיך צוגעזעצט צו אים.

ער האָט איינגעגאָסן צוויי גלעזלעך „וויסקי". — לחיים! — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן.

זי האָט אים געענטפערט: — פראָסיט! (לחיים!).

ער האָט זיין גלעזל אויסגעטרונקען מיט איין מאָל און פאַרביסן מיט אַ שטיקל שווייצער־קעז.

זי האָט נאָר אָפּגעטרונקען פון איר גלעזל און עס צוריק אַוועקגעשטעלט.

ער האָט זיך אָפּגערוקט פון איר און אַוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויף איר שויס.

זי האָט אונטערגעצויגן אירע קניען. אירע פיס זענען שטיין געבליבן אויף די שפּיץ פינגער, עס זאָל אים זיין באַקוועמער צו ליגן. אין צימער איז געווען האַלב פינצטער און שטיל. אייגער האָט געהערט דעם אַנדערנס אָטעם.

ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. מיט אַ מאָל האָט ער גענומען זיך שטיל אונטערברומען: — אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל — ווי ער זאָל זיך היטן זי זאָל נישט הערן.

זי האָט אָבער אַראָפּגענומען די גיטאַרע פון וואַנט און אים באַגלייט צום טאַקט.

זיין אויער האָט נישט געהערט, אַז זי פעלשט דעם ניגון.

זי האָט דעם ניגון געלערנט ביי אים פון הערן.

ער האָט צוויי מאָל איבערגעברומט די ערשטע סטראָפע און איז שטיל גע־בליבן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל אַרויפרעדן צו דער סטעלע — דערציילן, ווי די לייבן־סטאַדע האָט געכאַפּט און אויפגעגעסן די זעברע, דאָרט ביי אייך.

— ניין! איך האָב שוין אַזוי פיל מאָל דיר דאָס דערציילט — האָט זי פּראָ־טעסטירט און אַוועקגעלייגט אויף דער ערד די גיטאַרע. זי האָט מיט איר האַנטפלאַך אַ פיר געטאָן איבער זיין פייכטן שטערן און אים אַ זאָג געטאָן: — איך וועל דיר דערציילן וועגן אויסטערלישע זאַכן וואָס איך האָב געזען אין דער וועלט.

איצט האָט ער איינגעצויגן די פיס, די שיך אַרויפגעשטעלט אויף דער סאָפע און מיט די הענט זיך אַרומגענומען די קניען.

זי האָט איבערגעלייגט אירע הענט איבער זיין ברוסטקאַסטן און אים דער־ציילט מעשהס ווי אַ קינד: — דער אייפל־טורעם איז געבויט פון אייזן. ער איז דריי הונדערט מעטער די הייך און איז דער העכסטער טורעם אין דער וועלט. דער פּיזאַ־טורעם אין איטאַליע איז נאָר פיר און פערציק מעטער הויך. ער איז אָבער איבערגעבויגן אויף אַ זייט מיט פיר און אַ פערטל מעטער. אין לאָנדאָן אין פּאַרלאַמענט איז פאַראַן אַ זייגער, דער „ביג־בען" אין וועלכן עס איז איינגעבויט אַ גלאָק. דער גלאָק איז פון נייַנצנטן יאָרהונדערט און מען הערט אים אין דער גאַנצער שטאָט. ער וועגט דרייצן מיט אַ האַלבן טאָן. אין ניו־יאָרק איז פאַראַן אַ הויז „אַמפּייר סטייטס בילדינג" וואָס איז דריי הונדערט מעטער הויך. דאָס איז הונדערט און איין שטאָק. ביז מען דערגרייכט דעם לעצטן שטאָק מוז מען עטלעכע מאָל בייטן די ווינדעס.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די פיס, זיך אַוועקגעזעצט און דערשטוינט זי אָנגעקוקט.

זי האָט דערויף געוואַרט. געוואָלט זען, ווי ער וועט רעאַגירן.

— מען דאַרף זען די וועלט — האָט ער שטיל ווי צו זיך אַ זאָג געטאָן און אויף באַשטעטיקונג אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איך בין גרייט זי דיר צו ווייזן — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

אירע ווערטער האָבן זי אַליין איבערראַשט און זי האָט שטיל צוגעגעבן — פּאָר מיט דיין ווייב!

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אָפּגעזיפצט. אַהחה. אַ ווײַלע איז ער געזעסן און געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי ער זאָל זיך באַדויערן. ער האָט אַריינגעגאָסן און אויסגעטרונקען נאָך אַ גלעזל. אַ ווײַלע האָט ער שווער געאָטעמט. איצט האָט ער אָפּגערוקט דאָס באַרטישל און זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זיך אָנגעבויגן, זי שטאַרק אַרומגענומען און זי אויפגעשטעלט.

— אַה! — האָט זי אַ קרעכץ געטאָן און זי איז הענגען געבליבן אין זיינע אָרעמס.

זינט ער איז געוואָרן אַן אייגענער ביי חוהן איז ער געקומען ווייניקער אין דער פּאַרטיי. ווען ער איז יאָ געקומען, האָט ער זיך שוין נישט אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און צעלייגט די אַקטן, אַז מענטשן זאָלן אים זען. ער איז נאָר צוגעגאַנגען צום סעקרעטאַר און אים אויסגעפּרעגט וועגן די געשעענישן אין דער פּאַרטיי און באַלד צוריק אַוועק. אָפּט, אַז ער האָט געדאַרפט פאָרן אויף אַ זיצונג אין אַ קליין אָרט, ווו די ענינים זענען געווען נישט אינטערעסאַנט, איז ער נישט געפאָרן. ער האָט געקלונגען צום פּאַרטיי־סעקרעטאַר: — אַבראַשאַ, שיק היינט אין אָוונט ווען אויף מיין אָרט, מיר איז אונטערגעקומען אַן אומדערוואַרטע וויכטיקע זיצונג מיט אַ בוי־געזעלשאַפט. איך מוז אָנטייל נעמען און דעצידירן ענינים.

ער האָט געהאַט אַן אָפּמאַך מיט זלמנען, אַז די מענטשן פון זייער גרופּע דאַרפן אים פּראָטעזשירן. ווו עס זענען געשטאַנען אין דער פּאַרטיי צוויי, דריי מענטשן און גערעדט, האָט איינער פון דער גרופּע זיך צוגעשטעלט. ער האָט זיך צוגעהערט וועגן וואָס מען רעדט און אין אַ פּאַסיקן מאָמענט אַ פרעג געטאָן: — וואָס זאָגסטו צו עפּרונין? — אָדער — וואָס זעט מען נישט עפּרונין. די מענטשן האָבן נישט פאַרשטאַנען זיין פראַגע. זיי האָבן אים נייגעריק אָנגעקוקט.

— אַ מענטש אַרבעט טאָג און נאַכט, קומט כמעט נישט אין שטוב, ווו אַ קאָמיסיע מוז מען אים האָבן — האָט ער זיי באַלערנט. אַ ווײַלע שפּעטער, ווען די מענטשן האָבן זיך דערשטוינט איבערגעקוקט, האָט דער פרעגער און אויסטייטשער צוגעגעבן — עפּרוני וועט ווייט דערגיין — דער שמועסער האָט זיי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַוועק אויסזוכן אַ צווייט קרענצל מענטשן.

אילנה, די יונגע מאַמע האָט געזאָרגט פאַר איר משפּחה. זי האָט געקאָכט און געבאַקן. דאָס עסן איז געווען צו דער צייט, אין יעדן ווינקעלע האָט געבלאַנקט די ריינקייט. זי האָט געבאָדן און געפּלעגט דאָס קינד. דעם קינדס בעקלעך האָבן

געגלאַנצט מיט פרישקייט און געזונט. ווען דאָס קינד האָט צו איר אַ לאַך געטאָן אָדער געשטופּט דאָס הענטל אין מויל, איז איר וואָרעם געוואָרן אונטערן האַרץ. ווען זי האָט באַמערקט ביים קינד דעם ערשטן צאָן איז צו איר פרייד נישט געווען קיין גרענעץ. זי האָט מיטן קינד געשפּאַנט איבער די צימערן, ווי זי זאָל דערמיט טאַנצן. זי האָט דאָס קינד געהויבן אין דער לופטן, געטוליעט זי צו זיך און גערעדט צו איר, ווי זי זאָל זי פאַרשטיין — דיין טאַטע האָט שוין אַ גרויסע טאָכטער, די באָבע אַ גרויס אייניקל, איך — אַ שיין באַחנט מיידעלע.

זי האָט אָבער יעדע ווילע געקוקט צו דער טיר, געוואָלט עפרוני זאָל קומען און צוזאַמען מיט איר זיך פרייען, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז ער איז אונטערוועגנס.

זי איז געווען גליקלעך מיט זייער טאָכטער. זי האָט נאָר באַדויערט וואָס עפרוני, דער טאַטע קאָן ווייניק געניסן פונעם גליק. זי אַליין האָט דערוויל פאַר־ציכטעט אויף אַ סך זאַכן. זי האָט געוואָלט יוסף עפרוני זאָל ווערן אַ פּערזענ־לעכקייט. זי האָט געוואַרט מענטשן זאָלן זיך דערקענען אויף זיינע פעיִקייטן, זי האָט שוין אַליין געגלויבט אין דעם.

איר פּנים איז געווען גלאַטיק, אירע באַקן קיילעכיק, אירע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי אַ סאַמעט. זי האָט רויִק אָפּגעוואַרט זייער צוקונפט.

אין איינער פון די נעכט איז אילנה געלעגן אין בעט. אַ הוילער קלאַפּ האָט איבערגעריסן איר לייכטן שלאָף. זי האָט האַסטיק זיך אויפגעזעצט און אַ קוק געטאָן, צי דעם קינד איז גאָרנישט געשען. זי האָט געוואָלט אַראָפּגיין, זען וואָס עס האָט פּאַסירט. אין דעם מאָמענט איז עפרוני אַריין צו איר אין שלאָפצימער. זי איז געפאַלן אויף הינטערווילעכץ. איר קאָפּ איז ליגן געבליבן אויפן קישן. זי האָט זיך באַלד צוריק אויפגעזעצט, האָט אַראָפּגעלאָזט די פיס און זיך איינגע־קוקט אין אים. זיין העמד איז געווען צעקנייטשט, זיין לייכטע מאַרינאַרקע איז געווען נישט גלייך פאַרקנעפּלט. ער האָט אויסגעזען פאַרהויקערט, די אויגן זיינע זענען געווען פאַרגאָסן. די שטוב איז געוואָרן פול מיטן ריח פון אַלקאָהאָל.

אילנה האָט נישט געזען מער ווי די ליידיקע וואַנט אַנטקעגן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס ליכט אין צימער איז טונקל געוואָרן.

ער האָט לאַנגזאַם זיך אויסגעטאָן. זיינע פינגער זענען געווען שטייף.

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט.

ער האָט נאָך מער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט זי נישט געקאָנט זען שטיין אַ באָרוועסע. אין איר לאַנגן העמד איז זי געשטאַנען אים אַנטקעגן ווי אַ סטאַטוע און געשוויגן. די שטילקייט אַרום זיי איז געווען אימהדיק. דער קלאַפּ פון זיין אויסגעטאָנענעם שוך וואָס איז אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט האָט איבער־געריסן די שטילקייט. — איך קום פון וועג — האָט ער אַ שטאַמל געטאָן.

— מיט וועמען? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן, ווי זי זאָל דאָס וואָרט אַדורכשטופּן דורך אירע פאַרקלעמטע ציין.

ער האָט נישט באַלד געענטפערט, ווי ער זאָל טראַכטן וואָס ער זאָל זאָגן: — חוה — האָט ער אַ שטאַמל געטאָן. ער האָט נישט געקאָנט צונויפנעמען זיינע

געדאַנקען. ער האָט געזאָגט איר דאָס וואָס ער האָט נישט געוואָלט זאָגן. באַלד דערנאָך האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין בעט און איז תיכף איינגעשלאָפן.

זינט ער האָט זיך איבערצייגט, אַז עס זענען פאַראַן פאַרבאָרגענע פאַרגעניגנס האָט ער געוואָלט אַלץ מיטמאַכן, אַלץ דערגרייכן. ער האָט איצט געוואָלט נישט נאָר זיין גלייך מיט מענטשן, נאָר זיי איבערשטייגן.

זי האָט פאַרבײַלט די הענט און מיט די פויסטן געקלאַפּט זיך אין קאָפּ. אַז די כוחות האָבן זי אָפּגעלאָזט איז זי שטיין געבליבן ווי אַ געליימטע. ערשט אַז די נאַכטקילקייט האָט אויף איר אַ ווײַ געטאָן איז זי צוגעגאַנגען און זיך איבער־געבויגן איבערן קינדס בעטל. זי האָט געוואָלט וויינען און נישט געקאָנט. עס איז איר קאַלט געוואָרן. זי האָט אַ ציטער געטאָן. זי האָט גענומען גיין פּאַמעלעך, ווי די פיס זאָלן זי נישט טראָגן. זי האָט זיך צוגעשלייכט צו איר בעט און איז אַריינגעפאַלן דערין ווי אין אַ תהום.

די גאַנצע נאַכט איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן. זי האָט געפילט אירע ביינער אונטער זיך און נישט געקאָנט זיך איבערדרייען.

יט

דער הימלבלוי איז שוין דורכגעוועבט מיט ווייסע, אויסגעצויגענע וואָלקנדלעך. די זונשטראַלן גליִען שוין נישט. די אָוונטן זענען קילע. אַן אָנגעטראָגענער ווינט גיט אַ טרייסל דיביימער־צווייגן. פאַרטריקנטע בלעטער ליגן אויף די גאַסן.

אילנה שלאָפט נישט די נעכט. אירע שלייפן פּולסירן האַסטיק. ווי נאָר עפרוני שלאָפט איין גייט זי אַרויס פון בעט. אַ באָרוועסע, האַלב־נאַקעט, זעצט זי זיך אַוועק אויף דער סאָפע אין גרויסן צימער ביי אַ נאַכט־לאָמפּ. זי פּרוווט לייענען אַ קרימינאַל־ראָמאַן, וויל איבערקומען די נאַכט. זי מישט כסדר צוריק די בלעטלעך און לייענט זיי נאָך אַ מאָל. זי פאַרשטייט נישט וואָס זי לייענט. אָפט דרימלט זי איין מיטן בוך אין האַנט, אָדער זי בלייבט זיצן אַ פאַרקוקטע אין איין פּונקט. אירע אויגן זענען אַמאָל אויפגעריסן, אַמאָל פאַרזשמורעט, איר פּנים איז אָפּגע־צערט. דער האַלדז איז דאַר, ווי אויסגעצויגן. אירע אויגן זענען אונטערגעהאַקט, שוואַרץ געראַמט. אירע אַקסלען זענען איצט שפּיציק, די בגדים הענגען אויף זיי.

די מוטער קומט צו איר זעלטן, נאָר ווען זי פאַרבענקט זיך צום אייניקל. דער זיידע קומט נאָך זעלטענער. דעם איידעמס פירן זיך, זיין קהלן זיך אין דער פּאַרטיי איז זיי איבערדריסיק. זיי זענען אַרבעטס־מענטשן, זיי ווייסן אָפּצושאַצן דעם מענטשס מי. באַלד פון אָנהייב איז ער זיי געווען פרעמד. זינט זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז ער קומט אַהיים שפּעט און לאָזט אילנהן אַליין מיטן קינד, האָבן זיי כמעט אויפגעהערט צו קומען.

דער מוטערס אַקסלען זענען שמעלער געוואָרן, דעם פאָטערס — שפּיציקער.

נישט נאָר האָבן זיי זיך געהיטן צו רעדן, זאָגן אילנהן אַ וואָרט. זיי האָבן אויך געשוויגן, ווען זיי זענען געווען אַליין. זיי האָבן נישט געזען קיין אויסוועג.

דאָס לעצטע מאָל איז דער פּאָטער צו איר געקומען אין דער פרי. ווי נאָר אילנה האָט אים געעפנט די טיר, האָט זי אַן אויסגעשראָקענע אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען?

דער פּאָטער האָט פאַרצויגן די ליפּן און אונטערגעהויבן די אַקסלען, ווי אים זאָל וווּנדערן די פראַגע.

זי האָט אים באַטראַכט און נישט געווען זיכער פאַר וואָס ער איז געקומען.

כדי זי צו באַרויִקן האָט ער איבערגעלייגט זיין אָרעם איבער אירע אַקסלען, איר אַ קוש געטאָן אין שטערן און גענומען דערציילן:

— איך בין געקומען אין שטאָט אָפּרעדן ווען איך וועל דאַרפן אַראָפּנעמען די פרוכט פון דיביימער און ווו אַהין איך זאָל זי שיקן. איך וועל זיין פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג. דערנאָך וויל איך שנעל אַהיימפאָרן. די מאַמע איז אַליין, דערפאַר האָב איך באַשלאָסן זיין צוערשט ביי דיר. אין דער אמתן איז ער געקומען, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז עפרוני איז שוין ביי דער אַרבעט.

— וואָס מאַכט די מאַמע? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן.

— זי פאָרעט זיך ווי שטענדיק — האָט ער איר געענטפערט און איז אַריין אין צימער.

זי איז אים נאָכגעגאַנגען.

— די באָבע האָט געשיקט דעם אייניקל אַ וואַרעמע איבערדעק — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר מיט אַ שמייכל.

— ווען נישט, וואָלט חלילה ס'קינד געפרוירן געוואָרן? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן.

ער האָט די מתנה אַוועקגעלייגט אויפן טיש און נישט פרעגנדיק אַריין אין שלאָפצימער. ער איז שטיין געבליבן ביים קינדס בעטל און באַטראַכט דאָס אייניקל, ווי זי שלאָפט. דאָס קינד האָט געשמייכלט אין שלאָף. די הויט אַרום די אויגן־ווינקלען איז אים געריִנצלט געוואָרן פון נחת. ער האָט פאַרצויגן די ליפּן פון פרייד. ער האָט זיך אָנגעבויגן, געוואָלט אַ קוש טאָן דאָס קינד. אין דער לעצטער רגע האָט ער מיט אַ פינגער לייכט אָנגערירט דעם קינדס בעקל און זיך אַ קוש געטאָן דעם פינגער. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זיך געזעגנט מיטן קינד און איז אַרויס פון צימער.

אילנה וועלכע איז געשטאַנען הינטער אים און זיי באַטראַכט האָט שטיל אַ זיפץ געטאָן און אים נאָכגעגאַנגען. ווען זיי זענען אַריין אין גרויסן צימער האָט זי אים אַ זאָג געטאָן: — זעץ דיך, איך וועל דיר געבן פרישטיק!

— איך האָב געגעסן, בין זאַט! דיין מאַמע לאָזט נישט אַרויס פון שטוב נישט געגעסן — האָט ער געענטפערט און זיך איינגעקוקט אין איר. זיין בליק איז געווען אַ פּאָטערלעכער, זיין פּנים ערנסט. ער האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעלענט אויף אַ בענקל און זיך אַ ווענד געטאָן צו איר: — אילנה, איך זע, אַז דיר איז נישט

גרינג. אפשר קומסטו צו אונדז אויף אַ שטיקל צייט? דו וועסט זיך אָפּרוען און מיר וועלן זיך פרייען מיטן אייניקל. ער האָט גערעדט צו איר און אַוועקגעקוקט. ער האָט איר נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

זי איז בלייך געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אַ וויילע האָט זי געשוויגן. מיט אַ מאָל האָט זי אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ. אירע האָר האָבן זיך פונאַנדער־געשפרייט ווי אַ פונאַנדערגעוואָרפענע פישנעץ.

— מען דאַרף דעם קינד נישט שטערן. דאָ האָט זי איר בעט, איר וואַנע און איר דאָקטאָר — האָט זי אים געענטפערט, ווי נאָר דאָס זאָל זיין דער אָפּהאַלט.

דער פֿאָטער האָט איינגעביסן זיין אונטערשטע ליפּ צווישן די ציין. זיין שפּיץ נאָז איז געוואָרן ווייס: — שלום! איך מוז שוין גיין, כ׳האָב אַ סך צו דערליידיקן — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן.

זי האָט נישט געענטפערט און נישט געפּרוווט אים פאַרהאַלטן.

ער איז צו איר צוגעגאַנגען און איר אונטערגעשטעלט די באַק.

זי האָט אים אַ קוש געטאָן.

— שלום! — האָט ער נאָך אַ מאָל איר אַ זאָג געטאָן און איז אַוועק.

נישט די שכנים אין הויז, נישט חנא דער קרעמער און אויך נישט די שכנים פון אַנטקעגן, ביי וועמען זי איז געווען אַן איינגייערין האָבן באַמערקט אַן ענדערונג אין זייער אויפפירן זיך. קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז עפרוני איז אין יענער נאַכט געקומען שכור אַהיים.

ביידע האָבן אויסגעפירט זייערע טאָג־טעגלעכע פליכטן. זי האָט אים יעדעס מאָל אַרויסגעהאַנגען אַ פרישן, געפּרעסט העמד. ער האָט זי געפרעגט, צי ער זאָל שוין בייטן זיינע זומער־הויזן. אָבער צווישן זיי איז שוין מער נישט געווען די אינטימקייט ווי פריער. ביידע האָבן אין זיך געטראָגן די דעמאָלסטיקע נאַכט־געשעעניש, דאָס דעמאָלט איינציקע אויסגערעדטע וואָרט — חוה.

שוין אַ צייט, ווי עפרוני געפינט זיך אין שטוב. ער שלייכט זיך איבער די צימערן און קאָן זיך נישט געפינען קיין אָרט. ער באַטראַכט די קיך־שענקלעך, צי זיי פאַרמאַכן זיך גוט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פון וויטנס קוקן, צי דער זשיראַנדאָל אין צימער הענגט זיכער. אַ וויילע שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צו די פאָרהאַנגען, זיי צערוקט און אָנגעגלייכט. ער האָט אויך גענומען אין האַנט אַ צייטונג ווי ער זאָל זיך וועלן אַוועקזעצן.

עפרוני האָט זיך געשלייכט איבער די צימערן אָן אַ ציל. ער האָט אָבער געזען אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין שטוב. אילנה האָט זיך געפּאָרעט ביים קינד. ער איז צו זיי צוגעגאַנגען און מיט צוויי פינגער אַ קנאַק געטאָן, דאָס קינד זאָל זען און הערן.

דאָס קינד האָט אים געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

זיינע אויגן זענען מילד געוואָרן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אילנהן און זי אַ פרעג געטאָן: — ווי לאַנג דאַרף מען שפּילן אַ ברוגז?

איר איז ס׳בלוט געקומען אין פּנים אַריין, זי איז בלייך געוואָרן און פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט אָפּגעזיפצט און צוגעטוליעט איר פּנים צום קינד. אירע אַקסלען האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן. זי האָט געשלוכצט. זי האָט באַלד צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זי האָט דאָס קינד אַרומגעוויקלט מיטן האַנטעך און גענומען צו זיך.

זי האָט זיך איינגעקוקט אין עפרונין, ווי זי זאָל אים וועלן דורכשפּיזן און אים געענטפערט: — אָפּגעריסן זיך פון מענטשן, אפילו פון די עלטערן. טעג נישט אַרויס פון שטוב. אַלץ פאַר ליב גענומען, זיך מקריב געווען. זי איז שטיל געבליבן. עס האָט איר אויסגעפעלט אָטעם. זי האָט גערעדט לאַנגזאַם, ווי עס זאָל פון איר אַרויסרעדן, כמעט נישט באַוועגנדיק מיט די ליפּן. זי האָט געטוליעט צו זיך דאָס קינד.

ער איז געשטאַנען ווי אַ פאַרמשפּטער און געקוקט אויף איר מיט אויסגע־גלאָצטע אויגן. ער האָט געשטעלט אַ טריט, געוואָלט צוגיין צו איר.

זי האָט זיך אָפּגערוקט. אירע אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן ווי ביי אַ קאַץ ביינאַכט און זי האָט אים אַ זאָג געטאָן: — זיך מקריב געווען! פאַר וועמען! פאַר דעם מנהיג עפרוני, וואָס האָט אין דערהיים געטראָגן שטיוול מיט ברייטע כאַלעוועס. זי האָט גערעדט מיט פאַרביטערונג און סאַרקאַזם. דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי אַליין האָט זיך געשעמט מיט אירע רייד.

— וואָס רעדסטו? — האָט ער אַ דערשטוינטער אַ שטאָמל געטאָן. ער האָט דערזען פאַר זיך זיין אָמאָליקע היים.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך איינגעקוקט און אים אַ זאָג געטאָן ווי זי זאָל אַרויסוואַרפן פון זיך די ווערטער: — אילנה, די מאַמע פון דיין קינד איז שוין פאַר דיר וויניק. דו האָסט זיך אָפּגעזוכט אַ סעקרעטאַרין וואָס קיינער ווייסט נישט ווער זי איז. אירע אויגן זענען געווען גרויס און פייכט. אַ ביסל שפּע־טער האָט זי מיט אָנשטרענגונג אים אַ פרעג געטאָן: — דיין טאַטע האָט זיך אויך אַזוי געפירט? — זי האָט געוואָלט נאָך רעדן, אָבער עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם.

ער האָט זיין שפּיץ צונג איבערגעפירט איבער די ליפּן און נישט קוקנדיק אויף איר אַ זאָג געטאָן: — איך האָב נישט געוווּסט, אַז אַן אינטעליגענטע פרוי קאָן זיין אַזוי צוריקגעשטאַנען — ער האָט גערעדט געלאַסן און שטיל.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט דערפילט אַ קאָפּשווינדל. אַז זי איז צו זיך געקומען האָט זי טיף אָפּגעזיפצט. זי האָט דאָס קינד איינגעקלאַמערט אין אירע אָרעמס, ווי זי זאָל מורא האָבן, אַז ער וועט עס ביי איר צונעמען. זי האָט אים אָנגעקוקט און אים אַ זאָג געטאָן מיט שׂנאה: — דו גייסט פאַרויס, איך צוריק! דו וועסט פון מיר נישט מאַכן קיין דינסט.

ער האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן און געעפנט די ליפּן ווי עס זאָל אים אויספעלן לופט — ווילסט מיך איבערלאָזן? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן. זיינע אויגן זענען געוואָרן גרויס פון שרעק. ווען יאָ האָט ער נישט געהאַט וווּ צו גיין.

אַ ווײַלע לאַנג האָבן בײדע געשוויגן. די שטילקייט איז פאַר בײדן געווען אימהדיק, יעדע רגע איז פאַר זײ געווען אַן אייביקייט. זײַן אָנגעשוואָלענער שטערן האָט געפלאַמט. ער איז צו איר צוגעגאַנגען און אַרויפגעלייגט אויף איר אַ האַנט און זײַן קאָפּ צוגעלייגט צום קינדס קעפּל.

אַ צײַט לאַנג איז זי געשטאַנען און געאָטעמט שווער. איר שטערן איז געווען צעקנייטשט, ווי ער זאָל זײַן געריִנצלט. אירע אויגן זענען געווען שטאַר, איר פּנים האָט כסדר געביטן די קאָלירן. אַמאָל איז זי געווען גרין, אַ מאָל ווײַס. איצט האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט אַ זאָג געטאָן: — קום עסן — ווי עס זאָל צווישן זײ גאָרנישט האָבן פּאַרגעקומען.

די אײנציקע מענטשן, מיט וועמען אילנה האָט זיך יאָ געטראָפן, זענען געווען די בנימיניס, אירע שכנים פון קעגנאיבער. פּנחס דער שכן איז אַ געבילדעטער מענטש. מיט מרימען זײַן ווײַב האַלט זי זיך נאָענט. פּנחס ברענגט כסדר אילנהן אַ בוך אָדער אַ זשורנאַל צום לייענען. ער גײט קיין מאָל נישט אַרײַן צו איר אין שטוב. ער קלאַפּט נאָר אָן. לויטן קלאַפּ ווייסט זי אַז דאָס איז ער און זי עפנט אים. זײער באַגריסונג איז אַ האַרציקע. אײנער פרעגט דעם אַנדערן: — ווי גײט עס דיר? וואָס מאַכט די משפּחה? ער גיט איר אַ נײַע זאַך צום לייענען. זי גיט אים צוריק עטלעכע אָנגעקליבענע זשורנאַלן. אין דער אָפענער טיר רעדן זײ זיך געדרן אַדורך וועגן אינהאַלט פון אַ בוך, וועגן דעם שרײַבערס סטיל און צוגאַנג צום לעבן. אילנה וויל נישט אַז מרים זאָל האָבן דעם מינדסטן חשד.

זײ געזעגענען זיך האַרציק. ער פאַרבעט זי ווידער און ווידער זי זאָל זײ באַזוכן. זײער שלום! שלום! הילכט אינעם טרעפּן־צימער ביז זײ פאַרמאַכן הינטער זיך די טירן.

מרים האָט קײלעכיקע באַקן. איר קערפּער ווערט כסדר פולער. זי האַלט זיך מיט אילנהן נאָענט, מיט דער געבילדעטער פרוי, מיט וועלכער איר מאַן דער אַדוואָקאַט האָט אַ געמײנזאַמע שפּראַך.

אײנע כאַפּט גערן זיך אַרײַן צו דער אַנדערער, איבערהויפּט אין די מיטאָג־שעהן, ווען זײערע מענער זענען בײַ דער אַרבעט און די קינדער שלאָפן. אײנע ברענגט דער אַנדערער פאַרזוכן אַ געקעכטס אָדער געבעקס. אילנה האָט ליב טועם זײַן פון מרימס געזאַלצענע מאכלים, וואָס זי אַליין מאַכט נישט. אילנה ברענגט איר אַ פלאָדן וואָס מרים ווייסט נישט ווי צו מאַכן. מרים גײט אָפט אין גאַס אַרײַן. זי דערציילט אילנהן ווו און וואָס פאַראַ שטאָפן מען קאָן קויפן, ווו עס זענען פאַראַן שײנע שיך, ווו עס האָט זיך געעפנט אַ נײַ קליידער־געשעפט, וועלכע פרײַזיערקע איז צוריקגעקומען פון פּאַריז און קעמט לויט דער לעצטער מאָדע. מרים קאָן זיך נישט דערלויבן קויפן די אַלע שײנע זאַכן, אָבער זי האָט זײ ליב צו זען.

אילנהן אינטערעסירן נישט די ענינים, אָבער זי הערט זיך צו נײַגעריק צו מרימס באַריכטן. דאָס איז איר אײנציקער קאָנטאַקט מיט דער גאַס, אויף וועלכער זי איז שוין לאַנג נישט געווען. אָפט, ווען מרים גײט אין גאַס, לאָזט זי בײַ אילנהן

איר טאַכטער. אילנה האָט ליב די קליינע חגית — דאָס מיידעלע וואָס לאַכט אַזוי האַרציק און אַזוי תמימותדיק מיט אירע בלויע קינדערישע אויגן. זי איז אויך צופרידן וואָס חגית שפּילט זיך דעמאָלט מיט איר טעכטערל.

אילנה האָט גערן געהאַט די געשפּרעכן מיט פּנחסן. ווען עפרוני איז געווען באַשעפטיקט מיט זיינע ענינים און זי האָט זיך געפילט עלנט, איז זי געגאַנגען זיך אַדורכשמועסן מיטן שכן. די שמועסן מיט אים האָבן איר געהאָלפן בלייבן אויף איר קולטורעלן ניוואָ. זי איז אים דערפאַר געווען דאַנקבאַר. נאָך דעם געשעעניש מיט איר מאַן, פלעגט זי ביינאַכט ווען די טאָכטער איז געשלאָפן, אַריינקומען אָפטער צו די בנימיניס. זי איז געווען אַליין אין אירע גרויסע צימערן. זי האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו גאָרנישט. זי האָט אַפילו נישט געענדיקט לייענען אַ בוך, האָט איבערגעהיפּערט בלעטער, געוואָלט וואָס שנעלער ענדיקן דאָס בוך. זי האָט געוואָלט רעדן מיט מענטשן, געדאַרפט זיך אַראָפּרעדן און געמוזט שווייגן.

דעם לעצטן זונטיק אין אָוונט איז אילנה געווען צו גאַסט ביי די בנימיניס. עפרוני האָט אייליק אויפגעגעסן ס׳מיטאָג און אָנגעזאָגט אילנהן זי זאָל אויף אים נישט וואַרטן. ער פאַרט קיין עפולה אויף אַ וויכטיקער זיצונג וואָס וועט זיך זיכער פאַרציען ביז שפּעט. זי אַ פאַרזאָרגטע האָט איינגעשלעפערט ס׳קינד און איז אַוועק צו די בנימיניס.

אין דרויסן האָט געוואָיעט דער ווינט. אילנה איז געזעסן אויף דער סאָפע ביי די שכנים. איר אַנטקעגן איז געזעסן פּנחס. אין דער טיר פונעם האַלבן צימער וואָס איז געווען דעם קינדס חדר איז געשטאַנען מרים ביי אַ פּרעס־ברעט און געפּרעסט וועש.

אילנהס שוואַרצער, גרוי־געקעסטלטער שאַל פון אַנגאָראַ־וואָל איז איר אַראָפּגעהאָנגען פון איין אַקסל, ווי ער זאָל זיך איר נאָכשלעפּן. די איינזאַמקייט וואָס האָט איר באַהערשט, ווען דאָס קינד איז איינגעשלאָפן האָט זי שוין געהאַט אָפּגעלאָזט. דער שמועס מיט די שכנים, די שטוב־סביבה האָבן זי באַרויקט.

אויפן טיש איז געלעגן אַ גרויער בונט־געשטיקטער „לויפער״. מרים האָט אַליין אים אויסגעשטיקט. איבער דער לענג פון „לויפער״ איז געשטאַנען אַ בלוי גלעזערן שיסעלע מיט געזאַלצענע ערדניסלעך, אַ טיף, גלעזערן טעצל מיט ראָזשינקעס און אַן עמאַיל־שיסל אויף די שאָלן. די צוויי לאָמפּן אונטערן קאָלירטן פלאַכן פּאַפּירענעם אַבאַזשור האָבן העל באַלויכטן דאָס צימער. דער אָפּשיין האָט זיך אָפּגעשטעלט אינעם האַלבן צימער ווו חגית איז געשלאָפן. ווען זיי האָבן איבערגעריסן זייער געשפּרעך האָט מען געהערט דעם גאַנג פונעם וועקזייגער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער ביכערשאַנק.

וואָס צו רעדן האָט זיי נישט געפעלט. זיי האָבן זיך שוין עטלעכע טעג נישט געזען. דעם שמועס האָט געפירט פּנחס. אילנה איז געקומען הערן זיינע איינדרוקן פון זייער נעכטיקן מוצאי־שבת־שפּאַציר אין שטאָט.

— מרים האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אונדזער חגית איז געשלאָפן און אייך

נישט געשטערט. איר האָט נאָר געהאַט אַרבעט צו גיין זען, צי זי וועקט זיך נישט איבער — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן מיט דאַנקבאַרקייט און צו איר געשמייכלט.

— זי האָט מיר בכלל נישט געשטערט. דאָס גיין זען, צי זי שלאָפט האָט מיך געהאַלטן וואַך — האָט זי אים פאַרזיכערט — איך האָב אויך געלייענט דעם „טיימ״ וואָס איר האָט מיר געגעבן — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן. זי האָט געוואָלט ער זאָל איר גלויבן און נישט מיינען, אַז עס איז איר געווען אומעטיק אַליין.

ער האָט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט.

— מיר האָבן שפּאַצירט, געקוקט און געזען אַ סך, אָבער ס׳נישט געווען באַזונדערס אינטערעסאַנט — האָט ער איר דערציילט.

— דאָך האָט איר פאַרברענגט און געזען — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן מיט קנאה, אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט.

ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנטפלאַך אויפן טיש. אַ ווײַלע האָט ער איר צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל איר צוגעבן גערעכט און ער האָט פאַרגעזעצט:

— שפּאַצירנדיק איבער דער ים־פּראָמענאַדע האָבן מיר דערזען אַז אין איינעם פון די דאָרטיקע קאַפעען איז פאַראַן אַ בילדער־אויסשטעלונג. מיר זענען אַריין קוקן. נישט געווען וואָס צו זען. איינער אייכער שטעלט דאָרט אויס, אַ יידישער מאָלער פון דייטשלאַנד. נישטאָ קיין קאָמפּאָזיציע און נישט קיין אינהאַלט, אָן אויסדרוק און כאַראַקטער, נאָר אָנגעוואָרפענע, קאַלטע, שווערע פאַרבנפלעקן, וואָס באַווירקן נישט דעם מענטש. ווו שוין יאָ פאַראַן אַ געשטאַלט איז זי אויבער־פלעכלעך ווי אַ פּלאַקאַט.

— איך מייד אויס די אַלע אויסשטעלונגען. איך וויל אין דער קונסט זען זיך, מיינע פעלדער, אונדזערע בערג, די מענטשן אַרום מיר און די פאַרבן אונטער אונדזער זון — האָט זי אים דערקלערט.

— מען דאַרף זיך נישט אָפּגרענעצן — האָט ער איר געענטפערט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער שטיל צוגעגעבן ווי ער זאָל רעדן צו זיך: — די אייראָפּעער ווילן אונדז מאָדערניזירן. איצט האָט ער צוגערוקט צו איר נענטער דאָס שיסעלע מיט די ערדניסלעך און איר אַ זאָג געטאָן: — ביטע!

זי האָט גענומען אַ ניסל און עס אַ ווײַלע געהאַלטן צווישן צוויי פינגער, עס אָפּגעשיילט.

— פון דאָרט זענען מיר אַוועק אין קאַפע — האָט ער ווייטער איר דערציילט.

מרים האָט נישט אָנטייל גענומען אינעם שמועס. איצט האָט זי אַ נעם געטאָן דאָס פּרעסאײַזן אין האַנט, דאָס שטיקל געפּרעסטע וועש זאָל נישט צוברענען און האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו אילנהן:

— אַרויסגעוואָרפן געלט. די טיי איז געווען קאַלט, דער קוכן אַלט.

— אוודאי איז דיין געבעקס געשמאַקער — האָט פּנחס איר געענטפערט און מיט הנאה אַ קוק געטאָן אויפן ווײַב, די בעל־הביתטע.

— וואָס יאָ? איך האָב זיך דערמאָנט אין די מיידל־יאָרן ווען איך בין געגאַנגען

מיט די חברטעס איבער די קאַפּעען זען מענטשן — האָט מרים צוגעגעבן און געפּרעסט ווייטער.

— יעדער קאַפּע האָט זיין כאַראַקטער און זיינע געסט. פון מאָל צו מאָל איז גוט, אַז מען טרעפט זיך מיט אַ סך מענטשן — האָט אילנה איר געענטפערט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אילנהן פון דער זייט און אַ שאָקל געטאָן איר מיטן קאָפּ, אַז ער איז מיט איר מסכים.

— פון דאָרט זענען מיר אַוועק אין טעאַטער — האָט ער אַ זאָג געטאָן אילנהן און אַ קוק געטאָן אויפן ווייב.

— אָה! אָה! אָה! איר האָט געמאַכט אַ לעבן! — האָט אילנה אַ דערשטוינטע געזאָגט. אין אירע רייד איז ווידער געווען קנאה און באַליידיקונג אויף זיך אַליין.

— איך האָב אַזוי פיל געלייענט און געהערט וועגן דער פאָרשטעלונג אין „בי־באַ־באָ", האָב איך געוואָלט זען וועגן וואָס מענטשן רעדן — האָט ער זיך ווי פאַרטיידיקט.

— וואָס קאָן שוין געבן אַ קליינקונסט־טעאַטער — האָט אילנה אים אַ פרעג געטאָן.

מרים האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אַ ווענד געטאָן צו אילנהן: — איך האָב געלאַכט אָן אויפהער. די אַרטיסטן זינגען שיין און שטעלן פאָר אונדזער לעבן, ווי צוויי יידן האַלטן שמירה, ווי נייע עולים גייען איבער די גאַסן און קוקן ווי יידן צאָלן כופר הישוב און ווי אונדזער „היי־לייף" (די הויכע געזעלשאַפט) הייבט אָן שפּילן אַ ראָל אין לאַנד.

אילנה האָט אַ שמייכל געטאָן. מרימס רייד האָבן איר הנאה געטאָן.

— אויב נישט אַ טעאַטער מיט גוטע אַרטיסטן און אינהאַלט איז גוט אַ טעאַטער ווו מען לאַכט פון זיך אַליין — האָט פּנחס געזאָגט אילנהן.

אילנה האָט אַ שמייכל געטאָן. זי האָט פאַרשטאַנען אַז ער פאַרטיידיקט זיין ווייב.

נישט זאָגנדיק קיין וואָרט האָט פּנחס זיך איבערגעבויגן און אויסגעשטרעקט די האַנט אילנהן. ער האָט שוין געוווסט איר פאַרלאַנג.

זי האָט אים געגעבן דעם שליסל און ער איז אַוועק.

אילנה האָט אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט. ער האָט די טירן איבערגעלאָזט נאָר צוגעלענט.

— מאָרגן גיי איך קויפן וועש חגיתן. זי איז פון אַלץ אויסגעוואַקסן. אירע בגדים וועל איך אַוועקלייגן — האָט מרים אין צווישן איבערגעגעבן.

פּנחס איז צוריקגעקומען — זי וועקט זיך אין שלאָף — האָט ער אַ זאָג געטאָן אילנהן שוין אויף דער שוועל.

אילנה איז אויפגעשפּרונגען: — אַ גוטע נאַכט! — האָט זי איילִיק אַ זאָג געטאָן און שנעל געגאַנגען אַהיים.

— אַ מנוחהדיקע נאַכט — האָט מרים איר נאָכגעשריגן.

פּנחס האָט צוגעפירט אילנהן ביז דער טיר. אַז זי האָט אויפגעשלאָסן און אָנגע־

צונדן ס׳ליכט אין קאָרידאָר האָט זי פון דער אָפענער טיר אַרויס אים אַ זאָג געטאָן — אַ גוטע נאַכט.

ער האָט דעליקאַט אַ דריק געטאָן איר עלנבויגן.

זי איז אַריבער די שוועל און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

כ

עפּרונין האָט נישט געשטערט די אָנגעשטרענגטע שטימונג ביי אים אין שטוב. אים איז נישט געווען נויטיק אילנהס ליבע. זי איז געווען זיין ווייב, די מאַמע פון זיין קינד, די פרוי וואָס פאַרזאָרגט די משפחה. ער האָט זיך באַמיט דער טאָג אין שטוב זאָל אַדורך שטיל. ער האָט אויפגעפּאַסט אילנה זאָל זיך מיט אים נישט איבערוועטלען, פאָרוואַרפן אים זיין באַנעמען זיך צו איר. אַלץ אַרום איז אים געווען נאָר אויף אַזוי פיל וויכטיק, אויף וויפל עס האָט אים געהאָלפן דערגרייכן נאָך אַ שטאַפל אין זיין קאַריערע.

איינע פון זיינע דערגרייכונגען זענען געווען די פרויען. נאָענטע פריינדשאַפט מיט זיי איז ביי אים געווען אַ ציל פאַר זיך. ער האָט געהאַט דערפאָלג ביי פרויען. ער איז איצט געווען נאָך שטאַרקער און נאָך שענער. זיין פּנים איז געווען אויסגערוט. זיינע האָר פאַרקעמט אויף אַרויף, האָבן ווי פאַרגרעסערט זיין גלאַטן שטערן. נאָר זיין בליק איז געווען דורכדרינגענדיק און אומרויִק. זיינע פליישיקע ליפּן זענען געווען פול מיט תאווה.

אין באַנעמען זיך איז ער געווען צוריקגעהאַלטן. ער האָט געוווּסט ווען צו שווייגן. ער האָט קיין מאָל נישט געהערט, ווען ער האָט נישט געוואָלט, בעת אַ פרוי האָט זיך צו אים געוואָנדן. ער האָט געוווּסט ווען אויף איר אַ קוק טאָן פון דער זייט, זי זאָל זען, אַז זי אינטערעסירט אים. ער האָט געוווּסט ווען זיך איינצוקוקן אין דער פרוי, זי אַדורכנעמען מיטן בליק זי זאָל זיך פאַרלירן. דערנאָך האָט ער זיך צו איר געוואָנדן ציניש, ווי ער זאָל פון איר אָפּלאַכן. קיין איינע פון זיינע פרויען, האָט אין אים נישט דערוועקט קיין געפיל. יעדע פון זיי האָט נאָר באַפרידיקט זיין יצר און צוגעגעבן נאָך אַ שטאַפל צו זיין קאַריערע.

יעדע פרוי צו וועלכער ער האָט זיך דערנענטערט, האָט געמוזט האָבן אין דער געזעלשאַפט אַ גרעסערן אָנזען ווי ער. זיין לעצטע באַקאַנטשאַפט איז געווען מלכה. זי איז געווען אַ פרוי שוין ביי די פערציק. זי איז געווען עלטער פון אים. זי האָט אין דייטשלאַנד געמאַכט סטאַזש ביי אַן אַדוואָקאַט און געווען לינק געשטימט. אויך דאָ אין לאַנד איז זי געווען טעטיק אין דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי. זי האָט געאַרבעט אין דער „העברה״.

מיט עפּרונין האָט זי זיך כסדר געטראָפן אויף זיצונגען און פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען. ער האָט געוווּסט ווער די קליינע, שלאַנקע פרוי איז. זי האָט געהאַט אַ

שמאָל פּנים, גרויסע, גרויע אויגן, דיקע ווייס, אַ קורצע פּאַרריסענע נאָז און געדיכטע אין אַ קאָקס פּאַרקעמטע, רויטע האָר. זי האָט אויסגעזען ווי אַ געשניצטע פיגור. אירע פּאַמעלעכע טריט און די לאַנגזאַמע ווי ביי אַ יאַפּאַנערין באַוועגונגען האָבן אים אַ לענגערע צייט גערייצט. ער האָט אָבער מורא געהאַט צו ריזיקירן.

זינט אָבער זיי ביידע זענען באַשטימט געוואָרן, אַז זיי זאָלן דערגענצן דעם רעגיסטער פון די פּאַרטיי־חברים האָט ער זיך מיט איר כסדר געטראָפן. זיי האָבן צוגעשריבן די נייע חברים, אויסגעשטראָכן די געשטאָרבענע און פאַרשריבן די אַדרעסן־ענדערונגען.

זיי האָבן זיך שוין אויך געטראָפן עטלעכע מאָל אין קאַפע. ער פלעגט זי אויך טעלעפאָניש איינלאַדן אויף אַ באַגעגעניש, אפילו ווען עס איז נישט נויטיק געווען. ער האָט איר געוויזן אַ צעטל, אָדער אַ בריוול וואָס ער האָט דערהאַלטן און באַלד זי פּאַרבעטן אין קאַפע. זייער באַציִונג איז געווען אַ חברישע. ער האָט שוין געוווּסט וויפל זי פאַרדינט, ווו זי וווינט, אַז איר מאַן שטאַמט פון ריגע, אַז ער איז אַן אַפּטיקער און אַרבעט ביי יענעם, אַז זיי האָבן צוויי טעכטער מירה און נירה, וואָס דערציִען זיך אין קיבוץ.

זי האָט געוווּסט וואָס ער האָט איר דערציילט: אַז זיין משפּחה שטאַמט פון רוסלאַנד. נאָך דער רעוואָלוציע זענען זיי אַוועק קיין פּוילן ווו דער פאָטער האָט געקויפט ערד און אַ ביר־ברויערײַ. דער פאָטער האָט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל פאָרן קיין וואַרשע שטודירן, אָבער אים איז אַלץ נמאס געוואָרן און ער איז געקומען זיין אַ חלוץ, בויען ס׳לאַנד.

זי, די קליינע אָבער ענערגישע און געבילדעטע פרוי פון דער גרויסער וועלט, האָט אים געלאָקט. איר באַנעמען זיך און רעדן, איר שטאַרער בליק האָבן אים אפילו לעצטנס באַאומרויִקט. ער האָט די קליינע פרוי געוואָלט האַלטן אין די אָרעמס. ער איז מיט איר יעדעס מאָל געגאַנגען אין אַן אַנדער קאַפע, באַקאַנטע זאָלן זיי נישט טרעפן. ער האָט כסדר געגעבן איר אָנצוהערן, אַז אין די קאַפעען איז נישטאָ קיין אינטימקייט. זי האָט געזען און געפילט אויף זיך זיין גלִיענדיקן בליק. זי האָט פאַרשטאַנען צו וואָס ער צילט מיט זיינע רייד, אָבער זי האָט זיך נישט דעצידירט.

אין אַ נאָכמיטאָג האָבן זיי זיך געטראָפן אין דער פּאַרטיי. זיי האָבן געהאַט זיך אָפּגערעדט, אַז זיי קומען גלייך פון דער אַרבעט און פאַרענדיקן דעם רעגיסטער פון די חברים אין גליל. ער האָט געוואַרט אויף איר ביים טויער.

— מיר פאָרן אַהיים. ער האָט איר נישט געזאָגט, אין וועלכער היים.

— מען קאָן נישט אַרבעטן, מען קאַלכט די ווענט — האָט ער איר צו וויסן געגעבן אַ צופרידענער.

אַן אַנטוישטע האָט זי אויסגעדעמט די ליפּן.

ער האָט איר געעפנט די טיר: — פּליס (ביטע) — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט זי אַרייַנגעבעטן אין אויטאָ.

זי האָט אים געפאָלגט.

זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און געלאָזט די מאַשין. אין צווישן האָט ער זיך אויסגעלערנט פירן דעם אויטאָ. ווען ער האָט געדאַרפט דערליידיקן אינטימע ענינים האָט ער אַליין געפירט דעם אויטאָ.

ער איז געפאָרן מיט זייטיקע גאַסן. ער האָט אָנגעלייגט וועג, אַז די מענטשן וואָס קענען אים זאָלן נישט זען וואוהין ער פאָרט. דעם גאַנצן וועג האָבן ביידע געשוויגן. ער איז אַפילו געווען אָנגעשטרענגט, און נישט געהאַט קיין גלייכגעוויכט אין די הענט. ער האָט דעם רודער געדרייט אויף רעכטס און לינקס, דער אויטאָ זאָל נישט אַרויס פון דער קאָלע.

ביים סוף פון דער גאַס ווו זי האָט זיך צונויפגעטראָפן מיטן געסל ווו זי האָט געוווינט, אין ווינקל, האָט ער פאַרהאַלטן די מאַשין. ער האָט איר געעפנט די טיר און ער איז אויסגעשטיגן פון דער צווייטער זייט.

זי האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

ער האָט זי אָנגענומען ביים עלנבויגן, ווי ער זאָל נישט האָבן באַמערקט איר אויסגעשטרעקטע האַנט און זי לייכט אַ שטופּ געטאָן זי זאָל גיין פאָרויס. זי האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט און געגומען גיין ווי זי זאָל זיך דערווייטערן פון אים.

ער איז איר אָבער נאָכגעגאַנגען מיט אַן אויסגעצויגענעם שריט.

זי האָט איילִיק אויפגעשלאָסן און אָפּגעלענט די טיר. זי האָט אים אַ זאָג געטאָן שלום! און נישט אומקוקנדיק זיך אויף אים איז זי אַריבער די שוועל.

ער האָט אַריינגעשטעלט אַ פוס אין דער טיר־עפענונג זי זאָל אים נישט פאַר־מאַכן די טיר פאַר דער נאָז.

זי האָט מיט ביידע הענט געפּרווט פאַרמאַכן די טיר.

ער האָט מיט כוח צוריק אָפּגעשטופּט די טיר.

זי האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. אירע אויגן זענען געווען גרויס פון איבער־ראַשונג.

ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און אַראָפּגעלאָזט דאָס צינגל פונעם קלאַפּשלאָס. ער האָט זיך איינגעקוקט אין חלל פון דער דירה. ער האָט געוואָלט זען ווו ער געפינט זיך.

מלכה מיט איר מאַן האָבן געוווינט אויף אַ פּאַרטער. די פענצטער־לאָדנס זענען געווען פאַרמאַכט. אין די חדרים איז געווען האַלב טונקל. די טאָגשיין וואָס האָט זיך געשפּאַרט דורך די לאָדן־שפּאַרעס איז געווען גרוי. נאָר די מעבל־קאָנטורן זענען געווען דייטלעך.

זי איז צוגעלאָפן, געוואָלט עפענען די פענצטער־לאָדן.

ער האָט איר נאָכגעשפּאַנט און פון הינטערווייַלעכץ זי אַרומגענומען, ווי ער זאָל איר אַרונטערדרייען די הענט.

זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, געוואָלט זיך ווערן.

ער האָט איבערגעלייגט זיין גרויסן קאָפּ איבער איר. זיינע ליפּן האָבן אַ נאָג געטאָן איר הויטווייכקייט פון איר אויסגעשטרעקטן האַלדז.

ער האָט כסדר געזוכט נייע באַקאַנטשאַפטן מיט פרויען פון דער געזעלשאַפט. ער האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין שום פלירט אָדער שמועס. דאָס איז שוין ביי אים געווען אַ מין האַזאַרד, וואָס האָט אים געגעבן די זיכערקייט, אַז ער קאָן זיך טרעפן מיט יעדער פרוי, אָבער זיין יצר איז איצט געווען מלכה. איר האָט ער געשענקט זיין פרייע צייט.

אויך מלכה איז אַ סך מאָל נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. זי איז געבליבן אין שטוב אויף אים וואַרטן. זי פלעגט די הענט זיי זאָלן זיין ווייך. זי שמירט דאָס פּנים עס זאָל זיין גלאַטיק און פאַרבט די ליפּן. זי טראָגט לענגלעכע אויסגעפּאַסטע קליידער וועלכע באַווייזן איר שלאַנקייט און זי זעט אויס אין זיי גרעסער. אירע קליידער זענען העל־פאַרביקע, די רויטקייט פון אירע האָר זאָל זיך אין זיי אָפּשלאָגן. זי ווייסט ווען ער געפינט זיך אין ביוראָ און זי קלינגט צו אים. זי האָט אויך עטלעכע מאָל געקלונגען צו אים אַהיים. זי האָט געפרעגט, צי מען קאָן מיט אים רעדן, אָבער זי האָט נאָר געוואָלט הערן דאָס קול פון זיין ווייב. נאָך עטלעכע מאָל קלינגען האָט אילנה דערקענט די זעלבע שטימע. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די פראַגע איז נאָר אַן אויסרייד. דאָס לעצטע מאָל אַז זי האָט געקלונגען האָט אילנה איר געענטפערט אַראָגאַנט: קלינגט צו אים אין ביוראָ און נישט אין שטוב.

אָפט אַז ער האָט געדאַרפט פאָרן אַ וויטן וועג און מלכה איז געווען גרייט, האָט ער באַפרייט דעם שאָפער און זי מיטגענומען. ביז ער האָט דערלעדיקט זיינע ענינים האָט זי געוואַרט אויף אים אין אַ קאַפע. אויך אין שטאָט האָבן זיי זיך אָפט געטראָפן. זיי זענען געגאַנגען אין קינאָ, אָבער די בילעטן האָבן זיי פאַרזאָרגט פריער און געקומען איז יעדער באַזונדער. אין זאַל זענען זיי געזעסן צוזאַמען.

ביינאַכט האָבן זיי שפּאַצירט אין די ווייטע ליידיקע שטאָטגאַסן. די פינצטער־ניש האָט זיי פאַרשטעלט. זיי זענען אָפט געגאַנגען צוזאַמען עסן, אָבער נאָר אין די אָוונטן, יעדעס מאָל אויף אַן אַנדער אָרט. אַז זיי האָבן באַשלאָסן גיין עסן צוזאַ־מען בייטאָג זענען זיי אַוועק צו רויזען. רויזע איז געווען אַ הויכע, פליישיקע פרוי מיט צעוואַקסענע אברים. זי האָט געהאַט לאַנגע, רויטע באַקן און דיקע אַרומגע־בונדענע פיס.

איר רעסטאָראַן איז געווען קליין ווי אַ קראָם. דאָרט איז געווען אַ גאַזאָז־שטאַנד, דריי טישלעך מיט בענקלעך צו זיצן און אַ שמאָלע פּאָליצע מיט פלעשלעך געטראַנקען. זי האָט געקאָכט ווי ביי זיי אויף די „קרעסן". עפרוני האָט ליב געהאַט אירע מאַכלים. מלכהן האָבן זיי אויך געשמעקט. ווען רויזע האָט זיי פאַר־געשלאָגן אַ מאכל האָט מלכה זי אַ פרעג געטאָן מיט שפּאַס: — אויך אַ יידיש עסן?

רויזע האָט איר אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן. אירע לאַנגע, רויטע באַקן האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן ווי זיי זאָלן זיך טרייסלען.

עפרוני האָט נישט אָנטייל גענומען אין זייער געשפּרעך. ער איז געזעסן אַ

שטייפער. דאָ האָט זי קיינער נישט געקענט אָבער גלייך פון אָנהייב, ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן אַהערקומען, האָט ער אַ זאָג געטאָן רויזען: — בעל־הביתטע, איר זעט נישט און פרעגט נישט.

זי האָט איבערגעלייגט אַ פינגער איבער אירע דיקע ליפּן און אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. אירע בלויע וואַסער־אויגן האָבן געשמייכלט.

ער איז גערן געקומען צו מלכהן ווען זי איז געווען אַליין. ביי איר אין שטוב איז ער געווען זיכער. ביי איר אין הויז איז די שטימונג געווען אַנדערש ווי ביי אים אין דער היים. ער האָט גערן געהאַט, אַז דאָס ליכט ביי איר אין צימער איז געווען פאַרטונקלט, אַז די פענצטער־לאָדנס זענען געווען צוגעלענט. אים איז געפעלן דער אָנגעצונדענער שטיילאָמפּ וואָס האָט געשפּרייט אַרום זיך אַ מילדע שיין, די ברייטע ווינקל־סאָפע מיטן קיילעכיקן, גלעזערנעם טיש וואָס האָט אויסגעפּילט דעם האַלבראָנד ביי דער סאָפע. ער האָט גערן געהאַט זיך אויסציִען אויף דער סאָפע. דעמאָלט האָט זי אים לויזער געמאַכט דעם קראַוואַט, אים אויפגעקנעפּלט דעם קאָלנער פון העמד און אים אויסגעטאָן די שיך. זי האָט אים צוגעווינט טרינקען קאַווע. ער האָט געקאָנט מיט איר זיצן ווי לאַנג ביי אַ שאָל קאַווע און שווייגן און איינזאַפּן אין זיך דעם קאַווע־ריח.

פון מאָל צו מאָל האָט זי אים אויך פאַרבעטן צו אָונטבברויט, אָדער אויף אַ שאָל קאַווע, ווען דער מאַן איז געווען אין שטוב. זי האָט אים באַקענט מיט אהרנען איר מאַן באַלד ווען ער האָט אָנגעהויבן צו איר אַריינגיין. זי האָט געוואָלט איר מאַן זאָל וויסן וועגן איר קאַנטשאַפט. זי האָט געוואָלט עפרוני זאָל זיין מיט זיי צוזאַמען. זיי זענען טאַקע אָפט געפאָרן אין דרייען שפּאַצירן אין עפרוניס אויטאָ.

בדרך כלל זענען זיי געפאָרן אויסער דער שטאָט. אהרן איז געזעסן פון הינטן, זי נעבן עפרונין. אָפט איז איר קאָפּ געלעגן אָנגעלענט אויף זיין אַקסל. גאַנץ אָפט האָט עפרוני זיי אַריינגעבעטן אין אַ קאַפע אָדער רעסטאָראַן. ער האָט מלכהן אָפּגעדינט פאַר דער גאַסטפריינדשאַפט. פאַר אהרנען האָט ער זיך געשטעלט ווי אַ גרויסער, חשובער באַאַמטער און פּאַרטיי־חבר.

אהרן איז געווען פריינדלעך צו אים, אָבער ער איז מיט אים נישט געווען נאָענט. ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין אויבערפלעכלעכע געשפּרעכן. אין דער פרייער צייט האָט אהרן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ בוך און שטודירט די פילאָזאָפן.

דעם לעצטן נאָכמיטאָג, ווען זיי האָבן אין דרייען געענדיקט טרינקען קאַווע, האָט עפרוני אויסגעצויגן די פיס ווי ער זאָל זיי אַרונטערשטופּן אונטערן נידעריקן טיש. ער האָט פאַרלייגט אין אָרעם איבערן אַנדערן, ווי ער זאָל זיך אַרומנעמען: — מען האָט גענומען פאַרגרעסערן די ים־המלח־אונטערנעמונג. עס וועט דאָרט זיין אַרבעט פאַר אַ סך יידן — האָט ער זיי צו וויסן געטאָן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיי פון דער זייט, געוואָלט זען אויף זיי דעם איינדרוק פון זיינע נייעס. ער האָט געוואָלט מענטשן זאָלן מיינען, אַז ער ווייסט מער ווי זיי.

— מלכה, אפשר פאַר איך אַהין אַרבעטן — האָט אהרן זיך אַ ווענד געטאָן צו איר.

זי האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל.

אהרן האָט איינגעבויגן די הענט, פאַרביילט די פויסטן און אויסגעשטרעקט דעם ברוסטקאַסטן. ער האָט איר געוויזן, אַז ער איז שטאַרק.

— קוק אָן מיין גבור! — האָט עפרוני ציניש אים אַ זאָג געטאָן און שטיל אַ לאַך געטאָן ווי ער זאָל זיך קרעקן.

אהרן איז געווען דאַר, נישט הויך און געהאַט אַ קנאַכיק פּנים. זיין נאָז איז געווען דין, זיינע ברעמען גערדיכטע. ער האָט געהאַט שוואַרצע האָר, אָבער נאָר איין האַלבער קאָפּ פון הינטן איז געווען באַוואַקסן. זיין שטערן איז געווען הויך און גרויס.

מלכה האָט אויסגעגליכן דאָס סערוועטל אויפן טיש און אויך איבערגערוקט פון אויפרעגונג אַ ליידיקע שאָל. עס האָט איר פאַרדראָסן פאַר וואָס עפרוני לאַכט פון איר מאַן, אָבער זי האָט אים פאַרשוויגן.

עפרוני האָט כסדר זיך געאיילט ווי ער זאָל נישט האָבן קיין צייט. דאָס איז געווען ביי אים אויסגערעכנט. ער האָט געוואָלט מענטשן זאָלן זען, אַז ער איז באַשעפטיקט. ער אַליין האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אַלע זיינע באַקאַנטע ווייסן וועגן זיינע אַוואַנטורעס. יעדעס מאָל, ווען ווער פון זיינע באַקאַנטע האָט אים אַ שמייכל געטאָן, אים אַ זאָג געטאָן: — ביסט פאַרנומען — און אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט עס אָנגענומען אַלס אַ פאַרוואורף פאַר זיין אויפפירונג.

ס'האָבן אים באַאומרויִקט צוויי זאַכן: זיין באַקאַנטשאַפט מיט מלכהן זאָל נישט דערגיין צו אילנהן און אַז חוה זיין סעקרעטאַרין זאָל זיך נישט נוקם זיין אין אים.

ביי חוהן אין שטוב איז ער שוין נישט געווען אַ לענגערע צייט. ווען ער קומט אין ביוראָ זאָגט ער פון דער ווייטנס אַ געצוווּנגענעם שלום — און גייט ווייטער.

חוה איז מיט אים איצט אָפיציעל. זי טראָגט אים אַריין און לייגט פאַר אים אַוועק די אַקטן און בריוו. אפילו ווער עס האָט צו אים געקלונגען און מיט וועמען ער דאַרף זיך טרעפן, גיט זי אים איבער שריפטלעך. זי שווייגט און קוקט נישט אויף אים. זי פאַרגעסט אָפּט אים אויך דערלאַנגען אַ גלאָז קאַווע. ווען ער בלייבט לענגער אין ביוראָ, וויל זי מיט אים נישט בלייבן. זי גייט אַריין צו אַ חברטע אין אַ דערבייִיק צימער און זעצט דאָרט פאָר איר אַרבעט. זי האַסט אים און זי היט זיך, אַז צווישן זיי זאָל נישט קומען צו אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זי אים אַריינגעטראָגן אַ גלאָז קאַווע. ער איז געשטאַנען ביים פענצטער און געקוקט ווי טויבן שפּאַצירן אויפן דערבייִיקן דאַך. ער האָט זיך צו איר אויסגעדרייט, ווען זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז אויפן טיש. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט, ווי אַ קינד און זיך אין איר איינגעקוקט. ער האָט געוואָלט זי מפייס זיין.

— לאָז מיך אָפּ! — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן, ווי זי זאָל וואָרטשען.

— שוין! אַלץ אויס? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן און געפּרוּווט שמייכלען.

זי האָט מיט כוח אַ צי געטאָן איר האַנט, זיך באַפרייט פון אים: — האָסט געגוג אַנדערע! — האָט זי מיט כעס געענטפערט און אַרויסגעלאָפן פון צימער. איר פּנים האָט געפלאַמט.

די אַלע געשעענישן האָבן אים באַאומרויִקט. ער האָט געוואָלט פאַרזעצן זיין קאַריערע אומגעשטערט. ער האָט געזוכט אַן אויסוועג. ער האָט זיך געהיטן זיינע רושטאַוואַניעס זאָלן נישט איינפאַלן צוזאַמען מיטן הויז, וואָס ער האָט אַזוי זאָרגפעליק געבויט.

די געלעגנהייט איז אים אונטערגעקומען. שפּעט אין דער נאַכט איז ער געזעסן מיט אַ צייטונג אין האַנט ביים שטיילאָמפּ.

אילנה איז געזעסן מיט גלייך אויסגעצויגענע פיס אויף דער סאָפע. נעבן איר איז געשטאַנען אַ טישלאָמפּ. זי האָט פאַרראַכטן אַ ריס אין אַ טישטעך.

זיי זענען געזעסן זיך אַנטקעגן יעדער אין ליכטשיין. אין צימער איז געווען האַלב־טונקל, ווי אונטער אַן עקראַן. ס׳קינד איז געשלאָפן.ביידע האָבן געהערט דעם שאָרך פון דער שטילקייט.

ער האָט נאָר אַריינגעקוקט אין דער צייטונג און געגענעצט. ער איז געווען מיד און נישט געקאָנט לייענען. ער איז געקומען שפּעט אַהיים. ער האָט עטלעכע מאָל אַ קוק געטאָן איבער דער צייטונג צו איר.

זי האָט עס געזען, אָבער נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

מיט אַ מאָל האָט ער מיט דער האַנטפלאַך צונויפגעקנייטשט די צייטונג און אַ זאָג געטאָן — איך בין מיד.

זי האָט אים אָנגעקוקט.

— איך האָב צרות מיט דער סעקרעטאַרין. זי האָט זיך אָנגעהויבן פוילן — האָט ער דערציילט אילנהן, ווי ער זאָל פאַרזעצן זייערס אַ געשפּרעך איבער זיין אַרבעט. ער האָט געוואָלט זי צוגרייטן צו יעדער מעגלעכקייט.

זי האָט געשוויגן, געוואָלט ער זאָל רעדן ווייטער.

אויך ער האָט געשוויגן, געוואַרט ווי זי וועט רעאַגירן.

— האָסט שוין אַן אַנדערע? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן און אַן אָפן מויל. ער האָט נישט געוווסט, צי זי מיינט אַן אַנדער סעקרעטאַרין, אָדער מלכהן — דיך האָב איך! — האָט ער איר געזאָגט מיט זיכערקייט.

— אַזוי? — האָט זי אים אָפּגעענטפערט. זי האָט נישט געוואַרט ער זאָל איר ענטפערן און זי האָט ממשיך געווען: — איך בין דיר באַקוועם, איך דערצי דיר ס׳קינד, בין אַ גוטע קעכין און דינסט.

אַ ווילע האָט ער געצעגערט, ווי ער זאָל זיך איבערלייגן וואָס ער זאָל איר ענטפערן: — אילנה, פאַר וואָס רעדסטו אַזוי, מיר זענען דאָך צוזאַמען געשטאַנען אונטער דער חופּה, מיר האָבן דאָך אַ טאָכטער — האָט ער זיך מיט איר אויסגע־

טענהט. אין זיינע רייד האָט זיך געפילט ווייכקייט. ער האָט אַוועקגעלייגט די צייטונג און ממשיך געווען: — ביי דער אַרבעט קומט פאַר פאַרשידנס. אַמאָל מוז מען זיך טרעפן מיט אַ פרוי. דו מיינסט באַלד, ווער ווייסט וואָס — האָט ער זיך פאַרטיידיקט.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן. איר האָט הנאה געטאָן וואָס ער פאַרענטפערט זיך.

אַ ווײַלע האָבןביידע געשוויגן. מיט אַ מאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן: — מיר דאַרפן פאָרן אויף אַ שבת צו די עלטערן. זיי זענען שוין לאַנג נישט געווען ביי אונדז. פאַר וואָס זענען זיי באַליידיקט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

זי האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און זיך איינגעקוקט אין אים. דער כעס האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן — זיי קומען — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן אונטער דער נאָז. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָסטיק אַדורכגעצויגן אַ בלאַנקנדיקע נאָדל דורכן טישטעך, וואָס זי האָט פאַרראַכטן.

ער האָט פאַרביסן די ליפּן און זי דערשטוינט אָנגעקוקט.

זי האָט דערפילט אויף זיך זיין בליק. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט זיך פאַררעדט.

— פאַר וואָס ווילסטו מיט מיר נאָר פאָרן אין דאָרף אַריין, פאַר וואָס פירסטו מיך נישט אַריין אין דיין געזעלשאַפט? — האָט זי מיט כעס אים אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב נישט קיין געזעלשאַפט. איך בין פון פרי ביז שפּעט ביי דער אַרבעט — האָט ער זייער שטיל איר געענטפערט.

זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס נייען און האָט אים ענערגיש אַ זאָג געטאָן: — איך וועל דיר שאַפן אַ געזעלשאַפט. איך וועל פאַרבעטן צו אונדז די בנימיניס, אָרנט־לעכע, געבילדעטע מענטשן. איך בין ביי זיי אָן איינגייערין.

ער האָט אַוועקגעוואָרפן די צייטונג און איז אויפגעשפּרונגען: — איך ווייס, אָבער ביי מיר אין שטוב וויל איך זיי נישט האָבן. ער וועט אַרויסטראָגן אַלץ וואָס ביי מיר אין שטוב טוט זיך — זיין פּנים האָט געפלאַמט פון כעס און ער האָט געסאַפּעט פון אָנשטרענגונג. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל רעדן צו זיך — ער אַרבעט ביי די ענגלענדער...

זי האָט זיך צעלאַכט אויפן קול: האַ האַ האַ — און מיט די הענט זיך פאַר־שטעלט דעם פּנים.

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

אַ לאַנגע ווײַלע איז געווען שטיל אין צימער. די שטילקייט האָט געקלונגען אין די אויערן. ביידע האָבן נישט געוואָגט זיך אָנקוקן. מיט אַ מאָל האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: — גוט! פאַרבעט זיי און איך וועל פאַרבעטן מלכהן מיטן מאַן. ער האָט אויסגעצויגן זיין האַלדז, ווי ער זאָל אַריבערקוקן. ער האָט געוואַרט ווי זי וועט רעאַגירן.

זי האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט. איר פּנים האָט זיך אויסגעצויגן. אירע אויגן האָבן אַ גלי געטאָן ווי פייערפונקען און זי האָט צונויפגעצויגן די ברעמען.

ער האָט פאַרשטאַנען איר כעס און געוואָלט זי באַרויִקן — זיי זענען געביל־

דעטע און אַרבעטסזאַמע מענטשן — ער האָט נאָכגערעדט אַזוי ווי זי האָט געשיל־דערט די בנימיניס. זיי דערציען צוויי טעכטער אין קיבוץ. איך טרעף זיך מיט איר אויף די פּאַרטיי־זיצונגען — האָט ער שטיל איר אויפגעקלערט די באַקאַנט־שאַפט.

זי האָט אין אים זיך איינגעקוקט און אים אַ פרעג געטאָן:

— דאָס איז דער אמת?

— ווערסט זיך איבערצייגן — האָט ער איר געענטפערט און אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, געקוקט אויף דער וואַנט אַ באַליידיקטער.

— גוט! ברענג זיי אויך — איז זי מסכים געווען און זיך אויפגעשטעלט.

ער האָט פאַרמאַכט אַן אויג פון פרייד און זיך אויך אויפגעשטעלט.

— קום שלאָפן! — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און איז אַוועק אין שלאָפצימער אָנצינדן דאָס ליכט. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט זי אויסגעלאָשן דאָס ליכט אין צימער. זי האָט זיך געלאָזט פון אים פירן.

אין דער פינצטער און אין דעם ליכטאָפּשיין פון שלאָפצימער האָבן זיי באַגלייט זייערע שאָטנס אויף דער וואַנט.

כא

די טעג זענען געווען קאַלטע. דער הימל איז געווען פאַרצויגן מיט אַ געדיכטן גרוי. אַרום און אַרום איז נאָך געלעגן דער זומערשטויב. געווען נויטיק אַ שטאַר־קער רעגן כדי אים אָפּצושווענקען. מאָגערע, צעשפּרייטע טראָפּנס זענען שוין יאָ עטלעכע מאָל געפאַלן, זיי האָבן אָבער באַלד אויפגעהערט. שאַרפע בערגווינטן האָבן צעטריבן דעם רעגן.

אילנה איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענע. אירע שפּיץ אויערן זענען געווען בלוי, איר פּנים בלייך, ווי זי זאָל זיין נישט אויסגעשלאָפן. נישט איין מאָל איז זי שטיין געבליבן אין מיטן צימער אַ פאַרטראַכטע ווי זי זאָל וואַרטן אויף עפּעס.

זי האָט גוט געדענקט דעם אָוונט ווען זי האָט דאָס איינציקע מאָל אויפגענומען ביי זיך די געסט און איר פרייד ווען די בנימיניס זענען געקומען, איר האַרצטיאָך ווען מלכהס גרויע אויגן האָבן זי אַדורכגענומען, עפרוניס פיינדשאַפט צו די בנימי־ניס און ווי ער האָט פון אַלע זייטן באַטראַכט מרימען.

ווי אַזוי עפרוני האָט די גאַנצע צייט גערעדט. ער האָט געוואָלט די בנימיניס זאָלן אים אָפּשעצן. ער האָט גערעדט אָן אַ סדר. ער האָט דערציילט, אַז די קליענטן צאָלן נישט די וועקסלען, אַז די „הסתדרות" בויט אַ ניי וווינפערטל פאַר די חברים. אין חולון בויט מען אַ טעקסטיל־פאַבריק וועט זי פאַרפלייצן מיט איר פּראָדוקציע דעם גאַנצן „אָריענט". ער זאָל מאַכן אַ בעסערן רושם האָט ער צוגעגעבן: — „איך בין פון דער בראַנזשע". מיין טאַטע האָט געהאַט אַ גרויס מאַנופאַקטור־געשעפט.

אילנה האָט זיך געפּאָרעט, מכבד געווען די געסט. זי האָט זיך אויך צוגעהערט וואָס עפרוני רעדט. יעדע ווײַלע האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים ער זאָל אויפהערן רעדן און שוין שווײַגן.

ער האָט זי נישט געזען. ער איז געווען פאַרנומען מיט זיך. גערעדט.

ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן און יעדן דערלאַנגט אַ פּאָרציע האָט זי אַ קוק געטאָן אויפן טיש צי יעדע האָט באַקומען גענוג. זי האָט צוגעגרייט אַ באַשיידענע אויפנאַמע: ווײַן, קאָניאַק און טיי אָדער קאַווע. זי האָט אָנגעבאַקן אַ קרעם־טאָרט און קליינע, געפילטע קיכלעך. זי האָט אויך צוגעגרייט עפּל נאָר זיי נישט באַוויזן דערלאַנגען צום טיש. זי האָט נישט געוואָלט מען זאָל זי באַרעדן.

עפרוני האָט גענומען אין האַנט אַ פלעשל קאָניאַק און מיט אַ שמייכל אָנגעבאָטן די מענער: — נאָך אַ גלעזל?...

— אַ דאַנק, אַ דאַנק! — האָבן ביידע זיך געוועדט.

ער האָט ווידער אָנגעגאָסן אַ גלעזל און אַליין אויסגעטרונקען. ער האָט זיך צוגעבויגן צו בנימינין און אים אַ זאָג געטאָן:

— איר דאַרפט זען אײַערע ענגלענדער זאָלן צופיל זיך נישט מישן. זאָלן זיי אונדז לאָזן מיט די אַראַבער.

— איך וועל מיך באַמיען — האָט בנימיני אים געענטפערט מיט אַ שמייכל.

אילנה איז צוגעגאַנגען צו עפרונין און איבערגעלייגט אַ האַנט איבער זײַן אַקסל.

ער האָט זי אָנגעקוקט.

זי האָט נאָר אַראָפּגעלאָזט די אויגן־לעפּלעך.

ער האָט זיך געכאַפּט וואָס זי וויל. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז ווי אַ צעפּלאָשעטע גאַנדז. ער איז געווען בגילופין.

— דערווייל זענען זיי די מאַכט — האָט אהרן היי אים געענטפערט און געוואָלט ממשיך זײַן — ביז עס וועט...

עפרוני האָט נישט געוואָרט ביז אהרן וועט ענדיקן און אַראַגאַנט אים אַ זאָג געטאָן: — פּאָליטיק איז אַן עניין פאַר מנהיגים. פּאָליטיק מוז מען פאַרשטיין. ער האָט זיך צוגעבויגן צום טיש און מיטן פּוס אָנגעטרעטן מלכהס שיך.

ביידע מענער האָבן דערשטוינט זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן געזען מיט וועמען זיי זיצן ביים טיש.

מלכה האָט אויף אים בייז אַ קוק געטאָן. זי איז געזעסן נעבן אים אָבער אין זעלבן מאָמענט איז זי אים מוחל געווען. נישט טראַכטנדיק וואָס זי טוט, האָט זי מיט אַ פינגער אַראָפּגעשאַרט אַ שטויבל פון זײַן מאַרינאַרקע־לאַץ — אַזוי ווי שטענדיק, ווען זיי זענען געווען אַליין.

אַ היץ האָט באַשלאָגן אילנהן. איר פּנים איז געוואָרן בלייך און באַלד צוריק רויט ווי קאַרמאַזין. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אַוועק צום פענצטער. זי איז געבליבן שטיין אָנמעכטיק. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אָפּגעאָטעמט, געקומען

צו זיך און גענומען אָפּגלייכן די פאַרהאַנגען. זי האָט געוואָלט געווינען צייט. זי האָט זיך געשעמט פאַר בנימינען.

די בנימיניס האָט זי האַרציק אויפגענומען. זי האָט זיך געפרייט וואָס סוף סוף זענען זיי צו גאַסט ביי איר. צו מלכהן האָט זי געהאַט אַ ווידערגעפיל. ווען זי איז געקומען, האָט איר האַרץ אַ טיאַך געטאָן. אירע גרויע אויגן און בליק האָבן דער־שיטערט אילנהן.

די געסט ביים טיש זענען געבליבן שטיל ווי זיי זאָלן רוען. עפרוני האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין שטילקייט.

— וואָס טוסטו דאָרט? קום צום טיש! — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו אילנהן.

זי האָט זיך צוריק אומגעקערט צו די געסט און זיך צוגעזעצט צו עפרונין, ווי עס זאָל גאַרנישט האָבן געשען.

אַ היפּשע צייט איז ביים טיש געווען שטיל. איינער האָט געקוקט אויפן אַנדערן, ווי זיי זאָלן ווערן זוכן. אַלע האָבן געשוויגן.

אילנה האָט אַ בליק געטאָן אויף עפרונין פון דער זייט, ווי זי זאָל מורא האָבן אויף אים צו קוקן. זי האָט אַריבערגעפירט אירע אויגן איבער די געסט און זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זי איז געווען זיכער, אַז זיי פאַרשטייען וואָס עס איז פאַרגעקומען.

— אילנה, דער קוכן איז אויסערגעווינלעך! איך האָב נישט געוווּסט, אַז דו קאָנסט אַזוי גוט באַקן — האָט מרים זי גערימט.

דאָס איז מיין פאַך פון דער היים — האָט אילנה איר געענטפערט און זי האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אַ פאַרשעמטע. ערשט איצט האָט זי אַ קוק געטאָן אויף מרימען און זיך דערמאָנט, אַז זי נעמט אויף די געסט.

— די געסט עסן נישט, עס שמעקט זיי נישט — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

— קיינער וועט דיר גאַרנישט איבערלאָזן — האָט עפרוני געזאָגט מיט חוזק.

— ווער עס וויל נאָך קאָן באַקומען — האָט אילנה צו וויסן געטאָן. זי האָט געוואָלט פאַרגלעטן איר מאַנס גרינגשעצונג.

בנימיני האָט געהערט וואָס אילנה האָט געענטפערט מרימען. ער האָט אויך געהערט און געזען עפרוניס אויפפירונג. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס טוט איר וויי.

— אונדזער שכנה קאָן באַקן, זי קען אויך ליטעראַטור און פאַרשטייט קונסט — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַלע זאָלן הערן. ער האָט געוואָלט הייבן איר מאָראַל און איבערפירן דעם געשפרעך אויף אַן אַנדער טעמע.

— ווו האָט איר שטודירט? — האָט מלכה אַ פרעג געטאָן אילנהן.

— איך בין אַ לערערין — האָט אילנה טרוקן געענטפערט.

דאָס געשפרעך האָט זיך ווידער איבערגעריסן. די געסט האָבן נישט געפונען אַ שותפותדיקע טעמע. יעדער האָט געוואָלט אַז דער צווייטער זאָל רעדן. די געסט זענען געזעסן, געקוקט שטאַר פאַר זיך.

— ווער וויל נאָך אַ פּאַרציע ? — האָט אילנה אַ פרעג געטאָן. דאָס איז געווען נאָר אַן אויסרייד. זי האָט פּשוט געוואָלט אָנבינדן אַ געשפּרעך.

יעדער האָט איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אָדער איר געוויזן אַ צייכן מיט דער האַנט, אַז נישט.

— איך האָב געהערט אַז אין ירושלימער אוניווערסיטעט וועט מען עפענען נייע פאַקולטעטן — האָט בנימיני אַ זאָג געטאָן, כדי צו פאַראינטערעסירן די פאַרזאַמלטע.

— אַן אוניווערסיטעט איז אַן ענין פון דורות — האָט היי אים געענטפערט.

— מען דאַרף אָנהויבן — האָט בנימיני זיך געהאַלטן ביי זיינס.

— קודם־כל דאַרף מען בויען דערפער און קיבוצים, מאַכן די יידן פאַר פויערים און אַרבעטער, דערנאָך וועט מען בויען אוניווערסיטעטן — האָט זיך אָנגערופן עפרוני. בשעת ער האָט גערעדט האָט ער געוואָרפן מיט די הענט. זיין פנים איז געווען צעפלאַמט.

— גייסט איז דאָס פאָלק — האָט היי אים געענטפערט.

— אַ נייער פאַרזאָרגער — האָט עפרוני זיך צעשריגן און פאַרביילט די פויסטן און אָנגעקוקט הייען מיט גרינגשעצונג.

בנימיני האָט אָנגעקוקט זיי ביידע. ער האָט צונויפגעצויגן די ברעמען. ער איז געווען איבערציייגט, אַז עפרוני וועט זיך בייזערן.

— מיינע יידן האָבן געלערנט אין די חדרים און נישט אין די אוניווערסיטעטן — האָט עפרוני אַ זאָג געטאָן און אַ קוק געטאָן אויף הייען.

היי האָט זיך איבערגעקוקט מיט בנימינין.

אַ צייט איז ווידער געווען שטיל. אַלע האָבן געפילט ווי די צייט גיסט זיך איבער און דער זייגער אין שטוב גייט.

עפרוני האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף הייען מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. עפרוניס מוילווינקלען זענען געווען איינגעשניטן, זיינע ליפּן פאַרביסן. ער האָט געפּרייכט פון כעס. ער איז געווען בייז פאַרוואָס היי האָט אים אַריינגעצויגן אין אַן איבעריקן שמועס. ער האָט זיך פאַררעדט און גערעדט וועגן חדרים. אים האָט זיך געדאַכט, אַז איצט ווייסן זיי ווער ער איז און אויך זיין אָפּשטאַם. ער האָט זיך אָנגעלענט אין בענקל און מיט חוזק זיך אַ ווענד געטאָן צו הייען: — ער לייענט נאָך די „פּאַלעסטיין פּאָסט" און זיינע דייטשע פילאָזאָפן — און האָט אָנגעוויזן אויף אים מיטן פינגער אַלע זאָלן זען, וועמען ער מיינט.

מלכה האָט בייז פאַרקרימט איר פנים. ס'האָבן איר פאַרדראָסן עפרוניס רייד.

— האַ, האַ, האַ — האָט עפרוני זיך צעלאַכט. איר אויסגעקרימט פנים האָט אים דערפירט צו געלעכטער. ווען ער האָט זיך באַרויִקט האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— מיט די ענגלענדער וועלן מיר זיך אויך אַן עצה געבן.

בנימיני האָט פאַרשטאַנען, אַז עפרוני מיינט אים. ער האָט נישט געוואָלט זיך אַריינלאָזן מיט אים אין אַ וויכוח. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגער —

שפּעט, מען דאַרף גיין, מאָרגן דאַרף מען אַרבעטן — האָט ער געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט.

— שוין? — האָט אילנה פּראָטעסטירט — אָבער אין האַרצן איז זי געווען צופרידן אַז זיי גייען שוין.

היי האָט זיך אויך לאַנגזאַם אויפגעהויבן.

— אַ גוטע נאַכט! אַ דאַנק פאַר דער אויפנאַמע אין אַלעמענס נאָמען — האָט בנימיני געזאָגט אילנהן.

די הייס האָבן אים צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

די געסט האָבן זיך געזעגנט מיט אילנהן.

— וועסט מיך אויסלערנען, ווי מען מאַכט אַזאַ טאָרט — האָט מרים אַ זאָג געטאָן אילנהן.

אילנה האָט זיך צעשמייכלט. דאָס איז געווען איר ערשטער שמייכל דעם הייַנטיקן אָוונט.

בנימיני האָט אַרומגענומען מרימען ווי ער זאָל איר צוהאַלטן די הענט און גוטמוטיק איר אַ זאָג געטאָן: — קום! קום! — זיי זענען אַוועק די ערשטע.

עפרוני איז געשטאַנען ביי דער זייט פון אילנהן ווי אַן איבעריקער. ער איז נישט געווען צופרידן וואָס זיי גייען שוין. אים האָט געאַרט וואָס ער קאָן מער נישט רעדן, זיך באַווייזן.

— קומט, איך וועל אייך אַהיימפירן — האָט ער אַ זאָג געטאָן מלכהן און געגומען גיין. די הייס זענען אים נאָכגעגאַנגען.

אילנה האָט נאָכגעקוקט מלכהן מיט כעס ביז די טיר האָט זיך נאָך איר פאַרמאַכט.

פון דעמאָלט אָן האָבן די עפרונים און די הייס זיך געטראָפן. די הייס זענען צו זיי אָפּט געקומען. אילנה איז ביי זיי געווען נאָר צוויי מאָל. זי האָט די הייס קיין מאָל נישט פאַרבעטן צו קיין עסן. זיי קומען אין די אָוונטן נישט אָנזאָגנדיק פריער. אָפט ברענגט זיי עפרוני מיט זיין אויטאָ. אילנה נעמט זיי אויף מיט וואָס זי האָט אין שטוב. ווען אילנה איז געקומען צו זיי האָט מלכה דווקא יאָ סערווירט דעם טיש, אָבער מער ווי אַ גלאָז טיי האָט אילנה ביי איר נישט געטרונקען. זי האָט זיך פאַרענטפערט אַז זי איז זאַט און קאָן נישט עסן.

אילנה איז ביי די הייס געזעסן אויפן שפּיץ בענקל ווי זי וואָלט זיך אַט געדאַרפט אויפשטעלן און גיין. זי איז אַהין געגאַנגען נאָר ווען עפרוני איז געשטאַנען דערויף, אַז זי מוז. זי האָט זיך פאַרענטפערט, אַז זי קאָן נישט באַלעס־טיקן איר שכנה זי זאָל איר היטן ס׳קינד. אויף דער באַגעגעניש מיט זיי האָט זי זיך געפילט אַן איבעריקע. זיי האָבן גערעדט וועגן פאַרטיי־ענינים און פּאָליטיק. היי האָט גערעדט געלאַסן ווי ער זאָל רעפערירן. עפרוני האָט אים אויסגעהערט נאָר צוליב מלכהן. נאָך ביים ערשטן באַזוך האָט היי אַ פרעג געטאָן אילנהן: — איך אינטערעסירן נישט די ענינים? ער האָט געוואָלט זי אַריינפירן אין זייערע שמועסן.

— פֿאַר מיר איז גענוג די צייטונג — האָט זי אים אָפּגעענטפֿערט.

מלכּה האָט אויך זיך געוואָלט באַווייזן פֿאַר אילנהן. יעדעס מאָל ווען זיי האָבן זיך געטראָפֿן, האָט מלכּה גערעדט וועגן די פֿאַרשטעלונגען וואָס זי האָט געזען. קיין ברייטן פֿאַרנעם ביים באַהאַנדלען אָן ענין האָט זי נישט געהאַט. זי איז געווען מער געבילדעט ווי אינטעליגענט. אילנה האָט זי אויסגעהערט אַ סך מאָל, איר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשוויגן. זי האָט נישט געקאָנט אָנטיילנעמען אינעם שמועס. זי האָט די פֿאַרשטעלונג נישט געזען, ווייל זי איז פֿון שטוב נישט אַרויס.

נאָך יעדן מאָל וואָס זי האָט זיך געטראָפֿן מיט מלכּהן איז אילנה אַוועק צום שפּיגל. זי האָט זיך אָנגעקוקט צי זי קאָן געפֿעלן אַזוי ווי מלכּה. איר אָטעם איז איצט געווען אַ צוגעאײַלטער. דער כּעס האָט זי געשטיקט. זי האָט אָבער געמוזט שווייגן. זי האָט נישט געהאַט פֿאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פֿון האַרצן. זי האָט געשטאַרט פֿון ווייטאָג, געוויינט אָן טרערן טראַכטנדיק איבער זיך. זי האָט זיך אויסגעזוכט כּל מיני אַרבעטן זי זאָל זיין פֿאַרנומען. אירע ליפּן זענען געווען צעביסן פֿון אומבאַהאָלפֿנקייט, פֿון אויפֿרעגונג האָט זי געקניקט די נעגל און זיי זענען געווען צעבראָכן. זי האָט זיך געקראַצט און איר קערפּער איז געווען צעגראַטשט. די אויגן אירע זענען געווען שטאַר, פֿול צער. זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ געפֿיל, אַז זי איז עפּרונין איבעריק. זי איז אים חושד געווען, אַז ער פֿאַרברענגט נישט נאָר מיט די ווייבער וואָס זי ווייסט, נאָר אויך מיט אַנדערע, וועלכע זי קען נישט.

ער האָט געוווּסט איר ווייטאָג לויט איר שטימונג און אויפֿפֿירונג.

זי האָט געפֿירט די ווירטשאַפֿט און געפּלעגט די טאָכטער און געשוויגן. זי האָט אים געענטפֿערט נאָר אויף זיינע פֿראַגן. אַזוי אַרום האָט זי אים געפּרוּווט איבערצייגן, אַז זי איז צו אים שוין גלייכגילטיק.

דער צושטאַנד אין שטוב, איר פֿירן זיך איז אים געווען אויף דער האַנט. ער האָט אַלץ געקאָנט טאָן אומגעשטערט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. טיילמאָל איז איר שווייגן אויך אים נמאס געוואָרן. אין אים האָט זיך פֿאַרגנבעט אַ מורא, אַז זי וועט זיך גובר זיין און וועט אים איבערלאָזן. דעמאָלט איז ער עטלעכע אָוונטן געבליבן אין שטוב און זיך פֿאַרנומען מיט דער טאָכטער. אויך אין די אָוונטן איז ער זיך נוקם געווען אין איר. אויף יעדן טריט און שריט האָט ער איר געמאַכט באַמער־קונגען, אַז וואָס זי טוט איז נישט ריכטיק. ער האָט זי געוואָלט דערנידעריקן זי זאָל פֿאַרלירן איר זעלבסט־זיכערקייט, כּדי צו ברעכן איר ווידערשטאַנד. ווען ער האָט זיך געשפּילט מיטן קינד, זי געוואָרפֿן אין דער הויך, זי געקאַטשעט איבער דער סאָפֿע, צו איר געשריגן מיט אַ געמאַכטע פֿרייד, האָט ער אַ זאָג געטאָן אילנהן: — אַזוי שפּילט מען זיך מיט אַ קינד! זע ווי זי לאַכט! אַז ער האָט איבער־געלייגט ס׳קינד האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: — די ווינדלען זענען האַרט — ער האָט איר נישט געוואַגט זאָגן, אַז זי וואַשט זיי נישט ווי געהעריק.

איר האָט פֿאַרדראָסן און זי האָט געשוויגן. זי האָט געוווּסט, אַז ער אינטריגירט זי. זי האָט אָבער אויך אָנגעהויבן גלויבן, אַז זי האָט נישט קיין אויסוועג. ווען זי האָט

עפּעס געטאָן און ער האָט געקוקט, איז איר אַלץ געפֿאַלן פֿון די הענט. זי האָט געליטן און דאָך נישט געטראַכט אַוועקגיין פֿון אים. זי האָט געוואָלט איר טאָכטער זאָל האָבן אַ טאַטן און אירע עלטערן זאָלן עס נישט איבערקרענקען.

די עלטערן קומען צו איר זעלטן. דער פֿאָטער האָט זיך געפֿילט שוואַך. די מוטער האָט אים צוגעהאָלפֿן מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. זי און אילנה האָבן געוווּסט, אַז זײַן שוואַכקייט איז פֿון אויפֿרעגונג. די מוטער האָט איר געשיקט פּעקלעך מיטן „אגד״. זי האָט געהאַט געלעגנהייטן, זי האָט אָבער נישט געוואָלט, אַז מענטשן פֿון דאָרף זאָלן באַזוכן אילנהן. זי האָט זיך געהיטן די מענטשן אין דאָרף זאָלן זיך נישט דערוויסן וואָס עס קומט פֿאָר בײַ זייער טאָכטער אָבער פֿון צײַט צו צײַט איז דאָך ווער פֿון די דאָרפֿס־מענטשן געקומען צו אילנהן מיט אַ דיקן בריוו אָדער פּעקל.

אילנה האָט זיי אויפֿגענומען אין דער טיר, ווי פֿרעמדע. די מענטשן האָבן אין דער שטיל, אַז עס זאָל נישט דערגיין צו אירע עלטערן, גערעדט אַז אילנה וווינט ווי אַ גבירטע, אַז זי לאָזט נישט די מענטשן פֿון „תל״ איבער דער שוועל, אַז איר מאַן איז אַ פּערזענלעכקייט און אַז אין זייער געזעלשאַפֿט רעדט מען ענגליש. אַנדערש האָבן זיי זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן.

דער פֿאָטער האָט געוווּסט וואָס די מענטשן רעדן. ער האָט פֿאַרביסן געשוויגן. ער האָט נישט נאָר ניט געקוקט זײַנע ידידים אין די אויגן, נאָר אויך אַוועקגעקוקט ווען ער האָט גערעדט מיטן אייגענעם ווײַב.

אילנה האָט אַלץ געטאָן מיט אויסרעכענונג זי זאָל איר מאַן נאָך מער נישט אָפּשטופּן פֿון זיך. זי האָט אפֿילו ווייניק באַזוכט איר שכן. זי האָט נישט געוואָלט אַז איר מאַן זאָל איר קאָנען עפּעס פֿאָרוואַרפֿן. זי האָט זיך אויך געשעמט פֿאַר בנימינען. זי איז געווען איבערצײַגט, אַז זיי ווייסן וואָס בײַ איר אין שטוב קומט פֿאָר, אָבער זי האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. זי האָט געלעבט אין אַ קאָשמאַר און נישט געקאָנט באַגרײַפֿן, אַז דאָס איז זי, אילנה דערגאַנגען צו אַזאַ מצב. אין די נעכט ווען זי איז געלעגן וואַך האָט זי ווידער און נאָך אַ מאָל באַטראַכט איר לאַגע. זי האָט געוווּסט, אַז זי טאָר זיך נישט לאָזן באַגרענעצן און בלײַבן נאָר די שטוב־פֿרוי. זי האָט אָבער נישט געוווּסט ווי אַזוי זי זאָל זיך מיט אים פֿירן. זײַן זיכערקייט האָט זי כּסדר נאָך מער דערנידעריקט.

זי האָט געוווּסט, איר איז געווען קלאָר, אַז זי מוז אים איבערצײַגן, אַז אויב זי איז נישט מער פֿון אים איז זי זיכער אויך נישט ווייניקער. זי האָט זיך באַנוצט מיט אַלע מיטלען. אַמאָל האָט זי צו אים גערעדט בנעימותדיק, אים אויסגעפֿרעגט ווי עס גייט אים בײַ דער אַרבעט, אַ צווייט מאָל איז זי אים באַפֿאַלן פֿאַר וואָס ער איז געקומען שפּעט, ס׳עסן איז שוין קאַלט און זי קומט אָפּ איר צײַט מיט וואַרטן אויף אים.

זי האָט אים אפֿילו געררייצט מיטן קינד, וואָס איז איר געווען אַזוי טײַער. נישט איין מאָל, ווען זי האָט אויסגעבאָדן די טאָכטער, געגעבן איר עסן אָדער זיך מיט איר געשפּילט האָט זי אים אַ ווײַז געטאָן ווי פֿריש און געזונט דאָס קינד איז.

אַז ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט, געוואָלט עס נעמען איז זי אַוועקגעלאָפן מיטן קינד לייגן עס שלאָפן און עס אים נישט געגעבן.

זי האָט אים כסדר פאַרגעוואָרפן, אַז ער געפינט נישט קיין צייט פאַר דער היים, אַז ער זעט נישט ווי זיין טאָכטער וואַקסט און דערציט זיך, אַז ער זעט נישט ווען זי לאַכט און ווייסט נישט ווען זי וויינט. זי האָט אים געדראָט, אַז ווען ס'קינד וועט אויפוואַקסן וועט זי צו אים נישט האָבן די געפילן ווי צו אַ טאַטן. ער האָט פאַרשוויגן, געטאָן זיינס, ווי ער זאָל נישט האָבן געהערט וואָס זי האָט אים געזאָגט.

אין אַ בין־השמשות. אין די ווינקלען פון די חדרים זענען שוין געזעסן שאָטנס. ביים טיש אין עסצימער איז געזעסן אילנה און צונויפגעלייגט דעם קינדס זאַכן. דאָס איז געווען אַן איבעריקע אַרבעט. זי האָט עס געמאַכט פון לאַנגווייליקייט. זי האָט די זאַכן צונויפגעלייגט און זיי באַלד ווידער צענומען. זי האָט זיך איינגעהערט צי דאָס קינד וויינט נישט און געוואַרט אויפן מאַן. ער האָט זיך געפּאַרעט אין שלאָפצימער. אַ ביסל שפּעטער איז ער אַריין אַן אויסראַזירטער. זיין פּנים האָט געגלאַנצט פון פרישקייט. זיין ווייס פריש העמד האָט געבלאַנקט. זיין רויטער מיט ברייטע פּאַסן געשטרייפטער קראַוואַט איז געווען רוישיק.

זי האָט אים אָנגעקוקט און געזען ווי שיין ער איז.

— בייט דעם קראַוואַט — האָט זי אים פאַרגעשלאָגן.

ער האָט איר נישט געענטפערט. ער האָט איר נאָר אַ זאָג געטאָן: — איך גיי אויף אַ זיצונג — און געוואָלט גיין.

— צו וועלכער יידענע? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן. ס'האָבן פון איר אַרויסגערעדט קנאה און כעס. זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן.

— איך וועל דיר זאָגן ווען איך וועל צוריקקומען — האָט ער איר גלייכגילטיק געענטפערט. זיינע אויגן האָבן דערביי איראָניש געשמייכלט.

זי האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט אין קאַנט פון טיש און זיך אויף אים אָנגעלענט. עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם. זי האָט געזען, אַז ער לאַכט פון איר. דאָך האָט זי זיך באַהערשט און געלאָזן אים אַ זאָג געטאָן: — זעץ זיך, איך וויל מיט דיר רעדן.

ער איז געבליבן שטיין מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

— איך וועל מיין לעבן נישט אָפּזיצן צווישן די ווענט. איך וויל ווי דו זיך טרעפן מיט מענטשן. איך וויל אויך האָבן אַ פרייען אָוונט פאַר זיך. זי האָט גערעדט צו אים ווי מען רעדט צו אַ קינד ווען מען וויל עס זאָל באַגרייפן.

— ווער וועט בלייבן מיטן קינד? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן און זיין פּנים איז רויט געוואָרן פון כעס. ער האָט מיט דער פויסט אַ זעץ געטאָן אין טיש און זיך צעשריגן:

— איך וויל נישט דו זאָלסט זיך אַרומשלעפּן, איך וויל נישט מענטשן זאָלן וועגן אונדז רעדן!

— מיט דיין פירן זיך האָסטו געבראַכט דערצו — האָט זי סאַרקאַסטיש אים געענטפערט.

ער האָט געשטעלט אַ טריט און אויסגעשטרעקט די הענט, ווי ער זאָל זיך וועלן אויף איר וואַרפן. ער האָט זיך פאַרהאַלטן און אַ נעם געטאָן די פינגער צום מויל ווי ער זאָל וועלן זיך אָפּבייסן די נעגל. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער מיט דער האַנט זיך געריבן דעם שטערן ווי ער זאָל זיך וועלן עפּעס דערמאָנען: — איך דאַרף די ווייבער אויף כפרות און זי איז מיך חושד — האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך.

זי האָט אויסגעבויגן דעם קאָפּ און אים אָנגעקוקט מיט איין אויג: — קיין איינע פון זיי איז נישט אויסן דיין גוטס. יעדע באַזונדער וויל דיך נאָר אויסנוצן. ווען זיי וועלן דיך מיט דיין גרויסן אויטאָ האָבן געענוג, וועסטו קומען צו מיר. אָבער דעמאָלט וועט זיין צו שפּעט — האָט זי אים געוואָרנט.

ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז צו איר ווי ער זאָל וועלן אויף איר ווייטער שרייען. ער האָט אָבער זיך אויסגעדרייט און איילִיק אַוועק צו דער טיר. ער איז פשוט אַנטלאָפן פון שטוב.

זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער סאָפע, זי איז געלעגן מיטן פנים אַראָפּ און געהעשעט.

כב

די משפחה־ענינים, די קריגערייען מיטן ווייב, דער ברוגז מיט אירע עלטערן, האָבן אים נישט געאַרט. עפרוני איז געווען זיכער, אַז מיט דער צייט וועט זיך אַלץ איינשטעלן. אויף וואָס ער האָט יאָ געלייגט אַכט, דאָס זענען געווען די באַציִונגען ביי דער אַרבעט. ער האָט זיך באַמיט אַז אַלע זאָלן דאָרט וועגן אים האָבן אַ גוטע מיינונג. ער האָט אַלץ געטאָן מען זאָל אין ביוראָ וואָס עפּטער דערמאָנען זיין נאָמען. ער האָט געוואָלט שנעל אַוואַנסירן.

אָבער דווקא ביי דער אַרבעט איז ער נכשל געוואָרן. חוה האָט זיך געשעמט. זי האָט אַלע אויסגעמיטן. זי האָט מיט קיינעם נישט גערעדט. וואָס אַנבאַלאַנגט דער אַרבעט האָבן אויך די באַאַמטע זי אויסגעמיטן. זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז זי האַלט דיסטאַנס ווייל זי איז באַפריינדעט מיט עפרונין. זי האָט געשוויגן, נישט געקאָנט פאַר קיינעם רעדן. אויך זי איז איצטער געווען עלנט. זי, די דערפאַרענע פרוי האָט געקרענקט וואָס עפרוני האָט זי אַזוי שנעל איבערגעלאָזט. ער האָט אפילו נישט געפּרוווט זיך פאַרענטפערן פאַר איר. זי האָט אפילו נישט געוווּסט פאַר וואָס ער האָט אויפגעהערט צו איר צו קומען. זי האָט זיך נאָר משער געווען, אַז דאָס איז צוליב אַ צווייטע פרוי און נישט צוליב זיין ווייב. זי האָט געוואַרט ער זאָל צו איר קומען און עפּעס זאָגן.

די טעג אין וועלכע זי איז געבליבן אַליין אין ביוראָ זענען פאַר איר געווען

אַ גליק. איר איז געווען פֿיינלעך, ווען ער איז געזעסן הינטער זיין גלעזערנער וואַנט און זי האָט מורא געהאַט זיך צו באַוועגן. לאַנג האָט זי אַזוי נישט אויס־געהאַלטן.

אין איינעם אַ טאָג האָט זי אָנגעקלאַפּט ביי זעמלערן און איז אַריין צו אים אין צימער. זעמלער איז געווען מיטלוווקסיק, ברייטבייניק און געהאַט אַ קאַנטיק, פֿליישיק פּנים. ער איז געווען דער פּערסאָנאַל־דירעקטאָר. זי איז שטיין געבליבן ביי דער טיר — געוואַרט. זי האָט נישט געוווּסט, ווי די באַגעגעניש מיט אים וועט אויספֿאַלן.

זעמלער האָט פֿון לאַנגיאָריקער פּראַקטיק געקענט מענטשן. ער האָט געקענט עפּרוניס כאַראַקטער און געוווּסט ווער חוה איז. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זיי זענען באַפֿריינדעט. זעמלער האָט מיט דער האַנט איר אָנגעוויזן ס׳בענקל, זי זאָל זיך זעצן.

— שלום — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן און זיך אָוועקגעזעצט אים אַנטקעגן. זי האָט אָבער נאָך אַלץ געשוויגן. זי, די פֿרוי פֿון דער וועלט האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי זי זאָל פֿאַר אים אַרויסברענגען איר ענין. זי האָט פֿאַרמאַכט און געעפֿנט די אויגן. זי האָט זיך באַהערשט און זיך אַ װענד געטאָן צו אים.

— איר ווייסט זיכער פּונקט ווי אַלע דאָ וויסן, אַז איך בין געווען באַפֿריינדעט מיט עפּרונין.

זי האָט אים אָנגעקוקט, געוואָלט זען ווי איר פֿאַרטרויען זיך האָט געווירקט אויף אים.

ער האָט נאָר אַראָפּגעלאָזט די אויגן־לעפּלעך.

זי האָט איבערן טיש אַריבער זיך צוגעבויגן צו אים. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און ממשיך געווען:

— איצט זענען מיר צעקריגט. איך קאָן ווייטער מיט אים נישט אַרבעטן. איך בין געקומען בעטן איר זאָלט מיך אַריבערפֿירן אויף אַ צווייטער אַרבעט.

זי האָט גערעדט שטיל און פּאַמעלעך, זיך געצוווּנגען רעדן.

ער האָט איר נישט באַלד געענטפֿערט. אַ ווײַלע האָט ער מיט די שפּיץ פֿינגער געקלאַפּט אין טיש, ווי ער זאָל פֿויקן. אַ ביסל שפּעטער האָט ער אַ זאָג געטאָן איר: — גוט!

— אַ דאַנק! — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן און געעפֿנט די ליפּן. זי האָט פֿרייער אָפּגעאָטעמט. עס איז איר גרינגער געוואָרן אויפֿן געמיט. זי האָט ווידער אַמאָל אַ זאָג געטאָן — שלום! — און איז אַרויס פֿון צימער.

עטלעכע טעג שפּעטער איז זעמלער אַריין צו עפּרונין. שוין אין דער טיר האָט זעמלער אים אַ זאָג געטאָן אויף אָפּצוקומען — שלום.

— שלום! שלום! — האָט עפּרוני געענטפֿערט צוריקגעהאַלטן און זיך איינגע־קוקט אין אים. עפּרוניס בליק איז געווען שטאַר. ער האָט נישט פֿאַרטראָגן זעמ־לערס קורצע, ברייטע, גרויע וואַנסע, ענלעך צו אַ זומער־פֿייגעלע וואָס שטייט

אונטער דער נאָז. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זעמלער איז געקומען צו אים זיך נוקם זיין.

דערזעענדיק זעמלערן איז חוה אַרויסגעלאָפן פון צימער.

זעמלער איז געווען אַ לאַנגיאַריקער, געניטער באַאַמטער. ער האָט נישט פאַרטראָגן עפרונין. ער האָט זיך אפילו נישט אַוועקגעזעצט. שטייענדיק האָט ער צו וויסן געטאָן עפרונין:

— פון מאָרגן גייט חוה אַריבער אַרבעטן אין דער טעכנישער אָפּטיילונג. אויף איר אָרט קומט מיכל.

עפרוני האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט ווי ער זאָל נישט פאַרשטיין פאַר וואָס, כאָטש ער האָט געוווסט די סיבה. אַ ווײַלע האָט עפרוני געשוויגן. ער האָט געוואָלט געווינען צייט. ער האָט זיך איבערגעלייגט וואָס ער זאָל אים ענטפערן. צום סוף האָט ער אַ פרעג געטאָן זעמלערן: — פאַר וואָס האָט איר זיך מיט מיר נישט באַראָטן? — און ער האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט געוואָלט איבערברעכן זעמלערס אָפּיציעלקייט.

זעמלער האָט אים נישט באַלד געענטפערט. ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן מיט אים אין אַ דיסקוסיע. ער האָט נישט געוואָלט זיין מיטבאַטייליקט אין זיינע אַוואַנטורעס: — אין דער טעכנישער אָפּטיילונג איז פאַראַן אַ סך אַרבעט. חוה איז אַ געניטע סטענאָטיפּיסטקע, מוז זי דאָרט אַרויסהעלפן. מיכל איז פריי, איר בעל־הבית גייט איבער קיין חיפה — האָט ער איבערצייגט עפרונין.

— אַזוי גאָר? — האָט עפרוני אים אַ זאָג געטאָן אַ פאַרוווּנדערטער ווי ער זאָל ערשט איצט זיך האָבן דערוווּסט, אַז עופר ווערט איבערגעפירט. זעמלערס אויפקלערונג איז אים געווען אויף דער האַנט — נו גוט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

זעמלער האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און ער איז אַרויס פון צימער.

עפרוני האָט איבערגעלייגט די הענט איבערן בויך. ער האָט פאַרפלאָכטן איין האַנט פינגער אין דער אַנדערער און זיך איינגעקוקט אין אַ פּונקט אויפן טיש.

אין דער טעכנישער אָפּטיילונג האָט זיך געטומלט ווי שטענדיק. אויף איר נייער אַרבעט האָט חוה געאַרבעט שווערער ווי פריער, אָבער אויפן געמיט איז איר געווען גרינגער. זי איז מער נישט געזעסן אַליין אין צימער און עפרוני הינטער דער גלעזערנער וואַנט. זי איז איצט געזעסן צווישן פרויען מיט וועלכע זי האָט געקאָנט רעדן. זיי האָבן געוואָלט וויסן פון איר וואָס מער פּרטים. זי האָט זיי דער־ציילט און זיך פאַרענטפערט: — איך וואָלט זיך מיט אַזאַ פאַרשוין אָפּגעגעבן? איך וואָלט צעשטערט אַ פאַמיליען־לעבן? ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער שטייט פאַר אַ גט, אַז ער באַדויערט וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ דאָרפס־טאָכטער. ער האָט מיר איינגערעדט, אַז ער זוכט אַ פרוי מיט וועלכער ער וועט זיך קאָנען באַווייזן אין דער געזעלשאַפט, איבערהויפּט אַ פרוי, וואָס זאָל אים פאַרשטיין. ער האָט מיר איינגערעדט, אַז דאָס בין איך...

פון כעס האָט חוה איין מאָל אָנגעקלונגען צו אילנהן. זי האָט איר געזאָגט, ווער עס רעדט און אַז זי איז נישט מער עפרוניס סעקרעטאַרין. זי האָט איר אויך

איבערגעגעבן זי זאָל זיך נישט לאָזן פון אים אָפּנאַרן. ער פּאַרראַט זי, רעדט אויף איר אויס און פאַרברענגט מיט ווייבער.

אילנה האָט זי קוים אויסגעהערט. נישט זאָגנדיק קיין וואָרט האָט זי צוגעמאַכט דעם טעלעפאָן. זי האָט נישט געוואָלט אַז אַ דריטע פּערזאָן, דערצו נאָך אַ פרוי זאָל זיין פאַרמישט אין איר משפּחה־לעבן.

חוהס וואָרענונג איז פאַר איר נישט געווען קיין נייעס. זי האָט געקענט זיין כאַראַקטער און געוווּסט ווי ער פירט זיך אויף. עס האָט איר געאַרט, אָבער זי איז געווען צופרידן וואָס אויך מענטשן הייבן אָן דערגיין ווער עפרוני איז. זי האָט געטראַכט אַז אפשר אַזוי אַרום וועט ער זיך ענדערן. זי האָט געשוויגן, נישט געוואָלט ער זאָל וויסן, אַז זי ווייסט ווי אַזוי ער האָט געענדיקט מיט דער סעקרעטאַרין.

חוה האָט אויך אָפּגעוואָרט מיכלען. אין אַ פרימאָרגן ווען מיכל איז געבליבן אַליין איז זי אַריין צו איר אין צימער. נישט קוקנדיק איר אין די אויגן, האָט חוה אייליק איר אַ זאָג געטאָן, ווי זי זאָל איר איבערגעבן אַ סוד:

— עפרוני איז אַ שלעכטע, נידערטרעכטיקע בריאה, היט זיך — און זי איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

מיכל האָט איר אויסגעשטעקט אַ צונג און איר נאָכגעשריגן:

— איך פייף אויף אים! — און זי האָט ווייטער געטאָן איר אַרבעט.

די שרייב־מאַשינען האָבן געקלאַפּט. די סטענאָטיפּיסטקעס האָבן געשריבן און זיך געשושקעט. איינע האָט איבערגערעדט מיט דער אַנדערער וועגן וואָס חוה האָט זיי דערציילט. ווי שטענדיק, האָבן זיי אויך היינט איבערגעריסן די אַרבעט, געמאַכט פרישטיק. חוה איז אויך איצט ווי יעדן טאָג אַוועק צום בופעט.

די סטענאָטיפּיסטקעס האָבן געגעסן און געשמועסט. אפרת האָט אַוועקגעשטעלט איר גלאָז טיי און אַ פרעג געטאָן: — ווי קאָן אַ מענטש זיין אַזוי נידערטרעכטיק? — אַלע האָבן געוווּסט וועמען זי מיינט.

— ווי דערלויבט זיך אַ מאַן אַזוי אָפּנאַרן אַ פרעמדע און אייגענע פרוי? — האָט דבורה איר געענטפערט מיט אַ פראַגע. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט מיטן סענדוויטש, ווי זי זאָל דראָען און צוגעגעבן: — איך וואָלט נאָך פאַרשטאַנען, ווען זיין פרוי זאָל זיין מיאוס אָדער אַלט.

אפרת האָט אָפּגעווישט זיך די ליפּן און אַ זאָג געטאָן:

— ער שלעפּט זיך אַרום נישט נאָר מיט איינער. ער פאַרט אַרום און האָט יעדן טאָג אַן אַנדערע.

אהובה האָט אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן און האָט דערגענצט דאָס געשפּרעך: — ער פאָרט אַרום מיט אַ גרויסן אויטאָ. ער קאָן שיין רעדן, זאָגט צו און ווייבער גלויבן אים.

זיי האָבן גערעדט פּאַמעלעך און הויך, אַלע זאָלן הערן, זיי האָבן זיך געוואָלט אין אים נוקם זיין.

ס׳זענען צו אים דערגאַנגען די רעדערייען. עפרוני האָט זיך איבערגעלייגט

און באַשלאָסן, אַז דאָס רעדן קאָן אים שטערן. אים האָט זיך אפילו אויסגעוויזן, אַז די העכערע באַאַמטע ענטפערן אויף זיין באַגריסונג מיט אַ געצוווּנגענעם שלום. ער האָט באַשלאָסן מאַכן אַ סוף צו די רעדערייען און צוריק דערגרייכן זיין אַמאָליקן פּרעסטיזש. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן פונאַנדערנעמען דאָס קרענצל ווייבער אין דער טעכנישער אָפּטיילונג.

ער האָט געהאַלטן דיסטאַנס כלפּי יעדן נידעריקערן פון זיך באַאַמטן, ער האָט אָבער געגנוי געוווּסט די לאַגע פון יעדער סטענאָטיפּיסטקע. די יונגע, בלאָנדע, שלאַנקע אפרת האָט געאַרבעט די גאַנצע צייט מיט איר אָנפּאַנגלוין. איר קאָפּ איז ביים שווימען און טורנען און נישט ביי דער אַרבעט. זי שרייבט ביז איצט נאָר אַדרעסן ווייל זי מאַכט פעלערן ביים איבערשרייבן.

ער האָט זי אַריינגערופן צו זיך. ער האָט איר געהייסן זיצן און פאַרמאַכט הינטער איר די טיר:

— שרייב אַ בריוו צו זעמלערן. שרייב, אַז דו אַרבעטסט שוין אַ יאָר. לויטן אַרבעטס־געזעץ קומט דיר אַ לוין־הוספה. די אָנווייזונג האָט ער איר איבערגעגעבן שטייענדיק. ער האָט געוווּסט, אַז אַזוי וועלן זיינע רייד ווירקן שטאַרקער.

אפרת איז געזעסן אויף אַ שפּיץ בענקל, זי זאָל קאָנען אַרויס פון צימער, אויב עס וועט זיין נויטיק. זי איז זיצן געבליבן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

— גוט — האָט זי אַ שטאָמל געטאָן און זי איז אַרויס פון צימער. פון איבער־ראַשונג האָט זי פאַרגעסן אים זאָגן שלום.

— פאַרלאָז נישט דעם ענין — האָט ער איר נאָכגעשריגן.

דבורה איז מיטלוויקסיק און דאַר. זי האָט אַ שוואַרצן, געלאָקטן קאָפּ און אַ קנאָכיק פּנים. זי איז שוין אַ מיידל אין די יאָרן. זי וווינט מיט איר אַלטער מאַמען אין איין צימער אין שטאָטפּערטל מאָנטיפיאָרע. איר האָט ער פאַרהאַלטן אויף דער גאַס פאַרן ביוראָ.

— איך זוך דיך שוין עטלעכע טעג — האָט ער זיך צו איר אַ ווענד געטאָן און זי גענומען אונטערן אָרעם.

זי האָט אים אָנגעקוקט אַ דערשטוינטע און אַ צי געטאָן איר האַנט, געוואָלט זיך פון אים באַפרייען.

— שאַ! שאַ! — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און מיט דער צווייטער האַנט איר געגעבן אַ צייכן זי זאָל זיך באַרויקן. ער איז מיט איר אָוועקגעגאַנגען אין אַ זייט אונטער אַ בוים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט נישט אונטער און איר אַ זאָג געטאָן: — איך ווייס, אַז דו האַלטסט דיין מאַמען בכבודיק און ווי שווער דיר איז.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן.

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן. ער האָט געוואָלט זי זאָל זיך אָנשטויסן וואָס ער מיינט. ערשט איצט האָט ער איר שטיל אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל איר איינרוימען אַ סוד — איך וועל זיך ווענדן ווו מען דאַרף, אַז מען זאָל דיר צוטיילן אַ דירה

אין די שטאָטהייזער. דאָרט איז ביליק ס'דירה־געלט — ער האָט פאַרמאַכט אַן אויג און אַ קוק געטאָן אויף איר, ווי אַזוי האָט געווירקט אויף איר זיין פאָרשלאָג.

זי איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל פון איבערראַשונג ערשט אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אַ זאָג געטאָן: — עפרוני! איצט האָט זי אים גענומען אונטערן אָרעם. זי האָט צוגעלייגט איר פּנים צו זיינעם און אַ גערירטע זיך הילכיק צעלאַכט — כאַ, כאַ, כאַ.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן אונטער דער נאָז. ער האָט זיך פון איר אָפּגערוקט און זיך אַרומגעקוקט צי קיינער האָט נישט געזען.

— איך וועל שוין זאָרגן דערפאַר! — האָט ער צוגעגעבן און איילִיק אַוועק, נישט זאָגנדיק שלום. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מען קוקט אַראָפּ פון די ביוראָ־פענצטער.

אויך אין אהובהן וועלכע האָט רעגיסטרירט די פּאָסט האָט ער נישט פאַרגעסן. זי איז געווען הויך און קאָרפּולענט. זי איז געפאָרן אויף אַ „לאַמברעטע". ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי איבערגעלייגט איין פוס איבערן אַנדערן, מענטשן זאָלן זען אירע קיילעכיקע קני. זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ שיינעם בחור אַ פוטבאָל־שפּילער. זיי האָבן געקליבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן זיי זאָלן קאָנען איינצאָלן אויף אַ דירה און חתונה האָבן.

ער האָט זי אַרויסגערופן פון צימער. אין אַ ווינקל אויפן קאָרידאָר, ווו קיינער האָט זיי נישט געקאָנט הערן, האָט ער איר אינטים אַ זאָג געטאָן, ווי זיי וואָלטן געווען פריינד: — אהובה, אַז דו וועסט האָבן אָפּגעשפּאָרט אַ סומע וועל איך דיר העלפן מיט אַ הלוואה אין באַנק.

— בחייך?! — האָט זי מיט עקסטאַז אים אַ פרעג געטאָן.

— האַנדערד פּערסענט (הונדערט פּראָצענט) — האָט ער איר געענטפערט און איז אַוועק צו זיך אין צימער.

פון דעמאָלט אָן ווען זי טרעפט אים, גיט זי אים אַ ווינק מיט אַן אויג און זאָגט אים: — געדענק!

רינהן, די נידעריקע, דיקלעכע פרוי, וועלכע האָט געהוידעט זיך מיט דער טאַץ טיי, ווי אַ קאַטשקע, ווען זי לויפט — האָט ער אויך איינגעשטילט. זי האָט צוזאַמען מיט דער טיי אויך צעטראָגן די רכילותן צווישן די באַאַמטע. זי האָט מיט איר אינסטינקט און פאַנטאַזיע געוווּסט און זיך משער געווען ווו און וואָס עס קומט פאָר. זי האָט אויך געוווּסט וואָס ווען צו דערציילן און וואָס צו פאַר־שוויגן. לויט איר שטימונג און דעם שלום וואָס עפרוני האָט איר געענטפערט, האָט זי פונאַנדערגעטראָגן איבער די צימערן די טעגלעכע נייעס. איר מאַן האָט געאַרבעט שווער אויפן בוי. ער איז געווען אַן אייזנבייגער. עפרוני האָט איר צוגע־זאָגט, אַז ער וועט אים איינאָרדענען אויף אַ לייכטער אַרבעט ווו ער וועט גוט פאַרדינען.

די אַלע פרויען האָבן שוין איצט געשוויגן. איינע האָט זיך געהיטן, אַז די אַנדערע זאָל זיך נישט דערוויסן וואָס עפרוני האָט איר צוגעזאָגט. יעדע איינע

האָט זיך געהיטן זי זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, ווען מען האָט דערמאָנט עפּרוניס נאָמען. די רעדערייען וועגן אים האָבן טאַקע אויפגעהערט. נישט איין מאָל ווען ער איז אַרויס פון דער טעכנישער אָפּטיילונג האָט ווער פון די באַאַמטינס דאָרט אַ זאָג געטאָן: — ער איז נישט פון די ערגסטע — און געאַרבעט ווייטער מען זאָל זי נישט איבערפרעגן פאַר וואָס זי מיינט אַזוי.

חוה האָט אַלץ געזען, געהערט און געשוויגן. זי האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מענטשן קאָנען אַזוי שנעל בייטן די מיינונג, אָבער דער גאַנצער ענין האָט איר מער נישט געאַרט. זי האָט זיך באַרויִקט און געטאָן איר אַרבעט.

אויך עפּרוני האָט זיך אומגעקערט צו זיין נאָרמאַלן אַרבעטס־טעמפּאָ. פאַר־בייגייענדיק האָט נישט איין באַאַמטער אַרויפגערוקט די ברילן אויפן שטערן, אים נאָכגעקוקט, ווי ער זאָל וועלן זען, ווי ער זעט אויס, אָבער אַלע האָבן קאָרעקט אים באַגריסט און געענטפערט אויף זיין שלום.

ער איז ווידער געגאַנגען אייליק איבער די קאָרידאָרן און אַריינגעקוקט אין די צימערן. ער האָט אָפן געלאָזט די טירן, נישט אַריינגעגאַנגען אין די צימערן, ווי ער זאָל זיך האָבן דערמאָנט, אַז ער דאַרפט עפּעס דערליידיקן. די אַרבעט איז אים געווען נישט אינטערעסאַנט. אינטערעס האָט ער נאָר געהאַט פאַר מיכלען, זיין סעקרעטאַרין.

ווען מיכל, די שלאַנקע מויד מיט די לאַנגע פיס, איז צו אים אַריין אין צימער האָט ער זיך אונטערגעהויבן פון בענקל. זיין פּנים איז געוואָרן אָנגעדראָלן, זיין קאָרק שטייף ווי ביי אַ צערייצטן טויבן־„ער", ווען ער דרייט זיך אַרום זיין „זי". אים האָט גערייצט איר יוגנטלעכע אימפּולסיוויקייט. ער האָט איינגעאָטעמט אין זיך די פרישקייט פון איר הויט. ווען זי האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און אירע רויטע האָר האָבן זיך אַ צעשפּרייט געטאָן ווי אַ פונאַנדערגענומענער פעכער, האָבן זיינע נאָזלעפּלעך אַ פלאַטער געטאָן.

זי האָט דאָס אַלץ געזען. ווען זי איז אַריין צו אים אין צימער, האָט איר אָוואַל פּנים ציניש געשמייכלט.

ווען זי האָט אים צוגעטראָגן אַן אַרבעט, האָט ער איר נישט איין מאָל באַ־מערקט, אַז די ווירעס זענען קרום, אַז די רובריקן זענען ענג, אַז זי שרייבט נישט דייטלעך די ציפערן. אַמאָל האָט ער זיך אויף איר געבייזערט, אַ צווייט מאָל ווידער, האָט ער איר געהייסן פאַרריכטן די פעלערן. עטלעכע מאָל האָט ער ביים סוף צוגעגעבן: — גוט, איך וועל דיך אויסלערנען — און אַ קוק געטאָן אויף איר. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט פון תאווה.

זי האָט זיך נישט איבערגענומען מיט זיינע רייד. זי איז אַוועק פאַרריכטן לויט זיינע אָנווייזונגען און דערביי זיך צוגעזונגען. די יוגנט אַליין האָט אין איר געזונגען.

ער האָט זי אָבער נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט זי עטלעכע מאָל מיטגענומען אויף אַ רייזע זי זאָל אים שרייבן דעם פּראָטאָקאָל. אויפן וועג צוריק איז ער מיט איר געגאַנגען עסן. ער האָט יעדעס מאָל אויף איר אַ קוק געטאָן ווי עס געפעלט איר

דער געדעקטער טיש. ער האָט געגעסן אַ פול מיטאָג, אפילו נישט פאַרפעלט נאָכ־טרינקען אַ שוואַרצע קאַווע. זי האָט תמיד באַשטעלט אַ חומוס מיט אַ פּיתה, געזוי־ערטע גרינסן און אַ פלעשל אָראַנזשאַדע. אָפט נאָך דער אַרבעט האָט ער איר אַ פרעג געטאָן — ווו אַהין דאַרפסטו? — און זי צוגעפירט. זי איז יעדעס מאָל אַריינגעשפּרונגען אין אויטאָ, פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר. זי האָט געוואַרט ביז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים רודער, ווי זי זאָל וואַרטן אויף איר טאַטן.

אירע אויגן זענען געווען שוואַרץ־געראַמט ווי אונטערגעהאַקט. זי איז שטענדיק געווען נישט אויסגעשלאָפן. זייער אָפט האָבן בחורים זי אָפּגעוואַרט, נאָך דער אַרבעט. אין אַ פאַרמיטאָג האָט אַ הילכיקער פייף אַדורכגעשניטן די לופט און זיך צעטראָגן ביז צו זיי אין ביוראָ אַריין. מיכל האָט געלאָזט די אַרבעט און איז אַרויס־געלאָפן פון צימער.

עפרוני וועלכער האָט איר כסדר נאָכגעקוקט איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. אַ הויכער, ברייטבייניקער בחור מיט אַ שוואַרצער, צעשויבערטער טשופּרינע און אַ צעכראַשטשעטע העמד, האָט געהאַלטן מיכלען אַרומגענומען.

עפרוני האָט געעפנט דאָס פענצטער און זיך צוגערוקט צו דער וואַנט. ער האָט געהאָרכט און געקוקט.

— פאַר וואָס ביסטו נישט געקומען נעכטן? — האָט דער בחור זי געפרעגט.

— מיין אַלטער תרח האָט מיך פאַרשלעפּט אין גליל — האָט זי אים געענט־פערט און זיך צו אים צוגעטוליעט.

עפרוני האָט פאַרביסן די ליפּן און זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים שרייבטיש.

זיינע אַוואַנטורעס האָבן אים נישט געשטערט אין דער קאַריערע. די פירמע איז זיך צעוואַקסן, כסדר געקריגן נייע אַרבעטן. אויך די אינקאַסע האָט זיך פאַרגרעסערט. ער איז געגאַנגען פון איין דירעקטאָר צום אַנדערן און זיי דערלאַנגט מעמאָראַנדומס. ער האָט זיך געקלאָגט, אַז ער אַרבעט איבער די כוחות, מאַכט איבערשעהן און טראָג דעם באַווייזט ער נישט צו מאַכן די אַרבעט. די אַרבעט זאָל געמאַכט ווערן געהעריק, מוז ער לכל הפחות באַקומען צוויי באַאַמטע און נאָך אַ צימער.

נאָך אַלע זיינע שתדלנותן האָט מען אים געגעבן איין באַאַמטן. עפרוני האָט אים אַוועקגעזעצט אין דורכגאַנגס־צימער צוזאַמען מיט מיכלען. זיין גרויסער צימער איז ווייטער געבליבן נאָר פאַר אים. ער האָט זיך באַרויקט נישט ווייל מען האָט אים נאָכגעגעבן נאָר ווייל ער האָט זיך דערשראָקן. נחום, זיין נייער באַאַמטער איז געווען אַ הויכער, דאַרער פאַרשוין מיט אַ קיילעכיק, פליישיק פּנים. ער האָט געטראָגן באַקנבערד וואָס האָבן זיך שוין געגרויט. ער איז געווען אַ בוכהאַלטער.

עפרוני איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער. ער איז נישט געווען זיכער צי נחום וועט זיך מיט דער צייט נישט וועלן מישן אין די ענינים און ענדערן דעם אַרבעטס־סיסטעם אין דער אָפּטיילונג. צו פאַרהיטן די עווענטועלע געפאַר האָט ער ביי יעדער געלעגנהייט געוויזן נחומען, אַז ער איז נישט פּינקטלעך. ווי נאָר ער האָט געפונען עפּעס אַ טעות אָדער אַ פאַרלעגענעם חוב, האָט ער אים אַ רוף געטאָן

מיט רוגזה, און זיך צו אים אַ ווענד געטאָן מיט חוזק: — מיט דער פען פֿאַרשרייבט מען נאָר וואָס מען הייסט. עסקים און געלט־ענינים מוז מען פֿאַרשטיין.

נחום האָט נישט רעאַגירט. ער האָט שוין געוווסט נאָך וואָס ער רופֿט אים. ער האָט אים אויסגעהערט און צוריק אַוועק טאָן זיין אַרבעט.

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך עפֿרוני אַוועקגעזעצט און געפֿונען אויפֿן טיש אַ ליסטע. דאָס איז געווען אַן אינקאַסע־באַריכט פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם חודש. דער באַריכט האָט פֿאַרגעשטעלט אין פּראָצענטן וויפֿל מען האָט געדאַרפֿט איינקאַסירן, וויפֿל מען האָט איינקאַסירט און וויפֿל מען האָט נישט באַצאָלט. דעם באַריכט האָט אונטערגעשריבן נחום שילצער, זיין באַאַמטער.

עפֿרוני האָט זיך אַ הייב געטאָן פֿון בענקל ווי ער זאָל וועלן צו אים אַריינלויפֿן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טיר. זי איז געווען אָפֿן און ער האָט זיך צעשריגן:

— מיין טאַטע, אַ ייד אַ סוחר, האָט זיך פֿאַרשטאַנען אין געלט־ענינים מער ווי אַ סך פֿינאַנס־קענער, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום — פֿון אויפֿרעגונג האָט ער זיך פֿאַרריבן די הענט ווי ער זאָל זיי וואַשן. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען די פּראָצענט־פֿאַרטיילונג וואָס נחום האָט אים צוגעשטעלט. ער האָט אויך נישט געקאָנט איבערטראָגן נחומס אונטערשריפֿט אויף דעם באַריכט. ער האָט געוואָלט נחום זאָל מאַכן די אַרבעט און אים געבן זי אונטערצושרייבן.

עפֿרוני האָט זיך געמאַכט אַ סך הכל פֿון זיין מעמד ביי דער אַרבעט. ער האָט געוווסט, אַז אַ סך באַאַמטע קענען מער ווי ער. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז בכדי ער זאָל נישט בלייבן שטיין אויפֿן אָרט ווו ער געפֿינט זיך, נאָר גיין פֿאָרויס מוז ער וועמען האָבן אין דער פֿאַרוואַלטונג וואָס זאָל אים שטיצן.

צור איז געווען אַ מיטלוווקסיקער, ברייטביייניקער ייד מיט אַ דיקן קאַרק און שווערן, גרויסן גרוי געקרייזלטן קאָפּ. ער האָט געהאַט אַ ברייטע נאָז און דיקע ליפּן. ער איז געגאַנגען אָנגעלענט אויף אַ גראָבן שטעקן, ווי עס זאָל אים שווער זיין טראָגן זיין אייגענעם קערפּער.

זינט עפֿרוני האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז האָבן אַ שטיצע, האָט ער יעדעס מאָל ווען ער האָט איינגעזען צורן, צוגעוואַרט כדי אים זאָגן שלום. אָפֿט האָט ער אים אויך צוגעפֿירט ווו אַהין ער האָט געדאַרפֿט. אַ לאַנגע צייט האָט עפֿרוני זיך איבערגעלייגט, ווי אַזוי ער זאָל מיט צורן פֿאַרפֿירן אַ שמועס.

אין איינעם פֿון די טעג, ווען ער איז געווען זיכער, אַז צור איז אַליין אין צימער, האָט ער אָנגעקלאַפּט און איז אַריין צו אים. — שלום טאָוואַרישטש! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צורן און זיך אַוועקגעזעצט אים אַנטקעגן.

אַ צייט האָבן ביידע געשוויגן. מיט אַ מאָל האָט צור אים געפֿרעגט: — נאָך וואָס ביסטו געקומען?

— צור, איך בין באַעוולט! — האָט ער אים געענטפֿערט און אַ צעפּיר געטאָן די הענט, ווי ער זאָל רעדן פֿאַר אַן עולם.

צור האָט אים אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע, גרויע אויגן וואָס האָבן געגלאַנצט, ווי זיי זאָלן זיין פֿון פֿאַרצעליי.

— איך בין צו דיר געקומען ווי צו אַ טאַטן — האָט עפּרוני אים געזאָגט.

צור האָט אַ קרעכץ געטאָן.

— מען שאַצט מיך נישט אָפּ. מען גיט מיר נישט די מעגלעכקייט צו אַרבעטן. איך האָרעווע ביז שפּעט און קיינעם אינטערעסירט עס נישט. ווען איך זאָל נישט צוהיטן ווי אַ הונט די צאָלער, וואָלט „נדבך" אונטערגעגאַנגען — האָט עפּרוני געשריגן און מיט אַ פויסט זיך געקלאַפּט אין ברוסט. איצט איז ער איבערגעגאַנגען אויף אַ שטילערן טאָן. ער האָט גערעדט ווי ער זאָל זיך פאַרטרויען פאַר צורן: — איך דאַרף מענטשן צו דער אַרבעט און מען גיט מיר נישט. פאַראַן דאָ מענטשן וואָס עס אַרט זיי, אַז איך וועל זיך באַווייזן און מען ווערט מיר דאַרפן דערלייגן — ער האָט זיך מיט דער צונג אַרומגעווישט די ליפּן און גערעדט שוין געלאַסן: — האָט מען מיר שוין יאָ געשיקט אַ מענטש צו הילף, קען ער נישט די אַרבעט און וויל נאָר ווייזן, אַז ער פאַרשטייט מער.

צור האָט אַ קוק געטאָן אויף אים פון דער זייט.

עפּרוני האָט עס באַמערקט. ער האָט אויסגענוצט צורס בליק און זיך צו אים אַ ווענד געטאָן:

— די חברה דאָ האָט מיך נישט אַריינגענומען. איך בין נישט געקומען פון די אוניווערסיטעטן, איך בין נישט געשלאָפן אין קיין גאָלדן בעט — האָט ער זיך פאַר אים געקלאָגט און הילפסלאָז פונאַנדערגעלייגט די הענט איבערן טיש. ער האָט מיט ווייטאָג צוגעגעבן — איך קום פון פאָלק. מיין טאַטע איז געווען אַ האָרעפּאַשניק.

די גאַנצע צייט וואָס עפּרוני האָט גערעדט, האָט צור געקלאַפּט מיטן ציגאַרן־שפּיצל אין אַשנבעכער. ער האָט אָפּגעזיפצט און זיך פאַרצויגן. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז עפּרוני האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער שטאַמט פון זעלבן מקור וואָס ער.

צורס טאַטע איז געווען אַ טרעגער. ער איז מיט צענדליקער יאָרן צוריק אַלס יינגל געקומען אַליין אין לאַנד אַריין. ער האָט זיך געוואָלגערט אין די געצעלטן אין די צוואָרפּענע איבערן לאַנד מחנות. אַ צייט איז ער געווען אין קיבוץ, דערנאָך אין אַ קבוצה. פון דאָרט איז ער אַוועק צום בוי און אין משך פון יאָרן זיך דער־שלאָגן צו זיין אַמט. ער האָט נאָך עטלעכע מאָל זיך פאַרצויגן און אַ זאָג געטאָן עפּרונין — בודז' זדאַראָוו!

עפּרוני האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף גיין: — צור, זיי געזונט — האָט ער אים געענטפערט ווי זיינס גלייכן און איז אַרויס פון צימער.

כג

צור האָט אים גאָרנישט צוגעזאָגט, אָבער עפּרוני איז געווען זיכער, אַז ער וועט אים נישט לאָזן טאָן קיין עוולה. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז שאַפן זיין קאַריערע מוז ער זיך אַליין. אין דער פּאַרטיי איז ער איצט ווייניק געקומען. ער האָט וואָס ווייניקער זיך געוואָלט טרעפן מיט פּשוטע פּאַרטיי־חברים. ער האָט זיך אויך געהיטן נישט צו קומען מער אין קאָנטאַקט מיט די חברים פון זיין אַמאָליקער גרופּע.

נאָר מיט זלמנען האָט ער זיך באַגריסט. זלמן האָט אים געענטפערט מיט אַ קאָפּשאָקל און אַן אויסגעשטרעקטן פינגער, נישט זאָגנדיק אים שלום. ער איז געקומען נאָר אויף די פאַרזאַמלונגען, אָדער ווען ער האָט געהאַט אַ זיצונג, אַזוי ווי די רעשט חשובע חברים. ער האָט געהערט צו פאַרשידענע קאָמיסיעס, אָבער ביז איצט איז ער נישט געווען קיין געווייילטער פאַרשטייער.

אין אַ נאָכמיטאָג איז ער מיט מלכהן פאַרפאָרן פאַר איר טיר. זי איז אַרויס־געשפּרונגען פון אויטאָ און פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר. אַ שאַרפער ווינט וואָס האָט נאָר וואָס צעיאָגט די וואָלקנס און איבערגעריסן דעם רעגן, האָט געשויבערט אירע האָר. אַן אָנגעלאָפּענער ווינט האָט אַ וואָיע געטאָן, ווי ער זאָל פייפן.

עפּרוני איז זיצן געבליבן ביים רודער. אַנטקעגן אים האָט זיך געצויגן ווי אַ שלאַנג דער נאַסער גאַסן־אַספאַלט. ער איז געזעסן און באַטראַכט די איינצלנע געבליבענע דיקע טראָפּנס אויף דער אויטאָשויב.

— דזשענטלמען! — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן.

ער האָט איר נישט געענטפערט.

— איך וואַרט אויף דיר! — האָט זי אים קאָקעטיש אַ זאָג געטאָן.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטיל ווי ער זאָל זיך אַליין באַדויערן איר אַ זאָג געטאָן: — דער טאָג איז גרוי, אַלץ אַרום איז אַזוי טאָג־טעגלעך — זיינע אויגן זענען געווען שטאַר.

— ווייל דו האָסט זיך אָפּגעשלאָסן אין אַן ענגן קרייז. דאַרפסט זיך שאַפן אַ ברייטערע געזעלשאַפט — האָט זי אים פאַרגעוואָרפן.

ער האָט איר נישט געענטפערט. ערשט אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער איר געענט־פערט, ווי ער זאָל רעדן צו זיך: — מיט מיין ווייב, די דאַרפישע בריאה!

— קלאָג זיך נישט. נישט אַ סך מענער האָבן אַזעלכע פרויען. קאָנסט פון איר אַ סך לערנען — האָט זי אים אויסגערעדט.

זיין פּנים און קאַרק זענען רויט געוואָרן. ער איז געווען איבערצייגט, אַז מלכה האָט זיך דערוווסט ווער ער איז.

איך וועל צו דיר שוין איצט נישט אַריין — האָט ער אַ זאָג געטאָן איר מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס און אַ קריץ געטאָן מיט די ציין. ער האָט אָנגעצונדן דעם מאָטאָר, איר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַוועקגעפאָרן. ער האָט געלאָזט נאָך זיך די קעלט פון אַ דורכגעריסענעם ווינט.

דער פאַרברענטער בענזין־ריח וואָס האָט זיך צונויפגעמישט מיט דער נעץ אין גאַס, האָט פאַרכאַפּט איר אָטעם. אַ ווײַלע האָט זי אים נאָכגעקוקט. אַ פאַרטראַכטע האָט זי גענומען גיין מיט קליינע טריט אַהיים. זי האָט נישט געוווסט פאַר וואָס ער איז אַזוי אין כעס געוואָרן.

גאַנצע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער. ער האָט געוווסט, אַז מלכה איז גערעכט. ער האָט אָבער נישט געוואָלט נאָך מער זיך פאַררייסן מיט אילנהן. ער האָט געוווסט, אַז זי וועט זיך נישט וועלן טרעפן מיט די מענטשן, מיט וועלכע ער וויל פאַרברענגען. ער האָט זיך אויך נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן אין אַ פרישע ליבע־אַוואַנטורע.

ער האָט אויך נישט געוואָלט דערצערנען מלכהן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער קאָן אויפרייצן אילנהן. ער האָט אויך נישט געוואָלט עס זאָל קומען צו אַ סקאַנדאַל מיט אילנהס פאָטער. ער האָט באַשלאָסן דערווייל מאַכן קאָנטשאַפּט מיט מענטשן, וועלכע ער וועט אַ מאָל קאָנען אויסנוצן.

די ערשטע מיט וועמען ער האָט זיך באַפרײַנדעט איז געווען רפאלה, די סעקרעטאַרין פון דעם הויפּט־דירעקטאָר בלומענטאַל. רפאלה איז געווען אַן אַלטע מויד מיט קאַנטיקע אָקסלען, דינע פיס, קורצע געפאַרבטע האָר און אַ פּנים ווי אַן איי. איר נאָז איז געווען קליין און פליישיק און האָט אויסגעזען ווי אַ וואָרצל. איר פּנים איז געווען ערנסט, אָבער ווען מען האָט זי אָנגעקוקט האָט יעדער געשמייכלט פון איר אויסזען.

עפרוני איז איצט אָפט צו איר געקומען. ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַליין אין צימער איז ער צו איר אַרײַן. יעדעס מאָל האָט ער זיך אָוועקגעזעצט איר אַנטקעגן, אַן איבערגעבויגענער איבערן טיש, ווי נאָר איר זאָל ער וועלן פאַרטרויען זיין פּלאַן: ווי אַזוי מען דאַרף פאַרפולקומען די אינקאַסע, ווי אַזוי מען קאָן פאַרקלענערן דעם באַאַמטן־שטאַב, ווי אַזוי מען דאַרף רעאָרגאַניזירן די קאָמוניקאַציע־אָפּטיילונג.

זי האָט אים אויסגעהערט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער קומט צו איר, ווײַל ער וויל זי זאָל אים פּראָטעזשירן. איר האָט געוווילט זיין אופן פון רעדן, ווי אַזוי ער וויל זי איבערצייגן, אַז ער איז גערעכט. ער האָט זשעסטיקולירט מיט די הענט, אפילו ווען עס איז נישט נויטיק געווען. ער האָט זיך יעדעס מאָל באַמיט, אַז זייער געשפּרעך זאָל זיך פאַרציען. ער האָט איר דערציילט די רכילותן וואָס ווערן אַרומגערעדט אין ביורא, די מעשהס וואָס ווערן איבערגערעדט אין שטאָט און די פּאַרטיי־נייעסן. זי האָט אים אויך אַמאָל אַ זאָג געטאָן אַ וואָרט, אָדער אים עפּעס אָנגעדייט און געבליבן שטיל.

ער איז געווען פאַראינטערעסירט זי זאָל אים אויסהערן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן ביי איר. יעדעס מאָל איז ער אויפגעשטאַנען, געגאַנגען איבערן צימער און גערעדט צו איר. פאַרבײַגייענדיק האָט ער אַרויפגעלייגט אויף איר די האַנט, אָדער איבערגעלייגט איבער איר זיין אָרעם. בדרך כלל האָט נאָר ער גערעדט. ווען זי האָט אים שוין יאָ עפּעס אַ זאָג געטאָן האָט ער אפילו זיך נישט

צוגעהערט וואָס זי זאָגט. נישט געווען כמעט דער פאַל ווען ער האָט זי באַזוכט, ער זאָל נישט שטיין בלייבן אין דער אָפענער טיר און מיט קנאה באַטראַכטן דעם דירעקטאָרס קאַבינעט: דעם לאַנגן, לײדיקן, גלאַנציקן טיש, די שאַנק מיט די ביכער, די געבעטע לעדערנע פאָטעלן, דעם קאַרירטן, רויטן דיוואַן און די קאָזעטקע. ער האָט אַלץ באַטראַכט און יעדעס מאָל אַ זאָג געטאָן: — יאָ!

זי האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, אָבער איין מאָל האָט זי אים אַ פרעג געטאָן: — וואָס איז?

ער האָט איר נישט באַלד געענטפערט. אַ ווײלע שפּעטער האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: — איך וויל אויך זיצן אין אַזאַ קאַבינעט און וואָס שנעלער!

זי האָט זיך צעלאַכט אויפן קול: כאַ, כאַ, כאַ — ווי זי זאָל זיך שטיקן.

ער האָט אויף איר בייז אַ קוק געטאָן.

זי האָט עס באַמערקט און פאַרשטיקט איר געלעכטער.

דאָס וואָס ער האָט נישט פאַרטראַגן אין דירעקטאָרס צימער, זענען געווען די צוויי אײלבילדער, וואָס זענען געהאַנגען אויף די ווענט: אַ ייד מיט אַ באָרד, אַ תלמיד חכם און אַן אַרבעטער וואָס רייסט אַרויס אַ פעלדז. די צוויי געשטאַלטן האָבן אים דערמאָנט זיין פאַרגאַנגענהייט.

רפאלה האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן. זי האָט באַזוכט די קולטור־צענטערן אין אייראָפּע, אירע פעריען האָט זי מערסטנטייל פאַרברענגט אין לאָנדאָן. זי האָט אים נישט אָפּגעשטופּט פון זיך. אין אירע יאָרן און מיט איר אויסזען האָט אימפּאָנירט דער שטאַרקער, שיינער מאַן.

איינער האָט פאַרשטאַנען דעם אַנדערן. יעדער פון זיי האָט געוווּסט וואָס דער אַנדערער וויל.ביידע האָבן זיך געהיטן, אַז אַ פרעמדער זאָל נישט וויסן וועגן זייער קאַנטשאַפט. דער שלום זייערער איז געווען אַ דיסקרעטער, ווי צווישן צוויי באַאַמטע, וואָס אַרבעטן אויף דער זעלבער שטעלע און באַגריסן זיך.

אויב ער איז אַ טאָג, צוויי נישט געקומען, איז זי געלאָפן צו זיין סעקרעטאַרין זיך דערוויסן וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים. זי האָט שטענדיק געהאַט דעם זעלבן תירוץ און געפרעגט: — ווען איז ער געווען אין ביוראָ? ווען וועט ער קומען? בלומענטאַל וויל מיט אים רעדן.

— אַז ער וועט קומען וועל איך אים זאָגן — האָט מיכל קאַלט איר געענטפערט און ווייטער געטאָן איר אַרבעט.

רפאלה איז יעדעס מאָל אַוועק פון איר מיט אַ געפיל, אַז זי האָט גאָרנישט דערגרייכט.

זי האָט געוווינט אין אַ צוויי־צימער וווינונג אין צפון פון שטאָט, אין אַ פערטל וואָס האָט זיך ערשט געבויט. אַ סך גאַסן זענען נאָך נישט געווען געפלאַסטערט. אָבער דאָרט האָט געוווינט די אַנגלאָזאַקסישע עליה. צו זיך אין שטוב האָט זי אים נישט פאַרבעטן. זי האָט זיך נישט געקאָנט דערלויבן, אַז אירע שכנים זאָלן זען, אַז צו איר קומט אַ מאַן און דערצו מיט אַזאַ אויסזען. איר טרוים איז געווען אַ מאַן מיט אַ פאַרקעמטן פליך, בלייך פּנים, גרויסן, צעקנייטשטן שטערן און ער

זאָל טראָגן גאָלדענע ברילן. ער איז אָבער געקומען כסדר צו איר אין ביוראָ און יעדעס מאָל זי אַ פרעג געטאָן: — דער באָס קומט נאָך היינט?

זי האָט געוווּסט וואָס ער וויל וויסן. זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין כוח אים צו ענטפערן ניין. איר פּנים איז געוואָרן צעפלאַמט. אַ היץ האָט זי באַשלאָגן. אירע בלייכע פון מידקייט אויגן־לעפלעך האָבן זיך צוגעמאַכט.

ער האָט זי שוין געקענט: — נו, מען דאַרף עפּעס טאָן — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל נישט האָבן קיין צייט און ער האָט פאַרשלאָסן די טיר.

אַ צווייטע גאַר אַנדערע קאַנטשאַפּט, וואָס האָט אָבער געהאַט דעם זעלבן ציל האָט ער געפירט מיט צורן. ער האָט אים אָפּגעוואָרט און אים געפירט מיט זיין אויטאָ. ער האָט אים געהאָלפן איינשטייגן און געקוקט, צי די באַאַמטע זעען, אַז צור לענט זיך אָן אויף אים. אין גאַס איז ער מיט צורן געגאַנגען פאַמעלעך. ער האָט געוואָלט וואָס מער מענטשן זאָלן זען ווי דער „ותיק" פון דער עליה שניה האַלט אים אונטערן אָרעם. צורס מאַרינאַרקע־פּאָלעס זענען געווען צעקנעפּלט. זיי זענען געהאָנגען אויף אים ווי אָפענע טירלעך. צווישן זיי האָט זיך געבאָמבלט אַ ווײדל, דער עק פון זיין הויזן־רימען. ער איז געגאַנגען און געקלאַפּט מיטן שטעקן אין אַספאַלט, ווי עס זאָל גיין אַ בלינדער.

כמעט יעדע וואָך זענען זיי געגאַנגען אין שוויץ־באָד זיך אויסשוויצן. ער האָט פאַר צורן אויסגעקליבן אַ שעפל און אַ בעזעמל מיט ווייכע ריטלעך. ער האָט צורן אויסגעשמיסן און אים אָפּגעקילט, באַגאָסן מיט קאַלט וואַסער זיין צעגליטן קערפּער. זיין באַפרידיקונג איז געווען וואָס ביידע זענען זיי געווען נאַקעט, אַזוי ווי זיי זענען געבוירן געוואָרן. דער אונטערשיד צווישן זיי איז איצט געווען נאָר אין די יאָרן. עפּרוניס קערפּער איז געווען יינגער און פרישער. זיי האָבן זיך אָפּגערוט און ער האָט צורן אַוועקגעפירט אין רעסטאָראַן ווו זיי האָבן זיך אונטער־געלענט די הערצער. זיי האָבן אָפּגעגעסן און געפאָרן זען אַ פילם. זיי האָבן געהאַט אַ סטאַבילן קינאָ. מען איז אַראָפּגעגאַנגען אין אַ קעלער. דאָרט האָט מען געגעבן סענסאַציאָנעלע פילמען, ווי מען פאַרכאַפּט פרויען, אָדער אַ באַנדע וואָס דער־טרינקט אַ שיפל פון אַ קעגנער־באַנדע, אָדער גאָר אַ באַנדע וואָס האָט געשאָסן און נאָכגעיאָגט אַ פאַררעטער.

אויך דער רעסטאָראַן זייערער איז געווען אַ שטענדיקער. האָט זיך געפונען אין דרום פון שטאָט, אין אַ זייטיק געסל, וואָס האָט געהאַט אַ פּעריפעריע מיט פאַבריקלעך. אויך דאָרט האָט מען געמוזט אַראָפּגיין צוויי טרעפּלעך. דער קליענט איז ווי אַריינגעפאַלן אינעם לאַנגן זאַל. די פירעקיקע טישלעך מיט די מאַרמאָר־פּלאַטן און די ווינער שטולן זענען געשטאַנען ביי די ווענט. דיקע, טונקעלע פאָרהאַנגען האָבן פאַרשטעלט די פענצטער. די ליכט האָט דאָרט געברענט טאָג און נאַכט. אין דער זייט, הינטער דער באַגלאָזטער טיר וואָס האָט געסקריפּעטביים עפענען איז געשטאַנען אַ באַדעקטער מיט גלאָז קילטיש כדי מען זאָל זען די מאכלים. אויף דעם טיש זענען געווען צוגעפּעסטיקט צוויי ניקלנע בירקראַנען. דער רעסטאָראַן האָט נישט געהאַט קיין שילד. זיינע קליענטן האָבן געזאָגט: „איך

גיי צו יאַשקען" אָדער „איך קום פון יאַשקען". זיינע קליענטן זענען געווען שטאַם־געסט און געוווסט וואָס מען באַקומט ביי יאַשקען צו עסן. יאַשקע האָט געהאַט קורצע, דיקע הענט און אַ קיילעכיקן קאָפּ וואָס אויבן איז ער געווען ברייט און אונטן שמאָל און גלאַטיק, אָן האָר, ווי ער זאָל זיין אָפּגעשאָבן. ער האָט געהאַט קליינע אייגעלעך און אַ לאַנגע פּלאַטשיקע נאָז. יאַשקע האָט געוווסט וואָס ווען ער דאַרף דערלאַנגען.

דעם פאַרגאַנגענעם מיטוואָך איז עפרוני אַריין צו יאַשקען מיט צורן. זיי זענען געקומען גלייך פון דער אַרבעט, נישט זייענדיק פריער אין באָד. זיי זענען געזעסן ביי צוויי צוזאַמענגערוקטע טישלעך מיט די פּלייצעס צום זאַל, אַז די באַקאַנטע זאָלן זיי נישט דערקענען. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט אַ קאָניאַק און פאַר־ביסן מיט הערינג און געזאַלצענע מצהלעך, דערנאָך האָבן זיי געגעסן קישקע און פאַרענדיקט מיט געבראָטענע גענדזענע פּופּקעס. אין צווישנצייט, ווען זיי האָבן געגעסן, האָט זיי יאַשקע דערלאַנגט דריי מאָל צו גרויסע גלעזער ביר. דאָס עסן האָט זיי פאַרנומען צייט. זיי האָבן געגעסן פּאַמעלעך און געשוויגן. ווען זיי האָבן געענדיקט עסן האָט צור פאַררויכערט זיך אַ ציגאַרילקע. ער האָט זי אַריינגעשטעקט אין אַ לאַנגן, דינעם ציגאַרן־שפּיצל אַזאַ ווי עס באַנוצן פּרויען. דאָס האָט ער געטאָן, ווען זיין שטימונג איז געווען אַ יום־טובדיקע.

— צור, דו זאָלסט געדענקען די שעהען, וואָס מיר פאַרברענגען צוזאַמען — האָט עפרוני אים אָנגעזאָגט און געוואַרט וואָס צור וועט אים ענטפערן.

צור האָט אים נישט געענטפערט, נאָר אים אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע, פאַרצעליי־אויגן.

עפרוני האָט נישט פאַרטראָגן זיין קוק. ער האָט זיך אָנגעבויגן און גענומען צונויפשטעלן די אויסגעליידיקטע טעלער.

— ווער איז דיין ווייב? — האָט צור אים פּלוצים אַ פרעג געטאָן.

— אַ באַחנטע יידישע טאָכטער, אַ לערערין, אַ טאָכטער פון אַ מושב — האָט עפרוני זיך פאַר אים אַ באַרים געטאָן.

צור האָט אַ טרייסל געטאָן מיט זיין גרויסן קאָפּ, ווי ער זאָל זיך וווּנדערן און אים אַ פרעג געטאָן: — וויפל קינדער?

— דערווייל איין מיידעלע — האָט ער אים שטיל געענטפערט און שטאָלץ צוגעגעבן: — אָבער אַן אודאַטשנע.

— שלאָף נישט אין די גאַטקעס און מאַך אַ ברית! — האָט צור אים אָנגעזאָגט און מיט דעם ציגאַרן־שפּיצל אָנגעקלאַפּט עטלעכע מאָל אין אַשנבעכער, ווי ער זאָל זיך איינהערן אינעם קלאַנג.

— אוודאי! אוודאי! מען דאַרף נאָר האָבן די גרייצער — האָט ער מיט אַ געלעכטער געענטפערט צורן.

צור האָט אַ קרעכץ געטאָן און אים אַ פרעג געטאָן:

— אַ דירה האָסטו אַ גוטע?

— נישט צו פֿאַרזינדיקן — ער האָט אים אָבער נישט געזאָגט ווו און אין וואָס פֿאַראַ דירה ער וווינט.

— צו וואָס פֿאַראַ פּאַרטיי געהערסטו? — האָט צור געוואָלט וויסן און זיך איינגעקוקט אין אים. זיינע גרויסע, ווי פֿון פּאָרצעליי אויגן זענען איצט געווען שטאַר.

אַלע זענען מיר חלוצים און בויען דאָס לאַנד — האָט ער אים געענטפֿערט און געפּרוווט לאַכן. ער האָט נישט געוואָלט אים זאָגן.

צור האָט זיך אַרומגענומען דעם בויך מיט ביידע הענט און אַ קרעכץ געטאָן, ווי ער זאָל האָבן ווייטיקן.

עפּרוני, ווי ער וואָלט נישט געהערט צורס קרעכץ האָט געגעבן יאַשקען אַ צייכן ער זאָל אים מאַכן דעם חשבון. ער האָט געוווסט, אַז צור ווייסט צו וועלכער פּאַרטיי ער געהערט.

צור האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אין גאַס אַריין: — שוין פֿינצטער! — מיין ווייב וועט מיך נישט אַריינלאָזן אין שטוב — האָט ער דער־שטוינט אַ זאָג געטאָן — קום! — האָט ער אַ באַפֿעל געטאָן עפּרונין. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און גענומען גיין צו דער טיר. זיין טראָט איז געווען אַ שווערער, ווי זיינע אַלטע פֿיס זאָלן נישט קאָנען שלעפּן דעם לייביקן גוף.

עפּרוני האָט אַ וויז געטאָן יאַשקען ער זאָל פֿאַרשרייבן דעם חוב, אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז נאָכגעגאַנגען צורן.

זיי זענען געפֿאָרן לאַנגזאַם און געשוויגן. עפּרוני האָט געפֿילט אַ רויש אין קאָפּ. ערשט אַז זיי זענען אָפּגעפֿאָרן עטלעכע גאַסן, האָט צור אַ זאָג געטאָן:

— איך לאָז נישט פֿאַלן מיינע גוטע ברידער.

— ווו נעמט מען אַזעלכע צורס? — האָט עפּרוני אים אַ פֿרעג געטאָן און אַ דריק געטאָן מיטן פֿוס אויפֿן גאַז. זיינע אויגן האָבן געלאַכט.

ער האָט פֿאַרהאַלטן דעם אויטאָ און געוואָלט אַרויסגיין.

— מען דאַרף נישט — האָט צור אים אַ זאָג געטאָן און אָנגעכאַפּט אים ביים אַרבל.

— איך וועל דיך אונטערפֿירן — האָט עפּרוני פּראָטעסטירט.

— פֿאָר אַהיים צום ווייב — האָט צור אים געזאָגט און זיך מיט אָנשטרענגונג אַרויסגעקאַטשעט פֿון אויטאָ: — זיי געזונט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן עפּרונין און געגאַנגען אַהיים צוקלאַפּנדיק זיך מיטן שטעקן. ער האָט נישט געוואָלט אַריינבעטן צו זיך עפּרונין.

נאָך אַ קאָנטשאַפֿט פֿון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער איז געווען מיט סטעלען. חוץ דעם וואָס זי איז געווען אַ שיינע פֿרוי האָט זי זיך פֿאַרנומען מיט קונסט. די אַרט פֿרוי איז פֿאַר אים געווען ביז איצט פֿרעמד. סטעלע איז געווען הויך און געהאַט אַן אָוואַל פּנים. זי האָט געהאַט אַן אַליוון גרינע הויט, גרויסע שוואַרצע אויגן און לאַנגע ברעמען איבער זיי. איר דינע, לענגלעכע נאָז האָט איר צוגעגעבן אַ יידישן חן. אירע געדיכטע שוואַרצע האָר זענען געווען פֿאַרקעמט מיט אַ שרונט

אין דער מיט און מיט אַ קאָקס פון הינטן. זי האָט געוווינט אויף דער עליה־גאַס. צו איר איז מען אַראָפּגעגאַנגען מיט עטלעכע טרעפּ פון הויף.

זי האָט געוווינט אין אַ קעלער־שטוב אין וועלכער עס איז אויך געווען אַ וואַסערקראַן מיט אַ שיסל אויף אַ טאַבורעט אונטער אים. אויף אַ צווייטן טאַבורעט אין אַ ווינקל, איז געשטאַנען דער נאַפּטאָויוון. אין צימער איז שטענדיק געווען אָנגעוואָרפן. אין אַלע ווינקלען זענען געלעגן צעשפּרייט אירע קליידער, שיך און דאָס געווערקצייג מיט שטיקער בלעך. איר בעט איז קיין מאָל נישט געווען פאַרבעט. אָבער אין ווינקל אונטערן פענצטער איז געשטאַנען ווי אַ מזבח צו וועלכן זי האָט זיך נישט צוגערירט, אַ ברוינער קלאַוויר, וועלכן זי האָט געברענגט מיט זיך פון דער היים.

זי איז צו אים געקומען עטלעכע מאָל אין ביוראָ אַריין און אים פאַרגעשלאָגן ער זאָל ביי איר מאַכן זיינע פאַרזיכערונגען. ער האָט איר יעדעס מאָל אַראָגאַנט און טרוקן אָפּגעזאָגט — איך בין שוין פאַרזיכערט. זעענדיק, אַז זי קאָן אויף אים נישט ווירקן, האָט זי אים פאַרגעשלאָגן ער זאָל אָנקוקן אירע אין מעש געהעמערטע געשטאַלטן. ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף אירע רייד, אָבער אַז זי האָט געעפנט איר טעקע און אים געוויזן אַ קאָפּ פון אַ ייִד, אַ טאָרס פון אַ פרוי און אַ קאַץ מיט קעצלעך, האָט ער זי אַ פרעג געטאָן: — ווער האָט דאָס געמאַכט?

— איך — האָט זי שטיל, נישט דרייסט געענטפערט.

דערהערנדיק, אַז זי איז אַ קינסטלערין האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: — זיצט!

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און באַטראַכט אים און דאָס צימער.

ער האָט אָנגעקלונגען: — רינה, ברענג מיר צוויי קאַוועס, אַ שוואַרצע און מיט מילך. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אַ קוק געטאָן אויף סטעלען.

זי האָט געפילט אויף זיך זיין בליק, אָבער זי האָט געקוקט אין פענצטער. זי האָט געהאַט גרויסע, געדיכטע וויעס.

ער האָט זיך פאַרריבן די הענט און זיך אַ ווענד געטאָן צו איר:

— איר זייט שוין לאַנג אין לאַנד?

איך געדענק שוין נישט — האָט זי סאַרקאַסטיש אים געענטפערט און טרויעריק אַ שמייכל געטאָן.

— אַן פאַרביטערונג. קיינער איז נאָך דאָ נישט געשטאָרבן פון הונגער — האָט ער איר פאַרזיכערט.

— יאָ — האָט זי אים געענטפערט.

רינה האָט אָנגעקלאַפּט. זי איז אַריין אין צימער און אַוועקגעשטעלט דאָס טעצל מיט די קאַוועס אויפן טיש. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף סטעלען פון דער זייט. זי האָט געוואָלט זען ווער עס איז די פרוי וואָס עפּרוני טרינקט מיט איר קאַווע אין ביוראָ.

— נאָך עפּעס? — האָט רינה געפרעגט. זי האָט געוואָלט געווינען צייט.

— קאָנסט גיין! — האָט ער איר געזאָגט.

רינהס קיילעכיקע באַקן זענען רויט געוואָרן און זי איז אַרויס פון צימער.

סטעלע איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געקומען פון קראָקע. זי האָט גערעדט עטלעכע שפּראַכן, אָבער נישט קיין העברעיִש. אין דער היים האָט זי געלערנט האַמערן אין מעש ביי אַ פּוילישן קינסטלער, אָבער זי האָט נישט געהאַט דעם קינסטלערישן פּאַרנעם. דאָ אין לאַנד איז זי כסדר געגאַנגען צו די קינסטלער וואָס האָבן געהאַט אַ נאָמען. זי האָט געוויזן אירע אַרבעטן. יעדער האָט איר אַ זאָג געטאָן, — נו יאָ, אינטערעסאַנט — אָבער נישט מער. זי האָט כסדר געזוכט קאָנטשאַפּט. אירע באַקאַנטע האָבן זי רעקאָמענדירט, אַז מענטשן זאָלן זיך ביי איר פּאַרזיכערן. דערפון האָט זי עקזיסטירט.

ער איז קיין איין מאָל נישט געווען ביי איר אין שטוב. ער האָט זיך געהיטן, פאַר באַקאַנטע. זי איז געקומען צו אים אין ביוראָ, ווי זי זאָל קומען דערליידיקן געזעלשאַפטלעכע ענינים. די אָפּגערעדטע טעג האָבן זיי פאַרברענגט אין ירושלים, אָדער חיפה אין אַ האָטעל־אַפּאַרטאַמענט, וואָס האָט געמוזט האָבן אַ באַדצימער. עסן האָט זיי געברענגט אַ קעלנער. דאָס איז געווען איר באַדינג. זי האָט געוווּסט, אַז די קאָנטשאַפט מיט אים איז אַ צייטווייליקע. ער איז אויך נישט געווען איר טיף. דער טאָג, ווען זי האָט פאַרברענגט מיט אים אין האָטעל, האָט איר דערמאָנט אין איר פאַרגאַנגענהייט, ווי אַזוי זי האָט געלעבט אַ מאָל.

די אַרבעט און די קאָנטשאַפטן האָבן אויסגעפּילט זיין צייט. דערפאַר איז ער איצט זעלטן געקומען צו מלכהן. ער איז שוין נישט געווען אַזוי גיריק נאָך איר. ער איז געקומען צו איר פון מאָל צו מאָל, ווייל ער האָט נישט געוואָלט זי זאָל אים באַרעדן.

דאָס לאָווירן, אַז איין פרוי, זאָל זיך נישט טרעפן מיט דער אַנדערער, איינע זאָל נישט רעדן פאַר דער אַנדערער, אַז אילנה זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן זיי אַלע, האָט געפאָדערט אָנגעשטרענגונג. זיינע באַקן זענען איינגעפאַלן, דאָס פּנים זיינס איז געווען אָפּגעצערט. ער האָט אויסגעזען, ווי ער זאָל זיין שלעפעריק. אויף ווייטע שטרעקעס האָט ער מיטגענומען זיין שאָפער, ווייל ווי נאָר ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ איז ער פון מידקייט איינגעשלאָפן.

אָבער מיט אַלע זיינע הצלחות האָט ער זיך דאָך געפילט באַאוולט. ער האָט שוין געהאַט געגנוג די מענטשן, וואָס ער האָט דערגרייכט זייער גראַד. ער האָט געוואָלט זיין אַ חבר אין דער פאַרוואַלטונג. ער האָט געוואָלט זיצן אויף געבעטע מיט לעדער פּאָטעלן, ביי אַ לאַנגן שרייבטיש און די סעקרעטאַרין זאָל צו אים קלינגען, פרעגן צי מען קאָן צו אים אַריינגיין.

ער האָט אַלץ געטאָן, ער זאָל זיצן אין אַ מעבלירטן קאַבינעט. ער האָט אָבער שוין פאַרשטאַנען, אַז זיין ווילן איז נישט גענוג, אַז נישט זיינע ווייבער וועלן אים העלפן דערגרייכן זיין ציל. מיט זיין גאַנצער אָנגעשטעלטער גאווה האָט ער געזען אַז ער איז דער עבד, וואָס באַדינט אַנדערע.

דעריבער, ווען ער איז געקומען ערגעץ אין סאַמע פאַרוואָרפנסטן אָרט אין לאַנד, האָט אים שמאי זיין שאָפער געדאַרפט זייער אָפּט צופירן צום פריזיער.

ער האָט זיך געהייסן צושערן, ווען עס איז אפילו נישט געווען נויטיק. ער האָט געהייסן זיך וואַשן דעם קאָפּ, זיך געלאָזט ראַזירן און מאַסירן ס׳פּנים. ער איז לאַנג געשטאַנען און געלאָזט, דער פריזיער זאָל אים אָפּפּוצן זיינע מלבושים. ער האָט געוואַרט דער פריזיער זאָל אים אָנטאָן דעם מאַנטל און אים דערלאַנגען דעם קאַפּעלוש. דערפאַר האָט ער געגעבן דעם דערשטוינטן פריזיער אַ סך מער, ווי עס איז אים געקומען.

ביים פריזיער האָט ער זיך געלאָזט באַדינען. פון דאָרט איז ער אַוועקגעגאַנגען ווי אַ חשובער, שטאָלצער קליענט — אַ הער.

כד

דער פאַרמיטאָג איז געווען אַ גרויער, די לופט פייכט. די ווינטערדיקע נעץ האָט אַלץ אַדורכגענומען, אפילו דער טינק אויף די ווענט פון די הייזער איז געווען אַדורכגענעצט. אין שטוב ביי די עפרוניס איז געווען וואַרעם. די ווינטער־גרויקייט האָט געדעמערט אין די פענצטער און זיך אָפּגעשלאָגן אין די צימערן.

אילנה איז געזעסן אויף דער סאָפע און געשטריקט אַ יאַקעלע פאַרן קינד. זי האָט געהאַט אויף זיך שוואַרצע הויזן און אַ רויטן סוועטער מיט אַ פאַרמאַכטן קאָלנער. זי האָט געשטריקט מיט אַ דאָפּלטן פאָדעם. די צווי פאָדעם־קנוילן רויט און בלוי האָבן זיך געקוילערט איבערן דיוואַן אַהין און צוריק ווי איינער זאָל זיך שפּילן מיטן אַנדערן.

אין צימער איז געווען שטיל, מען האָט נאָר געהערט דעם מעטאַלענעם קלאַנג פון די זיך צונויפגעטראָפענע שפּיזן און דעם גאַנג פונעם זייגער. זי האָט געשטריקט און אויפגעפּאַסט אויפן קינד, וואָס האָט זיך געשפּילט נעבן איר. גליה, מיט די רויטע גלאַנצנדיקע בעקעלעך און איר בלוי געשטריקט מונדירל איז געקראָכן איבער דער סאָפע ווי אַ בערעלע.

דאָס קינד איז אַרומגעקראָכן און גערעדט צו זיך מיט פאַרוווּנדערונג: או?! אַה?!

— יאָ מיידעלע רעד, ביסט שוין גרויס. וועסט באַלד אַרומלויפן איבער דער שטוב — האָט די מוטער איר געענטפערט מיט פרייד.

דאָס קינד איז מיד געוואָרן און זיך אַוועקגעלייגט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך אויפגעשטעלט אויף די קני און צוגעקראָכן צו דער מוטער. ס׳קינד האָט פאַר־וווּנדערט אָנגעקוקט די מוטער און איר אַריינגעשטופּט אַ הענטל אין מויל. זי האָט געוואָלט די מוטער זאָל זיך מיט איר שפּילן.

אילנה, האָט זי אויסגעקושט, געלאַכט צו איר, געביסן מיט די ליפּן אַז עס זאָל איר נישט ווי טאָן און גערעדט צו איר: — טייערע, שיינע מיידעלעך, זיס

קינד! דאָס קינד האָט אַ בריקע געטאָן מיט די פּיסלעך. די מאַמע האָט זי אַרומ־גענומען און זי אויסגעדרייט מיטן קאָפּ צו זיך.

דאָס קינד האָט איר אַ זאָג געטאָן: או! או!

די מאַמע האָט איר געענטפערט: יאָ, יאָ, — און געשטריקט ווייטער.

אילנה האָט זיך איינגעהאָרכט און איז זיצן געבליבן אָן באַוועגונג. דאָס האַרציקע פּלוידערן מיט דער טאָכטער האָט זיך איבערגעריסן. אַ נערוועזער, כסדר איבערגעהאַקטער טירקלונג האָט געריסן די שטילקייט אין שטוב. די טרוקענע, אויסגעוואַרעמטע שטובלופט האָט אַ ציטער געטאָן.

אילנה האָט אַוועקגעלייגט דאָס שטריקל. זי האָט אַ נעם געטאָן אויף זיך דאָס קינד און זי איז אַוועק עפענען. זי האָט אָפּגעריגלט און געעפנט די טיר. די נעץ פון דרויסן האָט אַ שפּאַר געטאָן אין שטוב אַריין.ביידע פרויען זענען זיך געבליבן שטיין אַנטקעגן ווי מומיעס. אַ ווײַלע האָבן זיי זיך באַטראַכט און ביידע האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— שלום! — האָט מלכה אַ שטאַמל געטאָן.

אילנה האָט זיך אַוועקגערוקט אין אַ זייט. זי האָט אַדורכגעלאָזט מלכהן און פאַרמאַכט די טיר. אילנה איז בלייך געוואָרן. זי האָט געפילט ווי דאָס בלוט האָט איר אַ שטראָם געטאָן אין קאָפּ אַריין און צוריק אָפּגערונען פון איר.

— שלום — האָט זי ערשט איצט געענטפערט מלכהן — קומט ווייטער — האָט זי אַ שטאַמל געטאָן און געגאַנגען אין שטוב אַריין.

מלכה איז איר נאָכגעגאַנגען.

— זיצט — האָט אילנה איר געזאָגט און איז מיט גליהן אייליק אַוועק אין שלאָפצימער ווי זי זאָל אויסבאַהאַלטן ס׳קינד פאַר אַן עין־הרע.

ווען אילנה איז צוריקגעקומען איז איר פּנים ווידער געווען רויִק נאָר די באַקן אירע האָבן געפלאַמט. אירע ברעמען זענען געווען צונויפגעצויגן.

מלכה איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און געוואַרט אויף איר.

אויב איך בין געקומען אין אַ נישט פּאַסיקער צייט בין איך גרייט צו קומען אַ צווייט מאָל — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

אילנה האָט נישט געענטפערט, נאָר זי אָנגעקוקט.

מלכה האָט אַ פּינטל געטאָן מיט די אויגן און געפּרוווט זיך פאַרענטפערן:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך בין געקומען אומגעבעטענערהייט.

— קודם־כל, זיצט — האָט אילנה איר געזאָגט און באַלד צוגעגעבן — אויב אַ מענטש קומט, דאַרף ער עפּעס — דערביי אָנגעוויזן מלכהן אויפן פאָטעל. זי אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע איר אַנטקעגן.

מלכה האָט זיך אַוועקגעזעצט. איר פּנים איז געווען בלייך. זי האָט אַרויס־גענומען פון דער האַנטטאַש דאָס נאָזטיכל און זיך געטרינקט דעם שווייס אויף איר אויבערשטער ליפּ. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי פונאַנדערגעקנעפּלט דעם זשאַקעט פון איר גרויען קאָסטיום. עס איז איר געווען הייס.

אילנה האָט איר נישט פאַרגעשלאָגן די זאָל אים אויסטאָן. זי האָט איר אויך נישט מכבד געווען.

מלכה האָט געשוויגן. זי האָט זיך געפילט פרעמד כאָטש זי איז שוין אַ סך מאָל געווען ביי זיי אין שטוב.

אילנה האָט אַוועקגעקוקט.

מלכה האָט געפילט, אַז אילנה טראַכט וועגן איר. זי האָט שנעל געאָטעמט, געווען אויפגערעגט.

אילנה האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זי אָנגעקוקט. זי האָט געוואַרט מלכה זאָל איר זאָגן נאָך וואָס זי איז געקומען.

זי האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן אילנהס שוויגן און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל אייך נישט טאָן קיין שלעכטס, סוף סוף זענען מיר באַפריינדעט.

אילנה האָט פאַרצויגן די ליפּן און פאַרמרוזשעט די אויגן.

— לאַנג זיך נישט געזען, געוואָלט וויסן, צי איר זייט געזונט און אויך געקומען אייך איינלאַדן — האָט מלכה שטיל און נערוועז איר אַ זאָג געטאָן.

— עפרוני פילט זיך זייער גוט — האָט אילנה געענטפערט און אַ קוק געטאָן אויף איר צו זען ווי עס האָט געווירקט אויף איר די תשובה. אַ ווײַלע שפּעטער האָט אילנה זי אַ פרעג געטאָן:

— איר רעדט נישט מיט אים טעלעפאָניש? ער האָט שוין נישט קיין צייט פאַר אייך — און זיך צעלאַכט: כאַ! כאַ! כאַ! — ווי עס זאָל פון איר אַרויסשרייען איר נקמה און פרייד.

מלכה האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך אין איר נוקם געווען פאַר דער גאַנצער צייט.

— אונדזער קאָנטשאַפּט זענען די פּאַרטיי־ענינים — האָט זי אַ שטאַמל געטאָן.

די סעודות אין די רעסטאָראַנען און די רייזע־שפּאַצירן געהערן אויך צו די ענינים? — האָט אילנה אַ פרעג געטאָן ווי זי זאָל וועגן יעדעס וואָרט. אירע אויגן האָבן געגליט מיט שׂנאה.

מלכה האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אַוועקגערוקט פון איר.

אילנה האָט זי נישט אָפּגעלאָזט.

— איר קומט אים זוכן? — האָט זי זיך מיט איר גערייצט.

מלכהס פּנים איז געוואָרן גרין. די באַקן אירע זענען איינגעפאַלן, אירע אויגן זענען געוואָרן שטאַר.

— איך בין נישט געקומען זיך מיט אייך קריגן נאָר אייך דערציילן — האָט זי שטיל און פאַמעלעך אַ זאָג געטאָן אילנהן ווי זי זאָל ציילן די ווערטער.

אילנה האָט זיך צוגעבויגן צו איר, געקוקט איר אין פּנים אַריין און געוואַרט זי זאָל רעדן ווייטער.

מלכה האָט פאַרשטאַנען וואָס זי וויל און זי האָט שנעל, ווי זי זאָל זיך קרעקן מיט די ווערטער געזאָגט:

— זיין איצטיקע געזעלשאַפט איז נישט זייער סימפּאַטיש — אַלע מוסקולן אויף איר פּנים האָבן אַ ציטער געטאָן.

אילנה האָט זיך היסטעריש צעלאַכט: האַ! האַ! האַ! כאַ! כאַ! — ווי אַ טרו־קענער הוסט זאָל זי האָבן באַפאַלן. אַז זי האָט זיך באַרויִקט האָט זי נאָך שטאַרקער זיך איינגעקוקט אין איר, ווי זי זאָל פאַרטרויען איר אַ סוד און אַ זאָג געטאָן: — גייט! — אירע אויגן זענען געווען פול שׂנאה און זי האָט שווער געאָטעמט.

— אַ— אַ—אַ—ה! — האָט מלכה אַ זיפץ געטאָן, ווי זי זאָל קרייען. זי האָט שטיל אַ שטאָמל געטאָן: — שלום — זיך שנעל אויפגעשטעלט און אַרויס פון שטוב, ווי זי זאָל אַנטלויפן.

אילנה האָט נישט געהערט ווען זי איז אַוועק. ערשט ווען זי האָט דערפילט די שטילקייט אַרום זיך איז זי אַוועק זען, צי זי האָט צוגעמאַכט די טיר.

זי האָט מלכהן אַרויסגעטריבן פון שטוב, ווייל זי האָט נישט געוואָלט הערן ווי זי רעדט אויס אויף איר מאַן. זי האָט זיך נוקם געווען אין דער „יעקעטע" וואָס האָט זי שאַנטאַזשירט די גאַנצע צייט. אָבער די געשעעניש האָט זי איבערגעלעבט. זי האָט זיך ווי אַ שאָטן געשלייכט איבער די צימערן, נישט געהאַט צו וועמען אויסרעדן אַ וואָרט. זי איז אַרומגעגאַנגען אַן איינגעהויקערטע, איינגעהאָרכט אין דער שטילקייט. ווען די שטילקייט איז איר געוואָרן אימהדיק איז זי צוגעגאַנגען צום קינדס בעטל און איינגעהערט זיך ווי די טאָכטער אָטעמט. דער קאָפּ איז איר געווען שווער און די שלייפן האָבן איר געהאַמערט. זי האָט נישט געקאָנט האַלטן אָפן די אויגן, זיך באַרויִקן. עס האָט איר געקרענקט מלכהס חוצפּה. זי האָט ווידער און ווידער איבערגעחזרט — זי האָט געוואַגט קומען צו מיר אין שטוב זיך אויסטענהן.

זי האָט געשוויגן, אָבער נישט איין מאָל האָט זי זיך אַ פרעג געטאָן אין געדאַנק: — צו וואָס בין איך דערגאַנגען? זי איז עטלעכע מאָל שטיין געבליבן מיט אַן איינגעביסענער ליפּ צווישן די ציין, ווי זי זאָל נישט וויסן וואָס זי וויל טאָן. אָפט האָט זי אַריינגערוקט די פינגער צווישן די האָר און זיי געריסן מיט כעס. נאָך יעדער אַזאַ געשעעניש האָט זי זיך אַרומגעקוקט ווי זי זאָל האָבן זיך איבערגעוועקט. ביינאַכט איז זי אַריין די ערשטע אין שלאָפצימער. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט און איבערגעצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ זי זאָל אים נישט זען ווען ער וועט קומען. זי האָט נישט געוואָלט ער זאָל זיך צו איר ווענדן, זי זאָל אים דאַרפן ענטפערן. ווען ער האָט פאַרלאָשן די ליכט, איז זי געבליבן ליגן מיט אָפענע אויגן. אַ גאַנצע נאַכט איז זי געלעגן ווי אַ גולם, נישט געקאָנט צונויפנעמען די געדאַנקען. אין משך פון טאָג האָט זי עטלעכע מאָל איינגעדרימלט. יעדעס מאָל האָט זי זיך אויפ־געכאַפּט אַ דערשראָקענע און געלאָפן זען צי ס'קינד ליגט רויִק.

זי האָט כמעט נישט געגעסן. אַלץ וואָס זי האָט פאַרזוכט האָט געהאַט אַ זויערן טעם. זי האָט נאָר געטרונקען, געלאָשן איר דאָרשט און די טרוקנקייט אין מויל. אירע אַקסלען זענען געווען שפּיציק, איר פּנים איינגעפאַלן. די מלבושים זענען אויף איר געהאַנגען ווי אויף אַ מאַנעקין. די ביינער אין איר פּנים האָבן

אַרויסגעשטאַרט און געהאַט אַן אַנדערע צורה. זי איז נישט אַרויס פון שטוב. אפילו צום קרעמער האָט זי זיך ווי אַרויסגעגנבעט. זי איז אַרויס אין אַ נישט־פאַרקנעפּלטן מאַנטל, איין פּאָלע איבערגעלייגט איבער דער צווייטער. איר קאָפּ איז געווען אַריינגעלאָזט אין קאָלנער. זי האָט נישט געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן זי זען, זי דערקענען.

חנא, דער בייכיקער קרעמער האָט נישט איין מאָל געלאָזט שטיין אַ קונה און זי באַדינט. ער האָט נישט גערעדט מיט איר קיין איבעריק וואָרט. בשעת ער האָט זי באַדינט זענען זיינע אויגן געווען טרויעריק אַזוי ווי אירע. זי פלעגט אים באַצאָלן און ער האָט איר געהאָלפן צונויפלייגן די פּראָוויאַנטן. ביים אַוועקגיין האָט ער יעדעס מאָל איר אַ זאָג געטאָן אַ פאַרזאָרגטער: — גייט געזונט! — זי פלעגט אַרויס פון קראָם ווי אַ שטומע, זי האָט אים נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. די קונים אין קראָם האָבן זיך איבערגעקוקט און געשוויגן. זי האָט געשוויגן פון בושה. זי איז געווען איבערצייגט, אַז אַלע אין דער סביבה וויסן וואָס עס קומט ביי איר פאָר.

אויך צו די בנימינים האָט זי אויפגעהערט אַריינקומען און אפילו זיך מיט זיי נישט אָפּגעשטעלט. זיי האָבן זיך געזאָגט שלום נאָר פון דער ווייטנס. בנימיני האָט נישט גערדיקט אויף אילנהן. ער האָט זיך אַנגעשטויסן, אַז זי האָט משפּחה־שוועריקייטן. ווען מרים, זיין ווייב האָט עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט ביי אילנהן, פאַר־בענקט זיך, געוואָלט כאַפּן מיט איר אַ שמועס, האָט איר אילנה אפילו נישט געעפנט די טיר.

זי האָט אַלץ געטאָן אַן חשק, מעכאַניש, נאָר ווייל זי איז געווען אַזוי געוווינט און געוואָלט זיך פאַרטאָן. זי האָט זיך אויך נישט אָנגעטאָן זי זאָל אויסזען שיין. זי האָט איצט געטראָגן קליידער, וועלכע זי האָט לאַנג שוין געהאַט אַוועקגעהאָנגען. זי האָט געשטאַרט פון פאַרצווייפלונג און מורא וואָס וועט זיין? זי איז כסדר דאַרער געוואָרן און גלייכצייטיק זיך צוגעוווינט צו איר נייעם מצב. נאָך דער באַגעגעניש מיט מלכהן נאָך מער געפאַלן ביי זיך, נאָך מער פאַרשלאָסן. זי האָט געשוויגן און געטראָגן אין זיך די חרפּה און באַליידיקונג.

עטלעכע טעג נאָך מלכהס באַזוך האָט זיך די אַריינגאַנג־טיר אויפגעפּראַלט און צוריק פאַרהאַקט נישט ווי עפרוני זאָל זי האָבן געעפנט, נאָר ווי עפּעס בייזע כוחות. די לאָמפּן אויף דער סטעלע און די פענצטער־שויבן האָבן אַ ציטער געטאָן. די אָנגעטראָגענע דורך אים קעלט, האָט אַ שפּאַציר געטאָן איבער די צימערן, ווי זיי זאָלן זיין ליידיק.

אילנה איז אַרויס פון שלאָפצימער און אַ צעשראָקענע געבליבן שטיין אין דער טיר. זי איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, אויפגעריסענע אויגן און געציטערט.

איר אַנטקעגן איז געשטאַנען עפרוני און געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טיש, ווי ער זאָל אַריינהאַקן אַ טשוואָק נאָך יעדן וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט:
— איך דאַרף אַלץ וויסן וואָס אין שטוב קומט פאָר. זיין אַקטנטאַש, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויפן טיש איז נאָך יעדן קלאַפּ אונטערגעשפּרונגען.

אילנה האָט געשטאַרט פון אימה און אומבאַהאָלפנקייט. זי האָט אַפילו נישט געוואַגט אַ קוק טאָן אויף אים. איר קאָפּ איז געלעגן צווישן אירע אַקסלען און זי האָט געציטערט, פון מורא. זי האָט נישט געוווסט וואָס ער וויל.

— ווער־האָט־מיך־געזוכט?! — האָט ער אַ פרעג געטאָן באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט, ווי ער זאָל זיי ציילן.

ערשט איצט האָט זי אויפגעהויבן די אויגן. זי האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט און אים אַ פרעג געטאָן: — מלכה? און אים געענטפערט: — זי איז געקומען צו מיר.

— צו דיר! צו מיר! — האָט ער איר נאָכגעשפּעט און אָפּגעאָטעמט. ער איז שוין זיכער געווען, אַז מלכה האָט נישט גערעדט קיין איבעריקע רייד. איצט האָט ער געסאָפּעט, געוואָלט זי זאָל מיינען, אַז ער איז אין כעס: — דו, אַלס מיין פרוי דאַרפסט וויסן ווי זיך צו פירן — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן.

זי האָט פאַרביסן די ליפּן און געשטעלט אַ טריט, דערנענטערט זיך צו אים, אָבער מיט איין האַנט האָט זי זיך אָנגעהאַלטן אין דער טיר־פּוטרינע זי זאָל נישט אומפאַלן. שטיל ווי זי זאָל רעדן צו זיך האָט זי אים אַ זאָג געטאָן: — אָן מיר וועסטו גאָרנישט דערגרייכן. וואָס שנעלער דו וועסט עס באַגרייפן וועט זיין בעסער פאַר אונדז ביידן. אַ געבוקטע האָט זי אומבאַהאָלפן, אַראָפּגעלאָזט די הענט.

— דו? דו? — האָט ער זי אויסגעלאַכט און אויף איר געוויזן מיט אַ פינגער. זיינע אויגן האָבן געקוקט מיט גרינגשעצונג.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים געענטפערט וואָרט נאָך וואָרט:

— איך האָב דיך דאָ אַהערגעברענגט — און מיט פאַרבויגענע פינגער געקלאַפּט אין דער פּוטרינע. זי האָט דערמיט באַשטעטיקט אירע רייד.

ער האָט פאַרביילט די פויסטן און אויסגעשטרעקט די אָרעמס, ווי ער זאָל זיך וועלן וואַרפן אויף איר, זי שלאָגן. אירע לעצטע רייד האָבן אים דערמאָנט זיין פאַרגאַנגענהייט.

זי איז געשטאַנען און זיך אַפילו נישט אַוועקגערוקט.

— אַ—ה—ה—ה! — האָט ער אַ ריטשע געטאָן ווי אַ געפּענטעטע חיה. זיינע אויגן זענען געווען רויט, פאַרלאָפן מיט בלוט. ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין, ווי ער זאָל קרישלען שטיינער. ער האָט געכאַפּט אַ פאָרצעליי־שיסל וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש און זי אַ וואָרף געטאָן אויפן פאָל. — עה! — האָט ער אַ קרעכץ געטאָן, ווי ער זאָל זיך האָבן באַפרייט פון אַ משא און ער איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימער.

אילנה האָט זיך מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים. אירע שפּיציקע אַקסלען האָבן זיך געטרייסלט ווי אין קאָנוווּלסיע. זי האָט געוויינט אָן טרערן. מיט פאַמעלעכע טריט, ווי אַן אַלטע פרוי, וואָס שלעפּט קוים די פיס, איז זי אַוועק צום קינד.

דער שטוב־חלל איז געבליבן ליידיק נאָך זיי.

כה

פון מאָל צו מאָל האָט די ווי אויסגעווייקטע זון, אויפגעשיינט. ווען אַ וואָלקן האָט זי גובר געווען, זי איבערגעדעקט, איז אַראָפּ אַ רעגן. דאָס זענען שוין געווען די לעצטע רעגנס. דער רעגן האָט מיט אַ מאָל אַ גאָס געטאָן, אַלץ אָפּגעצוואָגן און באַלד אויפגעהערט.

ביי די עפּרוניס אין דער דירה האָט די טאָגשיין זיך כסדר געביטן. ווען דורך די פענצטער האָבן אַריינגעשיינט די זונשטראַלן איז אין די צימערן געווען העל. ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען האָט זיך אין די צימערן באַזעצט גרויקייט.

אין די ווייניק שעהן, וואָס עפּרוני האָט זיך געפונען אין שטוב, איז ער אַרומגעגאַנגען אָן אויפגעלייגטער. ער האָט געשוויגן און געטראַכט. זיין פּנים האָט געשמייכלט. דעם לעצטן נאָכמיטאָג איז ער אויפגעשטאַנען פון טיש אַ זאַטער און גענומען גיין דורך די אָפענע טירן איבער דער לענג פון דער דירה. ער איז געגאַנגען מיט די הענט פאַרלייגט פון הינטן און מיט אַ לייכטן טריט ווי ער זאָל זיך אונטערטאַנצן. גייענדיק האָט ער זיך אונטערגעברומט און פון מאָל צו מאָל אַ פייף געטאָן.

ער האָט געשפּאַנט איבער די צימערן און געשוויגן, נאָר דער אויסדרוק פון זיין פּנים האָט זיך כסדר געביטן. אַמאָל האָט ער פאַרצויגן די ליפּן ווי ער זאָל זיך וווּנדערן, ווידעראַמאָל האָט ער איבערגעלייגט אַ ליפּ איבער אַ ליפּ, ווי עפּעס זאָל אים נישט פּאַסן. אַמאָל איז זיין שטערן געווען צעקנייטשט און קליין און אַמאָל גלאַט און געגלאַנצט ווי פאַרמעט. שפּרייזנדיק האָט ער אַ קנאַק געטאָן מיט צוויי פינגער און אַ זאָג געטאָן זיך: — יאָ! ער איז געווען זיכער מיט זיך.

פאַרבייגייענדיק איז ער אַריין אין שלאָף־צימער. ער איז שטיין געבליבן אויף צעשטעלטע פיס, מיט די הענט אין די הויזן־טאַשן און זיך געשאָקלט איבערן קינדס בעטל, ווי ער זאָל דאַווענען. גליה איז רויק געשלאָפן. אַ ווײַלע שפּעטער איז ער אַריין אין עסצימער. זיין שטערן איז געווען צעקנייטשט, זיין גאָמבע אויסגעצויגן. ער איז שטיין געבליבן און זיך אַ פרעג געטאָן: — ווער פון זיי וועט זיך וועלן פאַרמעסטן מיט מיר?

אילנה וואָס האָט צונויפגענומען פון טיש די טעלער פון מיטאָג האָט אים אָנגעקוקט אַ דערשטוינטע. זי האָט פאַרלאַנגזאַמט איר אַרבעט. זי האָט געוואַרט ער זאָל רעדן. זי איז געווען זיכער, אַז אויך איצט באַשעפטיקן אים זיינע ווייבער.

ער האָט שטיל אַ זאָג געטאָן: — שלום! — און איז אַוועק צום אַרויסגאַנג.

זי האָט אים נישט געענטפערט נאָר שנעלער צונויפגעשטעלט די טעלער.

ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל, פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. פאַרקנעפּלט דעם מאַנטל האָט ער שוין אויף די טרעפּ.

ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צופרידענער. ער איז ווי געוואָרן נאָך יינגער און נאָך ענערגישער. ער האָט געוווּסט, אַז די פינאַנס־קאָמיסיע האָט זיך געוואָנדן צו דער

פאַרוואַלטונג זיי זאָלן באַשטימען צוויי באַאַמטע, וואָס זאָלן קאָנען דעצידירן ענינים. ער האָט באַשלאָסן, אַז איינער פון זיי דאַרף זיין ער.

דאָס האָט ער באַשלאָסן נאָך טעג פון אַריינטראַכטן. זיין ערשטער באַשלוס איז געווען, אַז פון איצט אָן דאַרפט ער זיך וואָס מער געפינען אין ביוראָ די באַאַמטע זאָלן אים טרעפן און זען. ער איז איצט נישט אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד. ער האָט יעדעס מאָל געקלונגען אין דער פּאַרטיי זי זאָל שיקן אַ פּאַרטרעטער אויף זיין אָרט. זיין אויסרייד איז געווען, אַז ער איז באַלייגט מיט אַרבעט און קאָן זיך נישט באַפרייען. ער האָט אויך אָפּגעשטופּט פון וואָך צו וואָך זיינע אינקאַסאָ־קאָנטראָלעס. ער האָט מיכלען אפילו נישט דערלאַנגט דעם אינקאַסאָ־מאַטעריאַל זי זאָל קאָנען צונויפשטעלן די ליסטעס.

ער איז געווען באַשעפטיקט מיט איבערצייגן די מענטשן וועלכע האָבן אים געדאַרפט העלפן באַקומען די נאָמינאַציע. ער האָט באַשלאָסן וואָס וויניקער זיך אַנגאַזשירן, נישט פאַרפּליכטן זיך פאַר קיינעם.

ער איז נישט אַוועק צו רפאלהן, ווי שטענדיק. ער האָט איר אָנגעקלונגען זי זאָל קומען צו אים. ווי נאָר זי איז אַריין צו אים און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו איר, נישט בעטנדיק זי אפילו זיצן: — רפאלה! — ווי צו יעדער אַנדערער באַאַמטער.

זיין באַנעמען זיך האָט זי באַליידיקט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַ פאַרשעמטע געוואַרט וואָס ער וועט זאָגן.

ער האָט עס באַמערקט און נישט געלאָזט זי קומען צו זיך.

— בלומענטאַל דאַרף דעצידירן ווער עס זאָל נאָמינירט ווערן אין דער פינאַנס־קאָמיסיע. דו פאַרשטייסט וואָס דאָס באַדייט? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן.

די שטילקייט אין צימער האָט ביידן אַרומגענומען. ער האָט צונויפגעצויגן די ברעמען, איינגעקוקט זיך אין איר און צוגעגעבן: — אַז איך וועל דאָרט זיצן וועט אויך דיר לייכטער זיין — האָט ער גערעדט מיט אַ טאָן פון באַפעל. ער האָט נישט געוואָלט זי זאָל אים איבערפרעגן. ער האָט אויסגעצויגן די פיס אונטערן טיש, די הענט אַרויפגעלייגט אויפן טיש און געוואַרט.

— אַוודאי — האָט זי אים פאַרזיכערט און נישט געקוקט אים אין די אויגן. זי האָט פּאַמעלעך זיך אויפגעשטעלט. זי איז נישט געווען זיכער צי זי דאַרפט עס טאָן. שטיל, פאַרשעמט, ווי אַ מיידעלע, האָט זי אים אַ זאָג געטאָן: שלום, און איז אַרויס פון צימער. זי האָט קוים אָפּגעלענט די טיר און זיך אַריינגעשלייכט צו זיך אין צימער מען זאָל זי נישט באַמערקן.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער נישט אָנקלאַפּנדיק, אָפּגעלענט די טיר און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. זעענדיק, אַז צור איז אַליין, איז ער צו אים אַריין און פאַרמאַכט די טיר. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אים אַנטקעגן און מיט די פויסטן זיך אָנגעלענט אויפן שרייבטיש.

— צור, מען דערגענצט די פינאַנס־קאָמיסיע, דו דאַרפסט אַהין אַריינפירן דיינע מענטשן — האָט ער אים אַ זאָג געטאָן אַן איבערצייגטער. ער האָט זיך

איינגעקוקט אין אים, צי ער איז מסכּים און צוגעגעבן: — דאָס בין איך, צור, הערסט?

צור וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אַן איבערגעבויגענער איבערן שרייבטיש האָט אים אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע, פאַרצעליי־אויגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ קרעכץ געטאָן: אַ—אַ—אַ—אַ און אַ זאָג געטאָן: — גיי!

— געדענק! — האָט עפרוני אים געוואָרנט און איז אַוועק.

שלום, זעמלער! גוט וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן — האָט עפרוני זיך געוואָנדן צו אים. ער האָט געוואָלט אויך מיט אים רעדן.

זעמלער האָט זיך פאַרהאַלטן און אים אָנגעקוקט. זיינע גרויע אויגן זענען געווען דורכזיכטיק. זעמלערס בליק האָט ביי אים צוגענומען די זיכערקייט.

— איך וועל מוזן די טעג אַריין מיטן אויטאָ אין גאַראַזש — האָט ער זעמלערן געזאָגט גאָר עפּעס אַנדערש.

— וועסט אַריינקומען וועלן מיר איבעררעדן די זאַך — האָט זעמלער אים געענטפערט און ער איז אַוועק ווייטער.

עפרוני האָט פאַרמרוזשעט אַן אויג, אַריינגערוקט דעם שפּיץ צונג צווישן די ציין און איז אויך אַוועק זיין וועג.

עפרוני האָט זיך אויך געקליבן רעדן מיט שמשונין אָבער נאָך דער באַגעגעניש מיט זעמלערן האָט ער באַשלאָסן, אַז ער גייט נישט צו אים. ער איז געווען זיכער, אַז שמשוני טראָגט אויף אים אַ האַס ווייל ער איז אַזוי צונויפגעלעבט מיט צורן. שמשוני מיט צורן האָבן זיך נישט פאַרטראָגן. ער איז אויך געווען זיכער, אַז שמשוני איז אויף אים בייז וואָס ער האָט זיך קיין מאָל נישט איינגעשטעלט פאַר אים אין זיין פאַרטיי. ער איז דאָך אים שולדיק געווען אַ חוב. שמשוני האָט אים דאָך געשטיצט ער זאָל באַקומען די שטעלע אַלס אינקאַסאָ־קאָנטראָלער.

אויך אין דער פאַרטיי איז ער נישט געגאַנגען בעטן. אים איז נישט אָנגעשטאַנען, אַז דער עסקן, דער גרויסער באַאַמטער, ער וואָס פאַרט אין אַ העלן, גלאַנציקן, לאַנגן אויטאָ, זאָל נאָך דאַרפן זוכן פּראָטעקציע. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט זיך אויסקעמפן דעם אַמט מיט זיינע אייגענע כּוחות.

ער האָט געטאָן אַלץ אַז זיין „איך" זאָל ווערן נאָך וויכטיקער. ער האָט געלייגט אַכט, אַז ביי יעדער טרעפונג מיט מענטשן זאָל ער אויסנעמען. מענטשן וואָס זענען געקומען צו אים מיט עפּעס אַן ענין האָט ער אויסגעהערט. זיין ענטפער איז געווען אַ שטאַר אויסגעגלאָצטער בליק, אַזוי ווי ביי צורן. ער איז איצט געגאַנגען פּאַמעלעך מיט אַ געמאָסטענעם טראָט. ער האָט געהאַלטן די הענט אויף די קני ווען ער איז געזעסן און גערעדט, אַזוי ווי בלומענטאַל. ער האָט אויפגעפּאַסט זיינע הויזן זאָלן זיין שטייף געפּרעסט. ער האָט צוויי מאָל אין טאָג געביטן די העמדער. ווי נאָר אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע שיך זענען פאַרשטויבט האָט ער באַלד אָפּגעזוכט אין גאַס אַ שוכפּוצער און געהייסן זיי אויסגלאַנצן. ער האָט זיך איצט געקעמט מיט אַ שרונט אין דער זייט, ער זאָל אויסזען עסטעטישער. נאָר

זיינע אויגן זענען איצט געווען קליין און אומרויִק, געלאָפן אַהין און צוריק אין די אויגנלעכער, ווען ער האָט גערעדט מיט מענטשן.

ער האָט אפילו אָנגעהויבן רייכערן אַ פּייקע. ער האָט אויסגעקליבן אַ לאַנגע, אויסגעבויגענע פּייקע, וואָס איז אים אַראָפּגעהאָנגען פון מויל, כדי זי זאָל אים צוגעבן פּרעסטיזש. די פּייקע איז כמעט שטענדיק געווען אויסגעלאָשן. ער האָט נישט פאַרטראָגן דעם ריח פון ניקאָטין. די פּייקע האָט ער געהאַלטן אין דער אַקטנטאַש. ער האָט זי קיין מאָל נישט אַרויסגענומען אין אילנהס אַנוועזנהייט. ער האָט איצט אויך געטראָגן געלע הענטשקעס פון חזיר־לעדער און זיך פאַרלאָזט אַן אויסראַזירט וואָנסעלע, דין ווי אַ שנירל.

אילנה איז כסדר דאַרער געוואָרן. זי האָט געליטן. זי האָט טאָג־טעגלעך איבערגעלעבט איר טראַגעדיע. זי האָט געוואָרט עפרוני זאָל זיך ענדערן און איר לעבן זאָל ווערן נאָרמאַל ווי ביי אַנדערע משפחות.

דערווייל זענען אירע אויגן געווען גרויס פון דערשיטערונג. זיי האָבן געקוקט מיט פאַרדראָס און איבל אויף אַלץ. אירע ליפּן זענען געווען דין און טרוקן. זי האָט איצט נאָך מער געליטן ווייל זי האָט געזען ווי ער פּוצט זיך און גייט אַרום אַ צופרידענער. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וואַרט אויף עפּעס. עס האָט איר געקרענקט וואָס ער דערציילט איר נישט און טיילט זיך נישט מיט איר מיט זיין פרייד.

זי האָט יעדעס מאָל געוואַרט און זיך איינגעהאָרכט צי ער קומט. אין שטוב האָט זי אים נאָכגעקוקט וואָס ער טוט. זי האָט געוואַרט נאָך און נאָך ער זאָל זיך צו איר ווענדן און פרעגן אָדער איר דערציילן.

ער האָט זיך נישט געענדערט. זי האָט אָנגענומען אַ שטעלונג, אַז עס אַרט איר נישט. זי איז ווידער ווי פריער, ווען זי האָט געהאַט צייט, געלעגן אויף דער סאָפע און געלייענט אַ בוך, אָדער ווידער אַמאָל איבערגעקוקט די בילדער אין אירע אַלטע זשורנאַלן. זי איז ווידער געזעסן אויפן דיוואַן אָנגעטאָן אין איר שטוביקן, העל־בלויען אויסדעקאָלטירטן הויזן־קאָסטיום און געהערט מוזיק פון די פּלאַטן. איר פּנים איז געווען ערנסט ווי זי זאָל הערן, אָבער זי האָט זיך געמוזט אָנשטרענגען אַז אירע נערוון זאָלן אויסהאַלטן. זי האָט זיך איצט געשמינקט, געפאַרבט זיך די ליפּן און די ברעמען און זיך געפּודערט. זי האָט אין זיין אַנוועזנהייט זיך געשפּיגלט, ווי ער זאָל נישט זיין אין שטוב.

ער האָט דערויף נישט רעאַגירט. ער האָט געוווּסט, אַז מיט איר וועט ער יעדע רגע קאָנען זיך צונויפרעדן. אים האָט איצט אינטערעסירט די פאַרשטיי־ענדיקע פאַרוואַלטונג־זיצונג. ער האָט געוואַרט ער זאָל אויפשטייגן נאָך אַ שטאַפּל אין זיין קאַריערע.

דער נאָכמיטאָג איז געווען גרוי. ביי די עפרוניס זענען נישט נאָר די מעבל־קאָנטורן געווען פאַרווישט. אויך אין די ווינקלען פון זייערע חדרים האָט געלויערט דער האַלבשאָטן. אילנה איז געזעסן אויפן דיוואַן מיט אונטערגעלייגטע אונטער זיך פיס און מיט שטאַרע אויגן געקוקט אין חלל אַריין. אַרום איר זענען געלעגן

פונאַנדערגעוואָרפן זשורנאַלן, וועלכע זי האָט פריער געבלעטערט. פלוצים האָט זי פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט דערפילט די אימה פון דער שטילקייט אַרום.

אַ צייט איז זי געזעסן פאַרשטאַרט, נישט גערירט זיך. מיט אַ מאָל האָבן אירע ליפּן זיך גענומען באַוועגן ביז זי איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל. זי האָט שווער געאָטעמט און קוים אַ פּליסטער געטאָן: — איך קאָן נישט מער. זי האָט געעפנט די אויגן, וואַנזין האָט פון זיי אַרויסגעקוקט. זי האָט אַ צעפּיר געטאָן די הענט און פונאַנדערגעוואָרפן די זשורנאַלן, ווי אַ שטורעם זאָל זיי פונאַנדערטראָגן — אוי, מאַמע! — האָט זי אַ קרעכץ געטאָן און אויסגעשטרעקט פאַרביילטע פויסטן אין דער הויך. זי איז אויפגעשפּרונגען און זיך צעוויינט אויפן קול. זי האָט נאָך אַ לאַנגער, לאַנגער צייט איצט דאָס ערשטע מאָל געוויינט.

עפרוני איז שטיין געבליבן אין דער טיר פון זיין אַרבעטס־צימער. זיינע אויגן זענען געווען אויפגעריסן, זיין פּנים אויסגעצויגן פון איבערראַשונג. ער האָט זי ס'ערשטע מאָל געזען וויינען. — דו, אילנה? — האָט ער פאַרוווּנדערט זי אַ פרעג געטאָן. ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער זאָל איר זאָגן. זי האָט אים לייד געטאָן. ער איז צו איר צוגעגאַנגען און אויף איר אויסגעגליכן איר רויטן סוועטער מיטן פאַרמאַכטן קאָלנער. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און ווי אַ קינד צוגעפירט און זי אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע. ער האָט זיך צו איר צוגעזעצט און געוואַרט.

זי האָט געוויינט שטיל. זי האָט זיך פשוט פאַר אים געשעמט אָבער אירע טרערן זענען גערונען.

ער האָט אַריבערגעלייגט זיין אָרעם איבער אירע אַקסלען און שטיל זי אַ פרעג געטאָן: — עפּעס געשען?

זי האָט אים נישט געענטפערט און זיך צעוויינט אויפן קול.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז דער גורם. ער האָט אַראָפּגענומען פון איר זיין האַנט און שטיל איר אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל זיך פאַרענטפערן:

— איך מוז מיינס דערגרייכן.

זי איז אויפגעשפּרונגען און שטיין געבליבן אַנטקעגן אים.

— מיט וועמען?! — האָט זי אַ שריי געטאָן. זי האָט נישט געהאַט קיין כוח אים זאָגן עפּעס מער. אויך איר כבוד האָט עס איר נישט דערלויבט. זי האָט אים נאָר געשפּיזט מיט אירע פון אויגן פאַרגלאָזטע מיט טרערן.

די כוחות האָבן איר פאַרלאָזט. אירע אַקסלען האָבן געציטערט. זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט ווי זי זאָל אַרויספאַלן אויף דער סאָפע. זי האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן סאָפע־אָנלען און אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ. אַ צייט האָט זי שווער געאָטעמט. אַז זי האָט זיך באַרויִקט האָט זי זיך פונאַנדערגערעדט. זי האָט גערעדט ווי אַ קינד, יעדעס וואָרט באַזונדער און שטיל.

— אָפּגעריסן פון דער וועלט און פון די אייגענע. נישט קיין עלטערן און נישט קיין באָבע־זיידע. שיקן פּעקלעך און ווילן אונדז נישט זען — זי איז געוואָרן שטיל און זיך צעהעשעט. פרישע טרערן האָבן זי אַ שטיק געטאָן. זי האָט גערעדט

צו זיך, אָבער מיט אים. די האַנט האָט איר אָנגעהויבן ווי טאָן. זי האָט זי אָפּיר־גענומען און געבליבן ווי פאַרחלשט.

— דאַרפסט זיך אויסרוען — האָט ער איר שטיל אַ זאָג געטאָן. ער האָט נישט געוואָלט זי זאָל ווידער וויינען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגענומען זי בייביידע הענט און אויך זי אויפגעשטעלט.

— קום — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן. ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און זי צוגעפירט צום שלאָפצימער.

— אמא! — האָט דאָס קינד אין דער קינדערשטייג אַ זאָג געטאָן איר.

זי איז צוגעלאָפן צום קינד מיט אויסגעשטרעקטע הענט און עס אַ נעם געטאָן צו זיך. זי האָט די טאָכטער געטוליעט צו זיך, געקושט זי און גערעדט צו איר:

— טאָכטערישע, טייערינקע, גוטע — און אַוועקגעלייגט זיך מיט איר אויפן בעט.

זי האָט זיך געטוליעט צום קינד און איינגעזאַפּט אין זיך די יאָדערדיקע פרישקייט פון קינדס יונגן קערפּערל.

ביידע זענען איינגעשלאָפן.

ווען דער פאָטער האָט פאַרמאַכט די טיר איז ער אַוועק אין גאַס. אילנה האָט געעפנט די אויגן און זיי באַלד צוריק פאַרמאַכט.

כו

עפרוני האָט איצט גערעדט ווייניק, נאָר ווען ער האָט געמוזט. אַז מען האָט אים באַגריסט האָט ער קוים געענטפערט שלום. אַ סך פון די באַאַמטע האָט ער אפילו נישט געענטפערט. די וותיקים האָט ער געענטפערט מיט אַ ווונק. ער איז מער נישט געלאָפן איבער די קאָרידאָרן ווי אַ מאָל. ער איז איז געזעסן ביי זיך אין צימער הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר. דערליידיקן עניינים איז ער געגאַנגען נאָר צו די באַאַמטע וועלכע האָבן געהערט צו דער פאַרוואַלטונג. יעדן אַנדערן באַאַמטן האָט ער געשיקט רופן אָדער אים טעלעפאָנירט ער זאָל קומען צו אים. אויך אין דער טעכנישער אָפּטיילונג איז ער מער נישט געגאַנגען. זיין סעקרעטאַרין מיכל האָט אים דאָרט אַלץ דערליידיקט.

שמאי, זיין שאָפער, האָט ער געשיקט אין שטאָט אַריין ער זאָל אים איינקויפן טאַבאַק, ראַזיר־געצייג און צייטונגען. פון מאָל צו מאָל איז ער געפאָרן מיט שמאין אין שטאָט און באַזוכט אייניקע ביכער־געשעפטן. יעדעס מאָל האָט ער געקויפט אַ בוך אָדער צוויי. די אַלע זאַכן האָט ער געהאַלטן פאַרשלאָסן אין שרייבטיש. ער האָט נישט געוואָלט עס זאָל ווער זען, אַז ער באַנוצט זיך נישט מיט די זאַכן און אַז ער לייענט נישט די ביכער. ער איז געפאָרן איינקויפן אין שטאָט ווייל אַזוי האָבן זיך געפירט די גרויסע באַאַמטע.

ער האָט איצט געהאַט מער צייט ווי פריער. ער האָט זיך כמעט נישט געטראָפן

נאָך דער אַרבעט מיט קיין מענטשן. שמאי איז אים געקומען נעמען פון שטוב. אין קאַפע איז ער געזעסן אַליין מיט דער פייקע אין מויל, מיט אַ צייטונג אין האַנט און אויפן טיש נעבן אים איז געלעגן אַ ביכל. פונקט ווי פריער איז ער אויך איצט געגאַנגען אין קינאָ אַריין, אָבער אַליין. ער האָט אויך געגעסן אין די פאַרנעמע רעסטאָראַנען, ווי עס האָבן אים באַדינט און זיך געבייגט פאַר אים די קעלנער מונדירטע אין שוואַרצן און אין ווייסע העמדער. די גאַנצע צייט וואָס ער איז אַרומגעזעסן, האָט שמאי געוואַרט אויף אים אין אויטאָ. פאַר דער צייט האָט עפרוני אים געצאָלט פון זיין טאַש.

אָבער ביי דער אַרבעט האָט ער אים אָפט יאָ געזאָגט: — שמאי, קום אין בופעט. דער בופעט איז געווען אַ גרויס ביוראָ־צימער און האָט זיך געפונען אין זעלבן הויז ווו די ביוראָען. מאיר דער בופעט־אייגנטימער, אַ נידעריקער, דאַרער ייד מיט אַ שטייפן פוס און ברייט פנים האָט געוווסט, אַז שמאי וועט קומען באַשטעלן. איידער עפרוני האָט זיך אַוועקגעזעצט האָט ער אַ זאָג געטאָן: — שמאי, אַ קאַווע מיט מילך!

שמאי האָט אים צוגעטראָגן די קאַווע און זיך צוגעזעצט צו אים. עפרוני האָט געוואָלט די באַאַמטע זאָלן זען, אַז ער טרינקט מיטן שאָפער קאַווע ביי איין טיש. אפילו באַצאָלן האָט עפרוני אים געשיקט.

זיין קליידן זיך און האַלטן זיך האָט אים געמאַכט אָנזען ביי מענטשן. די מענטשן האָבן אים אָנגעהויבן זאָגן שטיל און מיט רעספּעקט: — שלום!

ער האָט מיט געדולד געוואַרט, אַז די פאַרוואַלטונג זאָל זיך צונויפקומען. ער איז זיכער געווען, אַז ער וועט געוויילט ווערן.

אין איינעם פון די טעג האָט אים רפאלה געטראָפן אויפן וועג אין קאָרידאָר. פאַרבייגייענדיק האָט זי שנעל אַ זאָג געטאָן: — מען שטיצט דיך!

ער האָט גלייכגילטיק אַ קוועטש געטאָן מיט די אויגן ווי די ידיעה זאָל אים נישט אינטערעסירן.

זי האָט אים אויך אַ פרעג געטאָן: — פאַר וואָס זעט מען דיך נישט? — און איז אַוועק ווייטער.

זי האָט געזען און געהערט ווער עס האָט זיך פאַר אים איינגעשטעלט. צור, אַ געבוקטער איבער זיין שטעקן, איז מיט שווערע טריט, ווי ער זאָל טראָגן אויף זיך אַ משאָ, איז אַריין צו בלומענטאַלן נישט פרעגנדיק צי מען קאָן צו אים אַריין. ער איז שטיין געבליבן אין דער טיר. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין לאַנגן ציגאַרנשפּיצל און ווי ער זאָל דערמיט אָנווייזן אַ זאָג געטאָן: — עפרוני דאַרפט געוויילט ווערן!

בלומענטאַל האָט אים אָנגעקוקט איבער די ברילן אַריבער. זיינע גוטמוטיקע אויגן האָבן געשמייכלט מיט נייגער און שטוינונג.

איז געדענק! — האָט צור ווידער אַ זאָג געטאָן און איז צוריק אַוועק לאָזנדיק אָפן די טיר.

רפאלה האָט אויך געלייענט דאָס בריוול וואָס שמשוני האָט געשריבן צו בלומענטאַלן: — „עפרוני דאַרף געוויילט ווערן. ער איז אַ פאַרהעלטנישמעסיק

יונגער, אויפגייענדיקער כוח. מען דאַרף אים דערמעגלעכן ער זאָל זיך ווייזן״. שמשוני האָט געהאַט אַ סענטימענט פאַר עפרונין. אים איז געפעלן וואָס ער איז אַ פאַרטיי־טוער, שטייט אויף זיינס און האָט אַמביציעס. פון די שמועסן מיט אים האָט שמשוני אַרויסגעדרונגען, אַז ער שטאַמט פון אַן אָרעמער היים. ער האָט דאָס אַלץ אָפּגעשאַצט. זיין זון האָט נישט געוואָלט לערנען און איז געבליבן נאָר אַ שאָפער אין „דרום״. דערצו האָט אויך צור מיט אים גערעדט.

רפאלה אַליין האָט דעם טאָג פאַרהאַלטן ביי זיך דעם לעצטן געלט־באַריכט וואָס עפרוני האָט צוגעשטעלט בלומענטאַלן. ווען ער האָט געענדיקט איבערקוקן די פּאָסט איז זי צו אים אַריין.

— עפרוני האָט געבעטן איך איבערגעבן דעם באַריכט — האָט זי מיט כוונה אַ זאָג געטאָן בלומענטאַלן. שטיל האָט זי צוגעגעבן: — אַ פּעיִקער מענטש — ווי זי זאָל גאָרנישט האָבן געמיינט און זי איז אַרויס פון צימער.

זי האָט אָבער נישט געזען און נישט געהערט, אַז ווען זעמלער איז געזעסן ביי בלומענטאַלן און זיי האָבן באַהאַנדלט לויפנדיקע ענינים, האָט אים בלומענטאַל געוויזן דאָס בריוול וואָס שמשוני האָט אים צוגעשיקט וועגן עפרונין.

זעמלער איז מיט די אויגן איבערגעגאַנגען איבער די שורות און ער האָט שטיל געזאָגט: — אַ קאַריעריסט...

בלומענטאַל איז געבליבן זיצן מיט גרויסע אויגן פון איבערראַשונג. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ פרעג געטאָן זעמלערן: — וואָס נאָך?

— די באַאַמטע פאַרלאַנגען, אַז די פירמע זאָל זיי אומקערן די רייזע־הוצאות — האָט ער אים צו וויסן געטאָן.

בלומענטאַל האָט אויסגעבויגן דעם קאָפּ און אים אָנגעקוקט:

— אין קיין איין בויפירמע אין לאַנד איז נישטאָ אַזאַ זאַך — האָט ער אים געענטפערט, אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגעגעבן: — איך וועל אַ טראַכט טאָן וועגן דעם.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען.

בלומענטאַל האָט גענומען דאָס טרייבל אין האַנט אַריין און געענטפערט: — רפאלה... — זאָל ער וואַרטן, איך וועל אים אויפנעמען — ער האָט צוריק אַוועק־געלייגט דאָס טרייבל און ער האָט אַ פרעג געטאָן זעמלערן — נאָך עפּעס?

זעמלער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף איצט גיין — ניין, דערווייל דאָס אַלץ — ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: — שלום!

— שלום! שלום! זעמלער — האָט בלומענטאַל אים געענטפערט, געדריקט די האַנט און צו אים געשמייכלט.

זעמלער איז אַרויס פון צימער.

צומאָרגנס, ווי נאָר בלומענטאַל איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין לויפנדיקער אַרבעט, האָט ער געקלונגען צו עפרונין, אַז ער וויל אים זען.

— יאָ, יאָ! איך קום שוין! — האָט ער אייליק און מיט פרייד געענטפערט און זיך אַזש פאַרכליניעט.

ער איז געגאַנגען שנעל איבער די טרעפּ. ער האָט געשפּרייזט איבער דריי טרעפּ מיטאַמאָל. דעם קאָרידאָר איז ער ווי אַדורכגעלאָפן. ער איז געווען זיכער, אַז דער דירעקטאָר רופט אים אָנזאָגן די בשׂורה, אַז ער איז דער קאַנדידאַט. דאָס פאָדער־צימער, וווּ רפאלה איז געזעסן, האָט ער איבערגעשפּאַנט מיט עטלעכע טריט. נישט אומגעקוקט זיך, ווי רפאלה זאָל נישט זיין אין צימער.

ער האָט אָנגעקלאַפּט, האַסטיק געעפנט און צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר.

— שלום! הער דירעקטאָר! — האָט ער אויסגערופן הויך אויפן קול און איז שטיין געבליבן ביי דער טיר.

בלומענטאַל האָט אים נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און ווייטער געלייענט דעם דאָקומענט. ערשט אַ ווילע שפּעטער האָט ער אים אַ זאָג געטאָן: — זיצט!

עפרוני האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שפּיץ פון בענקל. פון דער באַגעגעניש, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער שמועס וועט זיין נאָר אַן אָפיציעלער.

בלומענטאַל האָט אַוועקגעלייגט דעם דאָקומענט און אים אָנגעקוקט. ער האָט געזען, אַז די אָדערן אויף עפרוניס שלייפן זענען אָנגעשוואָלן, אַז זיין פּנים איז אָנגעשטרענגט און רויט.

— עפרוני — האָט ער זיך צו אים געווענדט מיט אַ שמייכל. ער האָט געוואָלט פאַרלייכטערן די אָנגעשטרענגטע לאַגע.

— יאָ — האָט עפרוני אים געענטפערט און זיך אין אים איינגעקוקט.

— איך שעץ אייערע פעיִקייטן און פלייס, אָבער עס זענען פאַראַן מענטשן מיט אַ גרעסערן פון אייך סטאַזש — האָט בלומענטאַל שטיל און פאַמעלעך אים צו וויסן געטאָן.

— ווער?! — האָט עפרוני אים אַ פרעג געטאָן אויפן קול ווי ער זאָל רעדן מיט זיינס גלייכן און מיט דער האַנט זיך אָפּגעווישט די ליפּן.

בלומענטאַל האָט אַ שנופּ געטאָן מיט זיין שפּיציקער נאָז און נאָך שטילער אים געענטפערט, כדי אים נישט אויפרעגן:

— מירון, אונדזער הויפּט־בוכהאַלטער און פיין, דער דירעקטאָר פון דער חיפהער פיליע, — ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ ער זאָל נישט דאַרפן קוקן עפרונין אין פּנים אַריין און צוגעגעבן — איינער האָט פינאַנסיעלע דערפאַרונג, דער צווייטער בילדונג. אַן אויפגערעגטער האָט ער כסדר זיך געגלעט די האָר, ווי זיי זאָלן זיין צעשויבערט. ער האָט געוווּסט, אַז עפרוני האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

דאָס בלוט האָט עפרונין אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין. זיין פּנים און קאַרק זענען רויט געוואָרן. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון כעס און ער האָט זיך צעשריגן:

— דאָס איז מליצה מיך אָפּצופּטרן אָבער איך וועל זיך נישט לאָזן. מיין אַרבעט פאָדערט איך זאָל זיצן אין דער פינאַנס־קאָמיסיע — פּונקט ווי ער האָט זיך צעשריגן, איז ער מיטאַמאָל שטיל געבליבן. ער האָט געסאָפּעט און געפּרייכט ווי אַ צערייצטער אָקס.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך איבערגעבויגן איבערן שרײַבטיש און זיך צערעדט:

— איך ווייס, איר האָט מיך אָנגעשטעלט איך זאָל מאַכן שוואַרצע אַרבעט. אין דער קאָמיסיע דאַרפֿן זיצן די, וואָס רעדן ענגליש און לייענען דײַטשע צײַטונגען. ער האָט גערעדט הויך און שנעל און באַטאָנט יעדעס וואָרט. געוואָלט זײַנע רייד זאָלן ווי טאָן בלומענטאַלן און זיך אַליין.

בלומענטאַל האָט זיך איבערגעבויגן און זיך אָנגעלענט אין זײַן פֿאָטעל־אָנלען. די ברילן אויף זײַן דינער נאָז האָבן זיך אים אַראָפּגערוקט. ער האָט איצט געזען עפּרוני'ן ווי דורך אַ נעפּל. זײַנע וויִעס האָבן געציטערט פֿון אויפֿרעגונג. ער איז נישט געווען געוווינט צו אַזאַ אַרט רעדן. באַלד האָט ער זיך באַרויִקט. ער האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט גלײַך און אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן: — דאָס איז עס.

עפּרוני האָט זיך איבערגעבויגן. ער האָט מיט די פֿיס אָפּגערוקט פֿון אונטער זיך מיט רעש דאָס בענקל און ער איז אויפֿגעשפּרונגען. ער האָט מיט כּעס אויפֿגעפּראַלט די טיר און זי פֿאַרהאַקט הינטער זיך.

רפאלה איז געזעסן בײַ איר שרײַבטיש אַ פֿאַרגליווערטע פֿון איבעררראַשונג. זי האָט דורך דער וואַנט געהערט ווי ער שרײַט.

כז

די לופֿט איז ווידער דורכזיכטיק, דער הימל לויטער, פּיאָלעט בלוי. די זון אויפֿן הימל איז נאָך הויך, אָבער זי וואַרעמט אַלץ אונטער זיך. די קנאָספּן צעעפֿענען זיך, די גרעזער און בלעטער ווערן כּסדר גרעסער, זייער גרין רײַפֿט זיך. די פּרילינג־פּראַכט קיניגט.

עפּרוני גייט מיטן קאָפּ צווישן די אַקסלען. די פּרילינג־שיינקייט האָט אים נישט פֿאַרכאַפּט. ער גייט שנעל, ווײַל נישט זען קיין מענטשן. זײַן פּנים איז גרוי און אײַנגעפֿאַלן. צוויי לענגלעכע, דיקע פֿאַלדן טיילן זײַן פּנים און מאַכן בולט זײַן נאָז. ער שווײַגט, רעדט נישט. ער שעמט זיך פֿאַר מענטשן. ער מיינט, אַז אַלע ווייסן. ער פֿילט זיך דאָפּלט געטראָפֿן. נישט נאָר איז ער נישט געוויילט געוואָרן, מען האָט אַפֿילו נישט אַרויסגעשטעלט זײַן קאַנדידאַטור.

ער קומט צו דער אַרבעט דער ערשטער און גייט אָוועק דער לעצטער. ער וויל זיך נישט טרעפֿן מיט די באַאַמטע. ער זיצט הינטער פֿאַרמאַכטע טירן מען זאָל מיינען, אַז ער איז נישטאָ. אָפֿט אין דער פֿרי, אַז ער קומט אַרײַן אין זײַן אַרבעטס־צימער בלײַבט ער שטיין און קוקט זיך אַרום, ווי ער זאָל עפּעס זוכן. ער רוקט אַפֿילו נישט אויף די פֿאַרהאַנגען, נאָר אַזוי אין דעם שטובנגרוי זעצט ער זיך אָוועק מיט די עלנבויגנס בײַם שרײַבטיש. ער מאַכט ווידער און ווידער

דעם סך־הכל פון זיין לאַגע. די אַרבעט איז פּאַר אים איצט אַ לאַסט, ער טוט אַלץ אויטאָמאַטיש, אָן חשק.

ער זיצט. מיט אַ מאָל גיט ער זיך אַ הויב פון בענקל, ווי ער זאָל וועלן אַ לויף טאָן, אָבער ער בלייבט זיצן.

מיט נחומען זיין באַאַמטן טרעפט ער זיך נישט. ער דערמאָנט נישט זיין נאָמען, ווי ער זאָל נישט עקזיסטירן. דעם מאַטעריאַל און די אָנווייזונגען גיט ער איבער דער סעקרעטאַרין. זי ווייסט ווי צו פאַרטיילן די אַרבעט. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז נחום פאַרשפּרייט די שמועות, אַז ער פאַרשטייט נישט קיין פינאַנס־ענינים און דערפאַר איז ער נישט געווילט געוואָרן.

אַ סך מאָל האָט ער זיך קוים דערוואַרט מיכל זאָל קומען ער זאָל איר איבער־געבן די אַרבעט און ער זאָל קאָנען אַוועקפאָרן. מיט די מענטשן אין די פיליאַלן האָט ער זיך געפילט פרייער. קיינער פון זיי האָט נישט געוווּסט וועגן זיין דורכפאַל. ביי זיי איז ער ווייטער געווען דער קאָנטראָלער, וואָס קומט פון תל־אביב, אָבער אויך די אַרבעט האָט ער געטאָן אָן חשק.

זינט דעם אינצידענט מיט בלומענטאַלן איז ער מער נישט געקומען אויפן שטאָק, ווו בלומענטאַל זיצט. ער האָט זיך נישט נאָר מיט אים נישט געוואָלט טרעפן, נאָר אויך נישט געוואָלט זען רפאלהן. ער האָט זיך געשעמט פאַרביידע. בלומענטאַל האָט אים גובר געווען, רפאלה האָט אים אָפּגענאַרט. ער האָט אויך אויסגעמיטן צורן. אַז ער האָט אים דערזען פון ווייטן איז ער אַריין אין אַ הויז, אָדער געוואַרט הינטער אַ טיר ביז ער איז אַוועק.

נישט איין באַאַמטער, וואָס האָט אים אַ צייט נישט געזען, איז שטיין געבליבן הינטער זיין טיר, געוואָלט זען צי ער איז דאָ. הינטער זיין טיר איז געווען שטיל, ווי אין אַ שטוב, פון וועלכער מען האָט אַרויסגעטראָגן אַ טויטן.

די באַאַמטע האָבן אים נישט פאַרגעסן. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געלאַכט פון אים, געווען צופרידן. געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן אים באַדויערט. אין אַ פרימאָרגן איז מיכל אַריין אין דער טעכנישער אָפּטיילונג נעמען זייער פּאָסט. רינה, די דיקע פרוי, וואָס האָט צעטראָגן טיי, האָט זיך צוגעבויגן צו איר און שטיל, קיינער זאָל נישט הערן, זי אַ פרעג געטאָן:

— דיין בעל־הבית איז אַוועק?

מיכל האָט אויסגעפירט איר אַרבעט פּינקטלעך און זיך נישט געמישט אין די ענינים. זי האָט אַ הויב געטאָן די אַקסלען, פאַרקרימט דאָס פּנים און גלייכגילטיק איר אַ זאָג געטאָן: — מיין עסק?

אהובה וואָס האָט געהערט רינהס פראַגע האָט זיך אָפּגערופן: — אַ שאָד!

מיכל האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און איז אַרויס פון צימער.

אויך חוה האָט געהערט זייער געשפּרעך און געשוויגן. זי האָט ווייטער געשריבן אויף דער שרייב־מאַשין ווי עס זאָל איר נישט אָנגיין.

עטלעכע טעג שפּעטער איז אפרים, אַ הויכער, דאַרער פאַרשוין, וואָס איז

געווען באַדעקט מיט ווייסע הויטפלעקן אַריין צו עפרונין אין צימער. עפרוני האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, ווי ער זאָל אים ווען פאַרטרייבן.

אפרים האָט אונטערגעהויבן אַן אַקסל און אויסגעשטרעקט אַ האַנט, ווי ער זאָל וועלן גיין ווייטער, אָבער ער איז געבליבן שטיין: — עההה! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל געבן אַ קרעכץ. ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי ער זאָל אָנהייבן רעדן. ער האָט אַ פאַרצי געטאָן די ליפּן, ווי ער זאָל עפּעס אַראָפּשלינגען און האָט אַ זאָג געטאָן: — מי ראַבאָטשי נאַראָד (מיר דאָס אַרבעטער־פאָלק) — ווי ער זאָל קרייען. פון פאַרלעגנהייט האָט ער אַ שמייכל געטאָן און ווידער געזאָגט: — עהה!

עפרוני האָט געשטעלט אַ טריט, דערנענטערט זיך צו אים און אים אַ זאָג געטאָן אויפן קול:

— איך בין נאָך נישט געשטאָרבן, און דו שוויג! — ער האָט אים נישט געלאָזט רעדן. ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז אפרים זאָל זיך פאַרגלייכן צו אים.

אפרים איז געווען אַ טעלעפאָניסט אין דער פירמע. ער האָט קוים געקאָנט פאַרשרייבן די טעלעפאָן־נומערן. ער איז אָבער געווען איבערצייגט, אַז מען באַעוולט אים ווייל מען פירט אים נישט איבער אויף אַ גרעסערן פּאָסטן.

פון עפרוניס כעס איז אים באַפאַלן אַ פּחד. זיין פליישיקע נאָז איז רויט געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און נישט זאָגנדיק קיין וואָרט איז ער צוריק אַרויס פון צימער.

עפרוני האָט פאַרביילט די פויסטן און זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. ער איז צוגעגאַנגען און זיך אומבאַהאָלפן אַוועקגעזעצט אויפן בענקל, ווי אַ זאַק ווען ער פאַלט אַראָפּ.

ער גייט איבער די גאַסן פּאַמעלעך און פאַרטראַכט. ער איילט זיך שוין נישט. ער מוז זיך שוין נישט טרעפן מיט זיינע באַקאַנטע פרויען, אים פעלן שוין נישט יאַשאַ מיט זיינע שטאַמגעסט און די מאכלים דאָרט. ער קאָן שוין נישט איינזיצן אין די רעסטאָראַנען ווו די טישן זענען געדעקט מיט ווייסע טישטעכער און די קעלנער בייגן זיך פאַר אים. ער פילט זיך דערנידעריקט, ער איז איצט ווידער איינער פון אַ סך און נישט ווי אַמאָל איינער איבער אַ סך.

פון זינט דעם אינצידענט מיט בלומענטאַלן, איז ער נאָך נישט געווען אין קיין קינאָ, נישט אין דער שוויץ־באָד און נישט אין דער פּאַרטיי. ווען ער פאַרלאָזט דאָס ביוראָ און ער דערזעט שמאַין וואָס וואַרט אויף אים, בלייבט ער שטיין. אים דאַכט זיך, אַז דער אויטאָ איז נאָך גרעסער ווי ער איז, אַז זיין קאָליר איז צו ריושיק. ער לויפט אַריין אין דער מאַשין און פאַרקלאַפּט די טיר, ווי ער זאָל זיך אין איר באַהאַלטן. אָפט גיט ער אַ וויז דעם שאָפער מיט דער האַנט ער זאָל אַוועקפאָרן, אַז ער דאַרף אים נישט.

ער איז פאַרביטערט און שעמט זיך פאַר זיך אַליין. ער איז איבערצייגט, אַז די מענטשן האָבן זיך אויף אים אָנגעזעצט און ווילן אים אונטערברענגען. אַמאָל

האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שוועבט און קאָן נישט דערגרייכן די ערד. ווידער־אַמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז שטיין געבליבן פאַר אַ תהום. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער געפינט זיך אויף אַ הויך, פון וואַנען ער קאָן נישט אַראָפּ, אָבער אַלע מאָל איז ער געקומען צום זעלבן אויספיר: — זיי האָבן מיר אונטער־געהאַקט די פליגל, איך זאָל מער נישט פליען.

דאָס לעצטע מאָל, ווען ער איז אַריין אין שטוב, האָט ער שטיל פאַרמאַכט די טיר. ער האָט נייגעריק און דערשטוינט זיך אַרומגעקוקט, צי ער קאָן ווייטער גיין. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אויך אין זיין דירה איז ער איבעריק.

ער איז אַריין צו זיך אין אַרבעטס־צימער. ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין אַקטנ־טאַש און גענומען שפּאַנען איבער די צימערן אָן אַן אָפּרו. די ליפּן זיינע זענען געווען פאַרקלעמט, דער שטערן צעקנייטשט. ער האָט געשוויגן און נישט געקוקט אויף אילנהן. ער האָט זיך געפילט שולדיק.

זי האָט אויך געשוויגן.

ער האָט געזען, אַז דער טיש איז געדעקט, אַז ער דאַרף זיך זעצן עסן, ער האָט אָבער געוואַרט ביז זי האָט אים געזאָגט: — גיי עסן!

ער האָט געגעסן איילִיק, געוואָלט שנעל ענדיקן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אילנה קוקט אויף אים פון דער זייט ווי ער שלינגט. אַז ער האָט געענדיקט עסן האָט ער אַליין געוואָלט אַראָפּנעמען פון טיש, אָבער אַן אינערלעכער ווידערשטאַנד האָט אים נישט געלאָזט.

אויך נאָכן עסן האָט ער זיך נישט געהאַט וווּ אַהין צו טאָן. ער האָט זיך ווידער געשלייערט איבער די צימערן, ווי אַן איבעריקער. אויך די צימערן האָבן זיך אים אויסגעוויזן גרעסער ווי זיי זענען. ווען ער איז מיד געוואָרן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אָבער זיך באַלד צוריק אויפגעשטעלט און ווייטער געשפּאַנט. שפּע־טער האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע, זיך אונטערגעשפּאַרט אַ האַנט אונטערן קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגן. אַ ווײַלע שפּעטער איז ער ווידער אויפגעשטאַנען. דאָס מאָל איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט. אויך ביים פענצטער האָט ער לאַנג נישט אויסגעהאַלטן. עטלעכע מאָל איז ער אַוועק און צוריק געקומען. יעדעס מאָל האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין פאָטעל און ווידער געפּרוּווט לייענען די צייטונג. אָבער אָן דערפאָלג. ער האָט נישט געקאָנט קאָנצענטרירן די געדאַנקען. ער האָט כסדר אַוועקגעוואָרפן די צייטונג, אפילו זי נישט צונויפגעלייגט. ער האָט אויך אָנגעצונדן דעם ראַדיאָ און אים באַלד צוריק פאַרמאַכט. ער האָט נישט געהערט קיין טענער און נישט קיין מעלאָדיעס, נאָר קולות וואָס האָבן אים געגרילצט אין די אויערן.

ער איז געווען נערוועז און אומגעדולדיק. אַ קלאַפּ פון אַ פאַרמאַכטער טיר האָט אים אויפגעטרייסלט.

יעדעס מאָל ווען אילנה איז אים אַנטקעגנגעקומען, איז ער שטיין געבליבן ווי ער זאָל זיך האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ שטערונג.

זי האָט געזען, אַז ער איז פאַרביטערט און קעמפט מיט זיך. זי האָט געליטן,

אָבער עס האָט איר אויך געאַרט, וואָס איר מאַן ליידט. זי פילט אים מיט. זי האָט געוואָלט אים העלפן, אָבער נישט געקאָנט עס ביי זיך פועלן. זי לעבט איצט איבער די אייגענע בושה פון דער גאַנצער צייט און זיין דערנידערונג. זי האָט מיטלייד מיט אים, אָבער אויך נקמה. זי קאָן אים נישט פאַרגעסן די עוולה וואָס ער איז באַגאַנגען כלפּי איר, דער מוטער פון זיין טאָכטער. זי רעדט מיט אים נאָר דאָס נויטיקע. זי וואַרט ער זאָל זיך צו איר ווענדן, איר דערציילן.

די נאַכט וואָס איז צוגעפאַלן איז געווען אַ פינצטערע. דער שאָרך פון די צעוויגטע ביימער־בלעטער איז דערגאַנגען צו עפּרונין דורך דער אָפענער באַלקאָנ־טיר. ער איז שטיין געבליבן און פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט געוואָלט פילן די שטילקייט און הערן דעם שאָרך. — אהה! — האָט ער יִיאושדיק אָפּגעזיפצט.

אילנה וואָס האָט גראָד איבערגעטאָן דאָס קינד צום שלאָפן איז אַרויס אַ דערשראָקענע פון שלאָפצימער מיטן קינד אויף דער האַנט. זי האָט געהערט זיין זיפץ.

ער איז געשטאַנען און זיך געביסן די נעגל פון כעס.

— הער אויף! — האָט זי שטיל אים געבעטן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט. אַ פאַרשעמטער איז ער צוגעגאַנגען צו איר. ער האָט זיך איבערגעבויגן און זיך איינגעקוקט אין קינד.

דאָס קינד האָט אַ לאַך געטאָן.

ער האָט זיך צוגעבויגן צום קינדס פּנים און אים אַ קוש געטאָן.

צוויי גרויסע לויטערע טרערן האָבן איבערגעדעקט אילנהס אויגן. אירע ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, אים אָנגעקוקט. זי האָט געוואָלט אויסשטרעקן די האַנט, אים אַ גלעט טאָן אָבער נישט געקאָנט.

ער האָט זיך צוריק אויסגעגליכן און איז שטיין געבליבן אַ פאַרשטאַרטער.

זי האָט זיך אין אים איינגעקוקט, געזען זיין צעשויבערטע טשופּרינע און זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן. זי האָט צו זיך צוגעטוליעט דאָס קינד און איז דערמיט צוריק אַוועק אין שלאָפצימער.

שפּעטער איז זי צוריקגעקומען אָן קינד. זי איז אַריבער די שוועל און איז שטיין געבליבן.

ער איז געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן און דעם קאָפּ געהאַלטן אין די הענט.

פּאַמעלעך, ווי זי זאָל מורא האָבן, אַז זי וועט אים איבערשרעקן, איז זי צוגע־גאַנגען צו אים און אים אָנגענומען ביים עלנבויגן.

ער האָט זי אָנגעקוקט, ווי ער זאָל וועלן וויסן ווער זי איז.

זי האָט אים צוגעפירט און אַוועקגעזעצט אין עק אויף דער סאָפע און זי נעבן אים.

אין שטוב איז געווען שטיל. ביידע האָבן געהערט ווי די שטילקייט זעצט זיך און קלאַמערט זיי אַרום. זיי האָבן געוואָלט שרייען.

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער סאָפע, ווי ער זאָל וועלן אַוועקלויפן.

— ווּ אַהין? — האָט זי שטיל אים אַ פרעג געטאָן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אָנגעשטרענגט געאָטעמט. איר ערשטע פראַגע איז איר שווער אָנגעקומען.

ער איז געבליבן זיצן. ער האָט זיך נאָר איבערגעבויגן און אַרויפגעשטעלט די עלנבויגנס אויף די קני, אונטערגעשפּאַרט זיך מיט זיי דעם קאָפּ. זיינע אויגן זענען געווען פאַרגלייזט.

— רעד! נישט נאָר מיר נאָר אויך דיר וועט גרינגער ווערן — האָט זי אים געזאָגט. איר קול איז געווען דיק און טרוקן. אירע מידע אויגן־לעפלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט.

ער איז אויפגעשפּרונגען און שטיין געבליבן איר אַנטקעגן.

— זיי ווילן איך זאָל בלייבן דער גרויער באַאַמטער — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל איר פאַרטרויען דעם סוד. — אַהה! — האָט ער אָפּגעזיפצט, ווי ער זאָל האָבן אויף זיך אַ משׂא. ערשט איצט איז אים גרינגער געוואָרן אויפן געמיט. ער האָט פאַרביילט די פויסטן און מלא כעס דערציילט: — געווען אַ מעגלעכקייט איך זאָל געווילט ווערן און נישט בלייבן נאָר אַן אָנגעשטעלטער אויף געהאַלט. דערצו האָט מיין גאַנצע מי און פּראַצע נישט געסטאַיעט. מען דאַרף האָבן געדולד און דערפאַרונג. די נאָמינירונג קומט לויטן סטאַזש, טענהן זיי. זיי ווילן איך זאָל וואַרטן ביז מיין רוקן וועט ווערן קרום און איך וועל שוין שלעפּן די פיס. ער האָט גערעדט לאַנגזאַם מיט פאַרביטערונג. ער אַליין האָט געוואָלט זיך הערן, זיך איבערצייגן.

זי האָט אים נישט געשטערט, געלאָזט אים רעדן. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט, נקמה האָט פון זיי אַרויסגעקוקט. אַ קוים מערקבאַרער שמייכל איז געלעגן אַרום זיי. זי האָט אָבער נישט געקאָנט זען זיין אויסגעצויגן, דאַר פּנים, זיינע צוויי טיפע, לענגלעכע באַקן־פאַלדן, זיין צעקנייטשטן שטערן און מידע אויגן.

— ביסט מיט זיי נישט געשטאַנען אונטער איין חופּה, נאָר מיט מיר — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן מיט גאווה און צוריקגעהאַלטן.

ער האָט אויף אירע רייד נישט רעאַגירט. ער האָט נאָר פאַרמרוזשעט די אויגן און זיין שטערן איז נאָך מער צעקנייטשט געוואָרן.

זי האָט שוין נישט געהערשט איבער זיך. אירע געפילן האָבן גובר געווען. איר האָט וויי געטאָן וואָס ער ליידט.

— פאַראַן נאָך שטעלעס. דו ביסט נישט עלנט, האָסט אַ משפּחה — האָט זי אים געטרייסט און האָט אים לייכט אַ צי געטאָן ביי דער האַנט.

ער איז געווען מיד און דערשלאָגן. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר. ער האָט זיך אָנגעלענט אינעם סאָפע־אָנלען, האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צו דער סטעלע און גערעדט ווייטער:

— זיי האָבן מיך באַעוולט. דאָ אין לאַנד דו זאָלסט צו עפּעס צוקומען מוזסטו זיין אַ „יעקע" אָדער אַ „וותיק" פון רוסלאַנד. אויך איצט האָט ער גערעדט פאַמעלעך. ער האָט געקוקט אַרויף אָבער גערעדט צו איר. אויך ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן, געמוזט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, איר אַלץ דערציילן.

— אויך דו שטאַמסט פון רוסלאַנד — האָט זי אים געזאָגט, ווי זי זאָל אים רייצן.

ער האָט אויסגעדרייט זיין ליגנדיקן קאָפּ צו איר. זיין בליק איז געווען שטאַר.

— פאַרגלייכסט מיך צו זיי? — האָט ער דערשטוינט אַ שטאַמל געטאָן.

זי האָט פאַרשטאַנען זיין „פּחד", זיין אָפּשטאַם, אָבער איר האָט עס הנאה געטאָן. זי האָט געוואָלט אים ווי טאָן, כאָטש זי האָט געהאַט מיט אים מיטלייד.

— נישט וויכטיק וואָר פון וואַנען איז געקומען. וויכטיק איז דער מענטש, זיין בילדונג און קולטור — האָט זי אים געענטפערט. זי האָט גערעדט בנעימותדיק און געלאָסן ווי זי זאָל אים אויסרעדן. זי האָט דווקא געוואָלט ער זאָל פאַרשטיין וואָס זי מיינט.

ער האָט טאַקע פאַרשטאַנען. ער איז האַסטיק אויפגעשטאַנען ווי ער זאָל האָבן פרישע כוחות. ער איז ווידער שטיין געבליבן איר אַנטקעגן און געקוקט צו איר אַראָפּ.

— איך בין דיין מאַן — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

זי האָט אויפגעהויבן צו אים די אויגן, געוואָלט פאַרשטיין וואָס ער מיינט. איר פּנים איז געווען אָפּגעצויגן און גרין.

ער האָט פאַרביסן די ציין. זיינע קינבאַקן זענען געוואָרן בולט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך ביי איר דערנידעריקט.

— אין אַלעם ביסטו שולדיק — האָט ער זיך צעשריגן. ער האָט געוואָלט זי באַליידיקן און דערנידעריקן.

זי איז אויפגעשטאַנען און געוואָלט אַוועקלויפן. אירע אויגן האָבן געגליט מיט שׂנאה.

ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געמורמלט: — איך בין שולדיק — ער האָט זי אָפּגעלאָזט און פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט אויסגעשטרעקט די ברוסט און אין איר געקלאַפּט מיט פאַרביילטע פויסטן.

זי האָט אים נישט געשטערט.

נאָך יעדן קלאַפּ וואָס ער האָט זיך געגעבן, איז ער געוואָרן שוואַכער. מיט אַ מאָל האָט ער אַראָפּגעלאָזט די הענט. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און געקריצט מיט די ציין.

זי האָט זיך דערשראָקן. זי האָט געוואָלט צוגיין צו אים, אים אַרומנעמען און באַרויִקן. זי האָט אים נאָר אַ זאָג געטאָן: — אַלע ווייבער האָבן דיך נאָר אויסגענוצט. איך איינע בין דיר געבליבן טריי — זי האָט זיך צעהעשעט. טרערן האָבן איר געשטיקט.

זיין קאָפּ איז הענגען געבליבן, ווי דער נאַקן זיינער זאָל זיך האָבן איינגעבראָכן. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט און איז ווי קלענער געוואָרן. אַלע זיינע מוסקולן אין פּנים האָבן געציטערט.

זי האָט נישט געוווּסט, צי ער וויל וויינען אָדער רעדן. זי האָט אַוועקגעדרייט

דעם קאָפּ, נישט געוואָלט אים זען אין דעם מצב. זי האָט אָבער אים אַ זאָג געטאָן מיט סאַרקאַזם:

— דו ביסט נישט קיין מאַן און נישט קיין טאַטע און ווילסט זיין אַ מנהיג.

זי האָט יעדעס וואָרט באַטאָנט און אָפּגעוואָרט פון איין וואָרט צום אַנדערן. זי האָט אים געשטראָפט און געפייערט איר נצחון. זי האָט גערעדט און זיך באַפרייט פון איר לאַנג אָנגעקליבענעם ווייטאָג.

ער האָט געקוקט אויף איר מיט זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן. ער האָט געוואָלט רעדן, אָבער זיינע ליפּן האָבן געציטערט. ער האָט איר נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. אירע שלייפן האָבן איר געהעמערט. זי האָט געפילט איר קאָפּ, ווי אַ לאַסט זאָל אויף אים ליגן. זי האָט צוריק געעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. דער אַרום האָט איר דערמאָנט ווו זי געפינט זיך און ווער זי איז. די קניען האָבן זיך אונטער איר געבראָכן. זי האָט זיך אָנגעלענט אין דער וואַנט און אַ זאָג געטאָן צו זיך, ער זאָל הערן, ווי זי זאָל פליסטערן: — אַנטלאָפן פון זיך, פון דאָרף ווו איך בין געבוירן, פון די מענטשן מיט וועלכע איך בין געוואַקסן. — זי האָט זיך קלאָר געמאַכט איר איצטיקע לאַגע און איר פאַרגאַנגענהייט. זי האָט אים געזען דורך טרערן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט אַראָפּפאַלן פון אירע אויגן.

ער האָט געהערט וואָס זי האָט געזאָגט, אָבער נישט פאַרשטאַנען וואָס זי וויל.

— מיר וועלן צופאָרן צו די עלטערן — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן אַנטשלאָסן. איר שטימע האָט געציטערט.

— יאָ — האָט ער אַ קרעכץ געטאָן ווי אַן אַלטער ייד. זיין קאָפּ איז ליגן געבליבן צווישן די אַקסלען.

— קום שלאָפן — האָט זי גוטמוטיק אים אַ זאָג געטאָן און גענומען גיין פּאַמעלעך.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען, ווי ער זאָל שלעפּן די פיס. די הענט זיינע זענען אים אַראָפּגעהאָנגען ווי איבעריק. מען האָט נאָר געהערט זיין שווערן אָטעם ווי אַ בלאָזזאַק זאָל אַרבעטן.

ביי דער טיר איז ער שטיין געבליבן.

ווען ער איז אַריבער די שוועל, זי פאַרבייגעגאַנגען האָט זי אויסגעלאָשן די ליכט און איז אַריין צו אים אין שלאָפצימער.

אינהאַלט :

9 ביז דעם לעצטן

132 אויפן ראַנד פון מדבר

192 דער שטאָלצן־גייער